בעזרת השם יתברך

ספר

# מדרש רבה

# בראשית

## עם פירוש הישן נושן הרב בעל מתנות כהונה ועם העתקה עברי טייטש

המפרש ומבאר דברי המדרש בלשון קל ובקיצור נמרץ למען יבינו הצמאים ומשתוקקים לדברי חז״ל פירושם הנפלא בקדש קדשים על חמשה חומשי תורה וחמש מגילות

**נעתק על ידי ה״ר יוסף מאיר יעב״ץ, מעתיק המשניות ועין יעקב עברי טייטש.**

**הוצאת אמונה**

ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

ב"ה

ספר

# מדרש רבה

פרשת

# בראשית

בלשון הקודש

ואידיש

**311**

הוצאת אמונה

ברוקלין נוא יארק,

שנת תשמ"ו לפ"ק

# בראשית

(א) **רבי** הושעיא רבה פתח (משלי ח) ואהיה אצלו אמון ואהיה שעשועים יום יום וגו׳. אמון (ה) פרגוג. אמון מכוסה. אמון מוצנע. ואית דאמרי אמון (ב) רבתא. אמון פרגוג. היך מה דאת אמר (במדבר יא) כאשר ישא האומן את היונק. אמון מכוסה. המד"א (איכה ד) (ג) האמונים עלי תולע וגו׳. אמון מוצנע. המד"א (אסתר ב) ויהי (ד) אומן את הדסה. אמון רבתא. כמד דתימא (נחום ג) התיטבי מנא אמון. ומתרגמי׳ האת טבא

## מתנות כהונה

(ה) **פרגוג** אומן כמגדל תינוקות: (ב) רבתא. גדול המלובשים והמכוסים בבגדי משי: (ד) אומן את הדסה. פי׳ והשיב לשון שררה: (ג) האמונים. פי׳ מרדכי היה מגדל אותה מפני שלותי האתורוש כדאי׳ במסכת

---

(א) רבי הושעיא רבה פתח. רבי הושעיא ווען ער האט געוואלט דרשנן די פסוקים פון די תורה וואס דער ציילען אז גאט האט בשאפן די וועלט (אזוי ווי עס שטייט בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ). האט ער פריער גידרשנט דעם פסוק וואס שלמה המלך האט גיזאגט אין דעם נאמען פון די תורה. אז די תורה האט גיזאגט ואהיה אצלו אמון ואהיה שעשועים יום יום. איך בין גיוועזן ביי גאט אמון אונ ער האט זיך מיט מיר גיפרייט אלע טאג. אדער מען מיינט יום יום צוויי טעג (דאס איז צוויי טויזענד יאהר. ווארום ביי גאט איז טויזענד יאהר א טאג. אונ די תורה איז בשאפן גיווארין צוויי טויזענד יאהר פריער ווי די וועלט איז בשאפן גיווארין). וואס איז דער טייטש אמון. אמון מיינט מען פדגוג אונ מכוסה אונ מוצנע. ווארום דיא תורה איז איין גיטיילט אין דריי טייל. מצות חקים משפטים. משפטים ווערין גירופין פדגוג. ווארום די משפטים לערנען דעם מענטש ווי אזוי ער זאל לעבין אויף דער וועלט אונ זיי פירען אים אין גוטען וועג. אזוי ווי דער וואס אדעוועט א קינד (ניינעם אדער אפער עמדען) לערונט אים אונ פירט אים אין גוטען וועג. פדגוג איז טייטש אדערציהער. מצות ווערין גירופין מכוסה. בדעקט. ווייל פיל מצות זענען די טעמים זייערע בדעקט. מען ווייס ניט וואס זייער טעם איז. נאר אז מען מאטערט זיך קען מען וויסען. אזוי ווי מען קען אויף דעקין וואס צו גידעקט איז. חקים ווערין גירופין מוצנע. בעהאלטין. אזוי ווי אבעהאלטענע זאך קען מען ניט געפינען. סיידין דער וואס האט בעהאלטין זאגט ווא דאס ליגט. אזוי קען מען ניט אליין וויסען די טעמים פון די חקים סיידין גאט זאגט אים (אזוי ווי עס שטייט אין פסוק סוד ה׳ ליראיו). אנדערע זאגין אמון מיינט מען גרויס. די תורה איז גרויס אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים. די מאס פון די תורה איז לייננגער ווי די ערד אונ זיא איז ברייטער ווי דער ים. אדער מען מיינט די תורה איז גרעסער אונ מערער פון אלע זאכין וואס עס איז דא אין הימעל. פון וואנען ווייסין מיר אז אמון איז דער טייטש פדגוג "אדערציהער". אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כאשר ישא האומן את היונק "אזוי ווי דער דערציהער טראגט דאס קינד". פון וואנען ווייסין מיר אז אמון איז דער טייטש מכוסה. "בדעקט". אזוי ווי עס שטייט אין פסוק האמונים עלי תולע. די וואס זענען גיוועזן בדעקט מיט זיידענציינ. פון וואנען ווייסין מיר אז אמון איז דער טייטש מוצנע "בעהאלטין" אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ויהי אומן את הדסה "מרדכי האט בעהאלטין די הדסה דאס איז אסתר". פון וואנען ווייסין מיר אז אמון איז דער טייטש רבתא "גרויס". אזוי ווי עס שטייט אין פסוק התיטבי מנא אמון. זאגט דער תרגום ביזטו דען בעסער פון די גרויסע

טבא (כ) מאלכסנדריא רבתא דיתבא בין נהרתא: (ב) ד"א אמון, אומן. התורה אומרת אני הייתי כלי אומנתו של הקב"ה. בנוהג שבעולם מלך ב"ו בונה פלטין אינו בונה אותה מדעת עצמו אלא מדעת אומן. והאומן אינו בונה אותה מדעת עצמו. אלא (ו) דיפתראות ופינקסאות יש לו. לדעת היאך הוא עושה חדרים. היאך הוא עושה (ז) פשפשין. כך היה הקב"ה מביט בתורה ובורא את העולם. (ח) והתורה אמרה בראשית ברא אלהים. ואין ראשית אלא תורה. המד"א (משלי ח) ה' קנני ראשית דרכו: (ג) רבי יהושע דסכנין בשם ר' לוי פתח (תהלים קיא) כח מעשיו הגיד לעמו וגו'. מה טעם גלה הקב"ה לישראל מה שנברא ביום הראשון ומה שנברא ביום השני מפני או"ה שלא יהו מונין את ישראל ואומרין להם הלא אומה של בוזזים אתם וישראל משיבין אותן ואומרין להם ואתם הלא בוזזה

## מתנות כהונה

תגילה: (כ) מאלכסנדריא רבתא. גדולה וחשובה דמרבי בה קלף דלא קמיט ומאויירים עליו צורות שונות של בגדים: מלכי כמו שפירש"י שם: (ו) דיפתראות כו'. פי' יריעה של (ז) פשפשים. חדרים קטנים: (ח) והתורה אמרה בראשית.

שטאט אלכסנדריא וואס זיא זיצט צווישען די טייכין. אונ די שטאט אלכסנדריא איז געוועזן גרויס אין די לענג אונ אין די ברייט אונ זיא איז געוועזן גרויס מיט גרויסע לייט. ווען מיר אז נא מיינט מען די שטאט אלכסנדריא. אונ אמון איז דער טייטש גרויס: (ב) (דבר אחר) אמון אנדערע זאגין אמון איז דער טייטש אומן (מייסטערשאפט) די תורה זאגט איך בין געוועזן די מייסטער כלים (געצייג) פון גאט. מיט מיר האט גאט בשאפין די וועלט. דער מנהג פון דער וועלט איז אז א מלך וויל באהען א פאלאסט פארשטייט ער ניט אליין ווי צו באהען. נאר ער פרעגט א באה מייסטער. אונ דער באהמייסטער באהט ניט די הויז מיט זיין אייגענעם פארשטאנד. נאר ער האט ביכער וואס אויף זיי איז געריסעוועט אונ געצייכנט הייזער מיט צימערין. אונ דער באהמייסטער קוקט אין דעם בוך ווייס ער ווי אזוי צו באהען דאס הויז מיט איהרע גרויסע אונ קליינע צימערין. אזוי די תורה איז אויך דער ריסונעק פון די וועלט אונ לויט די תורה אזוי האט גאט בשאפין די וועלט. אונ די תורה זאגט בראשית ברא אלהים. מיט מיר וואס איך הייס ראשית (דער הויפט). האט גאט בשאפין די הימעל אונ די ערד. פון וואנען ווייסן מיר אז די תורה הייסט ראשית. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די תורה זאגט ה' קנני ראשית דרכו. די ערשטע וועג פון גאט איז געוועזן וואס ער האט מיך גיקויפט. מיך האט גאט בשאפין פריער פאר די גאנצע וועלט. אונ דורך מיר האט ער די וועלט בשאפין: (ג) רבי יהושע פון סכנין האט גיזאגט רבי לוי האט אנגיהויבן צו דרשנן די תורה מיט דעם פסוק דוד המלך האט גיזאגט כח מעשיו הגיד לעמו. גאט האט ערציילט צו זיין פאלק דעם קראפט פון זיינע מעשים. צו וואס האט גאט דער ציילט אין די תורה וואס דעם ערשטין טאג איז בשאפין גיווארין אונ וואס דעם אנדערין טאג איז בשאפין גיווארין (אונ אזוי אלע טעג) ווייל גאט האט גיוואוסט אז די יודין וועלין ארויס גיין פון מצרים וועלין זיי ארויס טרייבין די זיבען פעלקער פון דעם לאנד כנען אונ זיי וועלין זיך בזעצין אין דעם לאנד. טאמער וועלין אמאהל די פעלקער זאגין צו די יודין איר זענט גזלנים. איר האט אוועק גינומען אונזער לאנד. וועלין די יודין זיי ענטפערין דאס לאנד כנען איז דאך ביי אייך אויך גיגזלת. וואורום עס שטייט אין פסוק די כפתורים וואס זענען פון אינזעל כפתור האבין פאר יאגט די פלשתים אונ האבין אוועק גינומען זייער לאנד אונ האבין זיך בזעצט אין איר. אונ אז די יודין זענען גיקומען אפ געמען דאס לאנד האבין זיי איר גינומען פון די כפתורים. ניט פון די פלשתים קענען דאך די יודין זאגין צו די כפתורים ווי אזוי קומט די לאנד צו אייך. איר האט דאך דאס לאנד גגזלת פון די פלשתים. געוויס וועט איר מוזין ענטפערין די גאנצע וועלט גיהער צו גאט ווייל ער האט זיא בשאפין. האט גאט פריער גיגעבין דאס לאנד צו די פלשתים. דער נאך האט ער זיא אוועק גינומען פון די פלשתים אונ האט זיא גיגעבין צו אונז. מיר זאגין אויך אזוי ווען גאט האט גיוואלט האט ער גיגעבין דאס לאנד צו אייך אונ אז ער האט גיוואלט האט ער אוועק גינומען דאס לאנד פון אייך אונ האט זי גיגעבין צו אונז.

בזוזה היא בידכם הלא (דברים ב׳) הכפתורים היוצאים מכפתור השמידום וישבו תחתם. העולם ומלואו של הקב״ה כשרצה נתנה לכם. וכשרצה נטלה מכם ונתנה לנו. (ט) הה״ד (תלים קיא) לתת להם נחלת גוים וגו׳ הגיד להם את כל הדורות: (ד) בראשית ברא אלהים. ר׳ תנחומא פתח (שם פו) כי גדול אתה ועושה נפלאות. א״ר תנחום הנוד הזה אם יהיה בו נקב כחודה של מחט כל רוחו יוצאה ממנו. והאדם עשוי (י) מחילים מחילים. נקבים נקבים. ואין רוחו יוצאה ממנו. מי יעשה כן. אתה אלהים לבדך. (ד) אימתי נבראו המלאכים. ר׳ יוחנן אמר בב׳ נבראו המלאכים הה״ד (שם קד) (יא) המקרה במים עליותיו וגו׳. וכתיב (שם) עושה מלאכיו רוחות. ר׳ חנינא אמר בה׳ נבראו המלאכים הה״ד ועוף יעופף על הארץ וגו׳. וכתיב (ישעיה ו) ובשתים יעופף. ר׳ לוליאני בר טברין אמר בשם ר׳ יצחק בין על דעתיה דר׳ חנינא בין על דעתיה דר׳ יוחנן הכל מודים (יב) שלא נברא ביום

## מתנות כהונה

עם האשה: (ט) הה״ד לתת כו׳. פי׳ כדי לתת להם הארץ בלי ערעור הגיד להם כל הדורות והקורות להם: (י) מחילים מחילים. חלולים חלולים: (יא) המקרה במים. וזה היתה מלאכתו ביום ב׳ וסיפא דקרא עושה מלאכיו רוחות משרתיו אש לוהט: (יב) שלא נברא ביום א׳ כלום. פי׳ מן המלאכים:

---

אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ווייל גאט האט געוואלט געבין צו די יודין די לענדער פון די פעלקער אונ ער הט געוואלט אז די פעלקער זאלין ניט קענען רופין די ישראל גזלנים. דריבער האט ער דערציילט אין די תורה אז ער האט בשאפין די וועלט. אונ אליך וואס עס האט געטראפין מיט די פעלקער פון דעם טאג ווען די וועלט איז בשאפין געווארין ווי פריער שטייט: (ד) (בראשית ברא אלהים). רבי תנחומא הט אנגיהויבין צו דרשנן די תורה מיט דעם פסוק. דוד המלך הט גיזאגט צו גאט דו ביזט גרויס אונ טוהסט וואנדער. וואס זענען די וואנדער זאגט רבי תנחומא אויב מען וועט אין אלאגיל (אפענבארז) מאכין אלעכיל ווי א שפיץ פון א נאדיל וועט ארויס גיין פון דעם לאגיל דער גאנצער לופט. אונ דער מענטש איז אויך אנגיבלאזין פול מיט לופט אונ ער איז גימאכט מיט פיל לעכער אונ דער לופט גייט ניט ארויס פון אים. ווער קען עס אזוי מאכין, נאר גאט אליין: (ד) (אימתי). ווען זענען בעשאפין געווארין די מלאכים. רבי יוחנן זאגט מאנטאג זענען בעשאפין געווארין מלאכים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ער האט גימאכט אבוידים אין וואסער (ער האט פארשפרייט די הימלען אין מיטען וואסער). אונ דאס איז גימאכט געווארין מאנטאג. דער נאך שטייט אין פסוק ער הט בעשאפין די מלאכים פון ווינט פון פייער. רבי חנינא זאגט דאנערשטאג זענען בשאפין געווארין מלאכים אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דאנערשטאג איז בשאפין געווארין ועוף יעופף על הארץ. אונ עס שטייט אין פסוק ביי מלאכים בשתים יעופף. זעהן מיר אז יעופף מיינט מען מלאכים. זאגט דער פסוק ועוף יעופף על הארץ. גאט הט בשאפין דאנערשטאג מלאכים וואס זאלין קענען פליהען אויף די ערד (אויב מען וועט זיי שיקען). רבי לוליאני בר טברין זאגט פון רבי יצחק ס ווענין סיי ווי רבי חנינא זאגט אז דאנערשטאג זענען בשאפין געווארין מלאכים אונ סיי ווי רבי יוחנן זאגט אז מאנטאג זענען בשאפין געווארין מלאכים. אבער דאס זאגין אלע אז דעם ערשטין טאג (זונטאג) זענען די מלאכים ניט בשאפין געווארין. ווארום אז די מלאכים וואלטין בשאפין געווארין באלד דעם ערשטין טאג וואלטין די אפיקורסים זאגין אז די מלאכים האבין גיהאלפין אוים שפרייטין דעם הימעל. דער מלאך מיכאל האט אוים גישפרייט דעם הימעל אין דרום זייט אונ דער מלאך גבריאל הט אוים גישפרייט דעם הימעל אין צפון זייט אונ גאט הט אוים גיגלייכט דעם הימעל אין מיטען. אבער אז דעם ערשטין טאג איז קיינער נישט גיוועזין נאר גאט אליין דריבער זאגט גאט איך האב גיטאהן אליך. איך אליין האב אוים גישפרייט דעם הימעל. ווארום ווער איז מיט מיר גיוועזין. ווער איז דען גיוועזין א שותף מיט מיר אין די וועלט בשאפונג. דבר אחר. נאך אזאך קען מען זאגין אויף דעם פסוק כי גדול אתה ועושה נפלאות (דו ביזט גרויס אונ טוהסט וואנדער) דער מנהג פון דער וועלט איז דער מלך

ביום ראשון כלום. שלא יאמרו מיכאל היה מותח בדרומו של רקיע. וגבריאל בצפונו. והקב"ה (יג) ממדד באמצעו. אלא (ישעיה מד) אנכי ה' עושה כל נוטה שמים לבדי וגו' מאתי. מי אתי כתיב מי היה שותף עמי בברייתו של עולם. ד"א (תהלים פו) כי גדול אתה ועושה נפלאות, בנוהג שבעולם מלך ב"ו מתקלס במדינה. וגדולי המדינה מתקלסין עמו שנושאין עמו במשאו. אבל הקב"ה אינו כן. אלא הוא לבדו ברא את העולם. הוא לבדו מתקלס בעולמו. הוא לבדו מתהדר בעולמו. א"ר תנחומא כי גדול אתה ועושה נפלאות. למה כי אתה אלהים לבדך. אתה לבדך בראת את העולם: (ה) בראשית ברא אלהים. ששה דברים קדמו לבריית העולם. יש מהן שנבראו. ויש מהן שעלו במחשבה להבראות. התורה והכסא כבוד נבראו. תורה מנין שנא' (משלי ח) ה' קנני ראשית דרכו. כסא הכבוד מנין דכתיב (תהלים צג) נכון כסאך מאז וגו'. האבות וישראל ובהמ"ק ושמו של משיח עלו במחשבה להבראות. האבות מנין שנא' (הושע ט) כענבים

## מתנות כהונה

(יג) ממדד. פי' מיישר ומותח באמצע עד כדי שיעור שמותחים מיכאל וגבריאל בצפון ודרום וכוא לשון מדידה:

בעריממ זיך מיט זיין מדינה. וואס פאר אשיינע מדינה ער האט. אונ די גרויסע לייט פון די מדינה בערימען זיך מיט דעם מלך וואס פאר אגוטען מלך זיי האבין. ווייל די מענטשין פון די מדינה העלפין דעם מלך ער זאל קענען פירען זיין מלוכה. אבער גאט איז ניט אזוי. ער אליין האט בשאפין די וועלט. אונ ער אליין ווערט גילויבט אין דער וועלט. ער דארף ניט מען זאל אים לויבין. ער אליין איז בשיינט אין דער וועלט. ער דארף ניט מען זאל אים בשיינען. רבי תנחומא הט גיזאגט עס שטייט אין פסוק דו ביזט גרויס אונ טוהסט וואנדער. פאר וואס. ווייל נאר דו אליין ביזט אגאט. דו אליין האסט בשאפין די וועלט: (ה) (בראשית). צו ערשט האט גאט בשאפין דיא הימעל אונ דיא ערד. זעקס זאכין זענען גיוועזן פריער איידער די וועלט איז בשאפין גיווארין. עטליכע פון דיא זעקס זענען טאקע בשאפין גיווארין איידער די וועלט איז בשאפין גיווארין. אונ עטליכע האט גאט גיטראכט אויף זיי איידער די וועלט איז בשאפין גיווארין אז ער וועט בשאפין די וועלט וועט ער זיי אויך בשאפין. די תורה אונ דער כסא הכבוד זענען בשאפין גיווארין איידער די וועלט איז בשאפין גיווארין. פון וואנען ווייסין מיר אז די תורה איז בשאפין גיווארין איידער די וועלט איז בשאפין גיווארין ווארום עס שטייט אין פסוק די תורה זאגט ה' קנני ראשית דרכו קדם מפעליו מאז. דאמאלס איידער גאט האט עפעס גיטאהן אויף דער וועלט. די ערשטע זאך איז גיוועזן וואס ער האט מיך גיקויפט (בשאפין). פון וואנען ווייסין מיר אז דער כסא הכבוד איז בשאפין גיווארין איידער די וועלט איז בשאפין גיווארין. ווארום עס שטייט אין פסוק נכון כסאך מאז. דאמאלס איידער די וועלט איז בעשאפין גיווארין איז שוין גיוועזן דיין שטוהל אנגיבריים. די אבות (אברהם יצחק יעקב) אונ די יודין אונ דעם בית המקדש אונ דעם נאמען פון משיח אויף די פיר זאכין האט גאט גיטראכט איידער די וועלט איז בשאפין גיווארין אז ער וועט בעשאפין די וועלט זאל ער זיי אויך בעשאפין. פון וואנען ווייסין מיר אז איידער די וועלט איז בעשאפין גיווארין האט שוין גאט גיטראכט אויף די אבות ער זאל זיי בעשאפין. ווארום עס שטייט אין פסוק כענבים במדבר וכו'. גאט זאגט אזוי ווי מען געפינט ווייגטרויבין אין מדבר אין אוויסטען ארט. וואס דארט איז אפילו וואסער ניטא צום טרינקען. איז דאך די פרייד פון דעם מענטש זייער גרויס. אונ אזוי ווי מען פרייט זיך אז מען געפינט אויף דעם בוים אערשט צייטיגע פייג. האב איך מיך גיפרייט ווען איך האב גיפונען די יודין אין מצרים. בראשיתה ראיתי אבותיכם. אזוי האב איך מיך גיפרייט אין אנהייב איידער די וועלט איז בשאפין גיווארין אז איך האב גיזעהן אז אייערע עלטערין (אברהם יצחק יעקב) וועלין גיבארין ווערין. פון וואנען ווייסין מיר אז איידער די וועלט איז בעשאפין גיווארין הט שוין גאט גיטראכט אויף די יודין ער זאל זיי בעשאפין. ווארום עס שטייט אין פסוק זכור עדתך קנית קדם. דוד

המלך

(יד) כענבים במדבר וגו'. ישראל מנין שנא' (תהלים עד) זכור עדתך קנית קדם. בהמ"ק מנין שנאמר (ירמיה יז) כסא כבוד מרום מראשון וגו'. שמו של משיח מנין שנאמר (תהלים עב) יהי שמו לעולם וגו'. ר' אהבה בר' זעירא אמר אף התשובה שנא' (שם צ) בטרם הרים יולדו מאותה השעה תשב אנוש עד דכא וגו'. אבל איני יודע איזה מהם קודם אם התורה קדמה לכסא הכבוד ואם כסא הכבוד קודם לתורה. א"ר אבא בר כהנא התורה קדמה לכסא הכבוד. (טו) שנאמר (משלי ח) ה' קנני ראשית דרכו וגו'. קודם לאותו שכתוב בו (תהלים צג) נכון כסאך מאז. ר' הונא ור' ירמיה בשם ר' שמואל בר ר' יצחק אמרו מחשבתן של ישראל קדמה לכל דבר. משל למלך שהיה נשוי למטרונה אחת ולא היה לו ממנה בן. פעם אחת נמצא המלך עובר בשוק. אמר טלו (טז) מילנין (יז) וקלמין זו לבני. והיו הכל אומרין בן אין לו והוא אומר טלו מילנין וקלמין זו לבני. חזרו ואמרו המלך (יז) אסטרולגוס גדול הוא. (יח) אילולא שצפה המלך שהוא עתיד להעמיד ממנה בן

## נות כהונה

(יד) כענבים במדבר. סיפיה דקרא כראשיתה ראיתי אבותיכם: (טז) מילנין. זיו: (יז) וקלמין. קסת הסופר: (טו) שנא' ה' קנני וכו'. סיפיה דקרא קדם מפעליו מאז: (יז) אסטרולוגוס. חוזה בכוכבים: (יח) אילולא

---

דער מלך האט געזאגט פאר גאט געדיינק אין די יודין וואס דו האסט זייא געקויפט (דו האסט געטראכט פון זייער בעשאפונג) נאך פריער איידער די וועלט איז בעשאפין געווארין. פון וואנען ווייסין מיר אז איידער די וועלט איז בעשאפין געווארין האט שוין גאט געטראכט אויף דעם בית המקדש. ווארום עס שטייט אין פסוק כסא כבוד מרום מראשון מקום מקדשנו. דער בית המקדש וואס זיין ארט איז אויף דער ערד געגען דעם כסא הכבוד וואס אין הימעל. האט גאט אויף אים געטראכט מראשון נאך פאר דעם ערשטין טאג וואס ער האט אנגיהויבין צו בעשאפין די וועלט. פון וואנען ווייסין מיר אז איידער די וועלט איז בעשאפין געווארין האט שוין גאט געטראכט אויף דעם נאמען פון משיח. ווארום עס שטייט אין פסוק אויף משיח זיין נאמען וועט זיין אויף אייביג. איידער די זוהן איז בעשאפין געווארין איז שוין זיין נאמען געוועזן אין די געדאנקען פון גאט. רבי אהבה ברבי זעירא זאגט תשובה איז אויך געוועזן אין די געדאנקען פון גאט איידער די וועלט איז בעשאפין געווארין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איידער די בערג זענען געבארין געווארין. אין דער צייט האט שוין גאט געזאגט אז ביז צו דער לעצטע צייט וואס דער מענטש ווערט שוין צו שטויסין (דאס הייסט ביז זיין שטארבין) האט ער צייט תשובה צו טאהן. אבער איך ווייס ניט וועלכע פון די זעקס זאכין איז פריער בעשאפין געווארין. אויב די תורה איז בעשאפין געווארין פריער פאר דעם כסא כבוד. אדער דער כסא כבוד איז בעשאפין געווארין פריער פאר די תורה. האט רבי אבא בר כהנא געזאגט די תורה איז בעשאפין געווארין פריער פאר דעם כסא הכבוד. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די תורה זאגט איך בין בעשאפין געווארין קדם מפעליו מאז. פריער איידער עס איז בעשאפין געווארין די זאך וואס ביי איר שטייט דער ווארט אז. דאס מיינט מען דעם כסא הכבוד וואס ביי אים שטייט נכון כסאך מאז. רבי הונא אונ רבי ירמיה האבין געזאגט פון רבי שמואל בר רבי יצחקס וועגין פריער פאר אלע זאכין האט גאט געטראכט ער זאל בעשאפין די יודין. למשל א מלך האט חתונה געהאט מיט א מלכה אונ ער האט מיט איר ניט געהאט קיין קינדער. אמאהל איז דער מלך געגאנגען אין גאס האט ער געזאגט צו זיין בעדינער נעם די טינט מיט די פעדער פאר מיין זוהן. האבין זיך אלע געוואונדערט אונ האבין געזאגט דער מלך האט דאך ניט קיין קינדער פאר וואס זאגט ער מען זאל נעמען די טינט מיט די פעדער פאר זיין זוהן. דער נאך האבין זיי געזאגט דער מלך איז א גרויסער שטערין זעהער. ווען ער וואלט ניט געזעהן אז ער וועט האבין א זוהן פון די מלכה וואלט ער ניט געזאגט מען זאל נעמען די טינט אונ די פעדער פאר מיין זוהן. ביי גאט איז אויך אזוי ווען גאט וואלט ניט געזעהן אז נאך זעקס אונ צוואנציג דורות (פון אדם הראשון) וועלין די יודין נעמען די תורה. וואלט גאט ניט געשריבען אין די תורה צו את בני ישראל

דבר

**בן** לא היה אומר טלו מילנין וקלמין לבני. כך אילולא שצפה הקב"ה שאחר כ"ו
**דורות** ישראל עתידין לקבל את התורה. לא היה כותב בתורה צו את בני ישראל. דבר
**אל** בני ישראל: (ו) א"ר בניה העולם ומלואו לא נברא אלא בזכות התורה שנאמר
**(משלי** ג') ה' (יט) בחכמה יסד ארץ וגו'. רבי ברכיה אמר בזכות משה שנאמר (דברים לג)
**(כ)** וירא ראשית לו. ר' הונא בשם ר' מתנה אמר בזכות ג דברים נברא העולם.
**בזכות** חלה ובזכות מעשרות ובזכות בכורים. ומה טעם בראשית ברא אלהים. ואין
**ראשית** אלא חלה. שנאמר (במדבר כו) ראשית עריסותיכם. ואין ראשית אלא מעשרות.
**המד"א** (דברים יח) ראשית דגנך. ואין ראשית אלא בכורים שנאמר (שמות כג) ראשית
**בכורי** אדמתך וגו': (ז) ר' הונא בשם בר קפרא פתח (תהלים לא) תאלמנה שפתי שקר
**וגו'.** (כא) אתפרכן אתחרשן אשתתקן. אתפרכן אתחרשן המד"א (שמות ד) או מי ישום
**אלם** או חרש או פקח או עור וגו'. ואומר (בראשית לז) והנה אנחנו מאלמים אלומים
**בתוך** השדה והנה קמה אלומתי. אשתתקן כמשמעו. הדוברות על צדיק. חי העולמים.

ערק

## מתנות כהונה

**(יט)** בחכמה. בזכות החכמה: **(כ)** וירא ראשית. וכתיב בראשית בשביל ראשית: **(כא)** אתפרכן. ענין קצירה וכו' מאלמים

---

**דבר** אל בני ישראל. (די תורה איז דאך בשאפין געווארין איידער די וועלט איז בשאפין
געווארין. אונ אין דער תורה שטייט צו את בני ישראל. האט דאך גאט געטראכט אויף דעם
בשאפונג פון די יודין נאך פריער ווי אויף דעם בשאפונג פון די תורה): (ו) (אמר). רבי בניה
האט געזאגט די גאנצע וועלט איז גאר בשאפין געווארין אין דעם זכות פון די תורה. אזוי ווי
עס שטייט אין פסוק ה' בחכמה יסד ארץ. גאט האט געמאכט דעם פונדאמענט פון די וועלט אין דעם זכות
פון די חכמה (די תורה). רבי ברכיה זאגט די וועלט איז בשאפין געווארין אין דעם זכות פון
משה רבינו. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וירא ראשית לו. גאט האט געזעהן צו הערשט
(איידער ער האט בשאפין די וועלט) די צדקות פון משה. פון וועגין זיין זכות האט ער בשאפין
די וועלט. רבי הונא זאגט פון רבי מתנה'ס וועגין אין דעם זכות פון די דריי זאכין האט
גאט בשאפין די וועלט. ווייל די יודין וועלין געבין חלה אונ מעשרות אונ בכורים. פאר וואס
גאר די דריי זאכין. ווייל עס שטייט אין פסוק בראשית ברא אלהים. פון וועגין די דריי
זאכין וואס זיי ווערין גערופין ראשית האט גאט בשאפין די וועלט. אונ חלה ווערט גירופין
ראשית אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ראשית עריסותיכם תרימו חלה. דאס ערשטע זאלט
איר אפ שיידין חלה פון אייערע טייג. אונ מעשרות ווערט אויך גערופין ראשית אזוי ווי עס
שטייט אין פסוק ראשית דגנך. דאס ערשטע זאלסטו געבין מעשר פון דיינע קארין. אונ
בכורים ווערט אויך גערופין ראשית אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ראשית בכורי אדמתך די
ערשטע פירות וואס וועט צייטיג ווערין פון דיין ערד זאלסטו ברייגען אין בית המקדש.
ווייל די דריי זאכין ווערין גירופין ראשית. אונ די וועלט איז אויך ראשית. זיא האט אנגעהייב
ווען גאט האט איר בשאפין. דריבער איז ביי גאט ליב די דרייא מצות. ווייל דורך זיי
וועט מען זיך דער מאנען אז די וועלט האט אויך אנגעהייב: (ז) רבי הונא בשם בר קפרא האט
אנגעהויבין צו דרשנ'ן די תורה מיט דעם פסוק. דוד המלך האט געזאגט תאלמנה שפתי
שקר. תאלמנה מיינט מען אתפרכן אתחרשן אשתתקן. אתפרכן איז דער טייטש פארבונדען.
די מענטשין וואס ריידין פאלשקייט זייערע לעפצין זאלין ווערין פארבונדען זיי זאלין ניט
קענען ריידין. אדער אתחרשן. די מענטשין וואס ריידין פאלשקייט זאלין ווערין טויב. אז
זיי וועלין ווערין טויב אונ וועלין ניט הערין וואס מענטשין ריידין. וועלין זיי שוין ניט קענען
זאגין קיין פאלשקייט. פון וואגען ווייסין מיר אז תאלמנה איז דער טייטש טויב. אזוי ווי
עס שטייט אין פסוק מי שם פה לאדם. ווער האט גימאכט אמאל צום מענטשין ער זאל
קענען ריידין. או מי ישום אלם או חרש. ווער מאכט א מענטשין שטום אדער טויב. פקח או

עור

עתק . (כב) שהעתיק בבריותיו . בגאוה . אתמהא בשביל להתגאות ולומר אני דורש במעשה בראשית. ובוז. אתמהא מבזה על כבודי. (כג) דא"ר יוסי בר חנינא כל המתכבד בקלון חבירו אין לו חלק לעוה"ב. בכבודו של מקום עאכ"ו. ומה כתיב אחריו (תהלים לא) מה רב טובך אשר צפנת ליראיך . (כד) ליראיך ולא לבוזים את מוראך . אל יהיו במה רב טובך . בנוהג שבעולם מלך ב"ו בונה פלטין במקום (כה) הביבים ובמקום האשפה ובמקום הסריות . כל מי שהוא בא לומר פלטין זו בנויה במקום הביבים ובמקום האשפה ובמקום (כו) הסריות (כז) אינו פוגם. כך כל מי שהוא בא לומר העוה"ז נברא מתוך תהו ובהו אינו פוגם אתמהא . ר' הונא בשם בר קפרא אמר אילולא שהדבר

כתוב

## מתנות כהונה

מא"מ פי' מקצרין סאלומות : (כב) שהעתיק. הסיר והסתיר מהם : (כג) א"ר יוסי . גרסי' ולא דאמר : (כד) ליראיך . שהסתירים מעשה מרכבה מפני מורא הקב"ה וכבודו : פ"ג רש"י ז"ל מוראך רבנו אמרי אל יפה לו וכו' ודריסה תאלמנה יתפרש כדלעיל כלומר יהיו מקוטרים ומסולקים ממה רב טובך ורש"י ז"ל פי' דדייק מדסמיך ליה תסתירם וכו' : (כה) הביבים , פי' הערוץ לצורות המקומות שהופכין דרך שם כל השופכין : (כו) הסריות . הסירחון : (כז) אינו

---

עור . זעהענדיג אדער בלינד . שטעלט דער פסוק איינם געגין דאס אנדערע . זעהענדיג און בלינד . רעדענדיג און שטום . האט דאך געדארפט שטיין הערענדיג און טויב פאר וואס שטייט ניט דאס ווארט הערענדיג. נאר אלם און חרש איז איין זאך . און אזוי מיינט דער פסוק . עס איז דא צווייערליי ניט קענען ריידין . אז אלם . אדער ווייל ער איז שטום . אז חרש , אדער ווייל ער איז געבארין טויב האט ער זיך גיט גיקענט אויס לערנען ריידין . איז דאך שטום און טויב איין זאך . און פון וואגען ווייסין מיר אז תאלמנה איז דער טייטש פארבונדין ווערין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אנחנו מאלמים אלומים . מיר בינדען בינטלאך תבואה אין פעלד . אשתתקן מיינט מען שטום ווערין . ווארום תאלמנה איז דער טייטש זיי זאלין שטום ווערין . הדוברות על צדיק. ווייל זיי ריידין אויף דעם צדיק וואס לעבט אייביג . אויף גאט . עתק . ער האט אפגעטאהן פון די מענטשין און האט בעהאלטין פון זיי ווי אזוי דאס בשאפונג פון די וועלט איז געווען . און דער מענטש גייט בגאוה. מיט גרויסקייט און זאגט איך וויים צו דרשנען אין מעשה בראשית . ובוז . און דער מיט פארשעמט ער דעם כבוד פון גאט (ווי ווייטער שטייט). און רבי יוסי ברבי חנינא האט געזאגט דער וואס נעמט זיך כבוד דורך דעם וואס ער פארשעמט זיין חבר. האט ער ניט קיין חלק צו עולם הבא. אז ער נעמט פאר זיך כבוד דורך דעם וואס ער פארשעמט גאט וועט ער דאך געוויס ניט האבין קיין עולם הבא. אין אנדערין פסוק נאך דעם שטייט אויך אז דער וואס פארשעמט גאט וועט ער ניט האבין קיין חלק עולם הבא . ווארום עס שטייט אין פסוק ווי פיל איז דיין גוטס וואס דו האסט בעהאלטין פאר די וואס האבין מורא פאר דיר . פאר די וואס האבין מורא פאר דיר האסטו בעהאלטין פיל גוטס דו זאלסט זיי געבין צו עולם הבא . אבער די וואס פארשעמען דיין מורא וועלין ניט האבין קיין חלק אין דעם פיל גוטס . איצט זאגט דער מדרש מיט וואס פאר שעמט מען גאט אז מען דרשת די פסוקים ווי אזוי די וועלט איז בשאפין געווארין. ווארום דער שטייגער פון דער וועלט איז אמלך האט געבאהט אפאלאכט אויף אזוי אארט וואס דארטין איז געווען רינשטאקין או מיסט און דער ארט איז פארשטונקען. וויל ניט דער מלך מען זאל דער ציילען וואס דער פלאץ איז געווען . נאר מען זאל לויבין דעם פאלאסט ווי ער איז היינט . און ווער עס קומט און זאגט פאר אלע מענטשין אז דער פאלאסט איז געבאהט געווארין אויף אזוי אארט וואס דארט איז געווען רינשטאקין און מיסט און עס הט געשטונקען. פארשעמט ער דען ניט דעם מלך . אזוי דער מענטש וואס קומט זאגין אז דיא וועלט איז בשאפין געווארין פון תהו ובהו. פאר שעמט ער דען ניט גאט. ווארום דער תהו ובהו וואס גאט האט אים בשאפין איז אזוי אאיידעלער מאטריאל וואס א מענטש קען דאס גאר ניט פארשטיין . און פון דעם תהו ובהו האט גאט בשאפין די וועלט . דריבער אז מען וועט דער

ציילען

# סדר בראשית



כתיב (כח) א״א לאמרו. בראשית ברא אלהים. (כט) מנין הן. והארץ היתה תהו ובהו: (ח) ר״י בר סימון פתח (דניאל ב) הוא גלא עמיקתא ומסתרתא. הוא גלא עמיקתא. זו גיהנם שנא׳ (משלי ט) ולא ידע כי (ל) רפאים שם. ואומר (ישעיה ל) (לא) העמיק הרחיב. ומסתרתא. זו גן עדן. שנא׳ (שם ד) ולמחסה (לב) ולמסתור מזרם וממטר. ואומר (תהלים לא) תסתירם בסתר פניך. ד״א הוא גלא עמיקתא ומסתרתא. עמיקתא אלו מעשיהם של רשעים. שנא׳ (ישעיה כט) הוי המעמיקים מה׳. ומסתרתא אלו מעשיהם של רשעים שנא׳ (שם) לסתיר עצה. ידע מה בחשוכא. אלו מעשיהם של רשעים שנא׳ (שם) והיה במחשך מעשיהם. ונהורא עמיה שרא. אלו מעשיהם של צדיקים דכתיב (משלי ד) ואורח צדיקים כאור נוגה. ואומר (תהלים צז) אור זרוע לצדיק וגו׳

## מתנות כהונה

פוגם. בתמיה: (כח) א״א לאומרו. ופירש״י אפילו היה וגו׳ גרסינן וסיפיה דקרא בעמקי שאול קרוב״ה: (לא) העמיק יכול לכבינו מדעתו לא היה רפאי לגלותו: (כט) מניין הן. הכתיב וגו׳. גרסינן וסיפיה דקרא מדורתה אש ועצים מהיכן נבראו ומפרש והולך מן תוהו ובוהו: (ל) רפאים כם. וגו׳: (לב) ולמסתור. וריבים דקרא מדבר בגן עדן:

---

צייליגן פאר מענטשין גאט האט בשאפין די וועלט פון תהו ובהו וועט מען קומען קלערין וואס דאס איז. וועט מען נאך זאגין פאלשע זאכין וואס דאס וועט אגלייקענען אין גאט. דריבער וויל גאט מען זאל דער צייליגן פון דער וועלט אזוי ווי זיא איז איצט ניט וואס עס איז געווען פריער). רב הונא בשם בר קפרא זאגט ווען דאס וואלט ניט געווען געשריבען. וואלט מען דאס ניט געמענט זאגין. צו ערשט האט גאט בשאפין די הימעל מיט די ערד. פון וואס האט ער זייא בשאפין. זאגט דער פסוק די ערד איז געווען תהו אונ בהו: (ח) רבי יהודה ברבי סימון האט אנגיהויבין צו דרשנן די תורה מיט דעם פסוק. דניאל האט גיזאגט הוא גלי עמיקתא ומסתרתא. גאט האט ענדעקט דיא טיפע אונ דיא פארבארגענע. דעם טיפען ארט מיינט מען דעם גיהנם. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ער האט ניט גיוואכט אז דארט איז דער גיהנם אונ אירע אלע גערופענע זענען אין דעם טיפען גרוב. נאך שטייט אין פסוק ער האט גימאכט טיף אונ ברייט דעם פייער וואס אין גיהנם. דעם פארבארגענעם ארט מיינט מען דעם גן עדן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער גן עדן וועט זיין צו אבאשיצונג אונ צו אפארבארגענעש פון דעם שטורעם אונ דעם רעגין פון גיהנם. נאך זאגט דער פסוק דו זאלסט זיי פארבארגין אין דעם פארבארגענעם ארט ווא דיין פנים איז. אונ דער פנים פון גאט איז דאך אין גן עדן. נאך אפשט קען מען זאגין אויף דעם פסוק ער האט ענדעקט די טיפע אונ די פארבארגענע זאכין. די טיפע זאכין דאס מיינט מען די מעשים פון די רשעים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק המעמיקים מה׳. זיי בעהאלטין זיך טיף פון גאט זיי זאלין דארטין זינדיגען. ומסתרתא מיינט מען די מעשים פון די רשעים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק לסתיר עצה. זיי פאר בארגין די עצות פון זייערע שלעכטע מעשים. גאט ווייס וואס אין דער פינסטער איז. דאס מיינט מען די מעשים פון די רשעים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק זייערע מעשים זענען אין דער פינסטער. אונ מיט גאט רוהט ליכטיגקייט דאס זענען די מעשים פון די צדיקים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די וועג פון די צדיקים וועט שיינען ווי די ליכטיגקייט. נאך זאגט דער פסוק אליכטיגקייט איז פאר זייט צום צדיק. (דער מדרש זאגט אונז די מעשים פון די רשעים ווייל זיי זענען עבירות צו גאט אונ צו מענטשין. דריבער מוזין זיי אלץ טאהן אין דער פינסטער אונ אין פארבארגענעש קיינער זאל ניט וויסען. אבער די מעשים פון די צדיקים וואס זיי זענען מצות אונ מעשים טובים צו גאט אונ צו מענטשין. זיי טוהען זייערע מעשים עפענטליך אין מיטען טאג אלע זאלין זעהן). רבי אבא סרונגיא האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק די ליכטיגקייט רוהט מיט אים. דאס מיינט מען דעם מלך המשיח. וואס ער איז די ליכטיגקייט פון דער וועלט אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ישעיה הנביא האט גיזאגט קומי אורי. שטייא אויף מיין ליכטיגקייט. אונ דער מלך המשיח רוהט אין גן עדן

וגו'. א"ר אבא (לג) סריגניא. ונהורא עמיה שרא. זה מלך המשיח שנאמר (ישעיה ס) קומי אורי וגו': (ט) בפסיקתא א"ר יהודה בר סימון (לד) מתחלת ברייתו של עולם הוא גלה עמיקתא ומסתרתא. בראשית ברא אלהים את השמים. ולא פירש. והיכן פירש להלן (שם מ) הנוטה כרוק שמים. ואת הארץ. ולא פירש. והיכן פירש להלן (איוב לז) כי לשלג יאמר הוא ארץ (שם לח) בצקת עפר למוצק וגו'. ויאמר אלהים יהי אור. ולא פירש. והיכן פירש (תהלים קד) (לה) עוטה אור כשלמה: (י) ר' יצחק פתח (שם קיט) ראש דברך אמת וגו'. א"ר יצחק מתחלת ברייתו של עולם ראש דברך אמת. (לו) בראשית ברא אלהים: (ירמיה י) וה' אלהים אמת. ולעולם כל משפט צדקך. שכל גזרה וגזרה שאתה גוזר על בריותיך. הן מצדיקין עליהם את הדין ומקבלין אותו באמונה. ואין כל בריה יכולה לומר שתי רשויות בראו העולם. וידברו אלהים אכ"כ אלא וידבר אלהים. ויאמרו אלהים אכ"כ. אלא ויאמר אלהים. בראשית בראו אלהים אכ"כ. אלא ברא אלהים: (יא) ריב"ל בשם ר' לוי אמר זה שהוא בונה צריך ששה דברים. מים. ועפר. ועצים. ואבנים. וקנים. וברזל. וא"ת עשיר הוא ואינו צריך לקנים הרי הוא צריך לקנה המדה שנא' (יחזקאל מ) ופתיל פשתים בידו וקנה המדה.

כך

## מתנות כהונה

(לג) סריגניא. שם מקום: (לד) מתחלת ברייתו וכו' פי' גילה להלן על ידי ישעיה מה שהיה מתחלת ברייתו של עולם ומהיכן נברא שמים וארץ: (לה) עוטה אור כשלמה. וכדיליף מיניה לקמן ריש פרשה ג': (לו) בראשית כו'. וה' אלהים אמת כו' בראש התורה הודיע שה' אלהים אמת שהוא יחיד ואין שני שאל זה נקרא אל אמת שאילו יצוייר ח"ו שיש בה שתי רשויות אין אחד מהם אמת. ובמה הודיע בראש דבריו שהוא אל אמת מדלא כתיב בראשית בראו כו' ולכן נחתם

---

מיט גאט: (ט) (בפסיקתא). רבי יהודה ברבי סימון האט גיזאגט די אלע זאכין וואס וועגען גיווען טיף או פארבארגין ווען גאט האט בשאפין די וועלט. האט ער זיי דער נאך ענדעקט. עס שטייט אין פסוק צו ערשט האט גאט בשאפין די הימעל. אונ עס שטייט ניט ווי אזוי עס איז גיווען מיט דעם הימעל. דער נאך האט גאט גיזאגט דורך ישעיה הנביא אז דער הימעל איז גיווארין פארשפרייט איבער די וועלט אזוי ווי אגיצעלט. גאט האט בשאפין די ערד אונ עס שטייט ניט ווי אזוי. האט גאט גיזאגט דורך איוב. גאט האט גיזאגט צום שנייא וואס ער האט גינומען פון אונטער דעם כסא הכבוד. פון דעם שנייא זאל ווערין ערד. דער נאך האט גאט גיזאגט אז די ערד זאל ווערין הארט. גאט האט גיזאגט עס זאל זיין ליכטיג. אונ עס שטייט ניט ווי אזוי. הט דוד המלך גיזאגט גאט האט איין געוויקולט די ליכטיגקייט אזוי ווי אקלייד: (י) רבי יצחק האט אנגיהויבין צו דרשנן די תורה מיט דעם פסוק. דוד המלך האט גיזאגט ראש דברך אמת. דער אנהייב פון דיינע רייד איז אמת. האט רבי יצחק גיזאגט אין אנהייב ווען גאט האט בשאפין די וועלט. איז באלד דער אנהייב רייד גיווען אמת. ווארום עס שטייט אין פסוק בראשית ברא אלהים. צו ערשט האט ער בשאפין. ער האט בשאפין. גאט. אונ עס שטייט ניט בראו. זיי האבין בשאפין. פון דאגען ווייסין מיר אז וה' אלהים אמת. אז עס איז אמת אז גאט איז אייגער. ולעולם כל משפט צדקך. דיינע אלע משפטים זענען אייביג גירעכט. דיינע אלע גזרות וואס דו ביזט גוזר אויף די מענטשין וואס דו האסט בשאפין. מאכין זיי אויף זיך גירעכט די גזרה אונ זיי נעמען אן די גזרה מיט אמת. אונ קיין מענטש קען ניט זאגין אז צווי גאטער האבין בשאפין די וועלט. ווארום עס שטייט ניט וידברו אלהים. די גאטער האבין גירעט. נאר עס שטייט וידבר אלהים. גאט האט גירעט. עס שטייט ניט ויאמרו אלהים. די גאטער האבין גיזאגט. נאר עס שטייט ויאמר אלהים. גאט האט גיזאגט. עס שטייט ניט בראשית בראו אלהים. צו ערשט האבין די גאטער בשאפין. נאר עס שטייט ברא אלהים. גאט האט בשאפין: (יא) רבי יהושע בן לוי האט גיזאגט פון רבי לוי'ס וועגין דער וואס באהט אהויז דארף ער האבין זעקס זאכין. וואסער. ערד. האלץ. שטיינער. שטעקלאך. אייזין. אונ אויב ער איז רייך אונ ער דארף ניט קיין שטעקלאך. פון דעסטוועגין דארף ער שטעקלאך צום מעסטין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק

אונ

בך התורה קדמה אותן שש קדימות. (לז) קדם. ומאז. ומעולם. ומראש. (לח) ומקדמי תרין. (בפר ה' קנני). (יב) פילוסופוס אחד שאל את רבן גמליאל א"ל צייר גדול הוא אלהיכם. אלא שמצא סממנים טובים שסייעו אותו. תהו. ובהו. וחשך. ורוח. ומים. ותהומות. א"ל ת'פח רוחיה דההוא גברא כולהון (לט) כתיב בהו בריאה. תהו ובהו. שנא' (ישעיה מה) עושה שלום ובורא רע. חשך יוצר אור וגו'. מים (תהלים קמח) הללוהו שמי השמים והמים. למה שצוה ונבראו. רוח (עמוס ד) כי הנה יוצר הרים ובורא רוח. תהומות (משלי ח) (מ) באין תהומות חוללתי: (יג) ר' יונה בשם ר"ל אמר למה נברא העולם בב'. אלא מה ב' זה סתום מכל צדדיו ופתוח מלפניו. כך אין לך רשות לומר מה

## מתנות כהונה

אותיות שמה בב' סיבות כראשית ברא שית ברא אלהים. ס"ת שמה: (לז) קדם ומאז כו'. כל אלו לשונות כתובים בס' ס' קנני כנאמרה על התורה: (לח) ומקדמי תרין. הרי שבע: (לט) כתיב בהן ל' בריאה. שהן עצמן נבראו: (מ) באין תהומות. עד שלא היו ולא נבראו עדיין התהומות של שנבראת

---

אונ אפאדים פון פלאקס האט ער גיהאלטין אין האנט אונ אשטעקיל צום מעסטין האט ער אויך גיהאלטין. אזוי איז די תורה גיוועזן פריער ווי די וועלט איז בשאפין גיווארין. מיט זעקס זאכין, אז פון די זעקס זאכין איז די וועלט בשאפין גיווארין די תורה אליין איז איינס. אונ צו איר נאך זעקס זאכין צום וועלט בעשאפונג. תשובה. גיהנם. גן עדן. כסא הכבוד. בית המקדש. שמו של משיח). ווארום זעקס מאהל שטייט ביי די תורה דער ווארט פריער. קדם מאז. מעולם. מראש. מקדמי. איז צוויי מאהל פריער. צו זאמען שטייט זעקס מאהל דער ווארט פריער: (יב) אפילוסוף האט אמאהל גיזאגט צו רבן גמליאל אייער גאט איז אגרויסער מעלער. אונ ער האט גיהאט גוטע פארבין וואס זיי האבין אים גיהאלפין צו דעם מאלען. (אזוי ווי אמעלער קען נאר מעלען מיט די פארבין וואס ער געפינט אויף דער וועלט. אבער ער קען ניט בשאפין די פארבין) אזוי הט גאט גיהאט גוטע מאטריאל וואס זיי האבין אים גיהאלפין צו דעם וועלט בעשאפונג אבער דאס מאטריאל האט ער גאר ניט בשאפין נאר זיי זענען אליין גיוועזן אויף דער וועלט. דאס מאטריאל איז גיוועזן תוהו בוהו חשך רוח מים תהומות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק והארץ היתה תוהו ובוהו וחשך על פני תהום ורוח אלהים מרחפת על פני המים. אונ עס שטייט גאר גיט ביי די זעקס זאכין אז זיי זענען בשאפין גיווארין. אבער אז ער וואלט די מאטריאלין ניט גיהאט וואלט ער די וועלט ניט גיקענט בשאפין. הט רבן גמליאל גיזאגט צום פילוסוף עס זאל ארויס די נשמה פון דעם מענטש וואס זאגט אזוי. די אלע מאטריאלין האט אויך גאט בשאפין. תוהו ובוהו האט גאט בשאפין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עושה שלום ובורא רע. גאט מאכט שלום אונ ער בשאפט דאס שלעכטע. (אלץ וואס איז בשאפין גיווארין זענען פון פיר זאכין. פייער וואסער לופט ערד. אונ גאט מאכט צווישען זיי שלום אז זיי זאלין אזוי בלייבין אויף אייביג. אונ דאס שלעכטע מיינט מען תהו ובהו. דאס וויסטע דאס מאטריאל וואס פון דעם האט גאט בשאפין די וועלט האט אויך גאט בשאפין. חשך האט גאט בשאפין אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יוצר אור ובורא חשך. גאט האט בשאפין די ליכטיגקייט אונ האט בשאפין די פינסטערניש. וואסער האט אויך גאט בשאפין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די הימלען אונ די וואסער זאלין לויבין גאט. פאר ווס, ווייל זיי זענען בשאפין גיווארין דורך די גיבאט פון גאט. דעם ווינט האט אויך גאט בשאפין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט בשאפין די בערג אונ האט בשאפין דעם ווינט. דעם תהום (דעם אבגרונד) האט אויך גאט בשאפין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די תורה האט גיזאגט איך בין בשאפין גיווארין איידער די אבגרונדין זענען בשאפין גיווארין. זעהן מיר אז די אבגרונדען זענען בשאפין גיווארין: (יג) רבי יונה בשם רבי לוי האט גיזאגט פאר וואס איז ד"א וועלט בשאפין גיווארין מיט אב' (בראשית). נאר אזוי ווי דער ב' איז פארמאכט פון דריי זייטין אונ איז האפין פון פארנט. אזוי טאר גיט אמענטש פרעגין וואס איז אונטער די

עד

מה למטה. מה למעלה. מה לפנים. מה לאחור. אלא מיום שנברא העולם ולהבא. בר קפרא אמר (דברים ד) כי שאל נא לימים ראשונים אשר היו לפניך. למן היום שנבראו אתה דורש ואי אתה דורש לפנים מכאן. (שם) ולמקצה השמים ועד קצה השמים אתה דורש והוקר ואי אתה חוקר לפנים מכאן: (יד) דרש ר' יהודה בן פזי במעשה בראשית בהדיה דבר קפרא למה נברא העולם בב' להודיעך שהן ב' עולמים העוה"ז והעוה"ב. ד"א למה בב' שהוא לשון ברכה. ולמה לא באלף שהוא לשון ארירה. ד"א למה לא באל"ף שלא ליתן פ"פ למינין. לומר היאך העולם יכול לעמוד שהוא נברא בלשון ארירה. אלא אמר הקדוש ברוך הוא הרי אני בורא אותו בלשון ברכה והלואי יעמוד. דבר אחר למה בב' אלא מה ב' זה יש לו שני עוקצין (מח) אחד מלמעלה ואחד מלמטה מאחוריו אומרים לב' מי בראך. והוא מראה בעוקצו מלמעלה ואומר זה שלמעלה בראני. ומה שמו. והוא מראה להן בעוקצו של אחריו ואומר (מג) ה' שמו. אמר רבי אלעזר בר חנינא בשם ר' אחא כ"ו דורות היתה האל"ף קורא תגר לפני כסאו של הקב"ה. אמר לפניו רבש"ע אני ראשון של אותיות ולא בראת עולמך בי. א"ל הקב"ה העולם ומלואו לא נברא

אלא

## מתנות כהונה

שנבראת אח"כ: (מח) אחד. מלמעלה כו'. כזה ב': ופס של ד' קריאתו אדני וכן אל אלהים או י"ל ה' כמו האל"ף
(מג) ה' שמו. כאל"ף תחלת אותיות של אדני ושל אלהי"ם כותבין ב' יודין ווי"ו באמצעו כזה א גימטריא שלו כ"ו עם כל

ערד. אונ ניט וואס איז איבער דעם הימעל. אונ ניט וואס איז געוועזן איידער די וועלט איז בעשאפין געווארין. אונ ניט וואס עס וועט זיין דער נאך ווען די וועלט וועט חרוב ווערין. נאר פון דעם טאג וואס די וועלט איז בעשאפין געווארין אונ ווייטער מעגסטו קלערין. בר קפרא האט געזאגט עס שטייט אין פסוק אז דו וועסט וועלין פרעגין (קלערין) אויף די ערשטע טעג (די פריערדיגע) וואס זענען געוועזן פריער פאר דיר. מעגסטו נאר קלערין פון דעם טאג וואס די טעג זענען בעשאפין געווארין. אבער דו טארסט ניט קלערין וואס איז געוועזן איידער דער ערשטער טאג איז בעשאפין געווארין. וואס עס איז פון איין עק הימעל ביז צום אנדערין עק הימעל מעגסטו קלערין. אבער דו טארסט ניט קלערין וואס איז איבער דעם הימעל: (יד) רבי יהודה בן פזי מיט בר קפרא ביידע בעזאמען האבין גידרשת די פסוקים פון מעשה בראשית. פאר וואס איז די וועלט בעשאפין געווארין מיט אב' (בראשית). ווייל ב' איז צוויי. צו זאגין אונז אז עס איז דא צוויי וועלטין. עולם הזה אונ עולם הבא. אדער דריבער איז די וועלט בעשאפין געווארין מיט אב'. ווייל ברכה הייבט זיך אן מיט אב'. פאר וואס ניט מיט אאלף ווייל ארור (פלוכין) הייבט זיך אן מיט אאל"ף. אדער דריבער הייבט זיך ניט אן מיט אאלף ווארום אז עס וואלט זיך אנגיהויבין מיט אאל"ף וואלטין די אפיקורסים זאגין ווי אזוי קען די וועלט שטיין אז זי איז בעשאפין גיווארין מיט אאלף וואס דער אלף מאכט ארור (פארפלוכט). דריבער האט גאט גיזאגט איך וועל בעשאפין די וועלט מיט אב'. וואס דאס איז ברכה. אונ הלואי זאל די וועלט שטיין. נאך אפשט פאר וואס האט מען בעשאפין די וועלט מיט אב'. נאר אזוי ווי דער ב' האט צוויי שפיצען פון אינטען איין שפיץ הויבין אונ איין שפיץ אונטען. אז מען פרעגט דעם ב' ווער האט דיך בעשאפין. ווייזט ער אויף דעם אויבערשטין שפיץ. אונ ער זאגט דער וואס הויבין איז. גאט. האט מיך בעשאפין. אונ אז מען פרעגט דעם ב'. ווי איז דער נאמען פון גאט. ווייזט ער מיט דעם אונטערשטין שפיץ פון אונטען אויף דעם אלף. אונ ער זאגט אז דער נאמען פון גאט איז יהוה. ווארום יהוה בטרעפט זעקס אונ צוואנציג. אונ אאלף איז צוויי יודין מיט אוא"ו איז אויך זעקס אונ צוואנציג. רבי אלעזר בר' חנינא האט גיזאגט פון רבי אחאס וועגין זעקס אונ צוואנציג דורות האט דער אלף געטענה'ט פאר גאט אונ האט גיזאגט רבונו של עולם איך בין דער ערשטער פון די אותיות פאר וואס האסטו ניט בעשאפין די וועלט מיט מיר. האט גאט גיזאגט צום אלף די גאנצע וועלט

איז

למחר אני בא ליתן אלא בזכות התורה. שנא׳ (משלי ג׳) ה׳ בחכמה יסד ארץ וגו׳. למחר אני בא ליתן תורה בסיני. ואיני פותח תחלה אלא בך. שנא׳ (שמות כ) אנכי ה׳ אלהיך. ר׳ הושעיא אומר למה נקרא שמו אל״ף (מג) שהוא מסכים מאלף. שנאמר (תהלים קה) דבר צוה לאלף דור: (טו) א״ר סימון בשם ריב״ל מנצפ״ך (מד) צופים אמרום הלכה למשה מסיני רבי ירמיה בשם רבי חייא בר אבא אמר מה שהתקינו הצופים. מעשה היה ביום (מה) סגריר ולא נכנסו חכמים לבית הועד. והיו שם תינוקות. ואמרו בואו ונעשה בית הועד. אמרו מה טעם כתיב מ״ם מ״ם. נו״ן נו״ן. צד״י צד״י. פ״א פ״א. כ״ף כ״ף. אלא ממאמר למאמר מנאמן לנאמן. ומצדיק לצדיק. מפה לפה. מכף לכף. (מו) ממאמר למאמר. ממאמר של הקב״ה למאמר של משה. מנאמן לנאמן. מהקב״ה שנקרא אל מלך נאמן למשה שנקרא נאמן. דכתיב (במדבר יב) בכל ביתי נאמן הוא. מצדיק לצדיק

## מתנות כהונה

ל׳: (מג) שהוא מסכים אלף. פי׳ הקב״ה הסכים להם שתורה אחר אלף דורות וכמו שאמרו לקמן תתקע״ד דורות שלו במחשבה להבראות ולא נבראו וכ״ו דורות עד משה רבינו ע״ה. הרי אלף ובמ״ת התחיל באלף אנכי וע״כ נקראת אלף: (מד) צופים אמרום. פי׳ רש״י בפ״ק דמגילה נביאים הדורות ולפיכך קורין מנצפ״ך ולא כמנפץ כסדר שכתובים באל״ף בי״ת לדרוש נוטריקון מן צופים הוא אלו מה שהתקינו הצופים ומצאתי בשם הריטב״א ז״ל והאי צופים לאחר יהושע תיכף דאילו קודם לכן הרי היה שם אהרן והלוחות והיכא אמרינן שהכתוב אלא לאחר שנגנז הארון בימי יאשיהו: (מה) סגריר. יום חושך ומטר: (מו) ממאמר למאמר. שמיד שהדבור נמסר למשה

איז נים מעהר בשאפין געווארין נאר פון וועגן די תורה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ה׳ בחכמה יסד ארץ. גאט האט געגרינדעט די ערד וועגן די חכמה פון די תורה. ווען איך וועל קומען געבין די תורה אויף דעם בארג סיני. וועל איך די תורה ניט אנהייבין מיט קיין אנדער אות נאר מיט דיר. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אנכי ה׳ אלהיך. אנכי הייבט זיך דאך אן מיט אאל״ף. רבי הושעיא האט געזאגט פאר וואס רופט מען דעם א אל״ף. ווייל פון דער צייט וואס די תורה איז בשאפין געווארין ביז מען האט זיא געגעבין צו די יודין. האט געדויערט אזוי פיל יאהר אז עס האט געקענט בשאפין ווערין טויזענד דורות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט געבאטין די תורה צו די יודין צום סוף פון טויזענד דורות וואָרום דער נאך ווי גאט האט בשאפין די תורה האט ער בשאפין ניין הונדערט מיט פיר און זיבעציג דורות. און ווייל גאט האט געזעהן אז זיי וועלין זיין רשעים האט ער זיי אוועק גענומען פון דער וועלט. און פון אדם הראשון ביז משה רבינו איז זעקס און צוואנציג דורות. צו זאמען איז טויזענד דורות. און אלף איז דער טייטש טויזענד. און ווייל מיט דעם אות א האט זיך אן געהויבין די תורה. מיט דעם ווארט אנכי. דריבער דעם אות א רופט מען אלף. טויזענד: (טו) רבי סימון האט געזאגט פון רבי יהושע בן לוי ם וועגין די טאפעלע אותיות מנצפך ם ן ץ ף ך דאס האבין די נביאים געגעבין צום אל״ף בית. ווייל זיי האבין געוואסט אז די אותיות זענען געגעבין געווארין צו משה רבינו אויף דעם בארג סיני. רבי ירמיה האט געזאגט פון רבי חייא בר אבא ם וועגין מנצפך איז צוויי ווערטער. טג. ווער האט דאס געזאגט אז עס איז דא צום אלף בית טאפעלע אותיות. צפך. דיינע נביאים האבין דאס געזאגט. עס איז אמאהל געווען א רעגענדיגער טאג. זענען די חכמים ניט געקומען צום פארזאמלונג. זענען דארט געווען קינדער האבין זיי געזאגט מיר וועלין מאכין א פארזאמלונג. האבין זיי זיך געזעצט אלע צו זאמען און האבין געזאגט פאר וואס שטייט צוויי מימין מם. צוויי נונין נן. צוויי צדיקין צץ. צוויי פא״ין פף. צוויי כפין כך. די צוויי מימין זענען צוויי ווערטער. מאמר מאמר. די צוויי נונין זענען צוויי ווערטער. נאמן נאמן. די צוויי צדיקין זענען צוויי ווערטער. צדיק צדיק. די צוויי פאין זענען צוויי ווערטער פה פה. די צוויי כפין זענען צוויי ווערטער כף כף. מאמר מאמר מיינט מען די תורה איז געזאגט געווארין פון גאט צו משה און באלד פון משה צו די יודין. נאמן נאמן מיינט מען די תורה איז געזאגט געווארין פון גאט וואס ער איז נאמן (בגלויבט). אזוי ווי מיר זאגין אל מלך נאמן. צו משה וואס ער איז אויך נאמן (בגלויבט). אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט

האט

לצדיק. מהקב"ה שנקרא צדיק (תהלים קמ"ה) צדיק ה' בכל דרכיו. למשה שנקרא צדיק דכתיב (דברים לג) צדקת ה' עשה. מפה אל פה. מפיו של הקב"ה לפיו של משה. מכף לכף. מכף ידו של הקב"ה לכף ידו של משה. (מז) וסיימו אותן. ועמדו חכמים גדולים בישראל. וי"א ר' אליעזר ור' יהושע ור' עקיבא היו. וקראו עליהן (משלי כ) גם במעלליו יתנכר נער וגו' (מח) (באנכי דר' מאיר וכו'): (מז) (מט) ר' יודן בשם עקילוס אמר לזה נאה לקראו אלוה. בנוהג שבעולם מלך ב"ו מתקלס במדינה. ועדיין לא בנה לה (נ) דמוסיות. ועדיין לא בנה לה פריבטאות בתחילה מזכיר שמו ולבסוף (נא) קטיזמה שלו. ברם יחידו של עולם (נב) בתחילה פעל ולבסוף נתקלס. שמעון בן עזאי אומר (ש"ב ב) וענותך תרבני. ב"ו מזכיר שמו ואח"כ שבחו פלן (נג) אגוסטלי. פלן פראטאטא

## מתנות כהונה

למשה היה אומר לישראל כמו שדרשו חז"ל והאלהים יעננו בקול בקולו של משה שקולו היה הולך וחזק להשמיע הדבור לישראל: (מז) וסיימו אותן. החכמים שהיו באותו הדור היו מסמנים ומציינים אותם מי ומי הם: (מח) באנכי דר"מ וכו'. נראה שסוה ט"ס ובדוחק יש לפרשו שהיה כ"כ בס"ת על הגליון ובירושלמי דתענית גרס בספרו של ר"מ כתוב היה כתנות אור בא' אור בעד עור בחילוף אחה"ע כי האל"ף והעי"ן מתחלף וכן גבי י' הדברות היה כתוב תיבה או אות משונה ממה שכתוב בס"ת שלנו שמתוכו היה נלמד בהדיא דרש של ר' יודן דבסמוך: (מט) ר' יודן כו'. שאחר שספר בריאת העולם ועניין נפלאות דור המבול ודור הפלגה וכו'. עד משפט מצרים וירידת המן ובאר נתקלס לבסוף ואמר אנכי ה' אלהיך ומלא וכו'. מגומגם קצת: (נ) דימוסאות פריבטאות, מינו מרחצאות ותענוגות בני אדם: (נא) קטיזמא. שבחו: (נב) מתחילה פעל כו'. מוסב על ראשון ראשון לאמר שתחלה הקב"ה נתנהג לעילוי מדת מלך ב"ו שבתחלה מתקלס ואח"כ עושה צרכי המדינות ואח"כ מפרש שגם בהזכרת השם הוא הפוך ממדתו ומפיק ליה מקרא דוענותך תרבני: (נג) אגוסטלי

---

האט געזאגט בכל ביתי נאמן הוא. אין מיין גאנצין הויז (אין די גאנצע וועלט) איז משה בגלויבט. צדיק צדיק מיינט מען די תורה איז געזאגט געווארין פון גאט וואס ער איז א צדיק אזוי ווי עס שטייט אין פסוק צדיק ה' בכל דרכיו. צו משה וואס ער ווערט אויך גירופין צדיק. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק צדקת ה' עשה. משה האט גיטאהן אזעלכע פרומקייט ווי גאט. מפה לפה מיינט מען די תורה איז געזאגט געווארין פון די מויל פון גאט צו די מויל פון משה.. מכף לכף מיינט מען די תורה איז געגעבין געווארין פון די האנט פון גאט צו די האנט פון משה. און די חכמים האבין בצייכונט די קינדער מיט די נעמען מען זאל וויסען ווער זיי זענען. און די קינדער זענען געווארין גרויסע חכמים. אנדערע זאגין די קינדער זענען געוועזן רבי אליעזר און רבי יהושע און רבי עקיבא. און מען האט גילייענט אויף זיי דעם פסוק פון דעם וואס דער קינד טוהט אין דער יוגענד דער קענט מען וואס פון אים וועט זיין ווען ער וועט גרויס ווערין. באנכי. אין דעם מדרש פון רבי מאיר ווס ער הייבט זיך אן מיט דעם ווארט אנכי. שטייט אזוי: (מז) רבי יודן האט געזאגט פון עקילוס וועגין צו גאט איז שיין דער נאמען גאט. ווארום דער מנהג איז אין דער וועלט א מלך ברימט זיך מיט אזאך וואס ער האט דאס נאך גאר ניט. למשל ער ברימט זיך ער האט אמריגה. ער האט נאך ניט גימאכט אין די מדינה די זאכין וואס די מדינה דארף. למשל ער האט נאך ניט גימאכט קיין בעדער. ער האט נאך ניט גימאכט קיין הייזער צום פערגעניגען. און ער זאגט שוין איך בין דער מלך פון די מדינה. אבער גאט איז ניט אזוי. נאר פריער האט ער אלץ בשאפין. דער נאך רופט ער זיין נאמען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק בראשית ברא. צו ערשט האט ער אלץ בשאפין. דער נאך דער מאנט ער זיין נאמען אלהים. (די זעקס ווערטער "בתחלה מזכיר שמו ולבסוף קטיזמה שלו". דארפין ניט שטיין דא נאר ווייטער). און די פינף ווערטער "בראשית ברא ואחר כך אלהים" דארפין שטיין דא. שמעון בן עזאי זאגט דוד המלך האט געזאגט צו גאט וענותך תרבני. דיין נידעריגקייט טוהט מיך גרייסין. אמענטש (בתחלה מזכיר שמו ולבסוף קטיזמה שלו) דער מאנט פריער זיין נאמען דער נאך זיין לויב. מיט וואס ער איז גרעסער פאר אנדערע מענטשין. למשל מען זאגט אנטונינוס קיסר. אדער אנטונינוס גענעראל. אבער ביי גאט איז ניט אזוי. פריער האט ער בשאפין די וועלט און אלץ וואס די וועלט דארף. פון אדם הראשון ביז די יודין זענען ארויס גיגאנגען

פראטאטא. אבל הקב"ה אינו כן אלא (כד) משברא צורכי עולמו. אח"כ מזכיר שמו. בראשית ברא ואח"כ אלהים: (יז) תנא רשב"י מנין שלא יאמר אדם לה' עולה. לה' מנחה. לה שלמים. אלא עולה לה'. מנחה לה'. שלמים לה'. ת"ל קרבן לה'. והרי דברים ק"ו ומה אם מי שהוא עתיד להקדיש אמרה תורה לא (כה) יחול שם שמים להקריב. המחרפים והמגדפים והעובדים ע"ז עאכ"ו שימחו מן העולם: (יח) רבנן אמרין ב"ו בונה בנין בשעה שהבנין עולה בידו הוא מרחיב ועולה (כו) ואם לאו מרחיב מלמטה ומיצר מלמעלה. אבל הקב"ה אינו כן אלא את השמים שמים (כז) שעלו במחשבה ואת הארץ ארץ שעלתה במחשבה. ר' הונא בשם ר' אליעזר בנו של ריה"ג אומר אפ' אותן שכתוב בהן (ישעיה סה) כי הנני בורא שמים חדשים. כבר הן בראוין מששת מי בראשית, ההד (שם סו) כי כאשר השמים החדשים והארץ החדשה. הארץ חדשה

אין

## מתנות כהונה

פראסטאטא. מיני פרוות כן: (כד) משברא צרכי עולמו. מזכיר שברא צרכי עולמות שזהו שבחו וגדולתו ועצמותו. ים' שמו: (כה) יחול. פי' כמו יתחיל שלא יתחיל בהזכרת השם שמא יתחרט בסוף כדי דיבור מהקרבן או ישתתק ונמצא שהוציא ש"ש לבטלה ק"ו וכו': (כו) ואם לאו. שרוצה בהם ירחיב כך ויעלה לא יוכל לעמוד אחר בו מרחיב למטה ומיצר למעלה: (כז) שעלו במחשבה. ולא חזר בו מתחלתו כראשונה

---

פון מצרים. אונ די אלע נסים וואס גאט האט געטאהן צו די יודין ביז ער האט זיי געגעבין די תורה. אונ די גאנצע וועלט האבין שוין געזעהן די גרויסקייט פון גאט. דער נאך דעם האט ער איצט דער מאנט זיין נאמען אנכי ה' אלהיך. איך בין דיין גאט וואס האב דיך ארויס גינומען פון מצרים מיט אזוי פיל נסים אונ וואנדער: (יז) תנא. רבי שמעון בן יוחאי האט גילערנט פון וואנען ווייסין מיר אז א מענש טאר ניט זאגין לה' עולה לה' מנחה לה' שלמים. נאר ער מוז זאגין עולה לה' מנחה לה' שלמים לה'. שטייט אין פסוק קרבן לה'. פריער קרבן דער נאך לה'. מאראך דער וואס וויל ברייגגען א קרבן האט די תורה גיזאגט ער זאל ניט אן הייבין מיט דעם ווארט לה'. ווייל מיר האבין מורא טאמער ווי ער וועט ארויס רעדין דעם ווארט לה' וועט ער חרטה האבין פון דעם קרבן. אדער עס וועט אים אנטרעפין אסבה וואס ער וועט ניט קענען ווייטער זאגין. וועט ער דאך האבין דער מאנט דעם נאמען פון גאט אומזיסט. וועט ער געשטראפט ווערין. די וואס לעסטערין גאט אונ פאר שעמען אים. אונ די וואס דינען עבודה זרה וועלין געוויס געשטראפט ווערין אז זיי וועלין אפ געמעקט ווערין פון דער וועלט: (יח) די רבנן זאגין אז א מענטש באהט אהויז. אויב ער איז רייך מאכט ער די שטוב ברייט פון אונטען ביז ארויף הויבין. אונ אויב ער איז ניט רייך מאכט ער די שטוב אונטען ברייט אונ הויבין שמאהל. אונ אמאהל קען טרעפין ווען ער הט אנגיהויבין צו באהען איז ער גיוועזן רייך. האט ער גיטראכט צו באהען די שטוב ברייט פון אונטען ביז הויבין. דער נאך איז ער ארעם גיווארין קען ער שוין ניט באהען ברייט אזוי ווי ער האט גיטראכט צו באהען. אבער ביי גאט איז ניט אזוי דעם הימעל וואס ער הט גיטראכט צו מאכין. דעם האט ער גימאכט. אונ די ערד וואס ער האט גיטראכט צו מאכין. די הט ער גימאכט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק צו ערשט האט גאט בשאפין את השמים ואת הארץ, די הימעל אונ די ערד. וועלכע הימעל אונ וועלכע ערד. די זעלביגע וואס ער האט פריער גיטראכט צו מאכין די האט ער גימאכט. רב הונא האט גיזאגט פון רבי אליעזר בנו של ר' יוסי הגלילי ם ווענין. אפילו די הימלען אונ די ערד וואס ביי זיי שטייט איך וועל בשאפין נייע הימלען אונ אנייע ערד. די זענין אויך בשאפין גיווארין אין די ערשטע זעקס טעג. (מען מיינט אין די ערשטע זעקס טעג האט גאט גיטראכט אז אין זעקס טויזענד יאהר שפעטער זאל ער בשאפין נייע הימלען אונ אנייע ערד). אזוי ווי עס שטייט אין פסוק השמים החדשים והארץ החדשה. ווייל עס שטייט מיט ה'ין. החדשים. החדשה. מיינט מען וואס זענען שוין לאנג בערייט גיווארין עאט האט שוין לאנג אויף זיי גיטראכט צו

בעגייען

אכ"כ (נז) אלא החדשה: (יט) ר' ישמעאל שאל את ר' עקיבא א"ל בשביל ששמשת את נחום איש גם זו כ"ב שנה. אכין ורקין מיעוטין. אתין וגמין רבויין. הדין את דכתיב הכא מה הוא. א"ל אילו נאמר בראשית ברא אלהים שמים וארץ. היינו אומרים השמים והארץ אלוהות הן. א"ל (דברים לב) (נח) כי לא דבר רק הוא מכם. ואם רק הוא (נט) מכם. למה שאין אתם יודעים לדרוש. בשעה שאי אתם יגיעין בו. (ס) כי הוא הייכם. אימתי הוא חייכם בשעה שאתה יגיעין בו. אלא את השמים. לרבות חמה ולבנה ומזלות. ואת הארץ לרבות (ס) אילנות ודשאין וג"ע: (כ) ר' תנחומא משום ר' הונא אמר (שמות לח) ובצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה עשה את אשר צוה אותו משה לא נאמר. אלא את כל אשר צוה ה' את משה. אפי' דברים שלא שמע מפי רבו. הסכימה דעתו למה שנאמר למשה בסיני. ר' חונייא בשם ר' אמר (מלאכי ב) תורת אמת היתה בפיהו. אלו דברים ששמע מפי רבו. ורבנן אמרי (משלי ג) כי ה' יהיה בכסלך. אפי' דברים

## מתנות כהונה

הראשונה: (נז) אלא החדשה. עם ה"א הידיעה משמע דבר רק בתורה: (נט) מכם. מלדכם ובשבילכם: הרי בנבראת ככר וכן כמנים: (נח) כי לא דבר רק. אין (ס) אילנות ודשאים כו'. שכולם נבראו ביום ראשון ואח"כ

---

בעניינען זיי: (יט) רבי ישמעאל האט גיפרעגט ביי רבי עקיבא ווייל דו האסט בדינט נחום איש גם זו צוויי אונ צוואנציג יאהר אונ דו האסט גילערונט פון אים ווא עס שטייט אין די תורה דער ווארט אך אדער דער ווארט רק. מיינט מען ווייניגער צו מאכין פון ווי מען וואלט גימיינט. אונ ווא עס שטייט דער ווארט את אדער דער ווארט גם. מיינט מען צו מעהרין אויף ווי מען וואלט גימיינט. דער את וואס שטייט אין דעם פסוק בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ. וואס קומען די אתין צו מעהרין. האט רבי עקיבא גיענפערט די צוויי אתין פון דעם פסוק קומען גאר ניט צו מעהרין. נאר זיי מוזין שטיין. ווארום אז די אתין וואלטין ניט גישטאנען. נאר עס וואלט גישטאנען בראשית ברא אלהים שמים וארץ. וואלטין מיר זאגין אז אלהים שמים וארץ זענען נעמען פון גאטער. דריבער שטייט בראשית ברא אלהים. צו ערשט הט גאט בשאפין. וואס הט ער בשאפין. את השמים. די הימלען. ואת הארץ. אונ די ערד. האט רבי ישמעאל גיזאגט צו רבי עקיבא עס שטייט אין פסוק כי לא דבר רק הוא מכם. די תורה איז ניט קיין ליידיגע זאך פון אייך. אין די תורה איז ניטא אזאך וואס מען זאל איר ניט וויסען. אונ אויב זיא איז ליידיג. מען וויים ניט צו דרשנן. איז זיא נאר פון אייך ליידיג. איר ווייסט ניט צו דרשנן ווייל איר ווילט זיך ניט מאטערין אין די תורה צו וויסען איר. אבער די תורה איז אייער לעבין. ווען איז זיא אייער לעבין ווען איר מאטערט זיך אין איר צו פאר שטיין וואס אין איר שטייט. את השמים קומט צו לערנען אונז אז די זוהן אונ די לבנה אונ די מזלות זענען בשאפין גיווארין צו זאמען מיט דעם הימעל. ואת הארץ קומט צו לערנען אונז אז די בוימער אונ די גראז אונ דער גן עדן זענען בשאפין גיווארין צו זאמען מיט די ערד: (כ) רבי תנחומא האט גיזאגט פון רבי הונא ס ווענין עס שטייט אין פסוק בצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה האט גימאכין אלץ וואס גאט האט געבאטין צו משה. פאר וואס שטייט ניט בצלאל האט גימאכין אלץ וואס משה האט אים גיבאטין. נאר אפילו די זאכין וואס בצלאל האט ניט גיהערט פון זיין רבי משה. האט ער גיוואסט מיט רוח הקדש די זאכין וואס גאט האט גיזאגט צו משה. אונ משה הט אים ניט גיזאגט. אונ ער האט גימאכין אלץ וואס גאט האט גיבאטין צו משה. רבי חונייא האט גיזאגט פון רבי ס ווענין עס שטייט אין פסוק אויף אהרן תורת אמת היתה בפיהו. אין זיין מויל איז גיווען אמתה תורה. דאס מיינט מען די תורה וואס ער האט גיהערט פון זיין רבי משה. ועולה לא נמצא בשפתיו. אונ אומרעכט איז ניט גיפונען גיווארין אין זיינע לעפצין. דאס מיינט מען די תורה וואס ער האט ניט גיהערט פון משה נאר פון זיין איינענעם שכל. איז אויך אין זיי ניט גיפונען גיווארין קיין אומרעכט. די רבנן זאגין שלמה המלך

דברים (סא) שאתה כסיל בהן. ושמר רגלך מלכד. ר׳ דוסאי אמר מן (סב) ההוריה. ר׳ אבהו אמר (סג) מן העבירה. ר׳ לוי אמר מן המזיקין. אמר ר׳ אבדימוס (סד) אם נתת מכיסך צדקה. הקב״ה הוא משמרך מן (סה) הפיסין ומן הזמיונות מן הגולגלאות ומן הארנונות: (כא) ב״ש וב״ה. ב״ש אומרים השמים נבראו תחלה (סו) ואח״כ נבראת הארץ. וב״ה אומרים הארץ נבראת תחלה ואח״כ השמים. אלו מביאין טעם לדבריהם. ואלו מביאין טעם לדבריהם. על דעתיהון דב״ש דאינון אמרין השמים נבראו תחלה ואח״כ הארץ. משל למלך שעשה לו כסא ומשעשאו עשה (סז) איפיפורין שלו. כך אמר הקב״ה (ישעיה סו) השמים כסאי והארץ הדום רגלי וגו׳. ועל דעתיהון דב״ה דאינון אמרין הארץ נבראת תחלה ואח״כ השמים. משל למלך שבנה פלטין משבנה את התחתונים. אח״כ בנה את העליונים. כך ביום עשות ה׳ אלהים ארץ ושמים. א״ר יהודה בר אלעאי אף דין קרא מסייע לב״ה (תהלים קב) לפנים הארץ יסדת. ואח״כ ומעשה ידיך שמים. א״ר חנין ממקום שהמקרא מסייע לב״ש. משם ב״ה (סח) מסלקין אותו. והארץ היתה. כבר היתה. ר׳ יוחנן בשם חכמים אמר לבריאה שמים קדמו ולשכלול הארץ קדמה. א״ר תנחומא (סט) א״א אמרי טעמא. לבריאה השמים קדמו שנא׳
בראשית

## מתנות כהונה

כל א׳ וא׳ יצא בזמנו: (סא) שאתה כסיל בהם. יהיה הקב״ה בעזרך ויאיר עיניך בהם ולא תכשל: (סב) ההוריה. שלא יורה הוראות עד שהגיע לכלל זה: (סג) מן העבירה. על דרך הבא לטהר מסייעין אותו: (סד) אם נתת מכיסך כו׳. קרי ביה כי ה׳ יהיה בכיסך אם תתן צדקה מכיסך לשם ה׳ וכו׳: (סה) הפיסין וכו׳. מיני מסים הן מן הקרקעות ומטלטלין וגלגולת והגב דמייתי דברי רבי תנחומא כו׳ לסורות שאם רק הוא מכח הוא מסייע ביה כולה מלתא כדכתיב בירושלמי: (סו) ה״ג. ואח״כ הארץ שנאמר בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ: (סז) אפיפורין. ברפרף כסא שמשימין תחת רגלי המלכים בשעה שיושבין על הכסא: (סח) מסלקין אותו. דומין דברי ב״ה: (סט) אנא אמרי טעמא.

---

המלך האט געזאגט כי ה׳ יהיה בכסלך. גאט וועט זיין אין דיינע נארישקייט. דאס מיינט מען אפילו די זאכין וואס דו ביזט אנאר צו זיי. וואס דו קענסט ניט פארשטיין מיט דיין שכל. וועט דיר גאט העלפין דו זאלסט זיי יא פארשטיין. אונ גאט וועט היטען דיינע פיס דו זאלסט ניט בצוואנגען ווערין. רבי דוסאי זאגט דו זאלסט ניט בצוואנגען ווערין צו פסקנ׳ן פאלש. רבי אבהו זאגט דו זאלסט ניט בצוואנגען ווערין צו טאהן אעבירה. רבי לוי זאגט דו זאלסט ניט בצוואנגען ווערין אין די הענט פון די מזיקין. רבי אבדימוס האט געזאגט אויב דו האסט געגעבין צדקה פון דיין בייטיל. פון דיינע אייגענע געלד. וועט דיך גאט היטען פון פיסין (פעלדער פאראטקעס) אונ פון הזמיונות (האנדיל פאראטקעס) אונ פון גולגלאות (מענטשין פאראטקעס) אונ פון ארנוניות (בהמות פאראטקעס): (כא) בית שמאי אונ בית הלל קריגען. בית שמאי זאגין פריער איז בשאפין געווארין די הימעל דער נאך די ערד. אונ בית הלל זאגין פריער איז בשאפין געווארין די ערד דער נאך דער הימעל. בית שמאי זאגין אטעם צו זייערע רייד. אונ בית הלל זאגין אטעם צו זייערע רייד. אויף דעם מיינונג פון בית שמאי וואס זיי זאגין די הימעל איז פריער בשאפין געווארין דער נאך די ערד. דאס איז גלייך צו אמלך וואס ער האט געמאכט פאר זיך אשטוהל. אונ ווי די שטוהל איז פערטיג געווארין האט ער געמאכט אפוסין בייגקיל. אזוי האט געזאגט גאט דער הימעל איז מיין שטוהל אונ די ערד איז מיין פוסין בייגקעל. אונ אויף דעם מיינונג פון בית הלל וואס זיי זאגין די ערד איז פריער בשאפין געווארין דער נאך דער הימעל. דאס איז גלייך צו אמלך וואס ער האט געבאהט אפאלאכט פריער האט ער די אונטערשטע שטובין אונ אויף זיי באהט ער די אובערשטע שטובין. אזוי איז געווען ביי גאט אין דעם טאג וואס ער האט געמאכט די וועלט האט ער פריער געמאכט די ערד דער נאך דעם הימעל. רבי יהודה בר אלעאי זאגט פון דעם פסוק איז אויך אבעווייזונג אז עס איז ווי בית הלל זאגט. דוד המלך האט געזאגט לפנים הארץ יסדת. פריער האסטו געגרינדעט די ערד. ואחר כך ומעשה ידיך שמים. דער נאך האבין דיינע הענט געמאכט די הימלען. רבי חנין האט געזאגט דעם פסוק וואס בית שמאי געמען אבעווייזונג צו זייערע רייד. ווייל עס שטייט את השמים ואת

הארץ

בראשית ברא אלהים. ולשכלול הארץ קדמה שנא' (ע) ביום עשות ה' אלהים ארץ ושמים. ארשב"י תמוה אני היאך נחלקו אבות העולם ב"ש וב"ה על בריית שמים וארץ. אלא שאני אומר שניהם לא נבראו אלא (עא) כאלפס וכסויה שנא' (ישעיה מח) קורא אני אליהם יעמדו יחדיו. א"ר אלעזר ב"ר שמעון (עב) אם כדעת אבא. למה פעמים שהוא מקדים ארץ לשמים. ופעמים שהוא מקדים שמים לארץ. אלא מלמד ששניהן שקולין זה כזה. בכ"מ הוא מקדים אברהם ליצחק ויעקב. ובמ"א הוא אומר (ויקרא כו) וזכרתי את בריתי יעקב וגו'. מלמד ששלשתן שקולין זה כזה. בכל מקום הוא מקדים משה לאהרן. ובמקום אחד הוא אומר (שמות ו) הוא אהרן ומשה. מלמד ששניהן שקולין זה כזה. בכ"מ הוא מקדים יהושע לכלב. ובמקום אחד ה"א (במדבר לב) כי אם כלב בן יפונה הקנזי ויהושע בן נון. מגיד ששניהם שקולין זה כזה. בכ"מ הוא מקדים תורין לבני יונה. ובמקום אחד הוא אומר (ויקרא יב) ובן יונה או תור לחטאת. מגיד ששניהם שקולין זה כזה. בכ"מ הוא מקדים כיבוד אב לאם. ובמקום אחד הוא אומר (שם יט) איש

## מתנות כהונה

לדברי ר' יוחנן: (ע) ביום עשות וגו'. דייק מדכתיב קודם זה ויכולו השמים וגו' וסמיך ליה אלה תולדות השמים והארץ ביום עשות ה' וגו'. פי' ויכלו נשתכלל הוי שהארץ נשתכללה תחלה: (עא) כאלפס וכסויה. שהאומן עושה אותה בבת אחת: (עב) ה"ג בירושלמי אם כדעת שאמר אבא פעמים כו' פירושו הכיאה מה שפעמים מקדים זה לזה להגיד ששניהן

הארץ. איז פריער די הימעל דער נאך די ערד. פון דארט ווייזן בית הלל אז עס איז ווי זיי זאגן. אונ זיי שטיצן אף די רייד פון בית שמאי. ווארום עס שטייט והארץ היתה תוהו ובוהו. צו וואס שטייט דער ווארט היתה. עס האט געקענט שטיין והארץ תוהו ובוהו. נאר דער פסוק מיינט די ערד איז געוועזן תוהו ובוהו איידער די הימעל איז בשאפין געווארין. רבי יוחנן זאגט פון די חכמים ס וועגין די הימלען זענען פריער בשאפין געווארין. נאר צום תכלית פון דער וועלט איז פריער געוועזן די ערד. די ערד האט ארויס געגעבין פון זיך אלע ערליי גראזין אונ בוימער דינסטאג. אונ די הימעל האט ארויס געגעבין די זונן אונ די לבנה מיט די שטערין מיטוואך. רבי תנחומא האט געזאגט איך וועל דיר זאגין אבעווייזונג אז עס איז אזוי. צום בעשאפונג זענען געוועזן די הימלען פריער ווי די ערד. ווארום עס שטייט אין פסוק בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ. צו ערשט האט גאט בעשאפין די הימלען דער נאך די ערד. צום תכלית איז געוועזן די ערד פריער אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ביום עשות ה' אלהים ארץ ושמים. אין דעם טאג פון טאהן. וואס די ערד האט געדארפט אנהייבין צו טאהן איר זאך אונ די הימעל איר זאך. האט פריער אנגיהויבין די ערד צו טאהן דער נאך דער הימעל. רבי שמעון בן יוחאי זאגט עס וואנדערט מיך אויף אזעלכע תנאים ווי בית שמאי אונ בית הלל זאלין קריגען וועלכעס איז פריער בשאפין געווארין. די הימעל צו די ערד. איך זאג ביידע זענען בשאפין געווארין צו זאמען. אזוי ווי דער בעל מלאכה מאכט אין אפארעם אטאפ מיט דעם צודעק. ביידע צו זאמען. דער נאך טיילט ער אפ איינס פון דאס אנדערע. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט איך רוף צו זיי (צו די הימעל אונ די ערד) זייא זאלין שטיין ביידע צו זאמען מיט איין מאהל. רבי אלעזר ברבי שמעון האט געזאגט אויב עס איז ווי מיין פאטער האט געזאגט אז די הימעל אונ די ערד זענען בשאפין געווארין צו זאמען. איז רעכט פאר וואס אמאהל שטייט פריער די ערד דער נאך דער הימעל. אונ אמאהל שטייט די הימעל דער נאך די ערד. צו לערנען אונז אז זיי זענען ביידע גלייך בשאפין געווארין. אין די גאנצע תורה שטייט אברהם יצחק יעקב. אונ אין איין ארט שטייט יעקב יצחק אברהם. צו לערנען אונז אז אלע דריי זענען גלייך. עס איז ניט איינער גרעסער פאר דעם אנדערין. אין די גאנצע תורה שטייט משה פריער ווי אהרן. אונ אויף איין ארט שטייט אהרן פריער ווי משה. צו לערנען אונז אז זיי זענען ביידע גלייך ביי גאט. אין די גאנצע תורה שטייט יהושע

פריער

איש אמו ואביו תיראו. מגיד ששניהם שקולין זה כזה. אבל אמרו חכמים האב קודם לאם. מפני שהוא ואמו חייבין בכבוד אביו. בכ"מ הוא מקדים בריית שמים לארץ. ובמקום אחד הוא אומר ביום עשות ה אלהים ארץ ושמים. מגיד ששניהם שקוליי זה כזה:

**פרשה ב** (א) והארץ היתה תהו ובהו. ר' ברכיה פתח (משלי כ) גם במעלליו יתנכר נער. אמר ר' ברכיה (א) עד דהיא פגה אפיקת כובייא. הוא מה שהנביא עתיד להנבאות עליה בסוף (ירמיה ד) ראיתי את הארץ והנה תהו ובהו: (ב) ר אבהו ור' יהודה בר סימון. ר' אבהו אמר משל למלך שקנה לו שני עבדים שניהם (ב) באוני אחת. (ג) ובטימי אחת. על אחד גזר שיהא ניזון (ד) מטמיון. ועל א' גזר שיהא יגע ואוכל. (ה) ישב לו אותו תוהא ובוהא. אמר שנינו באוני אחת ובטימי אחת. זה ניזון מטמיון

## מתנות כהונה

שקולין כאחד ושניהם כאחד נבראו: (א) עד דהיא פגה כו'. משל הוא על האוטד בעוד שהיה עדיין רכה שלא הגדילה כל צרכה הנאים קוצים כך בתחילת בריית הארץ גילה הכתוב מה יפה נבואה: (ב) אוני. שטר מכירה: (ג) ובטימי. באוצר כלומר דמי שוין: (ד) מטמיון. מתוך אוצר המלך: (ה) ישב לו. אותו שנגזר עליו שייגע והפרנס מעמלו:

---

פריער ווי כלב. און אויף איין ארט שטייט כלב פריער ווי יהושע. צו לערנען אונז אז זיי זענען ביידע גלייך ביי גאט. אין די גאנצע תורה שטייט תורים פריער ווי בני יונה (תורים איז אלטע טאהבין. בני יונה איז יונגע טאהבין). און אויף איין ארט שטייט בני יונה פריער ווי תורים. צו לערנען אונז אז זיי זענען ביידע גלייך. אז מען ברייננט א קרבן פון יונגע טאהבין אדער פון אלטע טאהבין איז ביי גאט ביידע גלייך. אין די גאנצע תורה שטייט דער פאטער פריער ווי די מוטער. עס שטייט אין פסוק כבד את אביך ואת אמך. זאלסט געבין כבוד צו דיין פאטער פריער ווי צו דיין מוטער. און אויף איין ארט שטייט די מוטער פריער ווי דער פאטער. עס שטייט אין פסוק איש אמו ואביו תיראו. מען זאל מורא האבין פאר די מוטער און פאר דעם פאטער. צו לערנען אונז אז זיי זענען ביידע גלייך. נאר די חכמים האבין געזאגט מען זאל געבין כבוד דעם פאטער פריער ווי די מוטער. ווייל דער זוהן און די מוטער זענען ביידע מחויב צו געבין כבוד צום פאטער. ווארום א ווייב איז מחויב צו געבין כבוד צו איר מאן. אין די גאנצע תורה שטייט דאס בעשאפונג פון די הימעל פריער ווי די ערד. און אויף איין ארט שטייט די בעשאפונג פון די ערד פריער ווי די הימעל צו לערנען אונז אז זיי זענען ביידע גלייך מיט איין מאהל בעשאפין געווארין:

**פרשה ב** (א) והארץ היתה תהו ובהו. רבי ברכיה האט אנגיהויבין מיט דעם פסוק. פון די זאכין וואס דאס קינד טוהט אין זיין יוגענד. דער קענט מען וואס מיט אים וועט זיין שפעטער אז ער וועט גרויס ווערין. (אויב ער האנדילט ערליך מיט זיינע חברים ער גנבת ניט ער האט רחמנות. אז ער וועט גרויס ווערין וועט ער אויך אזוי זיין. און אויב ער האט קינד ווייז שלעכטע מדות וועט ער גרויס ווערין אויך מיט די שלעכטע מדות). רבי ברכיה האט געזאגט אז ווען דער בוים איז יונג וואקסט אויף אים דערנער. אז ער וועט גרויס ווערין וועט אויך אויף אים וואקסין דערנער. אזוי ווי די ערד איז געווען וויסט אין אנהייב ווען זיא איז בשאפין געווארין. אזוי איז זיא אנגיבריט שפעטער אויך וויסט צו ווערין. ווען די יודין וועלין זינדיגען. דאס איז וואס דער נביא וועט אויף איר נביאות זאגין איך האב געזעהן די ערד און זיא איז תוהו ובוהו: (ב) רבי אבהו און רבי יהודה ברבי סימון האבין געזאגט צוויי משלים. רבי אבהו האט געזאגט דאס איז גלייך צו א מלך וואס ער האט געקויפט צוויי קנעכט מיט איין מאהל. און די ביידע קנעכט זענען געקויפט געווארין מיט איין שטר מכירה (פאר קויף צעטל). און זיי האבין ביידע געקאסט גלייכע געלט. עס איז נישט געווען איינער טייערער פון דעם אנדערין. אויף איין קנעכט האט דער מלך גוזר געווען ער זאל ניט ארבעטין און ער זאל געשפייזט ווערין פון דעם מלך'ס אוצר. און אויף דעם אנדערין

קנעכט

בטמיון ואני אם איני יגע איני אוכל. כך ישבה הארץ תוהא ובוהא. אמרה העליונים והתחתונים נבראו בבת אחת. העליונים ניזונים מזיו השכינה. והתחתונים אם אינם יגעים אינם אוכלים. ור' יהודה ב"ר סימון אמר משל למלך שקנה לו שתי שפחות שתיהן באוני אחת. ובטימי אחת. על אחת גזר שלא תזוז מפלטין. ועל אחת גזר (ו) טירודין. ישבה לה אותה השפחה תוהא ובוהא. אמרה שנינו באוני אחת ובטימי אחת. זו אינה יוצאה וזזה מפלטין. ועלי גזר טירודין. כך ישבה לה הארץ תוהא ובוהא. אמרה העליונים והתחתונים נבראו בבת אחת העליונים חיים. והתחתונים מתים. לפיכך והארץ היתה תהו ובהו: (ג) א"ר תנחומא לבן מלך שהיה ישן על גבי עריסה. והיתה מניקתו תוהא ובוהא. למה שהיתה יודעת שהיא עתידה ליטול את שלה מתחת ידיו. כך צפתה הארץ שהיא עתידה (ז) ליטול את שלה מתחת ידיו של אדם שנא' ארורה האדמה בעבורך.

לפיכך

## מתנות כהונה

(ו) טירודין. להיות נע ונד ונטרד: (ז) ליטול את שלה.

קנעכט האט דער מלך גוזר געוועזן ער זאל ארבעטן אונ פארדינען וועט ער האבן צו עסן. איז דער אנדערער קנעכט געזעסן אונ האט זיך געוואונדערט אונ זאגט מיר זענען ביידע גלייך גיקויפט געווארין אונ מיט איין שטר מכירה. אונ מיר קאסטין ביידע גלייכע געלט. פאר וואס זאל ער נאר ניט ארבעטין אונ מען גיט אים עסין. אונ איך אז איך וועל ניט ארבעטין וועל איך ניט האבין צו עסין. אזוי האט די ערד זיך אויך גיוואונדערט אונ האט גיזאגט איך אונ אלע מענטשין וואס אויף מיר זענען דא אונ דער הימעל אונ אלע מלאכים וואס אויף דעם הימעל. זענען מיר צו זאמען מיט איין מאהל בשאפין גיווארין. פאר וואס אלע וואס זענען אויף דעם הימעל ארבעטין ניט אונ ווערין גישפייזט אונ געזעטיגט פון די לויטערקייט פון גאט. אונ אלע בשעפעניש פון די ערד אז זיי ארבעטין ניט האבין זיי ניט צו עסין. דאס מיינט דער פסוק והארץ היתה תוהו ובוהו. די ערד האט זיך גיוואונדערט אויף אירע וויסטקייט. רבי יהודה ברבי סימון האט גיזאגט איין אנדער משל. א מלך האט אמאהל גיקויפט צוויי דינסטען מיט איין מאהל אונ מיט איין שטר מכירה (פאר קויף צעטל) אונ ער האט גיגעבין פאר ביידע גלייכע געלד. אויף איינע האט דער מלך גוזר גיוועזן זיא זאל ניט ארויס גיין פון זיין פאלאסט אונ אויף די אנדערע האט ער גוזר גיוועזן זיא זאל פארטריבען ווערין פון זיין פאלאסט. האט די אנדערע דינסט זיך גיוואונדערט אונ האט גיזאגט מיר זענען ביידע צו זאמען גיקויפט גיווארין אונ מיט איין שטר מכירה אונ פאר איינע ערלייא געלט פאר וואס אויף איר האט דער מלך גוזר גיוועזן זיא זאל זיצען אין זיין פאלאסט. אונ אויף מיר האט ער גוזר גיוועזן איך זאל פארטריבען ווערין פון זיין פאלאסט. אזוי האט זיך די ערד גיוואונדערט איך אונ אלע בשעפעניש וואס אויף מיר אונ די הימעל מיט אירע בשעפעניש זענען גלייך צו זאמען בשאפין גיווארין פאר וואס אלץ וואס אויף דעם הימעל לעבין אייביג אונ זענען אייביג אין דעם פאלאסט פון גאט. אונ אלץ וואס אויף די ערד שטארבט אונ ווערין פארטריבען פון די ערד. דאס מיינט מען והארץ היתה תוהו ובוהו. די ערד הט זיך גיוואונדערט פאר וואס זיא דארף בלייבין ליידיג פון אירע אי' וואהנער: (ג) רבי תנחומא זאגט איין אנדער משל. דאס קינד פון מלך איז אמאהל גישלאפין אין זיין וויגעלע. אונ די אם זיינע וואס האט אים גיזויגן איז גיזעסין נעבין אים אונ האט זיך גיוואונדערט אונ גיזארגט. ווייל דאס הארץ האט איר גיזאגט אז זיא וועט אמאהל נעמען איר שטראף פון זיין האנט. אזוי האט די ערד גיזעהן אז זיא וועט אמאהל גישטראפט ווערין דורך דעם מענטש וואס דער מענטש ווערט גישפייזט פון דיא ערד). אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו אדם די ערד וועט זיין פארפלוכט פון דיינעטוועגין. דריבער איז והארץ היתה תוהו ובוהו. די ערד האט זיך גיוואונדערט פאר וואס זיא וועט אמאהל גישטראפט ווערין דורך דעם מענטש: (ד) רבי יהודה בר סימון האט גיזאגט אז דער

פסוק

לפיכך והארץ היתה תהו ובהו: (ד) ר' יהודה בר סימון פתח קריא בדורות. והארץ היתה תהו. זה אדה"ר שהיה (ח) ללמה ולא כלום. ובהו. זה קין שבקש להחזיר את העולם לתהו ובהו. וחשך. זה דורו של אנוש על שם (ישעיה כט) והיה במחשך מעשיהם ויאמרו מי וגו'. על פני תהום. זה דור המבול שנאמר (בראשית ז) ביום הזה נבקעו כל מעינות תהום. ורוח אלהים מרחפת על פני המים. על שם ויעבר אלהים רוח על הארץ. אמר הקב"ה עד מתי יהא העולם מתנהג באפילה. תבוא האורה. ויאמר אלהים יהי אור. זה אברהם. הה"ד (ישעיה מא) מי העיר ממזרח צדק וגו'. אל תקרא העיר אלא האיר. ויקרא אלהים לאור יום. (ט) זה יעקב. ולחשך קרא לילה. זה עשו. ויהי ערב. זה עשו. ויהי בקר. זה יעקב. ויהי ערב. (י) ערבו של עשו. ויהי בקר. בקרו של יעקב. יום אחד. שנא' (זכריה יד) והיה יום אחד הוא יודע לה' לא יום ולא לילה וגו'

## מתנות כהונה

פונם וגזר דין: (ח) ללמה. לכלל ולחוזו כי תוכו המה ת"י למה וכן ככל ת"א לגה: (ט) זה יעקב. כמו שדרשו וזהו השמש והירח וגו' אמר יעקב מי גילה לזה שאני שמש שנא' כי בא השמש מלאכי הסרת אומרים אתה שמחה: (י) ערבו.

פסוק שמועסט פון די דורות וואס וועלין גיבארין ווערין פון אדם הראשון אונ ווייטער. והארץ היתה תהו ובהו דאס מיינט מען אדם הראשון וואס ער איז בשאפין גיווארין פון די ערד. אונ ער איז גיווארין וויסט אונ איז אוועק גיגאנגען פון דער וועלט מיט גאר ניישט. אפילו איין טאג אנאנצין איז ער אויך ניט גיוועזן אין גן עדן. ובהו מיינט מען קין. ווייל ער האט גיוואלט די ערד זאל צוריק וויסט ווערין דריבער האט ער גיהרגעט זיין ברודער. אונ ער מיט זיין פאטער וועלין אויך שטארבין וועט די וועלט בלייבין וויסט. וחשך מיינט מען דעם דור פון אנוש. ווייל זיי זענען גיוועזן רשעים. אונ ביי רשעים שטייט זיי טוהען זייערע זאכין אין דער פינסטער קיינער זאל ניט זעהן. על פני תהום דאס מיינט מען דעם דור וואס אויף זיי איז גיקומען דער מבול. ביי דעם מבול שטייט אין דעם טאג זענען צו שפאלטין גיווארין כל מעינות תהום. אלע קוואלין פון דעם אבגרונד. ורוח אלהים מרחפת על פני המים. אונ דער ווינט פון גאט האט גישוועבט אויף די וואסער. דאס מיינט מען דער ווינט פון גאט וואס האט גישוועבט אויף דעם וואסער פון מבול אונ די וואסער האט אנגיהויבין צוריק אריין צו גיין אין אבגרונד. האט גאט גיזאגט ביז ווי לאנג וועט זיין די וועלט אזוי פינסטער. עס וועלין נאך זיין אויף איר רשעים. עס איז שוין צייט אליכטיגקייט זאל קומען. עס זאל קומען א צדיק אויף דער וועלט. האט גאט גיזאגט עס זאל ווערין ליכטיג דאס מיינט מען אברהם זאל קומען אויף דער וועלט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מי העיר ממזרח צדק. זאלסט ניט לייענען העיר (מיט א עיין) נאר זאלסט לייענען האיר (מיט אן אלף). אברהם וואס ער איז פון מזרח זייט זאל ער קומען לייכטין אויף דער וועלט. גאט האט גירופין צו די ליכטיגקייט טאג. דאס מיינט מען יעקב. צו די פינסטערניש האט ער גירופין נאכט דאס מיינט מען עשו. עס איז גיוועזן נאכט. דאס מיינט מען עשו. וואס ער גיוועלטיגט אויף די וועלט וואס זיא איז גלייך צו די נאכט. אונ עס איז גיווארין טאג. דאס מיינט מען יעקב. וואס ער גיוועלטיגט אויף עולם הבא וואס עס איז אין גאנצין ליכטיג. נאך ווערט גידרשת דער פסוק עס איז גיווארין נאכט דאס מיינט מען עשו. ווען זיין מלוכה וועט זיך אויסלאזין וועט אים פינסטער ווערין. אונ עס איז גיווארין טאג. דאס מיינט מען יעקב. ווען די מלוכה פון עשו וועט זיך אויסלאזין וועט זיך אנהייבין די מלוכה פון יעקב אונ עס וועט אים אנהייבין ליכטיג צו ווערין. דאס וועט זיין אין איין טאג. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אונ עס וועט זיין איין טאג דער טאג איז בעוואוסט צו גאט ווען ער וועט זיין. עס וועט ניט זיין טאג אונ ניט נאכט. נאר עס וועט זיין אליכטיגקייט פון גאט. דאס מיינט מען דעם טאג וואס משיח וועט קומען אונ די מלוכה פון יעקב וועט אנהייבין. אנדערע זאגין דעם איין טאג מיינט מען יום כפור. וואס גאט האט גיגעבין דעם טאג צו יעקב מכפר זיין

וגו'. ד"א יום אחד. שנתן לו הקב"ה. ואי זה זה יום הכפורים: (ה) ר"ש ב"ל פתר קריא במלכיות. והארץ היתה תהו. זו מלכות בבל. שנא' (ירמיה יד) ראיתי את הארץ והנה תהו. ובהו. זו מלכות מדי. שנאמר (אסתר ו) (יח) ויבהילו להביא את המן. וחשך זו מלכות יון. שהחשיכה עיניהן של ישראל בגזירותיהן. שהיתה אומרת להם. כתבו על קרן השור שאין לכם חלק באלהי ישראל. על פני תהום. זו מלכות רומי. שאין לה חקר כמו התהום. מה התהום הזה אין לו חקר (יג) אף הרשעים כן. ורוח אלהים מרחפת. זה רוחו של מלך המשיח. היאך מד"א (ישעיה יא) ונחה עליו רוח ה'. באיזו זכות (יג) ממשמשת ובאה. המרחפת על פני המים. בזכות התשובה שנמשלה כמים. שנא' (איכה ב) שפכי כמים לבך: (ו) ר' חגי בשם ר' פדת אמר ברית כרותה למים שאפי' בשעת שרב (יד) רוחה שייפה. וכבר היה ר"ש בן זומא יושב ותוהא. עבר ר' יהושע ושאל בשלומו פעם ושתים ולא השיבו. בשלישית השיבו בבהילות. א"ל בן זומא מאין הרגלים. א"ל מעיין הייתי. א"ל מעיד אני עלי שמים וארץ שאיני זז מכאן עד שתודיעני (טו) מאין הרגלים. א"ל

מסתכל

## מתנות כהונה

לעתיד לבא: יוה"כ. יום סליחה לישראל: (יח) ויבהילו. מהלי: (יג) כמשמשת. לשו' מקרבת ורוחפת ובא' בגאולה: בהו ובהלה אחת היא: (יג) אף הרשעים. דרך כינוי כלפי (יד) רוחה שיפה. אפי' כשהוא גדול בעולם הרוח נשבת מלכות רומי אלא היה חקר לגדולתה והיתה מתגברת והולכת יותר ע"ג המים. שייפה מלשון נשפה: (טו) מאין הרגלים. בפ'

---

זיינע עבירות: (ה) רבי שמעון בן לקיש האט געזאגט דער פסוק שמועסט פון די מלכים וואס די יודען וועלען זיין ביי זיי אין גלות. והארץ היתה תהו דאס מיינט מען די מלוכה פון בבל. אזוי ווי ירמיה הנביא האט געזאגט אויף דעם גלות בבל איך האב געזעהן די ערד אונ זיא איז וויסט. ובהו מיינט מען די מלוכה פון מדי. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ויבהילו להביא את המן. ויבהילו איז טייטש דער שרעקין. אונ בוהו איז אויך דער טייטש שרעקין. תהו ובהו. מען ווערט דער שראקין פון די היסטקייט. חושך מיינט מען די מלוכה פון יון. ווייל זיא האט פארפינסטערט די אויגין פון די יודין מיט זייערע גזירות. זיי האבין געזאגט צו די יודין שרייבט אויף דעם הארין פון אאקס אז איר האט ניט קיין חלק אין דעם יודישען גאט. זיי זאלין זאגין אז פון דער צייט וואס זיי האבין געמאכט דעם עגל האבין זיי שוין ניט קיין חלק אין גאט. על פני תהום מיינט מען די מלוכה פון רום. זיי האבין ניט קיין פארשונג אזוי ווי דער אבגרונד. אזוי ווי מען קען ניט דערפארשין די טיף ביז צום אבגרונד. אזוי קען מען ניט דער פארשין וואס אין די הארץ פון די רשעים איז. ורוח אלהים מרחפת מיינט מען די נשמה פון מלך המשיח. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ונחה עליו רוח ה'. עס וועט רוהען אויף משיח רוח ה' א נשמה פון גאט. דורך וועלכין זכות וועט קומען די נשמה צו משיח אפילו פאר דער צייט. המרחפת על פני המים. זי וועט קומען צו שוועבין ווען יודין וועלין טאהן תשובה. וואס תשובה איז געגליכען צו וואסער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק שפכי כמים לבך. דו זאלסט פארגיסען דיין הארץ פאר גאט אזוי ווי וואסער: (ו) רבי חגי האט געזאגט פון רבי פדת ווענין גאט האט כורת ברית געווען (צו געזאגט) מיט די וואסער אפילו ווען עס וועט זיין א היץ זאל בלאזין א ווינט אויף דעם וואסער. די וואסער זאל ניט קאליע ווערין פון די היץ. רבי שמעון בן זומא איז אמאהל געזעסין אונ האט געטראכט. איז פאר ביי געגאנגען רבי יהושע אונ האט געזאגט צו רבי שמעון גוט מארגין. איין מאהל אונ נאך אמאהל אונ רבי שמעון האט אים ניט געענטפערט. האט רבי יהושע געזאגט צו רבי שמעון א דריטען מאהל גוט מארגין. האט רבי שמעון אים געענטפערט. אבער מיט געשווינדקייט. האט רבי יהושע געזאגט צו רבי שמעון פון וועלכע זאך האסטו געטראכט. האט רבי שמעון געענטפערט איך האב געטראכט. (אונ ער האט ניט געוואלט זאגין וואס ער האט געטראכט) האט רבי יהושע געזאגט איך נעם אויף מיר עדות די הימעל אונ די ערד אז איך וועל ניט אוועק גיין פון דאנען ביז דו וועסט מיר זאגין וואס דו האסט געטראכט. האט רבי שמעון געזאגט צו רבי יהושע איך האב געקוקט אין די בשאפונג פון דער וועלט. אונ

איך

מסתכל הייתי במעשה בראשית. ולא היה בין מים העליונים למים התחתונים אלא כשתים ושלש אצבעות. ורוח אלהים מנשבת אכ"כ אלא מרחפת. כעוף הזה שהוא מרפרף בכנפיו וכנפיו נוגעות ואינן נוגעות. נהפך ר' יהושע ואמר לתלמידיו. (טז) הלך לו בן זומא. ולא שהו ימים מועטים ובן זומא (יז) בעולם: (ז) ר' אבהו ור' חייא רבה. ר' אבהו אמר מתחילת ברייתו של עולם צפה הקב"ה במעשיהן של צדיקים ובמעשיהן של רשעים. הה"ד (תהלים א) כי יודע ה' דרך צדיקים וגו'. והארץ היתה תהו ובהו. אלו מעשיהן של רשעים. ויאמר אלהים יהי אור. אלו מעשיהן של צדיקים. אבל איני יודע באי זה מהם חפץ. אם במעשה אלו. ואם במעשה אלו. כיון דכתיב וירא אלהים את האור כי טוב. הוי במעשיהן של צדיקים חפץ. ואינו חפץ במעשיהן של רשעים. א"ר חייא רבה מתחלת ברייתו של עולם צפה הקב"ה בהמ"ק בנוי. וחרב. ובנוי. בראשית ברא אלהים. הרי בנוי. היך מד"א (ישעיה נא) לנטוע שמים וליסוד ארץ וגו'. והארץ היתה תהו ובהו.
הרי

## מתנות כהונה

אין דורשין גרס מאין לאין ופירש"י מאין תנא והיכן לכך לו. מעולם שמעמיק מאוד לסתכל במעשה מרכבה: טרוד: רגלים. כלומר פעמי מהתבונתך: (טז) כלך (יז) בעולם. כעה"כ שכבר מת והכי איתא בירושלמי (פ"ב

איך האב געזעהן אז די וואסער וואס איבער דעם הימעל ווס זיי רינגלען ארום דעם גאנצין הימעל. אונ די וואסער ווס רינגלען ארום די ערד. ווא די וואסערין לאזין זיך אוים. קומען צו זאמען די ביידע ערליי וואסערין די אויבערשטע אונ די אונטערשטע. אונ פון די אויבערשטע וואסער ביז צו די אונטערשטע וואסער איז נאר ווייט צוויי אדער דריי פינגער. ווארום עס שטייט ניט אין פסוק ורוח אלהים מנשבת. אז דער ווינט פון גאט האט געבלאזין (אזוי ווי רבי חני זאגט). נאר עס שטייט מרחפת. עס האט געשוועבט. אזוי ווי אפויגיל וואס קומט צו איר נעסט ווס דארט ליגען אירע קינדער אונ זי וויל זיי אויף וועקין שוועבט זיא איבער דער נעסט אונ זי קלאפט מיט אירע פליגעל אונ עס זעהט אוים ווי די פליגעל רירען אן די קינדער. אונ רירען ניט אן. אזוי שוועבין די אויבערשטע וואסער איבער די אונטערשטע. אונ עס זעהט אוים ווי די אויבערשטע וואסער ליגט אויף די אונטערשטע. אונ זיי רירען ניט אן. זיי זענען ווייט איינער פון אנדערין ווי צוויי דריי פינגער. האט רבי יהושע אומגיקערט זיין פנים אונ האט גיזאגט צו זיינע תלמידים. בן זומא איז שוין אוועק געגאנגען פון דער וועלט. ער וועט געוויס שטארבין. אונ עס איז ביי מיר גלייך ווי ער איז שוין גישטארבין. ווייל מען טאר ניט אזוי פיל קלערין. אין עטליכע טעג שפעטער איז שוין בן זומא גיוועין אויף יענע וועלט: (ז) רבי אבהו אונ רבי חייא רבה קריגען. רבי אבהו זאגט אין אנהייב ווען גאט האט בשאפין די וועלט האט ער גיזעהן די מעשים פון די צדיקים אונ די מעשים פון די רשעים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט ווייס די וועג פון די צדיקים אונ די וועג פון די רשעים. די ערד איז גיוועין וויסט דאס מיינט מען די מעשים פון די רשעים וואס זיי מאכין וויסט די וועלט. גאט האט גיזאגט עס זאל זיין ליכטיג דאס מיינט מען די מעשים פון די צדיקים. וואס די צדיקים מאכין ליכטיג די וועלט. איך ווייס אבער ניט וועלכע מעשים גאט וויל בעסער. אויב ער וויל בעסער די מעשים פון די צדיקים. ווייל ער וויל די וועלט זאל האבין אקיום. אדער ער וויל בעסער די מעשים פון די רשעים. ווייל גאט וויל די וועלט זאל זיין ווי זי איז גיוועין אייד ער זיא איז בשאפין גיווארין. וויסט. ווייל עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזעהן אז די ליכטיגקייט איז גוט. וויל דאך גאט אז די וועלט זאל האבין אקיום. ווייסין מיר אז גאט וויל דיא מעשים פון די צדיקים. אונ ער וויל ניט די מעשים פון די רשעים. זיי זאלין ניט חרוב מאכין די וועלט. רבי חייא רבה הט גיזאגט אין אנהייב ווען די וועלט איז בשאפין גיווארין. הט גאט גיזעהן אז דער בית המקדש וועט גיבאהט ווערין. אונ ער וועט חרוב ווערין. אונ ער וועט נאך אמאהל גיבאהט ווערין. עס שטייט אין פסוק צו ערשט האט גאט בשאפין די הימעל אונ
די

הרי חרב. היך מד"א (ירמיה ד) ראיתי את הארץ והנה תהו ובהו. ויאמר אלהים יהי אור, הרי בנוי ומשוכלל לע"ל. היך מד"א (ישעיה ס) קומי אורי כי בא אורך. וכתיב (שם) כי הנה החשך יכסה ארץ וגו':

פרשה ג (א) ויאמר אלהים יהי אור. ר' יצחק פתח (תהלים קיט) פתח דבריך יאיר מבין וגו'. ר"י ור' נחמיה. ר' יהודה אומר האורה נבראת תחלה. משל למלך שבקש לבנות פלטין והיה אותו מקום אפל. מה עשה הדליק נרות (א) ופנסין לידע היך הוא קובע (ב) תימליוסים. כך האורה נבראת תחלה. ור"נ אמר העולם נברא תחלה. משל למלך שבנה פלטין ועטרה בנרות ופנסין. עד כאן דרש ר' יודן. אתא ר' פנחס ור' יהודה בר ר' סימון ור' חנון בשם ר' שמואל בר רב יצחק פתח. פתח דבריך יאיר מבין פתיים. (ג) מפתח פומך לן הוה נהורא. ויאמר אלהים יהי אור וגו': (ב) ר' ברכיה

## מתנות כהונה

דחגיגה) ומצאתי בפי' רש"י בעולם כלומר אינו בעולם אלא שמדבר דרך כינוי לכבוד הנדיק: (א) ופנסין. לנטערנ"א: (ב) תמליוסים. יסודות ובש"ר פ"נ גרס דימוסים נדבכין של אבנים: (ג) מפתח פומך וכו'. רק במה שפתחת פיך

די ערד. דאס מיינט מען דעם בית המקדש ווען ער איז אויף געבאהט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק צו פלאנצין דעם הימעל אונ צו אויף שטעלין די ערד אונ צו זאגין צו ציון דו ביזט מיין פאלק. זעהן מיר אז דער עיקר וואס גאט האט בשאפין די הימעל אונ די ערד איז נאר ציון זאל געבאהט ווערין אונ די יודין זאלין פארזאמולט ווערין אין ציון. די ערד איז געווען תוהו ובוהו. ווייסט. דאס מיינט מען דעם בית המקדש ווען ער איז געוועזן חרב. אזוי ווי ירמיה הנביא הט געזאגט ווען ער האט געזעהן דער בית המקדש וועט חרוב ווערין איך האב געזעהן די ערד אונ זיא איז תוהו ובוהו. אונ גאט הט געזאגט עס זאל זיין ליכטיג דאס מיינט מען דער בית המקדש וועט געבאהט ווערין ווען משיח וועט קומען. וועט זיין אליכטיגקייט אויף דער וועלט אויף אייביג. אזוי ווי דער פסוק זאגט שטיי אויף אונ לייכט ווארום דיין ליכטיגקייט איז שוין געקומען (אונ ווייטער שמועסט דער גאנצער קאפיטל פון משיח אונ פון בית המקדש):

פרשה ג (א) (ויאמר). גאט האט געזאגט עס זאל זיין ליכטיג. רבי יצחק האט אנגיהויבין צו דרשנן מיט דעם פסוק. דער אנהייב פון דיינע רייד איז געווען עס זאל לייכטין (אזוי ווי רבי יהודה זאגט ווייטער). רבי יהודה אונ רבי נחמיה קריגען וועלכעס איז געווען פריער. די וועלט צו די ליכטיגקייט. רבי יהודה זאגט פריער איז בשאפין געווארין די ליכטיגקייט. למשל א מלך האט געוואלט באהען א פאלאסט. אונ דער ארט איז געווען פינסטער. וואס האט ער געטאהן. האט דער מלך אנגיצונדין ליכט אונ לאמפין ליכטיג צו מאכין דעם ארט. מען זאל זעהן ווי אזוי צו מאכין די פונדאמענטין. אזוי איז געווען ביי די וועלט בשאפונג. פריער איז געווארין ליכטיג דער נאך האט מען בשאפין די וועלט. אונ רבי נחמיה זאגט פריער איז בשאפין געווארין די וועלט דער נאך די ליכטיגקייט. למשל א מלך האט געבאהט א פאלאסט. אז דער פאלאסט איז פערטיג געווארין האט ער אינווייניג אן געצונדין לאמפין עס זאל זיין ליכטיג. ביז אהער האט גידרשת רבי יודן. דער נאך איז געקומען רבי פנחס אונ רבי יהודה ברבי סימון אונ רבי חנין פון רבי שמואל בר רב יצחקס וועגין האבין אנגיהויבין צו דרשנן מיט דעם פסוק דער אנהייב פון דיינע רייד הט געמאכט לייכטין. דו האסט נאר געעפינט דיין מויל צו אונז איז שוין געווארין ליכטיג. דו האסט געזאגט עס זאל ווערין ליכטיג איז שוין געווארין ליכטיג: (ב) רבי ברכיה פון רבי יהודה ברבי סימונס וועגין האט אנגיהויבין מיט דעם פסוק בדבר ה' שמים נעשו. רבי יהודה ברבי סימון זאגט נישט מיט מאטערניש אונ ניט מיט ארבעט האט גאט בשאפין די וועלט. נאר גאט האט ארוים גירעט עס זאל ווערין א הימעל. איז שוין געווארין א הימעל. דא ביי די ליכטיגקייט איז אויך אזוי געווען. עס שטייט ניט אין פסוק עס וועט זיין ליכטיג. נאר

ברכיה בשם ר׳ יהודה ב״ר סימון פתח (שם לג) בדבר ה׳ שמים נעשו וגו׳. ר׳ יהודה ב״ר פילון אמר לא בעמל ולא ביגיעה ברא הקב״ה את עולמו. אלא בדבר ה׳ וכבר שמים נעשו. אף הכא והיה אור אב״כ אלא (ז) ויהי אור כבר היה: (ג) רשב״י פתח (משלי טו) שמחה לאיש במענה פיו ודבר בעתו מה טוב. שמחה לאיש זה הקב״ה. שנא׳ (שמות טו) ה׳ איש מלחמה ה׳ שמו. במענה פיו. ויאמר אלהים יהי אור. ודבר בעתו מה טוב וירא אלהים את האור כי טוב: (ד) ר׳ שמעון בן יהוצדק שאל לר׳ שמואל בר נחמן. א״ל מפני ששמעתי עליך שאתה בעל אגדה. מהיכן נבראת האורה. א״ל מלמד שנתעטף בה הקב״ה כשלמה והבהיק זיו הדרו מסוף העולם ועד סופו. אמרה לו בלחישה. א״ל מקרא מלא הוא (תהלים קד) עוטה אור כשלמה ואת אמרת לי בלחישא אתמהא. א״ל כשם ששמעתיה בלחישה כך אמרתיה לך בלחישא. א״ר ברכיה אילולא שדרשה ר׳ יצחק ברבים לא היה אפשר לאומרה. מקמי כן מה הוו אמרין. ר׳ ברכיה בשם ר׳ יצחק אמר ממקום בהמ״ק נבראת האורה. הה״ד (יחזקאל מג) והנה כבוד אלהי ישראל בא מדרך הקדים. ואין כבודו אלא בהמ״ק. המד״א (ירמיה יז) כסא כבוד מרום מראשון מקום מקדשנו

## מתנות כהונה

היה לנו אורה: (ד) ויהי משמע לשון עבר כמשפט פת״ח אם שמוע והיה עקב אע״פ שמשמש ג״כ לשעבר כמו והיה תחת וי״ו בה״א כתיבה והיה משמע ג״כ להבא כמו והיה בכל יחם הצאן והיה העטופים ללבן וכהנה רבות:

עס שטייט עס איז געווען ליכטיג. אזוי ווי גאט האט ארויס גערעדט דאס ווארט עס זאל זיין ליכטיג איז שוין די ליכטיגקייט געווארין: (ג) רבי שמעון בן יוחי האט אנגעהויבין מיט דעם פסוק שמחה לאיש במענה פיו ודבר בעתו מה טוב. שמחה לאיש. איש מיינט מען גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ה׳ איש מלחמה (עס איז געווען א שמחה ביי גאט). במענה פיו. מיט דעם ענטפער פון זיין מויל. גאט האט ארויס גערעדט עס זאל ווערין ליכטיג. איז שוין געווארין ליכטיג. ודבר בעתו מה טוב. ווי גוט איז א זאך אין דער צייט (ווען מען באדארף זיא). דאס מיינט מען גאט האט געזעהן די ליכטיגקייט אז זיא איז גוט (געקומען) צו דער צייט וואס מען דארף זי. צו די וועלט בשאפונג: (ד) רבי שמעון בן יהוצדק האט געזאגט צו רבי שמואל בר נחמן ווייל איך האב געהערט א״יף דיר אז דו ביזט א דרשן, וויל איך דיך פרעגין פון וואנען איז בשאפין געווארין די ליכטיגקייט (וואס איז געווען פון זונטאג ביז מיטוואך. און די זוהן) האט רבי שמואל געזאגט צו רבי שמעון. גאט האט זיך ארומגעוויקולט מיט די ליכטיגקייט אזוי ווי מען וויקולט זיך ארום מיט א קלייד. און די שיינקייט האט געלויכטין פון איין עק וועלט ביז צום אנדערין עק וועלט. דאס האט רבי שמואל געזאגט צו רבי שמעון אין דער שטיל ווייל קיינער זאל ניט הערין. האט רבי שמעון געזאגט צו רבי שמואל דאס איז דאך א פסוק אין תהלים וואס אלע ווייסין עוטה אור כשלמה. גאט האט זיך ארומגעוויקולט מיט די ליכטיגקייט אזוי ווי מיט א קלייד. פאר וואס זאגסטו דאס צו מיר אין דער שטיל. האט רבי שמואל געזאגט צו רבי שמעון אזוי ווי איך האב דאס געהערט אין דער שטיל (אזוי ווי מען האט דאס מיר געזאגט אין דער שטיהל) אזוי זאג איך דיר אויך אין דער שטיל. רבי ברכיה האט געזאגט ווען רבי יצחק וואלט דאס ניט גידרשת פאר פיל מענטשין (דאס וואס רבי שמואל האט געזאגט). וואלט מען דאס ניט געטארט זאגין פאר קיינעם. נאר צו תלמידי חכמים אין דער שטיל. פרעגט דער מדרש איידער רבי שמואל און רבי יצחק האבין דאס געזאגט. וואס פלעגט מען זאגין. פון וואנען איז געווען די ערשטע ליכטיגקייט. רבי ברכיה האט געזאגט פון רבי יצחקס וועגין פון דעם ארט וואס דער בית המקדש האט גידארפט שטיין. פון דעם ארט איז ארויס גיגאנגען אליכטיגקייט אויף דער גאנצער וועלט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער כבוד פון גאט קומט פון מזרח זייט און די ערד איז ליכטיג געווארין פון זיין כבוד. כבוד מיינט מען דעם בית המקדש אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כסא כבוד מרום מראשון מקום מקדשנו. אויף דעם ארט פון בית המקדש איז דער כסא הכבוד פון גאט. און פון

דארט

סקדשנו וגו': (ה) א"ר סימון ה' פעמים כתיב כאן אורה. כנגד חמשה חומשי תורה. ויאמר אלהים יהי אור. כנגד ספר בראשית. שבו נתעסק הקב"ה וברא את עולמו. ויהי אור. כנגד ספר ואלה שמות. שבו יצאו ישראל מאפילה לאורה. וירא אלהים את האור כי טוב. כנגד ספר ויקרא (ה) הלכות רבות. ויבדל אלהים בין האור ובין החשך. כנגד ספר במדבר. שהוא מבדיל בין יוצאי מצרים לבאי הארץ. ויקרא אלהים לאור יום. כנגד ספר משנה תורה. שהוא מלא הלכות רבות. מתיבין חברייא לר' סימון (ו) והלא ספר ויקרא מלא הלכות רבות. אמר להן אף הוא שנה בו דבר. ויקרא אלהים לאור יום. לא הוא אור ולא הוא יום אתמהא: (ז) תני אורה שנבראת בששת ימי בראשית להאיר ביום אינה יכולה שהוא מכהה גלגל החמה. ובלילה אינה יכולה. שלא נבראת להאיר אלא ביום. (ז) והיכן היא. נגנזה. והיא מתוקנת לצדיקים לע"ל. שנא'

והיה

## מתנות כהונה

(ה) הלכות רבות. מאירות עיניו של אדם ולפיכך נכפלו ב' תוארים אור וכי טוב: (ו) והלא ספר ויקרא כו'. ולפיכך נכפלו בו אור וכי טוב. ובספר דברים יש בו ג"כ הלכות רבות למה לא נכפלו בו דברים ומשני אף הלא אותו פסוק שנאמר נגד ס' דברים נכפלו אור ויום וכי לא היה כיה אלא כפלו להורות שיתרון שיש בו הלכות רבות: (ז) והיכן

דארט איז ארוים געגאנגען די ליכטיגקייט אויף די גאנצע וועלט: (ה) רבי סימון האט געזאגט פינף מאהל שטייט אין די פרשה דער מאנט דאס ווארט ליכטיגקייט. געגען די פינף חומשים פון די תורה. איין מאהל שטייט ויאמר אלהים יהי אור (נאט האט געזאגט עס זאל זיין ליכטיג) דאס איז געגען ספר בראשית. אין דעם ספר בראשית שטייט אז גאט האט זיך בעשעפטיגט אונ האט בעשאפען די וועלט. ויהי אור אונ עס איז געווארין ליכטיג איז געגען דעם ספר שמות. אין דעם ספר שמות שטייט אז די יודין זענען ארוים געגאנגען פון פינסטערנים אין ליכטיגקייט. וירא אלהים את האור כי טוב. גאט האט געזעהן אז די ליכטיגקייט איז גוט איז געגען דעם ספר ויקרא. ווייל אין דעם ספר שטייט פיל דינים. אונ דיא מצות פון גאט מאכין לייכטין די אויגין פון מענטשין. דריבער ווערט דער ספר גירופין האור. ליכטיגקייט. אונ ער ווערט גירופין טוב. גוט. ווייל די תורה הייסט טוב. ויבדל אלהים בין האור ובין החשך (גאט האט גימאכט אצווישענשייד צווישען די ליכטיגקייט אונ די פינסטערנים) איז געגען דעם ספר במדבר. ווייל אין דעם ספר שטייט ווי גאט האט גימאכט אצווישענשייד צווישען די מענטשין וואס זענען ארוים גיגאנגען פון מצרים אונ צווישען די מענטשין וואס האבין גידארפט אריין גיין אין ארץ ישראל. ויקרא אלהים לאור יום (גאט האט גירופין די ליכטיגקייט טאג) איז געגען ספר דברים וואס אין אים איז דא פיל דינים. האבין די חברים גיפרעגט צו רבי סימון פאר וואס דער ספר ויקרא ווייל אין אים איז דא פיל דינים דריבער ווערט ער גירופין מיט צוויי נעמען. אור אונ טוב. פאר וואס דער ספר דברים וואס אין אים איז אויך דא פיל דינים אונ ער ווערט נאר גירופין מיט איין נאמען. אור אליין. האט רבי סימון גיזאגט צו די חברים דער ספר דברים הייסט אויך צוויי נעמען. אור אונ יום. האבין די חברים גיזאגט צו רבי סימון אור אונ יום איז דאך איין זאך. ווען עס איז ליכטיג איז טאג. אונ ווען עס איז טאג איז ליכטיג (נאר עס איז טאקי ביידע איינס. נאר עס שטייט דער מאנט די ליכטיגקייט צוויי מאהל. אור אונ יום. ווייל אין דעם ספר איז דא פיל דינים: (ו) (תנא). מיר האבין גילערונט די ליכטיגקייט וואס איז בעשאפין געווארין דעם ערשטין טאג (פון די זעקס טעג) אונ זי האט גילויכטין ביז מיטוואך. פאר וואס האט זיא ניט גילויכטין מיטוואך אויך. נאר ביי טאג האט זיא ניט גיקענט לייכטין. ווייל זיא האט טונקעל גימאכט די זוהן. ביי נאכט האט זיא ניט גיקענט לייכטין ווארום זיא איז בעשאפין געווארין נאר צום לייכטין ביי טאג. ווא איז אהין געקומען די ליכטיגקייט. זיא איז בעהאלטין געווארין. אונ ווען משיח וועט קומען וועט זיא לייכטין צו די צדיקים: אזוי ווי עס שטייט אין פסוק. די ליכטיגקייט פון דיא לבנה וועט זיין ווי היינט איז די ליכטיגקייט פון די זוהן. אונ די ליכטיגקייט פון די זוהן וועט זיין זיבען מאהל אזוי פיל

ווי

(ישעיה ל) והיה אור הלבנה כאור החמה ואור החמה יהיה שבעתים כאיר שבעת הימים אתמהא. שבעה. ולא שלשה הן. (ח) והלא ברביעי נבראו המאורות. אלא כאיניש דאמר (ט) כן וכן אנא מפקד לשבעת יומיא דמישתותי. ר' נחמיה אמר אלו ז' ימי אבלו של (י) מתושלח הצדיק. שהשפיע להן הקב"ה אורה: (ז) וירא אלהים את האור כי טוב. ר' זעירא בריה דר' אבהו דרש בקסרין. מנין שאין מברכין על הנר עד שיאותו לאורו. מן הכא וירא ויבדל. ר' יהודה בר' סימון אמר (יא) הבדילו לו. רבנן אמרי הבדילו לצדיקים לע"ל. משל למלך שהיה לו מנה יפה והפרישה לבנו. א"ר ברכיה כך דרשו שני גדולי עולם ר' יוחנן ורשב"ל: ויבדל הבדלה ממש. משל למלך שהיה לו ב' (יב) איסטרטיגין א' שליט ביום וא' שליט בלילה. והיו שניהם (יג) מדיינין זה עם זה. זה אומר ביום אני שולט. וזה אומר ביום אני שולט. קרא המלך לראשון וא"ל פלוני יום יהא תחומך. וכן לשני א"ל פלוני לילה יהא תחומך. כך ויקרא אלהים לאור יום. א"ל יום יהא תחומך. ולחשך קרא לילה. א"ל לילה יהא תחומך. א"ר יוחנן הוא שהקב"ה אומר

## מתנות כהונה

היה. דרך שאלה ותשובה נגמה כו': (ח) והלא ברביעי כו'. ולא נגנז האור הראשון: (ט) כן וכן אנא וכו'. כשמזדמן לו מנה יפה אמר הצניעה אותה לז' ימי משתה ואותה דבר אינו מספיק לו רק יום א' ושנים מפני שאותו יום או יומים הוא מכלל ז' הימים אמר לז' הימים אף כאן כיון שימי בבריאה היו ז' קורא גם לאור שלא נשתמש בו אלא ג' ימים אור של ז' הימים: (י) מתושלח כו'. כמו שפירש"י ז"ל בפסוק כי לימים עוד שבעה אנכי ממטיר וגו'. שעכב הקב"ה מי המבול כדי שיהא נספד כהלכה ובשכר זאת השפיע לכן הקב"ה אורו כן פירש"י והו וירא אלהים את האור כי טוב הוא הצדיק מתושלח כדכתיב אמרו צדיק כי טוב: (יא) הבדילו לו. פירש"י להאיר סביביו ומצאתי כד"א ונהורא עמיה שרי: ר"י ורשב"ל הבדלה ממש. כלומר הבדילם זה מזה מן המחלוקת שהיה ביניהם כדיין זה המבדיל בין שני בעלי דינין: (יב) איסטרטיגון. פקידים ונציבים: (יג) מדיינים. מריבים כן

---

זוי די ליכטיגקייט וואס איז געווען אין די ערשטע זיבען טעג. פרעגט דער מדרש די ליכטיגקייט איז דאך נאר געווען דריי טעג. ניט זיבען. ווארום דעם פערטין טאג זענען שוין באשאפין געווארין די זוהן מיט די לבנה. נאר אזוי ווי א מענטש זאגט די און די עסינווארג גרייט איך אן אויף די שבעת ימי המשתה. אפילו דאס עסינווארג איז נאר גינוג אויף איין טאג אדער אויף צוויי טאג פון די שבעת ימי המשתה. פון דעסטוועגין ווערט יעדער טאג גירופין שבעת ימי המשתה. ווייל ער איז פון די שבעת ימי המשתה. אזוי ווערט גערופין יעדער טאג שבעת ימי בראשית. ווייל ער איז פון די שבעת ימי בראשית. רבי נחמיה זאגט דאס מיינט מען די זיבען טעג וואס מען הט גיטרויערט אויף מתושלח הצדיק. אין די זיבען טעג איז געווען אזוי ליכטיג אזוי ווי עס איז געווען די ערשטע דריי טעג איידער די זוהן איז באשאפין געווארין: (ז) וירא אלהים. גאט הט געזעהן אז די ליכטיגקייט איז גוט. רבי זעירא דער זוהן פון רבי אבהו הט גידרשת אין קסרין פון וואנען ווייסין מיר אז מוצאי שבת טאר מען ניט מאכין א ברכה אויף די ליכט בורא מאורי האש ביז מען הט הנאה פון די ליכטיגקייט. ווייל עס שטייט אין פסוק וירא ויבדל. אז מען הט געזעהן די ליכטיגקייט איז גוט האט מען גימאכט הבדלה. רבי יהודה ברבי סימון זאגט גאט הט אפגישיידט די ליכטיגקייט פאר זיך. די רבנן זאגין גאט הט אפגישיידט די ליכטיגקייט פאר די צדיקים ווען משיח וועט קומען. למשל א מלך האט גיהאט א גוטין חלק האט ער דאס בעהאלטין פאר זיין זוהן. רבי ברכיה זאגט אזוי האבין גידרשת צוויי גרויסע לייט פון דער וועלט דאס איז רבי יוחנן אונ רבי שמעון בן לקיש גאט האט אפגעשיידט די ליכטיגקייט פון די פינסטערנעש זיי זאלין זיך ניט קריגען. למשל א מלך הט גיהאט צוויי עלצטע. איינער זאל געוועלטיגען ביי טאג אונ איינער זאל געוועלטיגען ביי נאכט. האבין זיך ביידע געקריגט. דער האט גיזאגט איך וויל געוועלטיגען ביי טאג אונ דער האט גיזאגט איך וויל געוועלטיגען ביי טאג. האט דער מלך גירופין צו איינעם אונ האט גיזאגט דו זאלסט געוועלטיגען ביי טאג אונ צום אנדערין האט ער גיזאגט דו זאלסט געוועלטיגען ביי נאכט. אזוי האט גאט גירופין צו די ליכטיגקייט אונ האט גיזאגט דיין צייט זאל זיין ביי טאג. אונ ער הט גירופין צו די פינסטערנים אונ האט גיזאגט דיין צייט זאל זיין ביי נאכט. רבי יוחנן זאגט דאס הט

נאך

אומר לאיוב (איוב לח) המימיך צוית בקר (יד) ידעת שחר מקומו. הידעת מקומו איזה הוא אתמהא. א"ר תנחומא אנא אמרי טעמא. יוצר אור ובורא חושך (טו) עושה שלום. משנבראו עושה שלום: (ח) ויקרא אלהים לאור יום. א"ר אלעזר לעולם אין הקב"ה מיחד שמו על הרעה אלא על הטובה ויקרא אלהים לאור יום ולחושך קרא אלהים לילה. אכ"כ. אלא ולחושך קרא לילה. אמר ר' יהודה ב"ר סימון יהי ערב אכ"כ. אלא (טז) ויהי ערב. מכאן שהיה (יז) סדר זמנים קודם לכן: (ט) א"ר אבהו מלמד שהיה בורא עולמות ומחריבן עד שברא את אלו. אמר (יח) דין הניין לי (יט) יתהון לא הניין לי. (כ) א"ר פנחס טעמיה דר' אבהו. וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאוד. דין הניין לי יתהון לא הניין לי: (י) א"ר ינאי מתחלת בריתו של עולם צפה הקב"ה מעשיהן של צדיקים ומעשיהן של רשעים. והארץ היתה תהו. אלו מעשיהן של רשעים. ויאמר אלהים יהי אור. אלו מעשיהן של צדיקים. ויבדל אלהים בין האור ובין החושך. בין מעשיהן של צדיקים למעשיהן של רשעים. ויקרא אלהים לאור יום. אלו מעשיהן של צדיקים. ולחושך קרא לילה. אלו מעשיהן של רשעים ויהי ערב. אלו מעשיהן

של

## מתנות כהונה

קך ויקרא כו' וסי' הכתוב ויקרא לאור לאמר לו יום כלומר יום יצא מתוכך: (יד) ידעת כתיב. פי' וכי הודעתו לשחר מקומו ומזה איזהו משמע שהקב"ה הודיע לו מקומו ומזהו איזהו: (טו) עושה שלום. מכלל שהיו מריבים שכל אחד היה רוצה לשלוט ביום: (טז) ויהי משמע לשעבר כמשפט וי"ו פתוחה כראה כתיבה: (יז) סדר זמנים כו'. אף קודם שנתנו המאורות היה קצוב לפניו יתברך שיעור מדת יום ומדת לילה: (יח) דין הניין כו', אלו נאותים לי ומוכים הם בעיני. (יט) יתהון. ואותם הראשונים לא היו נאותים לי ודייק ויהי ערב רמז לאותם שלא היו נאותים לפניו והשבות ויהי בוקר רמז לאותן שנבראו והיו טובים ומבוקרים בעיניו: (כ) א"ר פנחס כו'. מפיק עוד טעם לדברי ר' אבהו מדכתיב

גאט גיזאגט צו איוב האסטו דען אמאהל גיבאטין אויף דעם פריה מארגין האסטו דען גימאכט וויסען דעם מארגין שטערין זיין ארט אונ זיין צייט. אזוי ווי איך האב גימאכט וויסען די פינסטערנים איר צייט אונ די ליכטיגקייט איר צייט. רבי תנחומא זאגט איך וועל דיר זאגין דעם טעם פון דער זאך. עס שטייט אין פסוק יוצר אור ובורא חשך עושה שלום. גאט האט בעשאפין די ליכטיגקייט אונ די פינסטערנים אונ האט גימאכט שלום צווישען זיי ווייל זיי האבין זיך געקריגט: (ח) ויקרא. גאט האט גירופין צו די ליכטיגקייט טאג. רבי אלעזר זאגט גאט דערמאנט ניט זיין נאמען אויף שלעכטס נאר אויף גוטס. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט הט גירופין צו די ליכטיגקייט טאג. אונ צו די פינסטערנים האט ער גירופין נאכט. אונ עס שטייט ניט צו די פינסטערנים האט גאט גירופין נאכט. ווייל גאט האט ניט גיוואלט דער מאנען זיין נאמען אויף די פינסטערנים. רבי יהודה בר סימון זאגט עס שטייט ניט יהי ערב. עס זאל זיין נאכט. נאר עס שטייט ויהי ערב. עס איז גיוועזן נאכט. זעהן מיר אז אייד'ער די זון אונ די לבנה זענען בעשאפין גיווארין איז שוין גיוועזן אויס גיזעצט פאר גאט ווען עס זאל זיין טאג אונ ווען עס זאל זיין נאכט. אונ ווי פיל שעה דער טאג זאל זיין. אונ ווי פיל שעה די נאכט זאל זיין: (ט) רבי אבהו זאגט ווייל עס שטייט אין פסוק עס איז גיוועזן נאכט אונ עס איז גיוועזן טאג זעהט מען עס איז שוין אמאהל גיוועזן טאג אונ נאכט אויסער היינט. פון דאנען ווייסין מיר אז גאט האט בעשאפין וועלטין אונ האט זיי וויסט גימאכט. ביז ער האט בעשאפין די וועלט. האט גאט גיזאגט די וועלט גיפעלט מיר אונ יענע וועלטין זענען מיר ניט גיפעלין. רבי פנחס זאגט פון דאנען לערנט רבי אבהו. עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזעהן אלץ וואס ער האט גימאכט איז זייער גוט. זעהט מען אז גאט האט שוין אמאהל בעשאפין וועלטין נאר זיי זענען ניט אזוי גוט גיוועזן ווי די וועלט: (י) (אמר) רבי ינאי זאגט אין אנהייב ווען גאט האט בעשאפין די וועלט הט גאט גיזעהן די מעשים פון די צדיקים אונ די מעשים פון די רשעים. די ערד איז גיוועזן וויסט דאס מיינט מען די מעשים פון די רשעים. גאט האט גיזאגט עס זאל זיין ליכטיג דאס מיינט מען די מעשים פון די צדיקים. גאט האט גימאכט א צווישענשייד צווישען די ליכטיגקייט אונ די פינסטערנים. דאס מיינט מען צווישען די מעשים פון די צדיקים אונ די מעשים פון די רשעים. גאט האט גירופין צו די ליכטיגקייט טאג. דם מיינט מען די מעשים פון די צדיקים. אונ צו די פינסטערנים הט ער גירופין נאכט. דאס מיינט מען

די

של רשעים. ויהי בקר. אלו מעשיהן של צדיקים. יום אחד. שנתן להם הקב"ה יום אחד. ואי זה זה יום הכפורים: (יא) א"ר תנחום בר ירמיה שבו נבראו (כח) ד' דברים. (כב) הרים. שמים. הארץ. ואורה. א"ר יודן שבו היה הקב"ה יחידי בעולמו. שלא היה בעולמו (כג) אלא הוא. אתיא (כד) כר' יוחנן ולא אתיא כר' חנינא. רבי יוחנן אמר בשני נבראו המלאכים. הה"ד (תהלים קד) (כה) המקרה במים עליותיו השם עבים רכובו המהלך על כנפי רוח. וכתיב (שם) עושה מלאכיו רוחות. ר' חנינא אמר בחמישי נבראו מלאכים. שנאמר ועוף יעופף על הארץ וכתיב בשתים יעופף. ר' לוליאני בר טבראי בשם ר' יצחק אמר בין על דעתיה דר' חנינא בין על דעתיה דר' יוחנן. הכל מודים שלא נברא ביום הראשון (כו) כלום. שלא תאמר מיכאל היה מותח בדרומו של רקיע. וגבריאל בצפונו. והקב"ה (כז) ממדד באמצעו. אלא (ישעיה מד) אנכי ה' עושה כל נוטה שמים לבדי רוקע הארץ מאתי. מי אתי כתיב. מי היה שותף עמי בבריותו של עולם: (יב) א"ר שמואל בר אמי מתחילת ברייתו של עולם. נתאוה הקב"ה לעשות שותפות בתחתונים. מה נפשך אם (כח) לענין החשבון. לא היה צריך למימר אלא אחד. שנים. שלשה

## מתנות כהונה

אלא משמע שכבר היו נעשה ג"כ אבל לא היו עוסים כלום: (כח) ד' דברים. ולפיכך כתיב יום א' שהיה מיוחד בבריאות כולו שהם כלל העולם שאין עוד מלבדו כן פירש"י: (כב) הרים. כתב בא"ה אף ע"פ שהן בכלל ארץ אולי כוונתו על ההרים שתחת המים כד"א על הרים יעמדו מים: (כג) אלא הוא. אלא נבראו עדיין אפילו המלאכים: (כד) אתיא כר' יוחנן. דאמר מיד בשני נבראו המלאכים וכראשון נשגב שמו לבדו אבל לר' חנינא שלא נבראו המלאכים עד יום חמישי היה לו לכתוב יום אחד גם בשני ושלישי ורביעי: (כה) המקרה במים וגו'. וה היה מלאכה יום שני: (כו) כלום. מן המלאכים: (כז) ממדד. ל' מדידה: (כח) לענין החשבון. האמור בכתוב שני ושלישי וכו' פלי"ג גם בראשון יום ראשון ומאחר שאמר

די מעשים פון די רשעים. עס איז געווען אבענד דאס מיינט מען די מעשים פון די רשעים. און עס איז געווען טאג דאס מיינט מען די מעשים פון די צדיקים. איין טאג מיינט מען נאט האט געגעבן צו די יודין איין טאג אין יאהר דאס איז יום כפור: (יא) (אמר) רבי תנחום בר ירמיה האט געזאגט אין דעם ערשטין טאג זענען בשאפן געווארין פיר זאכין. די בערג. די הימלען. די ערד און די ליכטיגקייט. רבי יודן זאגט פאר וואס שטייט יום אחד. איין טאג. עס האט געדארפט שטיין יום ראשון. דער ערשטער טאג. אר וויל דעם ערשטין טאג איז גאט געווען איינער אויף די וועלט עס איז ניט מעהר געווען נאר גאט אליין. דאס איז ווי רבי יוחנן זאגט און ניט ווי רבי חנינא זאגט. רבי יוחנן זאגט דעם אנדערין טאג זענען בעשאפן געווארין די מלאכים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ער האט בדעקט אין וואסער זיינע בוידימס. דאס מיינט מען ער האט פארשפרייט דעם הימעל אין וואסער. ער האט גימאכט די וואלקינס זאלין זיין זיינע רייטוועגין. ער איז גיגאנגען אויף די פליגעל פון רוח. און רוח מיינט מען מלאכים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עושה מלאכיו רוחות. און דער הימעל איז פארשפרייט געווארין דעם אנדערין טאג. זעהן מיר אז די מלאכים זענען אויך בעשאפין געווארין דעם אנדערין טאג. רבי חנינא זאגט דאנערשטאג זענען בעשאפין געווארין די מלאכים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ועוף יעופף על הארץ. און עס שטייט ביי די מלאכים ובשתים יעופף. זעהן מיר אז יעופף מיינט מען מלאכים. און דאס איז געווען דאנערשטאג. רבי לוליאני בר טבראי זאגט פון רבי יצחק ס וועגין סיי אך רבי חנינא און סיי נאך רבי יוחנן דאס האלטין אלע אז דעם ערשטין טאג איז גאר ניט בעשאפין געווארין. מען זאל ניט זאגין אז מיכאל האט פארשפרייט דעם הימעל אין דרום זייט. און גבריאל האט פארשפרייט אין צפון זייט. און גאט האט אים פארשפרייט אין מיטען. נאר גאט זאגט איך אליין האב אלץ גימאכט. איך אליין האב געניינגט דעם הימעל און האב פארשפרייט די ערד. ווער איז מיט מיר געווען. ווער איז געווען אשותף מיט מיר ווען איך האב די וועלט בעשאפין: (יב) (אמר). רבי שמואל בר אמי זאגט באלד אין אנהייב ווען די וועלט איז בעשאפין געווארין האט גאט געוואלט מאכין שותפות מיט די מענטשין וואס וואהנען אונטען אויף די ערד. דאס מיינט מען די שכינה זאל רוהען אויף די ערד צווישען מענטשין אזוי ווי זיא רוהט אין הימעל צווישען די מלאכים. נאר וויל די מענטשין האבין געזינדיגט האט גאט גימוזט

ווארטין

שלשה. או ראשון. שני. ושלישי. שמא אחד שני שלישי אתמהא. אימתי (כט) פרע להם הקב"ה להלן בהקמת המשכן. שנא' (במדבר ז) ויהי המקריב ביום (ל) הראשון את קרבנו. ראשון לברייתו של עולם. אמר הקב"ה כאילו באותו יום בראתי את עולמי. תני עשר עטרות נטל אותו היום. ראשון למעשה בראשית. ראשון למלכים. ראשון לנשיאים. ראשון לכהונה (לח) ראשון לשכינה. שנא' (שמות כה) ועשו לי מקדש וגו'. ראשון לברכה. ראשון לעבודה. ראשון לאיסור הבמה. ראשון לשחיטה בצפון. ראשון לירידת האש שנא' (ויקרא י) ותצא אש מלפני ה' וגו'.

**פרשה ד** (א) ויאמר אלהים יהי רקיע. כתיב (תהלים קד) המקרה במים עליותיו בנוהג שבעולם מלך ב"ו בונה פלטין ומקרה באבנים ובעצים ובעפר. אבל הקב"ה לא קרה את עולמו אלא במים. שנאמר המקרה במים עליותיו. ויאמר אלהים יהי רקיע בתוך המים. רבנין אמרין לה בשם ר' חנינא ור' פנחס ור' יעקב ב"ר אבין בשם ר' שמואל

## מתנות כהונה

יום אחד כצ"ל כוב הכים שלשה וארבעה וכו': (כט) ופרע להם. לאותן הימים שכתוב בהן שני ושלישי כו'. שלא אמר בראשון יום ראשון: (ל) הראשון. הו"ה נ"ל ראשון וכתב הראשון עם ה"א הידוע רומז ליום ראשון של בריאת עולם:

(לח) ראשון למלכים. כתב רש"י ז"ל דל"ג ליה שמה שמונים למלכים מר"ח ניסן הוא תקנת חכמים ז"ל וכן לשחיטת צפון לא גרס ליה דמאי שנא למנות עבודה זו משאר העבודות עכ"ל ועי"ש בתלמוד במסכת שבת (פ"ז) גרי' דבמקום ראשון למלכים

---

ווארטין ביז דער בית המקדש איז געבאהט געווארין. דער מדרש פרעגט אויב דער פסוק קומט ציילין די טעג וואס אין זיי איז די וועלט בעשאפין געווארין. האט געדארפט שטיין אחד שנים שלשה (ארבעה חמשה ששה). איינס צוויי דריי פיר פינף זעקס. אדער עס זאל שטיין ראשון שני שלישי דער ערשטער דער צווייטער דער דריטער. אבער עס זאל שטיין אחד שני שלישי. איינס דער צווייטער דער דריטער. דאס איז אוואנדער. אזוי ווערט ניט גירעט. ווען האט גאט בצאהלט דעם שני אונ שלישי ער זאל זיי אוועק געבין דעם ווארט ראשון. ווען מען האט אויף געשטעלט דעם משכן שטייט אין פסוק ויהי המקריב ביום הראשון את קרבנו. הט געדארפט שטיין ביום ראשון. דעם ערשטין טאג. פאר וואס שטייט הראשון מיט א"ה. נאר דאס מיינט מען דעם ראשון וואס האט געדארפט שטיין ביי די בעשאפונג פון די וועלט האט אים גאט געשטעלט ביי דעם משכן. ווארום גאט הט געזאגט דער טאג וואס מען האט אויף געשטעלט דעם משכן איז ביי מיר גלייך ווי איך וואלט אין איהם בעשאפין די וועלט. (ווארום די וועלט איז בשאפין געווארין די שכינה זאל אין איר רוהען אונ דעם טאג וואס דער משכן איז אויף געשטעלט געווארין הט אנגיהויבין צו רוהען די שכינה אין משכן). מיר האבין געלערנט צעהן קרוינען האט דער טאג גינומען. דער ערשטער טאג פון די וועלט בשאפונג (ווארום דער טאג איז געוועזן זונטאג). דער ערשטער צו מלכים (חדשים). ראש חדש ניסן איז דער ערשטער חדש. דעם טאג הט מקריב געוועזן דער ערשטער נשיא. דעם טאג האט מקריב געוועזן אהרן דאס ערשטע מאהל. דעם טאג הט גירוהט די שכינה אין משכן דאס ערשטע מאהל. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק זיי זאלין מאכין צו מיר אמקדש וועל איך רוהען צווישען זיי. דעם טאג האבין די כהנים גיבענטשט דאס ערשטע מאהל די יודין. דעם טאג האט מען דאס ערשטע מאהל מקריב געוועזן קרבנות אין משכן. דעם טאג איז דאס ערשטע מאהל אסור געווארין מקריב צו זיין קרבנות אויף א במה. אויף איין שטיין. דעם טאג הט מען דאס ערשטע מאהל אנגיהויבין שעכטין קרבנות אין צפון זייט פון מזבח. דעם טאג איז דאס ערשטע מאהל אראפגענידערט א פייער פון הימעל צו פאר ברענען די קרבנות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עס איז ארוים גיגאנגען א פייער פון פאר גאט אונ עס האט פאר ברענט די קרבנות:

**פרשה ד** (א) (ויאמר אלהים). גאט האט געזאגט עס זאל זיין א פארשפרייטונג אין מיטען דעם וואסער. עס שטייט אין פסוק גאט האט בדעקט מיט וואסער זיינע בוידימס. דער מנהג אין דער וועלט איז אז איינער באהט א שטוב בדעקט ער זיא פון הויבין מיט שטיינער

ארער

שמואל בר נחמן בשעה שאמר הקב"ה יהי רקיע בתוך המים (א) גלדה טיפה האמצעית. ונעשו השמים התחתונים ושמי שמים העליונים. רב אמר לחים היו מעשיהם ביום הראשון. ובשני קרשו. יהי רקיע יחזק הרקיע. ר"י ב"ר סימון אמר יעשה (ב) מטלית לרקיע. המד"א (שמות לט) וירקעו את פחי הזהב. א"ר חנינא יצאה האש מלמעלה (ג) וליחכה את פני הרקיע. ר' יוחנן כשהיה מגיע לפסוק זה (איוב כו) ברוחו שמים שפרה. היה אומר יפה לימדני ר' חנינא. א"ר יודן ב"ר שמעון יצאה האש מלמעלה וליהטה פני הרקיע. ר' ברכיה בשם ר' אבא ב"כ אמר בא מעשה בראשית ללמד על מתן תורה ונמצא למד ממנה. (ישעיה סד) (ד) כקדוח אש המסים. אימתי (ה) חצה האש בין העליונים לתחתונים לא במתן תורה אתמהא. כך היתה בברייתו של עולם:

(ב) רבי פנחס בשם ר' הושעיא אמר כחלל שבין הארץ לרקיע. כך יש בין הרקיע למים העליונים. (ו) יהי רקיע בתוך המים. (ז) ביניים ובנתיים. א"ר תנחומא אנא אמרי טעמא.

אילו

## מתנות כהונה

גרס ראשון לחדשים ובמקום לצניעה לפון גרס לאכילת קדשים: (א) גלדה טיפה. פי' הוקרשה והוגלדה: (ב) מטלית. מכסה ויריעה: (ג) וליחכה כו'. שהיו עדיין לחים ובזה נעשים קשים: (ד) כקדוח אש המסים. פסוק זה מדבר במ"ת: (ה) חצה כו'. פירש"י המסים פי' תלויים כד"א כרמונים מתימסו פי' מתיתהלקו ולכן קורין כמס שנותנין בחלב להעמיד ולהפריש מי החלב ממנו מסו: (ו) יהי רקיע. ר"ל כד"א יהי רקיע וגו: (ז) ביניים ובנתיים. כלומר מכוון

---

אדער מיט האלץ אדער מיט ערד. אבער גאט האט בדעקט די וועלט מיט וואסער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ער האט בדעקט מיט וואסער זיינע בוידימס. עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט עס זאל זיין אפארשפרייטונג אין וואסער. די רבנן זאגין פון רבי חנינאס וועגין און רבי יעקב בר אבין זאגין פון רבי שמואל בר נחמן ס וועגין ווען גאט האט געזאגט עס זאל אפארשפרייטונג אין דעם וואסער ווערין. איז פאר גליווערט געווארין דאס מיטעלסטע טראפין וואסער. און פון דעם איז געווארין די אונטערשטע הימלען און די אויבערשטע הימלען. רב זאגט די הימלען זענען געוועז דעם ערשטין טאג אויך. נאר זיי זענען געוועז פייכט. דעם אנדערין טאג זענען זיי געגליווערט און געשטארקט געווארין. און וואס גאט האט געזאגט דעם אנדערין טאג עס זאל זיין א הימעל. הט גאט גימיינט דער הימעל זאל געשטארקט ווערין. רבי יהודה ברבי סימון זאגט יהי רקיע מיינט מען עס זאל זיין אפארשפרייטונג אויף דעם הימעל. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וירקעו את פחי הזהב. מען האט אויסגעשפרייט די גאלדענע בלעכין. איז רקיע אויך דער טייטש אפארשפרייטונג. רבי חנינא זאגט עס איז אראפ גיקומען אפייער פון הויבין און עס הט אפגעטריקנט דעם הימעל. אז רבי יוחנן איז גיקומען צו דעם פסוק ברוחו שמים שפרה (מיט זיין ווינט וואס ער האט צו שפרייט דעם פייער אויף דעם גאנצין הימעל און הט אים טרוקין גימאכט הט ער שטארק גימאכט דעם הימעל). הט ער גיזאגט רבי חנינא האט אונז גוט גילערנט. רבי יודן ברבי שמעון זאגט דער הימעל איז גיווען טרוקען אן דעם פייער. נאר עס איז ארויס גיגאנגען אפייער פון הויבין און האט אפ גיגלאנצט (שיין גימאכט) דעם הימעל. רבי ברכיה הט גיזאגט פון רבי אבא בר כהנא ס וועגין מעשה בראשית האט גידארפט קומען לערנען אויף מתן תורה. וואורום מעשה בראשית איז דאך פריער ווי מתן תורה. און מתן תורה לערנט אויף מעשה בראשית. וואורום עס שטייט אין פסוק כקדוח אש המסים. ווען דער פייער האט גיברענט הט ער צו טיילט. ווען הט דער פייער צו טיילט צווישען די אויבערשטע און דיא אונטערשטע. ווען די תורה איז גיגעבין גיווארין. עס הט גיברענט אפייער אויף דעם בארג סיני. און דער הימעל מיט אלץ וואס אויף אים. זענען גיוועזן איבער דעם פייער. און די יודין זענען גישטאנען אונטער דעם פייער. און אזוי איז גיווען ווען גאט האט די וועלט בעשאפין: (ב) רבי פנחס זאגט פון רבי הושעיא ס וועגין ווי ווייט עס איז פון די ערד ביז צום הימעל. אזוי ווייט איז פון הימעל ביז צו די אויבערשטע וואסער אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יהי רקיע בתוך המים. דער הימעל זאל זיין צווישען די וואסער פון די אונטערשטע וואסער ביז צום הימעל איז אזוי ווייט ווי פון הימעל ביז צו די

אויבערשטע

אילו נאמר ויעש אלהים את הרקיע ויבדל בין המים אשר על הרקיע. הייתי אומר על גופו של רקיע המים נתונים. וכשהוא אומר ובין המים אשר מעל לרקיע. הוי המים העליונים תלויים במאמר. א"ר אחא כהדין (ח) קנדילא. (ט) ופירותיהם אלו מי גשמים: (ג) כותי אחד שאל את ר' מאיר אמר לו אפשר המים העליונים תלויים במאמר. א"ל הן. א"ל הבא לי (י) אפרכס הביא לו אפרכס. נתן עליה טס של זהב ולא עמדו מים. טס של כסף ולא עמדו מים. כיון שנתן אצבעו (יא) עמדו מים. א"ל אצבעך אתה נותן. א"ל מה אני שאני בשר ודם אצבעי מעמדת מים. אצבעו של הקב"ה עאכ"ו. הוי המים העליונים תלויים במאמר. א"ל אפשר אותו שכתוב בו (ירמיה כג) הלא את השמים ואת הארץ אני מלא. היה מדבר עם משה מבין שני בדי הארון. א"ל הבא לי מראות גדולות

א"ל

## מתנות כהונה

באמצע: (ח) קנדילא. פירש"י נר הקבוע באמצע עששית ואינו נוגע בארבע דפנותיה: (ט) ופירותיהם מי גשמים. פירש"י ז"ל בשם פרקי ר"א המים העליונים מזיעים מחמת הרקיע מכח של אש והטיפות יורדות: (י) אפרכס. פירש"י כלי מלא נקבים סביביו ולמעלה נקב כשיעור אצבע וממלאין אותו מים וסותמין פי הנקב באצבע בכיון והמים נעצרין ואינם מקלחים וכשמסיר האצבע הנקבים כ"ם מקלחים: טס של כסף אינו סותמו בכיון כמו בשר האצבע: (יא) עמדו. המים ורמז לי כשם שמים אלו עומדים ואינם מקלחים דרך הנקבים כך אין לתמוה על המים העליונים ואמר לו הכותי

---

אויבערשטע וואסער. רבי תנחומא זאגט איך וועל דיר זאגן ווען אין פסוק וואלט געשטאנען גאט האט געמאכט דעם הימעל און ער האט צווישען געשיידט (בין המים אשר על הרקיע) צווישען די וואסער וואס אויף דעם הימעל. וואלט איך זאגן אז די וואסער איז געלעגן אויף דעם הימעל. אז עס שטייט אבער אין פסוק (ובין המים אשר מעל לרקיע) צווישען די וואסער וואס איבער דעם הימעל. איז געשט די וואסער אויף דעם הימעל. נאר זיי איינגעז אין די הייך גאנץ ווייט פון הימעל. דורך די רייד פון גאט וואס ער האט געזאגט אזוי זאל זיין. רבי אחא זאגט די וואסער איינגעט איבער דעם הימעל אזוי ווי אליכט וואס איינגט אין אלאנטערנע און זיא רירט ניט אן די ווענט און ניט דעם דעק. און זייערע פירות איז דער רעגן. פון דעם וואסער וואס איבער דעם הימעל גייען טראפינס אויף דעם הימעל. און פון דעם הימעל גייען די טראפינס אין די וואלקין. און די טראפינס פאלין אויף די ערד. און דאס איז דער רעגן: (ג) (אכותי) האט געפרעגט ביי רבי מאיר איז מעגליך אז די אויבערשטע וואסער איינגען אין דער לופטין נאר דורך דעם בפעהל פון גאט. האט רבי מאיר געזאגט יא עס איז אזוי. האט רבי מאיר געזאגט צום כותי ברייננ מיר אכלי וואס הייסט אפרכוס (אכלי אונטען ברייט פול מיט לעכלאך און הויבין שמאהל און האט איין לעכיל אקליינע) און נים אן די כלי פול מיט וואסער. האט דער כותי געבריינגט אזוי אכלי פול מיט וואסער און ער האט ארויף געלייגט אנאלדערנע בלעך אויף די אויבערשטע לעכיל. איז די וואסער ניט פארהאלטין געווארין. האט ער אראפ גענומען די גאלדערנע בלעך און האט ארויף געלייגט אזילבערנע בלעך און די וואסער איז אויך ניט פערהאלטין געווארין. ווי ער האט אראפ גענומען די זילבערנע בלעך אויך און רבי מאיר האט ארויף געלייגט דעם פינגער אויף די לעכיל איז די וואסער באלד פארהאלטין געווארין אפילו ער האט אומגעקערט די כלי מיט די ברייטע זייט אראפ האט אויך ניט געקענט ארויס גיין די וואסער ווייל די אויבערשטע לעכיל איז געווען פארשטאפט מיט דעם פינגער. האט דער כותי געזאגט צו רבי מאיר דיין פינגער האסטו ארויף געלייגט. האט רבי מאיר געזאגט צום כותי מאראך איך וואס איך בין נאר אמענטש קען מיין פינגער אויף האלטין די וואסער. קען דאך דער פינגער פון גאט געוויס אויף האלטין די וואסער פון די וועלט. זעהן מיר אז די אויבערשטע וואסער איינגען אין דער לופט דורך די רייד פון גאט וואס ער האט געזאגט עס זאל אזוי זיין. האט דער כותי געזאגט צו רבי מאיר ביי גאט שטייט איך בין פול אויף דעם גאנצין הימעל און אויף די גאנצע ערד. ווי אזוי קען דאס זיין אז גאט האט גירעט מיט משה צווישען די צוויי שטעקינס פון ארון. האט רבי מאיר געזאגט צום כותי ברייננ מיר גרויסע שפיגלען. האט דער כותי געבריינגט גרויסע שפיגלען. האט רבי מאיר געזאגט צום כותי קוק דיך איין אין די שפיגלען. האט ער זיך געזעהן אין שפיגיל גרויס.

זאגט

א"ל ראה (יב) בבואה שלך בהן. ראה אותה גדולה. א"ל הבא לי מראות קטנות. הביא לו מראות קטנות. א"ל ראה בבואה שלך בהן. ראה אותה קטנה. א"ל כה אם אתה שאתה ב"ו. אתה משנה עצמך בכל מה שתרצה. מי שאמר והיה העולם ברוך הוא עאכ"ו הוי כשהוא רוצה הלא את השמים ואת הארץ אני מלא. וכשהוא רוצה היה מדבר עם משה מבין שני בדי הארון. א"ר חנינא ב"ר איסי פעמים שאין העולם ומלואו מחזיקים כבוד אלהותו. פעמים שהוא מדבר עם האדם מבין שערות ראשו. הה"ד (איוב לח) ויען ה' את איוב מן השערה וגו'. מבין שערות ראשו. ועוד שאלו א"ל אפשר (תהלים סה) פלג אלהים מלא מים מששת ימי בראשית ולא חסר כלום אתמהא. א"ל הכנס ורהוץ ושקול עצמך עד שלא תכנס (יג) ומאחר שתכנס. (יד) הלך כיון שיצא ושקל עצמו לא חסר כלום. א"ל כל אותה הזיעה שיצאת לא מסך יצאת. א"ל הן. א"ל ומה אתה שאתה ב"ו (טו) לא חסר מעיינך כלום. מעיינו של הקב"ה עאכ"ו. הוי פלג אלהים מלא מים מששת ימי בראשית ולא הסר כלום: (ד) א"ר יוחנן נטל הקב"ה כל מימי בראשית ונתנם הציים ברקיע וחציים באוקיינוס. הה"ד פלג אלהים מלא מים. פלגא. הרקיע דומה לבריכה ולמעלה מן הבריכה כיפה. ומחמת הבריכה (הכיפה) מזעת טיפים

עבות

## מתנות כהונה

אלעזר כו' והיא ראיה על השמים העליונים: (יב) בבואה. אחר שנכנסת ויצאת משם תשקול עצמך: (יד) הלך ושקל כל פרצוף פנים הנראה במראה: (יג) ומאחר שתכנס. את עצמו ונכנס למרחץ: (טו) לא חסר מעיינך. ומיד

---

זאגט רבי מאיר צום כותי ברייננ מיר קליינע שפיגלען. האט דער כותי גיברייננט קליינע שפיגלען האט רבי מאיר גיזאגט צום כותי קוק דיך איין אין די שפיגלען. האט דער כותי גיזעהן אין שפיגעל אז ער איז קליין. האט רבי מאיר גיזאגט צום כותי מאדאך דו וואס דו ביזט נאר אמענטש קענסטו דיך ענדערין ווי דו ווילסט. אמאהל זעהסטו אויס גרויס אונ אמאהל זעהסטו אויס קליין גאט וואס ער האט בשאפין די גאנצע וועלט מיט זיינע רייד איז דאך געוויס אז ער קען מיט זיך מאכין ווי ער וויל. אז ער וויל איז ער פוהל די גאנצע הימעל אונ די גאנצע ערד. אונ אז ער האט גיוואלט האט ער גיקענט ריידין מיט משה צווישען די צוויי שטעקינס פון ארון. רבי חנינא ברבי איסי האט גיזאגט אמאהל קען די גאנצע וועלט ניט פאר נעמען דעם כבוד פון גאט. אונ אמאהל רעט גאט מיט אמענטש פון צווישען זיינע האר פון קאפ. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גיענטפערט צו איוב מן הסערה. פון צווישען זיינע האר פון קאפ. נאך האט גיפרעגט דער כותי ביי רבי מאיר עס שטייט אין פסוק דער קוואל פון גאט איז פול מיט וואסער פון דער צייט וואס די וועלט איז בשאפין גיווארין ביז היינט. אונ עס פעלט פון איהם גאר ניט. ווי אזוי קען דאס זיין. אזוי פיל רעגין ווי עס גייט פון דעם קוואל. אונ דער קוואל איז פול. האט רבי מאיר גיזאגט צום כותי גיי אריין אין אהייסע באד. אונ איידער דו וועסט אריין גיין אין באד זאלסטו דיך אפ וועגין. אונ אז דו וועסט ארויס גיין פון באד זאלסטו דיך נאך אמאהל אפ וועגין. דער כותי האט אזוי גיטאהן אונ ער האט זיך אפ גיוואגין איידער ער איז אריין גיגאנגען אין באד אונ דער נאך ווי ער איז ארויס גיגאנגען פון באד. אונ עס האט גאר ניט גיפעלט פון די וואג. האט רבי מאיר גיזאגט צום כותי די שוויים וואס איז ארויס גיגאנגען איז ניט פון דיר ארויס גיגאנגען. האט דער כותי גיזאגט יא עס איז פון מיר ארויס גיגאנגען. האט רבי מאיר גיזאגט צום כותי מאדאך דו וואס דו ביזט אמענטש איז פון דיר ארויס גיגאנגען אזוי פיל שוויים אונ עס פעלט גאר ניט פון דיר. דער קוואל פון גאט איז געוויס אפילו עס איז ארויס גיגאנגען פון איהם אזוי פיל רעגין פון דעסטוועגין פעלט פון איהם גאר גיט פון ווי ער איז גיוועז ווען ער איז בשאפין גיווארין אין די ערשטע זעקס טעג: (ד) (אמר) רבי יוחנן זאגט ווען גאט האט בשאפין די וועלט האט ער גינומען אלע וואסער אונ האט זיי גיגעבין העלפט אויף דעם הימעל אונ העלפט אין אוקינוס. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק פלג אלהים מלא מים. פלג איז טייטש געטיילט. דעם פולען קוואל וואסער האט גאט גיטיילט. העלפט זאל זיין אויף דעם הימעל אונ

העלפט

עבות והן יורדין לתוך מים (טז) המלוחים (יז) ואינן מתערבין. א"ר יונה אל תתמה הדין ירדנא עבר בימא דטבריא ולא מתערב ביה. מעשה נסים יש בדבר. אדם כובר חטים או תבן בכברה. עד שלא ירדו שתים ושלש אצבעות הן מתערבין. ואלו מהלכין מהלך (יח) כמה שנים (יט) ואין מתערבין. רבי יודן בר שמעון אומר שהוא מורידן במדה. שנא' (איוב לו) כי יגרע נטפי מים. הסד"א (ויקרא כז) ונגרע מערכך: (ה) כעוביה של ארץ כך עוביה של רקיע. שנא' (ישעיה מ) היושב על חוג הארץ וגו'. (איוב כב) וחוג שמים יתהלך. וחוג חוג לגזרה שוה. א"ר אחא בשם ר' חנינא (כ) כטס הזה. ר' יהושע ב"ר נחמיה אמר כשתים ושלש אצבעות: (ו) רבי שמעון בן פזי אמר המים העליונים יתירין על התחתונים כשלשים (כא) כסוסטאות. בין מים למים. (כב) למ"ד תלתין. רבנין אמרין

## מתנות כהונה

בילות כזיעה תמך תורת למשקל הראשון: (טז) המלוחים. כמ"ש העליונים מתוקים והתחתונים מלוחים. כדאיתא פ"ק דתענית: (יז) ואין מתערבין. טיפה זו בטיפה זו וכו' כי הנה שעל כל טיפה וטיפה ממנה הקב"ה מלאך להפרידה זו מזו. והכי גרסינן בירושלמי כל טיפה וטיפה שהקב"ה מוריד לנו מגרע זו מזו כמה דאת אמר כי יגרע נטפי מים וכתיב ונגרע וגו' ר"י בר"ש וכו': (כ) כטס הזה. כן הוא עוביו של הרקיע ולשון רקיע קדרים כד"א וירקעו פחי הזהב וכן פירש"י: (כא) כסוסטאות. פי' הערוך גזוזטראות דכיא שיעור מדה מה שמודד אדם בשתי זרועותיו אחת כנגד ואחת כנגד שקורין קלפטי"ר: (כב) למ"ד תלתין. פי' רש"י שפל"ל בין

---

העלפט זאל זיין אין אוקינוס. דער הימעל מיט דעם ים אוקינוס איז אזוי ווי א קוואל וואסער אונ פון הויבין איז אנגיוועלבטער סאפיט. אונ פון דעם אוקינוס גייט ארויף אהייך ביז צום הימעל ווערט דער הימעל פארשפריצט. אונ פון די שוויס רינט צוריק אין אוקינוס גרויסע טראפינס. די וואסער פון אוקינוס איז געזאלצין נאר אז זיי קומען אין די וואלקינס ווערין זיי זיס. אונ אז די זיסע טראפינס קומען צוריק אריין אין אוקינוס ווערין זיי ניט אויסגעמישט מיט די וואסער פון אוקינוס. רבי יונה זאגט זאלסט דיך ניט וואנדערין וואס די טראפינס ווערין ניט אויסגעמישט אין דעם אוקינוס. דער ירדן גייט אריין אין די וואסער פון טבריא אונ ווערט אויך ניט אויסגעמישט. דאס איז די וואנדער פון גאט. אז א מענטש זיפט ווייץ אדער שטרויא אין א זיפ. אז די קערנער זענען נאר אראפ גיגאנגען פון די זיפ צוויי אדער דריי פינגער ווייט ווערין זיי פארמישט. אונ די וואסערין גייען שוין ווי פיל יאהר צו זאמען אונ ווערין ניט אויס געמישט. אונ דער רעגין וואס גייט פון הימעל ביז אויף דיא ערד. דאס פון הימעל ביז צו די ערד איז פינף הונדערט יאהר גאנג. אונ עס גייט אזוי ווי פון א זיפ. יעדער טראפין בעזונדער. אונ די טראפינס ווערין ניט פארמישט. רבי יודן ברבי שמעון זאגט עס איז אפגעמאסטין פון גאט ווי פיל רעגין עס זאל גיין א יאהר. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כי יגרע נטפי מים. ער ציילט די טראפינס רעגין. פון וואנען ווייסין מיר אז יגרע איז דער טייטש ציילען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ונגרע מערכך. מען האט גיציילט זיין פארמעגין אונ ער איז ארעם צו בצאלין וואס מען האט אים גישאצט: (ה) כעוביה. אזוי ווי די גרעב פון די ערד אזוי איז די גרעב פון הימעל. ווארום אין איין פסוק שטייט היושב על חוג הארץ. אונ אין אנדערין פסוק שטייט וחוג שמים יתהלך. ביי די ערד שטייט דער ווארט חוג אונ ביי די הימעל שטייט דער ווארט חוג לערנען מיר אפ איין ווארט חוג פון אנדערין ווארט חוג אז זיי זענען ביידע גלייך. די ערד מיט די הימעל. זיי האבין ביידע איין גרעב. רבי אחא זאגט פון רבי חנינא ס ווענין די גרעב פון הימעל איז נאר אזוי ווי א בלעך. רבי יהושע דער זוהן פון רבי נחמיה זאגט די גרעב פון הימעל איז ווי צוויי דריי פינגער: (ו) רבי שמעון בן פזי זאגט די אויבערשטע וואסער זענען מער פון די אונטערשטע וואסער מיט דרייסיג כסוסטאות (קלאפטער). ווארום אין פסוק שטייט בין מים למים. האט גידארפט שטיין בין מים ומים. איז דאך דער למ"ד איבעריג. צו ווייזין אז די אויבערשטע וואסער איז מער פון די אונטערשטע מיט דרייסיג קלאפטער. ווארום למ"ד איז דרייסיג. די רבנן זאגין די וואסער איז גיטיילט גיווארין העלפט. די אויבערשטע וואסער איז אזוי פיל ווי די

אמרין מחצה על מחצה: (ז) ויעש אלהים את הרקיע זה אחד מן המקראות (כג) שהרעיש בן זומא את העולם. ויעש אתמהא והלא במאמר הן. (כד)הוי (תהלים לג) בדבר ה' שמים נעשו וברוח פיו כל צבאם: (ח) למה אין כתיב בשני כי טוב. ר' יוחנן תני לה בשם ר"י ב"ר חלפתא שבו נברא גיהנם. שנא' (ישעיה ל) כי (כה) ערוך מאתמול תפתה. יום שיש בו אתמול ואין בו שלשום. ר' חנינא אומר שבו נבראת מחלוקת שנא' ויהי מבדיל בין מים למים. א"ר טביומי אם (כו) מחלוקת שהיא לתקונו של עולם ולישובו אין בה כי טוב. מחלוקת שהיא לערבובו עאכ"ו. א"ר שמואל לפי שלא נגמרה מלאכת המים. לפיכך כתיב בשלישי כי טוב ב' פעמים. אחד למלאכת המים. ואחד למלאכתו של יום. שאלה מטרונה אחת את ר' יוסי אמרה לו למה אין כתיב בשני כי טוב. אמר לה אעפ"כ חזר וכללם כולן בסוף. שנא' וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאד. אמרה לו משל ששה בני אדם באין אצלך. ואתה נותן לכל אחד ואחד מנה. ולאחד אין אתה מנה. ואתה חוזר ונותן לכולם מנה אחד. לא נמצא ביד כל אחד מנה ושתות. וביד

אחד

## מתנות כהונה

בין מים ומים: (כג) שהרעיש כו'. מפני שכתיב בתהלים בדבר ה' שמים נעשו וכאן כתיב ויעש והרמב"ן ז"ל כתב התמיה היה שמיד אחר האמירה דכתיב ויאמר אלהים יהי רקיע כתיב אחריו ויעש וגו משא"כ בשאר הימים שמיד אחר האמירה כתיב ויהי כן ואולי היה לו פירוש נסתר ולא הלא לגלותו וזהו ענין הרעש עכ"ל ורש"י פי' שהרעיש נפטר מן העולם כדאמרינן לעיל לא היו ימים קלים כו': (כד) ה"ג בילקוט במאמר הן דכתיב בדבר ה': (כה) ערוך מאתמול. מדבר בגיהנם דכתיב בסיפיה מדורתה אש ועצים: (כו) מחלוקת.

תלוקה

---

אונטערשטע וואסער: (ז) ויעש. גאט האט גימאכט דעם הימעל. דאס איז איינער פון די פסוקים וואס בן זומא האט געמאכט שטארעמען די וועלט אויף דער קשיא. דא שטייט גאט האט גימאכט דעם הימעל. דער הימעל איז דאך בשאפין גיווארין דורך די רייד פון גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מיט די רייד פון גאט זענען די הימלען גימאכט גיווארין אונ מיט דעם ווינט וואס איז ארויס גיגאנגען פון זיין מויל זענען אלע ערשאפט בשאפין גיווארין: (ח) למה. פאר וואס שטייט ניט ביי דעם אנדערין טאג כי טוב. רבי יוחנן האט גילערנט פון רבי יוסי בר חלפתא ס ווענין ווייל אין דעם אנדערין טאג איז בשאפין גיווארין דער גיהנם דריבער שטייט ניט כי טוב. ווארום עס שטייט אין פסוק דער גיהנם איז אן גיגרייט פון נעכטין ער איז בשאפין גיווארין אין אזוי אטאג וואס מען קען ביי אים זאגין. פון נעכטין אבער ניט פון איידער נעכטין. דאס איז דער ערשטער מאנטאג. רבי חנינא זאגט ווייל אין דעם אנדערין טאג (מאנטאג) איז גיווען אמחלוקת צווישען די וואסער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עס זאל זיין אצווישען שיידונג פון די וואסער צו די וואסער. דריבער שטייט ניט כי טוב. רבי טביומי האט גיזאגט מאדאך די מחלוקת וואס מען דארף צום פארבעסערונג פון די וועלט אונ צו איר בעזיצונג. שטייט ניט ביי איר כי טוב. די מחלוקת וואס איז צום פארמישונג פון די וועלט איז געווים ניט גוט. רבי שמואל זאגט ווייל די ארבעט פון די וואסער איז ניט גיענדיגט גיווארין דעם אנדערין טאג דריבער שטייט ניט כי טוב. אבער דעם דריטען טאג (דינסטאג) שטייט צוויי מאהל כי טוב. איינס צו די ארבעט פון די וואסער ווס איז גיענדיגט גיווארין דינסטאג. אונ איינס צו די ארבעט פון דינסטאג ווס איז אנגיהויבין גיווארין אונ גיענדיגט גיווארין דעם זעלביגען טאג. אפרויא פון אשר האט גיפרעגט ביי רבי יוסי פאר וואס שטייט ניט כי טוב ביי דעם אנדערין טאג. הט רבי יוסי צו איר גיזאגט ביי דעם לעצטין טאג שטייט שוין כי טוב אויף אלע טעג. אויף דעם צווייטין טאג אויך. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט הט גיזעהין אלץ וואס ער האט גיטאהן איז זייער גוט. האט די פרויא גיזאגט צו רבי יוסי למשל זעקס מענטשין זענען גיקומען צו דיר. צו פינף פון זיי האסטו גיגעבין צו יעדען איין חלק. אונ צו איינעם (דעם זעקסטין) האסטו קיין חלק ניט גיגעבין. דער נאך האסטו גיגעבין איין חלק פאר אלע זעקס. קומט אוים פינף מענטשין האט יעדער גיהאט אגאנצין חלק אונ א זעקסטיל פון דעם לעצטין חלק. אונ דער זעקסטער האט נאר גיהאט א זעקסטיל חלק פון דעם לעצטין חלק. איז

דאך

אחד שתות (כז) אתמהא. חזר ואמר לה כההיא דאמר ר׳ שמואל בר נחמן. לפי שלא נגמרה מלאכת המים. לפיכך כתיב בשלישי ב׳ פעמים כי טוב. אחת למלאכת המים ואחת למלאכת היום. ר׳ לוי בשם ר׳ תנחום בר חנילאי אמר כתיב (שם מו) מגיד מראשית אחרית. מתחלת ברייתו של עולם צפה הקב״ה משה קרוי טוב. ועתיד ליטול (כח) את שלו (כט) מתחת ידיהם. לפיכך לא כתיב בהם כי טוב. ר׳ סימון בשם ר״י בן לוי אמר. משל למלך שהיה לו (ל) לגיון קשה. אמר המלך הואיל ולגיון זה קשה אל יכתב שמי עליו. כך אמר הקב״ה הואיל והמים הללו לקו בהם דור המבול. ודור אנוש. (לא) ודור הפלגה. לפיכך (לב) אל יכתב בהן כי טוב: (ט) ויקרא אלהים לרקיע שמים. רב אמר (לג) אש ומים. רבי אבא ב״כ אמר משום רב נטל הקב״ה אש ומים (לד) ופתכן זה בזה ומהן נעשו שמים. (לה) ד״א שמים כתיב. (לו) שהן שמים מעשיהן של בריות. אם זכו (תהלים נ) הגידו השמים צדקו. ואם לאו (איוב כ) יגלו שמים עונו. (לז) ד״א שמים שהבריות משתוממים עליהן. לאמור של מה הן. של אש הן. של מים הן.

אתמהא

## מתנות כהונה

תלוקה: (כז) אתמהא. וכן כאן הא׳ טוב מאיר שב על כל מלאכת ששת ימים ולא הגיע ליום שני רק שתות מהאי טובה (כח) את שלו. גזר דין של עונש: (כט) מתחת ידיהם. ע״י שאים השם מי מריבה: (ל) לגיון. פי׳ בערוך חיל של אנשי מלחמה: (לא) אל יכתב בהן כי טוב. שמו של הקב״ה טוב. כ׳ לכל: (לב) דור הפלגה לקמן בפ׳ לח פ׳ כ״ח דרש ויקן אל תקרי ויפן אלא ויקן שהניף עליהם היום: (לג) אש מים אש ומים נוטריקון של שמים: (לד) ופתכן. פי׳ בערוך ערבן ובללן: (לה) ד״א שמים כתיב ע״ש ימים והש״ין ימנית: (לו) שהם שמים. לשון שוממות ב״ד כד״א כל השם אורחותיו: (לז) ד״א שמים שהבריות וכו׳. דרש ביה ל׳ שממה: הוא

---

דאך אוואנדער. ווארום דא איז אויך אזוי. ביי פינף טעג זונטאג דינסטאג מיטוואך דאנערשטאג פרייטאג שטייט ביי יעדער טאג בזונדער כי טוב. ביי דעם זעקסטען טאג שטייט נאך אמאהל כי טוב אויף אלע זעקס טעג (אויף מאנטאג אויך). קומט דאך אויס יעדער טאג האט זיין כי טוב אונ אזעקסטיל כי טוב פון דעם לעצטין כי טוב. אונ מאנטאג האט גאר אזעקסטיל כי טוב פון דעם לעצטין כי טוב אבער זיין כי טוב האט ער ניט. דער נאך האט רבי יוסי צו איר גיזאגט אזוי ווי רבי שמואל בר נחמן האט גיזאגט ווייל די ארבעט פון די וואסער איז ניט פערטיג גיווארין מאנטאג דריבער שטייט ניט ביי מאנטאג כי טוב. דריבער שטייט ביי דינסטאג צוויי מאהל כי טוב איינס צו די ארבעט פון מאנטאגדיגע וואסער וואס איז גיענדיגט גיווארין דינסטאג אונ איינס צו די ארבעט פון דינסטאג. גיהער דאך איין כי טוב פון דינסטאג צו מאנטאג. שטייט שוין כי טוב ביי יעדער טאג בזונדער. רבי לוי האט גיזאגט פון רבי תנחום בר חנילאי ם ווענין עס שטייט אין פסוק גאט זאגט פון אנהייב וואס דער סוף וועט זיין. פון אנהייב בעשאפונג פון דער וועלט האט גאט גיזעהן אז משה וועט גירופין ווערין טוב. אונ ער וועט גישטראפט ווערין דורך וואסער. דריבער האט גאט ניט גישטעלט ביי די וואסער כי טוב. רבי סימון הט גיזאגט פון רבי יהושע בן לוי ם ווענין למשל אמלך האט גיהאט אשלעכטין שר. האט דער מלך גיזאגט ווייל דער שר איז שלעכט דריבער וויל איך ניט מיין נאמען זאל אויף אים גערופען ווערין. אזוי הט גאט גיזאגט ווייל די וואסער זענען שלעכט דורך זיי זענען גישלאגין גיווארין דער דור המבול אונ דער דור אנוש אונ דער דור הפלגה (עיין פ. לח). דריבער זאל ניט געשריבען ווערין ביי די וואסער כי טוב. ווארום גאט איז גוט אונ די וואסער איז ניט גוט: (ט) ויקרא. גאט האט גירופין דעם הימעל שמים. רב זאגט שמים איז צוויי ווערטער אש ומים. פייער אונ וואסער. רבי אבא בר כהנא זאגט פון רבי ם ווענין גאט האט גינומען פייער מיט וואסער אונ האט אויסגעמישט צו זאמען אונ האט פון זיי גימאכט דעם הימעל. אנדערע זאגין שמים איז גלייך ווי עם וואלט גישטאנען שמים. אויב די מענטשין זענען זוכה זאגין די הימלען זייער פרומקייט. אונ אויב זיי זענען ניט זוכה זאגין די הימלען זייערע עבירות. אנדערע זאגין שמים איז דער טייטש פארוואנדערונג. די מענטשין וואנדערין זיך אויף זיי אונ פרעגין פון וואס זענען די הימלען גימאכט גיווארין. פון פייער אדער פון וואסער. רבי פנחס זאגט פון רבי לוי ם ווענין דער פסוק

קומט

אתמהא. ר' פנחס בשם ר' לוי אמר (לח) הוא אתא וקם עליו (תהלים קד) המקרה במים עליותיו. הוי של מים הן. סמים מה סמים הללו מהן ירוקין ומהן אדומים. מהם שחורים ומהם לבנים. כך שמים פעמים ירוקין ופעמים כו'. ר' יצחק אמר שמים שא מים. טעון מים. משל לחלב שהיה נתון בקערה עד שלא תרד לתוכו טיפה אחת של (לט) מסו. הוא (מ) מרפף. כיון שירד לתוכו טיפה אחת של מסו. מיד הוא (מא) קופה ועומד. כך (מב) עמודי שמים ירופפו. עמדו שמים ניתן בהם את המסו. ויהי ערב ויהי בקר יום שני. אתיא כדאמר רב לחים היו בראשון ובשני קרשו:

**פרשה ה** (א) ויאמר אלהים (א) יקוו המים. כתיב (תהלים קד) מן גערתך ינוסון מקול וגו'. ר' ברכיה בשם ר' אבא בר אמי אמר יעשה מדה למים. היך מה דאת אמר (זכריה א) וקו ינטה על ירושלם. ר' אבא ב"כ בשם ר' לוי אמר. אמר הקב"ה יקוו לי המים. מה שאני עתיד לעשות בהם. משל למלך שבנה פלטין והושיב בתוכה אלמים. והיו משכימים ושואלים בשלומו של מלך ברמיזה ובאצבע (ב) ובמנולין. אמר המלך אילו היו פקחין עאכ"ו. אתמהא. הושיב בה המלך דיורין פקחין. עמדו והחזיקו בפלטין. אמרו אין פלטין זו של מלך שלנו היא. אמר המלך תחזור פלטין לכמו שהיתה. כך

## מתנות כהונה

(לח) הוא אתא כו. לפיכך בא הכתוב הזה כעומד על הספק והשתוממות והורה לנו שנבראת מזה שנאמר המקרה וגו': (לט) מסו. דבר שמעמידין בו החלב להקפיא אותו ביקרא מסו על שם שמהלך ומפריש מי החלב מן החלב והגבינה: (מ) מרפף. רופף ומנענע תמיד: (מא) קופה. עומד קפוי כד"א וכגבינה תקפיאני: (מב) עמודי שמים. קרי ביה עמדו שמים מרופפים ונתן בהם הקיום והעמדה כמאי דכתיב ויהי כו'. שביום שני נקרשו: (א) יקוו כו'. דרש מדכתיב יקוו בל' כבד ולא כתיב יקוו ל' קל פירושו יהיו נקווים לצרכי לעתיד לדור אנוש ודור הפלגה כו': (ג) במנולין. פירש"י

---

קומט אונז זאגין פון וואס דער הימעל איז געמאכט געווארין הַמְקָרֶה בַמַּיִם עֲלִיּוֹתָיו. ער האט בדעקט מיט וואסער זיינע בוידימס. זעהן מיר אז די הימלען זענען געמאכט פון וואסער. אנדערע זאגין שמים איז גלייך ווי עס וואלט געשטאנען מיט אסי"ן. אונ מען זאל לייענען שַׂמִּים. געווירץ. אזוי ווי געווירץ זענען דא פיל ערליי קאלארין. גרינע רויטע. שווארצע ווייסע. דער הימעל איז אויך אמאהל רויט. געל שווארץ ווייס. רבי יצחק זאגט שָׁמַיִם מאכט שָׂא מַיִם. ער טראגט אויף זיך די וואסער וואס איבער איהם. אזוי ווי מילך וואס איז אין שיסעל. איידער מען גיסט אריין די עסיג אין די מילך איז די מילך שיטער. אונ ווי מען גיסט אריין די עסיג הערט די מילך געדיכט. אזוי זענען געווען די הימלען שוואך אונ שיטער. ווי גאט האט גיזאגט יְהִי רָקִיעַ. זענען די הימלען געשטארקט געווארין. דאס איז ווי רב האט גיזאגט די הימלען זענען געווען פייכט דעם ערשטין טאג אונ דעם אנדערין טאג זענען זיי געשטארקט געווארין:

**פרשה ה** (א) (וַיֹּאמֶר) גאט האט גיזאגט די וואסער זאלין זיך פארזאמלען צו איין ארט. עס שטייט אין פסוק פון דיין געשרייא טוהען זיי אנטלויפין אונ ווייטער שטייט די האט געמאכט אגרענעץ צום ים די וואסער זאלין ניט אריבער גיין. רבי ברכיה האט גיזאגט פון רבי אבא בר אמים וועגין גאט האט גיזאגט עס זאל געמאכט ווערין אמאס צו די וואסער. פריער זענען די וואסער געווען פארשפרייט אויף די גאנצע ערד. האט גאט זיי געגעבין אמאס אין וועלכין ארט זיי זאלין זיין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יִקָּווּ הַמַּיִם. יקוו איז דער טייטש זיי זאלין געמאסטין ווערין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וְקָו יִנָּטֶה עַל יְרוּשָׁלָיִם. אמאס זאל געלייגט ווערין אויף ירושלים. רבי אבא בר כהנא זאגט פון רבי לוי'ס וועגין יקוו איז דער טייטש האפען. יִקָּווּ הַמַּיִם אֶל מָקוֹם אֶחָד. די וואסער זאלין האפען צו גאט וואס ער ווערט גירופין מקום אונ ער איז איינער. אז גאט וועט זיי צוריק פארשפרייטען אויף דער וועלט. אזוי ווי עס איז געווען ביי דעם מבול אונ ביי דעם דור אנוש אונ ביי דעם דור הפלגה (עיין פרק ב) למשל א מלך האט געבאהט אפאלאסט אונ ער האט אריין געזעצט אין דעם פאלאסט שטומע מענטשין פלעגין זיי אויפשטיין אלע טאג פריה אונ פלעגין באנקען דעם מלך אויפין וואונק מיט די פינגער אונ פלעגין אראפ נעמען די היטלען פון זייערע קעפ פאר איהם. האט דער מלך גיזאגט

כך מתחילת ברייתו של עולם לא היה קילוסו של הקב"ה עולה (ג) אלא מן המים. הה"ד (תהלים צג) מקולות מים רבים אדירים משברי ים. ומה היו אומרין אדיר במרום ה'. אמר הקב"ה מה אם אלו שאין להם לא פה ולא אמירה ולא דיבור הרי הן מקלסין אותי, כשנברא אדם עאכ"ו. עמד דור המבול ומרד בו. עמד דור אנוש ומרד בו. (ד) דור הפלגה ומרד בו. אמר הקב"ה יפנו אלו. ויעמדו ויבואו אותן שישבו בהן מקודם. הה"ד ויהי (ה) הגשם על הארץ ארבעים יום וארבעים לילה: (ב) אל מקום אחד. ר' יודן בשם ר' לוי ור' ברכיה בשם ר' יודן ב"ר שמעון אמר כל העולם כולו מים במים. ואתה אומר אל מקום אחד אתמהא. משל לעשר נודות נפוחות מונחות בטרקלין. נצרך המלך למקומן. מה הוא עושה להן. (ו) מתירם ומוציא את רוחן ומסלקן בזוית אחת. כך דרך הקב"ה על מי בראשית וסלקן בים אוקיינוס. הה"ד (איוב יב) הן יעצור במים (ז) ויבשו וגו'. (שם ט) ודורך על במתי ים. א"ר לוי המים היו אומרים אלו לאלו. נלך (ח) ונעשה קילוסין להקב"ה. הה"ד (תהלים צג) נשאו נהרות ה' נשאו נהרות קולם וגו'. ר' לוי אמר דרך

הים

## מתנות כהונה

וכערוך בסודרים שעל ראשם שמסירין אותו מראשם מפני כביד המלך כמנהג ארץ יון ואדום: (ג) אלא מן המים. שלא היה אז בעולם רק מים: (ד) דור הפלגה. שגם הם נדונו במים כדלקמן בפ' כ"ג: (ה) הגשם. פירש"י הגשם משמע משבת ימי בראשית מדלא כתיב גשם: (ו) מתירם. מתיר הקשר שנקשר פיהם לעצור בהם הרוח: (ז) כ"ב ויבשו וגו' וכתיב ודורך על במתי ים וכן הוא בשוחר טוב: (ח) ונעשה קילוסין כו'. שקבלו עליהם בשמחה גזירת המקום ב"ה ואמרו שירה וקילוס. או י"ל שמה שקבלו על הם גזירת המקום ב"ה הוא עצמו הקילוס והערוך. ורש"י ז"ל גרס

---

אזוי אין מיין פאלאסט וואלטין וואהנען מענטשין וואס קענען ריידין וואלטין זיי דאך מיר געוויס בעסער געדאנקט. האט דער מלך אריין געזעצט אין דעם פאלאסט מענטשין וואס קענען ריידין האבין זיי צו גינומען דעם פאלאסט זיי האבין גיזאגט דער פאלאסט גיהער גאר ניט צום מלך ער איז אונזער. האט דער מלך גיזאגט איך וועל צוריק אוועק געבין דעם פאלאסט צו די שטומע. אזוי איז גיוועזן אין אנהייב ווען גאט האט בשאפין די וועלט האבין אים גאר גילויבט די וואסער ווארום אויף דער וועלט איז מער ניט גיוועזן גאר וואסער וואס האבין די וואסער גיזאגט גאט איז שטארק אין הימעל. האט גאט גיזאגט מאדאך די וואסער וואס זיי האבין ניט קיין מויל אונ קענען ניט ריידין אונ זיי לויבין מיך. אז איך וועל בשאפין א מענטשין וועט ער דאך מיך געוויס לויבין. איז אויף גישטאנען דער דור המבול אונ האט מורד גיוועזן אין גאט. דער דור אנוש האט מורד גיוועזן אין גאט. דער דור הפלגה האט מורד גיוועזן אין גאט. האט גאט גיזאגט זאלין די מענטשין אוועק גיין אונ זאלין צוריק קומען די וואסער וואס זענען פריער גיוועזן אויף די וועלט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער רעגין איז גיוועזן אויף די ערד פערציג טעג אונ פערציג נעכט. ווייל עס שטייט אין פסוק דער רעגין. מיינט מען דער רעגין וואס מען ווייס שוין. וואס איז גיוועזן איידער די וועלט איז בשאפין גיווארין: (ב) אל מקום אחד. גאט האט גיזאגט די וואסער זאל קומען צו איין ארט. רבי יודן פון רבי לוי'ס וועגין אונ רבי ברכיה פון רבי יודן ברבי שמעון'ס וועגין האבין גיפרעגט די גאנצע וועלט איז גיוועזן פול מיט וואסער. אין וועלכין ארט זענען די וואסער גיגאנגען. עס איז אוואונדער. נאר למשל צעהן פענבערם אן גיבלאזענע זענען גילעגין אין א פאלאסט אונ דער מלך האט געדארפט דעם ארט פון די פענבערם. וואס האט דער מלך גיטאהן. ער האט אויף גיבונדען די פענבערם איז ארויס פון זיי דער ווינט זענען זיי קליין גיווארין האט ער זיי גילייגט אין א ווינקעל פון שטוב. אזוי האט גאט אמרעט גיטאהן אויף די וואסער איז ארויס פון זיי דער לופט אונ זענען ווייניגער גיווארין האט ער זיי פארזאמלט אין ים אוקינוס. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גיטרעטין אויף די הייך פון ים. רבי לוי זאגט די וואסער האבין גיזאגט איינע צו די אנדערע מיר וועלין גיין לויבין גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די טייכין האבין אויף גיהויבין זייער שטימע צו לויבין גאט. עס שטייט אין פסוק ישאו נהרות דכים. ריש לקיש זאגט דכים איז צווייי ווערטער דרך ים. ווען גאט האט גיזאגט צו די וואסער זיי זאלין גיין צו

איין

הים (ט) דרך הים. ר׳ אבא ב״כ אמר (י) לדוכתא פלונית ולזוית פלונית גלגל פלניתא. ר״ה אמר להדך (יא) להדך ימא. ר׳ יהושע בר חנינא אמר (יב) לדוכסאים לדוכסאים. ר׳ אלעזר אמר קלטן הים. המד״א (איוב לח) הבאת עד (יג) נבכי ים. עד (יד) קלוטין דימא. רבנן אמרי דוכים אני (טו) קבלונו מדוכנים אנו קבלונו. א״ר יהושע ב״ר נחמיה המים היו עולין הרים ויורדין תהומות. עד שהגיעו לאוקיינום. הה״ד (תהלים קד) יעלו הרים ירדו וגו׳. אי זה מקום אל מקום זה יסדת להם. זה אוקיינום. דרש ר׳ אבהו אוקיינום גבוה מכל העולם כולו. וכל העולם כולו מימיו הם שותים. א״ר לוי יש מן הדרשנים שהן דורשין. כגון בן עזאי ובן זומא. נעשה קולו של הקב״ה (טז) מיטטרון למשה. בשעה שא״ל (דברים לב) עלה אל הר העברים וגו׳. נעשה קולו של הקב״ה מיטטרון על המים הה״ד (תהלים כט) קול ה׳ על המים. (ג) א״ר ברכיה לא פירשו המים התחתונים מן העליונים

## מתנות כהונה

קלוסי׳ פי׳ לקיים לגדרת הים: (ט) דרך ים וכו׳. הים דרש נוטריקון דרך הים כלומר הלך דרך הים עד ים אוקיינוס ורש״י ז״ל גרס אומרים אלו לאלו אהן ז״ל פירושו שאמרו אלו לאלו להיכן נלך שהקב״ה אמר לנו יקוו המים אל מקום א׳ היכן הוא המקום אמר להם הקב״ה ישאו נהרות דכים דרך ים אוקיינוס: (י) לדוכתא כו׳. דכים נוטריקון דוכתא פי׳ למקום ולזוית פלונית תרד גלגל זו של מים וכן לכל גלגל וגלגל שהאה היה מראה לה הקב״ה מקום מיוחד שתרד שמה: (יא) להדך. לזאת כמו להדא. וכולם נוטריקון של הים קר״ש: (יב) לדוכסאים. ה״ג בילקוט תלים ופי׳ בשביל הים וע״ע דכסאן ורש״י ז״ל גרס דוכוס יס ופי׳ כו לממשלת הים לצד הים הסמוך במלכות פלן: (יג) נבכי ים. נוטריקון של הים: (יד) קלוטין דימא. מסגרת הים כמו נבוכים הם בארץ סגורים הם במדבר כן פי׳ בב״ר ובאיוב: (טו) קבלונו כו׳. כך היו המים אומרים לים אוקיינוס קבלו את אותנו שאנו מדוכים ונשברים מגזירתו של מקום: (טז) מיטטרון. פירש״י והערוך מנהיג ומקדם לפניו ולהב״א בשם ר״א ערמ״א פירשו כשמרר לפניו לכול. כן

---

איין ארט האבין זיי ניט גיוואקסט צו וועלכין ארט זיי זאלין גיין האט גאט צו זיי גיזאגט זיי זאלין גיין דורך דעם וועג וואו דער אוקינוס איז. רבי אבא בר כהנא זאגט גאט האט גיזאגט צו דעם ארט אונ צו דעם ווינקול זאל גיין דאס ביסול וואסער. אונ צו דעם ארט אונ צו דעם ווינקול זאל גיין דאס ביסול וואסער. אזוי האט גאט איין גיטיילט יעדער ביסול וואסער צו איין אנדער ארט. רבי הונא זאגט גאט האט גיזאגט דאס ביסול וואסער זאל גיין צו דעם ים אונ דאס ביסול וואסער זאל גיין צו דעם ים. רבי יהושע בר חנינא זאגט גאט האט גיזאגט די וואסער זאל גיין צו דעם ארט וואס וועט גיהערין צו דעם מלך אונ דאס ביסול וואסער זאל גיין צו דעם ארט וואס וועט גיהערין צו דעם מלך. רבי אליעזר זאגט די וואסער האבין ניט גיוואלט וואו צו גיין. האט דער ים זיי ארייין גיצויגין אין זיך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק הבאת עד נבכי ים. ביזטו דען גיקומען ביז צו דעם ארט וואס דער ים שליננט אין זיך איין אלע וואסערן. די רבנן זאגין די וואסער האבין גיזאגט צום ים מיר זענען צו שטויסין ווייל גאט האט אויף אונז גיטרעטין אונ איר זענט אויך צו שטויסין ווייל גאט האט אויף אייך אויך גיטרעטין זענען מיר ביידע ווייניגער גיווארין אונ מיר וועלין קענען זיין אין איין ארט דריבער זאלט איר אונז צו נעמען צו זיך. רבי יהושע ברבי נחמיה זאגט די וואסער זענען גיגאנגען אויף בערג אונ האבין געניזערט אין די טאהלין ביז זיי זענען געקומען צום אוקינוס. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק זיי זענען גיגאנגען אויף בערג אונ האבין געניזערט אין טאהלין ביז זיי זענען געקומען צו דעם ארט וואס דו האסט זיי אויסגיזעצט. דאס מיינט מען דעם אוקינוס: דרש. רבי אבהו האט גידרשת דער אוקינוס איז העכער ווי די גאנצע וועלט. אונ די גאנצע וועלט טרינקען די וואסער פון אוקינוס. רבי לוי האט גיזאגט אנדערע דרשנים דרשנן. דאס איז בן עזאי אונ בן זומא דער קול פון גאט איז גיוועזן דער פירער פון משה. ווען גאט האט גיזאגט צו משה גיי ארויף אויף דעם בארג עברים. פון וואנען האט משה גיוואוסט וואו דער בארג עברים איז. נאר דער קול פון גאט האט אים געפירט צום בארג עברים. אונ דער קול פון גאט האט געפירט די וואסער צום אוקינוס. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער קול פון גאט איז גיוועזן אויף די וואסער: (ג) אמר רבי ברכיה זאגט די אונטערשטע וואסער האבין זיך אפגישיידט פון די אובערשטע וואסער מיט גיוויין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מבכי נהרות. פון דעם גיוויין

פון

העליונים אלא בבכיה . הה"ד (איוב כח) מבכי נהרות חבש. ר' תנחום (יז) מייתי לה מן הכא (ירמיה י) עושה ארץ בכחו וגו'. לקול תתו המון מים וגו' . ואין לקול אלא בכי. היך מה דאת אמר (שם לא) קול (יח) ברמה נשמע: (ד) א"ר יוחנן תנאין התנה הקב"ה עם הים שיהא נקרע לפני ישראל . הה"ד (שמות יד) וישב הים לאיתנו . לתנאין שהתנה עמו. א"ר ירמיה בן אלעזר לא עם הים בלבד התנה הקב"ה. אלא עם כל מה שנברא בששת ימי בראשית. הה"ד (ישעיה מה) אני ידי נטו שמים וכל צבאם צויתי. (יט) מידי נטו שמים כל צבאם צויתי. צויתי את הים שיהא נקרע לפני ישראל. צויתי את השמים ואת הארץ שישתקו לפני משה שנא' (דברים לב) האזינו השמים. צויתי את השמש ואת הרח שיעמדו לפני יהושע. שנא' (יהושע י) שמש בגבעון דום. צויתי את העורבים שיכלכלו את אליהו. שנא' (מלכים א יז) והעורבים מביאים לו וגו'. צויתי את האור שלא הזיק להנניה מישאל ועזריה. צויתי את האריות שלא יזיקו את דניאל. צויתי את השמים שיפתחו לקול יחזקאל. שנא' (יחזקאל א) נפתחו השמים. צויתי את הדג שיקא את יונה. שנאמר (יונה ב) ויאמר ה' לדג ויקא את יונה: (ה) אמר ר"א (כ) מתחלת ברייתו

של

## מתנות כהונה

נאיקיינים: (יז) מייתי לה. מביא ראיה מכאן שפירשו בבכיה : (יח) ברמה נשמע. סיפיה דקרא רחל מבכה על בניה : (יט) מידי נטו שמים. מבטא שידי נטו שמים כו' : (כ) מתחלת בריותו כו'. שגזר הקב"ה שיהיו נקוים במקום אחד וה"כ למה

פון די טייכן. רבי תנחום לערונט דאס אפ פון דעם פסוק לקול תתו המון מים בשמים. קול מיינט מען אגיוויין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק קול ברמה נשמע בכי תמרורים. עס איז גיהערט געווארין אין הימעל אקול (אשטימע) מיט גיוויין. זאגט דער פסוק ווען גאט האט גיגעבין די וואסער איבער דעם הימעל און זיי האבין זיך אפגישיידט פון די אונטערשטע וואסער. איז גיהערט געווארין אקול פון אגיוויין: (ד) (אמר) רבי יוחנן זאגט גאט האט גימאכט אתנאי מיט דעם ים אז ער זאל צוריסען ווערין פאר די יודין ווען זיי וועלין ארויס גיין פון מצרים אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער ים האט צוריק גיקערט לאיתנו. מיינט מען לתנאו ער איז צוריק גיגאנגען צו זיין ערשטין תנאי. רבי ירמיה בן אלעזר זאגט ניט נאר מיט דעם ים אליין האט גאט גימאכט התנאי. נאר מיט אלע זאכין וואס זענען בשאפין געווארין אין די ערשטע זעקס טעג האט גאט מיט זיי גימאכט התנאי אז זיי זאלין בטל ווערין פאר יודינס וועגין ווען מען וועט דארפין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אני ידי נטו שמים וכל צבאם צויתי. פון דער צייט וואס מיינע הענט האבין גיצויגט דעם הימעל. האב איך גיבאטין צו אלע זייערע הערשאפט. איך האב גיבאטין צום ים ער זאל צוריסען ווערין פאר די יודין. איך האב גיבאטין צו די הימעל אונ צו די ערד זיי זאלין שווייגין פאר משה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק משה האט גיזאגט פאר נעמט איר הימלען אונ איך וועל ריידין אונ די ערד זאל הערין די זאג פון מיין מויל. ווען משה האט גירעט האבין די הימעל אונ ערד געשוויגען אונ האבין ניט גיזאגט שירה. איך האב גיבאטין די זוהן אונ די לבנה זיי זאלין בלייבין שטיין פאר יהושע. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יהושע האט גיזאגט די זוהן זאל בלייבין שטיין אין גבעון אונ די לבנה זאל בלייבין שטיין אין עמק אילון. איך האב גיבאטין די קראהען זיי זאלין שפייזין אליהו הנביא. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די קראהען האבין גיברייגגט צו אליהו ברויט מיט פלייש אין דער פריה אונ פארין נאכט. איך האב גיבאטין דאס פייער ער זאל ניט פאר ברענגען צו חנניה מישאל ועזריה. איך האב גיבאטין די לייבין זיי זאלין ניט שלעכטס מאהן צו דניאל. איך האב גיבאטין די הימלען זיי זאלין גיעפינט ווערין פאר יחזקאל. אזוי ווי יחזקאל האט גיזאגט איך האב גיזעהן ווי די הימלען זענען גיעפונט גיווארין. איך האב גיבאטין דעם פיש ער זאל אויסשפייען דעם נביא יונה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צום פיש אונ ער האט אויס געשפיגען דעם יונה: (ה) (אמר). רבי אלעזר האט גיזאגט אין אנהייב ווען גאט האט בשאפין די וועלט האט ער גוזר גיוועזן די וואסער זאל פארזאמלט ווערין אויף איין ארט, פאר

וואס

של עולם. גזר הקב"ה ואמר יקוו המים. למה (עמוס ה) הקורא למי הים (פס ט) הקורא למי הים שני פעמים. אחת בדור המבול ואחת בדור אנוש בשביל (קהלת ג) והאלהים עשה שייראו מלפניו. משל למדינה שמרדה במלך. שלח המלך לגיון קשה והקיפה כדי שיראו אותו בני המדינה ויתייראו מלפניו. כך למה (תהלים לג) כנס כנד מי הים. בשביל וייראו מה' כל הארץ וגו': (ו) בנוהג שבעולם אדם מפנה כלי מלא בתוך כלי ריקן. שמא כלי מלא בתוך כלי מלא. כל העולם כולו מים במים. ואת אומר אל מקום א'. אלא מכאן שהחזיק מועט את המרובה. (וכולהו נמי איתנהו במדרש קהלת ובאגדות דויקרא רבה). ודכוותה (במדבר כ) ויקהילו משה ואהרן. א"ר חנינא (כח) כמלוא פי כברה קטנה היתה בה וכל ישראל עומדין בה. אלא מכאן שהחזיק מועט את המרובה. ודכוותה (שמות ט) ויאמר ה' אל משה ואל אהרן (כב) קחו לכם וגו'. א"ר חנינא וכי חפנו של משה היתה מחזקת שמונה קמצים אתמהא לא דמי (כג) ההוא דחפן להוא דקמץ. (כד) ההוא דהפן תרי מההוא דקמץ. (כה) וכתיב וזרקו משה. נמ צאת חפנו של משה היתה מחזקת שמנה קמצים. אלא מכאן שהחזיק מועט את המרובה. ודכוותה א"ר יוסי ב"ר חלפתא (פס

אורך

## מתנות כהונה

מור וגזר וישפכם על פני הארץ: (כח) כמלוא פי כברה קטנה. היה פני הסלע: (כב) קחו לכם. מלא חפניכם פיח וגו': (כג) ההוא דחפן. מי שנוטל בחפניו בפעם אחת אינו דומה לזה שנוטל בשני פעמים בכל פעם מלא יד שנקרא קומץ: (כד) ההוא דחפן כו'. שנוטל בחפנו הוא מחזיק ארבע קומצין כפל מש"ם היה נוטל יד על יד קומץ אחר קומץ: (כה) וכתיב וזרקו משה כו'. הרי שחפנו של משה החזיק בני חפנים שלו ושל אהרן דכתיב מלא חפניכם ודייק מדכתיב וזרקו בכל דבר

---

ווס הט ער גירופין צו די וואסער פון ים אונ האט זיי צוריק אויס גיגאסין אויף די וועלט צוויי מאהל. איין מאהל אין די צייט פון מבול אונ איין מאהל אין די צייט פון אנוש. ענטפערט דער מדרש דאס האט גאט גיטאהן מען זאל פאר אים מורא האבין. למשל אמדינה האט מורד גיוועזין אויף איר מלך. הט דער מלך געשיקט שטארקע זעלנער זיי זאלין ארום רינגלען די מדינה. אז די מדינה וועלין זעהן די זעלנער וועלין זיי מורא האבין פאר דעם מלך. אזוי האט גאט ארום גערינגולט די וועלט מיט דעם ים אוקינוס אונ דער ים אוקינוס איז העכער ווי די וועלט אונ די וואסער שטייען ארום ווי א וואנט. דאס אלץ הט גאט גיטאהן מען זאל פאר אים מורא האבין: ו דער מדרש פרעגט דער מנהג פון די וועלט איז אז א מענטש וויל ליידיג מאכין אפולע כלי. גיסט ער דאס אריין אין אליידיגע כלי. אבער פון אפולע כלי אין אפולע כלי קען מען ניט אריין גיסען. די גאנצע וועלט איז גיוועזן פול מיט וואסער אונ דו זאגסט די וואסער זאלין פארזאמולט ווערין אין איין ארט. נאר דורך אנס הט פאר נומען אקליינער ארט די וואסער פון די גאנצע וועלט. נאך אזוי אגלייכין געפינען מיר משה מיט אהרן האבין פארזאמולט אלע יודין פאר דעם שטיין. רבי חנינא האט גיזאגט דער שטיין הט אויס גיזעהן ווי אקליינע זיפ. ווי אזוי זענען אלע יודין גישטאנען ארום דעם שטיין. נאר דורך אנס הט דער קליינער ארט פאר נומען פיל מענטשין. נאך אזוי אגלייכין גאט האט גיזאגט צו משה אונ צו אהרן איר זאלט נעמען פולע הענט דאס ווייסע וואס ווערט אראפ גיבלאזין פון הייסע קוילין. הט רב הונא גיזאגט הט דען די האנט פון משה גיהאלטין אכט קומצים. עס איז א וואונדער. נאר עס איז ניט גלייך אז מען האלט ביידע הענט צו זאמען האפען צו מען האלט די הענט פאר מאכט. אז מען האלט ביידע הענט צו זאמען האפען גייט אריין צוויי מאהל אזוי פיל ווי מען האלט אין ביידע הענט פארמאכטע. ווארום אין א האנט גייט אריין איין קומץ אין די אנדערע האנט אויך איין קומץ. איז צוויי קומצים. אונ אז מען לייגט צו זאמען איין האנט נעבין די אנדערע האנט האפען, קען אריין גיין נאך אמאהל אזוי פיל. איז פיר קומצין אין משה ס הענט. אונ אזוי איז גיוועזן פיר קומצין אין אהרן ס הענט. איז אכט קומצין. דער נאך האט גינומען משה אלע אכט קומצין. זיינע אונ אהרן ס. אין איין האנט אונ האט דאס גיווארפין גאנץ הויך. ווי אזוי זענען אריין גיגאנגען אכט קומצין אין איין האנט פון משה ווס זיא קען נאר פאר נעמען איין קומץ. נאר דורך אנס הט דער קליינער ארט פאר נומען פיל. נאך אזוי אגלייכין האט רבי

יוסי

כז) אורך החצר מאה באמה ורחב חמשים בחמשים. וכל ישראל עומדים שם אתמהא. אלא מכאן שהחזיק מועט את המרובה. ודכוותה (יהושע ג) ויאמר יהושע אל בני ישראל גשו הנה וגו'. ר' הונא אמר זקפן בין שני בדי הארון. א"ר אחא בר חנינא צמדן (סמכן) בין שני בדי הארון. רבנן אמרין צמצמן בין שני בדי הארון. אמר להן יהושע ממה שהחזיקו שני בדי הארון אתכם. אתם יודעים ששכינתו של הקב"ה היא ביניכם. הה"ד (שם) ויאמר יהושע בזאת תדעון כי אל חי בקרבכם. (כו) ואף בירושלם דתנן עומדים (כז) צפופים ומשתחוים רווחים. ר' שמואל ב"ר חנא בשם ר' אחא אמר ארבע אמות לכל אחד. ואמה מכל צד. כדי שלא ידא אדם שומע תפלתו של חבירו. ואף לע"ל כן. שנא' (ירמיה ג) בעת ההיא יקראו לירושלם (כח) כסא ה' וגו'. ר' יוחנן סליק למשאל שלמיה דר' חנינא. אשכחיה דיתיב ודריש בהדין פסוקא (שם) בעת ההיא יקראו לירושלים כסא ה'. א"ל רבי וכי מחזקת היא ירושלים כסא ה'. א"ל הקב"ה אומר לה האריכי. הרחיבי. קבלי אוכלוסיך. הה"ד (ישעיה כד) הרחיבי מקום אהלך למה כי ימין ושמאל תפרוצי וגו': (ז) ויקרא אלהים ליבשה ארץ. למה נקרא שמה (כט) ארץ שרצתה לעשות רצון קונה. ר' נתן בשם ר' אחא ור' ברכיה בשם ר' יצחק אמר אני אל שדי אני שאמרתי

לשמים

## מתנות כהונה

בכורך בית אינו אלא ביד אמה: (כו) אף בירושלים. היה אחד מן המקומות שהמיעט החזיק את המרובה: (כז) צפופים. דחוקי' עד שקומתם עומדים באויר ורגליהם לא הגיעו לארץ כזה מלפ' ע"ג המים: (כח) כסא ה'. וסיפא דקרא ונקוו אליה כל הגוים ועיין זה במדרש תוית (ז"ד): ה"ג בילקוט וכי מחזקת היא אותם: (כט) ארץ. לשון רצון הוא:

יוסי ברבי חלפתא גיזאגט די לייגג פון הויף פון משכן איז גיוועזן הונדערט איילין אונ די ברייט איז גיוועזן פופציג איילין. אונ אלע יודין זענען דארטין גישטאנען אין הויף. איז דאך אוואנדער. נאר דורך אנם הט דער קלייגער ארט פאר נומען פיל. גאך אזוי אגלייכין יהושע הט גיזאגט צו די יודין גיגעגט אהער. רבי הונא זאגט יהושע הט גישטעלט די יודין צווישען די צוויי שטעקינס פון ארון. רבי אחא ברבי חנינא זאגט ער הט גיזעצט די יודין צווישען די צוויי שטעקינס פון ארון. די רבנן זאגין די יודין זענען טאקי גיזעסין צווישען די צוויי שטעקינס פון ארון נאר זיי זענען היינג גיזעסין. הט יהושע גיזאגט צו די יודין פון דעם וואס איר זעהט אז דער קלייגער ארט וואס צווישען די צוויי שטעקינס פון ארון האבין פאר נומען אייך אלע. קענט איר וויסען אז די שכינה פון גאט איז צווישען אייך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יהושע הט גיזאגט מיט דעם וועט איר וויסען אז דער לעבעדיגער גאט איז צווישען אייך. אין ירושלים איז אויך אזוי גיוועזן אקלייגער ארט האט פאר נומען פיל מענטשין. ווארום מיר האבין גילערונט מען איז גישטאנען היינג אונ מען האט זיך געבוקט ברייט. דער ארט איז ברייט גיווארין דורך אנס. רבי שמואל ברבי חנא זאגט פון רבי אחאס וועגין יעדער האט גיהאט ליידיג פלאץ פיר איילין. אאייל פון יעדער זייט. איינער זאל ניט הערין וואס דער אנדערער בעט פון גאט. ווען משיח וועט קומען וועט אויך אזוי זיין ווארום עס שטייט אין פסוק אין דער צייט וועט מען רופען אין ירושלים איז דער שטוהל פון גאט. רבי יוחנן איז גיגאנגען צו רבי חנינא אים פרעגין וואס ער מאכט. האט רבי יוחנן גיטראפין אז רבי חנינא זיצט אונ דרשת דעם פסוק אין דער צייט וועט מען רופין אין ירושלים איז דער שטוהל פון גאט. האט רבי יוחנן גיזאגט צו רבי חנינא קען דען ירושלים פארנעמען די שטוהל פון גאט. האט רבי חנינא גיזאגט גאט וועט זאגין צו ירושלים זאלסט ווערין לייגגער אונ ברייטער אונ זאלסט פאר נעמען מיין שטוהל אונ אלע יודין אויך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק זאלסט דער ברייטערין דעם ארט פון דיין גיצעלט. פאר וואס. ווארום דו וועסט דיך שטארקין רעכטס אונ לינקס: (ז) ויקרא. גאט האט גירופין צו די טריקענעש ארץ. פאר וואס ווערט גירופין די ערד ארץ. ווייל זיא האט גיוואלט טאהן דעם ווילען פון גאט. רבי נתן האט גיזאגט פון רבי אחאס וועגין אונ רבי ברכיה האט גיזאגט פון רבי יצחקס וועגין גאט האט גיזאגט אני אל שדי. איך האב גיזאגט צו די הימעל אונ צו די ערד גענוג. ווען איך וואלט ניט זאגין גענוג

וואלטין

לשמים ולארץ די. שאלמלא כן היו מותחים והולכים עד עכשיו: (ח) ולמקוה המים קרא ימים אר"י ב"ר חלפתא והלא ים אחד הוא. ומה ת"ל ימים. אלא אינו דומה טעם דג העולה (ל) מעכו לעולה מצידון ולעולה מאספמיא: (ט) ויאמר אלהים תדשא הארץ. תני בשם ר' נתן ג'. נכנסו לדין. וד' יצאו מחויבין. ואלו הן. אדם וחוה ונחש נכנסו לדין. ונתקללה הארץ עמהן. שנא' (בראשית ג) ארורה האדמה בעבורך. שתהא מעלה לך דברים ארורים. כגון יתושים וזבובין ופרעושין. א"ר יצחק מגדלאה אף הן יש בהן הנאה. ולמה נתקללה. ר' יהודה ב"ר שלום ור' פנחס. ר' יהודה ב"ר שלום אמר (לא) שעברה על הצווי. שכך אמר לה הקב"ה תדשא הארץ דשא וגו'. מה הפרי נאכל. אף העץ נאכל. והיא לא עשתה כן. אלא ותוצא הארץ דשא וגו'. הפרי נאכל והעץ אינו נאכל. ר' פנחס אמר הוסיפה על הצווי. (לג) סמכה לעשות רצון בוראה. עין עושה פרי אפי' אילני סרק עשו פירות. על דעתיה דר' יהודה ב"ר שלום (לד) ניחא אלא על דעתיה דר"פ למה נתקללה. אלא כאינש דאמר יהון. (לה) ליטון ביזיא דהדין מניק:

וידי

## מתנות כהונה

(ל) מעכו. מן הים כעיר עכו: (לא) שעברה על הצווי כו'. עיין בפרש"י ז"ל בסדר זה: (לב) ה"ג ותוצא הארץ דשא וגו' עץ עושה פרי. כפרי נאכל: (לג) כמכה כו'. במה שהוסיפה סמכה דעתה ביפה היא עושה כדמפרש ואזיל: (לד) ניחא. שנתקללה שהרי שינקה: (לה) ה"ג לייטין ביזייא דהדין מינק. פי' כצריך ארורים הדדים שמניקים זה ועל אדם רשע אומרים כן כדאיתא בפ"ד מיהות כמאן קרינן רשיעא בר רשיעא אפי' לרשיעא בר לר קא כמאן כמאי תנא וכן כאן האדם חטא וניזון

וואלטין זיי זיך גיצויגין אין די לייננ אונ אין די ברייט ביז היינט: (ח) (ולמקוה). צו דעם פארזאמלונג פון דעם וואסער האט ער גירופין ימים. רבי יוסי ברבי חלפתא האט גיזאגט די תורה שמועסט דאך נאר פון איין ים. פון דעם ים אוקינוס. וואס אין אים איז פאר זאמולט גיווארין אלע וואסער פאר וואס שטייט ימים. פיל ימים. נאר עס איז ניט גלייך דער טעם פון דעם פיש וואס איז אין עכו צו דעם פיש וואס איז אין צידון אדער אין אספמיא. עס איז טאקי איין ים. נאר עס איז אין אים דא עטליכע ערליי וואסער. נאך יעדער אקלים ווא ער גייט. דריבער זענען די פיש אויך אנדערש. אונ עס זעהט אויס ווי עס וואלט גיוועןעטליכע ערליי ימים: (ט) (ויאמר). גאט האט גיזאגט די ערד זאל בדעקט ווערין מיט גראז. מיר האבין גילערונט פון רבי נתן ג' ווענין רבי זענען אריין גיגאנגען צום משפט. אונ פיר זענען ארויס גיגאנגען פארשולדיגט. דאס זענען זיי. אדם אונ חוה אונ דער שלאנג זענען אריין גיגאנגען צום משפט אונ זיי זענען פאר שולדיגט גיווארין. אונ די ערד איז אויך פארשולדיגט גיווארין מיט זיי. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די ערד זאל זיין פארפלוכט פון דיינעטוועגין. דאס מיינט מען זיא וועט ארויס ברייננען פארפלוכטע זאכין פליגען קאמארעס פלייא. רבי יצחק מגדלאה זאגט פון די פליגען האט אויך די וועלט הנאה. זיי נוצען אמאהל צו ארפואה. פאר וואס איז די ערד גיפלוכט גיווארין. אין דעם קריגט רבי יהודה ברבי שלום אונ רבי פינחס. רבי יהודה ברבי שלום זאגט ווייל די ערד האט ניט גיטאהן ווי גאט האט איר גיבאטין. גאט האט איר גיבאטין זיא זאל ארויס געבין פון זיך עץ פרי אבוים וואס ער איז גלייך צו די פרי. אזוי ווי מען קען עסין די פרי זאל מען קענען עסין דעם בוים. אונ זיא האט ניט אזוי גיטאהן זיא האט ארויס גיגעבין פון זיך עץ עושה פרי. אבוים וואס אויף אים וואקסט פירות. די פרי זאל מען קענען עסין אונ דעם בוים ניט. רבי פינחס זאגט די ערד האט גיטאהן נאך מעהר ווי גאט האט גיהייסין. זיא האט גימיינט אז דער מיט וועט זיא טאהן דעם ווילען פון גאט. אפילו אויף די ליידיגע ביימער האט אויך גיוואקסין פירות. דאס מיינט מען עץ עושה פרי. אפילו אויף דעם האלץ האט אויך גיוואקסין פירות. נאך רבי יהודה ברבי שלום וואס ער זאגט אז די ערד האט געזינדיגט. איז רעכט וואס זיא איז גיפלוכט גיווארין. אבער נאך רבי פנחס פאר וואס איז די ערד גיפלוכט גיווארין. ענפערט מען די ערד איז ניט גיפלוכט גיווארין דורך אירע זינד נאר דורך די זינד פון מענטש. אזוי ווי מענטשין זאגין פאר פלוכט זאלין זיין די בריסט וואס האבין גיזויגין דעם רשע. אזוי האטמען גיפלוכט די ערד ווייל זיא אדעווען

דעם

(י) ויהי ערב ויהי בקר יום שלישי. יום שנבראו בו גבורים. היך מה דאת אמר (יחזקאל כג) שלישים וקרואים רוכבי סוסים כולם. כיון שנברא הברזל התחילו האילנות (לו) מרתתים. (לז) אמר להן מה לכם מרתתים. עץ מכם אל יכנס בי. ואין אחד מכם ניזוק:

פרשה ו (א) ויאמר אלהים יהי מאורות. ר' יוחנן פתח (תהלים קיד) עשה ירח למועדים. א"ר יוחנן לא נברא להאיר (א) אלא גלגל חמה בלבד. א"כ למה נבראת לבנה. למועדים. כדי לקדש בחשבונה ראשי חדשים ושנים. ר' שילה דכפר תמרתא בשם ר' יוחנן אמר אע"פ שעשה ירח למועדים שמש ידע מבואו. אין מונין אלא (ב) משתשקע החמה. (ג) יוסטי חברא בשם ר' ברכיה אמר הה"ד (במדבר לג) ויסעו מרעמסס בחדש הראשון בחמשה עשר יום לחדש. ואם ללבנה אתה מונה עד כדון לית לה אלא י"ד (ג) מטמועין. הוי אין מונין ללבנה אלא משתשקע החמה

## מתנות כהונה

מן כאדמה וכעומו נתקללה: (לו) מרתתים. מפחדים לשון רתת חועה: (לז) אמר להם כו'. כברזל אמר לאילנות עץ מכם אל כו'. אם לא תכנסו אתם באוגן הגרזן לעשות בית יד בגרזן לא יכלו לחטוב בי ולא תהיו ניזוקים: (א) אלא גלגל חמה. דייק מדכתיב יהי מארת חסר משמע מאור אחד כן הוא בפסיקתא: (ב) משתשקע החמה. אע"פ שהלבנה נראית גם ביום מ"מ אין מונין אלא משתשקע החמה: (ג) יוסטי חברה.

של חמה: (ג) מטמועין. שוקעין כי בא השמש אין מטמע שמשא כלומר י"ד ימים שהרי אותו מולד היה ביום ד' אחר חצות ור"ח היה ביום ה' כדאיתא בסדר עולם וכמס' ר"ה וגמירי דכל מולד שנולד לאחר חצות אינו נראה באותו יום א"כ אותו מולד לא היה נראה עד מוצאי יום ה' בתחלת ליל ו' ואעפ"כ היו מונין משקיעת חמה של יום ד' מתחלת ליל ה' וכן אעפ"כ שהיא כלדם ביום ד' אין מונין לה אלא משקיעת

---

דעם מענטש. (י) ויהי ערב ויהי בקר יום שלישי. אין דעם טאג זענען בשאפין געווארין שטארקע מענטשין. וואס זיי ווערין גירופען שלישים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק שלישים קרואים רוכבי סוסים כלם. שטארקע מענטשין וואס זענען גירופין געווארין זיי זאלין אלע רייטין אויף פערד. ווי דער אייזין איז בשאפין געווארין האבין די בוימער אנגיהויבין צו ציטערין. האט דער אייזין גיזאגט צו די בוימער וואס ציטערט איר. זאל נאר ניט אריין גיין א האלץ פון אייך אין מיר. וועט קיינעם פון אייך ניט שאדין טאהן. ווארום די האק אן דעם האלץ וואס שטעקט אין איהם קען ניט האקין:

פרשה ו (א) ויאמר). נאך האט גיזאגט עס זאל זיין בעלייכטונגען. רבי יוחנן האט אנגיהויבין צו דרשנן אין די תורה שטייט די זוהן מיט די לבנה זאלין זיין צו לייכטין אונ צו מועדים (ימים טובים). אונ אין תהלים שטייט ער האט גימאכט די לבנה צו מועדים. אזוי מיינט די תורה. צום בעלייכטין איז בשאפין געווארין די זוהן אליין. צו וואס איז בשאפין געווארין די לבנה נאר צו מועדים. דורך דעם רעכענונג פון די לבנה ווייס מע ווען צו מאכין ראשי חדשים אונ יאהרין. רבי שילה פון דארף תמרתא האט גיזאגט פון רבי יוחנן ס ווענין אפילו מען האט גימאכט די לבנה צו וויסען פון איר די מועדים פון דעסטוועגין שמש ידע מבואו. פון די זוהן ווייס מען דעם רעכענונג פון די לבנה. צו די לבנה ציילט מען נאר ווען די זוהן גייט אונטער. למשל אפילו דער מולד איז גיוועזן ביי טאג פון דעסטוועגין הייבט זיך אן ראש חדש ביי נאכט. יוסטי חברא האט גיזאגט פון רבי ברכיה ס וועגין עס שטייט אין פסוק די יודין האבין גיצוגין פון רעמסס אין דעם ערשטין חדש (ניסן) דעם פופצעהנטין טאג אין חדש. אונ דער מולד פון דעם חדש איז גיוועזן מיטוואך נאך האלבין טאג. אונ דרייסיג שעה איז די לבנה צו גידעקט. האט מען די לבנה איצט גיוועהן די נאכט צו פרייטאג. אונ אויב מיר ציילין פון די לבנה דארף מען אנהייבין ציילין דעם חדש פון די נאכט צו פרייטאג. אונ די יודין זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים דאנערשטאג. אונ פון אנהייב אבענד פרייטאג ביז דאנערשטאג איז נאר פירצעהן מאהל די זוהן אונטער גיגאנגען. ווארום דאנערשטאג איז דער פירצעהנטע טאג. נאר מיר ציילין ניט פון די לבנה. נאר ווען די זוהן גייט אונטער. האט מען אנגיהויבין ציילין פון אנהייב נאכט צו דאנערשטאג. איז גיוועזן דא ערשטאג דער פופצעהנטער טאג.

חמה בלבד . החמה. ר' עזריה בשם ר' חנינא אמר לא נברא להאיר אלא גלגל למה נבראת לבנה. אלא מלמד שצפה הקב"ה שעתידין או"ה לעשותן אלוהות . אמר הקב"ה מה (ד) אם משהן שנים מכחישין זה את זה. או"ה עושין אותן אלוהות. אילו היה אחד עאכו"כ. ר' ברכיה בשם ר' סימון אמר שניהם נבראו להאיר. שנאמר (ה) והיו למאורות : (ב) ויתן אותם אלהים ברקיע השמים : והיו לאותות . אלו (ו) שבתות. ולמועדים. אלו שלש רגלים. ולימים. אלו ר"ח. ולשנים. זה קדוש שנים : (ג) (ז) לך יום אף לך לילה (תהלים עד) לך היום מקלס ולך הלילה מקלס. מה היום ברשותך . אף הלילה ברשותך . (ח) בשעה שאתה עושה לנו נסים ביום לך יום. ובשעה שאתה עושה לנו נסים בלילה. אף לך לילה. בשעה שאתה עושה לנו נסים ביום אנו אומרים לפניך שירה ביום. ובשעה שאתה עושה לנו נסים בלילה . אנו אומרים לפניך שירה בלילה. עשית לנו נסים ביום ואמרנו לפניך שירה ביום. (שופטים ה) ותשר דבורה וברק בן אבינועם ביום וגו'. עשית לנו נסים בלילה ואמרנו לפניך שירה בלילה. (ישעיה ל) השיר יהיה לכם כליל התקדש חג. לך נאה לומר שירה ביום. לך נאה לומר שירה בלילה. למה שאתה הכינות (ט) מאור ושמש. ואתה עשית את שני המאורות שנאמר ויעש

## מתנות כהונה

החמה הוא דקאמר אלא מבקיעת החמה : (ד) אם משהן שנים מכחישין. פעולת חמה ולבנה מכחישין זה את זה : (ה) והיו למאורות. מלא בווי"ו סרי שניהם למאורות : (ו) שבתות. דכתיב ביה אות היא לעולם : (ז) לך יום וגו'. פסוק הוא בתלים ע"ד : (ח) בשעה שאתה עושה לנו נסים ביום לך יום וכו'. וכלומר הואיל שאומרים לך שירה ביום : (ט) מאור ושמש.

רבי עזריה האט געזאגט פון רבי חנינא ס ווענין צום בעלייכטין איז נאר בשאפין געווארין די זוהן אליין. צו וואס איז בשאפין געווארין די לבנה. נאר נאט האט געוואסט אז די פעלקער וועלין מאכין די זוהן מיט די לבנה פאר גאטער. האט גאט געזאגט מאדאך אז זיי זענען צוויי (די זוהן אונ די לבנה). אונ די זוהן לייקנט אפ די לבנה אז די לבנה איז ניט קיין גאט. אונ די לבנה לייקנט אפ אז די זוהן איז ניט קיין גאט ווארום די זוהן פארשטעלט אמאהל די ליכטיגקייט פון די לבנה. אונ די לבנה פארשטעלט אמאהל די ליכטיגקייט פון די זוהן. פון דעסטוועגין ווארום די לבנה פאר גאטער. אז עס וואלט נאר געווען די זוהן אליין וואלט מען זי געוויס זאגין די פעלקער אז ביידע זענען גאטער. רבי ברכיה האט געזאגט פון רבי סימון ס ווענין די זוהן מיט די לבנה געהאלטין פאר א גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק והיו למאורות. זיי ביידע זענען בשאפין געווארין צום בעלייכטין. נאט האט געגעבין די זוהן מיט די לבנה אין הימעל זאלין זיין צום בעלייכטין : (ב) (ויתן). דאס מיינט מען די דריי ימים טובים (פסח שבועות סוכות). לימים מיינט מען ראש חדש. לשנים מיינט מען צו הייליגען די יאהרין. למועדים מיינט שבתים. זיי זאלין זיין צו צייכונס. (ג) דוד המלך זאל זיין פון צוועלף חדשים אונ וועלכער פון דרייצעהן חדשים : וועלכער יאהר האט געזאגט צו דיר איז טאג אונ צו דיר איז נאכט. דער טאג לויבט צו דיר אונ די נאכט לויבט צו דיר. אזוי ווי דער טאג איז אין דיין רשות דו געוועלטיגסט אויף אים. אזוי איז די נאכט אין דיין רשות דו געוועלטיגסט אויף איר. ווען דו טוהסט צו אונז נסים ביי טאג זעהט מען אז דער טאג איז דיין. אונ ווען דו טוהסט צו אונז נסים ביי נאכט זעהט מען אז די נאכט איז אויך דיין. ווען דו טוהסט צו אונז נסים ביי טאג זאגין מיר פאר דיר שירה ביי טאג. אונ ווען דו טוהסט צו אונז נסים ביי נאכט זאגין מיר פאר דיר שירה ביי נאכט. דו האסט גיטאהן צו אונז נסים ביי טאג האבין מיר געזאגט פאר דיר שירה ביי טאג. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דבורה אונ ברק בן אבינועם האבין געזונגען ביי טאג. ווען דו האסט גיטאהן צו אונז נסים ביי נאכט האבין מיר געזאגט פאר דיר שירה ביי נאכט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער געזאנג וועט זיין צו אייך ווי די נאכט וואס איז געהייליגט געווארין יום טוב. צו דיר איז שיין מען זאל זאגין שירה ביי טאג. אונ צו דיר איז שיין מען זאל זאגין שירה ביי נאכט. פאר וואס ווייל דו האסט אנגיבריייט די בעלייכטונג (פון די לבנה אונ די זוהן) אונ דו האסט געמאכט די צוויי בעלייכטונג.

אזוי

ויעש אלהים את שני המאורות הגדולים וגו': (ד) ר' יודן בשם ר' תנחום ב"ר אחיו ור' פנחס בשם ר' סימון אמרי מאחר שהוא קורא א"תן גדולים. הוא חוזר (י) ופוגם אותה. את המאור הגדול לממשלת היום ואת המאור הקטן לממשלת הלילה אתמהא. אלא ע"י שנכנס (יא) בתחומו של חבירו. א"ר פנחס בכל הקרבנות כתיב שעיר עזים אחד חטאת. ובר"ח כתיב שעיר עזים אחד חטאת לה'. אמר הקב"ה (יב) הביאו כפרה עלי שמיעטתי את הירח. שאני הוא שגרמתי לו להכנס בתחומו של חבירו. ומה אם זה שנכנס ברשות כך פגמו הכתוב הנכנס שלא ברשות עאכ"ו: (ה) ר' לוי בש"ר יוסי בר אלעאי אמר דרך ארץ הוא שיהא הגדול מונה לגדול. והקטן מונה לקטן. עשו מונה לחמה שהיא גדולה. ויעקב מונה ללבנה שהיא קטנה. אר"נ והוא סימן טב. עשו מונה לחמה שהיא גדולה. מה חמה הזאת שולטת ביום ואינה שולטת בלילה. כך עשו יש לו חלק בעה"ז ואין לו חלק בעה"ב. יעקב מונה ללבנה שהיא קטנה. מה הלבנה הזו שולטת בלילה וביום. כך יעקב יש לו חלק בעה"ז ובעה"ב. רב נחמן אמר כל זמן שאורו של גדול קיים אין אורו של קטן מתפרסם. שקע אורו של גדול מתפרסם אורו של קטן. כך כל זמן שאורו של עשו קיים. אין אורו של יעקב מתפרסם שקע אורו של עשו מתפרסם אורו של יעקב. הה"ד (ישעיה ס) קומי אורי כי בא אורך (יג) כי הנה החשך:

## מתנות כהונה

הלבנה בלילה והחמה ביום ובדמפרש ואז"ל אתה עשית וכו': החמה וכל המוסיף גורע: (יב) כביאו כפרה עלי. בפ' אלו (י) ופוגם אותה. במה שכתוב את המאור הקטן כדמפרש טריפות דף ס': (יג) כי הנה החשך וגו'. מאחר שהחשך והדל: (יא) בתחומו וכו'. שהלבנה נראית קודם שקיעת יכסה ארץ הטעמים הגיע שעתך שכבוד ה' עליך יזרח:

---

אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גימאכט די צווייא גרויסע בעלייכטונג: (ד) רבי יודן האט גיזאגט פון רבי תנחום ברבי חייא ס וועגין אונ רבי פינחס האט גיזאגט פון רבי סימון ס וועגין פריער רופט ער ביידע גרויסע. דער נאך זאגט ער אויף איינעם ער איז גיוועזן קליין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דאס גרויסע בעלייכטונג זאל גיוועלטיגען ביי טאג. אונ דאס קליינע בעלייכטונג זאל גיוועלטיגען ביי נאכט. דאס איז אוואנדער. נאר ווייל די לבנה איז אריין גיגאנגען אין די צייט פון די זוהן. די לבנה איז ביי טאג אונ ביי נאכט. דריבער האט מען זיא קלענער גימאכט. רבי פנחס זאגט ביי אלע קרבנות שטייט שעיר עזים אחד חטאת אונ עס שטייט ניט לה' "צו גאט" אונ ביי ראש חדש שטייט שעיר עזים אחד חטאת לה' "צו גאט". גאט האט גיזאגט צו די יודין ברייננגט אקרבן פון מיינעט וועגין וואס איך האב קלענער גימאכט די לבנה. ווארום איך האב געברייננט דער צו די לבנה זאל אריין גיין אין דער צייט פון די זוהן. אונ מאדאך די לבנה וואס זיא איז אריין גיגאנגען אין דער צייט פון די זוהן דורך די ערלויבנים פון גאט פון דעסטוועגין איז זיא גישטראפט גיווארין זיא זאל קלענער ווערין. דער וואס גייט אריין אין אפרעמדין פארמעגין אן ערלויבנים. וועט ער געווים גישטראפט ווערין:
(ה) רבי לוי האט גיזאגט פון רבי יוסי בר אלעאי ס וועגין דער דרך ארץ איז דער גרויסער זאל ציילין צום גרויסין. אונ דער קלייננער זאל ציילין צום קליינעם. עשו וואס ער איז דער גרעסערער ציילט ער צו די זוהן וואס זיא איז גרויס. יעקב וואס ער איז דער קלענערער ציילט ער צו די לבנה וואס זיא איז קליין. רב נחמן זאגט דאס איז אגוטער סימן. עשו ציילט צו די זוהן וואס זיא איז גרויס. אזוי ווי די זוהן גיוועלטיגט נאר ביי טאג אונ זיא גיוועלטיגט ניט ביי נאכט. אזוי עשו האט נאר אחלק אויף די וועלט אונ ער האט ניט קיין חלק צו עולם הבא. אונ יעקב ציילט צו די לבנה וואס זיא איז קליין. אזוי ווי די לבנה גיוועלטיגט ביי נאכט אונ ביי טאג. אזוי האט יעקב אחלק אויף די וועלט אונ אויף עולם הבא. רב נחמן זאגט אזוי לאנג ווי די ליכטיגקייט פון דעם גרעסערין (פון די זוהן) איז דא. זעהט מען ניט די ליכטיגקייט פון דעם קלענערין (פון די לבנה). אז עס גייט אונטער די ליכטיגקייט פון דעם גרעסערין (פון די זוהן) זעהט מען די ליכטיגקייט פון דעם קלענערין (פון די לבנה). דא איז אויך אזוי. אזוי לאנג ווי עס איז דא די ליכטיגקייט פון עשו. זעהט מען ניט די ליכטיגקייט פון יעקב. אז עס

וועט

החשך יכסה ארץ וגו': (ו) ואת הכוכבים. אמר ר' אחא משל למלך שהיו לו שני אפוטרופים. אחד שולט בעיר ואחד שולט במדינה. אמר המלך הואיל ומיעט עצמו זה להיות שולט בעיר. גוזר אני עליו בשעה שהוא יוצא תהא כל אוכלוסא יוצאה עמו. ובשעה שיהא נכנס תהא (יד) בולי ודימוס נכנסת עמו. כך אמר הקב"ה הואיל והלבנה הזו מיעטה עצמה להיות שולטת בלילה. גוזר אני עליה. בשעה שהיא יוצאת שיהיו הכוכבים יוצאין עמה. ובשעה שהיא נכנסת יהיו הכוכבים נכנסים עמה. ודכוותה (בראשית י) ושם אחיו יקטן. א"ר אחא למה נקרא שמו יקטן שהיה (טו) מקטין את עסקיו. מה זכה. זכה להעמיד י"ג משפחות גדולות. (טז) ומה אם הקטן על ידי שהיה מקטין את עסקיו כך. גדול שהוא מקטין את עסקיו עאכו"כ. ודכוותה (שם מח) וישלח ישראל את ימינו וישת על ראש אפרים והוא הצעיר. אמר ר' חוניא וכי מן התולדות אין אנו יודעים שהוא הצעיר. אלא מה הוא הצעיר. שהיה מצעיר את עסקיו. מה זכה. זכה לבכורה. ומה אם הצעיר ע"י שהיה מצעיר את עסקיו זכה לבכורה. הגדול שהוא מצעיר את עסקיו. עאכ"ו (יז) אתמהא: (ז) ויתן אותם אלהים ברקיע השמים. אמר ר' יוחנן ג' דברים נתנו מתנה לעולם ואלו הן. התורה. והמאורות. והגשמים. התורה מנין. שנא'

## מתנות כהונה

(יד) בולי ודימוס. פי' בערוך חיילות: (טו) מקטין עסקיו. כלומר עניו ושפל: (טז) ומה אם הקטן. ופי' בדרך תמה היה הקטן שהרי פלג היה גדול ממנו: (יז) אתמהא. כלומר בא מה

וועט אונטער גיין די ליכטיגקייט פון עשו וועט מען זעהן די ליכטיגקייט פון יעקב. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער נביא זאגט צו די יודין שטיי אויף או: לייכט ווארום דיין ליכטיגקייט איז גיקומען. ווארום די פינסטערניש וועט בדעקין די ערד אונ די פעלקער: (ו) ואת הכוכבים. אונ די שטערין. רבי אחא זאגט למשל א מלך הט גיהאט צוויי עלצטע. איינער הט גיוועלטיגט איבער איין שטאט אונ איינער האט גיוועלטיגט איבער די גאנצע מדינה. הט דער מלך גיזאגט ווייל דער עלצטער האט זיך קלענער גימאכט ער זאל גיוועלטיגען נאר איבער איין שטאט. בין איך גוזר אויף אים (פון ווייגעט ווענין) אז ווען ער וועט ארויס גיין. זאלין אלע זעלנער ארויס גיין מיט אים. אונ ווען ער וועט אריין גיין זאלין אלע רייכע מענטשין אונ די זעלנער אריין גיין מיט אים. אזוי האט גאט גיזאגט ווייל די לבנה האט זיך קליין גימאכט זיא זאל גיוועלטיגען נאר ביי נאכט. בין איך גוזר אויף איר (פון אירעטוועגין) ווען זיא וועט ארויס גיין זאלין די שטערין ארויס גיין מיט איר. אונ ווען זיא וועט אריין גיין זאלין די שטערין אריין גיין מיט איר. נאך אזוי אגלייכין. עס שטייט אין פסוק דער נאמען פון זיין ברודער יקטן. האט רב אחא גיזאגט פאר וואס האט מען אים גירופין יקטן. ווייל ער הט קליין גימאכט זיינע גישעפטין. ער איז ביי זיך קליין גיוועזן. וואס האט ער זוכה גיוועזן. ער האט זוכה גיוועזן עס זאל פון אים גיבארין ווערין דרייצעהן גרויסע משפחות. מאדאך יקטן וואס ער איז באמת גיוועזן דער קלענסטער ווייל ער האט זיך קליין גיהאלטין האט ער אזוי זוכה גיוועזן. אגרויסער מענטש אז ער האלט זיך קליין וועט ער געווים זוכה זיין צו גרויסע טובות. נאך אזוי אגלייכין. עס שטייט אין פסוק יעקב האט אויסגישטרעקט זיין רעכטע האנט אונ האט זיא געלייגט אויף דעם קאפ פון אפרים ער איז דער יינגסטער. האט רבי חוניא גיזאגט פון דאס געבורט ווייסין מיר דען ניט אז אפרים איז גיוועזן דער יינגסטער. נאר וואס דען שטייט דא אז אפרים איז דער יינגסטער. נאר מען מיינט ער האט זיך קליין גיהאלטין. וואס האט אפרים זוכה גיוועזן ער זאל זיין א בכור. מאדאך אפרים וואס ער איז גיוועזן דער יינגסטער ווייל ער האט זיך קליין גיהאלטין האט ער זוכה גיוועזן צו די בכורה. אז אגרויסער האלט זיך קליין וועט ער געווים זוכה זיין צו גרויסע טובות. עס איז אוואונדער צו זעהן ווי גרויס איז דער שכר פון דעם מענטש וואס איז קליין ביי זיך: (ז) ויתן. גאט האט זיי גיגעבין אין הימעל. רבי יוחנן זאגט דריי זאכין האט גאט גיגעבין אמתנה צו דער וועלט. דאס זענען זיי. די תורה אונ די בעלייכטונגען אונ דעם רעגין. ביי די תורה שטייט ויתן אל משה. גאט הט גישיינקט די תורה צו משה. ביי די בעלייכטונג

שטייט

שנא׳ (שמות לב) ויתן אל משה וגו׳. המאורות מנין. שנא׳ (בראשית א) ויתן אותם אלהים ברקיע השמים. גשמים מנין. שנא׳ (ויקרא כו) ונתתי גשמיכם בעתם. ר׳ עזריה בשם ר׳ יהודה ב״ר סימון אומר אף השלום. שנא׳ (שם) ונתתי שלום בארץ. ר׳ יהושע ב״ר נחמי׳ אמר אף הישועה. שנא׳ (תהלים יח) ותתן לי מגן ישעך. ר׳ תנחומא אמר אף ארץ ישראל. שנא׳ (שם קה) ויתן להם ארצות גוים וגו׳. וי״א אף הנקמה באדום. שנא׳ (יחזקאל כה) ונתתי נקמתי באדום וגו׳. רבנן אמרי אף הרחמים. שנא׳ (תהלים קו) ויתן אותם לרחמים לפני כל שוביהם. ר׳ יצחק בר מריון אומר אף הפרשת הים הגדול שנא׳ (ישעיה מג) כה אמר ה׳ הנותן בים דרך וגו׳: (ח) רבנן אמרי הנותן בים דרך (יח) מעצרת ועד החג (יט) ובמים עזים נתיבה. (כ) מן החג ועד החנוכה. ר׳ נתן כהן אחוה דר׳ חייא בר אבא הוה מפרש בימא. א״ל (כא) לאחוי (כב) צלי עלי. א״ל (כג) מה נצלי עלך (כד) מן דאת קטר לולבך קטור רגלך. (כה) אין עיילת לכנישתא ושמעתן מצליין על מטרא לא הסמוך על צלותי. ר׳ יהושע בריה דר׳ תנחומא ב״ר חייא דכפר

ותנו

## מתנות כהונה

ושמה על עצמך כמו גדול כח הענוה: (יח) מעצרת׳ עד החג. אין רוח מצוי כ״כ: (יט) במים עזים כו׳. פרש״י אלו הכנרות ולא הים ולפיכך כתיב בהם נתיבה שצריך לבקש מקום עמוק שהספינה יכולה לילך שם אבל בים לכל צד שהוא פונה הרי הדרך נכון לפניו: (כ) מן החג כו׳. אזי א״א לפרוש בים אבל בכנרות אפשר אבל מחנוכה ואילך אפי׳ בכנרות א״א: (כא) לאחוי. לאחיו ר׳ חייא: (כב) צלי עלי. התפלל עלי שאצליח ולא אסתכן: (כג) מה נצלי עליך. מה אתפלל עליך כלומר שמור עצמך מלפרש בזמן הסכנה ולא תסמוך על הנס וכדמפרש והזיל: (כד) מן דאת כו׳. היכן שאתה קושר לולבך כלומר כשיגיעו ימי החג ושם תקשור רגלך כלומר עמוד ולא תפרוש על הים מפני הסכנה: (כה) אין עיילת כו׳ ואם תכנס לב״ס ותשמע הצבור מתפללים על המטר לא הסמוך על תפילתי אפילו אם הוא קודם החג שתפילת לבור

---

שטייט ויתן אותם אלהים. גאט הט זיי גישיינקט צו לייכטין אויף די ערד. ביי רעגין שטייט ונתתי גשמיכם בעתם. איך וועל שיינקען אייער רעגין אין זייער צייט. רבי עזריה זאגט פון רבי יהודה בר סימון ס וועגין דעם שלום האט אויך גאט גישיינקט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ונתתי שלום. איך וועל שיינקען שלום איף דער וועלט. רבי יהושע בר נחמיה האט גיזאגט די הילף איז אויך אמתנה פון גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ותתן לי מגן ישעך. דו האסט מיר גישיינקט דאס בשיצונג פון דיין הילף. רבי תנחומא זאגט ארץ ישראל איז אויך אמתנה גיגעבין גיווארין צו די יודין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ויתן להם ארצות גוים. גאט האט געשיינקט צו די יודין די לענדער פון די פעלקער. אנדערע זאגין די נקמה וואס גאט וועט טאהן אין אדום הייסט דאס אויך אמתנה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ונתתי נקמתי באדום. איך וועל שיינקען מיין נקמה אין אדום. די רבנן זאגין דאס רחמנות איז אויך אמתנה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ויתן אותם לרחמים לפני כל שוביהם. גאט האט גישיינקט רחמנות אין די הארץ פון די אלע פאנגער זיי זאלין רחמנות האבין אויף די יודין. רבי יצחק בר מריון זאגט וואס אמענטש קען פארין אויף דעם ים הגדול דאס איז אויך אמתנה פון גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אזוי האט גיזאגט גאט הנותן בים דרך. ער האט געשיינקט אוועג אויף דעם ים: (ח) די רבנן זאגין ער האט גיגעבין אוועג אויף דעם ים. דאס איז פון שבועות ביז סוכות. דאמאלס איז ניטא קיין ווינטען קען מען פארין אויף דעם ים. אונ אין די שטארקע וואסער הט ער גיגעבין אוועג. דאס איז פון סוכות ביז חנוכה. דאמאלס זענען דא ווינטען. אויף דעם ים קען מען ניט פארין: נאר אויף טייכין קען מען פארין. אונ פון נאך חנוכה קען מען אויף טייכין אויך ניט פארין. רבי נתן כהן דער ברודער פון רבי חייא בר אבא הט גיוואלט פארין אויף דעם ים. הט רבי נתן גיזאגט צו זיין ברודער רבי חייא זיי מתפלל פון מיינעטוועגין. האט רבי חייא גיזאגט וואס זאל איך מתפלל זיין אויף דיר. אויף דעם ארט וואס דו וועסט בינדען דעם לולב זאלסטו בינדען דיינע פים. ווא דו וועסט זיין סוכות זאלסטו ווייטער ניט פארין אויף דעם ים. ווארום נאך סוכות איז אסכנה צו פארין אויף דעם ים. אז דו וועסט אריין גיין אין שוהל אונ וועסט הערין מען בעט שוין אויף רעגין זאלסטו דיך ניט פארלאזין אויף מיין תפלה. אונ זאלסט ניט פארין אויף דעם

ים

הנון הות באסיא (כו) בעא דיפרוש. אמרה ליה מטרונא (כז) באילין יומיא פרשי אתמהא. אתחזי ליה אבוי בחלמא א"ל ברי בלא קבורה. שנא' (קהלת ו) גם קבורה לא היתה לו. (כז) ולא שמע לאלמילי דדין ולא למילי דדין וכן הות ליה: (ט) והיכן גלגל החמה ולבנה נתונים. (כח) ברקיע השני. שנאמר ויתן אותם אלהים ברקיע השמים. ר' פנחס בשם ר' אבהו אמר מקרא מלא הוא. ואנשי כנסת הגדולה פירשו אותו (נחמיה ט) אתה הוא ה' לבדך אתה עשית את השמים שמי השמים וכל צבאם וגו'. היכן הוא כל צבאם נתונים. ברקיע (כט) שהוא למעלה מן השמים. ומן הארץ ועד הרקיע מהלך ה' מאות שנה. ועוביו של רקיע מהלך ת"ק שנה. (ל) ומרקיע עד רקיע מהלך ת"ק שנה. ראה כמה הוא גבוה. ותנן באחד בתקופת תמוז אין צל לכל בריה. דכתיב (תהלים י"ט) ואין נסתר מחמתו. גלגל המה יש לו נרתיק. שנא' (שם) לשמש שם אהל בהם. ובריכה של מים לפניו. בשעה שהוא יוצא. הקב"ה (לא) מתיש כחו במים שלא יצא וישרוף את העולם. אבל לע"ל הקב"ה (לב) מערטלו מנרתיקו ומלהט בו את הרשעים שנאמר ולהט

## מתנות כהונה

לא תבוז ריקא. ותפילתי בטלה כנגדה: (כו) בעי דיפרוש. רצה לפרוש ביה בין כתג לחנוכה: (כז) באלין יומיא כו'. בשמיה וכי באלו ימים הולכין בהם: (כז) ולא שמע למילתא ואלמתו כו'. פי' ולא שמע לדבריה ונראה לו אביו בחלום ואמר ליה ברי כו' רמז לו שאם יפרוש קבורה לא יהיה לו שיטבע ביה ולא שמע לדבריהם של זה ושל זאת וכן היה לו שטבע ביה: (כח) ברקיע השני. שלמטה למעלה: (כט) שהוא למעלה כו'. תהו שמי השמים: (ל) ומרקיע עד הרקיע השני, שהו כמאורות תלוים: (לא) מתיש כחו. מפני בחומו גדול מאד וכן הוא במדרש קהלת (א"ו): (לב) מערטלו. מפשיט

---

ים. רבי יהושע דער זוהן פון רבי תנחומא ברבי חייא פון דארף תנון איז גיווען אין אסיא. האט ער גיוואלט. פארין אויף דעם ים נאך סוכות. האט א פירשטין גיזאגט צו רבי יהושע אין די טעג פארט מען אויף דעם ים. עס איז אוואגדער. איז דער פאטער גיקומען צו רבי יהושע אין חלום אונ האט גיזאגט צו אים מיין זוהן אן קבורה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ער האט קיין קבורה אויך ניט גיהאט: אונ רבי יהושע האט ניט גיפאלגט די רייד פון פאטער אונ ניט די רייד פון די פירשטין. אונ ער איז גיפארין אויף דעם ים אונ איז דער טרונקען גיווארין: (ט) (והיכן). ווא איז דער ראד וואס אין אים איז די זוהן מיט די לבנה. אין אנדערין הימעל. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט זיי גיגעבין (די זוהן מיט די לבנה אין רקיע השמים. אין דעם הימעל וואס הייסט רקיע וואס ער איז איבער דעם הימעל וואס הייסט שמים. רבי פינחס האט גיזאגט פון רבי אבהו ס ווענין דאס איז א פסוק בפירוש. אונ די אנשי כנסת הגדולה האבין גיזאגט דעם פסוק. דו גאט ביזט אליין דו האסט גימאכט דעם הימעל אונ דעם הימעל וואס איבער דעם הימעל אונ אלע ערשאפט (די זוהן די לבנה אלע שטערין). ווא זענען גיגעבין גיווארין די אלע ערשאפט אין דעם הימעל וואס הייסט רקיע וואס ער איז איבער דעם הימעל וואס הייסט שמים. דאס ווערט גירופין שמי השמים. דער הימעל וואס איבער דעם הימעל. פון די ערד ביז צום הימעל דארף מען גיין פינף הונדערט יאהר. די גרעב פון הימעל איז פינף הונדערט יאהר גאנג. אונ פון איין הימעל ביז צום אנדערין הימעל איז פינף הונדערט יאהר גאנג. זעה ווי הויך עס איז פון די ערד ביז צו די זוהן אונ די לבנה. אונ מיר האבין גילערנט דעם ערשטין טאג פון תקופת תמוז קען ניט קיין בשעפעניש זיך בשיצען אין שאטען. ווייל די היץ איז אזוי גרויס אז אפילו אונטער א שאטען איז אויך הייס. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מען קען זיך ניט פארבארגין פון די היץ. אונ ווייל די היץ איז אזוי גרויס דריבער הט גאט גיגעבין די זוהן אין אנדערין הימעל. ווארום אז זיא וואלט גיווען אין ערשטין הימעל וואלט מען ניט גיקענט אויסהאלטין די היץ. די זוהן האט א שייד אין וואס זיא ווערט בדעקט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ער האט גימאכט א גיצעלט צו די זוהן. אונ א קוואל וואסער שטייט פאר די זוהן. ווען די זוהן גייט ארויס לייכטין אויף דער וועלט מאכט גאט שוואך דעם כח פון די זוהן אין וואסער. די זוהן זאל ניט פארברענען די וועלט. אבער ווען משיח וועט קומען וועט גאט יאקעט מאכין

די

(מלאכי ג) ולהט אותם היום הבא: (י) ר' ינאי ור"ש תרווייהו אמרין (לג) אין גיהנם אלא יום שהוא מלהט את הרשעים. מה טעם (שם) הנה יום בא בוער כתנור וגו'. רבנן אמרי יש גיהנם. שנאמר (ישעיה לא) נאם ה' אשר אור לו בציון וגו'. ר' יהודה בר אלעאי אומר לא יום ולא גיהנם. אלא אש שהיא יוצאה מגופן של רשעים ומלהטת אותן. מ"ט דכתיב (ישעיה לג) תהרו חשש תלדו קש רוחכם אש תאכלכם: (יא) רבי יהושע בר אבין אמר (תהלים נ) ויגידו שמים צדקו לע"ל שמים (לד) מתנים צדקה שעשה הקב"ה עם עולמו שלא נתנם (לה) ברקיע הראשון. שאילו נתנם ברקיע הראשון לא היתה בריה יכולה לעמוד מאשו של יום: (יב) א"ר לוי ג' דברים קולן הולך מסוף העולם ועד סופו והבריות בנתיים (לו) ואינם מרגישים. ואלו הן. היום. והגשמים. והנפש בשעה שהיא יוצאת מן הגוף. היום מנין א"ר יהודה את סבור (לז) שהוא שף ברקיע. ואינו אלא (לט) כמסר הזה שהוא נוסר בעץ. הגשמים מנין א"ר לוי (תהלים מ"ב) (מ) תהום. אל תהום קורא לקול וגו'. והנפש בשעה שהיא יוצאת מן הגוף מנין.

דר'

## מתנות כהונה

עדים מן אותו בדתק: (לג) כ"ג אין גיהנם לעתיד לבא: (לד) מתנים. מספרים: (לה) ברקיע הראשון. מלמטה למעלה: (לו) ואינם מרגישים. אינם שומעין ופירש"י שהוא הולך דרך שביל ואין נשמע לבריות כאדם שמדבר עם חבירו דרך קצה ותבירו שומע ואין אחרים שומעין כך אותו הקול סקב"ה מכניסו דרך שביל שלא ישמע לבריות: (לז) שף. הולך לאט וניסוף כד"א שייף ועייל: שהוא שף · גלגל היום ס"ג בב"ר פ"ס הכוכב הוא שף ובמדרש כמואל גרס שהיום הוא שף כו': (לט) כמסר. כמו מגיר' שמנסרים בו סעץ ובילקוט תלים גרס כנסר פירושו אדם הנוסר את העץ קרוי נסר: (מ) תהום אל תהום. פי' תהום התחתון ר"ל המים התחתונים קורין אל מים העליונים כדאיתא בפ"ק דתענית

די זונען און וועט זיא ארויס געמען פון די שייד און ער וועט מיט די זונען פאר ברענען די רשעים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער טאג וואס וועט קומען וועט זיי פאר ברענען:
(י) רבי ינאי און רבי שמעון ביידע זאגען עס וועט ניט זיין קיין גיהנם ווען משיח וועט קומען. נאר די זונען וועט פאר ברענען די רשעים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער טאג וועט קומען ער וועט ברענען ווי אהויבען. די רבנן זאגען עס וועט יא זיין אגיהנם. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דאס איז די רייד פון גאט וואס ער האט אליכטיקייט (אגיהנם) אין ציון און אהויבען (דאס איז די טיהר פון גיהנם) אין ירושלים. זעהן מיר ווען ציון און ירושלים וועלין זיין גיבאהט ווען משיח וועט קומען וועט זיין אגיהנם. רבי יהודה בר אלעאי זאגט ניט די זונען וועט ברענען און ניט עס וועט זיין אגיהנם נאר אפייער וועט ארויס גיין פון די קערפער ס פון די רשעים און עס וועט זיא פאר ברענען. ווארום עס שטייט אין פסוק אייערע מחשבות וואס איר טראכט וועט זיין ווי פלעווען. און אייערע מעשים וואס איר טוהט וואס זענען גיבארין גיווארין פון אייערע מחשבות. וועלין זיין ווי שטרויא. אפייער וועט ארויס גיין פון אייך און עס וועט אייך פארברענען: (יא) רבי יהושע בר אבין זאגט עס שטייט אין פסוק ויגידו שמים צדקו. ווען משיח וועט קומען וועלין די הימלען דערציילין די צדקות וואס גאט האט גיטאהן מיט זיין וועלט. וואס ער האט ניט גיגעבין די זונען אין ערשטין הימעל. ווארום אז ער וואלט גיגעבין די זונען אין ערשטין הימעל וואלט קיין בשעפעניש ניט גיקענט בשטיין פון דעם פייער פון די זונען: (יב) (אמר). רבי לוי האט גיזאגט דריי זאכין גייט זייער קול פון איין עק וועלט ביז צום אנדערין עק וועלט. און די מענטשין זענען אין מיטען און זיי הערין ניט. דאס זענען די דריי זאכין. די זונען. דער רעגין. און די נשמה ווען זיא גייט ארויס פון גוף. פון וואנען ווייסין מיר אז די זונען שרייט. רבי יהודה זאגט דו מיינסט אז די זונען גייט פאמעלאך אין הימעל. עס איז ניט אזוי. די זונען גייט אין הימעל און זעגט אזוי ווי אסטאלאר זעגט אברעט. פון וואנען ווייסין מיר אז דער רעגין שרייט. רבי לוי זאגט עס שטייט אין פסוק תהום אל תהום קורא. דער אונטערשטער אבגרונד (די אונטערשטע וואסער) רופט צו דעם אויבערשטין אב גרונד (צו די אויבערשטע וואסער). די וואסער פון הויבין זאל אראפ גיגאסין ווערין אויף די ערד. עס זאל רעגענען. ווען די נשמה גייט ארויס פון גוף פון וואנען ווייסין מיר אז זי שרייט. ווארום רבי שמואל דער ברודער

דר' שמואל אחוי דר' פנחס ב"ר חמא הוה (מא) דמיך בצפורי. והוון חברוי (מב) יתבין גביה. (מג) אתת מלתא (מד) ושרין גחכין. (מה) אמר להון כמה נפשיה דאחוה דההוא גברא מקצצא ארזין ומקצצא אילנות. ואתון יתבין גחכין ולא ידעין: (יג) ויתן אותם אלהים ברקיע השמים. כיצד גלגל חמה ולבנה שקועים ברקיע. ר' יהודה בר אלעאי ורבנן. רבנן אמרין מאחורי הכיפה ולמטה. ור"י בר אלעאי אמר מאחורי הכיפה ולמעלה. א"ר יוחנן נראין דברי ר"י בר אלעאי דהוא אמר מאחורי הכיפה ולמעלן. בימות החמה. שכל העולם כולו רותח ומעיינות צוננין. ומלהון דרבנן דאמרין מאחורי הכיפה ולמטה. בימות הגשמים. שכל העולם כולו צונן ומעיינות פושרין. אמר רשב"י אין אנו יודעין אם פורחין הן באויר ואם שפין ברקיע ואם מהלכין הן כדרכן. הדבר קשה מאוד. וא"א לבריות לעמוד עליו: (יד) ולמשול ביום ובלילה וגו. א"ר אילפא אם לענין המאורות הלא כבר נאמר את המאור הגדול לממשלת היום וגו' ומה ת"ל ולמשול ביום ובלילה. אלא אלו הצדיקים שהן שולטין במה שנברא להאיר ביום. ובמה שנברא להאיר בלילה. הה"ד (יהושע י) וידם השמש וירח עמד עד יקם גוי אויביו

הלא

## מתנות כהונה

חסו מסוף העולם ועד סופו וכה"ר פ"ס מפרש היטב עיין שם: (מא) דמיך. מת והדרך כבוד דבר כאילו הוא ישן: (מב) יתבין גביה. יושבים אצל ר' פנחס: (מג) אתת מלתא כו'. פי' הערוך באה להם דבר של שחוק: (מד) ושרין גחכין. ושמחו משחקים: (מה) אמר לון ר' פנחס. כ"ג בילקוט הלים ובמדרש שמואל פ"ט כמה נפשיה דאחוה דההוא גברא

פרש"י ר' פנחס הרגיש שר' שמואל אחיו נשמתו יוצאת ואע"פ שאחרים אינם מרגישים אותם שאני מפני הקירוב שביניהם ואת בשרו עליו יכאב ואמר להם כמה נשמת אחיו של אותו איש כלומר נשמת אחי מקללא ארזים כלומר מצטערת הרבה וצועקת ושוברת באילנות לקולה המר ואתם יושבים ומשחקים ואין אתם מבינים כלום הרי למדנו מדברי ר' פנחס

---

פון רבי פנחס ברבי חמא איז געשטארבן אין צפורי. און די חברים פון רבי פנחס זענען געזעסן געבן אים. איז פאר זיי געקומען אגילעכטער זאך האבן זיי אנגעהויבן צו לאכן. האט רבי פנחס געזאגט צו די חברים די נשמה פון מיין ברודער האט אזוי גרויס צער אז איר געשרייא צו ברעכט טענען בוימער און פראסטע בוימער און איר זיצט און לאכט און איר ווייסט גאר ניט איר צער און הערט ניט איר געשרייא: (יג) ויתן. גאט האט געגעבן די זוהן מיט דיא לבנה אין הימעל. ווי אזוי זיצט דיא ראד מיט דיא זוהן און דיא לבנה אין הימעל. רבי יהודה בר אלעאי און די רבנן קריגען. די רבנן זאגין דער ראד זיצט אונטער דעם אנדערין הימעל אין דעם האלבין הימעל וואס אונטער די ערד. און רבי יהודה בר אלעאי זאגט דער ראד זיצט אונטער דעם אנדערין הימעל אין דעם האלבין הימעל וואס איבער די ערד. רבי יוחנן זאגט מיר געפעלט די רייד פון רבי יהודה בר אלעאי וואס ער זאגט אז דער ראד איז אונטער דעם אנדערין הימעל אין דעם האלבין הימעל וואס איבער די ערד. אום זומער. דריבער איז די גאנצע וועלט הייס און די קוואלין וואסער זענען קאלט און מיר געפעלט די רייד פון די רבנן וואס זיי זאגין אז דער ראד איז אין דעם האלבין הימעל וואס אונטער די ערד. אום ווינטער. דריבער איז די גאנצע וועלט קאלט און די קוואלין וואסער זענען ווארעם. רבי שמעון בן יוחאי האט געזאגט מיר ווייסין ניט אויב די זוהן און די לבנה און די שטערין פליהען אין דער לופטין. אדער זיי גייען אין הימעל. אדער זיי גייען אין ראד. די זאך איז שווער צו וויסען און מענטשין קענען דאס ניט וויסען: (יד) ולמשול. צו געוועלטיגען ביי טאג און ביי נאכט. רבי אילפא זאגט וועמען מיינט מען זאל געוועלטיגען ביי טאג און ביי נאכט. אויב מען מיינט דאס די זוהן מיט די לבנה. עס שטייט דאך שוין די גרויסע בעלייכטונג (די זוהן) זאל געוועלטיגען ביי טאג און די קליינע בעלייכטונג (די לבנה) זאל געוועלטיגען ביי נאכט. וואס דען מיינט מען צו געוועלטיגען ביי טאג און ביי נאכט. נאר דאס מיינט מען די צדיקים זיי געוועלטיגען אויף די זאך וואס איז בשאפין געווארין צו לייכטין ביי טאג און אויף די זאך וואס איז בשאפין געווארין צו לייכטין ביי נאכט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ווען יהושע האט געזאגט די זוהן זאל בלייבין שטיין אין גבעון און די לבנה זאל בלייבין שטיין אין עמק אילון. איז אזוי געווען. די זוהן איז געבליבען שטיין און די לבנה איז געבליבען שטיין און האבין געווארט ביז די יודין וועלין

הרגנן

(מו) הלא היא כתובה על ספר הישר. מאי ספר הישר. ספר אברהם יצחק ויעקב. (מז) ואמאי קרי ליה ספר הישר. דכתיב (במדבר כג) תמות נפשי מות ישרים. ר' חלפתא מייתי לה מן הכא ולמשול ביום ובלילה. ר' חנין בשם ר' שמואל מייתי לה (מח) מסיפא דספרא (בראשית מח) ואולם אחיו הקטן יגדל ממנו. (מט) ואפשר כן. אלא זה יהושע שהוא עומד ממנו שהוא מעמיד גלגל חמה ולבנה שהן שולטין מסוף העולם ועד סופו. ר' חנין בשם ר' שמואל בר רב יצחק מייתי לה מסיפא דאורייתא (דברים לג) בכור שורו הדר לו. אפשר כן אלא זה יהושע. שהוא עומד ממנו שהוא מעמיד גלגל חמה ולבנה. שהם שולטין מסוף העולם ועד סופו. דאמר רשב"י ספר משנה תורה היה (נ) סיגנון ליהושע. בשעה שנגלה עליו הקב"ה מצאו יושב וספר משנה תורה בידו אמר לו (יהושע א) חזק יהושע אמץ יהושע לא ימוש ספר התורה הזה וגו'. (נא) נטלו והראה אותו לגלגל חמה א"ל (נב) כשם שלא דוממתי מזה אף אתה דום מלפני. מיד (יהושע י) וידם השמש

## מתנות כהונה

שקולו סולך ואין אדם מרגיש: (מו) הלא היא כתובה כו'. כתוב בתורה שהחמה והלבנה צריכים לעות נשמעים ומשועבדים לגזירת הצדיקים כמאמר ולמשול ביום ובלילה: (מז) ואמאי קרי לספר אברהם ויצחק ויעקב ספר הישר. ספרן של ישרים דכתיב מות ישרים ובאבות מדבר קרא: (מח) מסיפא דספרא. מסוף ס' בראשית: (מט) אפשר כן. פרש"י מעמיד יהיה מלא הגוים והלא לא העמיד בנים כל כך: (נ) סיגנון. פי' בערוך דגל וגרס סגנס ורש"י פירש חותם וכן פירשו בעל עבודת הקודש פרק כ"ג מחלק היחוד: (נא) נטלו יהושע, נטל ספר משנה התורה: (נב) כשם שלא כו'.

---

הרגן זייערע פיינד זעהן מיר אז די צדיקים גיוועלטיגען אויף די זוהן אונ אויף די לבנה, עס שטייט אין פסוק דאס איז געשריבען אויף דעם ספר הישר. וואס מיינט מען ספר הישר. דער ספר בראשית וואס דארט ווערט דער ציילט פון אברהם יצחק יעקב. פאר וואס רופט מען אים ספר הישר. ווארום עס שטייט אין פסוק בלעם האט גיזאגט תמות נפשי מות ישרים. הלואי זאל איך שטארבין ווי די ישרים (אברהם יצחק יעקב) זענען גישטארבין. אונ אין ספר בראשית שטייט ולמשול ביום ובלילה. דער צדיק זאל גיוועלטיגען אויף די זוהן מיט די לבנה ווס זיי לייכטין ביי טאג אונ ביי נאכט. רבי חלפתא לערונט אפ פון דעם פסוק ולמשול ביום ובלילה אז צדיקים גיוועלטיגען אויף די זוהן מיט די לבנה. רבי חנן פון רבי שמואלס וועגין לערונט דאס אפ פון סוף ספר בראשית. יעקב אבינו האט גיזאגט אויף אפרים אונ מנשה. זיין יינגערער ברודער (אפרים) וועט זיין גרעסער פון אים (פון מנשה) די קינדער פון אפרים וועט זיין פול אלע פעלקער. ווי אזוי קען דאס זיין. אפרים האט גאר ניט גיהאט אזוי פיל קינדער. נאר דאס מיינט מען יהושע וואס ער איז פון שבט אפרים וואס ער האט גישטעלט די זוהן מיט די לבנה וואס זיי גיוועלטיגען פון איין עק וועלט ביז צום אנדערין עק וועלט. אונ דער נס איז גיהערט גיווארין אין דער גאנצער וועלט ביי אלע פעלקער. רבי חנן פון רבי שמואל בר רב יצחקס וועגין לערונט דאס אפ פון דעם פסוק וואס שטייט אין סוף די תורה. בכור שורו הדר לו וקרני ראם קרניו בהם עמים ינגח יחדו אפסי ארץ והם רבבות אפרים והם אלפי מנשה. בכור מיינט מען יוסף וואס זיין שיינקייט (די מלוכה) איז צו אים גיקומען דורך די תבואה פון מצרים וואס דאס ווערט גיארבעט דורך אקסין. זיינע הערנער זענען ווי די הערנער פון אוויזיל (אזוי אחיה). מיט די הערנער וועט ער שטויסין די פעלקער ביז אין עק וועלט. דאס מיינט מען די צעהן טויזענדער פון אפרים אונ די טויזענדער פון מנשה. קען דאס זיין. האט דען אפרים געפירט מלחמות ביז עק וועלט. נאר דאס מיינט מען יהושע וואס ער איז פון אפרים. די מלחמה וואס ער האט געפירט פון יודינס וועגין האט מען גיהערט ביז עק וועלט. ווייל ער האט גישטעלט די זוהן מיט די לבנה וואס זיי גיוועלטיגען פון איין עק וועלט ביז צום אנדערין עק וועלט. אונ דער ספר דברים הייסט ספר הישר. ווייל אין אים שטייט ועשית הישר והטוב. ווארום רבי שמעון בן יוחאי האט גיזאגט דער ספר משנה תורה איז גיוועזין גיוואהנט ביי יהושע אין מויל. יהושע האט אייביג גילערונט דעם ספר דברים. ווען גאט האט זיך בעוויזען צו יהושע. האט גאט גיטראפין יהושע זיצט אונ האלט אין האנט דעם ספר דברים. האט גאט גיזאגט צו יהושע שטארק דיך יהושע דער ספר זאל ניט

השמש וירח עמד: א"ר יצחק א"ל (נג) עבדא בישא לאו זביניה דאבא את. לא כך ראה אותך אבא בחלום (בראשית לז) והנה השמש והירח וגו'. מיד וידם השמש וירח וגו':

פרשה ז (א) ויאמר אלהים ישרצו המים. כתיב (תהלים פו) אין כמוך באלהים וגו'. בנוהג שבעולם מלך ב"ו צר צורה ביבשה. אבל הקב"ה צר צורה במים. שנא' ויאמר אלהים ישרצו המים שרץ נפש חיה: (ב) יעקב איש כפר נבוראי (ה) הורה (ג) בצור. דגים טעונין שחיטה. שמע ר' חגי (ג) שלח ליה תא לקי. (ד) א"ל בר אינש דאמר מילתא מן אורייתא לקי. א"ל (ה) מנין היא דאורייתא. א"ל מן ה"ד ויאמר אלהים ישרצו המים שרץ נפש חיה ועוף יעופף על הארץ. מה עוף טעון שחיטה אף דגים טעונין שחיטה א"ל (ו) לא הורית טב. א"ל מנין אתה מודע לי. א"ל (ז) רביע ואנה מודע לך. דכתיב

## מתנות כהונה

בעסקתי בו יומם ולילה שנאמר ומשרתו יהושע וגו' לא ימיש מתוך האהל: (נג) אמר ליה עבדא בישא. יהושע אמר כן א:דבר כבהמה עבד רע ומורד וכי אין אתה עבד נמכר לאבי יוסף: (ה) הורה בצור כו'. בירושלמי פ' כיצד אשת אחיו: (ג) בצור. בעיר צור: (ג) שלח ליה תא לקי. פי' בא וקבל

מלקות על שהורה שלא כהלכה: (ד) א"ל בן אדם כחמור תורה יהא לוקה בהמיה: (ה) מנין היא כו'. היכן כזה מוכח בתורה שהדגים טעונין שחיטה: (ו) לא הורית טב. לא פסקת יפה: (ז) רביע. הרבה לקבל המלקות: א"ל

---

אפגיטאן ווערין פון ביין מויל. ווען יהושע האט גידארפט שטעלין די זוהן מיט די לבנה. האט ער גינומען דעם ספר דברים אונ הט אים געוויזען צו די זוהן אונ ער האט גיזאגט צו די זוהן אזוי ווי איך האב ניט געשוויגען פון דעם ספר (נאר איך האב אייביג אין אים גילערונט). אזוי זאלסטו שווייגין פאר מיר. איז באלד שטיל גיווארין די זוהן אונ די לבנה איז געבליבען שטיין. רבי יצחק זאגט יהושע האט גיזאגט צו די זוהן דו שלעכטער קנעכט ביזטו דען ניט פארקויפט גיווארין צו מיין פאטער יוסף. הט רען ניט גיזעהן מיין פאטער אין חלום אז די זוהן אונ די לבנה האבין זיך גיבוקט צו אים. איז באלד די זוהן שטיל געבליבען אונ די זוהן מיט די לבנה זענען געבליבען שטיין אויף זייער ארט:

פרשה ז (א) (ויאמר). גאט האט גיזאגט די וואסער זאל ווידמען אלעבעדיגע ווידמונג. עס שטייט אין פסוק עס איז ניטא אזוי ווי דו גאט ביזט. דער שטייגער פון דער וועלט איז אמענטש מאהלט אויס אצורה אויף דער טריקעניש. אבער גאט הט אויס גימאהלט אצורה אין וואסער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט די וואסער זאל ווידמען אלעבעדיגע ווידמונג: (ב) יעקב פון דארף נבוראי האט גיפסקנת אין די שטאט צור אז פיש דארף מען שעכטין. האט רבי חגי דאס גיהערט. האט ער געשיקט צו דעם רבי יעקב קום מען וועט דיר שלאגין מלקות. האט רבי יעקב גיזאגט צו רבי חגי אמענטש וואס זאגט אזאך פון דער תורה זאל מען אים שלאגין מלקות. פאר וואס. האט רבי חגי גיזאגט צו רבי יעקב פון וואנען איז דאס פון דער תורה. האט רבי יעקב גיזאגט פון דעם פסוק. גאט האט גיזאגט די וואסער זאל ווידמען אלעבעדיגע ווידמונג אונ אפויגיל וואס זאל פליהען אויף די ערד. אזוי ווי אפויגיל דארף מען שעכטין. אזוי פיש דארף מען אויך שעכטין. האט רבי חגי גיזאגט צו רבי יעקב דו האסט ניט גוט גיפסקנת. הט רבי יעקב גיזאגט צו רבי חגי פון וואנען וועסטו מיר מאכין וויסען אז איך האב ניט גוט גיפסקנת. האט רבי חגי גיזאגט צו רבי יעקב לייג דיך מען זאל דיר שלאגין מלקות וועל איך דיר זאגין. עס שטייט אין פסוק משה רבינו הט גיזאגט שעפסין אונ אקסין וועט געשאכטין ווערין פון זייערטוועגין וועט פאר זיי גינוג זיין. אויב אלע פיש פון ים וועט פאר זאמולט ווערין פון זייערטוועגין וועט פאר זיי גינוג זיין. ביי פיש שטייט ניט גישאכטין ווערין. נאר פארזאמולט ווערין. ווייל פיש דארף מען ניט שעכטין. האט רבי יעקב גיזאגט צו רבי חגי שלאג בייגע מלקות. אזי רייד בייגע רייד. לעהרין מיט מיר דיין תורה זיא איז גוט צום לערנען: (ג) יעקב פון דארף נבוראי האט גיפסקנת אין די שטאט צור אז אגויה האט גיבארין אקינד פון איודין מעג מען דעם קינד מל זיין אום שבת. האט רבי חגי

דאס

דכתיב (במדבר יא) הצאן ובקר ישחט להם ומצא להם ואם את כל דגי הים יאסף להם ומצא להם. ישחט אכ"כ אלא יאסף: אמר (ח) חבוט חבטך (ט) רציף רצפך. דהיא טבא לאולפנא: (ג) יעקב איש כפר נבוראי הורה בצור. מותר למול (י) בנה של נכריה בשבה. שמע ר' חגי שלה ליה תא לקי. אמר ב"נ דאמר מילתא ד אורייתא לקי. א"ל ומן הוא דאורייתא. א"ל (במדבר א) ויתילדו על משפחותם לבית אבותם. משפחת אב קרויה משפחה. משפחת אם אינה קרויה משפחה. אמר לא הורית טב. א"ל ומנין אתה מורע לי

## מתנות כהונה

(ח) א"ל הכוס כו'. פי' ר' יעקב אמר כן לר' חגי כך מכוהן שראוי וכוון לקבלם ובערוך משמע בר' חגי אמר כן: (ט) רניף רצפך. פירש רש"י דבר דבריך וכנס סלכותיך שכס טוב ם ללגוד אותם ועוד י"ל מלשון וכידו רצפה בפי' ככתם. לפי מדרש חז"ל שדרשו רצפה רצון פה: (י) כ"ג בנה של נכרים כנולד מישראל ובשבת פי' שכורס להתיר

---

דאס גיהערט האט ער געשיקט צו דעם רבי יעקב קום מען וועט דיר שלאגין מלקות. הט רבי יעקב גיזאגט צו רבי חגי אמענטש וואס זאגט אזאזופן דער תורה זאל מען אים שלאגין מלקות. פאר וואס. האט רבי חגי גיזאגט צו רבי יעקב פון וואנען איז דאס פון דער תורה. הט רבי יעקב גיזאגט פון דעם פסוק. די קינדער וואס זענען גיבארין גיווארין זאלין גיצייליט ווערן צו זייערע פאמיליעם אויף די פאטערם נעמען. די משפחה פון פאטער הייסט אמשפחה אונ די משפחה פון די מוטער הייסט ניט קיין משפחה. דריבער הייסט דאס קינד איוד. דארף מען אים מל זיין אפילו אום שבת. האט רבי חגי גיזאגט צו רבי יעקב דו האסט ניט גוט גיפסקת. האט רבי יעקב גיזאגט צו רבי חגי פון וואנען ווייסטו מיר מאכין וויסען אז איך האב ניט גוט גיפסקת. האט רבי חגי גיזאגט צו רבי יעקב לייג דיך מען זאל דיר שלאגין מלקות וועל איך דיר זאגין. הט רבי חגי גיזאגט צו רבי יעקב אויב אגוי וואלט קומען צו דיר אונ וואלט זאגין איך וויל ווערין איוד אויף דעם תנאי מען זאל מיך מל זיין אום שבת אדער אום יום כפור. וואלט מען מחלל שבת גיוועזן אדער יום כפור פון זיינעטוועגין. געווים ניין. ווארום מען איז אנדערש ניט מחלל שבת אדער יום כפור נאר מל צו זיין דעם זוהן וואס איז גיבארין פון אאידישע טאכטער. האט רבי יעקב גיזאגט צו רבי חגי פון וואנען ווייסטו דאס. האט רבי חגי גיזאגט פון דעם פסוק די יודין האבין גיזאגט מיר ווילין צו זאגין צו גאט מיר זאלין ארויס שיקען פון אונז אלע גוישע ווייבער מיט די קינדער וואס זענען פון זיי גיבארין. זעהן מיר אז אגויה האט אקינד פון איוד ווערט ער גירעכונט צו די מוטער ניט צום פאטער. האט רבי יעקב גיזאגט צו רבי חגי וויל דו האסט גיפונען אפסוק אין ספר עזרא ווילסטו מיך שלאגין מלקות. האט רבי חגי גיזאגט עס שטייט דארט אין פסוק זיי האבין גיטאהן ווי עס שטייט אין דער תורה. האט רבי יעקב גיזאגט פון וועלכין פסוק פון דער תורה האבין זיי גילערנט דעם דין. האט רבי חגי גיזאגט פון דעם פסוק וואס רבי יוחנן האט גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין. גאט האט אן גיזאגט די יודין זאלין ניט נעמען מחותנים פון גוים. פאר וואס. ווארום אז דו וועסט געבין דיין טאכטער צום גוי פאר אווייב. אונ זיא וועט האבין פון אים אקינד. וועט דער פאטער (דער גוי) אפטאהן דיין קינד (דיין אייניקול) פון גאט. פאר וואס שטייט ניט אין פסוק אז דיין זוהן וועט נעמען אגוישע טאכטער פאר אווייב אונ זיא וועט האבין אקינד פון דיין זוהן. וועט זיא אפטאהן דיין זוהן (דיין אייניקיל) פון גאט. ווארום פאר דעם קינד הארט גאר ניט. ווייל דער קינד הייסט ניט איודיש קינד נאר אגויש קינד. זעהן מיר דאך אז דאס קינד וואס ווערט גיבארין פון יודישע פאטער אונ מוטער הייסט ער איוד. אונ דאס קינד וואס ווערט גיבארין פון אגוישע מוטער אונ איודישען פאטער הייסט ניט איוד. טאר מען אים ניט מל זיין אום שבת. האט רבי יעקב גיזאגט צו רבי חגי שלאג דיינע מלקות זיי זענען גוט מען זאל זיי צו געמען. דייר דיינע רייד זיי זענען גוט צום לערנען:

ועוף

לי. א״ל רביע ואנא מודע לך. אמר (יא) אם אתי בר עממיא לגבך ויאמר לך אנא בעי מתעברא יהודאי על מנת (יב) למגזריה ביומא דשבתא או ביומא דכיפורייא. מחללין אותו עליו. והלא אין מחללין שבת ויהכ״פ אלא על בנה של בת ישראלית בלבד. א״ל ומנין לך. מן הדא. דכתיב (עזרא י) ועתה נכרת ברית לאלהינו להוציא כל הנשים והנולד מהם בעצת ה׳ וגו׳. א״ל רבי (יג) ומן הקבלה אתה מלקני. א״ל והכתיב תמן (יד) וכתורה יעשה. א״ל (טו) מאיזו תורה. א״ל מן ההיא דא״ר יוחנן בשם רשב״י (דברים ז) ולא תתחתן וגו׳. מפני מה. כי יסיר את בנך מאחרי. (טז) בנך הבא מישראלית קרוי בנך. ואין בנך הבא מן הכותית קרוי בנך אלא בנה. א״ל חבוט חבטך דהיא (יז) טבא בקולטא. ורצוף רצפך דהיא טבא באולפנא: (ד) ועוף יעופף. בנוהג שבעולם מלך ב״ו בונה פלטין. ומשרה דיורין בעליונים ובתחתונים. שמא (יח) בחלל. אבל הקב״ה משרה דיורין בחלל בדכתיב ועוף יעופף על הארץ וגו׳: (ה) ויברא אלקים את התנינים. ר׳ פנחס בשם רבי אחא אמר תנינם כתיב. זה (יט) בהמות ולויתן שאין להם בן זוגות. ארשב״ל בהמות יש לו בן זוג ואין לו תאוה. שנא׳ (איוב מ) גידי פחדיו ישורגו. ר״ה בשם רב מתנא אמר (כ) הצבוע הזה מטפה של לובן הוא. ויש לו שס״ה מיני צבעונים. כמנין ימות השנה של חמה: (ו) ר׳ ירמיה כהנא שאל לרשב״ל המרביע מחית הים מהו. א״ל אף הן

כתיב

## מתנות כהונה

למול בשבת בן וכו׳: (יא) אם בא אלך כו׳. אם אתי כו׳. בן נכר ויאמר לך אני רוצה לעשות יסודי: (יב) למגזריה. למול: (יג) ומן הקבלה. פסוק שהוא בדברי קבלה: (יד) וכתורה, פירושו כמו שכתוב בתורה ש״מ דמדאורייתא הוא: (טו) מאיזה תורה. כלומר והיכן כתוב בתורה שולד נכרית הרי הוא כמותה ואימא וכתורה יעשו פירושו כהכון ולא שהוא כן מדאורייתא: (טז) בנך הבא מישראלית כו׳ ודייק מדלא כתיב תסיר בנך דהוה משמע הנכרית תסיר בנך שיהיה לך ממנה אלא יסיר את בנך פי׳ בחך לא תתן לבנו כי התנך וכו׳ הרי שהבל נמשך אחר האם וכן בתך קרוי בנך שבני בנים הרי הן כבנים: (יז) טבא בקולטא. טוב לקולטה ולקבלה: (יח) בחלל. באויר חלל הפלטין: (יט) בהמות. בהמות בהררי אלף: (כ) הצבוע. פירש״י נירמיה

עוף

(ד) וְעוֹף. און פויגיל זאלין פליהען ביז אונטערין הימעל. דער שטייגער פון דער וועלט איז אז א מלך בויאט א פאלאסט נעמט ער אריין איינוואהנער אין די אויבערשטע שטובין און אין די אונטערשטע שטובין. טאמער וועט ער נעמען איינוואהנער זיי זאלין וואהנען אין דער לופטין. גיוויס ניט. אבער גאט האט גינומען איינוואהנער אין דער לופטין אויך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט בשאפין פויגיל וואס זאלין פליהען אונטער דעם הימעל: (ה) וַיִּבְרָא. גאט האט בשאפין די תנינים. רבי פנחס האט גיזאגט פון רבי אחא ם ווענין עס שטייט אין פסוק תנינם. (תנינים איז פיל. און תנינם איז איינער). דאס מיינט מען דעם אקס וואס הייסט בהמות. און דער לויתן. וואס זיי האבין ניט קיין פאר (נקבות). רבי שמעון בן לקיש זאגט דער אקס וואס הייסט בהמות האט יא א נקבה נאר ער האט ניט קיין תאוה צו איר. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די אדערין פון זיינע אייער זענען אפ גערישען. רב הונא זאגט פון רב מתנא ם ווענין דער פויגיל וואס הייסט צבוע ווערט גיבארין פון דעם טראפין זרע פון דעם זכר וואס די זרע איז ווייס. און די פעדערין פון דעם פויגיל האבין דריי הונדערט מיט פינף און זעכציג ערליי פארבין. ווי פיל טעג עס איז דא אין יאהר נאך דעם רעכענונג פון די זוהן. רבי ירמיה כהנא האט גיפרעגט ביי רבי שמעון בן לקיש אויב מען מעג נעמען צוויי ערליי חיות פון ים און זיי צו זאמען פארין זיי זאלין האבין קינדער איינער פון אנדערין. האט רבי שמעון בן לקיש גיזאגט ביי די חיות פון ים שטייט אויך זיי זאלין זיך בהעפטין נאר מיט זייער מין. מיט די זאך האט רבי שמעון בן לקיש פארשפרייט אנגעץ צו פאנגען רבי ירמיה כהנא. צו זאגין אים אז מען טאר ניט צו זאמען פארין צווייערליי חיות פון ים. האט רבי ירמיה כהנא גיפרעגט ביי פיש שטייט דאך אויך זיי זאלין זיין צו זייער מין. און דא ביי פיש קען מען ניט מיינען זיי זאלין זיך בהעפטין נאר מיט זייער מין. אז פיש בהעפטין זיך גאר ניט דער זכר מיט די נקבה אזוי ווי אלע לעבעדיגע זאכין. מוז מען דאך מיט דעם ווארט למיניהם (צו זייער מין) וואס אנדערש מיינען. קען דאך זיין אז דער ווארט למיניהם (צו זייער מין) וואס

(כא) כתיב בהן למיניהם. בהדא פרס בן לקיש (כב) מצדתיה לכהנא. איתיב כהנא (כג) והלא אף הדגים כתיב בהן למיניהם. בהדא פרס כהנא מצדתיה על רשב"ל. והיך עבידא. א"ר יונה (כד) יכול אני מקיים לה משום מנהיג. מביא ב' דגים חד (כה) מיירן וחד (כו) אספרון וקושרן בגמי וממשיכן בנהר או בים. ואסור לעשות כן משום כלאים. דתנן כלאים שאמרו (כז) הנוהג בהן אסורין לחרוש ולמשוך ולנהוג יחדיו. שנא' ואת כל נפש החיה הרומשת אשר שרצו המים למיניהם. ואת כל עוף כנף. זה (כח) הטווס: (ז) ויאמר אלהים תוצא הארץ וגו'. א"ר אלעזר נפש חיה זה (כט) רוחו של אדה"ר. ויעש אלהים את חית הארץ למינה. ר' הושעיא רבה אמר זה הנחש. א"ר חמא בר הושעיא בנפשות אומר (ל) ד'. כשנבראו הוא אומר חית הארץ למינה. ואת הבהמה ואת כל רמש האדמה (לא) אתמהא. ר' אומר אלו השדים שברא הקב"ה את (לב) נשמתן ובא לבראות את גופן וקדש השבת ולא בראן. ללמדך ד"א מן השדים. שאם יהיה ביד
אדם

## מתנות כהונה

עוף לבוש בגוונים הרבה: (כא) כתיב בהם למיניהם. פירושו שלא במינה אסור להרביע: (כב) ה"ג מצדתי' על כהנא. ר"ל פרס לו מצודה על כהנא ותפשו במה שהשיבו שאסור להרביע: (כג) והלא אף הדגים כו'. איך שייך הלכה הרבעה שהרי אין הולדותם דרך הרבעה שהנקבה מטלת זרעה על פני הארץ ואח"כ מטיל הזכר זרעו על זרעה: (כד) ה"ג יכול אני מקיים להו למינהו הכתוב בדגים מדבר להנהיג אותם אסור בשאינו מינו ואינו מדבר בהרבעה ופריך והיאך עבידא פירוש היאך עושין להנהיג שני דגים ומשני מביא שני כו' וכן מצאתי שוב בתוספות בבבא קמא (דף נה): (כה) מיירין בל' יון לבן: (כו) אספרון שחור וממילא הן שני מינין: (כז) והנוהג בהן. באיזה מין שאמרו שכלאים נוהג בהן אסור לחרוש וכו': (כח) הטווס פסו"י: (כט) רוחו של אדם. פירש"י דכתיב ביה ויהי האדם לנפש חיה: (ל) ארבע. דכתיב נפש חיה. בהמה. ורמש. וחיתו ארץ: (לא) אתמהא. בתמיה למה לא כתיב וחיתו ארץ: (לב) נשמתן. ופסוק תוצא הארץ מדבר בנשמות דכתיב

---

עס שטייט ביי די חיות פון וואסער מיינט מען נאר ניט זיי זאלין זיך פארין נאר מיט זייער מין. עס קען זיין מען מעג צווייערליי חיות פון ים אויך צו זאמען פארין. אונ דעם למיניהם מיינט מען נאר וואס אנדערש. אזוי ווי דער למיניהם פון די פיש. מיט די קשיא האט רבי ירמיה כהנא פאר שפרייט א נעץ צו פאנגען רבי שמעון בן לקיש. פרעגט דער מדרש וואס טוהט מען מיט דעם למיניהם וואס שטייט ביי די פיש. האט רבי יונה גיזאגט מען קען זאגין אז דער פסוק מיינט מען זאל ניט פירען קיין זאך מיט צוויי מינים פיש. למשל מען זאל ברייגען צוויי פיש אייגעם אוייסין אונ אייגעם אשווארצין מען זאל זיי צו זאמען בינדען מיט אשטריקול אונ זיי זאלין שלעפין דעם שטריקול אין אטייך אדער אין ים. דאס טאר מען ניט ווייל עס איז כלאים. אונ מיר האבין גילערנט די צוויי מינים וואס זענען אסור וועגין כלאים. טאר מען ניט האקערין מיט די צוויי מינים. אונ מען טאר ניט ציהען מיט זיי קיין זאך. אונ מען טאר זיי ניט פירען צו זאמען גיבונדין. ווארום עס שטייט אין פסוק אלע לעבעדיגע זאכין וואס קריכען וואס די וואסער האבין גיווידמעט דאס זאל אלץ זיין צו זייער מין. אונ אלע פויגיל וואס האבין פליגיל דאס מיינט מען אפאווע: (ז) ויאמר. גאט האט גיזאגט די ערד זאל ארויס ציהען פון זיך אלעבעדיגען נפש. רבי אלעזר זאגט דעם נפש חיה מיינט מען די לעבעדיגע נשמה פון אדם הראשון (ווארום דער מענטש איז צו זאמען גישטעלט פון צווייערליי לעבעדיגקייט. דער לעבעדיגער קערפער זיינער איז ארויס גיקומען פון די ערד. אזוי ווי אלע לעבעדיגע בהמות אונ חיות. אונ גאט האט אין אים אריין גיגעבין אבזונדער נשמה פון הימעל. דאס איז זיין שכל צו פארשטיין די גאטליכקייט אונ די תורה אונ מצות). עס שטייט אין פסוק גאט האט גימאכט די חיות פון די ערד יעדערע צו איר מין. רבי הושעיא רבה זאגט דאס מיינט מען דעם שלאנג. רבי חמא ברבי הושעיא זאגט ביי נפשות שטייט פיר. נפש חיה. בהמה. רמש. חיתו ארץ. אונ ווען מען האט בשאפין די גופים צו די נפשות. שטייט נאר דריי ערליי גופים. חית הארץ. ואת הבהמה. ואת כל רמש האדמה. איז דאך געבליבען נאך אנפש אן אגוף. רבי זאגט דאס זענען די שדים. גאט האט בשאפין זייערע נשמות. אונ ער האט גיוואלט בשאפין זייערע גופים. דער ווייל איז גיווארין שבת. זענען

זייערע

אדם חפץ טוב. או מרגלית. ע"ש עם חשיכה. אומרין לו השלך ממך. שמי שאמר והיה העולם היה עסוק בברייתו של עולם. וברא את נשמתן. ובא לבראות את גופן וקדש שבת ולא בראן:

**פרשה ח** (א) ויאמר אלהים נעשה אדם בצלמנו כדמותנו. ר' יוחנן פתח (תהלים קל"ט) אחור וקדם צרתני וגו'. א"ר יוחנן אם זכה אדם אוכל (ה) ב' עולמות. שנא' אחור וקדם צרתני. ואם לאו הוא בא ליתן דין וחשבון. שנא' (שם) ותשת עלי כפכה. א"ר ירמיה בן אלעזר בשעה שברא הקב"ה את אדה"ר אנדרוגינוס בראו. הה"ד זכר ונקבה בראם. אמר רשב"נ בשעה שברא הקב"ה את אדה"ר דו פרצופין בראו. ונסרו ועשאו (ב) גביים גב לכאן וגב לכאן. איתיבון ליה והכתיב ויקח אחת מצלעותיו. א"ל (ג) מתרין סטרוהי. המד"א (שמות כו) ולצלע המשכן דמתרגמינן ולסטר משכנא וגו'. ר' תנחומא בשם ר' בנייה ור' ברכיה בשם ר' אלעזר אמר בשעה שברא הקב"ה את אדה"ר גולם בראו. והיה מוטל מסוף העולם ועד סופו. הה"ד (תהלים קל"ט) גלמי ראו

## מתנות כהונה

דכתיב נפש חיה: (ה) שני עולמות. אחור זה עוה"ב לבסוף וקדם זה העוה"ז הקודם לו: (ב) גביים. שני גבות. גב לזה לזכר וגב לכאן לנקבה: (ג) מן תרין סטרוהי. אחד משני

---

זייערע גופים ניט בשאפין געווארין. ווענען די שדים געבליבען נשמות אן גופים. אין אמת האט גאט גיקענט בשאפין די גופים פון די שדים אויך. נאר גאט הט זיי ניט בשאפין מיר זאלין לערנען דרך ארץ פון די שדים. אז אמענטש וועט האבין ביי זיך ערב שבת פארין נאכט אטייערע זאך אדער אדימאנט. זאגט מען צו אים ווארף דאס אוועק אונ טראג ניט אום שבת. ווארום גאט איז גיוועזן ערב שבת בשעפטיגט אין די וועלט בשאפונג. אונ ער האט בשאפין נשמות. אונ איידער ער הט בשאפין זייערע גופים איז גיווארין שבת. האט ער גילאזין די נשמות אן די גופים. אונ די גופים האט ער שוין ניט גיוואלט בשאפין:

**פרשה ח** (א) (ויאמר). גאט האט גיזאגט מיר וועלין מאכין אמענטש אין אונזער פארעם אונ אין אונזער גלייכין. רבי יוחנן האט אנגיהויבין צו דרשנן פון דעם פסוק אחור וקדם צרתני. שפעטער אונ פריער האסטו מיך בשאפין. רבי יוחנן זאגט אויב אמענטש איז זוכה עסט ער ביידע וועלטין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אחור וקדם צרתני. שפעטער אונ פריער האסטו מיך בשאפין שפעטער מיינט מען עולם הבא. אונ פריער מיינט מען עולם הזה. אונ אויב ער איז ניט זוכה וועט ער געבין דין וחשבון פאר גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דו האסט גיטאהן אויף מיר דיין האנט צו שטראפין מיך. רבי ירמיה בן אלעזר זאגט ווען גאט האט בשאפין אדם הראשון. האט ער אים בשאפין צוויי מענטשין צו זאמען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אזכר אונ אנקבה האט ער זיי בשאפין. רבי שמואל בר נחמן זאגט ווען גאט האט בשאפין אדם הראשון. הט ער אים בשאפין צוויי פנימס. צוויי מענטשין צו זאמען. אונ גאט הט אים צו זעגט אונ הט גימאכט צוויי פלייצעס איין פלייצע צו דעם מענטש אונ איין פלייצע צו דעם מענטש. הט מען גיפרעגט צו רבי שמואל עס שטייט דאך אין פסוק גאט הט גינומען איינע פון אדם ס ריפען אונ פון דעם ריפ הט ער גימאכט די חוה. הט רבי שמואל צו זיי גיזאגט אחת מצלעותיו מיינט מען איין זייט פון ביידע זייטין. פון אדם וואס ער הט גיהאט צוויי זייטין (צוויי פנימס) הט גאט גינומען איין זייט אונ הט פון אים גימאכט חוה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ולצלע המשכן טייטשט דער תרגום ולסטר משכנא. פון דער זייט פון משכן:(ב) רבי תנחומא זאגט פון רבי בנייה ס וועגין אונ רבי ברכיה זאגט פון רבי אלעזר ס וועגין ווען גאט הט בשאפין אדם הראשון הט ער בשאפין אגולם. אשטיק ערד אן גלידער צו שניטענע. נאר עס האט אויס גיזעהן ווי אמענטש. אונ ער איז גילעגין פון איין עק וועלט ביז צום אנדערין עק וועלט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גלמי ראו עיניך. דיינע אויגין האבין גיזעהן ווי איך בין גילעגין ווי אגולם. רבי יהושע בר נחמיה אונ רבי יהודה בר סימון האבין

מאד. גוט מיינט מען דעם טויט: רבי חמא ברבי חנינא אונ רבי יונתן קלערין אין דער זאך רבי חמא ברבי חנינא זאגט אדם הראשון איז ווערט גיוועז ער זאל ניט שטארבין (ווארום אויף זיין עבירה האט ער תשובה גיטאהן) נאר פאר וואס איז אויף איהם (אונ אויף אלע מענטשין) גגזר גיווארין ער זאל שטארבין. ווייל גאט האט גיזעהן אז נבוכדנצר אונ חירם דער מלך פון צור וועלין זאגין אויף זיך אז זיי זענען גאטער דריבער הט מען גוזר גיוועז מען זאל שטארבין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יחזקאל הנביא האט גיזאגט צו חירם דו ביזט גיוועז אין גן עדן. איז דען חירם גיוועז אין גן עדן. אוואנדער. נאר אזוי האט דער נביא גיזאגט צו חירם דו האסט גיברייננט צו דעם וואס איז גיזעסין אין גן עדן (אדם הראשון) ער זאל שטארבין. רבי חייא דער זוהן פון רבי ברכיה'ס טאכטער האט גיזאגט פון רבי ברכיה'ס וועגין פון דעם פסוק דער נביא האט גיזאגט צו חירם את כרוב ממשח. דו האסט גיברייננט מיתה אויף דעם מענטש (אדם הראשון) וואס ער איז גיוועז אזוי ווי א מלאך. האט רבי יונתן גיזאגט צו רבי חמא אויב עס איז ווי דו זאגסט האט גאט גידארפט גוזר זיין מיתה אויף די רשעים וואלט נבוכדנצר אונ חירם גישטארבין. אבער ניט אויף צדיקים. האט רבי חמא גיזאגט אז רשעים וועלין שטארבין אונ צדיקים וועלין ניט שטארבין. וועלין די רשעים טאהן אפאלשע תשובה. זיי וועלין ניט טאהן תשובה ווייל זיי האבין חרטה אויף די עבירות. זיי וועלין נאר טאהן תשובה זיי זאלין ניט שטארבין. די רשעים וועלין זאגין פאר וואס לעבין די צדיקים ווייל זיי טוהען מצות אונ מעשים טובים. מיר וועלין אויך טאהן מצות אונ מעשים טובים וועלין מיר אויך לעבין. וועלין זיי דאך טאהן די מצות ניט פון גאטס וועגין: (ז) רבי יוחנן אונ רבי שמעון בן לקיש זאגין צוויי טעמים אויף דעם שטארבין. רבי יוחנן זאגט פאר וואס הט גאט גוזר גיוועז די רשעים זאלין שטארבין. ווארום אזוי לאנג ווי די רשעים לעבין דער צערענען זיי גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איר האט אפגימאטערט גאט מיט אייערע רייד. אז די רשעים שטארבין. הערין זיי אויף דער צערגען גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק שם רשעים חדלו רוגז. דארט האבין די רשעים אויף גיהערט דער צערגען גאט. פאר וואס האט גאט גוזר גיוועז מיתה אויף די צדיקים. נאר אזוי לאנג ווי די צדיקים לעבין האבין זיי מלחמה מיט דעם יצר הרע. אז זיי שטארבין האבין זיי רוה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דארט רוהען די אפגימאטערטע. די צדיקים זאגין גענוג פאר אונז וואס מיר האבין אונז גימאטערט אויף די וועלט. רבי שמעון בן לקיש זאגט דריבער האט גאט גוזר גיוועז צדיקים אונ רשעים זאלין שטארבין. די צדיקים זאלין האבין אמאפעלען שכר. אונ די רשעים זאלין האבין אמאפעלען שטראף. די צדיקים
זאלין

על הצדיקים אלא כל זמן שהצדיקים חיים הם נלחמים עם יצרן. כיון שהם מתים הן נחין. הה״ד (שם) ושם ינוחו יגיעי כח. (כ) דיינו מה שיגענו. ורשב״ל אמר ליתן שכר לאלו בכפלים ולהפרע מאלו בכפלים. ליתן שכר לצדיקים שלא היו ראוים לטעום טעם מיתה וקבלו עליהם טעם מיתה לפיכך (ישעיה סא) לכן בארצם משנה יירשו. ולהפרע מן הרשעים. שלא היו הצדיקים ראויים לטעום טעם מיתה. (כה) ובשבילן קיבלו עליהן מיתה. לפיכך (ירמיה יז) ומשנה שברון ירשו: (ח) אמר רשב״א והנה טוב מאד. והנה טוב השינה. וכי שינה טובה מאד. אתמהא. לא כן תנינן יין ושינה לרשעים נאה להם ונאה לעולם. אלא מתוך שאדם ישן קימעא. הוא עומד ויגע בתורה הרבה: (ט) ר׳ נחמן בר שמואל בר נחמן בשם רב שמואל בר נחמן אמר הנה טוב מאד. זה יצ״ט. והנה טוב מאד (כב) זה יצ״ה. וכי יצ״ה טוב מאד. אתמהא. אלא שאילולי יצ״ה לא בנה אדם בית ולא נשא אשה. ולא הוליד. ולא נשא ונתן. וכן שלמה אומר (קהלת ד) כי היא קנאת איש מרעהו: (י) א״ר הונא הנה טוב מאד. זו (כג) מדת הטוב. והנה טוב מאד. זו מדת יסורין. וכי מדת יסורין טוב מאד. אתמהא. אלא שעל ידיה הבריות באים לחיי העה״ב וכן שלמה אומר (משלי ו) ודרך חיים תוכחות מוסר. אמרת צא וראה איזהו דרך מביאה את האדם לחיי העה״ב. הוי אומר זו מדת יסורין: (יא) א״ר זעירא הנה טוב מאד. זו גן עדן. והנה טוב מאד. זו גיהנם. וכי גיהנם טוב מאד. אתמהא. משל למלך שהיה

לו

## מתנות כהונה

כיהם יותר מהמלאכים וכרובים: (כ) דיינו כו׳. כן אומרים עם סיגר: (כה) ובשבילן קבלו כו׳. כדברי ר׳ יוחנן לעיל: בלדיקים לאחר מיתם די לנו לער ויגיעה עד כאן מה שנלחמו (כב) זה יצה״ר. וי״ו של והנה דריש: (כג) מדת הטוב.

זאלין האבין אטאפעלען שכר. ווייל זיי האבין ניט גידארפט פארזוכען דעם טעם פון טויט. אונ זיי האבין יא פארזוכט דעם טעם פון טויט. דריבער וועלין זיי האבין שכר צוויי מאהל אזוי פיל. אונ די רשעים וועלין האבין אטאפעלען שטראף. ווייל די צדיקים האבין ניט גידארפט שטארבין אונ דורך די עבירות פון די רשעים זענען גישטארבין די צדיקים. דריבער דארפין די רשעים טאפעלט גישטראפט ווערין: (ח) (אמר). רבי שמעון בן אלעזר האט גיזאגט הנה טוב מאד. עס איז זייער גוט. דאס מיינט מען דעם שלאף. איז דען דער שלאף זייער גוט. עס איז אוואנדער. האבין מיר דען ניט גילערנט ווין אונ שלאף צו רשעים איז שיין צו זיי אונ שיין פאר די וועלט (זיי ווערין שכור פון דעם ווין אונ ווערין אנטשלאפין טוהען זיי ניט קיין עבירות פאר זיך אונ טוהען ניט קיין שלעכטס די וועלט) זעהן מיר דאך אז שלאף איז נאר גוט צו רשעים. ענפערט רבי שמעון שלאף איז גוט צו צדיקים אויך.. אז דער צדיק שלאפט אביסול שטייט ער אויף מיט אגייעם כח אונ לערנט אונ מאטערט זיך אין די תורה פיל שעה: (ט) רבי נחמן דער זוהן פון שמואל דער זוהן פון נחמן האט גיזאגט פון רב שמואל בר נחמן ס וועגין הנה טוב מאד מיינט מען דעם יצר טוב. אונ והנה טוב מאד מיינט מען דעם יצר הרע. איז דען דער יצר הרע זייער גוט. אוואנדער. נאר ווען ניט דער יצר הרע וואלט אמענטש ניט גיבאהט אשטוב. אונ וואלט ניט גינומען אווייב. אונ וואלט ניט גיהאט קינדער. אונ וואלט ניט גיהאנדולט שלמה המלך זאגט אויך אזוי ווייל איינער איז מקנא דעם אנדערין דריבער איז אויף גיבאהט גיווארין די גאנצע וועלט: (י) (אמר) רב הונא זאגט הנה טוב מאד מיינט מען דאס גוטס וואס גאט גיט דעם מענטש אויף די וועלט. והנה טוב מאד מיינט מען די יסורים וואס גאט גיט דעם מענטש אויף די וועלט. איז דען יסורים גוט. אוואנדער. נאר דורך יסורים ווערין די מענטשין פרום אונ קומען צו עולם הבא. שלמה המלך האט אויך אזוי גיזאגט צו די וועג פון לעבין קומט מען דורך שטראף. איך וועל דיר זאגין גיי זעה וועלכע וועג ברענגט דעם מענטש צו עולם הבא. דאס איז יסורים: (יא) רבי זעירא זאגט הנה טוב מאד מיינט מען דעם גן עדן. והנה טוב מאד מיינט מען דעם גיהנם. איז דען דער גיהנם זייער גוט. אוואנדער. נאר למשל א מלך האט גיהאט אזוין גארטין האט ער אריין גיברענגט ארבעטער אין דעם ווין גארטין. אונ ער האט

גיבאהט

לו פרדס והכנים לתוכו פועלים. ובנה אוצר על פתחו. אמר כל מי שהוא (כד) מתכשר במלאכת הפרדס יכנס לאוצרו. וכל מי שאינו מתכשר במלאכת הפרדס אל יכנס לאוצרו. כך כל מי שהוא מסגל מצות ומע"ט הרי ג"ע. וכל מי שאינו מסגל מצות ומע"ט (כה) הרי גיהנם: (יב) א"ר שמואל בר יצחק הנה טוב מאד. זה מלאך חיים. והנה טוב מאד. זה מלאך המות. וכי מ"ה טוב מאד. אתמהא. אלא למלך שעשה סעודה וזימן את האורחים והכנים לפניהם תמחוי מלא כל טוב. אמר כל מי שהוא אוכל ומברך את המלך יאכל ויערב לו. וכל מי שהוא אוכל ואינו מברך את המלך יותז ראשו בסייף. כך כל מי שהוא מסגל מצות ומע"ט הרי מלאך חיים. וכל מי שאינו מסגל מצות ומע"ט הרי מ"ה: (יג) אמר ר"ש בר אבא הנה טוב מאד. זו מדת הטוב. והנה טוב מאד. זו מדת הפורענות. וכי מדת פורענות טובה היא מאד. אלא שוקד על הפורענות (כו) היאך להביאה. א"ר סימון בשם ר"ש בר אבא (כז) כל המדות בטלו (כח) מדה כנגד מדה לא בטלה. ר' הונא בשם ר' יוסי אמר מתהלת ברייתו של עולם צפה הקב"ה שבמדה שאדם מודד בה מודדין לו. לפיכך אמרו חכמים

והנה

## מתנות כהונה

בהשעה מפתקת לו בעה"ז ומגלה שנותיו בטוב ונעימם: (כד) מתכשר. עושה מלאכתו באמונה וטוב וכשר: (כה) הרי גיהנם. ומפני מורא בני אדם הולכים דרך טובה: (כו) היאך להביאה. כדכתיב וישקד על הרעה ויביאה עלינו כי צדיק ה' ודרשו חז"ל שזהו הצדקה שהגלה אותם ב' שנים קודם למניין ונושנתם כדי שלא יתקיים אבד תאבדון ועוד נראה עיקר שהקב"ה שוקד על הרעה היאך להביאה שתהא מדה כנגד מדה וכדמפרש והולך בשם ר"ש בר אבא ורש"י פי' שאם הגלם בימות החורף לא יוכלו עמוד: (כז) כל המדות. פירש"י מ"ט מדות שבהן נברא העולם: (כח) מדה כנגד מדה. מאור דרש ל' מדה כמו שדרשו חז"ל בכל מאדך

בכל

---

גיבּאָהט אַאוֹצר בּיי די טיר פון וויין גאַרטין אוּנ אַתּפיסה. אוּנ ער האָט גיזאָגט ווער עס וועט גוּט אַרבּעטין אין דעם וויין גאָרטין וועט ער אַריין גיין אין דעם אוֹצר. אוּנ ווער עס וועט ניט גוּט אַרבּעטין זאָל ניט אַריין גיין אין דעם אוֹצר נאָר אין די תּפיסה. אַזוֹי האָט גאָט גיזאָגט ווער עס וועט טאָהן מצוֹת אוּנ מעשׂים טוֹבים וועט ער אַריין גיין אין גן עדן. אוּנ ווער עס וועט ניט טאָהן מצוֹת אוּנ מעשׂים טוֹבים וועט ער אַריין גיין אין גיהנם. ווייל די מענטשין האָבּין מוֹרא פאַר דעם גיהנם טוּהען זיי מצוֹת אוּנ מעשׂים טוֹבים אוּנ קוּמען אין גן עדן. איז דאָך דער גיהנם גוּט. ער בּריינגט די מענטשין אין גן עדן: (יב) רבּי שמוּאל בּר יצחק זאָגט הנה טוב מאד מיינט מען דעם מלאך וואָס היט דעם מענטשינס לעבּין. והנה טוב מאד מיינט מען דעם מלאך המות. איז דען דער מלאך המות זייער גוּט. אַוואוּנדער. נאָר למשל אַמלך האָט גימאַכט אַסעוּדה אוּנ ער האָט גיבּעטין געסט אוּנ ער האָט גישטעלט פאַר זיי אַשיסיל פוּל מיט אַלעם גוּטען. אוּנ ער האָט גיזאָגט ווער עס וועט עסין אוּנ וועט בּענטשין דעם מלך זאָל ער עסין אוּנ עס זאָל אים גישמאַק זיין. אוּנ ווער עס וועט עסין אוּנ וועט ניט בּענטשין דעם מלך זאָל מען אים אָפּ האַקין דעם קאָפּ מיט אַשווערד. אַזוֹי האָט גאָט גיזאָגט ווער עס וועט טאָהן מצוֹת אוּנ מעשׂים טוֹבים איז דאָ אַמלאך וואָס וועט היטען זיין לעבּין. אוּנ ווער עס וועט ניט טאָהן מצוֹת אוּנ מעשׂים טוֹבים איז דאָ אַמלאך המות וואָס וועט צוּ נעמען זיין לעבּין: (יג) רבּי שמעוֹן בּר אבּא האָט גיזאָגט הנה טוב מאד מיינט מען דאָס גוּטס וואָס גאָט גיט אויף די וועלט. והנה טוב מאד מיינט מען דאָס שלעכטס וואָס גאָט בּריינגט אויף די וועלט. איז דען דאָס שלעכטס זייער גוּט. נאָר גאָט גיט אַכטוּנג אויף די שלעכטס ווי אַזוֹי ער זאָל זי בּריינגען. אַז פוּן די שלעכטס זאָל אַרוֹיס קוּמען אַגרוֹיסע גוּטס. רבּי סימון זאָגט פוּן רבּי שמעוֹן בּר אבּא ס וועגין אַלע מדות זענען בּטל גיוואָרין נאָר מדה כּנגד מדה איז ניט בּטל גיוואָרין. אַזוֹי ווי אַמענטש טוּהט. אַזוֹי בּצאָהלט אים גאָט. למשל אַמענטש גייט אין ציצית. גיט אים גאָט אַשיינעם טלית. ער מאַכט אַמזוזה. גיט אים גאָט אַשיינע דירה. בּיי עבירות איז אויך אַזוֹי. אַזוֹי ווי די עבירה איז. אַזוֹי שטראָפט אים גאָט. אוּנ דאָס איז אַטוֹבה פאַר דעם מענטש. ער זאָל זיך היטען די עבירה מער ניט צוּ טאָהן. רבּי הוּנא זאָגט פוּן רבּי יוֹסי ס וועגין פוּן אָנהייבּ ווען גאָט האָט בּאַשאַפין די וועלט האָט גאָט גיזעהן אַז אַזוֹי ווי די מאָס וואָס דער מענטש מעסט זאָל מען אים מעסטין. אַזוֹי ווי דער מענטש טוּהט (גוּט אָדער שלעכט) אַזוֹי זאָל מען אים טאָהן. דריבּער האָבּין די חכמים גיזאָגט והנה טוב מאד מיינט

מען

והנה טוב מאד. (כט) זו מדה טובה: (יד) רבנן אמרי לה בשם ר׳ חנינא בר אידי ור׳ פנחס ור׳ הלקיה. הוא מאד הוא אדם. (ל) הינון אותיות דדין חינון אותיות דדין. הה״ד (בראשית א) וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאד. זה אדם: (טו) אמר רשב״ל הנה טוב מאד. זו מלכות שמים. והנה טוב מאד. זו מלכות הארץ. וכי מלכות הארץ טוב מאד. אתמהא. אלא שהיא תובעת (לא) דקיון של בריות. שנא׳ (ישעיה מה) אנכי עשיתי ארץ ואדם עליה בראתי: (טז) ויהי ערב ויהי בקר יום הששי. א״ר יודן זו (לב) שעה יתירה שמוסיפין מחול על קדש. ובה נגמרה מלאכת העולם. ע״כ כתיב הששי. א״ר סימון בר מרתא ע״כ מונין (לג) למנינו של עולם. (לד) מיכן ואילך מונין למנין אחר:

**פרשה י** (א) ויכלו השמים והארץ וכל צבאם כתיב (תהלים קיט) לכל תכלה ראיתי קץ רחבה מצותך מאד. לכל יש סיקוסים. שמים וארץ יש להן סיקוסים

## מתנות כהונה

בכל מדה ומדה שהוא מודד לך: (כט) זו מדה טובה. כלו׳ המדה שמודדין מדה כנגד מדה טוב הוא: (ל) סימן. היינו אותיות של זה: (לא) דקיון. עלבון ודין מי שעובר על דת: (לב) שעה יתירה. פירש״י ה״א לרבות שעה אחרונה לששי היא ראשונה לשבת: (לג) למנינו של עולם. מתחלת בריאתו יום א׳ תחלת בריאתו וכן כולם: (לד) מכאן ואילך מונין למנין אחר. יום א׳ בשבת יום ב׳ בשבת או חדשים ושנים או שמיטות ויובלות. או ימנו מעד אלף כספי ימנו

מען די גוטע מאס וואס מען מעסט דעם מענטש אזוי ווי ער טוהט: (יד) די רבנן האבין געזאגט פון רבי חנינא בר אידי אונ רבי פנחס אונ רבי הלקיה ס וועגין מאד איז אדם. די אותיות פון מאד זעגען די אותיות פון אדם. דאס איז וואס עס שטייט אין פסוק גאט האט געזעהן אלץ וואס ער הט געטאהן והנה טוב מאד (אונ עס איז זייער גוט). דאס מיינט מען אדם (דעם מענטש וואס ער האט בשאפין. איז זייער גוט): (טו) (אמר רבי שמעון בן לקיש זאגט הנה טוב מאד מיינט מען די מלוכה פון הימעל (פון גאט) והנה טוב מאד מיינט מען די מלוכה פון די ערד (פון אמלך). איז דען די מלוכה פון די ערד זייער גוט. אוואנדער. נאר ווייל די מלוכה פון די ערד גיט אכטונג אויף די מענטשין איינער זאל ניט טאהן אעולה דעם אנדערין. דריבער איז זי גוט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך האב גימאכט די ערד אונ האב בשאפין אמענטש (אמלך) ווס ער זאל אויף איר אכטונג געבין: (טז) ויהי. עס איז געוועזן אבענד אונ עס איז געוועזן פריה יום הששי. דעם זעקסטין טאג. רבי יודן זאגט עס האט געקענט שטיין יום ששי. פאר וואס שטייט הששי. מיט אה״א. נאר דאס מיינט מען די לעצטע שעה פון זעקסין טאג וואס מען געמט צו די שעה פון וואך צו שבת. אין די שעה איז פערטיג געווארין די ארבעט פון די וועלט. דריבער שטייט הששי (דער זעקסטער) מיט אה״א. רבי סימון בר מרתא זאגט ביז שבת הט מען גיציילט צו די וועלט. דער ערשטער טאג פון בשאפונג. דער אנדערער טאג פון בשאפונג. אונ אזוי ווייטער. פון שבת אן ציילט מען שוין צו איין אנדער רעכענונג. דער ערשטער טאג פון שבת. דער אנדערער טאג פון שבת. אונ אזוי ווייטער. אונ מען ציילט צוועלף חדשים צו איאהר. אונ זיבען יאהר צו אשמטה. אונ זיבען שמטות צו איובל:

**פרשה י** (א) ויכולו השמים והארץ וכל צבאם. עס שטייט אין פסוק לכל תכלה ראיתי קץ רחבה מצותך מאד. יעדער זאך וואס הט אסוף. האב איך געזעהן דעם סוף זיינעם. אלע זאכין האבין אסוף. די הימעל אונ ערד האבין אויך אסוף. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ויכולו השמים והארץ וכל צבאם. די הימעל אונ ערד אונ אלע הערשאפט זייערע וועלין פארלענדט ווערין. נאר איין זאך האט ניט קיין סוף. דאס איז די תורה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די מאס פון די תורה איז לייננער ווי די ערד אונ ברייטער ווי דער ים. (טייטש מען ויכולו. פאר לענדונג). נאך אפשט איז לכל תכלה ראיתי קץ. אלע זאכין וואס זענען גיענדיגט געווארין אין די ערשטע זעקס טעג. האב איך געזעהן זייער סוף. מער איז שוין ניט בשאפין געווארין צו די זאך. דאס מיינט מען די הימעל אונ ערד. די הימעל

(א) סיקוסים. חוץ מר"א שאין לו סיקוסים. ואיזו זו התורה שנא' (איוב יא) ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים. ד"א לכל תכלה ראיתי קץ זו מלאכת שמים וארץ. שנא' ויכלו השמים והארץ: (ב) ר' חמא פתח (משלי כה) הגו סיגים מכסף וגו'. א"ר אליעזר בשם ר יעקב משל לאמבטי שהיתה מלאה מים. והיו בה שני (ב) דיוסקוסים נאים. כל זמן שהיתה מלאה מים. לא היתה מלאכת דיוסקוסים נראית. כיון (ג) שפסקה וניער המים שבתוכה נראית מלאכת דיוסקוסים. כך כל זמן שהיה העולם תהו ובהו לא נראית מלאכת שמים וארץ. כיון שנעקר תהו ובהו מן העולם נראית מלאכת שמים וארץ. (סס) ויצא לצורף כלי. (ד) נעשו כלים. הה"ד ויכלו השמים והארץ וכל צבאם: (ג) כיצד ברא הקב"ה את עולמו. א"ר יוחנן נטל הקב"ה שתי (ה) פקעיות. אחת של אש ואחת של שלג. (ו) ופתכן זה בזה ומהן נברא העולם. ר' חנינא אמר ד'. לד' רוחות השמים. ר' חמא בר חנינא אמר שש. ד' לד' רוחות ואחת מלמעלן ואחת מלמטן. אדריינוס (ז) שחיק עצמות שאליה לר' יהושע בר חנניא. א"ל כיצד ברא הקב"ה את עולמו. א"ל כההוא דאמר ר' חמא בר

## מתנות כהונה

למנייט של עולם מכאן ואילך יתבטל סדר זמנים: כאמבטי: (ד) נעשו כלים. סכף קמילה ודרים כלי ל' תכלה: (א) סיקוסים. מדה וקץ וזמן בל' יון: (ב) דיוסקוסים. שלחנות (ה) פקעיות. פי' של פתי וערב נקראו כן: (ו) ופתכן. מנוירים: (ג) שפסקה. קילות המת כמים שמקלחת לתוך ועריבן: (ז) שחיק עצמות. ישחקו ויטחנו וימחו עצמותיו:

---

איז ניט גרעסער געווארין די ערד איז ניט גרעסער געווארין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ויכולו השמים והארץ. די ארבעט פון די הימעל אונ ערד איז גיענדיגט געווארין. אבער די תורה איז ניט גיענדיגט געווארין. זיא ווערט אלע מאהל גרעסער: (ב) רבי חמא האט אנגעהויבין דרשנן מיט דעם פסוק. הגו סיגים מכסף ויצא לצורף כלי. רבי אליעזר האט גיזאגט פון רבי יעקבס וועגין למשל א וואנע איז גיוועזן פול מיט וואסער. אונ אין די וואנע איז גיוועזן גימאהלט צוויי שיינע צורות. אזוי לאנג ווי די וואנע איז פול מיט וואסער זעהט מען ניט די ארבעט פון די צורות. אז מען האט גאר ארויס גיגאסין די וואסער פון די וואנע. זעהט מען שוין די ארבעט פון די צורות. דא איז אויך אזוי. אזוי לאנג ווי די וועלט איז גיוועזן תהו ובהו האט מען ניט גיזעהן די ארבעט פון די הימעל מיט די ערד. ווי דער תהו ובהו איז אוועק גיגאנגען פון דער וועלט. איז גיזעהן געווארין די ארבעט פון די הימעל מיט די ערד. אונ זיי זענען געווארין כלים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ויכולו השמים והארץ וכל צבאם. די הימעל מיט די ערד אונ זייער הערשאפט זענען געווארין כלים:

(ג) (כיצד). ווי אזוי האט גאט בשאפין די וועלט. רבי יוחנן זאגט גאט האט גינומען צוויי קנאלין איינם פון פייער אונ איינם פון שנייא אונ ער האט אוים געמישט די פייער מיט די שנייא. אונ פון זיי האט ער בשאפין די וועלט. (ער האט גילייגט די צוויי קנאלין אין מיטען אונ זיי זענען פארשפרייט געווארין אין אלע זייטין ביז גאט האט גיזאגט גענוג אונ אזוי איז געווארין די וועלט). רבי חנינא זאגט פיר קנאלין האט גאט גענומען אונ ער הט זיי גילייגט אין די פיר זייטין וועלט. אונ די פיר קנאלין האבין זיך פארשפרייט איינוויינדיג ארוין. אונ אין דערמיטען זענען זיך צו זאמען גיקומען אלע פיר קנאלין אונ עס איז געווארין א וועלט. רבי חמא בר חנינא זאגט זעקס קנאלין האט גאט גענומען. פיר הט ער גילייגט אין די פיר זייטין פון דער וועלט. איין קנאהל הויבין אונ איין קנאל אונטען. אדריינוס (צו ריבען זאלין ווערין זיינע ביינער) האט גיפרעגט ביי רבי יהושע בן חנניה ווי אזוי האט גאט בשאפין די וועלט. האט רבי יהושע צו איהם געזאגט אזוי ווי רבי חמא בר חנינא הט גיזאגט. האט אדריינוס גיזאגט צו רבי יהושע איז מעגליך אז עס איז אזוי גיוועזן. עס איז א וואונדער. האט רבי יהושע ארוין געפירט דעם אדריינוס אין א קליינע שטוב אונ האט גיזאגט צו אים ציה אוים דיין האנט צו מזרח אונ צו מערב צו צפון אונ צו דרום. האט רבי יהושע גיזאגט צו אדריינוס אזוי איז גיוועזן ביי גאט אויך. די פיר קנאהלין אין די פיר זייטין זענען גיוועזן

אזוי

בר חנינא. א"ל אפשר כן. אתמהא. הכניסו לבית קטן. א"ל פשוט ידך למזרח ולמערב לצפון ולדרום. א"ל כך היה מעשה לפני הקב"ה: (ד) א"ר הושעיא דרש רבי אפס באנטוכיא. אין לשון ויכלו. אלא לשון מכה. ולשון כלייה. משל למלך שנכנס במדינה וקילסו אותו בני המדינה. וערב לו קילוסן. הרבה להן בדיצה. הרבה להן (ח) בהדיוכין. לאחר זמן הכעיסו אותו. ומיעט להן (ט) בדיצה ומיעט להן בהדיוכין. כך עד שלא חטא אדם הראשון היו המזלות מהלכין דרך קצרה ובמהירות. משחטא סיבבן דרך ארוכה ובמתינות. יש מזל שגומר הלוכו לי"ב חדש כגון כוכב חמה. ויש מזל שהוא גומר הלוכו לשלשים יום והיא לבנה. ויש מזל שגומר הלוכו לי"ב שנה והוא צדק. ויש מזל שהוא גומר הלוכו לשלשים שנה והוא שבתי. חוץ מן כוכב נוגה ומאדים. שאין גומרין הלוכן (י) אלא לד' מאות ופ' שנה: (יא) ובעי שאלה שנוגה סהלכת י"ב מזלות לעשרה חדשים. כל מזל כ"ח יום. ומאדים חדש וחצי כל מזל מהלך י"ב בשנה ומחצה. והיאך אומר כן נוגה ומאדים אין גומרין הלוכן אלא לד' מאות ופ' שנה. חזינא תמיהא. לפיכך בעי שאלה. ר' פנחס בשם ר' חנן דציפורין תני (יב) בנות שוח בשנה שנייה של שמטה נוהג קדושת שביעית שלהן. לפי שעושות פירות (יג) לשלש שנים. (יד) ואותו היום עשו פירות בן יומן. אבל לע"ל הקב"ה

מרפא

## מתנות כהונה

(ח) בהדיוכין. פי' בערוך טובות: (ט) ה"ג בערוך הרבה (י) ה"ג אלא להי"ם שנה: (יא) ובעי שאלה כו'. טולקוס לא גרים ליה: (יב) בנות שוח כו': (יג) לשלש שנים. ובתרא בדילס והרבה בהדיוכין וכו' כך המזלות קלר להם הדרך כדי שלא יעברו הרבה ואח"כ הרבה להם הדרך ונתמעט שמחתם: בבנת השמטה: (יד) ואותו יום. בעת הבריאה:

אזוי ווי פיר וועגט. אצייכין ביז וואנען די וועלט זאל זיך פארשפרייטין ניט ווייטער. (ד) (אמר) רבי הושעיה האט גיזאגט רבי אפס האט גידרשה אין אנטוכיא דער ווארט ויכולו איז דער טייטש שלאגין אונ פארלענדין. למשל אמלך איז אריין גיגאנגען אין אמדינה. די מענטשין פון די מדינה האבין אים גילויבט. דעם מלך איז גיפעלין זייער לויב. האט ער זיך פיל גיפרייט מיט זיי אונ האט זיי גיטאהן פיל טובות. אין אצייט שפעטער האבין די מענטשין פון די מדינה אים דערצערנט. האט ער וויניגער גימאכט זייער פרייד אונ האט וויניגער גימאכט זייערע טובות. דא איז אויך אזוי גיוועזן. איידער אדם הראשון האט געזינדיגט זענען די מזלות גיגאנגען מיט אקורצע וועג אונ געשווינט. ווי אדם האט געזינדיגט פירט נאט די מזלות דורך אלאנגע וועג אונ פאמעלאך. עס איז דא אמזל וואס ער ענדיגט זיין גאנג צו צוועלף חדשים. דאס איז דער שטערין וואס הייסט חמה. עס איז דא אמזל וואס ער ענדיגט זיין גאנג צו דרייסיג טעג. דאס איז דער שטערין וואס הייסט לבנה. עס איז דא אמזל וואס ער ענדיגט זיין גאנג צו צוועלף יאהר. דאס איז דער שטערין וואס הייסט צדק. עס איז דא אמזל וואס ער ענדיגט זיין גאנג צו דרייסיג יאהר. דאס איז דער שטערין וואס הייסט שבתי. אונ די דריי שטערין וואס הייסין כוכב נוגה מאדים זיי ענדיגען ניט זייער גאנג ביז פיר הונדערט מיט אכציג יאהר. איך האב גיוואלט פרעגין דער שטערין נוגה גייט דורך די צוועלף מזלות אין צעהן חדשים. יעדער מזל דויערט פינף אונ צוואנציג טעג. אונ דער שטערין מאדים גייט דורך יעדער מזל אין אחדש מיט אהאלבן. אונ די אלע צוועלף מזלות גייט ער דורך איאהר מיט אהאלבן. ווי אזוי קענסטו זאגין אז דער שטערין נוגה אונ דער שטערין מאדים ענדיגען ניט זייער גאנג נאר ביז פיר הונדערט מיט אכטציג יאהר. זעה איך אוואנדער. דריבער דארף מען פרעגין אויף דער זאך. רבי פנחס האט גילערנט ביי רבי חנן פון ציפורין בנות שוח דאס איז ווייסע פייגין) וואס וואקסין אויף דעם בוים דעם אנדערין יאהר פון שמטה. איז ביי זיי דא היילינקייט פון שמטה. ווייל זיי שטייען אויף דעם בוים דריי יאהר ביז זיי ווערין צייטיג. האבין זיי דאך אנגיהויבין צו וואקסין אום שמטה. אונ דעם טאג וואס גאט האט אדם בשאפין האט שוין אויף גיוואקסין פערטיגע פירות (נאר דורך די זינד פון אדם הראשון איז גישטראפט גיווארין די ערד מיט די פירות אז דאס וואקסין זאל לאנג דויערין). אונ ווען משיח וועט קומען וועט גאט אויסהיילין די מכה. אונ די פירות

ווערין

מרפא אותה מכה שנאמר (ישעיה ל) ומחץ מכתו ירפא. מחץ מכתו של עולם ירפא:
(ה) אריב"ל נשתכללו שמים בחמה ולבנה ובמזלות (טו) ונשתכללה הארץ באילנות
ובדשאים וג"ע. ר' סימון בשם ריב"ל (טז) מכוללים היו המעשים והיו מותחין והולכין:
(ו) וכל צבאם. א"ר אלעזר (יז) ג' צבאים הן. צבא לשמים ולארץ. וצבא לתלמידים.
וצבא ליסורין. צבא לשמים ולארץ. שנא' ויכלו השמים והארץ וכל צבאם. צבא
לתלמידים מנין שנא' (איוב יד) (יח) כל ימי צבאי איחל עד בוא חליפתי. עד יקום
חלופי. וצבא ליסורין מנין. שנ' (שם ז) הלא צבא לאנוש עלי ארץ. וכל צביונו של
אדם אינו אלא על הארץ. ומה הנייה לו (יט) וכימי שכיר ימיו. נחמן בריה דר'
שמואל בר נחמן אמר אם זכה צבא לו ואם לאו צבא עליו. בנה בנין עלה בידו
(כ) צבא לו. נפל ממנו ומת צבא עליו. אכל פתו והנייתו צבא לו עמדה בתוך גרונו
והנקתו צבא עליו. הרבה צבאים מינה הקב"ה לאדם הזה. לתבוע (כא) דקין שלו.
הרבה

## מתנות כהונה

(טו) נשתכללו. ויכלו דרש לשון שכלול: (טז) מכוללים היו כו'. בשעת בריאתן נבראו דרך כלל מקושר ומעורב בלי חיתוך ופירוד והיו מותחין והולכין כל ו' ימים על שיעורם עד שאמר הקב"ה די ופי' הכתוב כך ויכלו אחר היו מכוללים היו מותחין והולכין עד יום ו' ואז אמר הקב"ה די ובדיבור זה ויכל אלהים כו': (יז) ג' צבאים הן. פירש"י ל' חפץ ורצון ותאוה: (יח) כל ימי צבאי. מדבר בתלמידים כדאיתא ביומא: (יט) וכימי שכיר. כמו שכיר יום צבא השמש מעמד לאחו: (כ) צבא לו. חיל ולצאות ורש"י פי' לצאות השמים והארץ נעשו בשבילו. ואם לאו צבא וחיל יבא עליו וימיתוהו והספר עצמו מפרש והולך בנה בנין כו': (כא) דקין.
עלבון

העלין געשווינד וואקסן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ומחוץ מכתו ירפא. די מכה פון דער וועלט
וואס זיא איז געשלאגין געווארין וועט גאט אויסהיילין: (ה) רבי יהושע בן לוי זאגט די הימעל
איז בשיינט געווארין מיט די זוהן און מיט די לבנה און מיט די שטערין. און די ערד איז
בשיינט געווארין מיט ביימער און גראז און דעם גן עדן. רבי סימון זאגט פון רבי יהושע
בן לוי ס וועגין די הימעל איז בשאפין געווארין מיט אלע זאכין וואס צו אים געהער. און די ערד
איז בשאפין געווארין מיט אלע זאכין וואס צו איר געהער. און ארץ איז ענדעקט געווארין און
געוואקסי בישלאבוויז. ביז פרייטאג פארין נאכט איז שוין אלץ פארטיג געווארין ווי עס דארף זיין.
(ו) וכל צבאם. רבי אלעזר זאגט דריי ערליי זאכין זענען דא וואס זיי האבין אאויסגעזעצטע
צייט. עס איז דא אאויסגעזעצטע צייט צו די הימעל און ערד ווי לאנג זיי זאלין שטיין. עס איז
דא אאויסגעזעצטע צייט צו תלמידים ווען זיי זאלין גרויס ווערין. עס איז דא אאויסגעזעצטע צייט
צו יסורים ווען זיי זאלין קומען צו דעם מענטש און ווען זיי זאלין פון אים אוועק גיין. פון וואנען ווייסין
מיר אז עס איז דא אאויסגעזעצטע צייט צו די הימעל און ערד. ווארום עס שטייט אין פסוק
ויכלו השמים והארץ די הימעל און די ערד און אלץ וואס צו זיי געהער וועלין פארלענדט ווערין.
פון וואנען ווייסין מיר אז עס איז דא אאויסגעזעצטע צייט צו תלמידים ווען זיי זאלין גרויס
ווערין. ווארום עס שטייט אין פסוק איוב האט געזאגט כל ימי צבאי (אלע טעג וואס איך בין
געווען א תלמיד) איחל עד בא חליפתי (האב איך געהאפט ווען וועט קומען מיין פארטאהשונג).
איך זאל שוין גרויס ווערין. פון וואנען ווייסין מיר אז עס איז דא אאויסגעזעצטע צייט צו
יסורים ווען זיי זאלין קומען און ווען זיי זאלין אוועק גיין. ווארום עס שטייט אין פסוק איוב האט
געזאגט הלא צבא לאנוש עלי ארץ. די יסורים וואס קומען אויף דעם מענטש ווען ער איז אויף
די ערד. דאס האט אאויסגעזעצטע צייט. דאס גאנצע גלוסטונג פון מענטש איז נאר ער זאל
זיין אויף דער וועלט. וואס פאר הנאה האט ער פון זיין לעבען. אז זיינע טעג זענען אויסגעזעצט
אזוי ווי ביי אגידונגענעם ארבעטער. נחמן דער זוהן פון רבי שמואל בר נחמן האט געזאגט
אויב דער מענטש איז זוכה איז די הנאה צו אים. און אויב ער איז ניט זוכה איז די הנאה אויף
אים. ווערט פון די הנאה שלעכטס אויף אים. אז ער באהט אהויז און ער האט אויס
געפירט דאס באהונג. האט ער הנאה. אז ער איז אראפ געפאלין פון די הויז און איז געשטארבין
איז די הנאה געווארין אויף אים צום שלעכטין. אז ער האט געגעסין ברויט און ער האט הנאה
געהאט

הרבה דובים. הרבה אריות. הרבה נהשים. הרבה שרפים. הרבה עקרבים. ולא עוד אלא כימי שכיר ימיו. בר סירא אמר אלוה (כב) העלה סמים מן הארץ. בהם הרופא מרפא את המכה. ובהם הרוקח מרקח את המרקחת: (ז) א"ר סימון אין כל עשב ועשב שאין לו מזל ברקיע שמכה אותו ואומר לו גדל. הה"ד (שם לח) הידעת חקות שמים אם תשים משטרו בארץ וגו'. לשון שוטר. (שם) התקשר מעדנות (כג) כימה או מושכות כסיל תפתח. ר' חנינא בר פפא ור' סימון אמרי כימה (כד) מערנת את הפירות וכסיל מושך (כה) בין קשר לקשר. הה"ד (שם) התוציא מזרות בעתו ועיש על בניה תנחם. ר' תנחום בר חייא ור' סימון אמרי מזל הוא שהוא (כו) ממזר את הפירות: (ח) רבנן אמרי אפי' דברים שאתה רואה אותן שהן יתירים בעולם. כגון זבובין. ופרעושין. ויתושין. אף הן (כז) בכלל ברייתו של עולם הן. ובכל הקב"ה עושה שליחותו. אפי' ע"י נחש. אפילו ע"י יתוש. אפי' ע"י צפרדע. ר' תנחומא א"ל בשם ר' נהמיה ר' ברכיה בשם ר' חלבו. ר' אחא (כח) הוה משתעי הדין עובדא. חד ב"נ (כט) הוה קאים על כיף נהרא. (ל) חמא חד עורדען טענה הדא עקרב (לא) ומגיזה יתיה נהרא. (לב) כיון דעביד שליחותיה אחזרתיה לאתריה. ר' פנחס
בשם

## מתנות כהונה

עלגון ופרעון תוכו: (כב) העלה סמים. הלמות והרב לבא מלגון חפץ ורלון והכייה: (כג) כימה. כוכב ברקיע: (כד) מעדנת. נותן בהם טעם לעדן אותן: (כה) בין קשר לקשר. פרש"י כשיגלו הפירות באילן כמין קשרים קטנים ובין קשרי הפגוגין מושכן ומגדלן: (כו) ממזר. עושה אותם רך מלגון בילה מוזרת ורש"י פי' מפזר אותם ומפריש אותם כמו כנה זורה הגורן: (כז) בכלל ברייתו. יש בהם לורך וגם כמה עיקר הבריאה: (כח) הוי מפתעי. היה מספר המעשה הזה: (כט) הוה קאים כו'. היה עומד על שפת הנהר: (ל) חמא כו'. ראה לפרדע אחת שהיה טוען ונושא עליו עקרב א' ומעבירה על הנהר: (לא) מגיזה. מעבירה כד"א וכן נגוזו ועבר: (לב) כיון שעשה העקרב

---

גיהאט. איז די הנאה אים צום גוטען. אז די ברויט האט זיך גישטעלט אים אין האלדז אונ האט אים דערשטיקט. איז די הנאה גיוועזן צו זיין שלעכטין. פיל גיוועלטיגערם האט גאט אויף גינומען אויף דעם מענטש זיי זאלין פון אים אפ נעמען וואס ער איז שולדיג. פיל בערין. פיל לייבין. פיל שלאנגען. פיל ברענענדע שלאנגען. פיל עגדעסין. אונ די גאנצע טעג זיינע זענען נאר גיציילטע ווי א פארדונגענער ארבעטער. בר סירא זאגט גאט האט אויף גיברענגט אזעלכע גראזין פון די ערד. מיט זיי היילט דער דאקטאר א מכה. אונ מיט זיי מאכט דער אפטייקער דעם שמעקעדיגען אונ גוטען ריח: (ז) (אמר). רבי סימון זאגט יעדער גראז האט א מזל אין הימעל. אונ דער מזל שלאגט אים אונ זאגט צו אים וואקס. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דו ווייסט די גיזעץ פון הימעל אויב דו קענסט מאכן זיין גיוועלטיגקייט אויף די ערד (דער מזל זאל נייטען דעם גראז ער זאל וואקסין). עס שטייט אין פסוק התקשר מעדנות כימה או מושכות כסיל תפתח. רבי חנינא בר פפא אונ רבי סימון זאגין דער מזל כימה מאכט זיס די פירות. אונ דער מזל כסיל ציהט אויס די בוימער פון איין סיינק ביז צום אנדערין סיינק. אונ די זאנגען ציהט ער אויס פון איין קנופ ביז צום אנדערין קנופ זיי זאלין וואקסין אונ גרעסער ווערין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק התוציא מזרות בעתו (ער ציהט אויס די מזלות יעדער מזל אין זיין צייט). רבי תנחום בר חייא אונ רבי סימון האבין גיזאגט עס איז דא א מזל וואס ער מאכט ווייך די פירות: (ח) די רבנן זאגין אפילו די זאכין וואס דו זעהסט זיי פאר איבעריג אויף דער וועלט. למשל פליגען פליא קאמארעס. זיי גיהערין אויך צו די בשאפונג פון דער וועלט. אונ מיט יעדער זאך טוהט גאט זיין שליחות. אפילו דורך א שלאנג. אפילו דורך א קאמאר אפילו דורך א זאבע. רבי תנחומא האט גיזאגט פון רבי נחמיה'ס וועגין אונ רבי ברכיה האט גיזאגט פון רבי חלבו'ס וועגין רבי אחא האט דער ציילט די מעשה. א מענטש איז א מאהל גישטאנען נעבין א טייך האט ער גיזעהן ווי א זאבע טראגט אויף זיך א שלאנג אונ שווימט מיט אים אריבער דעם טייך (אונ דער שלאנג האט אויף די אנדערע זייט טייך גיהרגת א מענטש). אונ ווי דער שלאנג האט אפגיטאהן די זאך. האט די זאבע איהם צוריק
גיטראגין

בשם ר' הנין דציפורין אמר עובדא הוה בחד גבר. (לג) דהוה קאים למיחצד
(לד) בהדא בקעתא בי טרפא. (לה) חמא חד עשב ולקט יתיה ועבדיה כליליה
לראשיה. (לו) אזלא חד חויא ומחא יתיה וקטיל יתיה. (לז) אתא חד גבר וקם
למסקר בההוא חויא. אמר תמה אני על מן דקטל הדין הויא. אמר ההוא גברא
אנא קטלית יתיה. (לח) תלה אפוי וחמא להוא עשבא עבידא כלילא לראשיה.
אמר מן קושטא את קטלית יתיה. א"ל אין. א"ל (לט) יכול את מרים הדין עשבא מן
ראשיך. א"ל אין. כיון דארים יתיה. א"ל את יכיל קריב הכא ומרים הדין חויא בהדין
חומרא. א"ל אין. כיון דקריב להוא חויא מיד (מ) נשרו אבריו. ר' ינאי היה יושב
ודורש בפתח עירו. ראה נחש (מא) מרתיע ובא. והוה (מב) מרדף ליה מן הדין
סיטרא. והוה חזר מן דין סיטרא. ועוד הוה רדיף ליה מן הדין סיטרא. והוה חזר
מן הדין סיטרא. אמר זה הולך לעשות שליחותו. מיד נפלה (מג) הברה בעיר.
פלוני בן פלוני נשכו נחש ומת. ר' אלעזר (מד) הוה יתיב מטייל בבה"כ. אתא
הד

## מתנות כהונה

שליחות הכשלת לו מן השמים הלפרדע החזירתה למקומה ועיין בויל"ר ובקהלת (ס ו) שהמיתה שם בן אדם: (לג) דהוה קאים למחצד כו'. שהיה עומד לקצור הקמה בשדה: (לד) בהדא בקעתא. בבקעה זו של בי טרפא שם מקום: (לה) חמא כו'. ראה עשב א' ולקח אותו ועשה ממנו עטרה לראשו: (לו) אזלא כי'. הלך שם נחש א' והכה הוא את הנחש והמית אותו: (לז) אתא כו'. בא שם איש א' ועמד לראות ולהסתכל ומתמה באותו נחש מפני שהיה חבר ומכיר כמו של אותו נחש ואמר תמה אני על מי שהמית את הנחש היה אומר אותו האיש הקוצר אני הרגתיו: (לח) תלה כו'. היה תולה עיניו והגביה פניו למעלה וחמא כו' ראה לאותו עשב נעשה עטרה לראשו והכיר העשב בהוא מגין ומציל כפני ארס הנחש. אמר לאוהו קוצר מן קושטא את קטלית יתיה: (לט) יכול אתה להרים ולהסיר אותו עשב מעל ראשך א"ל אין וכן עשה וכיון שהרימו והסירו א"ל יכול אתה לקרב לכאן ולהרים ולנגוע זה הנחש בזה המטה שהיה בידו: (מ) נשרו. נפלו מפני חוזק ארס הנחש: (מא) מרתיע. לי ניענוע ונדנוד ובפ' קרת גרס מרתית ל' רתתא וכעס עיניו: (מב) ה"ג והוה מרדף ליה מן דין כו' פי' ר' ינאי היה רודף הנחש מצד זה והיה חוזר ובא מצד אחר: (מג) הברה. קול הברה: (מד) הוה יתיב מטייל. פירש"י לעשות צרכיו וכ'

גיטראגין אויף זיין ארט. רבי פינחס האט גיזאגט רבי חנן פון צפורי האט גיזאגט אמענטש
האט אמאהל געשניטען תבואה אין אפעלד וואס גיהער צום דארף בי טרפא. האט ער גיזעהן
אשייגעם גראז האט ער אים גינומען אונ האט געמאכט פון אים אקרוין ארום זיין קאפ. איז
פאר ביי גיגאנגען אשלאנג האט דער מענטש גישלאגין דעם שלאנג אונ האט אים גיהרגת.
איז גיקומען אמכשף אונ האט זיך גישטעלט קוקען אויף דעם שלאנג. אונ ער האט גיזאגט
עס איז מיר אוואונדער ווער האט געקענט הרגנן דעם. שלאנג. האט דער מענטש גיזאגט איך
האב אים גיהרגת. האט דער מכשף אויף גיהויבין דעם קאפ אונ האט גיזעהן דעם גראז וואס
דער מענטש האט אים גימאכט אקרוין ארום זיין קאפ. האט דער מכשף גיזאגט צו דעם
מענטש עס איז אמת אז דו האסט געהרגת דעם שלאנג. האט דער מענטש גיזאגט יא.
האט דער מכשף גיזאגט צו דעם מענטש דו קיינסט אראפ געמען דעם גראז פון דיין קאפ.
האט דער מענטש גיזאגט יא. ווי דער מענטש האט אראפ גינומען דעם גראז פון זיין קאפ.
זאגט דער מכשף צו דעם מענטשן דו קענסט גיין צו דעם ארט אונ אויף הייבין דעם שלאנג
מיט דעם שטעקין. האט דער מענטש גיזאגט יא. ווי דער מענטש איז צו גיגאנגען צו דעם
שלאנג זענען צופאלין זיינע גלידער. רבי ינאי איז אמאהל גיזעסין ביי דעם טויער פון זיין
שטאט אונ האט גילערנט. האט ער גיזעהן ווי אשלאנג ריירט זיך פון זיין ארט אונ קומט
געגין אים. האט רבי ינאי אוועק געיאגט דעם שלאנג פון די זייט. איז ער צוריק גיקומען פון
די אנדערע זייט. האט ער אים אוועק געיאגט פון די אנדערע זייט. איז ער גיקומען פון די
זייט. האט רבי ינאי גיזאגט דער שלאנג גייט געווים טאהן זיין שליחות וואס ער איז געשיקט
גיווארין פון גאט. האט רבי ינאי גילאזט דעם שלאנג גיין זיין וועג אין שטאט אריין. איז באלד
גיווארין אגישריא אין שטאט דער אונ דער מענטש האט אים אשלאנג געביסען אונ ער איז
גישטארבין. רבי אלעזר איז אמאהל גיזעסין אין בית הכבא. איז גיקומען אגוי פון רוים אונ האט
ארויס געטריבען דעם רבי אלעזר פון בית הכבא אונ האט זיך געזעצט אויף זיין ארט. האט

חד (מה) רומאי (מו) ותרכיה (מז) וקדים יתיה ויתיב ליה. אמר (מח) לית דין על מגן. מיד נפק חד חויא ומחא יתיה וקטל יתיה. וקרא עליו (ישעיה מג) ואתן אדם תחתיך. ר' יצחק בר אלעזר הוה קאים (מט) ומטייל על (נ) משוניתא דימא דקיסרין. ראה שם (נא) קולית אחת והוה מצנע לה (נב) והות מתגלגלא. מצנע לה והוה מתגלגלא. אמר זאת מוכנת לעשות שליחותה. עבר חד (נג) בלדר נכשל בה ונפל ומת. אזל (נד) פשפשוניה ואשכחוניה טעין כתבין בישין על יהודאי דקיסרין. טיטוס הרשע נכנס לבית קדש הקדשים והרבו שלופה בידו וגידר את (נה) שתי הפרוכת ונטל ב' זונות ובעלן (נו) על גבי המזבח. ויצאת חרבו מלאה דם. אית דאמרי (נז) מדם הקדשים. וא"ד מדם שעיר של יה"כ. והירף וגידף ונטל כל כלי בהמ"ק ועשאן כמין (נח) גרגותני אחת. והתחיל מחרף ומגדף (נט) כלפי מעלה. ואמר (ס) לא דמי ההוא דעביד קרבא עם מלכא במדברא ונצח ליה. לההוא דעביד קרבא עם מלכא בגו פלטין דידיה ונצח ליה. ירד לספינה כיון שירד (סא) מחאיה נחשלא בימא אמר (סב) דומה זה שאין

## מתנות כהונה

ול' נקי דבר: (מה) רומאי. גוי א' מן רומי. (מו) ותרכיה. וגירשו: (מז) שהקדימו. וקדים יתיה ויתב לו: (מח) לית דין כו'. אין זה בהגם בא לידי שילערני כ"כ מיד יצא נחש א' ויהכה אותו והמיתו: (מט) ומטייל. כמשמעות: (נ) משוניתא. חוף היה: (נא) קולית. עצם של רגל מן המת: (נב) והוה מתגלגלא. כל עוד שהיה מצניע אותה היתה חוזרת ומתגלגלת באמצע הדרך: (נג) בלדר. פי' הערוך שר הבוב מהלך המלך: (נד) פשפשוניה כו'. חפשיהו בבגדיו וכלי תשמישו ומצאו אגלו שהיה נושא כתבים רעים על היהודים מעיר קסרין: (נה) שתי פרוכות. פשוו באמה שהיה ספק אמצם אם היה מן קדש או מן קדשי קדשים וקראו חז"ל אמה טרקסין: (נו) על גבי המזבח. ובילקוט קבלת גרס על ספר תורה: (נז) מדם הקדשים. נתלכלך הפרוכת ונגע בחרבו: (נח) גרגותני. סל: (נט) כלפי מעלה. שאמר שהרג את עצמו: (ס) לא דמי כו'. אינו דומה מי שעושה מלחמה עם המלך במדבר ומנצח אותו כו': (סא) כ"ג מחאיה נחשלא בימא. פי' הכהו נחשול בים: (סב) דומה זה. כלפי מעלה אמר כן נדמה בעיני

---

רבי אלעזר גיזאגט דאס איז ניט אומזיסט. איז ארויס גיגאנגען אשלאנג פון בית הכסא אונ האט גישלאגין דעם גוי אונ האט אים גיהרגת. האט רבי אלעזר גילייענט דעם פסוק ואתן אדם תחתיך. איך וועל געבין אגוי פון אדום וואס ער וועט גיהרגת ווערין פון דיינעטוועגין. רבי יצחק בר אלעזר איז אמאהל גיגאנגען ביי דעם פארט פון דעם ים וואס איז ביי קיסרין. הט ער דארט גיזעהן ליגען אביין פון אפוס פון אגישטארבענעם מענטש. הט רבי יצחק דעם ביין בעהאלטין אין די ערד. אונ דער ביין איז ארויס פון דער ערד אונ הט זיך גיקויילערט אויף די ערד. האט רבי יצחק דעם ביין נאך אמאהל בעהאלטין אין די ערד. אונ ער איז ארויס פון דער ערד אונ האט זיך גיקוילערט אויף די ערד. האט רבי יצחק גיזאגט דער ביין איז געווים אנגיברייט גיווארין צו טאהן די שליחות וואס גאט האט אים געשיקט. דער ווייל איז דורך געגאנגען אשר פון מלך אונ האט זיך אנגישטויסין אן דעם ביין אונ איז גיפאלין אונ גישטארבין. איז גיגאנגען רבי יצחק זוכען אין די קליידער פון דעם שר הט ער גיפונען דער שר טראגט פאפירען וואס אויף זיי איז געשריבען שלעכטע גזרות אויף די יודין פון די שטאט קסרין: טיטוס. דער רשע טיטוס איז אריין גיגאנגען אין קדשי קדשים אונ האט גיהאלטין דעם בלויזין שווערד אין האנט אונ ער הט גישטאכין די ביידע פרוכתין. אונ ער הט גינומען צוויי זונות אונ הט מיט זיי מזנה גיוועזן אויף דעם מזבח. אונ ער האט ארויס גינומען דעם שווערד פון די פרוכתין פול מיט בלוט. אנדערע זאגין די פרוכתין זענען גיוועזן איינגעריכט פון די בלוט פון קרבנות. דריבער איז דער שווערד איין געשמירט גיווארין מיט בלוט פון די פרוכתין. אנדערע זאגין די פרוכתין זענען גיוועזן איינגעריכט פון די בלוט פון (דעם פר) אונ דעם שעיר פון יום כפור. דריבער איז דער שווערד אויך איינגעשמירט גיווארין מיט בלוט פון די פרוכתין. הט טיטוס גילעסטערט גאט. אונ טיטוס האט גינומען אלע כלים פון בית המקדש. אונ פון די צוויי פרוכתין האט ער גימאכט אזוי ווי אזאק אונ האט אריין געלייגט די כלים אין דעם זאק. אונ האט גילעסטערט גאט אונ האט גיזאגט עס איז ניט גלייך איינער מאכט אמלחמה מיט אמלך אין אוויסטען ארט אונ ער נעמט איין דעם מלך. צו דעם וואס מאכט אמלחמה מיט אמלך ביי דעם מלך אין פאלאסט אונ ער נעמט אים איין. דער

שאין כחו של אלוה של אומה זו אלא במים. דור אנוש לא פרע מהן אלא במים. דור המבול לא פרע מהן אלא במים. פרעה וכל חילו לא פרע מהן אלא במים. אף אני כשהייתי בתוך ביתו וברשותו לא היה יכול לעמוד בי ועכשיו (סג) לכאן קדמני. סבור הוא שיהרגני במים. א״ל הקב״ה רשע חייך מבריה שהיא פחותה מכל הבריות שבראתי מששת ימי בראשית. בה אני נפרע מאותו רשע. מיד רמז הקב״ה לשר של ים ועמד מזעפו. כיון שהגיע לרומי יצאו כל גדולי רומי לקראתו וקילסו אותו. כיון שעלה לרומי נכנס למרחץ. כיון שיצא הביאו (סד) פיילי פוטירין של יין לשתותו ונכנס יתוש בתוך חוטמו והיה נוקר את מוחו והולך. עד שנעשה גדול כמו גוזל של ב׳ ליטראות. והיה מצווה ואומר פצעו מוחו של אותו האיש ודעו במה אלהיהם של יהודים נפרע מאותו האיש. מיד קראו לרופאים ופצעו מוחו. והוציאו כגוזל של שתי ליטראות. א״ר אלעזר בר ר׳ יוסי (סה) אנא חמיתיה ברומי תרתין ליטרא מהכא וגוזלא מהכא והקיל הד לקביל הד. ונטלו אותו ונתנו אותו בתוך קערה אחת. כל מה דהוה הדין (סו) שני. הוה הדין שני. פרח יתושא פרחה נפשיה דטיטוס: (ט) ויכל אלהים ביום השביעי וגו׳. א״ר חנינא משכני

## מתנות כהונה

בעיני שאין כח׳ : (סג) לכאן קדמני . לכאן קדם אותי : והיו מניחין שתי ליטרות בכף מאזנים מזה וכנגדן בכף (סד) פיילי פוטירין . כוס של משקין בשותין אחר המרחץ : מאזנים מזה והיו שוקלין כזה זה כנגד זה : (סו) שני . חי ור״ל (סה) אנא חמיתיה כו׳ . אני ראיתי אותו גוזל ברומי זוגה

---

נאך איז טיטוס אריין גיגאנגען אין אשיף. ווי די שיף איז גיקומען אויף דעם ים האט אוואל וואסער פון ים גישלאגין דעם טיטוס. האט טיטוס גיזאגט מיר דוכט אז דער כח פון דעם גאט פון די יודישע פאלק איז נאר מיט וואסער. דעם דור אנוש האט ער גישטראפט מיט וואסער. דעם דור המבול האט ער גישטראפט מיט וואסער. פרעה מיט זיין חיל האט ער גישטראפט מיט וואסער. ווען איך בין גיוועזן אין זיין שטוב (אין בית המקדש) האט ער נים גיקענט בשטיין געגין מיר. איצט אז איך בין גיקומען אויף דעם וואסער. איז ער מיר גיקומען אנטקעגען אונ ער מיינט מיך צו הרגנן מיט דעם וואסער. הט גאט גיזאגט צו טיטוס דו רשע איך שווער ביי דיין לעבין אז מיט אבשעפעניש וואס זיא איז די קלענסטע פון אלע בשעפעניש וואס איך האב בשאפין אין די ערשטע זעקס טעג. מיט די בשעפעניש וועל איך דיך שטראפין. האט באלד גאט אוונק גיטאהן צום שר פון ים איז דער ים געבליבען שטיל פון זיין צארין. ווי טיטוס איז גיקומען אין רוים זענען אלע גרויסע לייט פון רוים ארויס גיגאנגען געגען אים אונ מען האט אים גילויבט. ווי טיטוס איז גיקומען אין שטאט איז ער גיגאנגען אין באד. ווי ער איז ארויס גיגאנגען פון באד האט מען פאר אים גיבריינגט אגרויסין כוס וויין צו טרינקען. איז אריין גיגאנגען איין יתוש (אקליין פליעגעלע) אין זיין נאז אונ ער הט אים גילעכערט די הויט פון זיין מוח ביז ער איז אריין גיגאנגען אין מוח. אונ אין מוח איז ער גיווארין גרויס אזוי ווי אטאהב פון צווי פונט. הט טיטוס גיהייסין מען זאל אויף שפאלטין זיין מוח אונ מען זאל זעהן מיט וואס דער יודישער גאט הט אים גישטראפט. האט מען באלד גירופין דאקטורים אונ זיי האבין אויף גישפאלטין זיין מוח אונ האבין ארויס גינומען אזוי ווי אטאהב פון צוויי פונט. רבי אלעזר בר רבי יוסי זאגט איך האב גיזעהן דעם יתוש אין רוים איז גילעגין צוויי פונט אין איין וואג שאל אונ אין אנדערין וואג שאל איז גילעגין די טאהב. אונ עם האט געוואגין איינם געגין דאס אנדערע. פונקט צוויי פונט. אונ מען הט גינומען דעם יתוש מען האט אים אריין גילייגט אין אשיכול. אזוי ווי דער יתוש איז אלע מאהל גיענדערט (קלענער) גיווארין. אזוי איז טיטוס אויך גיענדערט גיווארין. ביז דער יתוש איז גאר קליין גיווארין אזוי ווי ער איז פריער גיוועזן אונ איז אוועק גיפלויגין. אזוי איז די נשמה פון טיטוס אויך אוועק גיפלויגין אונ ער איז געשטארבין: (ט) (ויכל). גאט האט גיענדיגט דעם זיבעטין טאג זיין גאנצע ארבעט. רבי חנינא האט גיזאגט רבי ישמעאל ברבי יוסי הט מיך אמאהל געפירט

משכני רבי ישמעאל ב"ר יוסי אצל פונדק אחר וא"ל כאן התפלל אבא של שבת בע"ש. ר' ירמיה ור' אחא אמרי ר' יוחנן מקשי. כאן התפלל אבא של שבת בע"ש. אתמהא. (סז) ולא צריך מקשי. דהא חמריא הוו סלקין מן ערב לצפורין. והיו אמרין (סח) כבר שבת ר"ח בן דוסא בעירו. (סט) ואי בעית מקשיא. על הדא קשיא. דאמר ר' הנינא משכני רבי ישמעאל בר' יוסי אצל פונדק אחד. וא"ל כאן התפלל אבא (ע) של אהר שבת בשבת. א"ר אסא אף על דא לא הוי צריך למקשיא. דהא ר' יהוה יתיב ודרש והוה אמר לאבא יודן (עא) אמוריה (עב) אכרוז קומי דצבורא יצלון דחולא עד יומא קאים: (י) ר' שאליה לר' ישמעאל ב"ר יוסי א"ל שמעת מאביך מהו ויכל אלהים ביום השביעי. (עג) אתמהא. אלא כזה שהוא מכה בקורנוס ע"ג הסדן הגביהה מבעוד יום (עד) והורידה משתחשך. אמר. רשב"י ב"ו שאינו יודע לא עתיו. ולא רגעיו. ולא שעותיו. הוא מוסיף מחול על הקדש. אבל הקב"ה שהוא יודע רגעיו ועתיו

## מתנות כהונה

בינה ומהליף כח: (סז) לא צריך מקשי. לא היה צריך להקשות כי אינו קושיא דהא מוליכי חמורים היו עולים מעיר ערב לעיר צפורי. או ר"ל מן ערב כלומר בע"ש קודם הכנסת שבת: (סח) כבר שבת. קבל שבת והתפלל א"כ ע"מ דר' חנינא ג"כ עשה כן ואין לתמוה על רבי יוסי: (סט) ואי בעית כו'. ואם הרצה להקשות על דבר זה יש להקשות וכו': (ע) של אחר שבת. תפלת מוצאי שבת: (עא) אמוריה. שהיה עומד עליו להשמיע הדרשה לרבים: (עב) אכרוז כו'. הכרז לפני הצבור שיתפללו בעוד שהיום עומד ערבית של מוצ"ש. ושבת היה שבשבת היו דורשין בבה"כ לרבים: (עג) אתמהא ויכל כו'. וכי בשבת היה עושה מלאכה וכתיב וישבות ביום השביעי. (עד) הורידה

אין אַנאַסט הויז און ער האָט געזאָגט צו מיר דאָ אין די שטוב האָט אַמאָהל מיין פּאָטער געדאַווענט מעריב פון שבת אום ערב שבת. רבי ירמיה און רבי אחא האָבען געזאָגט רבי יוחנן האָט געפרעגט דאָ האָט רבי יוסי געדאַווענט מעריב פון שבת אום ערב שבת, עס איז אַוואונדער. זאָגט דער מדרש רבי יוחנן האָט ניט געדאַרפט פרעגן. וואָרום די אייזיל טרייבער וואָס פלעגן קומען ערב שבת פון די שטאָט ערב אין די שטאָט צפורי פלעגן דערציילן אַז אייהער זיי זענען אַרויס געגאַנגען פון די שטאָט ערב האָט שוין רבי חנינא בן דוסא לאַנג געמאַכט שבת אין זיין שטאָט. זעהן מיר דאָך אַז רבי חנינא האָט אויך געדאַווענט מעריב פון שבת אום ערב שבת. האָט רבי יוסי אויך אַזוי געטאָהן. נאָר אויב דו ווילסט פרעגן אויף די זאַך פרעג אַזוי. וואָרום רבי חנינא האָט געזאָגט רבי ישמעאל בר' רבי יוסי האָט מיך געפירט אין אַנאַסט הויז. און ער האָט געזאָגט צו מיר דאָ האָט מיין פּאָטער געדאַווענט מעריב פון מוצאי שבת אום שבת. האָט רבי יוסי געזאָגט אויף דעם דאַרף מען אויך ניט צו פרעגן. וואָרום רבי איז געזעסן און האָט גידרשה'ט. האָט רבי געזאָגט צו זיין אמורא אבא יודן רוף אויס פאַר די מענטשין וואָס זענען דאָ אין שוהל זיי זאָלין דאַווענען דאָס וואָכעדיגע דאַווענען פון מוצאי שבת ווען די זוהן פון שבת שטייט נאָך: (י) רבי האָט געפרעגט ביי רבי ישמעאל בר' רבי יוסי דו האָסט געהערט פון דיין פּאָטער וואָס מיינט דער פסוק נאָט האָט געענדיגט זיין אַרבעט דעם זיבעטין טאָג. עס איז אַוואונדער. האָט דען גאָט געאַרבעט דעם זיבעטין טאָג אום שבת. נאָר אַזוי ווי איינער וואָס קלאַפּט מיט אַהאַמער אויף דעם קלאָץ. האָט ער אויף געהויבן די האַנט מיט דעם האַמער אין דער הייך אייהער עס איז נאָך געווען שבת און ער האָט צוראָפּ גילאָזין די האַנט פונקט ווען עס האָט אָנגיהויבין צו ווערין שבת. זעהט אויס ווי ער האָט געאַרבעט אום שבת. וואָרום פון אויף הייבין די האַנט ביז אַראָפּ לאָזין די האַנט דאָערט דאָך ניט לאַנג. און דער ווייל איז געוואָרין שבת. האָט אויס געזעהן אַז דאָס אויף הייבין די האַנט איז אויך געווען אום שבת. אַזוי איז געווען ביי די הימעל און ערד זיי האָבין זיך גיצויגין ביז צו דער לעצטער רגע וואָס האָט אָנגיהויבין צו ווערין שבת האָט אויסגיזעהן אַזוי ווי גאָט האָט געאַרבעט אום שבת. רבי שמעון בן יוחאי זאָגט אַמענטש ווייל ער ווייס ניט די צייט און די רגע ווען עס טיילט זיך אָפּ דער טאָג פון די נאַכט. דריבער מוז ער אַוועק לייגין זיין אַרבעט פרייטאָג פאַרין נאַכט ווען עס איז נאָך טאָג און ער נעמט צו פון דער וואָכין צום שבת. אָבער גאָט וואָס ער ווייס די צייט און די רגע ווען

ועתיו ושעותיו. נכנס בו כחוט השערה. גניבא ורבנן. גניבא אמר משל למלך שעשה לו חופה (עה) וציירה וכיירה. ומה היתה חסרה. כלה שתכנס לתוכה. כך (עו) מה היה העולם חסר. שבת. רבנן אמרי משל למלך שעשו לו טבעת מה היתה חסירה. חותם. כך מה היה העולם חסר שבת. וזה אחד מן הדברים ששינו לתלמי המלך. ויכל אלהים ביום הששי וישבות בשביעי: (יא) תלמי המלך שאל את הזקנים ברומי בכמה ימים ברא הקב"ה עולמו. א"ל לששה ימים. א"ל ומאותה שעה גיהנם ניסוקת לרשעים אוי לעולם מדיניו: (יב) מלאכתו לא כן א"ר ברכיה בשם ר' סימון לא (עז) בעמל ולא ביגיעה ברא הקב"ה את עולמו. ואת אומר מכל מלאכתו. אתמהא. אלא להפרע מן הרשעים שהן מאבדים את העולם שנברא כולו בעמל וביגיעה. וליתן שכר טוב לצדיקים שהן מקיימין את העולם שנברא כולו בעמל וביגיעה. (עח) ומה נברא בו לאחר ששבת. (עט) שאנן. ונחת. שלוה. והשקט. ר' לוי בשם ר' יוסי ב"ר

נהוראי

## מתנות כהונה

ס'. אבל רש"י ז"ל גרס וסדרה משמתשך. פי' כתויר ידו מן המלאכה משתתשך (עה) וליירה. ליורים בקורה ובכותלים: (עו) מה היה העולם חסר. שבת פירש"י שהעולם היה חסר מנוחה וכאשר בא שבת כרי בא גם כן מנוחה ונגמרה המלאכה כלי תקרון ופירושו ויכל אלהים ביום השביעי מלאכתו: (עז) בעמל כו'. כלומר שהכתיב על שמי לשון מלאכה על דרך שאמרו בעשרה מאמרות נברא העולם כו': (עח) ומה נברא בו. בשבת מאחר ששבת מכל מלאכתו: (עט) שאנן כו'. כמ"ש חז"ל מה היה העולם חסר

---

עס ווערט שבת האט ער אוועק געלייגט די ארבעט פונקט צו די רגע וואס ער איז געווארן שבת. האט אויס געזעהן אזוי ווי ער האט געארבעט אום שבת. גניבא און די רבנן קריגען: גניבא זאגט למשל א מלך האט געמאכט א חופה ער האט איר אויסגעקאלכט און אויסגעמאלט. וואס פעלט נאך. די כלה זאל אריין גיין אונטער די חופה. אזוי איז געוועזן ביי גאט. ער האט בעשאפען די וועלט זייער שיין. וואס האט געפעלט דער טאג שבת. ווען דער טאג שבת איז געקומען איז געענדיגט געווארן די ארבעט. און אזוי מיינט דער פסוק ויכל אלהים ביום השביעי מלאכתו אשר עשה. מיט דעם זיבעטען טאג האט גאט געענדיגט זיין ארבעט וואס ער האט געמאכט. די רבנן זאגען למשל א מלך האט געמאכט א פינגעריל. פעלט נאך מען זאל מאכען א חתימה אויף דעם פינגעריל. אויף דער חתימה זאל שטיין דער נאמען פון מלך מען זאל וויסען וועמעס פינגעריל דאס איז. אזוי איז געוועזן ביי גאט. ער האט בשאפען די וועלט. פעלט נאך א חתימה אלע זאלין וויסען אז גאט האט זיא בעשאפען און די וועלט געהער צו אים. דריבער האט גאט געגעבען דעם שבת. דער שבת זאגט עדות אז גאט האט בעשאפען די וועלט. און אזוי מיינט דער פסוק ויכל אלהים ביום השביעי מלאכתו אשר עשה. דער זיבעטער טאג זאגט עדות אז גאט האט געענדיגט זיין ארבעט וואס ער האט געמאכט. און ניט קיין אנדערער. און דער פסוק איז איינער פון די פסוקים וואס מען האט געענדערט פאר דעם מלך תלמי. ויכל אלהים ביום הששי וישבות ביום השביעי. גאט האט געענדיגט זיין ארבעט דעם זעקסטען טאג און ער האט גירוהט דעם זיבעטען טאג: (יא) תלמי. דער מלך תלמי האט געפרעגט ביי די אלטע יודין אין רוים. אין ווי פיל טעג האט גאט בשאפין די וועלט. האבין זיי געזאגט אין זעקס טעג. הט תלמי געזאגט פון דער צייט ביז היינט ברענט דער גיהנם פאר די רשעים. וויי צו דער וועלט פון אזוי א משפט: (יב) (מלאכתו). גאט הט געענדיגט זיין ארבעט. פרעגט דער מדרש רבי ברכיה האט געזאגט פון רבי סימון ס וועגין ניט מיט מאטערנעש און ניט מיט שוועריקייט הט גאט בשאפין די וועלט. און דו זאגסט ער האט גירוהט פון זיין ארבעט. אוואנדער. נאר דריבער האט גאט געשריבען אויף זיך ער הט געארבעט. ער זאל אפגיצאהלט ווערין פון די רשעים וואס זיי פארליערען א וועלט וואס איז בשאפין געווארין מיט ארבעט און מיט מאטערנעש. און מען זאל געבין א גוטען שכר צו די צדיקים וואס זיי האלטין אויף די וועלט וואס זיא איז בשאפין געווארין מיט ארבעט און מיט מאטערנעש. וואס איז בשאפין געווארין אויף דער וועלט דער נאך ווי גאט הט גירוהט. שטילקייט.

פערגעניגען

נהוראי כ״ז שהיו ידי קוניהם ממשמשין בהם היו מותחים והולכין. כיון שנחו ידי קוניהם מהן. ניתן להם נחה. וינח לעולמו ביום השביעי: (יג) א״ר אבא ב״ו בשעה שהוא עושה (פ) אסטאטיבה אינו נותן (פא) דונטיבה. ובשעה שהוא נותן דונטיבה. אינו עושה אסטאטיבה. אבל הקב״ה עשה אסטאטיבה ונתן דונטיבה וישבות ויברך:

**פרשה יא** (א) ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש אותו. כתיב (משלי י) ברכת ה׳ היא תעשיר ולא יוסיף עצב עמה. ברכת ה׳ היא תעשיר זו השבת:

שנא׳ ויברך אלהים את יום השביעי. ולא יוסיף עצב עמה (א) זה האבל. המד״א (שמואל ב׳ יט) נעצב המלך על בנו: (ב) ויברך אלהים את יום השביעי וגו׳. ר׳ ישמעאל אומר ברכו במן וקדשו במן. ברכו במן שכל ימות השבת היה יורד עומר ובע״ש שני עומרים. וקדשו במן שלא ירד בו כל עיקר. ר׳ נתן אומר ברכו במן, וקדשו (ב) בברכה (ג). ר׳ יצחק אמר ברכו במן. קדשו (ד) במקושש. וברכו בעטיפה. רב הונא אמר צריך (ה) להחליף. ר׳ חייא בשם ר׳ יוחנן אמר צריך לערב

## מתנות כהונה

חסר מנוחה באת שבת באת מנוחה: (פ) אסטאטיבה. גזר מנוחה על עבדיו: (פא) דונטיבה. מתנה ויברך פירושו לשון מתנה כל״א קח את ברכתי: (א) זה האבל. שאין אבילות של פרסום נוהג בו: (ב) בברכה. שצריך לברך עליו ברוך אתה יי׳ מקדש השבת: (ג) ס״א בילקוט אמר רבי יצחק ברכו בעטיפה וקדשו במקושש: (ד) במקושש. שנתקדש שם שמים ע״י שנסקל על שחללו: (ה) להחליף. כל בגדיו מבגדי חול

---

פערגעניגען. פרייד. רוהיגקייט. רבי לוי האט גיזאגט פון רבי יוסי ברבי נהוראי ס ווענין אזוי לאנג ווי די הענט פון גאט האבין זיך באשעפטיגט מיט די הימעל אונ ערד. האבין זיך די הימעל אונ ערד ניצויגין אלע מאהל ווייטער. ווי די הענט פון גאט האבין גירוהט פון זיי האבין זיי אויך גירוהט. אונ גאט הט גימאכט רוהען די וועלט ווייא זאל זיך ניט פאר גרעסערן דעם זיבעטין טאג: (יג) רבי אבא זאגט ביי אמענטש (א מלך) איז דערשטייגער ווען ער הייסט די קנעכט זיינע זיי זאלין רוהען (זיי גייען ניט אין מלחמה) גיט ער זיי ניט קיין מתנות. אונ ווען ער גיט זיי מתנות (זיי גייען אין א מלחמה) זאגט ער ניט זיי זאלין רוהען. אבער גאט האט גיהייסין די מענטשין זאלין רוהען אונ ער גיט זיי מתנות אויך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וישבות ויברך. ער האט גיהייסין רוהען אונ גיבעטשט אויך:

**פרשה יא** (א) ויברך. גאט הט גיבענטשט דעם זיבעטין טאג אונ הט אים געהייליגט. שלמה המלך הט געזאגט די ברכה פון גאט זיא מאכט רייך אונ מיט איר ווערט ניט גימערט קיין טרויעריקייט. די ברכה פון גאט זיא מאכט רייך דאס מיינט מען שבת. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גיבענטשט דעם זיבעטין טאג. אונ מיט איר ווערט ניט גימערט קיין טרויעריקייט. דאס מיינט מען-דער אבל זאל ניט טרויערין אום שבת. אבלות ווערט גירופין טרויעריקייט אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער מלך דוד הט גיטרויערט אויף זיין זוהן אבשלום ווען ער איז גיהרגת גיווארין: (ב) ויברך. גאט הט גיבענטשט דעם זיבעטין טאג. רבי ישמעאל זאגט ער הט אים גיבענטשט מיט דעם מן אונ ער הט אים געהייליגט מיט דעם מן. ער האט אים גיבענטשט מיט דעם מן אגאנצע וואך איז גיגאנגען איין מעסטיל מן פאר אמענטש. ערב שבת איז גיגאנגען צוויי מעסטליך מן פאר אמענטש. אונ ער האט גיהייליגט דעם שבת מיט דעם מן אז אום שבת איז דער מן גאר ניט גיגאנגען. רבי נתן זאגט ער הט גיבענטשט דעם שבת מיט דעם מן. אונ הט אים גיהייליגט מיט אברכה. מען זאל זאגין מקדש השבת. רבי יצחק זאגט ער האט גיבענטשט דעם שבת מיט דעם מן. אונ ער האט אים גיהייליגט דורך דעם מקושש וואס מען האט אים גיהרגת ווייל ער האט מחלל שבת גיוועזן. איז דער שבת גיהייליגט גיווארין (סוף סדרה שלח לך). אונ ער האט גיבענטשט דעם שבת מען זאל גיין שבת שיינע קליידער. רב הונא זאגט אלע קליידער דארף מען טאהשין אויף שבת. רבי חייא זאגט פון רבי יוחנן ס ווענין אויב ער האט ניט אלע קליידער אויסצוטאהשין איז גענוג

מען

(ו) לערב. אבין בר חסדאי אמר צריך לשלשל. ר' ירמיה ור' זעירא הוון (ז) מהלכין כחדא. (ח) ואסתלקת (ט) גולתיה דר"י ושילשלה ר' זעירא. הדא אמרה צריך לשלשל. ר' אלעזר אומר ברכו בנר. ובי היה המעשה פעם אחת הדלקתי את הנר בלילי שבת ובאתי ומצאתי אותו במ"ש דלוק ולא חסר כלום. ברכו באור פניו של אדם. קדשו באור פניו של אדם. לא דומה אור פניו של אדם כל ימות השבת. כמו שהוא דומה בשבת. ברכו במאורות. ר"ש בר"י איש כפר עכו אומר משום ר"ש אע"פ (י) שנתקללו המאורות מע"ש. אבל לא לקו עד מ"ש. אתיא כרבנן ולא אתיא כר' אמי. דא"ר אמי אדה"ר לא לן כבודו עמו. מה טעם (תהלים מט) ואדם ביקר בל ילין נמשל כבהמות נדמו. ורבנן אמרי לן כבודו עמו. ובמ"ש ניטל ממנו זיוו וטרדו מגן עדן. הה"ד (איוב יד) משנה פניו ותשלחהו. כיון ששקע החמה בלילי שבת. בקש הקב"ה לגנוז את האורה. וחלק כבוד לשבת. הה"ד ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש אותו.

ברכו

## מתנות כהונה

חול לבגדי שבת: (ו) לערב. בגד אחד של שבת עם בגדי חול ודי בזה. או רצה לומר אם אין לו להחליף כולם אז די לו כשיערב אחד וכן אמר טוב גבי שלשול שאם אין לו להחליף כלל די לו שיתיר הגורו שמשלשלים דרך מטה שלא כדרך החול שחוגר אותם למעלה כדי להקל פעמיו: (ז) מהלכין כחדא. הולכין ביחד: (ח) ואסתלקת. היה מקושר ומסולק למעלה בחגורתו והתיר רבי זעירא החגורה כדי שיפלו וישלשלו למטה ובע"ש סמוך להשיכה היה או בשבת עצמה: (ט) גולתיה. טליתו: (י) שנתקלקלו. ומצאתי בגיר' שנתקלקלו המאורות אור הראשון הבדיל הקב"ה לעתיד מפני שלא היו כדאי הרשעים וגזירה זו נגזרה בע"ש כשחטא אדם ואע"פ שנתלו המאורות ביום ד' לא נגנז אור הראשון עד מוצאי

---

מען זאל אויסמישען איין קלייד אאומגיטאשטע מיט די איבעריגע וואכעדיגע קליידער. אבין בר חסדאי זאגט אויב ער הט גאר ניט אום צו טאהשין זאל ער אראפ ציהען די וואכעדיגע קליידער זיי זאלין אוים זעהן ליינגער. צו ווייזין אז שבת וועט ער ניט טאהן קיין ארבעט. ווארום אז אמענטש וויל טאהן אארבעט מאכט ער קירצער די קליידער אונ ביינגט זיי ארויף. רבי ירמיה אונ רבי זעירא זענען גיגאנגען צו זאמען ערב שבת פארין נאכט איז די קלייד פון רבי ירמיה גיוועזן אויף גיהויבין. איינגיבויגין אונטער דעם גארטיל. האט רבי זעירא אראפ גיצויגין די קלייד פון רבי ירמיה. פון דאגען ווייסין מיר אז אויף שבת דארף מען אראפ ציהען די קליידער זיי זאלין זיין ליינגער: (ב) רבי אלעזר זאגט גאט האט גיבענטשט דעם שבת עס זאל גיטאהן ווערין אין אים נסים ביי די ליכט. אונ ביי מיר הט די זאך גיטראפין. אמאהל האב איך אן גיצונדען אליכט ערב שבת פארין נאכט. בין איך גיקומען מוצאי שבת אונ האב גיטראפין די ליכט ברענט נאך. אונ פון די ליכט איז גאר ניט גיוועזן אפגיברענט. גאט האט גיבענטשט דעם שבת מיט די ליכטיגקייט פון דעם מענטשינס פנים. אונ ער האט גיהייליגט דעם שבת מיט די ליכטיגקייט פון דעם מענטשינס פנים. עס איז ניט גלייך די ליכטיגקייט פון דעם מענטשינס פנים אגאנצע וואך צו די ליכטיגקייט פון זיין פנים אום שבת. דער פנים פון דעם יודין אום שבת זעהט אויס ליכטיגער אונ הייליגער פון אגאנצע וואך. גאט האט גיבענטשט דעם שבת מיט די בעלייכטונגען. די זוהן אונ די לבנה זעהן אויס שבת ליכטיגער ווי אגאנצע וואך. רבי שמעון בן יהודה פון דארף עכו הט גיזאגט פון רבי שמעון ם וועגין אפילו עס איז שוין גיוועזן אגזרה פון גאט ערב שבת (באלד ווי אדם הראשון האט געזינדיגט) אז די ליכטיגקייט פון די זוהן מיט די לבנה זאלין טינקעלער ווערין. פון דעסטוועגין זענען זיי ניט טינקעלער גיווארין ביז מוצאי שבת. דאס איז אזוי ווי די רבנן ניט ווי רבי אמי. ווארום רבי אמי האט גיזאגט דער כבוד פון גאט האט ניט גינעכטיגט מיט אדם הראשון איין נאכט אויך ניט. ווארום די זוהן אונ די לבנה זענען באלד פרייטאג טינקעלער גיווארין). אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אדם האט ניט גינעכטיגט מיט די טייערקייט ווייל ער איז געגליכען גיווארין צו אבהמה. מיט דעם עץ הדעת וואס ער האט געזינדיגט. אונ די רבנן זאגין זיין כבוד האט יא גינעכטיגט מיט אים שבת ביי נאכט. אונ מוצאי שבת איז פון אים צו גינומען גיווארין זיין שיינקייט אונ מען האט אים ארויס געטריבען פון גן עדן. אזוי ווי

עם

ברכו באורה. כיון ששקעה החמה בלילי שבת התחילה האורה והיתה משמשת. התחילו הכל מקלסין. הה"ד (שם לז) תחת כל השמים ישרהו ואורו על כנפות הארץ. מפני מה. ואורו על כנפות הארץ. א"ר יהודה ב"ר סימון אור שברא הקב"ה ביום הראשון אדם צופה ומביט בו מסוף העולם ועד סופו. כיון שהסתכל הקב"ה באנשי דור המבול ובאנשי דור הפלגה שמעשיהן מקולקלין עמד וגנזה והתקינה לצדיקים לע"ל. ומנין שגנזה. שנא' (שם לח) וימנע מרשעים אורם וגו'. ומנין שהתקינה לצדיקים לע"ל. שנא' (משלי ד) ואורח צדיקים כאור נוגה הולך ואור עד נכון היום. ר' לוי בשם ר' זעירא אמר (יח) ל"ו שעות שימשה אותה האורה. י"ב של ע"ש. וי"ב של לילי שבת. וי"ב של שבת. כיון ששקעה החמה במצ"ש. התחיל החשך ממשמש ובא ונתיירא אדה"ר. שנא' (תהלים קלט) ואומר (יב) אך חשך ישופני ולילה אור בעדני. אותו שכתוב בו הוא ישופך ראש ואתה תשופנו עקב בא להזדווג לי. מה עשה הקב"ה זימן לו (יג) שני רעפים והקישן זה לזה ויצא מהן אור ובירך עליה. הה"ד

## מתנות כהונה

בת וכדמפרש ואזיל: (יח) ל"ו שעות כו'. שלא חשב אלא היום שנברא בו אדם הראשון שמשה בו לפנים מן השורה: (יב) כ"ג אף חשך ישופני. אותו שכתוב בו כו' ואתה תשופנו זה הנחש ילך הרע סמאל שמחשיך עיניהם של הבריות: (יג) שני רעפים וכו'. בשוחר טוב איתא שני אבנים אחד של אופל ואחד של צלמות שנא' קץ שם לחושך אבן

עס שטייט אין פסוק משנה פניו ותשלחהו. דאס ווארט משנה מאכט. מוצאי שבת ניטל הודו. (מוצאי שבת איז צו גינומען געווארין פון אים זיין שיינקייט. אונ מען הט אים אוועק געשיקט פון גן עדן). ווי די זוהן איז אונטער גינאנגען שבת ביי נאכט. האט זאט גיוואלט בעהאלטין די ליכטיגקייט. נאר ער הט גיגעבין כבוד צו שבת. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק נאט הט גיבענטשט דעם זיבעטין טאג אונ ער האט אים גיהייליגט. ער האט אים גיבענטשט מיט די ליכטיגקייט. אנהייב אבענד פון שבת ווי די זוהן הט גידארפט אונטער גיין. הט די ליכטיגקייט איבערניים אן גיהויבין צו לייכטין אונ זי האט גילויכטין די גאנצע נאכט שבת אונ דעם גאנצין טאג שבת. האבין אלע בשעפעניש אנגיהויבין צו לויבין גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק תחת כל השמים ישרוהו (אלע בשעפעניש וואס אונטער דעם הימעל האבין גיזונגען. ווייל) ואורו על כנפות הארץ (די ליכטיגקייט איז גיוועזן אויף אלע עקין וועלט). אמר. רבי יהודה ברבי סימון הט גיזאגט די ליכטיגקייט וואס גאט הט בשאפין דעם ערשטין טאג ווען דאמאלס וואלט גיוועזן א מענטש וואלט ער גיקענט קוקען דורך די ליכטיגקייט פון איין עק וועלט ביז צום אנדערין עק וועלט. ווי גאט האט גיזעהן די מענטשין פון מבול אונ די מענטשין פון דור הפלגה אז זיי וועלין זינדיגען. האט ער בעהאלטין די ליכטיגקייט צו די צדיקים ווען משיח וועט קימען. פון וואנען ווייסין מיר אז גאט האט בעהאלטין די ליכטיגקייט. ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט פאר מיטען פון די רשעים זייער ליכטיגקייט. אונ פון וואנען ווייסין מיר אז גאט האט אנגיבריים די ליכטיגקייט צו די צדיקים ווען משיח וועט קומען. ווארום עס שטייט אין פסוק די וועג פון די צדיקים וועט שיינען ווי די ליכטיגקייט. די ליכטיגקייט וועט גיין אלע מאהל ליכטיגער ביז עס וועט אנגיבריים ווערין דער טאג (פון משיח): רבי לוי זאגט פון רבי זעירא ס ווענין ווען אדם הראשון איז בשאפין גיווארין איז גיוועזן ליכטיג זעקס אונ דרייסיג שעה. צוועלף שעה פון ערב שבת. צוועלף שעה פון שבת ביי נאכט. צוועלף שעה פון שבתדיגען טאג. ווי די זוהן איז אונטער גינאנגען מוצאי שבת. אונ די פינסטערניש האט אנגיהויבין צו קומען האט אדם הראשון מורא גיהאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ואומר אך חשך ישופני ולילה אור בעדני. אדם הראשון האט גיזאגט איך האב נימיינט אז דער וואס ביי אים שטייט הוא ישופך ראש ואתה תשופנו עקב. דאס מיינט מען דעם שלאנג. ער וועט קומען זיך בהעפטין צו מיר אין די פינסטערניס. אבער גאט האט די נאכט פאר מיר ליכטיג גימאכט. וואס האט גאט גיטאהן ער האט אנגיבריים פאר אדם צוויי שטיינער. אונ אדם הט

הה"ד (סס) ולילה אור בעדני. מה בירך עליה בורא מאורי האש. אתיא כשמואל
דאמר שמואל מפני מה מברכין על האור במ"ש. מפני שהיא תחלת ברייתה. רב
הונא בשם רב ור' אבהו בשם ר' יוחנן אמרי אף מוצאי יוה"כ מברכין עליו. מפני
ששבת האור כל אותו היום. ברכו (יד) ביציאה. ר' לוי בשם ריב"ח אמר כל יום
שיש בו חסרון כתיב בו ברכה ואינו חסר כלום. בחמישי נבראו עופות ודגים; וב"א
שוחטין עופות ואוכלים. וצדים דגים ואוכלים. כתיב בו ברכה ואינו חסר כלום.
בששי נברא אדם ובהמה. ובני אדם שוחטין בהמה ואוכלין. וב"א מתים. כתיב בו
ברכה ואינו חסר כלום. (טו) בז' מאי אית לך למימר; ר' לוי בשם ר' חמא בר
חנינא אמר מפני היציאה. ר' אלעזר בשם ר' יוסי אמר מפני (טז) איסטגיסים. ברכו
במטעמים. רבינו עשה סעודה לאנטונינוס בשבת. הביא לפניו תבשילין של צונן אכל
מהם וערב לו. עשה לו סעודה בחול הביא לפניו תבשילין רותחין. א"ל (יז) אותן
ערבו לי יותר מאלו. א"ל (יח) תבלין אחד הן חסירין. א"ל וכי יש (יט) קלרין של מלך
חסר

## מתנות כהונה

אופל וצלמות: (יד) ביציאה. כשיוצאה לשבת רבה על האדם אנשים מפונקים כשאוכלים טעם טוב ברכו בטעם טוב וכדמפרש
לפיכך ברכו וכמו שאחז"ל לוו עלי ואני פורע: (טו) בז' ואזיל: (יז) אותן ערבו לי. אותם שאכלתים בשבת והיו
מאי אית לך למימר. לשון שאלה הוא: (טז) איסטגניסים. זוגגין ערבים עלי: (יח) תבל. תבלין: (יט) קלרין. אוצר:

גיקלאפט איין שטיין אויף דעם אנדערין. איז ארויס גיגאנגען פייער. האט אדם גימאכט אברכה
אויף דעם פייער אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די נאכט איז גיוועזן ליכטיג פאר מיר. וואס
פאר אברכה האט אדם גימאכט. בורא מאורי האש. דאס וועט אויס קומען ווי שמואל.
ווארום שמואל האט גיזאגט פאר וואס מאכט מען אברכה אויף פייער מוצאי שבת.
ווייל דאס אנהייב בשאפונג פון דעם פייער איז גיוועזן מוצאי שבת. רב הונא זאגט פון
רב ס וועגין אונ רבי אבהו זאגט פון רבי יוחנן ס וועגין מוצאי יום כפור דארף מען אויך מאכין
אברכה אויף פייער. ווייל דעם גאנצין טאג יום כפור האט מען ניט גיטארט ברענגען פייער
ועהט אויס גלייך ווי ער וואלט איצט מוצאי יום כפור בשאפין גיווארין. גאט האט גיבענטשט
דעם שבת מענטשין זאלין פארדינען וואס זיי דארפין אויס געבין אויף שבת. רבי לוי זאגט פון
רבי יוסי בן חנינא ס וועגין דער טאג וואס אין אים איז דא אפעלער איז ביי אים דא אברכה.
עס זאל גאר ניט פעלין. דאנערשטאג זענען בשאפין גיווארין עופות אונ פיש. אונ מענטשין
שעכטין עופות אונ עסין זיי. אונ פאנגען פיש אונ עסין זיי. דריבער שטייט ביי זיי אברכה. עס זאל ניט
פעלין קיין עופות אונ ניט קיין פיש. פרייטאג זענען בשאפין גיווארין מענטשין אונ בהמות. מענטשין
שעכטין בהמות אונ עסין זיי. אונ מענטשין שטארבין. דריבער שטייט ביי זיי אברכה עס זאלין ניט
פעלין קיין מענטשין אונ ניט קיין בהמות. אויף שבת וואס וועסטו זאגין. פאר וואס שטייט אברכה
ביי שבת. רבי לוי זאגט פון רבי חמא בר חנינא ס וועגין ווייל מען גיט אויס געלט אויף שבת.
דארף מען גיבענטשט ווערין מען זאל פארדינען. רבי אליעזר זאגט פון רבי יוסי ס וועגין ווייל
די איידעלע מענטשין ווילען עסין גישמאקע עסינווארג. דריבער האט גאט גיבענטשט די עסין
פון שבת זאלין האבין אגוטען טעם: רבי האט גימאכט אסעודה פאר אנטונינוס אום שבת.
האט מען געברייננט פאר אנטונינוס קאלטע עסין. האט ער גיגעסין פון זיי אונ האט הנאה
גיהאט. נאך אמאהל האט רבי גימאכט אסעודה פאר אנטונינוס אום דער וואכין. האט מען
געברייננט פאר אנטונינוס הייסע עסין. האט אנטונינוס גיזאגט פון יענע קאלטע עסין האב איך
מער הנאה גיהאט ווי פון די הייסע עסין. האט רבי גיזאגט אין די הייסע עסין פעלט אמין
געווירץ. האט אנטונינוס גיזאגט פעלט דען עפעס אין אוצר פון מלך. מען קען דאך ביי מיר
אין אוצר געפינען אלע ערליי געווירץ. אדער געמען געלט אונ קויפין דעם געווירץ אויך. האט
רבי גיזאגט עס פעלט דאס געווירץ וואס הייסט שבת. האסט דעם געווירץ שבת. שבתדיגע
עסין זענען גישמאקער ווי די וואכעדיגע דורך די ברכה פון גאט. (ג) רבי ישמעאל ברבי יוסי
האט

חסר בלום: א"ל שבת הן חסירין. (כ) אית לך שבת: (ג) ר' ישמעאל ב"ר יוסי שייליה לרבי א"ל בני בבל (כא) בזכות מה הן חיים. א"ל (כב) בזכות התורה. ובני א"י בזכות מה. א"ל (כג) בזכות מעשרות. ואנשי ח"ל בזכות מה. א"ל בזכות (כד) שהן מכבדין את השבתות וי"ט: (ד) אמר ר"ח בר אבא פעם אחת זמנני אדם אחד בלודקיא והביאו לפנינו (כה) דיוסקוס אחד טעון בי"ו מוטות. ובו מכל מה שנברא בששת ימי בראשית. ותינוק אחד היה יושב באמצעיתו והיה מכריז ואומר (תהלים כד) לה' הארץ ומלואה תבל ויושבי בה. (כו) כ"כ למה. כדי שלא תזוח דעתו של בע"ה עליו. א"ל בני מהיכן זכית לכל הכבוד הזה. א"ל טבח הייתי וכל בהמה יפה שהייתי רואה כל ימות השבת. הייתי מפרישה לשבת. ואמרתי לו (כז) לא על מגן זכית: (ה) א"ר תנחומא (כח) עובדא הוה ברומי בערובת צומא רבה. והוה תמן הד חייט ואזל דיזדבן ליה חד נון. אשתכח הוא וטלייא דאיפרכוס קיימין עילויה. הוה הדין מסיק ליה בטימי. והדין מסיק ליה בטימי. עד דמטיא לי"ב דנרין. ונסבה

## מתנות כהונה

(כ) אית לך שבת. בתמיה: (כא) בזכות מה הם חיים. כלו' חיי העושר בעני השוב כמת וכפ' כל כתבי גרס מעשרין: (כב) בזכות התורה. שנא' כה כי היא חייך וכתיב במשלה עושר וכבוד: (כג) בזכות מעשר. דכתיב עשר תעשר ודרשו חז"ל עשר בשביל שתתעשר: (כד) שהן מכבדין כו'. וכמו בדרש למעלה ברכה ה' היא תעשיר: (כה) דיוסקוס. פי' בערוך שלחן: (כו) כ"כ למה. היה התינוק מכריז כך:

(כו) שלא תזוח. תתגאה ויזכור כי מאת ה' היתה זאת (כז) לא על מגן. לא על חנם באת לך בי"ז לך זכות גדול לתלות בו: (כח) עובדא כו'. מעשה היה בעיר רומי בערב י"כ שנקרא צומא רבה הגדול והחמור והיה שם חייט אחד תופר בגדים במתנע והלך לקנות דג אחד ונמצא שלא נשאר אלא הדג מי שהסך לקנותו אלא הוא ונער אחד עבד לאיפרכוס הוא שר העיר והיה זה מעלה אותו בדמים והחייט העלה יותר עד שהגיעו

---

האט געפרעגט ביי רבי די מענטשן פון בבל אין וועלכין זכות לעבין זיי אונ זענען רייך האט רבי געזאגט אין דעם זכות וואס זיי לערנען תורה. די מענטשן פון ארץ ישראל אין וועלכי זכות זענען רייך. וויל זיי געבין מעשר. די מענטשן פון חוץ לארץ אין וועלכין זכות זענען רייך. וויל זיי געבין כבוד צום שבת אונ צו יום טוב. (ד) אמר רבי חייא בר אבא האט געזאגט א מענטש פון לודקיא האט מיך אמאהל פארבעטין צו זיך אויף שבת. האט מען געברייננט פאר אונז א טיש וואס מען האט אים געטראגין מיט זעכצעהן שטעקינס. אונ אויף דעם טיש איז געווען פון אלע זאכין וואס זענען בשאפין געווארין אין די ערשטע זעקס טעג. אונ א קינד איז געזעסין אויף דעם מיטען טיש אונ האט אויס גערופין דעם פסוק לה' הארץ ומלואה תבל ויושבי בה. דאס איז געווען דער בעל הבית זאל זיך ניט גרויס האלטין מיט דעם רייכטהום. דריבער האט דאס קינד אויס גערופין אז די גאנצע וועלט געהער צו גאט. האט רבי חייא געזאגט צום בעל הבית מיין זוהן דורך וואס האסטו זוכה געווען צו אזוי א כבוד. האט דער בעל הבית געזאגט איך בין געווען א קצב אונ יעדער גוטע בהמה וואס איך האב געזעהן א גאנצע וואך. האב איך זיא בעהאלטין אויף שבת. האט רבי חייא געזאגט צום בעל הבית ניט אום זיסט האסטו זוכה געווען צו דעם רייכקייט. נאר דאס איז דער שכר פון שבת: (ה) אמר. רבי תנחומא האט געזאגט עס האט אמאהל געטראפין אין רוים ערב יום כפור. עס איז דארט געווען א שניידער איז ער געגאנגען קויפין א פיש. איז נאר געווען איין פיש. איז דער שניידער געשטאנען געבין דעם פיש אונ האט אים געוואלט קויפין. אונ דער קנעכט פון דעם שר פון שטאט איז אויך געשטאנען געבין דעם פיש אונ האט אים געוואלט קויפין. דער שניידער האט געשטיגען דעם פיש אין געלט. אונ דער קנעכט האט געשטיגען דעם פיש אין געלט. ביז מען האט געגעבין פאר דעם פיש צוועלף גילדין. האט דער שניידער געגעבין די צוועלף גילדין אונ האט גינומען דעם פיש. ווען דער קנעכט האט געגעבין די סעודה צו דעם שר. האט דער שר געזאגט צום קנעכט פאר וואס האסטו ניט געברייננט פיש. האט דער קנעכט געזאגט צום שר מיין העהר וואס זאל איך פון דיר לייקענען. איך בין געגאנגען צו די פיש איז ניט מער געווען נאר איין פיש. בין איך מיט איין יודין געשטאנען געבין דעם פיש. ער האט געשטיגען דעם פיש אין געלט. אונ איך האב געשטיגען דעם פיש אין געלט. ביז מען האט געגעבין פאר דעם פיש צוועלף גילדין. וואלסטו

מיין

ונסבה ההוא חייטא. (כט) בעונתא דאריסטון. אמר איפרכוס לטלייא למה לא אייתית לי נון, א"ל מרי מה לכפור מינך. אזלית ולא הוה תמן אלא חד נון. ואשתכחת אנא וחד יהודאי קיימין עילויה. והוה הוא מסיק ליה בטימי ואנא מסיק ליה בטימי. עד דמטא לי"ב דנרין. מה הוית בעי דאייתי לך נון בי"ב דנרין. אתמהא. א"ל (ל) מן הוא. א"ל ב"נ פלן. (לא) שלח בתריה ואתא לגביה. א"ל מאי חמיית חייט יהודאי דאכלת נון בי"ב דנרין. א"ל מרי. אית לן חד יום. דכל חובין דאנן עבדין כל יומי שתא. הוא מכפר עלינן. וכד היא אתא לית אנן צריכין ליקודיה יתיה. אמר כיון שהבאת ראיה לדבריך הרי אתה פטור. מה פרע לו הקב"ה. הלך וקרע אותה וזימן לו בתוכה מרגלית טובה והיה מתפרנס הימנה כל ימיו: (לב) טורנוסרופוס הרשע שאל את ר"ע א"ל מה יום מיומים. א"ל ומה גבר מן גוברין. אמר מה אמרית לך. ומה אמרת לי. א"ל אמרת לי (ל) מה יום מיומים. מ"ש יומא דשבתא מכל יומא. ואמרית לך ומה גבר מגוברין. מ"ש טורנוסרופוס מכל גוברין. א"ל שרצה המלך לכבדני. א"ל אף זו שרצה הקב"ה לכבדה. א"ל (לג) מנאן את מודע לי. א"ל הרי

נהר

## מתנות כהונה

דמיו לשנים עשר דינרים ולקחו אותו כותים: (כט) ס"א בעונתה דאריסטון אמר איפרכס לטיילא כו'. בעת של סעודת השרים אמר השר לנערו למה לא הבאת לי דג כאשר צויתיך אמר לו אדוני מה אכפור מפניך הלכתי לקנות דג ולא היה שם אלא דג אחד ומצאתי אני ויהודי אחד העומדים עליו לקנותו והוה הוא מסיק פי' והיה היהודי מעלה אותו בדמים וכן אנכי העליתיו בדמים עד שהגיע לי"ב דינרים מה הוית רוצה שאביא לך דג בעד שנים עשר דינרים בתמיה: (ל) מן הוא. מי הוא אותו יהודי. אמר ליה בן אדם פלוני:

(לא) שלח בתריה גרסי'. שלח אחריו ובא אצלו אמר לו מה ראית אתה יהודי חייט שאכלת דגים בי"ב דנרין אמר לו אדוני יש לנו יום א' כל עונות שאנו עושין כל ימות השנה הוא מכפר עלינו וכשבא לזה יום אין אנו צריכין לכבדו בתמיה: (לב) מה יום מיומים. מה מעלת יום אחד משאר ימים והשיב מה מעלת איש אחד משאר אנשים שלפעמים נמצא איש אחד נעלה משאר בני אדם אמר לו טורנוסרופוס אמור ומפרש לי היך הבנת מה שאמרתי לך ומה עניתי: (לג) מנאן כו'. מהיכן אתה מודיעני במופת שרצה הקב"ה

---

יְמִין הֶערר) גִיוָואלְט אִיךְ זָאל דִיר בְּרֵיינְגֶען אַפִּישׁ פַאר צְוֶועלְף גִילְדִין. אַוְואנְדֶער. הָאט דֶער שַׂר גִיזָאגְט צוּם קְנֶעכְט וֶוער אִיז דֶער יוּד. הָאט דֶער קְנֶעכְט גִיזָאגְט יֶענֶער מֶענְטְשׁ. הָאט דֶער שַׂר גֶעשִׁיקְט רוּפִין דֶעם יוּד. אִיז דֶער יוּד גִיקוּמֶען צוּם שַׂר. הָאט דֶער שַׂר גִיזָאגְט צוּ אִים וִוי קוּמְט אַיוּדִישֶׁער שְׁנַיידֶער זָאל עֶסִין אַפִּישׁ פַאר צְוֶועלְף גִילְדִין. הָאט דֶער שְׁנַיידֶער גִיזָאגְט צוּם שַׂר מַיין הֶערר מִיר הָאבִּין אֵיין טָאג אִין יָאהְר. אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס מִיר טוּהֶען אַגַאנְץ יָאהְר. אִיז מֶען אוּנְז מוֹחֵל אִין דֶעם טָאג. אוּנ אַז דֶער טָאג קוּמְט דַארְפִין מִיר אִים נִיט גֶעבִּין כָּבוֹד. הָאט דֶער שַׂר גִיזָאגְט צוּם שְׁנַיידֶער וַוייל דוּ הָאסְט גִיבְּרֵיינְגְט אַבְּעוַוייזוּנְג צוּ דַיינֶע רֵייד. בִּיזְטוּ פְּרַייא. וָואס הָאט גָאט בְּצָאהְלְט דֶעם שְׁנַיידֶער. דֶער שְׁנַיידֶער הָאט גֶעעֶפִינְט דֶעם פִישׁ אוּנ הָאט גֶעפוּנֶען אִינְוֵוייני אַדִימַאנְט אוּנ פוּן דֶעם גֶעלְט פוּן דֶעם דִימַאנְט הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁפַּייזְט זַאי לַאנְג וִוי עֶר הָאט גִילֶעבְּט: (ו) טוּרְנוּסְרוּפוּס דֶער רָשָׁע הָאט גֶעפְרֶעגְט בַּיי רַבִּי עֲקִיבָא פַאר וָואס זָאל זַיין בֶּעסֶער אֵיין טָאג פַאר אַלֶע אַנְדֶערֶע טֶעג. הָאט רַבִּי עֲקִיבָא גִיזָאגְט צוּ טוּרְנוּסְרוּפוּס פַאר וָואס זָאל זַיין בֶּעסֶער אֵיין מֶענְטְשׁ פַאר אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶענְטְשִׁין. הָאט טוּרְנוּסְרוּפוּס גִיזָאגְט צוּ רַבִּי עֲקִיבָא וָואס הָאבּ אִיךְ דִיר גִיזָאגְט אוּנ וָואס הָאסְטוּ מִיר גִיזָאגְט. הָאט רַבִּי עֲקִיבָא גִיזָאגְט צוּ טוּרְנוּסְרוּפוּס דוּ הָאסְט צוּ מִיר גִיזָאגְט פַאר וָואס זָאל אֵיין טָאג זַיין בֶּעסֶער וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע טֶעג. דָאס הָאסְטוּ גִימֵיינְט פַאר וָואס זָאל דֶער טָאג שַׁבָּת זַיין בֶּעסֶער וִוי אַלֶע טֶעג פוּן דֶער וָואךְ. הָאבּ אִיךְ צוּ דִיר גִיזָאגְט פַאר וָואס זָאל אֵיין מֶענְטְשׁ זַיין בֶּעסֶער וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶענְטְשִׁין. דָאס הָאבּ אִיךְ גִימֵיינְט פַאר וָואס זָאל טוּרְנוּסְרוּפוּס זַיין בֶּעסֶער וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶענְטְשִׁין. הָאט טוּרְנוּסְרוּפוּס גִיזָאגְט וַוייל דֶער מֶלֶךְ הָאט מִיר גִיוָואלְט גֶעבִּין כָּבוֹד. הָאט רַבִּי עֲקִיבָא גִיזָאגְט דֶעם שַׁבָּת הָאט אוֹיךְ גָאט גִיוָואלְט גֶעבִּין כָּבוֹד. הָאט טוּרְנוּסְרוּפוּס גִיזָאגְט צוּ רַבִּי עֲקִיבָא וִוי אַזוֹי קֶען נִסְטוּ דָאס מִיר בֶּעוַוייזִין אַז גָאט הָאט גִיגֶעבִּין כָּבוֹד דֶעם שַׁבָּת. הָאט רַבִּי עֲקִיבָא גִיזָאגְט דָאס קֶענֶען מִיר וִויסֶען פוּן דֶעם טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן. אַגַאנְצֶע וָואךְ וַוארְפְט עֶר שְׁטֵיינֶער. אוּנ שַׁבָּת רוּהְט עֶר הָאט טוּרְנוּסְרוּפוּס גִיזָאגְט צוּ רַבִּי עֲקִיבָא דוּ ווִילְסְט מִיךְ צִיהֶען אִיךְ זָאל מִיט דִיר גֵיין צוּם

טייך

נהר סמבטיון יוכיח. שמושך אבנים כל ימות השבת. ובשבת הוא נח. א"ל (לב) לנגדא את נגיד לי. אתמהא. א"ל והרי המעלה את המת בזכורו יוכיח. שהוא עולה כל ימות השבת. ובשבת אינו עולה. (לג) וההוא גברא ליהוי ברק באבוהו. (לד) חד זמן צריך (לה) ובדק באבוהו. וסלק כל יומא דשבתא ובשבתא לא סלק. (לו) בתר שבתא אסקיה. א"ל אבא מ' דמ תת א'תעבידית יהודי. אתמהא. מפני מה על ת כל ימות השבת ובשבת לא עלית. א"ל כל מי שאינו משמר את השבת (לז) אצלכם ברצונו. כאן הוא משמר אותו בעל כרחו. א"ל וכי עמל יש לכם שאתם עמלים כל ימות השבת. ובשבת אתם נוחין. א"ל כל ימות השבת אנו נידונין. ובשבת אנו נוחין. הזר אצל ר"ע א"ל אם כדבריך שהקב"ה מכבד את השבת. אל ישיב בה רוחות. אל ירד בה גשמים. אל יצמיח בה עשב. א"ל תיפח רוחיה דההוא גברא. אמשול לך משל. לשנים שהיו דרין בחצר אחת. אם אין זה נותן עירוב. וזה נותן עירוב. שמא מותרין לטלטל בחצר. אבל אם היה אחד דר בחצר. הרי הוא מותר בכל החצר כולה. אף כאן הקב"ה לפי שאין רשות אחרת עמו. וכל העולם כולו שלו מותר בכל העולם כולו. ולא עוד. אלא שהרי אוכלי המן מעידין עליו שכל ימות השבת היה יורד. ובשבת לא היה יורד: (ז) פילוסופים אחד שאל את ר' הושעיא. א"ל אם חביבה היא המילה. מפני מה (לח) לא נתנה לאדה"ר. א"ל

מפ׳

## מתנות כהונה

לכבד את השבת: (לב) לנגדא את נגיד לי. למשוך את משכני כלומר ממכין ודוחה אותי בדקייה בעלמא מי יאמר שהיא כן והרוצה לשקר מרחיק עדותו וכן פרש"י ז"ל: (לג) וההיא גברא. על טורנוסרופוס אמר כן אם תרצה לבחון הדבר בדוק באביך: (לד) חד זמן. לזמן אחד הוה צריך לשאול באוב: (לה) ובדק. הזכר באביו להעלותו מקברו ועלה לא כל ימות השבוע ובשבת רצה להעלותו ג"כ ולא עלה לו: (לו) בתר שבת. העלוהו ואמר לו אבי אתה מיתהך נעשית יהודי: (לז) אצליכם. בעולם שאתם החיים שרוים בו: (לח) למה לא נתנה לאדה"ר. שהוא היה יציר כפו וחביב

---

טייך סמבטיון. ווייל דו ווייסט אז איך וועל אזוי זאגן ווייט ניט גיין זעהן. דריבער זאגסטו מיר אליגען. האט רבי עקיבא גיזאגט דער וואס ברענגט אויף דעם מת פון דער ערד מיט כישוף וועט אויך זאגן אז שבת איז הייליג. אגאנצע וואך קען ער אים אויף ברענגען און שבת ניט. און אויב דו ווילסט וויסען קענסטו דאס פרובין מיט דיין פאטער. אמאהל האט טורנוסרופוס גידארפט וויסען אזאך פון זיין פאטער. אגאנצע וואך האט ער גיקענט אויף ברענגען דעם פאטער. שבת איז דער פאטער ניט גיקומען. זונטאג האט טורנוסרופוס אויף גיברענגט דעם פאטער האט טורנוסרופוס גיזאגט צום פאטער ווי דו ביזט גישטארבין ביזטו גיווארין איוד. אוואנדער. פאר וואס אגאנצע וואך ביזטו ארויף גיקומען און שבת ביזטו ניט ארויף גיקומען. האט דער פאטער גיזאגט צו טורנוסרופוס ווער ביי אייך וויל ניט היטען שבת מיט דעם גוטען ווילען. דא מוז ער היטען שבת אפילו ער וויל ניט. האט טורנוסרופוס גיזאגט צום פאטער האט איר דען ארבעט וואס אגאנצע וואך ארבעט איר און שבת רוהט איר. האט דער פאטער גיזאגט אגאנצע וואך ווערין מיר געמשפט און שבת רוהען מיר. איז טורנוסרופוס גיקומען צו רבי עקיבא און האט גיזאגט צו אים אויב עס איז ווי דו זאגסט אז גאט האט גיגעבין כבוד צום שבת. זאל ניט בלאזין קיין ווינט אום שבת. און זאל ניט גיין רעגין. און זאל ניט וואקסין גראז אום שבת. האט רבי עקיבא גיזאגט צו טורנוסרופוס זאל ארויס די נשמה פון דעם מענטש. איך וועל דיר געבין אמשל צוויי מענטשין האבין גיוואהנט אין איין הויף. אויב זיי ביידע וועלין ניט מאכין אעירוב צו זאמען. וועלין זיי מענין טראגין אין הויף. געוויס ניט. אבער אז איינער וואהנט אליין אין אהויף (מיט זיינע קינדער און קנעכט). מעג ער טראגין אין דעם גאנצין הויף. ביי גאט איז אויך אזוי ווייל קיינער וואהנט ניט מיט אים צו זאמען און די גאנצע וועלט איז זיינע. (די מענטשין הייסין זיינע קנעכט) מעג ער טראגין אין די גאנצע וועלט. דריבער מעג בלאזין אווינט און עס מעג גיין רעגין און די גראז מעג ארויס קומען פון די ערד. און די יודין וואס האבין גיגעסין מן וועלין אויך עדות זאגן אז שבת איז הייליג. ווארום אגאנצע וואך איז גיפאלין דער מן און שבת איז דער מן ניט גיפאלין: ז (פילוסופים). אפילוזאף האט גיפרעגט ביי רבי

הושעיא

מפני מה אותו האיש מגלח פאת ראשו ומניח את פאת זקנו. א"ל מפני שגדל עמו בשטות. א"ל אם כן יסמא את עיניו. ויקטע את ידיו. וישבר את רגליו. ע"י שגדלו עמו בשטות. א"ל ולאילן מיליא אתינן. אתמהא. א"ל להוציאך (לט) חלק א"א. אלא כל מה שנברא בששת ימי בראשית (מ) צריכין עשייה. כגון החרדל צריך למתוק. התורמוסים צריכין למתוק. החיטין צריכין להטחן. אפילו אדם צריך תיקון: (ח) ר' יוחנן בשם ר"י בר חלפתא אמר אברהם שאין כתוב בו שמירת שבת. ירש את העולם במדה. שנאמר (בראשית יג) קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה וגו'. אבל יעקב שכתוב בו שמירת שבת. שנא' (שם לג) (מח) ויחן את פני העיר. נכנס עם דמדומי חמה. וקבע תחומין מבעוד יום. ירש את העולם שלא במדה. שנ' (שם כח) והיה זרעך כעפר הארץ ופרצת וגו': (ט) ר"א לטה ברכו ר' ברכיה ור' דוסתאי ור'

## מתנות כהונה

לפניו ורואי: (לט) חלק. בלי טעם ואומר לך למה ליוני כנברא מששת ימי בראשית ככל צריך תיקון: (מ) צריכין בש"י לחסר בבריותו ולמה לא בראוהו נולד מהול לפי שכל עשייה. תיקון: (מח) ויחן. משמע לשון שבת ומנוחה:

הושעיא אויב ביי גאט איז ליב אז מען זאל זיין גימלת. פאר וואס האט גאט ניט בשאפען אדם הראשון ער זאל זיין געמלת געווים דארף מען זיך ניט מל זיין. ווארום אמענטש דארף זיך ניט ענדערין פון ווי גאט האט אים בשאפין. האט רבי הושעיא גיזאגט צום פילוזאף דו ביזט דאך גיבארין גיווארין מיט האר אויף דעם קאפ פאר וואס גאלסטו אפ די האר פון קאפ. אונ די האר פון בארד וואס דו ביזט מיט זיי ניט גיבארין גיווארין לאזטו וואקסין. האט דער פילוזאף גיענטפערט וייל די האר פון קאפ האבין מיט אים גיוואקסין ווען ער איז נאך גיוועזן קליין אונ נארעש דריבער דארף מען זיי אפ גאלין. אבער די האר פון בארד זענען גיקומען ווען ער איז גיוועזן גרויס אונ קלוג. האט רבי הושעיא גיפרעגט דארף מען דאך בלינד מאכין די אויגין אונ אפהאקין די הענט אונ צו ברעכין די פיס ווייל זיי האבין גיוואקסין ווען ער איז גיוועזן קליין אונ נארעש. האט דער פילוזאף גיזאגט זענען מיר דען גיקומען צו די רייד. אוואנדער. די אויגין אונ די הענט אונ די פיס אז מען וועט זיי פון זיך צו נעמען וועט שוין ניט זיין קיין אנדערע. אבער אז מען גאלט אפ די האר פון קאפ. וואקסט אויף אנדערע. האט רבי הושעיא גיזאגט צום פילוזאף איך זאל דיך אוועק לאזין ליידיג אונ זאל דיר גאר ניט ענטפערין קען ניט זיין. נאר אליץ וואס גאט האט בשאפין אין די ערשטע זעקס טעג דארף מען זיי צו רעכט מאכין. דער חרדל איז בשאפין גיווארין ביטער אונ מען דארף אים מאכין זיס. תורמסין זענען בשאפין גיווארין ביטער אונ מען דארף זיי מאכין זיס. ווייץ מוז מען מאהלין. אפילו אמענטשין דארף מען אויך פארבעסערין. דריבער איז דער מענטש גיבארין ניט גימלת. אונ ער זאל זיך אליין מל זיין אונ פארבעסערין. נאר וייל אדם האט באלד געזינדיגט אונ אלע דורות ביז אברהם זענען גיוועזן רשעים דריבער האט גאט זיי ניט גיבאטין צום מל זיין ביז צו אברהם אבינו. (ח) רבי יוחנן האט גיזאגט פון רבי יוסי בר חלפתא וועגין אברהם אבינו וואס ביי אים שטייט ניט אז ער האט געהיט שבת (ער זאל צו נעמען פון פרייטאג צום שבת. אונ זאל מאכין עירובי תחומין) הט ער גערישת די וועלט מיט אמאס (נאר ארץ ישראל). אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט הט גיזאגט צו אברהם שטייא אויף אונ גייא אין דעם לאנד צו איר לייננג אונ צו איר ברייט. אבער יעקב וואס ביי אים שטייט אז ער האט געהיט שבת אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ער הט גירוהט פאר די שטאט. אונ איז ניט אריין גיגאנגען אין שטאט וייל עס איז אן גיקומען שבת. אונ ער איז אריין גיגאנגען צום שבת ווען די זוהן איז נאך רויט גיוועזן. אונ ער הט גימאכט עירובי תחומין ווען עס איז נאך גיוועזן טאג פון פרייטאג. דריבער הט ער גערשת די וועלט אן אמאס. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דיינע קינדער וועלין זיין ווי די שטויב פון די ערד אונ דו וועסט זיך שטארקין מערב אונ מזרח צפון אונ דרום: (ט) (דבר אחר). נאך אפשט איז וואס האט גאט גיבע שט דעם שבת. רבי ברכיה אונ רבי דוסתאי קריגען מיט רבי שמואל בר נחמן. רבי דוסתאי זאגט וייל שבת

האט

ור' שמואל בר נחמן. ר' ברכי' ור' דוסתאי אומרים שאין לו בן זוג. חד בשבתא תרי בשבתא. תלתא ארבעתא. חמשתא (מח) ערובתא. שבתא לית לה בן זוג. ר"ש בר נחמן אמר (מב) שאינו נדחה. י"ט נדחה (מג) יה"כ נדחה. שבת אינה נדחית. תני רשב"י אמרה שבת לפני הקב"ה רבש"ע. לכולן יש בן זוג ולי אין בן זוג. א"ל הקב"ה כנסת ישראל היא בן זוגך. וכיון שעמדו ישראל לפני הר סיני. אמר להם הקב"ה זכרו הדבר שאמרתי לשבת. (מד) כנסת ישראל היא בן זוגך. היינו דבור (שמות כ) זכור את יום השבת לקדשו: (י) ר' לוי בשם ר' חמא בר חנינא אמר. שלשה בריות היה הקב"ה בורא בכל יום ויום. בא' ברא שמים וארץ ואורה. בב' רקיע וגיהנם ומלאכים. בג' אילנות ודשאין וג"ע. בד' חמה ולבנה ומזלות. בה' עופות ודגים ולויתן. בו' אדם וחוה ורמשים. א"ר פנחס בו' (מה) ברא ששה. אדם. וחוה. ורמש. ובהמה. וחיה (מו) ומריאים. א"ר בנייה אשר ברא אלהים ועשה אין כתיב כאן. אלא אשר ברא אלהים (מז) לעשות. כל מה שהיה הקב"ה עתיד לבראות בז'. הקדים וברא אותו בו': (יא) ר' פנחס בשם ר' הושעיא אמר אע"ג דאת אמר כי בו שבת (מח) מכל מלאכתו. ממלאכת עולמו שבת. ולא שבת לא ממלאכת הרשעים. ולא ממלאכת הצדיקים. אלא

פועל

## מתנות כהונה

(מח) ערובתא. יום ששי נקרא כן על שם שהוא ע"ש והרי הם ששה ימים והם שלשה זוגות ונשאר השבת לבד בלי זוג לפיכך ברכו: (מב) שאינו נדחה. וזו היא הברכה: (מג) יום כפור נדחה. מפני ירקא ומפני מתיא:

(מד) כנסת ישראל וכו'. שזוכתין בך: (מה) ברא ששה. השלשה שהיו ראוים ליבראות בשבת נבראו בע"ש: (מו) מריאים. פי' הערוך. שדים: (מז) לעשות. משמע מה שהיה ראוי לעשות: (מח) מכל מלאכתו כו'. דייק מדלא

האט ניט קיין פאר. זונטאג מאנטאג. דינסטאג מיטוואך. דאנערשטאג פרייטאג. שבת האט ניט קיין פאר. דריבער האט נאט געבענטשט דעם שבת. רבי שמואל בר נחמן זאגט די ברכה איז שבת זאל ניט אוועק געשטויסן ווערין. יום טוב ווערט אוועק געשטויסן אויף איין אנדער טאג יום כפור ווערט אוועק געשטויסן אויף איין אנדער טאג (ווארום אמאהל מאכט מען אעיבור. אונ אמאהל מאכט מען כסלו אונ טבת צו צוויי טעג ראש חדש. אונ אמאהל מאכט מען כסלו אונ טבת צו איין טאג ראש חדש). אבער שבת ווערט ניט אוועק געשטויסן. תני. רבי שמעון בן יוחאי האט געלערנט שבת האט געזאגט פאר גאט רבונו של עולם אלע זאכין וואס דו האסט בשאפין האבין אפאר. אונ איך האב ניט קיין פאר. האט גאט געזאגט צום שבת די יודין וועלין זיין דיין פאר. ווען די יודין זענען געשטאנען פאר דעם בארג סיני. האט גאט געזאגט צו די יודין געדיינקט די זאך וואס איך האב געזאגט צום שבת אז די יודין וועלין זיין דיין פאר. דאס איז וואס דער פסוק זאגט צו די יודין געדיינקט דעם טאג שבת צו הייליגען אים: (י) רבי לוי האט געזאגט פון רבי חמא בר חנינא ס וועגין דריי ערליי בשאפונג האט גאט בשאפין יעדער טאג. זונטאג האט ער בשאפין די הימעל (וואס הייסט שמים) אונ די ערד אונ די ליכטיגקייט. מאנטאג האט ער בשאפין דעם (הימעל וואס הייסט) רקיע אונ דעם גיהנם אונ די מלאכים. דינסטאג האט ער בשאפין די בוימער אונ די גראז אונ דעם גן עדן. מיטוואך האט ער בשאפין די זוהן אונ די לבנה אונ די מזלות. דאנערשטאג האט ער בשאפין עופות אונ פיש אונ דעם לויתן. פרייטאג האט ער בשאפין אדם אונ חוה אונ אלץ וואס קריכט אויף די ערד: (יא) רבי פנחס זאגט פרייטאג האט גאט בשאפין זעקס זאכין. אדם אונ חוה אונ אלץ וואס קריכט אויף די ערד. בהמות אונ חיות אונ שדים. רבי בנייה זאגט עס שטייט ניט אין פסוק אשר ברא אלהים ועשה וואס גאט האט בשאפין אונ האט געמאכט. נאר עס שטייט אשר ברא אלהים לעשות וואס גאט האט געזאלט מאכין שפעטער האט ער בשאפין פריער. אלץ וואס גאט האט געזאלט בשאפין שבת האט ער בשאפין פרייטאג. רבי פנחס זאגט פון רבי הושעיא ס וועגין אפילו דער פסוק זאגט אז גאט האט גירוהט פון זיינע אלע ארבעט אום שבת. ער האט נאר גירוהט פון די ארבעט וואס געהער צו די וועלט. אבער פון די ארבעט אכטונג צו געבין אויף די רשעים. אונ אכטונג צו געבין אויף די צדיקים האט ער ניט גירוהט. נאר אפילו אום שבת ווייזט גאט אסימן אז ער גיט אכטונג

אויף

פועל עם אלו ועם אלו . מראה לאלו ולאלו מעין (מט) דוגמא גטורין שלהן . מנין שפירענותן של רשעים קרויה מלאכה . שנאמר (ירמיה נ) פתח ה׳ את אוצרו ויוצא את כלי זעמו כי מלאכה היא . ומנין ששכרן של צדיקים קרויה מלאכה . שנא׳ (תהלים לא) מה רב טובך אשר צפנת ליראיך פעלת לחוסים בך נגד בני אדם :

**פרשה יב** (א) אלה תולדות השמים והארץ בהבראם . כתיב (איוב כו) הן אלה קצות דרכיו וגו׳ . א״ר הונא כל מה שאת רואה קצות דרכיו של הקב״ה הן . הן אלה קצות דרכיו (שם) ומה שמץ דבר נשמע בו ורעם גבורותיו מי (א) יתבונן . א״ר הונא הרעם הזה בשעה שהוא יוצא כתיקונו . אין כל בריה יכולה לעמוד עליו . נתבונן אבל״כ אלא מי יתבונן . הפקחים יודעין רמזו והגיונו . א״ר הונא אם על סדורו של רעם אין אתה יכול לעמוד . על סדורו של עולם עאכ״ו . אתמהא . ואם יאמר לך אדם יכול אני לעמוד על סדורו של עולם . אמור לו אחרי מלך ב״ו אי אתה יכול לעמוד . אחרי ממ״ה הקב״ה אתה יכול לעמוד . אתמהא . א״ר נחמן (ב) משל לחרישת קנים

## מתנות כהונה

כתיב מכל מלאכה : (מט) דוגמא גטורין . כערוך גרס שכרי אור גיכנס טובת בשבת : (א) יתבונן משמע לכאו לוגמטרין וסירוגו דוגמת שמירתן אבל לא כורעטות מתב אף אם בא איש חכם להתבונן אינו יכול : (ב) משל

---

אויף די רשעים ווארום ער שטראפט זיי אפילו אום שבת . אונ צו די צדיקים ווייזט אויך גאט אסימן אז ער גיט אויף זיי אכטונג אפילו אום שבת . ווארום ער טוהט זיי גוט אפילו אום שבת . פון וואגען ווייסין מיר אז די שטראף פון די רשעים ווערט גירופין ביי גאט אארבעט : ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גיעפינט זיין אוצר אונ ער האט ארויס גינומען די כלים פון זיין צארען ווארום דאס איז אארבעט . אונ פון וואגען ווייסין מיר אז דער שכר פון די צדיקים ווערט גירופין אארבעט . ווארום עס שטייט אין פסוק ווי פיל איז דיין גוטס וואס דו האסט בעהאלטין פאר די וואס האבין מורא פאר דיר דו האסט דאס גיארבעט צו די וואס בשיצען זיך אין דיר קעגין די מענטשין :

**פרשה יב** (א) (אלה) דאס זענען די געבורט פון די הימעל אונ פון די ערד ווען זיי זענען בשאפין גיווארין . איוב האט גיזאגט הן אלה קצות דרכיו . זאגט רב הונא אלץ וואס דו זעהסט איז נאר אביסיל פון די וועגין פון גאט . ווארום עס איז דא נאך אוועלט וואס דארטין איז נאך דא פיל מעהר צו זעהן . דאס זענען נאר אביסול פון זיינע וועגין . ומה שמץ דבר נשמע בו . אונ וואס פאר אשענדליכע זאך ווערט גיהערט ביי אים . ורעם גבורותיו מי יתבונן . אונ דער דונער וואס ער איז איי ער פון זיינע שטארקייט ווער קען זיך אויף אים פארשטיין . רב הונא זאגט דער דונער ווען ער גייט ארויס ווי זיין קראפט איז . איז גימא אבשעפעניש וואס זאל קענען וויסען וואס ער איז . נתבונן שטייט ניט . אז עס וואלט גישטאנען מי נתבונן . וואלטין מיר זאגין קיינער וויל זיך ניט פארשטיין אויף דעם דונער . אז עס שטייט מי יתבונן . מיינט מען קיינער קען זיך ניט פארשטיין אויף דעם דונער . די קלוגע ווייסין נאר אויף וואס דער דונער ווייזט אונ וואס גאט מיינט מיט דעם דונער צו די וועלט . אבער וואס דער דונער איז וויים קיינער ניט . רב הונא זאגט מאדאך קיינער קען ניט וויסען דעם ארדענונג פון דונער . קען מען דאך דעם ארדענונג פון די וועלט געוויס ניט וויסען . אוואנדער . אויב אמענטש וועט דיר זאגין איך קען יא וויסען דעם ארדענונג פון די וועלט . זאלסטו אים זאגין מאדאך דו קענסט ניט וויסען די זאכין וואס אמלך (אמענטשליכער) טוהט . וועסטו קענען וויסען וואס גאט האט גיטאהן . אוואנדער . רב נחמן זאגט דאס איז גליך צו אגעדיכטען וואלד קיין מענטש האט ניט גיקענט אריין גיין אין דעם וואלד . אונ ווער עס איז אריין גיגאנגען אין דעם וואלד האט גיבלאנדזעט . ווס האט אקלוגער גיטאהן ער איז גיגאנגען צום וואלד אונ האט גיהאקט די ביימער : אונ איז גיגאנגען אונ גיהאקט גיגאנגען אונ גיהאקט ביז ער האט גימאכט אוועג . ער איז אריין גיגאנגען דורך דעם אויסגיהאקטען וועג אונ איז ארויס גיגאנגען

דורך

קנים. שלא היה יכול אדם להכנס בתוכה. שכל מי שהיה נכנס לתוכה היה טועה. מה עשה פקח אחד (ג) כסח ונכנס כסח ונכנס. נכנס דרך הכסוח ויצא דרך הכסוח. התחילו הכל מתכנסין ויוצאין דרך הכסוח. רב נחמן אמר (ד) חורי. משל לפלטין גדולה שהיו לה פתחין הרבה. שכל מי שהיה נכנס לתוכה היה טועה. מה עשה פקח אחד. נטל (ה) פקעת של גמי (ו) וקשרה כנגד הפתח. ונכנס דרך הפקעת ויצא דרך הפקעת. התחילו הכל נכנסין ויוצאין דרך הפקעת. ארשב"י מלב"ו שבנה פלטין. והבריות נכנסין לתוכה ואומרים. אילו היו העמודים גבוהין היתה נאה. אילו היו הכתלים גבוהין היתה נאה. שמא יבוא אדם ויאמר אילו היו לי שלש עינים. אילו היו לי שלש רגלים היה יפה לי. אתמהא. (קהלת ב) את אשר כבר עשהו לא נאמר כאן. אלא את אשר כבר (ו) עשוהו. כביכול ממ"ה הקב"ה ובית דינו נמנין על כל אבר ואבר (ז) משלך ומעמידך על מכונך. שנא' (דברים לב) הליי' תגמלו זאת עם נבל ולא חכם הלא הוא אביך קנך הוא עשך ויכוננך. א"ר לוי בר חיתא מלך ב"ו בונה פלטין. ואם נתן (ח) ביבה על פתחה אינה נאה. ממ"ה הקב"ה ברא האדם הזה. ונתן (ט) ביבו על פתחו. והוא נאה והוא שבחו. א"ר יצחק בר מריון כתיב (בראשית ב) וייצר ה' אלהים את האדם. מה ת"ל אשר יצר. כביכול הקב"ה מתגאה בעולמו ואומר ראו בריה שבראתי וצורה שצרתי. א"ר יצחק

## מתנות כהונה

אישת קנים. פי' חורשה ויער של קנים: (ג) כסח. כורת הקנים במגל ומגירה: (ד) חורי. משל אחר: (ה) פקעת. כיך ואגודה מן גמי: (ו) קשרה כו'. וקנה האחרון אחז בידו: (ו) עשוהו. כינוי לפועלים רבים. פועלים רבים עשו אותו: (ז) משלך. מהאיברים אשר לך: (ח) ביבה. צינור במקלח לחוץ ובו שופכין כל השופכין המזוהמין: (ט) ביבו על פתחו. זה התוספת כתובה למעלה מפתחו פיו וכו'

---

דורך דעם אויסגעהאקטן וועג. דער נאך זענען שוין אלע גיגאנגען דורך דעם אויסגיהאקטין וועג. רב נחמן זאגט נאך א משל עס איז גיוועזן א גרויסער פאלאץ איגוויינציג איז גיוועזן פיל טירען אריין צו גיין אין פיל שטובין. ווער עס איז אריין גיגאנגען אין דעם פאלאץ האט גיבלאנדזעט. וואס האט אקלוגער גיטאהן. ער האט גינומען אקנויל פון שטריק אונ האט איין עק אנגיבונדען אויף די טיר אונ דורך דעם קנויל וואס ער האט אים אויפגעוויקעלט אונ צו געוויקעלט איז ער אריין גיגאנגען אונ ארויס גיגאנגען. דער נאך זענען אלע אריין גיגאנגען אונ ארויס גיגאנגען דורך דעם קנויל. (מאראך די וועג אין וואלד אונ אין פאלאסט האט מען ניט גיקענט וויסען וועט מען קענען וויסען די בשאפונג פון די וועלט). רבי שמעון בן יוחאי זאגט למשל א מלך האט גיבאהט אפאלאסט די מענטשין וואס זענען אריין גיגאנגען אין דעם פאלאסט האבין גיזאגט ווען די זיילין וואלטין גיוועזן הויך וואלט גוועזן שענער. ווען די ווענט וואלטין גוועזן הויך וואלט גיוועזן שענער. זאגין אז ווען דער סאפיט וואלאט גיוועזן הויך וואלט גיוועזן שענער. טאמער וועט אמענטש קומען זאגין אז איך וואלט גיהאט דריי אויגין אדער דריי פיס וואלט אויך גיוועזן שענער. אוואנדער. שלמה המלך האט גיזאגט ווער קען קומען נאך דעם מלך את אשר כבר עשוהו. עס שטייט ניט עשהו. וואס ער האט גימאכט. נאר עס שטייט עשוהו וואס זיי האבין גימאכט. כביכול גאט מיט זיין בית דין האבין זיך גצייילט (מישב גיוועזן) אויף יעדער גליד דיינגען ווי אזוי ער זאל גימאכט ווערין. אונ מען האט דיך גישטעלט אויף דעם ארדענונג ווי דו ביזט יעצט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט דיך גימאכט אונ האט דיך גיפעסטיגט. רבי לוי בר חיתא האט גיזאגט אז א מלך האט גיבאהט אפאלאסט אויב ער האט גימאכט אריגע (די פאמיעס זאל דורך גיין) פאר די טיר. איז ניט שיין. גאט האט גימאכט דעם מענטש אונ האט גימאכט אריגע פון פארינט. די נאז. דורך איר זאל דורך גיין פאסגוסטווא פון האלדז אונ פון מוח. אונ עס איז שיין אונ גוט. רבי יצחק בר מריון האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק וייצר ה' אלהים את האדם. גאט האט בשאפין דעם מענטש. צו וואס שטייט נאך אמאהל אשר יצר וואס ער האט בשאפין. כביכול גאט האלט זיך גרויס מיט די וועלט אונ ער זאגט זעהט דאס בשעפעניש וואס איך האב בשאפין אונ די צורה וואס איך האב אויסגימאהלט

רבי

יצחק בר מריון כתיב (שם) אלה תולדות השמים והארץ בהבראם . (י) בוראם משבחן ומי מגנן . בוראן מקלסן ומי נותן בהן דופי . אלא נאין הן ומשובחין הן . שנאמר אלה תולדות השמים והארץ בהבראם (יח) ביום עשות ה' אלהים ארץ ושמים : (ב) ר' פנחס בשם ר' לוי אמר בהבראם בה"א בראם (ישעיה סו) ואת כל אלה ידי עשתה ויהיו כל אלה נאם ה' ואל זה אביט אל עני ונכה רוח והרד על דברי . א"ר יהודה בשם ר' סימון לא בעמל ולא ביגיעה ברא הקב"ה את עולמו . שנא' ואת כל אלה ידי עשתה . ר' יודן אמר בזכות התורה שנא' (ויקרא כו) (יב) אלה החוקים והמשפטים והתורות אשר נתן ה' בינו ובין בני ישראל בהר סיני ביד משה . ר' יהושע בר נחמיה אומר בזכות השבטים . שנא' (שמות א) ואלה שמות . וכתי' ויהיו כל אלה נאם ה' . אלה תולדות השמים וגו' . א"ר אבהו כ"מ שנא' אלה פסל את הראשוני'. ואלה מוסיף על הראשוני' כאן שנא' אלה פסל את

## מתנות כהונה

וזהו כונתו שעיקר חיותו תולה בחוטמו : (י) בוראן משבחן. מדכתיב אלה תולדות השמים קדייק : (יח) ביום עשות וכו'. ר' פנחס אמר אע"ג דכתיב ביום עשות לא היה בו עמל ויגיעה בהבראם בה"א א"ו קל בכל האותיות ולכן הכי' את כל אלה ידי עשתה והלא בלא עמל ויגיעה נברא : (יב) ואלה החוקים כו'

רבי יצחק בר מריון זאגט עס שטייט אין פסוק דאס זענען די געבורט פון די הימעל אונ ערד ווען מען האט זיי בשאפין. אז דער וואס האט זיי בשאפין לויבט זיי. ווער וועט זיי פאר מיאוסען. אז דער וואס האט זיי בשאפין זאגט אז זיי זענען גוט ווער וועט זאגין אז זיי זענען שלעכט. נאר זיי זענען שיין אונ גוט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דאס זענען די געבורט פון די הימעל אונ ערד ווען זיי זענען בשאפין געווארין אין דעם טאג וואס גאט האט גימאכט די ערד אונ די הימעל : (ב) רבי פנחס האט גיזאגט פון רבי לוים וועגין עס שטייט אין פסוק בהבראם זאל מען לייענען בה' בראם. מיט אה' האט גאט בשאפין די הימעל אונ ערד. ווי גרינג עס איז ארוים צו רעדין אה' אזוי גרינג האט גאט בשאפין די הימעל אונ ערד. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די אלע זאכין האט מיין האנט גימאכט אונ די אלע זאכין זענען געווארין מיט רייד פון גאט אונ צו דעם מענטש וועל איך קוקען דער וואס איז ארעם (אדער ער איז אפילו רייך נאר ער האלט זיך ארעם) אונ זיין גייסט איז צו בראכין אונ ער ציטערט אויף מיינע רייד. רבי יהודה זאגט פון רבי סימון ס וועגין ניט מיט שווערקייט אונ ניט מיט מאטערניש האט גאט באשאפין די וועלט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די אלע זאכין האט מיין האנט גימאכט. מיט איין האנט איז דאס אויך בשאפין געווארין. רבי יודן זאגט אין דעם זכות פון די תורה איז דיא וועלט בשאפין געווארין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אלה החוקים והמשפטים והתורות. דאס זענען די גיזעץ אונ די ריכטונג אונ די לערנונג וואס גאט האט גיגעבין צווישען אים אונ צווישען די יודין אויף דעם בארג סיני דורך משה. ביי די בשאפונג פון דער וועלט שטייט דאס ווארט אלה. אונ ביי די תורה שטייט אויך דאס ווארט אלה. צו ווייזין אז דורך די תורה איז די וועלט בשאפין געווארין. רבי יהושע בר נחמיה זאגט אין זכות פון די שבטים איז די וועלט בשאפין געווארין. ווארום עס שטייט אין פסוק ואלה שמות בני ישראל. אונ עס שטייט ויהיו כל אלה נאם ה'. ביי די שבטים שטייט דאס ווארט אלה. אונ ביי די בשאפונג פון דער וועלט שטייט אויך דאס ווארט אלה. צו ווייזין אז פון וועגין די שבטים איז די וועלט בשאפין געווארין. אלה תולדות השמים והארץ. רבי אבהו זאגט וואו עס שטייט אלה האקט דאס אפ פון די פריערדיגע. די זענען אנדערש ווי די פריערדיגע. אונ וואו עס שטייט ואלה גיהער דאס צו די פריערדיגע. די זענען ווי די פריערדיגע. אונ דא שטייט אלה האקט דאס אפ פון די פריערדיגע. פריער איז גיוועז וויסט אונ לעהר אונ פינסטער. אונ איצט איז אוועלט אונ ליכטיג. רבי יהודה אונ רבי נחמיה קריגען. רבי יהודה זאגט די הימעל אונ ערד זענען גיענדיגט געווארין אין זייער צייט. אונ די זוהן מיט די לבנה אונ אלע שטערין אונ מזלות זענען געווארין שפעטער אין זייער צייט. האט רבי נחמיה גיזאגט עס שטייט דאך אין פסוק דאס איז דאס געבורט פון די הימעל אונ ערד ווען זיי זענען בשאפין

את הראשונים. מה פסל תהו ובהו וחשך: (ג) ר' יהודה ור' נחמיה. ר"י אומר ויכולו השמים והארץ בזמנן (יג) וכל צבאם בזמנן. א"ל ר"נ והא כתיב אלה תולדות השמים והארץ בהבראם. מלמד שבו ביום נבראו בו ביום הוציאו תולדות. א"ל והכתיב ויהי ערב ויהי בקר יום א'. יום שני. יום שלישי. יום רביעי. יום ה. יום ו'. א"ל ר' נחמיה (יד) כמלקטי תאנים הן. כל אחד ואחד הופיע בזמנו. ר' ברכיה על הדא דר' נחמיה אמר. (טו) ותוצא הארץ דבר שהיה פקוד בידה: (ד) דרש ר' נחמיה איש כפר סיחון כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ וגו'. ג' דברים הללו הן עיקר ברייתו של עולם. ושהו ג' ימים והוציאו שלשה תולדות. הארץ (טז) בראשון כב"ה. ושהתה ג' ימים ראשון ושני ושלישי. והוציאה ג' תולדות. אילנות ודשאים וג"ע. רקיע בשני. ושהה ג' ימים שני שלישי ורפיעי. והוציא ג' תולדות. חמה ולבנה ומזלות. ומים בשלישי. ושהו ג' ימים שלישי רביעי חמישי. והוציאו ג' תולדות. עופות ודגים ולויתן. ר' עזריה לא אמר כן. אלא ביום עשות ה' אלהים ארץ ושמים. שני דברים הן הן עיקר ברייתו של עולם ושהו שלשה ימים. ונגמרה מלאכתן ברביעי. שמים בראשון כב"ש. ושהו ג' ימים ראשון ושני ושלישי. ונגמרה מלאכתן ברביעי. ומהו גמר מלאכתן מאורות

## מתנות כהונה

כו'. דרש ואת כל אלה ימים כל אלה: (יג) וכל צבאם בזמנן. שנברא צבא של שמים וארץ אחר שמים וארץ: (יד) כמלקטו תאנים כו'. כהאי' אין מתבשלין כולן כאחד והוא לוקט כל אחד וא' בזמנו זה אחר זה כך כל צבא השמים וארץ נבראו עם שמים וארץ ואח"כ הופיע כל אחד ואחד בזמנו וכדמפרש ר' ברכיה ואזיל: (טו) ותוצא. משמע שלא היה צריך רק יציאה שכבר היה נברא ונפקד בידה: (טז) בראשון. נבראת בראשון

---

געווארין. דער פסוק לערנט אונז אז דעם זעלביגען טאג וואס זיי זיינען בשאפין געווארין האבין זיי גיבארין זייער געבורט. דאס איז די זונען די לבנה די שטערין אונ מזלות. האט רבי יהודה גיזאגט צו רבי נחמיה עס שטייט דאך אין פסוק עס איז געוועזן אבענד אונ פריה דעם ערשטין טאג. דעם אנדערין טאג. דעם דריטען טאג. דעם פערטין טאג. דעם פינפטען טאג. דעם זעקסטין טאג. זעהן מיר דאך אז אין יעדער טאג איז וואס אנדערש בשאפין געווארין. יעדער זאך אין זיין צייט. האט רבי נחמיה גיזאגט אזוי ווי מען קלויבט פייגין. יעדער פייג אין איר צייט ווען זיא ווערט צייטיג. דא איז אויך אזוי געוועזן. ווען די הימעל אונ ערד זענען בשאפין געווארין איז אלץ בשאפין געווארין מיט זיי צו זאמען. נאר יעדערע זאך האט ערשיינט אין זיין צייט. רבי ברכיה זאגט ווי רבי נחמיה זאגט איז רעכט ווס עס שטייט אין פסוק ותוצא הארץ. די ערד האט ארויס געגעבין ווס ביי איר איז געוועזן בעהאלטין. דעם ערשטין טאג איז אלץ בשאפין געווארין נאר די ערד הט ארויס געגעבין יעדער זאך אין זיין צייט: (ד) (דרש). רבי נחמיה פון דארף סיחון האט גידרשנט עס שטייט אין פסוק זעקס טעג האט גאט גימאכט די הימעל אונ די ערד אונ דעם ים. די דריי זאכין זענען דער עיקר בשאפונג פון דער וועלט. אונ זיי האבין געווארט דריי טעג אונ האבין ארויס געגעבין דריי זאכין. די ערד איז בשאפין געווארין דעם ערשטין טאג אזוי ווי בית הלל זאגט. אונ זי האט געווארט דריי טעג זונטאג מאנטאג דינסטאג אונ זיא האט ארויס געגעבין דריי זאכין. בוימער אונ גראז אונ דעם גן עדן. דער הימעל איז בשאפין געווארין דעם אנדערין טאג אונ ער הט געווארט דריי טאג מאנטאג דינסטאג מיטוואך אונ ער האט ארויס געגעבין דריי זאכין. די זונען די לבנה די מזלות. די וואסער איז בשאפין געווארין דעם דריטען טאג אונ זיי האבין געווארט דריי טעג דינסטאג מיטוואך דאנערשטאג אונ זיי האבין ארויס געגעבין דריי זאכין. עופות פיש אונ דעם לויתן. רבי עזריה הט ניט אזוי גיזאגט נאר עס שטייט אין פסוק גאט האט גימאכט ערד אונ הימעל. צוויי זאכין זענען דער עיקר בשאפונג פון דער וועלט אונ זיי האבין געווארט דריי טעג אונ זייער ארבעט איז פערטיג געווארין דעם פערטין טאג. די הימעל איז בשאפין געווארין דעם ערשטין טאג אזוי ווי בית שמאי זאגט. אונ זיי האבין געווארט דריי טעג זונטאג מאנטאג דינסטאג. אונ זייער ארבעט איז פערטיג געווארין מיטוואך. וואס איז געוועזן די פערטיגע ארבעט. די בעלייכטונג. די ערד איז בשאפין געווארין דעם דריטען טאג אונ ווס

מאורות. הארץ בג' (יז) ותוצא הארץ עיקר ברייתה. ושהתה ג' ימים שלישי רביעי חמישי. ונגמרה מלאכתה בששי. ומהו גמר מלאכתה אדם. שנא' (ישעיה מה) אנכי עשיתי ארץ ואדם עליה בראתי: (ה) תולדות. א"ר שמואל ב"ר נחמן כל תולדות שנאמרו בתורה חסרין בר מן תרין. אלה תולדות פרץ וגו'. והדין. ומפני מה אינון חסרין. ר' יודן בשם ר' אבין אמר כנגד (יח) ו' דברים שנטלו מאדה"ר. ואלו הן. זיוו. חייו. וקומתו. ופרי הארץ. ופירות האילן. ומאורות. זיוו מנין שנא' (איוב יד) משנה פניו ותשלחהו. חייו מנין. כי עפר אתה וגו'. קומתו מנין שנא' ויתחבא האדם ואשתו. א"ר אבהו באותה השעה (יט) גזעה קומתו של אדה"ר ונעשית (כ) של מאה אמה. פרי האילן ופרי הארץ מנין. שנא' ארורה האדמה בעבורך. מאורות. ר' שמעון ב"ר יהודה איש כפר עכו אמר משם ר"מ. אע"פ שנתקללו המאורות מע"ש. לא לקו עד מ"ש. אתיא כרבנן ולא אתיא כר' יוסי. דאמר ר"י אדה"ר לא לן (כא) כבודו עמו. מ"ט (תהלים מט) ואדם ביקר בל ילין וגו'. ורבנן אמרי במ"ש ניטל זיוו ממנו. וטרדו מג"ע הה"ד ויגרש את האדם. וכתיב (איוב יד) משנה פניו ותשלחהו. א"ר יהודה ב"ר סימון אותה האורה שנברא בה העולם (כב) אדה"ר עמד והביט בה מסוף העולם ועד סופו. כיון שראה

הקב"ה

## מתנות כהונה

בראשון: (יז) ותוצא הארץ עיקר ברייתה. כלומר זהו עיקר ברייתה: (יח) ששה דברים כו'. ועתידין לחזור ע"י משיח בן דוד במהרה: (יט) גועה. נגדעה. נתקצרה שנאמר שיתחבא וזהו קומתו היה מלא כל העולם וכיון נתחבא אלא שנגדעה קומתו: (כ) של מאה אמה. דכתיב ותשת עלי כפך כ"ף בגימט' מאה הוא: (כא) כבודו. האור הטוב. לעיל פ"יא גרס (כב) אדם עמד והביט. פירושו כל אדם היה יכול להביט

---

זיא האט ארוים גיגעבין דאס איז גיוועזן איר עיקר בשאפונג. און זי האט גיווארט דריי טעג דינסטאג מיטוואך דאנערשטאג. און דעם זעקסטין טאג איז גיענדיגט גיווארין די ארבעט. וועלכעס איז די ענדע פון איר ארבעט. דער מענטש. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איך האב גימאכט די ערד און דעם מענטש וואס אויף איר האב איך בשאפין: (ה) (תולדות). רבי שמואל בר נחמן זאגט אלע תולדות וואס שטייט אין דער תורה פעלט אין זיי א ואו"ו. נאר צוויי תולדות זענען מיט צוויי וואוין. אלה תולדות פרץ און תולדות השמים והארץ. און פאר וואס פעלט אין אלע תולדות א ואו"ו. רבי יודן האט גיזאגט פון רבי אבין ס וועגין געגען די זעקס זאכין וואס זענען צו גינומען גיווארין פון אדם הראשון. דאס זענען די זעקס זאכין. זיין שיינקייט. זיין לעבין. זיין הייך. די פירות פון די ערד. די פירות פון בוים. די בעלייכטונג (די זוהן מיט די לבנה). פון וואנען ווייסין מיר אז פון אדם הראשון איז צו גינומען גיווארין זיין שיינקייט. ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט גיענדערט זיין פנים און האט אים אוועק געשיקט. פון וואנען ווייסין מיר אז עס איז צו גינומען גיווארין זיין לעבין. ווארום עס שטייט אין פסוק דו ביזט ערד און וועסט צוריק גיין צו די ערד. פון וואנען ווייסין מיר אז זיין הייך איז נידעריגער גיווארין. ווארום עס שטייט אין פסוק אדם מיט זיין ווייב האבין זיך בעהאלטין. רבי אבהו זאגט אין די צייט וואס זיי האבין געזינדיגט איז אפגעשניטען גיווארין די הייך פון אדם הראשון און עס איז נאר געבליבען זיין הייך הונדערט איילין. ווארום אז ער וואלט גיוועזן אזוי הויך ווי פריער פון די ערד ביז צום הימעל וואלט ער זיך דאך ניט גיקענט בעהאלטין. פון וואנען ווייסין מיר אז די פירות פון די ביימער און די פירות פון די ערד זענען קאליע גיווארין. ווארום עס שטייט אין פסוק די ערד זאל זיין פארפלוכט פון דייניטוועגין. אז די ערד איז ניט גוט. זענען אלע פירות ניט גוט. פון וואנען ווייסין מיר אז די זוהן מיט די לבנה זענען טינקעלער גיווארין. ווארום רבי שמעון ברבי יהודה פון דארף עכו האט גיזאגט פון רבי מאיר ס וועגין אפילו גאט האט גיפלוכט די זוהן מיט די לבנה באלד ערב שבת. פון דעסטוועגין זענען זיי ניט טינקעלער גיווארין ביז מוצאי שבת. דאס איז ווי די רבנן ניט ווי רבי יוסי. ווארום רבי יוסי האט גיזאגט דער כבוד פון אדם הראשון (דאס איז די זוהן מיט די לבנה) האט ניט גינעכטיגט מיט אים. איידער עס איז נאך גיווארין נאכט פון שבת זענען שוין די בעלייכטונגען טינקעלער

גיווארין

הקב"ה מעשה דור אנוש. ומעשה דור המבול. ומעשה דור הפלגה שהן מקולקלים.
עמד וגנזו מהם. שנא' (איוב לח) וימנע מרשעים אורם. (כג) ולמה גנזו. אלא גנזו
לצדיקים לע"ל. שנא' וירא אלהים את האור כי טוב. ואין טוב אלא צדיקים. שנא'
(ישעיה ג) אמרו צדיק כי טוב. ומנין שגנזו לצדיקים. שנא' (משלי ד) ואורח צדיקים כאור
נוגה. וכיון שראה אור שהוא גנוז לצדיקים שמח. שנא' (שם יג) ואור צדיקי' ישמח.
ר' לוי בשם ר' נזירא אמר. ל"ו שעות שמשה אותה האורה. י"ב של ע"ש. וי"ב של ליל
שבת. וי"ב של שבת. כיון שחטא אדה"ר בקש לגנזה. חלק כבוד לשבת. שנא' ויברך
אלהים את יום השביעי. ובמה ברכו באור. כיון ששקעה החמה בליל שבת שמשה
האורה. התחילו מקלסין להקב"ה. הה"ד (איוב לז) תחת כל השמים ישרהו. (כד) מפני
מה. ואורו על כנפות הארץ. האירה אותה האורה כל היום וכל הלילה. כיון ששקעה
המה

## מתנות כהונה

לגנזו כו מסוף העולם כו': (כג) ולמה גנזו. כיה לו לומר והעבירה: (כד) מפני שהוא מוצאי שבת תחלת בריית

---

געווארין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ואדם ביקר בל ילין. אדם האט ניט גענעכטיגט אין דעם
כבוד. די רבנן זאגין מוצאי שבת האט גאט צו גענומען די שיינקייט פון אדם הראשון אונ האט
אים ארויס געטריבען פון גן עדן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט ארויס געטריבען
דעם אדם. נאך שטייט אין פסוק גאט הט געענדערט דעם פנים (פון אדם) אונ הט אים אוועק
געשיקט (פון גן עדן). רבי יהודה בר סימון זאגט די ליכטיגקייט וואס מיט איר איז דיא וועלט
בשאפין געווארין. הט אדם הראשון דורך איר געקענט זעהן פון איין עק וועלט ביז צום אנדערן
עק וועלט. ווי גאט האט געזעהן וואס דער דור פון אנוש וועט טאהן אונ וואס דער דור פון
מבול וועט טאהן אונ וואס דער דור הפלגה וועט טאהן. וואס זיי וועלין זינדיגען. האט גאט
בעהאלטין די ליכטיגקייט פון זיי. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ער האט פארמיטען פון די
רשעים זייער ליכטיגקייט. פרעגט דער מדרש. צו וואס הט גאט בעהאלטין די ליכטיגקייט.
פאר וואס הט ער זיא ניט פארנומען זיא זאל גאר ניט מער זיין. נאר גאט הט די ליכטיגקייט
בעהאלטין פאר צדיקים ווען משיח וועט קומען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט געזעהן
די ליכטיגקייט (אז מען דארף זיא בעהאלטין פאר די מענטשין וואס מען רופט זיי) כי טוב.
טוב מיינט מען צדיקים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק זאגט צום צדיק כי טוב. ער איז גוט.
פון וואנען ווייסין מיר אז גאט הט בעהאלטין די ליכטיגקייט צו די צדיקים ווען משיח וועט קומען.
ווארום עס שטייט אין פסוק די וועג פון די צדיקים וועט שיינען ווי די ליכטיגקייט (פון ערשטין
טאג). ווי גאט האט געזעהן די ליכטיגקייט אז זיא איז בעהאלטין צו צדיקים. האט זיך גאט
געפרייט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ואור צדיקים ישמח. גאט האט זיך געפרייט אז די
ליכטיגקייט איז בעהאלטין געווארין פאר צדיקים: רבי לוי הט געזאגט פון רבי נזירא ס וועגין
די ליכטיגקייט האט בעדינט זעקס אונ דרייסיג שעה. צוועלף שעה פון ערב שבת. צוועלף
שעה די נאכט שבת. צוועלף שעה דער טאג שבת. ווען אדם הראשון האט געזינדיגט ערב
שבת. האט גאט באלד געוואלט בעהאלטין די ליכטיגקייט. נאר גאט האט געגעבין כבוד צו
שבת. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט געבענטשט דעם זיבעטין טאג. מיט וואס הט ער
אים געבענטשט. מיט די ליכטיגקייט וואס זיא איז געבליבען ביז מוצאי שבת. אונ ווי עס
איז געקומען די צייט עס זאל ווערין נאכט פון שבת. וואס די זוהן פון ערב שבת זאל
אונטער גיין, אונ די זוהן איז ניט אונטער געגאנגען נאר זיא הט ווייטער געשיינט. האבין אלע
אנגיהויבין לויבין גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אלץ וואס עס איז אונטער דעם גאנצין
הימעל האבין געזונגען. פאר וואס. ווייל די ליכטיגקייט איז געוועזן אויף אלע עקין ערד. אונ די
ליכטיגקייט הט געשיינט די גאנצע נאכט שבת אונ דעם גאנצען טאג שבת. ווי עס איז געקומען
מוצאי שבת אונ די זוהן איז אונטער געגאנגען אונ די פינסטערנים האט אנגיהויבין צו קומען
אין די צייט האט אדם הראשון מורא געהאט אונ ער האט געזאגט טאמער דער שלאנג וואס

המה במ"ש. החריל החשך ממשמש ובא. באותה שעה נתירא אדה"ר. אמר שמא איתר שכתוב בו הוא ישופך ראש ואתה תשופנו עקב בא להזדווג לי. (תהלים קלט) ואומר אך חשך ישופני. אתמהא. מה עשה לו הקב"ה. זימן לו שני רעפים והקישן זה לזה. ויצאת האור ובירך עליה. הה"ד (שם) ולילה אור בעדני. אתיא כההיא דתני ר' ישמעאל. מפני מה מברכין על האור במ"ש בורא מאורי האש. מפני שהוא תחלת ברייתו. רב הונא בשם ר' איבי בשם ר' יוחנן אמר. במוצאי יה"כ מברכין עליו. מפני ששבת באותו היום. ר' ברכיה בשם ר' שמואל אמר. אע"פ שנבראו הדברים על מלאתן. כיון שחטא אדה"ר נתקלקלו. ועוד אינן חוזרין לתקונן עד שיבא בן פרץ. שנא' (רות ד) אלה תולדות פרץ מלא. בשביל ו' דברים שיחזרו. ואלו הן, זיוו. חייו. קומתו. פירות הארץ. ופירות האילן. ומאורות. זיוו מנין. שנא' (שופטים ה) ואוהביו כצאת השמש בגבורתו. חייו מנין. שנא' (ישעיה סה) כימי העץ ימי עמי וגו'. תני רשב"י אומר (כה) אין עץ אלא תורה. המד"א (משלי ג) עץ חיים היא למחזיקים בה. קומתו מנין. שנא' (ויקרא כו) ואולך אתכם קוממיות. תני ר' חייא בקומה זקופה. ולא יראים מכל בריה:

## מתנות כהונה

כאור: (כה) אין עץ אלא תורה. שהיא קיימת לעד כך יהיו

---

ביי אים שטייט הוא ישופך ראש ואתה תשופנו עקב קומט זיך בהעפטין צו מיר. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אדם האט גיזאגט אך חשך ישופני. דאס פינסטערנים וועט אויף מיר דעם שלאנג ברייננגען. אוואנדער. וואס האט גיטאהן גאט. ער האט אנגיברייט צוויי שטיינער אונ ער הט גיקלאפט איינעם אויף דעם אנדערין איז ארויס גיגאנגען פייער הט ער גימאכט אברכה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אדם האט געזאגט די נאכט איז ליכטיג גיווארין פאר מיר. דאס איז ווי רבי ישמעאל האט גילערנט פאר וואס מאכט מען אברכה מוצאי שבת אויף פייער בורא מאורי האש. ווייל דער אנהייב בשאפונג פון פייער איז גיוועזן מוצאי שבת. רב הונא האט גיזאגט פון רבי איבו אונ פון רבי יוחנן וועגין מוצאי יום כפור מאכט מען אויך אברכה אויף פייער ווייל דער פייער האט גירוהט אגאנץ יום כפור מען האט ניט גיטארט אז צינדען פייער. איז גלייך ווי ער וואלט איצט בשאפין גיווארין. רבי ברכיה האט גיזאגט פון רבי שמואל ס וועגין אפילו אלע זאכין זענען בשאפין גיווארין אויף זייער ערפילונג. פון דעסטוועגין ווי אדם הראשון הט געזינדיגט איז אלץ קאליע גיווארין. אונ זיי וועלין שוין ניט צוריק גוט ווערין ביז בן פרץ (משיח) וועט קומען. הדיבער שטייט אין פסוק אלה תולדות פרץ פוהל מיט צוויי וואוין. וועגין די זעקס זאכין וואס וועלין צוריק קומען. דאס זענען זיי. דיין שיינקייט. זיין לעבין. זיין הייך. די פירות פון די ערד. די פירות פון בוים. די בעלייכטונגען (די זוהן מיט די לבנה). פון וואנען ווייסין מיר אז זיי שיינקייט וועט צוריק קומען. ווארום עס שטייט אין פסוק די וואס נאט הט זיי ליב וועלין זיין ווי די זוהן וואס גייט ארויס מיט זיין שטארקייט. פון וואנען ווייסין מיר אז זיין לעבין וועט צוריק קומען. ווארום עס שטייט אין פסוק אזוי ווי די טעג פון בוים וועט זיין די טעג פון מיין פאלק. רבי שמעון בן יוחי האט גילערנט דעם בוים מיינט מען די תורה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די תורה איז אבוים פון לעבין צו די וואס האלטין זיא. אזוי ווי די תורה איז אויף אייביג אזוי וועלין דיא מענטשין לעבין אייביג. פון וואנען ווייסין מיר אז די הייך זייגע וועט צוריק קומען. ווארום עס שטייט אין פסוק איך האב אייך געפירט קוממיות. האט רבי חייא גילערנט קוממיות מיינט מען אויף גיהויבין דעם קאפ. ווייל מען וועט פאר קיינעם ניט מורא האבין. רבי יודן זאגט קוממיות מיינט מען זיי וועלין זיין הויך הונדערט איילין. אזוי ווי אדם הראשון איז גיוועזן נאך עם זינדיגען. רבי שמעון זאגט קוממיות מיינט מען זיי וועלין זיין הויך צוויי הונדערט איילין. רבי אלעזר בר רבי שמעון זאגט קוממיות מיינט מען דריי הונדערט איילין. קומה איז הונדערט. מיות איז צוויי הונדערט. רבי אבהו זאגט זיי וועלין זיין הויך ניין הונדערט איילין. רבי ברכיה האט גיזאגט פון רבי דוסא ס וועגין רבי אבהו ווייס

בריה: ר' יודן אמר מאה אמה כאדה"ר. ר"ש אמר. ר' אמה. ר"א בר ר"ש אמר ג' מאות. קומה מאה מיות מאתים. ר' אבהו אמר ט מאות אמה. ר' ברכיה בשם ר' דוסא אמר. טעמיה דר' אבהו מהכא. כי כימי העץ ימי עמי. כשקמה הזו שהיא עושה בארץ ת"ר שנה. והוולד יוצא ממעי אמו (כו) באמה גרומה. צא וחשיב אמה ומחצה בכל שנה. הרי תשע מאות אמה. פירות הארץ ופירות האילן מנין שנא' (זכריה ח) כי זרע השלום הגפן תתן פריה וגו'. מאורות מנין שנא' (ישעיה ל) והיה אור הלבנה כאור החמה וגו': (ו) לכל יש תולדות. שמים וארץ יש להן תולדות. שנאמר אלה תולדות השמים והארץ בהבראם. הרים יש להן תולדות. שנאמר (תהלים צ) בטרם הרים יולדו וגו'. מטר יש לו תולדות. שנא' (איוב לח) היש למטר אב. טל יש לו תולדות. שנא' (שם) או מי הוליד אגלי טל. רשב"ל אמר אלו (כז) מרגליות של טל: (ז) תני כל מי שיש לו תולדות. מת ובלה. ונברא ואינו בורא. וכל מי שאין לו תולדות. אינו לא מת ולא בלה. ובורא ואינו נברא. ר' עזריה בשם רבי אמר (כח) כלפי מעלה הדבר אמור. כל

מה

## מתנות כהונה

קיימים לעד כ"ם כלע כמות לגלת: (כו) באמה גדומה. לפי בענין הוא שיעור אמה ומחצה: (כז) מרגליות. טיפין של טל כמרגליות ורש"י פי' ולועזין ליברא: (כח) כלפי מעלה כו'. זה שאמר מי שאין לו תולדות כו' ר"ל הקב"ה וכן פירש"י. ולפ"ז צ"ל כל מה וכו' אבן יש לפרשו דה"ק פסוק של אלה תולדות מוסב אדלעיל לומר שכל מה שנברא וכל אשר אתה רואה תולדות שמים וארץ כמו שדרשו את השמים לרבות כל צבא מעלה ואת הארץ לרבות כל צבא מטה ושיב מבאר וסולך האיך כולם צבא מעלה ומטה. ה"ג בילקוט תולדות שמים וארץ הן בראשון ברא שמים וארץ. כפי

---

דאס פון דעם פסוק אזוי ווי די טעג פון בוים וועלין זיין די טעג פון מיין פאלק (אונ דער פסוק קען ניט מיינען מען וועט לעבין אזוי לאנג ווי אבוים לעבט. ווארום מען וועט לעבין אייביג. נאר מען מיינט מען וועט זיין הויך ווי דער בוים וואס לעבט צום לייגסטין אין דער ערד) ווי דער בוים שקמה וואס ער וואקסט אין די ערד זעקס הונדערט יאהר. ווארום דאס קינד וואס ווערט געבארין צו פונפצע נייך חדשים. איז ער גרויס א אייל מיט אאכטיל אייל. דאס איז ניין אכטיל אייל. וואקסט ער יעדער חדש איין אכטיל אייל. אין צוועלף חדשים איז דאס א אייל מיט א הלבע אייל. ביז זעקס הונדערט יאהר וואקסט מען ניין הונדערט איילין הויך. פון וואנען ווייסין מיר אז די פירות פון די ערד אונ די פירות פון בוים וועלין פאר בעסערט ווערין. ווארום עס שטייט אין פסוק דער וויינשטאק וועט געבין אירע פרוכט די ערד וועט געבין אירע פרוכט. אירע פרוכט מיינט מען. די פרוכט וואס זיא האט געגעבין אין אנהייב ווען די וועלט איז בשאפין געווארין. פון וואנען ווייסין מיר אז די זוהן מיט די לבנה וועלין ליכטיגער ווערין. ווארום עס שטייט אין פסוק די ליכטיגקייט פון די לבנה וועט זיין ווי היינט לייכט די זוהן. אונ די ליכטיגקייט פון די זוהן וועט זיין ווי זיא האט געלויכטין די ערשטע זיבען טאג: (ו) לכל. אלע זאכין געבארין פון זיך אנדערע. די הימעל אונ די ערד געבארין פון זיך אנדערע. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דאס זענען די געבורט פון די הימעל אונ ערד ווען זיי זענען בשאפין געווארין. די בערג געבארין פון זיך אנדערע. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק בטרם הרים ילדו (זאלסט ניט לייענען ילדו. זיי זענען געבארין געווארין. נאר זאלסט לייענען ילדו. איידער די בערג האבין געבארין אנדערע). דער רעגין געבארט אויך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק האט דען דער רעגין א פאטער. וואס הט אים געבארין. ער איז אליין א פאטער וואס ער וועט געבארין אנדערע. דער טאה געבארט אויך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ווער האט געבארין די טראפין טאה. ווייל די טראפין טאה געבארין נאך אנדערע. אונ ניט זיי זענען געבארין געווארין. רבי שמעון בן לקיש זאגט דאס זענען די פעריל פון דעם טאה. די טראפינס טאה וואס זעהן אויס ווי פעריל אונ זיי זענען געבארין פון דעם טאה פון הימעל: (ז) תני) מיר האבין גילערנט דער וואס געבארט וועט ער שטארבין אונ פארפוילט ווערין. אונ ער איז בשאפין געווארין אונ בעשאפט ניט קיין אנדערין. אונ דער וואס געבארט ניט וועט ניט שטארבין אונ וועט ניט פארפוילט ווערין אונ ער בעשאפט אנדערע אונ איז אליין ניט בשאפין געווארין.

רבי

מה שאתה רואה תולד'ת שמים וארץ הן. שנא' בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ. בשני ברא מן העליונים. שנא' ויאמר אלהים יהי רקיע. בשלישי ברא מן התחתונים. ויאמר אלהים תדשא הארץ. ברביעי ברא מן העליונים. ויאמר אלהים יהי מאורות. בחמישי ברא מן התחתונים. ויאמר אלהים ישרצו המים. בששי בא לבראות את האדם. אמר אם אני בורא אותו מן העליונים. עכשיו העליונים רבים על התחתוני' בריה אחת. ואין שלום בעולם. ואם אני בורא אותו מן התחתונים. עכשיו התחתונים רבים על העליונים בריה אחת ואין שלום בעולם. אלא הרי אני בורא אותו מן העליונים ומן התחתונים בשביל שלום. הה"ד וייצר ה' אלהים את האדם (וגו'). עפר מן האדמה מן התחתונים. ויפח באפיו נשמת חיים. מן העליונים. דאמר רשב"ל (איוב כה) המשל ופחד עמו עושה שלום במרומיו. (כט) המשל זה גבריאל. ופחד זה מיכאל: (ח) אמר ריב"ק בהבראם. (ל) באברהם. בזכותו של אברהם. ר' עזריה אמר על הדא דריב"ק (נחמיה ט) אתה הוא ה' לבדך אתה עשית וגו' וכל אשר בהם. כל (לא) האונקים הזה בשביל מה. בשביל אתה הוא ה' האלהים אשר בחרת באברם והוצאתו מאור כשדים ושמת

## מתנות כהונה

כו'. וכא לומר שברא[ן] נברא מן העליונים ומן התחתונים: (ובמ"ר יג) ולפי מה שנא ולפי הקבלה המפורסמת ל"ל (כט) המשל זה גבריאל וכו'. לפי מה שנמצא ברוב הספרים בסיפוק (ל) באברהם. אותיותיו שוין: (לא) האונקים. המבא:

---

רבי עזריה זאגט פון רבי ס וועגן די זאך איז געזאגט געווארין געגין גאט. אלין וואס דו זעהסט זענען געבארין געווארין פון די הימעל אונ ערד. אזוי ווי עם שטייט אין פסוק צו ערשט דעם ערשטין טאג) הט גאט בעשאפין די הימעל אונ ערד. דעם אנדערין טאג האט ער בעשאפין פון די אובערשטע. אזוי ווי עם שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט עם זאל זיין רקיע אפארשפרייטונג. דעם דריטען טאג האט ער בעשאפין פון די אונטערשטע אזוי ווי עם שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט די ערד זאל בדעקט ווערין מיט גראז. דעם פערטין טאג האט ער בעשאפין פון די אובערשטע. אזוי ווי עם שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט עם זאל ווערין בעליכטונגען. די זונן אונ די לבנה. דעם פינפטען טאג האט ער בעשאפין פון די אונטערשטע. אזוי ווי עם שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט די וואסער זאל ווידמען אלעבעדיגע ווידמונג. דעם זעקסטין טאג איז גאט געקומען בעשאפין דעם מענטש. הט גאט געזאגט אויב איך וועל אים בעשאפין פון די אובערשטע. וועלין די אובערשטע זיין מער ווי די אונטערשטע מיט איין בעשאפונג. וועט ניט זיין שלום אויף דער וועלט. אונ אויב איך וועל אים בעשאפין פון די אונטערשטע. וועלין די אונטערשטע זיין מער ווי די אובערשטע מיט איין בעשאפונג. וועט ניט זיין שלום אויף דער וועלט. נאר איך וועל אים בעשאפין פון די אובערשטע אונ פון די אונטערשטע. עם זאל זיין שלום. אזוי ווי עם שטייט אין פסוק גאט האט בעשאפין דעם מענטש פון די ערד. דאס איז פון די אונטערשטע. אונ ער הט אין אים אריין גיבלאזין אלעבעדיגען אטעם פון די אובערשטע. ווארום רבי שמעון בן לקיש הט געזאגט עם שטייט אין פסוק געוועלטיגקייט אונ פורכט איז מיט אים ער טוהט שלום אין הימעל. געוועלטיגקייט מיינט מען גבריאל. פורכט מיינט מען מיכאל. אונ גאט מאכט שלום צווישען זיי. זעהן מיר אז צווישען מלאכים איז אויך דא קנאה אונ מען דארף מאכין שלום צווישען זיי: (ח) רבי יהושע בן קרחה זאגט בהבראם זענען די אותיות באברהם. אין דעם זכות פון אברהם איז בעשאפין געווארין די וועלט. רבי עזריה זאגט עם איז דא אבעווייזונג אז עם איז אזוי ווי רבי יהושע בן קרחה זאגט. ווארום עם שטייט אין פסוק דו גאט אליין האסט געמאכט דעם הימעל אונ די הימלען וואס איבער דעם הימעל אונ אלע ערשאפט זייערע. די ערד אונ אלין וואס אויף איר. די וואסערין אונ אלין וואס אין זיי. אונ דו ערנערסט אלע. אונ די ערשאפט פון הימעל בוקין זיך צו דיר. פון וועמעם וועגין האסטו דאס אלין בעשאפין. ווייל דו ביזט דער גאט. וואס דו האסט אוים דער וויילט אין אברם אונ האסט אים ארויס גיצויגין פון אור כשדים אונ האסט גיטאהן זיין נאמען אברהם. אמר. רבי יודן האט געזאגט אז אין פסוק וואלט גישטאנען בהרים

ושמת שמו אברהם. א"ר יודן (לג) בהרים הגבוהים היעלים אכ"כ. אלא (תהלים קד) הרים הגבוהים ליעלים. הרים הגבוהים למה נבראו (לג) בשביל היעלים. מה יעלה זו תיישה היא מתיראת מן החיה. ובשעה שהיא מבקשת לשתות. הקב"ה מכנים בה רוח של (לד) הזזית והיא מקרקשת בקרניה. (לה) והיא שומעת קולה ובורחת. (שם) סלעים מחסה לשפנים. הדין (לו) טפוא (לז) מיגין תחות שקפא מפני העוף בשעה שהוא פורח שלא יאכלנו. ומה בשביל דבר טמא ברא הקב"ה את עולמו. בשביל זכותו של אברהם עאכ"ו, אתמהא: (לח) בהבראם. ר' אבהו בשם ר' יוחנן אמר בהבראם בה"א בראם. ומה ה"א זה כל האותיות תופסין את הלשון. וזה (לח) אינו תופס את הלשון. כך לא בעמל ולא ביגיעה ברא הקב"ה את עולמו. אלא (שם לג) בדבר ה' וכבר שמים נעשו. ר' יהודה נשיאה שאליה לרשב"נ אמר מפני ששמעתי עליך שאתה בעל הגדה. מ"ד (שם סח) סולו לרוכב בערבות ביה שמו וגו'. א"ל אין כל מקום ומקום שאין לו איש ממונה על ביה שלו. (לט) אנדיקום במדינה ממונה על ביה שלו. (מ) אגוסטוס במדינה ממונה

## מתנות כהונה

(לג) בהרים הגבוהים היעלים אין כתיב. שהיה משמע היעלים נמצאים בהרים: (לג) ה"ג בשביל היעלים. יעלה זו תיישה. כלומר הכי קאמר ולפיכך היא עולה על ההרים הרמים כדי שלא יעלו החיות אחריה וכשהיא צמאה ומוכרחת לירד למים ומתיירא מן החיות: (לד) הזית. רוח של שטות ושגעון: (לה) וכיא. החיה שומעת קול הקרקוש ומתיירא ובורחת: (לו) טפוא. הספן הזה שוכב לישן תחת הסלע ומתיירא מן העופות שלא ישוטו עליו ויאכלוהו ועיין ערך טקף: (לז) מגין. ישן כד"א דגני אפרקדן: (לח) אינו תופס את הלשון. אינו צריך להפיס הלשון להוציאו הה"א: (לט) אנדיקים. בערוך גרס אגריקוס. והוא שם מין שררה: ה"ג ממונה על ביה שלו ופי' הרמב"ן בפ' מקץ בי אדני בי אתה מעביר עלינו ופי' בו הרמב"ן ז"ל שבכל מקום ומקום יש ממונה על צעקת בני מדינה והעוות שנעשה בקרבה והקב"ה ממונה על עוותו של העולם כו': (מ) אגוסטוס. בערוך

---

בהרים הגבוהים יעלים. וואלט מען מיינען אויף די הויכע בערג געפינען זיך יעלים. עס שטייט אבער ניט אזוי. נאר עס שטייט הרים הגבוהים ליעלים. מיינט מען צו וואס זענען בשאפן געווארין די הויכע בערג. פון וועגין די יעלים. ווייל די יעלים זענען שוואכע און זיי האבין מורא פאר די חיות. דריבער זענען זיי אויף די הויכע בערג. די חיות זאלין ניט קענען קומען צו זיי. און אז די יעלה איז דארשטיג און זיא וויל טרינקען. און זיא מוז אראפ גיין פון בארג צום וואסער. קען דאך איר אחיה הרגנן. ברענגט גאט אריין אין די יעלה א משוגעם גייסט און זי ווערט ווילד און זיא קלאפט מיט די הערנער און די חיות הערין דעם קלאפין ווערין זייא דער שראקין און אנטלויפין קען די יעלה אראפ גיין טרינקען וואסער. די גרויסע שטיינער זענען בשאפין געווארין זיי זאלין זיין א בעשיצונג צו די שפנים. דער שפן אז ער וויל שלאפין ליגט ער זיך אונטער די שטיינער ווייל ער האט מורא פאר די עופות וואס פליהען זיי זאלין אים ניט אויף עסין. מאראך וועגין די זאכין וואס זענען טמא האט גאט בשאפין די וועלט. וועגין דעם זכות פון אברהם האט געוויס גאט בשאפין די וועלט. אוואנדער: (מ) בהבראם. רבי אבהו האט גיזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין בהבראם מאכט בה' בראם. מיט דעם אות ה' האט גאט בשאפין די וועלט. אלע אותיות מוז מען רעדין מיט די צונג. און דעם ה' קען מען רעדין אן די צונג. אזוי ווי גרינג מען רעט ארויס דעם ה'. אזוי גרינג אן ארבעט און אן מאטערניש האט גאט בשאפין די וועלט. נאר אזוי ווי גאט האט ארויס גירעט עס זאל זיין אהימעל. איז שוין גיווארין אהימעל. רבי יהודה נשיאה האט גיפרעגט ביי רבי שמואל בר נחמן ווייל איך האב גיהערט אויף דיר אז דו ביזט א דרשן זאג מיר דעם פסוק מאכט אוועג צו דעם וואס ער רייט אויף דעם הימעל וואס הייסט ערבות ביה שמו. האט גידארפט שטיין יה שמו. זיין נאמען איז יה. האט רבי שמואל גיזאגט עס איז ניטא אארט וואס דארט זאל ניט זיין א מענטש אעלצטער וואס זאל זיך אן נעמען אויף דעם גישריא וואס קומט פאר אים אז איינער האט אים אומרעכט גיטאהן. ווער גיט אכטונג אויף דעם גישריא פון דער וועלט וואס איינער טוהט אומרעכט דעם אנדערין. גאט. זאלסט ניט לייענען ביה שמו. נאר זאלסט לייענען ביה שמו. גאט גיט אכטונג אויף דעם ביה (גישריא) פון דער וועלט. צו שטראפין דעם

מענטש

(מה) ממונה על ביה שלו. כך מי ממונה על ביה של עולם. הקב"ה ביה שמו על בית
של עולמו. א"ל (מב) אוי דמובדין ולא משתכחין שאלית לר"א ולא אמר כן אלא (ישעיה
כו) כי ביה ה' צור עולמים. בשתי אותיות ברא הקב"ה את עולמו. אין אנו יודעין. אם
העה"ז נברא בה"א. והעה"ב ביו"ד. או אם העה"ז נברא ביו"ד. והעה"ב בה"א. וממה
דאמר ר' אבהו בשם ר"י. בהבראם בה"א בראם. הוי העה"ז נברא בה"א. ומה ה"א זה
סתום מכל צדדיו ופתוח מלמטה. רמז שכל המתים יורדים לשאול. והעוקץ שלו
מלמעלה. רמז שעתידים לעלות. והחלון הזה שמן הצד רמז (מג) לבעלי תשובה.
והעה"ב נברא ביו"ד. מה יו"ד זה קומתו כפופה. כך הן הרשעים קומתן כפופה. ופניהם
(מד) מקדירות לע"ל הה"ד (ישעיה ב) ושח גבהות האדם ושפל רום אנשים ונשגב ה' לבדו
ביום ההוא. ואומר (שם) והאלילים כליל יחלוף: (י) בהבראם. ר' ברכיה בשם ר'
יהודה ב"ר סימון אמר. בלא עמל ובלא יגיעה ברא הקב"ה את עולמו. אלא בדבר ה'
וכבר שמים נעשו. משל למלך שנזף בעבדו ועמד לו (מה) תמיה. כך (איוב כו) עמודי
שמים ירופפו ויתמהו מגערתו: (יא) ר' אלעזר ור' יהושע. ר"א אומר כל מה שיש
בשמים ברייתו מן השמים. כל מה שיש בארץ ברייתו מן הארץ. ומייתי ליה מן הכא
(תהלים קמח) הללו את ה' מן השמים וגו'. הללו את ה' מן הארץ וגו'. ר"י אומר כל
מה

## מתנות כהונה

עמרוך גרס אגבסטם והוא ג"כ שם מין סרדס: (מה) ס"ג ביה שמו ממונה על ביה של עולמו ודייק מדכתיב ביה שמו וסלא שמו אינו אלא יה וכן הוא בהדיא במדרש תהלים וכן אמר כאן בהבראם כו' בראם כלומר בורא ממונה על ביה שלו: (מב) אוי דמובדין כו'. אוי ואבוי יש לצעוק על שנאבדו ממנו חכמים כהאשונים. כגון ר"א כי שאלתיו ולא אמר כן: (מג) לבעלי תשובה. כלומר פתח פתוח לכניסה שיכנסו והקב"ה יקבלם: (מד) מקדירות. משחירות כי כן סו"ף כולו גולם א' שחור: (מה) תמיה. מתמיה ונבהל:
מער

---

טענטש וואס ער טוהט אשולה צו זיין חבר. האט רבי יודא גיזאגט ווי געשריגען אויף די וואס
זענען גיוואָרין פארלאָרין אונ וועלין שוין ניט מער גיפונען ווערין. איך האב די זאך גיפרעגט
ביי רבי אליעזר האט ער ניט אזוי גיזאגט. נאר אזוי מיינט מען כי ביה. מיט די צוויי אותיות
יה. ה' צור עולמים. האט גאט בשאפין ביידע וועלטין. נאר מיר ווייסין ניט אויב די וועלט
איז בשאפין גיוואָרין מיט דעם ה. אונ עולם הבא מיט דעם יוד. אָדער די וועלט איז בשאפין
גיוואָרין מיט דעם יו"ד. אונ עולם הבא מיט דעם ה. נאר ווי רבי אבהו האט גיזאגט פון רבי
יוחנן ס ווענין בהבראם איז דער טייטש בה' בראם. זעהן מיר אז די וועלט איז בשאפין גיוואָרין
מיט דעם ה. אונ אזוי ווי דער ה. איז פאר מאכט פון אלע זייטין אונ האפין פון אונטען. צו ווייזין
אז אלע וואס שטארבין נידערין אין גרוב. אונ די שפיצען וואס איז גימאכט אויף די ה. אזוי
ווי א קרוין. דאס ווייזט אז די מתים וועלין לעבעדיג ווערין אונ וועלין ארויס גיין פון די קברים.
אונ דאס פיסול פון ה וואס איז הויבין האפין אונ עס זעהט אויס ווי א פענסטער ביי דער זייט.
דאס ווייזט אז די וואס ווילען תשובה טאהן וועלין קענען ארויין גיין פון הויבין אונ גאט וועט זיי
צו נעמען. אונ עולם הבא איז בשאפין גיוואָרין מיט א יו"ד. אזוי ווי דער יוד איז זיין הייך איין
גיבויגין. אזוי וועלין זיין די רשעים זייער הייך איין גיבויגין אונ זייער פנים שווארץ אויף עולם
הבא. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עס וועט איינגיבויגין ווערין די הייך פון די מענטשין.
אונ עס וועט נידעריג ווערין די הייך פון די מענטשין. אונ גאט אליין וועט גרויס ווערין דעם
טאג. אונ די עבודה זרות וועלין אין גאנצין פארשניטען ווערין: (י) (בהבראם). רבי ברכיה האט
גיזאגט פון רבי יהודה בר סימון ס ווענין אן ארבעט אונ אן מאטערניש האט גאט בשאפין די
וועלט. נאר ווי גאט האט ארויס גירעט עס זאל ווערין א הימעל אונ א ערד. איז שוין די הימעל
אונ ערד גיוואָרין. למשל א מלך האט א ווישרייא גיטאהן צו זיין קנעכט. איז דער קנעכט געבליבען
שטיין פארוואנדערט אונ דער שראקין. אזוי זענען גיוועזן די זיילין פון הימעל שוואך אונ זיי
האבין זיך פארוואנדערט פון דעם גישריי פון גאט. אונ זענען געבליבען פעסט שטיין. (יא) רבי
אליעזר אונ רבי יהושע קריגען. רבי אליעזר זאגט אלין וואס איז דא אין הימעל איז בשאפין גיוואָרין
פון הימעל. אונ אלין וואס איז דא אויף די ערד איז בשאפין גיוואָרין פון די ערד. אונ רבי
אלעזר

טה שיש בשמים ובארץ. אין ברייתו אלא מן השמים. ומייתי לה מהכא (איוב ל"ז) כי לשלג יאמר הוא ארץ. מה שלג אע"פ שהווייתו בארץ. אין ברייתו אלא בשמים. כך כל מה שיש בשמים ובארץ. אין ברייתו אלא מן השמים. ר' הונא בשם ר' יוסף אמר. כל מה שיש בשמים ובארץ. אין ברייתן אלא (מו) מן הארץ. הה"ד (ישעיה נ"ה) כי כאשר ירד הגשם והשלג מן השמים וגו'. מה הגשם אע"פ שירידתו מן השמים אין ברייתו אלא מן הארץ. כך כל מה שיש בשמים ובארץ אין ברייתו אלא מן הארץ. ר' יודן מייתי ליה מהכא (קהלת ג) הכל הולך אל מקום אחד הכל היה מן העפר והכל שב אל העפר. רב נחמן אמר אפי' גלגל המה. שנא' (איוב ט) האומר (מז) לחרס ולא יזרח: (יב) ר' יוחנן ור"ש ב"ל. ר' יוחנן אמר מלך ב"ו בונה פלטין, משהוא בונה את התחתונים. אח"כ הוא בונה את העליונים. אבל הקב"ה ברא את העליונים ואת התחתונים בריאה אחת. רשב"ל אומר. מלך ב"ו עושה ספינה. בתחלה הוא מביא קורות. ואח"כ הוא מביא ארזים. ואח"כ הוא מביא (מח) היגנים. ואח"כ הוא מעמיד עליה (מט) נווטים. אבל הקב"ה ברא הן ומנהיגיהם. הה"ד (ישעיה מב) כה אמר האל ה' בורא השמים ונוטיהם. ונווטיהם כתיב: (יג) ר' יצחק ורשב"ל. ר' יצחק אמר (נ) מלך ב"ו. בונה אהל ומותח אר.ל אננקי

## מתנות כהונה

(מו) מטר מן הארץ, שהעבים שואבים מים אוקיינוס: (מז) חרס כה"ן: (מח) הוגנים, פי' הערוך מלחים או ספה ומסגרת: ברייתו מן האדמה והוא קורא לשמש חרס הרי שברייתו מן (מט) נווטים. ספנים מוליכי הספינה: (נ) כ"ג בירוש'

אליעזר ברייננט אבעווייזונג צו זיינע רייד פון דעם פסוק הללו את ה' מן השמים. לויבט נאט פון הימעל. אונ ער רעכונט אוים אלע זאכין וואס אויף דעם הימעל. אונ ער זאגט פון הימעל. וויל אלץ איז געווארין בשאפין פון הימעל. אונ עס שטייט הללו את ה' מן הארץ. לויבט גאט פון די ערד. אונ ער רעכונט אוים אלע זאכין וואס אויף די ערד. אונ ער זאגט פון די ערד. וויל אלץ איז געווארין בשאפין פון די ערד. רבי יהושע זאגט אלץ וואס עס איז דא אויף די הימעל אונ אויף די ערד. איז אלץ בשאפין געווארין נאר פון די הימעל. אונ ער ברייננט אבעווייזונג צו זיינע רייד פון דעם פסוק צום שנייא האט גאט געזאגט זיי אויף די ערד. אזוי ווי דער שנייא אפילו ער איז אויף די ערד. פון דעסטוועגין בשאפין איז ער געווארין אין הימעל. אזוי אלע זאכין וואס איז דא אויף דעם הימעל אונ אויף די ערד איז בשאפין געווארין נאר פון הימעל. רבי הונא זאגט פון רבי יוסף ס וועגין אלץ וואס עס איז דא אויף דעם הימעל אונ אויף די ערד. נאר בשאפין געווארין פון די ערד. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אזוי ווי עס נידערט דער רעגין אונ דער שנייא פון הימעל. אזוי ווי דער רעגין אפילו ער נידערט פון הימעל. פון דעסטוועגין בשאפין איז ער געווארין נאר פון די ערד. (ווארום די וואלקינס טרינקען דאס וואסער פון ים אוקינוס. אונ דער נאך גייען זיי ארויף אין דער הייך. אונ נימען אראפ דאס וואסער. אונ דאס איז דער רעגין) אזוי אלע זאכין וואס זענען דא אויף דעם הימעל אונ אויף די ערד זענען בשאפין געווארין נאר פון די ערד. רבי יודן ברייננט דאס פון דעם פסוק אלץ גייט צו איין ארט אלץ איז געווארין פון די ערד אונ אלץ וועט צוריק קערין צו די ערד. רבי נחמן זאגט אפילו די זוהן איז אויך פון די ערד בשאפין. ווארום עס שטייט אין פסוק האומר לחרס ולא יזרח. ער זאגט צו די זוהן זיא זאל ניט שיינען. רופט מען די זוהן חרס. אשארבין. וויל דער שארבין איז פון ערד אונ די זוהן איז פון ערד: (יב) רבי יוחנן אונ רבי שמעון בן לקיש זאגין ביידע צוויי משלים. רבי יוחנן זאגט אז א מענטש באהט אהויז. פריער באהט ער די אונטערשטע שטובין. אונ אויף די אונטערשטע שטובין באהט ער די אויבערשטע שטובין. אבער גאט האט בעשאפין די אויבערשטע מיט די אונטערשטע מיט איין בשאפונג. רבי שמעון בן לקיש זאגט אז א מענטש באהט א שיף פריער ברייננט ער בעלקעס. דער נאך ברייננט ער טענען בוימער. דער נאך ברייננט ער אנקערס. דער נאך שטעלט ער מענטשין צו פירען די שיף. אבער גאט האט בשאפין די הימעל אונ די ערד אונ זייערע פירער ס אלץ מיט איין מאהל. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אזוי האט געזאגט גאט וואס ער האט בשאפין די הימעל ונוטיהם. זאלסט ניט לייענען ונוטיהם. נאר ונווטיהם. זייערע פירערס:

(נא) אנקי. (נב) ע"י שהות הוא רפי קימעא. ברם הכא (איוב ל"ז) תרקיע עמו לשחקים. וא"ת שהן רפים. ת"ל (שם) חזקים כראי מוצק. רשב"ל אמר ב"ו מוצק כלים אנקי. ע"י שהות היא מעלה חלודה. ברם הכא חזקים כראי מוצק. נראים כמין (נג) תרקיא. ר' עזריה אמר על הרא דרשב"ל. (נד) כי בו שבת מכל מלאכתו. אלה תולדות השמים והארץ בהבראם. אלא יום יוצא יום נכנס. שבת יוצאת שבת נכנסת. חדש יוצא חדש נכנס. שנה יוצאת שנה נכנסת: (יד) ביום עשות ה' אלהים ארץ ושמים. ב"ש וב"ה. בש"א (נה) מחשבה בלילה ומעשה ביום. וב"ה אומרים מחשבה ומעשה ביום. אמר רשב"י תמיה אני. איך נחלקו אבות העולם ב"ש וב"ה על בריית שמים וארץ. אלא מחשבה בין ביום בין בלילה. ומעשה עם דמדומי חמה: (טו) ה' אלהים. למלך שהיו לו כוסות רקים. אמר המלך אם אני נותן לתוכן חמין הם (נו) מתבקעים. צונן הם (נז) מקריסין. מה עשה המלך ערב חמין בצונן ונתן בהן ועמדו. כך אמר הקב"ה אם בורא אני את העולם במדת הרחמים הוי (נח) חטייה סגיאין. במדת הדין האיך העולם יכול לעמוד. אלא הרי אני בורא אותו במדת הדין ובמדת הרחמים

## מתנות כהונה

(פ"ק דברכות) בשר ודם מותח כולם אנקי ופי' הערוך כולם מראה של זכוכית כדאי' במכילתין קשה היה משני חלקים ועשה כמין כולום של זכוכית: (נא) אנקי. בעת לדה ושעת הזקן: (נב) ע"י שהות. כשהוא ועומד מעט הוא נעשה רפוי מעט: (נג) תרקיא. מראה של זכוכית: (נד) כי בו שבת וגו'. סיפא דקרא אשר ברא אלהים לעשות אלה תולדות שמים וגו' דמשמע לעשות מכאן ואילך תולדות שמים וארץ והוא במה שמחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית כדמפרש ואזיל והם כלים לקיים שעומדין בחזקתם ומראיתם ותמונתם. כמו בעת בריאתם: (נה) מחשבה בלילה כו': (נו) מתבקעים כשברים לשברים: (נז) נקרסים. מתבקעים בלי חסרון: (נח) חטייה. החטא או כחוטאים יהיו רבים כי לא יפחדו

---

(יג) רבי יצחק און רבי שמעון בן לקיש זאגין. רבי יצחק זאגט אז אמענטש באהט אגיצעלט און ער ציהט אן דעם ליינוואנד פון דעם גיצעלט היינג. פון דעסטוועגין מיט דער צייט ווערט דער ליינוואנד אביסול לויז. דא האט גאט אויס גישפרייט דעם הימעל. טאמער וועסטו זאגין זיי זענען גיווארין לויז. שטייט אין פסוק זיי זענען שטארק אזוי ווי אאייזערנער שפיגול. רבי שמעון בן לקיש זאגט אז אמענטש גיסט כלים (קופערנע מעשענע אדער פון איין אנדער מאטריאל) און ער מאטערט זיך אפ צו פוצען זיי זאלין גלאנצען. פון דעסטוועגין מיט דער צייט ווערין זיי פאר זאווערט. אבער דא דער הימעל איז שטארק און גלאנצט אזוי ווי אגלעזערנער שפיגול. רבי עזריה האט גיזאגט אבעווייזונג פון פסוק אויף דעם וואס רבי שמעון בן לקיש האט גיזאגט. עס שטייט אין פסוק אום שבת האט גאט גירוהט פון אלע ארבעט. צו וואס שטייט נאך אמאהל דאס זענען די געבורט פון די הימעל און ערד ווען זיי זענען בשאפין גיווארין. נאר אטאג גייט אוועק און אטאג קומט אן. אוואך גייט אוועק און אוואך קומט אן. אחדש גייט אוועק און אחדש קומט אן. איאהר גייט אוועק און איאהר קומט אן. אלץ קומט אן נייע. נאר די הימעל און די ערד זענען די זעלביגע און זענען אין זייער שטארקייט און שיינקייט ווי זיי זענען גיוועזין ווען זיי זענען בשאפין גיווארין. מיינט דער פסוק דאס זענען די געבורט פון די הימעל און די ערד ווען זיי זענען בשאפין גיווארין. אייביג זענען זיי אזוי ווי זיי זענען בשאפין גיווארין. און ווערין ניט גיענדערט. אז מען קען אלע מאהל זאגין דאס זענען זיי: (יד) ביום עשות ה' אלהים ארץ ושמים. פאר וואס שטייט דא ה' און אלהים. קריגען בית שמאי און בית הלל. בית שמאי זאגין ביי נאכט האט גאט גיטראכט צו בשאפין די הימעל און ערד. און ביי טאג האט ער זיי בשאפין. און בית הלל זאגט דאס טראכטען און דאס טאהן איז אלץ גיוועזין ביי טאג. (דער נאמען ה' ווייזט אויף טראכטין. און דער נאמען אלהים ווייזט אויף טאהן). רבי שמעון בן יוחאי זאגט עס וואנדערט מיך ווי אזוי קענען קריגען אזעלכע גרויסע לייט ווי בית שמאי און בית הלל אויף די בעשאפונג פון די הימעל און ערד. נאר דאס טראכטין איז גיוועזין ביי טאג און ביי נאכט. און דאס טאהן איז גיוועזין צווישען טאג און נאכט: (טו) (ה' אלהים). אמלך האט אמאהל גיהאט דינע גלעזער האט דער מלך גיזאגט אויב איך וועל אריין גיסען אין זיי הייסע וואסער וועלין זיי צו בראכין ווערין אויף שטיקלאך. אויב איך וועל אין זיי אריין גיסען קאלטע וואסער וועלין זיי צו שפאלטין

ווערין

הרחמים: והלואי יעמוד: (טז) ארץ ושמים. משל (נט) ללגיון שהמליך את המלך תחלה. אמר המלך הואיל ולגיון זה המליכני תחלה. הרי אני נותן לו (ס) פרוקופי שלא תזוז ממנו לעולם. כך אמר הקב"ה הואיל והארץ היא עשתה (סא) צביוני תחלה. הרי אני נותן לה פרוקופי שלא תזוז ממנה לעולם. הה"ד (תהלים ק"ד) יסד ארץ על מכוניה בל תמוט עולם ועד:

**פרשה יג** (א) וכל שיח השדה טרם וגו'. הכא את אומר כל שיח השדה וגו'. ולהלן את אומר (א) ויצמח ה' אלהים מן האדמה. א"ר חנינא (ב) להלן לג"ע. וכאן לישובו של עולם. תני ר"ח אלו ואלו לא צמחו. עד שירדו עליהם גשמים: (ב) וכל שיח השדה כל האילנות (ג) כאילו משיחין אלו עם אלו. כל האילנות כאילו משיחין (ד) עם הבריות. כל האילנות (ה) להנאתן של בריות נבראו. מעשה בא' שבצר

את

## מתנות כהונה

מן הטוים: (נט) ללגיון. חיל של מלך: (ס) פרוקופו. כבוד בלבון גירמטקי ורש"י פי' מתנה והיא היא: (סא) לביוניג פירש"י דכתיב והוצאה הארץ דהא מיד אחר הלוואה: (ה) ויצמח ה' אלהים. הרי שהיו אילנות וכאן אמר וכל שיח לא היה עדיין: (ו) ויטע ה' אלהים גן בעדן מקדם והרשו חכמים ז"ל מקודם שנברא האדם כדי שימצא הכל מתוקן: (ג) כאילו משיחין אלו עם אלו. כאילו הם מניחים דבר ומדברים זה עם זה: (ד) עם הבריות. פירש"י ז"ל שהבריות זורעין ונוטעין מעט על מנת להוציא הרבה: (ה) להנאתן של בריות. היינו דקרא דייק והאדם אין הרי שהכל בשביל

---

ווערין. וואס האט דער מלך גיטאהן ער האט אוים געמישט וואַרעמע וואַסער מיט קאלטע. אונ הט אַריין גיגאָסין אין די גלעזער. זענען די גלעזער געבליבען גאַנץ. אַזוי הט גאָט גיזאָגט אויב איך וועל בַשאַפין די וועלט מיט רחמנות. וועט מען פיל זינדיגען. אויב איך וועל בַשאַפין די וועלט מיט דין. וועט די וועלט ניט קענען בשטיין. נאָר איך וועל בַשאַפין די וועלט מיט משפט אונ מיט רחמנות אונ הלואי זאָל זיא קענען בשטיין: (טז) ארץ ושמים. למשל מען האט גימאַכט אַנייעם מלך איז איין שר גיקומען דער ערשטער צום מלך אונ האט אויף זיך גינומען זיין מלוכה. האט דער מלך גיזאָגט וויל דער שר איז גיוועזן דער ערשטער וואס הט אויף זיך גענומען מיין מלוכה. דריבער וועל איך אים געבין אַזוי אַכבוד וואס עס זאל קיין מאהל ניט אפגיטאהן ווערין פון אים. אזוי האט גיזאָגט גאָט וויל די ערד איז גיוועזן די ערשטע וואס הט גיטאהן מיין ווילען. וועל איך איר געבין אַזוי אַכבוד וואס זאל פון איר קיין מאהל ניט אפגיטאהן ווערין. אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאָט האט געגרינדעט די ערד אויף איר פעסטונג זיא זאל זיך קיין מאהל ניט אויסבייגין:

**פרשה יג** (א) וכל. אַלע בוימער פון פעלד זענען נאך ניט גיוועזן פון דער ערד. פרעגט דער מדרש דא זאָגט. אז די בוימער זענען נאך ניט גיוועזן וויל דער מענטש איז נאך ניט גיוועזן. אונ אין אַנדערין פסוק שטייט אַז גאָט הט גימאַכט שפראָצין פון דער ערד אַלע ערליייא בוימער נאָך אייד̈ער דער מענטש איז גיוועזן. הט רבי חנינא גיזאָגט. אין גן עדן זענען שוין גיוועזן בוימער פריער פאַר דעם מענטש. נאָר אויף די וועלט זענען די בוימער נאך ניט גיוועזן ביז דער מענטש איז גיקומען. רבי חייא הט גילערנט די בוימער פון גן עדן אונ די בוימער פון דער וועלט האבין ניט גיוואַקסין ביז אויף זיי הט גירעגינט. אונ וואס עס שטייט אין פסוק גאט האט גימאַכט שפראָצין אין גן עדן אַלע ערליייא בוימער. דאס מיינט מען אויך דער נאך ווי אדם איז שוין גיוועזן: (ב) וכל שיח השדה. פאַר וואס רופט מען די בוימער שיח. וויל ווען דער ווינט בייגט איין בוים צום אַנדערין זעהט אוים ווי די בוימער שמועסין אייגער צום אַנדערין. אונ אויב באַמאלס זענען דא מענטשין צווישען די בוימער זעהט אוים ווי די בוימער שמועסין מיט די מענטשין (ווארום שיח איז דער טייטש רעדין). אַלע בוימער זענען בשאַפין גיוואָרין מענטשין זאָלין פון זיי הנאה האבין. עס האט אַמאהל גיטראָפין איינער האט אָפ געשניטען די טרויבין פון זיין ווייגארטין. אונ האט גיגעכטיגט אין זיין גארטין. איז גיקומען אַווינט אונ האט אים גיהרגעט. זעהן מיר אַז די טרויבין וואלטין גיוועזן וואלטין זיי פארשטעלט עס זאל דער ווינט ניט צו קומען צו אים. אונ̈אַז די בוימער זענען געבליבען ליידיג האט דער ווינט אים גיהרגעט. זענען דאך די בקעמער

אונ

את כרמו ולן בתוכו ובאת הרוח ופגעתו. וכל שיחתן של בריות אינה אלא על הארץ.
(ו) עבדת ארעא. לא עבדת. (ז) וכל תפלתן של בריות אינה אלא על הארץ. (ח) מרי תעביד ארעא. מרי תצליח ארעא. כל תפלתן של ישראל אינה אלא על ביהמ"ק.
(ט) מרי יתבני בית מקדשא. מרי מתי יתבני בית מקדשא: (ג) כי לא המטיר ה' אלהים על הארץ. מזכיר שם מלא על עולם מלא. א"ר חלפאי כשם שהוא מזכיר שם מלא על עולם מלא. כך הוא (י) מזכיר שם מלא בירידת גשמים. אמר רשב"י ג' דברים שקולין זה כזה. ואלו הן. ארץ. אדם. ומטר. א"ר לוי בר חייא ושלשתן מג' אותיות. ללמדך שאם אין ארץ אין מטר. ואם אין מטר אין ארץ. ואם אין שניהם אין אדם: (ד) א"ר הושעיא קשה היא גבורת גשמים שהיא שקולה כנגד כל מעשה בראשית. מ"ט (איוב ה) עושה גדולות ואין חקר וגו'. במה (שם) הנותן מטר על פני ארץ ושולח מים על פני חוצות. ר' אחא מייתי לה מהכא. (ירמיה י) עושה ארץ בכחו מכין תבל בחכמתו. מה כתיב בתריה (שם) לקול תתו המון מים בשמים, ואין קול אלא גשמים. שנא' (תהלים
תהום,

## מתנות כהונה

האדם ואעפ"כ לשמים נכשל בהם כהכות מעשה כו'. כן פירש"י ז"ל: (ו) עבדת ארעא וכו'. שתמיד עוסקין זה לזה עשתה הארץ פירות או לא עשתה ולכן כתיב בית ודברי בני אדם עדיין לא כ"ה כי לא המטיר וגו': (ז) וכל תפלתן כו'. דרש בית מלשון הפלה כד"א ויאה יתפק לבות וגו': (ה) מרי תעביד כו'. כך היא תפלתן להקב"ה רבון העולם תעשה הארץ ותצליח הארץ: (ט) מרי יתבני. אמן רבון העולם יה"ר שיבנה ב"ה ודרש השדה זו ב"ה כד"א ציון שדה תחרש: (י) מזכיר שם מלא. כמו שנאמר ביום עשות ה' אלהים ארץ ושמים וכשם שהזכיר שם מלא על עולם מלא כך וכו'. וכן מוכח בילקוט. ומלאפי שראוי להגיה כך והם אין שניהם אין אדם ואם אין אדם אין שניהם שנאמר כי

---

אונ די פירות אטובה פאר דעם מענטש. אדער שיח השדה מיינט מען. דאס גאנצע רײדין פון מענטשין איז נאר פון פעלד. איינער פרעגט ביי דעם אנדערין, עס האט געוואקסין אין פעלד. עס האט ניט געוואקסין. אלע תפלות פון מענטשין איז נאר וועגין די ערד. גאט מיין פעלד זאל וואקסין. גאט מיין פעלד זאל בגליקען (זאגט דער פסוק אלע שמועסין פון די ביימער זענען נאך ניט געווען. אונ אלע שמועסין פון מענטשין וועגין פעלדער איז נאך אויך ניט געווען. ווייל עס איז נאך ניט געווען די ביימער אונ עס איז נאך ניט געווען מענטשין). אלע תפלות פון די יודין איז נאר וועגין דעם בית המקדש גאט דער בית המקדש זאל געבאהט ווערין. גאט ווען וועט דער בית המקדש געבאהט ווערין: (ג) כי לא המטיר ה' אלהים. ווארום גאט האט ניט געמאכט רעגענען. ער האט דער מאנט דעם פולען נאמען (ה' אלהים) אויף אפולע וועלט. אזוי ווי עס שטייט ה' אלהים האט געמאכט די ערד אונ די הימעל. רבי חלפאי האט געזאגט אזוי ווי ער דער מאנט דעם פולען נאמען (ה' אלהים) אויף אפולע וועלט. אזוי דער מאנט ער דעם פולען נאמען (ה' אלהים) אויף דעם רעגין. רבי שמעון בן יוחאי האט געזאגט דריי זאכין זענען גלייך איינס ווי דאס אנדערע. דאס זענען די דריי זאכין די ערד דער מענטש דער רעגין. רבי לוי בר חייא האט געזאגט די אלע דריי ווערטער זענען צו דריי אותיות (ארץ אדם מטר). דאס לערנט אונז אז עס איז ניטא קיין ערד איז ניטא דער רעגין. אז עס איז ניטא דער רעגין איז ניטא קיין ערד. אז ערד אונ רעגין איז ניטא איז דער מענטש אויך ניטא. די אלע דריי זאכין דארף האבין איינער דעם אנדערין. אונ איינס אן אנדערין קען ניט זיין: (ד) רבי הושעיה האט געזאגט דאס שטארקייט פון דעם רעגין איז אזוי שווערע זאך עס איז געוואגין קעגין אלע זאכין וואס זענען באשאפין געווארין אין די ערשטע זעקס טעג. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט טוהט גרויסע זאכין וואס מען קען זיי גאר ניט פארשטיין. מיט וואס. ווייל ער גיט רעגין אויף די ערד אונ ער שיקט וואסער אויף די גאסין. זעהן מיר אז דער רעגין אליין איז גלייך צו אלע גרויסקייט וואס גאט האט געטאהן אין די ערשטע זעקס טעג. רבי אחא לערנט דאס אפ פון דעם פסוק ער האט געמאכט די ערד מיט זיין כח ער האט אנגעברייט די וועלט מיט זיין חכמה. וואס שטייט דער נאך צו דעם קול וואס ער גיט דעם ברומונג פון וואסער אין הימעל. דעם קול מיינט מען רעגין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איין אבגרונד רופט צום אנדערין אבגרונד צו דעם קול פון די רינעס. ווען עס רעגינט רופט איין אבגרונד צום אנדערין. אונ דער רעגין גייט פון די וואלקין אזוי ווי דורך ארינע. זעהן מיר אז וואס דער רעגין ווערט
געגעבין

מ"ג) תהום אל תהום קורא לקול צנוריך. א"ר יצחק שהיא מרצה כקרבנות. שנאמר (שם פה) רצית ה' ארצך. ולהלן הוא אומר (ישעיה נ"ו) לרצון על מזבחי. ר' סימון אמר אף מכנסת את הגליות. שנא' (תהלים פה) שבת שבות יעקב. רבי יוחנן בר מרי אומר. שהיא אוספת את העברה. שנא' (שם) אספת כל עברתך. ר' תנחום בר חנילאי אומר. אף (יה) מכפרת על החטאים. שנא' (שם) נשאת עון עמך. רחב"א אמר ושקולה כנגד תחה"מ. ר' אבא ור' חייא בשם ר' (חייא בר) אבא אמרו. אף חכמים קבעו אותה בתה"מ. בזו יד ובזו יד. בזו פתיחה ובזו פתיחה. בזו יד שנא' (יחזקאל לז) היתה עלי יד וגו'. ובזו יד (תהלים קמה) פותח את ידך. בזו פתיחה (דברים כח) יפתח ה' לך. ובזו פתיחה (יחזקאל לז) הנה אני פותח את קברותיכם וגו'. ר' יודן בשם ר"א בר אבינא אמר בזו שירה ובזו שירה. בזו שירה (ישעיה מב) ירונו יושבי סלע. ובזו שירה (תהלים סה) יתרועעו אף ישירו. רחב"א אמר וגדולה מתחיית המתים. שתחיית המתים לאדם וזו לאדם ולבהמה. תחיית המתים לישראל. וזו לישראל ולאומות העולם. גוי א' שאל את ריב"ק. א"ל אתם יש לכם מועדות. ואנו יש לנו מועדות. בשעה שאתם שמחים אין אנו שמחים. ובשעה שאנו שמחים אין אתם שמחים. ואימתי אנו ואתם שמחים.

בירידת

## מתנות כהונה

לה כמטיר וגו' ואדם אין : (יה) מכפרת על החטאים. מטפס באחוי"ל קשה יומא דמטרא כיומא דדינא :

גיגעבין איז גלייך צו דעם זעלביגען כח אונ חכמה וואס די וועלט איז בשאפין גיווארין. ווייל עס שטייט איין פסוק נעבין דעם אנדערין. רבי יצחק זאגט דער רעגין איז בווילינט אזוי ווי אקרבן. ווארום עס שטייט אין פסוק ביי דעם רעגין גאט האסט בווילינט דיין לאנד. אונ ביי קרבן שטייט צו אבעוויליגונג אויף מיין מזבח. רבי סימון זאגט דער רעגין איז אזוי גוט גלייך ווי די יודין וואלטין איין גיזאמולט גיווארין פון גלות. ווארום עס שטייט אין פסוק ביי דעם רעגין דו האסט צוריק גיקערט די צוריק קערונג פון יעקב. רבי יוחנן בר מרי זאגט דער רעגין פאר זאמולט דעם כעס פון גאט. ווארום עס שטייט אין פסוק דו האסט פאר זאמולט דיין גאנצין כעס. רבי תנחום בר חנילאי זאגט דער רעגין איז מכפר די עבירות. ווארום עס שטייט אין פסוק דו האסט פאר געבין (מוחל גיוועזן) די עבירות פון דיין פאלק. רבי חייא בר אבא זאגט דער רעגין איז גיוואגין געגין תחיית המתים. רבי אבא אונ רבי חייא האבין גיזאגט פון רבי אבא ס וועגין די חכמים האבין דער מאנט דעם רעגין אין די ברכה פון תחיית המתים. ביי רעגין שטייט דער ווארט יד. אונ ביי תחיית המתים שטייט דער ווארט יד. ביי רעגין שטייט דאס ווארט עפענען. אונ ביי תחיית המתים שטייט דאס ווארט עפענען. ביי תחיית המתים שטייט דער ווארט יד. עס איז גיוועזן אויף מיר יד ה' (די נבואה פון גאט אז די מתים וועלין לעבעדיג ווערין). אונ ביי רעגין שטייט אויך דער ווארט יד פותח את ידך (ער עפינט דיין האנט אונ מאכט זאט אלע לעבעדיגע. אונ דורך רעגין ווערין אלע זאט). ביי רעגין שטייט דאס ווארט עפענען. יפתח ה' לך (גאט זאל עפענען פון דיינעטוועגין זיין גוטען אוצר אונ זאל געבין רעגין). אונ ביי תחיית המתים שטייט אויך דאס ווארט עפענען הנה אני פותח את קברותיכם. איך וועל עפענען אייערע קברים). רבי יודן זאגט פון רבי אליעזר בר אבינא ס וועגין ביי תחיית המתים שטייט מען וועט זינגען אונ ביי רעגין שטייט מען וועט זינגען. ביי תחיית המתים שטייט עס וועלין זינגען די וואס זענען גיזעסין (גילעגין) אונטער די שטיינער. ביי רעגין שטייט זיי וועלין שאלין אונ זינגען (די תבואה וואס זענען גיוואקסין דורך דעם רעגין). רבי חייא בר אבא זאגט רעגין איז גרעסער ווי תחיית המתים. תחיית המתים איז נאר צו מענטשין. אונ רעגין איז פאר מענטשין אונ פאר בהמות. תחיית המתים איז נאר צו יודין אונ רעגין איז פאר יודין אונ פאר גוים: נכרי. אגוי האט גיפרעגט ביי רבי יהושע בן קרחה איר האט ימים טובים אונ מיר האבין ימים טובים. ווען איר פרייט אייך פרייען מיר ניט. אונ ווען מיר פרייען אונז פרייט איר אייך ניט. ווען פרייען מיר אלע צו זאמען. האט רבי יהושע גיענטפערט ווען עס גייט רעגין. אזוי ווי עס

שטייט

בירידת גשמים. מ"ט (שם) לבשו כרים הצאן ועמקים יעטפו בר יתרועעו אף ישירו. מה כתיב אחריו הריעו לאלהים. כהנים לוים וישראלים אין כתיב. אלא הריעו לאלהים כל הארץ. אמר ריב"ל בשעה שהמטר יורד בהמה מבקשת (יב) תפקידה. מ"ט לבשו כרים הצאן לבשו (יג) דכרייא ענא ל' נקי: (ה) ואדם אין לעבוד את האדמה. ואדם אין להעביד את הבריות להקב"ה (יד) כאליהו וכחוני המעגל. ואדם אין לעבוד את האדמה. לא נברא אדם אלא לעמל. אם זכה הוא עמל בתורה. ואם לא זכה הוא עמל בארץ. אשריו לאדם שהוא עמל בתורה. כי לא המטיר ה' אלהים על הארץ ואדם אין וגו'. (טו) אלמלא אדם אין ברית כרותה לארץ להמטיר עליה. שנא' (איוב לח) להמטיר על ארץ לא איש מדבר לא אדם בו. (ז) כל הנחלים הולכים אל הים וגו' (קהלת א) מעשה בר"א ור' יהושע שהיו מפרישין לים הגדול ונכנסה ספינתן לים למקום שאין מים מהלכין. א"ל ר"א לר"י לא באנו לכאן אלא לנסיון. מלאו משם חבית מלאה מים.

כיון

## מתנות כהונה

(יב) תפקידה. רוצה מתה ומתאוה ליזקק לבת זוגה: (יג) דכרייא. זכרים כרים הן א"ל הצאן ואמר שהכרים לובשים צאן נקבות ולשון נקי דבר: (יד) כאליהו וכו'. שעל פי רצונם ירד המטר וכנה היו מעבידים לב הבריות להקב"ה:

(טו) אלמלא אדם כו'. שאם לא היה נברא האדם לא היה הברית כרותה שירד המטר בשביל החיות והבהמות וכו' כי אם על ידי החסד ורחמים וכן משמע כי לא המטיר מפני האדם

שטייט אין פסוק די שעפסין (נקבות) ווערין בעקליידט מיט די שעפסין זכרים. די זכרים קומען אויף די נקבות. אונ די טאהלין ווערין בדעקט מיט קארין. זיי שאלין אונ זינגען. דער נאך שטייט איר זאלט שאלין צו גאט. עס שטייט ניט כהנים לוים ישראלים זאלין שאלין צו גאט. נאר עס שטייט איר זאלט שאלין צו גאט די גאנצע וועלט. יודין אונ גוים. רבי יהושע בן לוי זאגט ווען עס גייט רעגין בעקומען די בהמות תאוה זיי זאלין זיך בהעפטין די זכרים מיט נקבות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די שעפסין זכרים קליידען אן די שעפסין נקבות. דער פסוק רעט מיט א רייניגעם לשון: (ה) (ואדם). עס איז ניט געווען קיין מענטש צו ארבעטין די ערד. עס איז ניט געווען קיין מענטש ער זאל מאכין דינען די מענטשין צו גאט אזוי ווי אליהו הנביא אונ ווי חוני המעגל. דער רעגין איז געווען ביי זיי אין האנט עס זאל יא גיין רעגין אדער ניין. אונ אז יודין האבין גידארפט עס זאל גיין רעגין דורך אליהו אדער חוני המעגל האבין זיי גימוזט פריער תשובה טאהן. עס איז ניט געווען א מענטש צו ארבעטין די ערד. דער מענטש איז באשאפין געווארין נאר צו ארבעטין. אויב ער איז זוכה ארבעט ער אין דער תורה אויב ער איז ניט זוכה ארבעט ער די ערד. וואויל דעם מענטש וואס ארבעט אין די תורה. גאט האט ניט גימאכט רעגענען אויף די ערד. ווייל עס איז ניט געווען קיין מענטש. ווען דער מענטש וואלט ניט געווען וואלט זיך גאט ניט פארבונדען מיט די ערד עס זאל אויף איר רעגענען. ווארום עס זאל רעגענען פאר בהמות וועגין. איז נאר פאר רחמנות. אבער ניט א פארבינדונג. ווארום עס שטייט אין פסוק צו מאכין רעגענען אויף א ערד וואס דארט איז ניטא קיין מענטש. אויף א מדבר וואס דארט איז ניטא קיין מענטש. דאס איז נאר רחמנות: (ו) (כל) אלע טייכין גייען אין ים אונ דער ים ווערט ניט פוהל. רבי אליעזר אונ רבי יהושע זענען אמאהל גיפארין אין א שיף אויף דעם גרויסין ים. איז די שיף אריין גיקומען אויף אזוי א ארט וואס די וואסער גייט ניט. נאר עס איז א שטייענדיגע וואסער. האט רבי אליעזר גיזאגט צו רבי יהושע מיר זענען דא גיקומען נאר צו פראבע. האבין זיי אן גישעפט פון דעם וואסער א פולע פאס. אונ האבין גישטעלט אין די שיף. ווי זיי זענען גיקומען אין רוים האט אדרינוס (צו ריבען זאלין ווערין זיינע ביינער) גיזאגט צו זיי ווי זענען די וואסער פון אוקינוס. איר זאגט אז אלע טייכין גייען אין ים אונ דער ים ווערט ניט פוהל. ווי אזוי קען דאס זיין. האבין זיי גיזאגט די וואסער פון אוקינוס שלינגען איין אלע וואסערין. האט אדרינוס גיזאגט צו זיי גיט מיר א ביסול פון דעם וואסער. האבין זיי אים גיגעבין א בעקין וואסער פון דעם וואסער וואס זיי האבין גיבריינגט. האבין זיי אריין גיגאסין אנדערע וואסער אין די וואסער פון אוקינוס.

האט

ביון שעלו לרומי אמר להם אנדריאנוס (טז) שחיק עצמות. מי אוקינוס (יז) מה הינך. א"ל מים (יח) בולעין מים. אמר להן (יט) הבו לי מנהון. (כ) יהבון ליה מלא (כא) לקינייאתא. (כב) והוו יהבין בגווה מים והיא בלעה להון. (כג) על דעתיה דר"א משם הם שואבים. על דעתיה דר"י לשם הם שבים ללכת: (ז) (כד) כיצד היתה הארץ שותה. ר' יהודה ור' נחמיה ורבנן. ר"י אמר כהדין (כה) נילוס. דמשקה והדר משקה. ור"נ אמר (כו) כמין תוכייה דהדין קבריא דמרבה וקבר. ורבנן אמרי כמין (כז) תווי (נהר בבבל ושמו תווי) ולמה קורין אותו תווי. שהוא חוזר ומשקה אחת (כח) למ' שנה. וכך היתה הארץ שותה מתחלה: דכתיב ואד יעלה מן הארץ וגו' וחזר בו הקב"ה. שלא תהא הארץ שותה אלא מלמעלן: (ח) רבי הנן דצפורי בשם ר' שמואל ב"נ אמר. מפני ד' דברים חזר בו הקב"ה שלא תהא הארץ שותה אלא מלמעלן. מפני (כט) בעלי זרוע: ובשביל

## מתנות כהונה

כאלה עדיין אינו וכמו שפרש"י ז"ל בפי' החומש: (טז) שחיק עצמות. ישחקו ויטחנו וימחו עצמותיו וימח זכ"ו: (יז) מה הים ומה טבעם הטעם מפני שכתיב כל הנחלים הולכים אל הים והים איננו מלא והיך אפשר זה: (יח) בולעין מים. לפיכך איננו מלא: (יט) הבו לי מנהון. לכו והביאו לי מהם ממימי אוקינוס כי אינני מאמין לכם: (כ) יהבון ליה. נתנו לו מאותן מים שהביאו משם: (כא) לקינייאתא. פי' הערוך ספל: (כב) והוו יהבין כו'. היו נותנין בתוכו מים והיו מי אוקינוס בולעין לאותן מים: (כג) על דעתיה כו'. עיקר מאמר זה ריש מדרש קהלת ושם איתא פלוגתא דר"א ורבי יהושע ר"א סבר הארץ שותה מים אוקינוס ור' יהושע סבר ממים עליונים ור"א דרש הם שבים משם הם שואבים ע"י העננים והוא המטר היורד ורבי יהושע דרש כמשמעו מלשון זה זוחלין וכלך אחר הם זוחלין לתוכו: (כד) כיצד היתה כו'. קודם שהמטיר מלמעלה: (כה) נילוס. נהר מצרים הוא עולה בכל יום ומשקה הארץ: (כו) כמין תוכייה כו'. הערוך הביאו בערך תווי ולא פירשו ורש"י גרס קבריאה וכן הוא במדרש חזית (ו ח) והוא נהר העולה ומרבה מים וקבר ונבלע באדמה: (כז) תווי. הספר מפרש והולך נהר בבבל ושמו תווי: (כח) למ' שנה. ולפיכך נקרא תווי ל' תמים והוכו שלארבעים שנה אינו עולה רק פעם אחת והוא מספיק: (כט) בעלי זרוע. שלא יגרשו הטפלים מן הבכורות והבארות:

---

האט די וואַסער פון אוקינוס איין געשלונגען יענע וואַסער אונ זיי זענען ניט מער געוואָרין. נאָך רבי אליעזר שעפין די וואָלקין פון ים אוקינוס. דער נאָך רעגענען זיי אויף די ערד. אונ די ווערטער שם הם שבים ללכת. דרשת רבי אליעזר גלייך ווי עס וואָלט געשטאַנען שם הם שואבים ללכת. דאָרט שעפין די וואָלקינס די וואַסער. רבי יהושע וואָס ער זאָגט אז די וואָלקין טרינקען פון די אויבערשטע וואַסער. טייטשט ער שם הם שבים ללכת. אלע וואַסערין גייען אין ים אונ גייען צוריק פון ים. אין פסוק שטייט ואד יעלה מן הארץ והשקה את כל פני האדמה. טייטשט רש"י דער אָבגרונד איז אויף געגאַנגען אונ האָט אָנגעטרונקען די ערד מיט וואַסער:

(ז) (כיצד). ווי אזוי האָט די ערד געטרונקען. קריגען רבי יהודה אונ רבי נחמיה אונ די רבנן. רבי יהודה זאָגט אזוי ווי דער נילוס (דער טייך פון מצרים) וואָס ער טרינקט אָן אלע פעלדער איין מאָהל אונ נאָך אמאָהל. אזוי אלע יאָהר. רבי נחמיה זאָגט אזוי ווי די טיפעניש פון טייך קבריא. וואָס די וואַסער פאַרפלייצט די פעלדער אונ די וואַסער ווערט איין געזאַפט אין די ערד. אונ מען פאַרזייעט די תבואה. דער נאָך ווי מען שניידט אָפּ די תבואה עפינט זיך די ערד אונ די וואַסער גייט אַרויס צוריק אונ עס ווערט אַגאַנצער טייך. אזוי איז געווען דער אָבגרונד וואָס האָט אָן געטרונקען די ערד. דער נאָך איז די וואַסער צוריק אַרויס געקומען אונ איז אַריין אין אָבגרונד. אונ די רבנן זאָגען עס איז געווען ווי דער תווי. דאָס איז אַטייך אין בבל ער הייסט תווי. פאַר וואָס רופט מען אים תווי ווייל ער טרינקט אָן די ערד איין מאָהל אין פערציג יאָהר אונ עס איז גענוג. אונ דאָס איז אַוואונדער. תווי איז טייטש אַוואונדער. אונ אזוי האָט די ערד אויך געטרונקען אין אָנהייב. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ואד יעלה מן הארץ. דער אָבגרונד איז אויף געגאַנגען פון די ערד. דער נאָך האָט גאָט חרטה געהאַט די ערד זאָל טרינקען נאָר פון די אויבערשטע וואַסער. (ח) רבי חנן פון צפורי האָט געזאָגט פון רבי שמואל בר נחמן ס װעגין פון וועגין פיר זאַכין האָט גאָט חרטה געהאַט אז די ערד זאָל נאָר טרינקען פון די אויבערשטע וואַסער. ערשטינס דורך די שטאַרקע מענטשין זיי וועלין ציהען די גאַנצע וואַסער אין זייערע פעלדער. צווייטינס עס זאָל אָפּשווייקען פון די תבואה אונ פון די ביימער די שלעכטע טהא. דריטינס דער היכער אָרט זאָל האָבין אזוי פיל וואַסער ווי דער נידעריגער. פערטינס אלע זאָלין אויף

הייבין

בשביל (ל) להדיח פללים הרעים. ושיהא הגבוה שותה כנמוך. ועוד שיהיו הכל תולין עיניהם (לא) כלפי מעלה. הה"ד (איוב ה) לשום שפלים למרום וגו': (ט) ומהיכן הארץ שותה ר"א אומר ממימי אוקינוס. דכתיב ואד יעלה מן הארץ. א"ל ר' יהושע. וכי מימי אוקינוס לא מים מלוחים הן. א"ל מתמתקים הן בעבים. דכתיב (איוב לו) אשר (לב) יזלו שחקים. היכן הם נוזלים בשחקים. ר"י אומר מן העליונים. שנא' (דברים יא) למטר השמים תשתה מים. והעננים מתגברים מן הארץ ועד הרקיע ומקבלין אותן כמפי הנוד. דכתיב (איוב לו) (לג) יזקו מטר לאדו. (לד) וחושרים אותן כמין כברה. ואין טיפה נוגעת בחברתה. דכתיב (שמואל ב כב) חשרת מים עבי שחקים. למה הוא קורא אותן שחקים. רשב"ל אמר שהן (לה) שוחקין את המים. ר' אבא ב"כ אמר כהדין (לו) מסוטא. ר' שמואל ב"נ אמר (לז) כדקין הללו של בהמה: (י) ר' יוחנן ורשב"ל. ר"י אמר אין עננים אלא מלמעלה. שנא' (דניאל ז) וארו עם ענני שמיא. רשב"ל אמר אין עננים אלא מלמטה. שנא' (תהלים קלה) מעלה נשיאים מקצה הארץ. על דעתיה דר"י. לאחד שכבד את חבירו חבית של יין (לח) וקנקנה. ר"ש אומר לא' שאמר לחבירו הלוני סאה של חטים. א"ל הבא קופתך ובא מדוד. כך הקב"ה אומר לארץ אייתי ענניך וקבל מטר

## מתנות כהונה

(ל) להדיח. מן הרעים וכאילנותיו (לא) כלפי מעלה. ויתפללו על המטר: (לב) יזלו. מלאתי בפירש"י יזלו ימתקו כתליט מהוקים: (לג) יזוקו. כדקים כיינו נודית: (לד) וחושרין. פירש"י פ"ק דתענית כלו משירין המים לארץ: (לה) שותקים. קוטנים ומחלקים אותם טיפות: (לו) מסוטא. כמו הכמסם שסותק וטוחן את המאכל: (לז) כדקין. פירש"י סדקין שותקין המאכל היטב מפני שמקומן צר ואם אין המאכל כדק היטב אינו יכול לכנס דרך שם: (לח) וקנקנה שלו. של כותן:

---

הייבן זייערע אויגן צו גאט ער זאל געבין רעגין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק לשום שפלים למרום. די נידעריגע זאלין טאהן זייערע אויגין צו גאט: (ט) ומהיכן. פון וואנען טרינקט די ערד וואסער. רבי אליעזר זאגט פון די וואסער וואס אין אוקינוס. אזוי ווי עס שטייט ואד יעלה מן הארץ. די וואלקין ווערט אויף גיין פון די ערד. פון די וואסער וואס אויף די ערד. האט רבי יהושע גיזאגט די וואסער פון אוקינוס זענען דאך גיזאלצין. האט רבי אליעזר גיזאגט די ווערין זים אין די וואלקין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אשר יזלו שחקים. ווא ווערין די זים אין די וואלקין וואס אונטער דעם הימעל. רבי יהושע זאגט די וואלקינס טרינקען פון די אויבערשטע וואסער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק צום רעגין פון הימעל ווערסטו טרינקען וואסער. אונ די וואלקינס שטארקין זיך פון די ערד ביז צום הימעל אונ זיי נעמען די וואסער אזוי ווי פון אלאגיל. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק יזוקו מטר לאדו. דער רעגין גייט אין וואלקין אזוי ווי פון אלאגיל. אונ די וואלקין ווארפין אראפ די וואסער אויף די ערד אזוי ווי פון אזיפ. אין טראפין רירט נים אן דעם אנדערין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק חשרת מים עבי שחקים. די וואלקין ווארפין אראפ די וואסער ווי דורך אזיפ. יעדער טראפין בזונדער. פאר וואס רופט מען די וואלקינס שחקים. רבי שמעון בן לקיש זאגט ווייל זיי צו מאהלין דאס וואסער יעדער טראפין זאל זיין בזונדער. רבי אבא בר כהנא זאגט אזוי ווי די קישקע וואס צו מאהלט דאס עסין אין בויך. רבי שמואל בר נחמן זאגט אזוי ווי די דינע קישקעס פון א בהמה וואס די מאהלין דאס עסין גאנץ דין: (י) רבי יוחנן אונ רבי שמעון בן לקיש קריגען. רבי יוחנן זאגט די וואלקינס זענען פון הויבין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וארו עם ענני שמיא. אונ ער איז מיט די וואלקינס פון הימעל. רבי שמעון בן לקיש זאגט די וואלקינס זענען פון אונטען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ער ברייננט אויף וואלקינס פון עק וועלט. נאך רבי יוחנן איז דאס גליך צו איינם וואס ער האט מכבד גיוועזן זיין חבר מיט א פאס ווין אונ ער האט איהם די פאס אויך גישיינקט. אזוי גיט גאט דעם רעגין מיט די וואלקינס. אונ נאך רבי שמעון איז גליך צו איינעם וואס ער האט גיזאגט צו זיין חבר בארג מיר א קארץ ווייץ. זאגט דער חבר צו איהם ברייננ דיין קארב וועל איך דיר אפ מעסטין דעם קארץ ווייץ. אזוי זאגט גאט צו די ערד ברייננ דיינע וואלקינס וועסטו נעמען רעגין: (יא) פינף נעמען ווערין גירופין

מטר: (יא) ה' שמות נקראו לו. עב. אד. ענן. נשיאים. חזיז. עב. (לט) מעבב את פני הרקיע. אד. (מ) שהוא שובר אידן של בעלי שערים. ענן. שהוא עושה הבריות (מא) ענוים אלו לאלו. (מב) נשיאים. שהוא עושה הבריות נשיאים אלו על אלו. חזיז. שהוא עושה (מג) חזיונות ברקיע ומשרה רוה"ק על הבריות. כד"א (ישעיה א) חזון ישעיהו בן אמוץ: (יב) אמר רשב"ג ד' שמות נקראו לארץ. כנגד ד' תקופותיה. ארץ. תבל. אדמה. ארקא. (מד) ארץ. כנגד תקופת ניסן. שהיא מריצה את פירותיה. תבל. כנגד תקופת תמוז. שהיא (מה) מתבלת את פירותיה. אדמה. כנגד תקופת תשרי. שהארץ עשויה (מו) בולין בולין של אדמה. ארקא. כנגד תקופת טבת. שהיא (מז) מורקת את פירותיה: (יג) כמה גשמים יורדין ויהיה בה (מח) כדי (מט) רביעה. כמלא כלי מחרישה (נ) של ג"ט דברי ר"מ. ר"י אומר (נא) בקשה טפח. (נב) ובבינונית טפחיים. (נג) ובשבעה ג' טפחים. ארשב"א (נד) אין לך טפה יורד

מלמעלה

## מתנות כהונה׃

(לט) מעבב וכו'. פני הרקיע זהירים הם וכשהם מתכסי' בעבים הם משחירים ועבים: (מ) ה"ג בערוך ובילקוט שהוא שובר לבעלי שערים שיש להם תבואה ומייקרין השער: (מא) ענוים. שאינם מקפידים זה על זה שבזול מלוי: (מב) נשיאים. פירש"י מפני ששדה אחת מתברכ' ושל חבירו אינה מתברכת וביקוש' פ"ג דתענית גורם שעושה בעלי בתים כנשיאים: (מג) חזיונות. מראות ירוקין והדומים כד"א בטיר הוא בשחקים: (מד) ארץ. ל' ריצה שמוליאה ומריצה פירותיה: (מה) מתבלת. ותקופת תמוז חמה מאוד וכחמה מבשלת וממתקת הפירות: (מו) בולין. חתיכות של אדמה: (מז) מורקת. פניהם מוריקות ולא נשתיירו באיביהן מפני חוזק

גארטין אזוי ווי אקוואל וואסער וואס איז אין מיטען גארטין אונ טרינקט אן דעם גאנצין גארטין. רבי יהודה האט צווייא פסוקים וואס זיי זאגין אז דער גארטין איז גרעסער פון עדן (איין פסוק ווי פריער שטייט, עס האבין אים מקנא גיוועזן אלע בוימער פון עדן וואס ער איז אין גארטין פון גאט". נאך אפסוק שטייט בעדן גן אלהים היית. דו ביזט גיוועזן אין עדן וואס ער איז אין דעם גארטין פון גאט). אונ רבי יוסי הט נאר איין פסוק (ווי פריער שטייט גאט הט גיפלאנצט אגארטין אין עדן). רבי חנין פון צפורי האט גיזאגט גאט האט ליכטיג גימאכט די אויגין פון רבי יוסי אונ ער הט גיפונען אפסוק ווי ער זאגט. עס שטייט אין פסוק ער הט גימאכט דעם מדבר (אזוי גוט) ווי דער עדן. אונ דעם ערבה האט ער גימאכט ווי דער גארטין פון גאט. דעם מדבר וואס ער איז גרויס האט ער גימאכט ווי דער עדן. ערבה וואס איז קלענער האט ער גימאכט ווי דער גארטין. איז דאך דער עדן גרעסער ווי דער גארטין: (ד) (מקדם). פון פריער. רבי שמואל בר נחמני זאגט דו מיינסט אז דער גארטין איז גיפלאנצט גיווארין פריער איידער די וועלט איז בשאפין גיווארין. ניין. נאר מען מיינט דער גארטין איז גיפלאנצט גיווארין איידער אדם הראשון איז בשאפין גיווארין. אדם איז בשאפין גיווארין פרייטאג אונ דער גן עדן איז בשאפין גיווארין דינסטאג. ווי דער פסוק זאגט גאט איז מיין מלך פון פריער ער טוהט הילף אויף דער וועלט. זעהט די גוטס וואס גאט האט גיטאהן. גאט האט אנגיבריט מיין שכר (דעם גן עדן) איידער איך בין נאך בשאפין גיווארין צו טאהן מצות: (ה) (וישם שם). רבי יהודה אונ רבי נחמיה קריגען. רבי יהודה זאגט גאט האט גרויס גימאכט אדם הראשון (אויף אלע בהמות אונ חיות זיי זאלין פאר אים מורא האבין). ווי עס שטייט אין פסוק שום תשים עליך מלך. דו זאלסט מאכין אויף זיך אמלך. רבי נחמיה זאגט גאט האט גירעט מיט אדם גוטע רייד ער זאל אריין גיין אין גן עדן (אזוי ווי עס שטייט אין פסוק שים נא ידך. יעקב האט גירעט מיט יוסף גוטע רייד אונ האט גיבעטין ביי אים). אזוי ווי אמלך וואס האט גימאכט אסעודה אונ האט גיבעטין געסט. אזוי האט גאט גיבעטין ביי אדם ער זאל אריין גיין אין גן עדן. אין דעם זכות פון אברהם אבינו. ווי דער פסוק זאגט אדם הט גיזאגט דו ווייסט מיין זיצען. אונ מיין אויף שטיין. דו ווייסט מיינע געדאנקען פון ווייטין. מיין זיצען מיינט מען וואס איך בין גיזעסין אין גן עדן. מיין אויף שטיין ווען מען האט מיך ארויס געטריבען פון גן עדן. דו ווייסט מיינע געדאנקען פון ווייטען. אין וועמעס זכות האסטו אעצה גינעבין מיך צו בעשאפין. אין דעם זכות פון דעם. וואס איז גיקומען פון ווייטין. דאס איז

אברהם

(טו) קורא ממזרח עיט מארץ מרחק (טז) איש עצתו : (ו) וישם שם. הסד"א (דכ"ב כ (יז) ויהי שם עד היום הזה. א"ר לוי ובלבד (יח) ביצירה זו. א"ר יצחק בר מריון כתיב אלה תולדות השמים וגו'. בוראן משבחן ומי מגנן. בוראן מקלסן ומי יתן בהן דופי. אלא נאים ומשובחין הם. אלה תולדות השמים: (ז) (יט) ויצמח ה' אלהים מן האדמה. תני עץ שהוא (כ) פוסה על פני כל החיים. א"ר יהודה בר אלעאי עץ חיים מהלך (כא) חמש מאות שנה וכל מי בראשית מתפלגין מתחתיו. ר' יודן בשם ר' יהודה בר אלעאי (כב) לא סוף דבר (כג) נופו מהלך ת"ק שנה. אלא אפי' קורתו מהלך ת"ק שנה: (ח) מה היה אותו האילן שאכל ממנו אדם וחוה. ר"מ אומר חטים היה. (כד) כד לא הוה בב"נ רעה. אינון אמרין לא אכל ההוא אינשא פיתא דחיטי מן יומוי. ר' שמואל ב"ר יצחק בעי קמי ר' זעירא. א"ל אפשר חטים היה אמר ליה הין. אמר ליה והכתיב עץ. אמר ליה מתמרות

## מתנות כהונה

בטרף וגורם מג"ע : (טו) קורא ממזרח כו. אם מדבר באברהם כמו בפירש"י שם : (טז) איש עצתו. עצתי קרינן : (יז) ויהיו שם עד היום. היא והארון שם נגנז במקומו וכן כאן היה ראוי לישאר בג"ע לעולם ויליף שם שם מג"ש : (יח) ביצירה זו. אם היה נשאר בצלם אלהים בראשונה שלא היה חוטא היה נשאר בג"ע לעולם אבל משחטא ונשתנה צלמו כדלקמן פרשה י"ז או שלחו הקב"ה חוצה כד"א משנה פניו ותשלחהו : (יט) ויצמח וגו'. היינו דקרא עץ החיים וגו' : (כ) פוסה. הולך ומתגדל על כל החיים כד"א פשה יפשה כו פירש הערוך ערך פס השביעי : (כא) ה' מאות שנה. וזהו על כל החיים כי מן הארץ עד הרקיע מהלך ת"ק וכן יש מקצה העולם ועד קצהו : (כב) ולא סוף דבר. כמו לאו דוקא : (כג) נופו. נוף האמצעי אלא אפי' הקורות היוצאין מן הצדדין הם מהלך ת"ק : (כד) כד לא הוה כו'. כשאין דעה

---

אברהם ביי אים שטייט ער רופט פון מזרח זייט דעם פויגיל עיט (אברהם). פון אוויטע לאנד האט ער גירופין דעם מענטש וואס האט גיגעבין אויף מיר זיין עצה איך זאל בשאפין ווערין : (ו) (וישם שם). גאט האט גיטאהן דארט (אין גן עדן) דעם אדם הראשון. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ויהי שם עד היום הזה. ער איז גיוועזן דארט (אייביג) ביז היינטיגען טאג. אזוי אדם האט אויך גידארפט זיין אין גן עדן אייביג. רבי לוי זאגט נאר אז ער וואלט גיוועזן "אשר יצר" אזוי ווי ער איז בשאפין גיווארין. ער וואלט ניט גיזינדיגט. רבי יצחק בר מריון זאגט עס שטייט אין פסוק דאס זענען די זאכין וואס זענען גיבארין (בשאפין) גיווארין פון די הימעל אונ ערד. אז דער וואס האט זיי בשאפין לויבט זיי. ווער וועט זיי שענדען. אז דער וואס האט זיי בשאפין רעט אויף זיי גוטע רייד. ווער וועט ריידין אויף זיי שלעכטע רייד. נאר זיי זענען שיין אונ גוט. ווי דער פסוק זאגט דאס זענען די זאכין וואס זענען גיבארין (בשאפין) גיווארין פון די הימעל אונ ערד : (ז) (ויצמח). גאט הט גימאכט שפראצין פון דער ערד אלע ערליי ביימער. אונ דער בוים פון לעבין איז גיוועזן אין מיטען גארטין. מיר האבין גילערנט דער בוים הט זיך פארשפרייט אויף אלע לעבעדיגע (ער האט גיקענט געבין פרוכטין פאר אלע לעבעדיגע). רבי יהודה בר אלעאי זאגט פינף הונדערט יאהר האט מען גידארפט קריכען אויף דעם בוים פון לעבין ביז מען זאל קומען צום שפיץ. אונ אלע וואסערין וואס זענען גיוועזן די ערשטע זעקס טעג זענען גיטיילט גיווארין פון אונטער דעם בוים יעדער זאל גיין אויף זיין ארט. רבי יודן האט גיזאגט פון רבי יהודה בר אלעאי'ס וועגין ניט נאר אויף דעם מיטעלסטען צווייג האט מען גידארפט קריכען פינף הונדערט יאהר ביז צום שפיץ. נאר אפילו אויף די זייטיגע צווייגין האט מען אויך גידארפט קריכען פינף הונדערט יאהר ביז צום שפיץ : (ח) (מה היה). וואס איז גיוועזן דער בוים וואס אדם אונ חוה האבין פון אים גיגעסין. רבי מאיר זאגט דאס איז גיוועזן ווייץ. דער מענטש וואס איז ניט קלוג זאגט מען אויף אים דער מענטש האט קיין מאהל ניט גיגעסין ווייצין ברויט. רבי שמואל בר רבי יצחק הט גיפרעגט ביי רבי זעירא קען דאס זיין אז דער עץ הדעת איז גיוועזן ווייץ. האט רבי זעירא גיזאגט יא עס איז גיוועזן ווייץ. האט רבי שמואל גיזאגט עס שטייט דאך עץ. אבוים. הט רבי זעירא גיזאגט דער שטרויא פון דעם ווייץ איז גיוועזן הויך ווי דער טעגען בוים אין וואלד. רבי יעקב בר אחא האט גיזאגט רבי נחמיה מיט די רבנן קריגען. רבי נחמיה זאגט מען זאל זאגין המוציא לחם מן הארץ גאט הט אונז גיצויגין ברויט פון די ערד וואלום איידער אדם הט

(כה) מתמרות היו כארזי לבנון. א"ר יעקב בר אחא (כו) איתפלגון ר' נחמיה ורבנן. ר"נ אמר (כז) המוציא לחם מן הארץ. שכבר הוציא לחם מן הארץ. ורבנן אמרי מוציא לחם מן הארץ. שהוא עתיד להוציא לחם מן הארץ. י(תהלים עב)(כח) יהי פסת בר בארץ. (כט) לפת. תרין אמוראין פליגי. ר' חנינא בר יצחק ור' שמואל בר אמי. חד אמר לפת (ל) לא פת היתה. וחורנא אמר. לפת (לא) לא פת היא עתידה להיות. ר' ירמיה בריך קמיה דר' זירא המוציא לחם מן הארץ. (לב) וקלסיה. (לג) כר' נחמיה. אתמהא. אלא שלא לערב את האותיות: (ט) ר' יהודה בר אלעאי אמר ענבים היה שנא' (דברים לב) ענבימו ענבי ראש אשכלות (לד) מרורות למו. אותן האשכלות הביאו מרורות לעולם. ר' אבא דעכו אמר אתרוג היה. הה"ד (בראשית ג) ותרא האשה כי טוב העץ וגו'. אמרת צא וראה איזהו אילן שעצו נאכל כפריו. ואין אתה מוצא אלא אתרוג. ר' יוסי אומר

תאנים

## מתנות כהונה

כבן אדם כבריות סם אומרים לא אכל איש כזה פת תיטין מימיו וכמו שאחז"ל אין התינוק מדבר אבא עד שאכל כזית דגן הרי שהדעת תולה בפת חטין וזה היה עץ הדעת: (כה) מתמרות. עלה למעלה כתמר זו: (כו) איתפלגון. חולקין בדבר זה: (כז) כמוציא. פירש"י שכבר הוציא הלחם מן הארץ ממש בהוייתו ומשחטא ונגזר עליו בזיעת אפך כו' נהפך לתבואה: (כח) פסת בר וגו'. ודרשו חז"ל עתיד הקב"ה להוציא גלוסקאות וכו': (כט) לפת מיני זרעונים נקראו לפת כל זמן שלא נעשה ממנו פת וכן החטים: (ל) לא פת היתה. קודם שחטא אדם כדדרש ר' נחמני: (לא) לא פת היא וכו'. כתמיה וכרבנן: (לב) וקלסי'. ושבח אותו: (לג) ופריך כר' נחמי' עסה ושבק רבנן בתמיה. ומשני לכהי קלסו שבזה כשאומרין כמוציא לא יוכלו להתערב שני המימי"ן שהעולם מוציא ולפיכך קלסי' הוא לא בשביל שסבר כדר' נחמיה ובירושלמי מסיים שלדעתו י"ל ג"כ לחם המן מהארץ: (לד) מרורות. מר

גיזונדיגט האט געוואקסן פון די ערד פארטיגע ברויט). די רבנן זאגן מען זאל זאגן מוציא לחם מן הארץ. גאט וועט אויסציהען ברויט פון די ערד (ווארום ווען משיח וועט קומען וועט וואקסן פון די ערד פארטיגע ברויט). ווי עס שטייט אין פסוק יהי פסת בר בארץ. דער קארין וואס וועט וואקסן פון די ערד וועט זיין אזוי ווי ברויט פערטיגע (פסת ווערט געדרשת ווי פת. ברויט). קארין און ווייץ און נאך אנדערע קערנער וועלין גיגעסין ווערין אזוי ווי מען עסט פירות. מען וועט ניט דארפין מאכין פון זיי ברויט. אין דעם ווארט לפת קריגען צוויי אמוראים. רבי חנינא בר יצחק און רבי שמואל בר אמי. איינער זאגט לפת מאכט לא פת היתה. איז דען דאס ניט גיוועזן אמאהל פארטיגע ברויט (איידער אדם האט געזינדיגט). און דער אנדערער זאגט לפת מאכט לא פת היא עתידה להיות. וועט דען דאס ניט זיין אמאהל פערטיגע ברויט (ווען משיח וועט קומען). רבי ירמיה איז אמאהל גיזעסין פאר רבי זירא און האט גימאכט א ברכה המוציא לחם מן הארץ. האט רבי זירא אים גילויבט. פרעגט דער מדרש האלטין דען רבי ירמיה און רבי זירא ווי רבי נחמיה ניט ווי די רבנן. אוואדער. ענטפערט דער מדרש עס איז בעסער צו זאגין ווי רבי נחמיה המוציא מען זאל ניט צו מישען די אותיות. ווארום אז מען זאגט מוציא. זאגט מען העולם מוציא מיט איין מ"ם. (דריבער זאגט דער ירושלמי מען זאל זאגין לחם המן): (ט) רבי יהודה בר אלעאי זאגט דער עץ הדעת איז גיוועזן ווייניטרויבין. ווי דער פסוק זאגט ענבימו ענבי ראש אשכלות מרורות למו. די ווייניטרויבין פון אדם הראשון וואס ער ווערט גירופין ראש. ווייל ער איז גיוועזן דער אנהייב פון אלע מענטשין) זענען ביטערע ווייניטרויבין. זיי האבין גיברייגגט אביטערקייט אויף דער וועלט. זעהן מיר אז די ווייניטרויבין זענען דער עץ הדעת. רבי אבא פון עכו האט גיזאגט דער עץ הדעת איז גיוועזן אתרוג. ווי דער פסוק זאגט די אשה האט גיזעהן אז דער בוים איז גוט צום עסין. דער האלץ פון דעם בוים איז גוט צום עסין. וועלין מיר זעהן וועלכער בוים איז דער האלץ גוט צום עסין אזוי ווי די פרי. דאס איז נאר דער אתרוג בוים. רבי יוסי זאגט דער עץ הדעת איז גיוועזן פייגין. דאס לערנען מיר פון דעם זעלביגען ענין (אינהאלט): למשל אמלך ם זוהן האט מזנה גיוועזן מיט איינע פון די דינסטען. ווי דער מלך האט דאס גיהערט האט ער אים ארויס געטריבען פון שטוב. איז ער גיגאנגען צו די דינסטען האבין זיי אים ניט גיוואלט צו נעמען. אבער די דינסט וואס ער האט מיט איר מזנה גיוועזן זיא האט גיעפינט

פאר

תאנים היה. דבר למד (לה) מעניינו. משל לבן מלכים שקלקל עם א׳ מן השפחות. כיון ששמע המלך טרדו והוציאו חוץ לפלטין. והיה מחזר על פתחיהן של שפחות. ולא היו מקבלות אותו. אבל אותה שקלקלה עמו פתחה דלתיה וקבלתו. כך בשעה שאכל אדה״ר מאותו האילן. טרדו הקב״ה והוציאו חוץ לג״ע והיה מחזר על כל אילנות ולא היו מקבלין אותו ומה היו אומרים לו. א״ר ברכיה (לו) הא גנב. דגנב דעתיה דברייה. הה״ד (תהלים לו) אל תבואני רגל גאוה. רגל שנתגאה על בוראו. (שם) ויד רשעים (לז) אל תנידני. (לח) לא תיסב מני עלה. אבל תאנה שאכל מפירותיה. פתחה דלתיה וקבלתו. הה״ד ויתפרו עלה תאנה. (לט) מה היתה אותה התאנה. ר׳ אבין אמר (מ) ברת שבע. דאמטיית ז׳ ימי אבלא לעלמא. ר״י דסכנין בשם ר״א אמר (מא) ברת אליתא. דאמטיית (מב) אליתא לעלמא. ר׳ עזריה ור׳ יהודה ב״ס בשם ריב״ל אמר ח״ו. לא גלה הקב״ה אותו אילן לאדם. ולא עתיד לגלותו. ראה מה כתיב (ויקרא כ) ואשה אשר תקרב אל כל בהמה וגו׳. אם אדם חטא בהמה מה חטאת. אלא שלא תהא בהמה עוברת בשוק ויאמרו זו היא הבהמה שנסקל פלוני על ידה. ואם על כבוד תולדותיו חס המקום. על כבודו עאכו״כ אתמהא:

## פרשה טז

(א) ונהר יוצא מעדן להשקות את הגן. ר׳ סימון פתח (איוב יד) תתקפהו לנצח ויהלך משנה פניו ותשלחהו. תוקף שנתן הקב״ה לאדה״ר. לנצח. (ה) לעולם היה. ויהלך. כיון שהניח דעתו של הקב״ה. והלך אחר דעתו של נחש.

משנה

### מתנות כהונה

ממות ג (לה) מעניינו. כדמפר׳ ואזיל: (לו) הא גנבא כו׳. זוא הנגב בגנב דעת טורחו בסבר שהקב״ה לא ידע ממנו שחטא: (לז) אל הנידני. פי׳ לא הנוד והנוע אותי: (לח) ולא תיסב כו. לא הקח ממני עלה: (לט) מה היתה כו׳. שהרבה מיני תאנים היו: (מ) ברת שבע. שם מין תאנה נקראת בת שבע: (מא) ברת אליתא. גם היא מין תאנה: (מב) אליתא. פי׳ יללה וקינה: (א) לעולם היה. היה ראוי לחיות כן לעולם

כלותו

---

פאר אים אירע טירען אונ זיא האט אים יא צו גינומען. אזוי איז גיוועזן ביי אדם הראשון ווען ער האט גיגעסין פון דעם עץ הדעת. האט גאט אים ארויס געטריבען פון גן עדן. איז ער גיגאנגען צו אלע בוימער אונ זיי האבין אים ניט צו גינומען. וואס האבין זיי גיזאגט צו אים רבי ברכיה זאגט זיי האבין גיזאגט אויף אים ער איז א גנב. ער האט גיגנבעט די דעה פון גאט ווער האט גימיינט אז גאט ווייס ניט וואס ער טוהט. די בוימער האבין גיזאגט אל תבואני רגל גאוה. די פוס פון דעם מענטש וואס ער איז גרוים גיוועזן געגען גאט. זאל ניט קומען צו מיר. די האנט פון די רשעים (אדם אונ חוה) זאלין מיך ניט שאקלען. זאלסט ניט נעמען פון מיר קיין בלאט. אבער דער פייגין בוים וואס פון זיינע פירות האט ער גיגעסין. דער בוים האט גיעפינט זיינע טירען אונ האט צו גינומען אדם אונ חוהן. אונ ער האט זיי גיגעבין פון זיינע בלעטער. ווי דער פסוק זאגט זיי האבין צו זאמען גענייט בלעטער פון פייגין בוים. וועלכער מין פייגין איז דאס גיוועזן. רבי אבין זאגט די פייגין רופט מען ברת שבע. שבע איז דער טייטש זיבען. די פייגין האבין גיברייגנט זיבען טעג אבלות אויף דער וועלט. רבי יהושע פון סכנין האט גיזאגט פון רבי אליעזר ם ווענין די פייגין רופט מען ברת אליתא. זיי האבין גיברייגנט אקלאג אויף דער וועלט. רבי עזריה אונ רבי יהודה ברבי סימון האבין גיזאגט פון רבי יהושע בן לוים ווענין חס ושלום גאט הט ניט גיזאגט צו קיין מענטש אונ ער וועט ניט זאגין וועלכער בוים דאס איז גיוועזן. זעה וואס עס שטייט אין פסוק אאשה וואס וועט מזנה זיין מיט אבהמה זאל מען הרגענן די אשה אונ די בהמה. דער מענטש האט געזינדיגט אבער די בהמה וואס הט געזינדיגט. נאר אז די בהמה וועט גיין אין גאס וועט מען ווייזין אויף די בהמה אונ מען וועט זאגין דאס איז די בהמה וואס יענער איז דורך איר גיהרגת גיווארין דריבער הט גאט גיהייסין מען זאל די בהמה הרגענן זי זאל ניט זיין אויף דר וועלט. דעם בוים הט אויך גאט ניט גיהאלט זאגין וועלכער ער איז מען זאל ניט זאגין דס איז דער בוים וואס הט געברייגנט דעם טויט אויף דער וועלט.. אונ א״כ גאט איז אשאד דער כבוד פון זיינע בשעפענעש. איז דאך אים זיין כבוד געווים אשאר:

פרשה טז (א) (ונהר). אונ א טייך גייט ארויס פון עדן אנצוטרינקען דעם גארטין. רבי סימון

האט

משנה פניו ותשלחהו. ר' סימון אמר (סס יב) עמו חכמה וגבורה. בשעה שהיה (ב) מושלם לבוראו. ד' ראשי נהרות היה (ג) פותק במגרופית אחת. ואלו הן ד' ראשי נהרות. ונהר יוצא מעדן להשקות את הגן וגו': (ב) שם האחד פישון. שהוא מגדל (ד) פשתן. ומימיו מהלכין בשופי. הוא הסובב את כל ארץ החוילה. עדיין לא היתה חוילה ואת אומר הוא הסובב. אתמהא. אלא (ישעיה מו) (ה) מגיד מראשית אחרית: (ג) אשר שם הזהב (ו) זהב ודאי. וזהב הארץ ההיא טוב. א"ר יצחק (ז) טובוי דהוא בביתיה. טובוי דהוא בלוויתיה. דא"ר אבהו טובה גדולה חלק הקב"ה לעולמו. אדם פורט זהוב אחר. והוא מוציא ממנו כמה יציאות. אר"ל לא היה העולם ראוי להשתמש בזהב. ולמה נברא בשביל בהמ"ק. שנא' (בראשית ג) וזהב הארץ ההיא טוב. המד"א (דברים יג) ההר הטוב הזה והלבנון: (ד) שם הבדלח ואבן השהם. א"ר איבו את סבור כבדלח הזה (ח) של פטמים. יגיד עליו (ט) ריעו (במדבר יא) ועינו כעין הבדלח מה זה אבן טובה אף זה אבן טובה. ושם הנהר השני גיחון וגו'. עדיין לא עמד כוש. והוא אומר את כל ארץ כוש. אתמהא. אלא

## מתנות כהונה

כלומר מוקף: (ב) מושלם. שלם וצדיק עם הקב"ה: (ג) פותק. פותח לכן פתח שיוצו מימיכן: (ד) פשתן. ושפי שהולך בלא שכנות: (ה) מגיד מראשית כו. כלומר הפסוק מדבר על העתיד: (ו) זהב ודאי. מבורר ומזוקק: (ז) טובוי כו'. פירש"י טובתו הוא בבית שיכול לקנות בו מה שירצה וטובתו בלכתו בדרך פי' לוייתו שלו שבכ"מ יכול למכרו: (ח) של פטמין. מפטמי קטרת מיני סמים לרפואה ושותקין בו דבר הנקרא בדולח ואינו הכן טובה וכה"ג בילקוט יגיד עליו ריעו מה זה וכו': (ט) ריעו

---

האט אנגיהויבן צו דרשנן די פרשה מיט דעם פסוק. תתקפהו לנצח ויהלך משנה פניו ותשלחהו. די שטארקייט וואס גאט האט גיגעבן צו אדם הראשון האט גיבארפט זיין אויף אייביג. נאר וויל ער האט אוועק גילאזט די רייד פון גאט אונ ער איז גיגאנגען נאך די רייד פון שלאנג האט גאט גיענדערט זיין פנים אונ האט אים ארויס געשיקט פון גן עדן. רבי סימון זאגט עס שטייט אין פסוק מיט אים איז חכמה אונ שטארקייט ווען אדם איז גיוועזן גאנץ מיט גאט איז ער גיוועזן קלוג אונ שטארק. מיט איין שטיק האלץ האט ער גיקענט פאר האלטן פיר טייכן וואסער. דאס זענען די פיר טייכן. ווי דער פסוק זאגט אטייך איז ארויס געגאנגען פון עדן אן טרינקען דעם גארטן אונ דער טייך איז צו טיילט גיווארין אויף פיר טייכין: (ב) שם האחד. דער נאמן פון איין טייך איז גיוועזן פישון. ווייל דארט האט גיוואקסין פשתן פלאקס. אונ וייל די וואסער גייט בשופי. שטיל אונ רוהיג. דער טייך גייט ארום די גאנצע לאנד חוילה. פרעגט דער מדרש די לאנד חוילה איז דאך גאר ניט גיוועזן אונ דו זאגסט דער טייך האט ארום גערינגלט די לאנד חוילה. נאר די תורה זאגט פריער וואס שפעטער וועט זיין. עס וועט גיבאהט ווערין א לאנד חוילה: (ג) (אשר שם הזהב) וואס דארט איז דא גאלד. אמתה גאלד. די גאלד פון דעם לאנד איז גוט. רבי יצחק זאגט אז מען איז אין שטוב איז גוט אז מען האט גאלד. מען קען דאס היטען פאר גנבים. אז מען איז אין וועג איז גוט אז מען האט גאלד. עס איז ניט קיין משא צו טראגין. רבי אבהו זאגט אגרויסע טובה האט גאט גיטאהן צו די וועלט מיט דעם גאלד. אמענטש טאהט אפ איין גאלדענע מטבע קען ער קויפין פון דעם געלד פיל זאכין. ריש לקיש זאגט די וועלט איז ניט ווערט זי זאל בעניצען מיט גאלד. ווארום די גאלד איז נאר בשאפין גיווארין פון וועגין דעם בית המקדש. ווארום דער פסוק זאגט די גאלד פון דעם לאנד איז גוט. אונ גוט ווערט גירופין דער בית המקדש. ווי דער פסוק זאגט דער גוטער בארג אונ דער בית המקדש: (ד) (שם הבדולח). דארט איז דא דער שטיין וואס הייסט בדולח אונ דער שטיין וואס הייסט שוהם. רבי איבו זאגט דו מיינסט אז דער בדולח מיינט מען דעם שטיין בדולח וואס די אפטייקערס שטויסין אים אין מעדיצין צו רפואות. דער בדולח איז אפראסטער שטיין. אבער דער בדולח וואס דא שטייט מיינט מען אברילאנט וואס הייסט בדולח. ווייל נעבין בדולח שטייט אבן השהם. אזוי ווי דער שוהם איז אברילאנט אזוי דער בדולח איז אויך אברילאנט. (די ווערטער (ועינו כעין הבדולח) זענען דא איבערדיג. אונ דער נאמען פון דעם אנדערין טייך איז גיחון ער גייט ארום די לאנד כוש.

פרעגט

אלא מגיד מראשית אחרית. ושם הנהר השלישי (י) חדקל. שהוא חד בקולו. הוא ההולך קדמת אשור. ועדיין לא עמד אשור אלא מגיד מראשית אחרית: (ה) והנהר הרביעי הוא פרת. רב אמר פרת (יא) אוותינטין של נהרות. ר' חנינא בר אמי בשם ר"י דסכנין בשם ר' לוי אמר. (יב) אובל אוותינטין של נהרות. והכתיב (דניאל ו) ואני הייתי על יד הנהר הגדול (יג) הוא חדקל. אלא לפי שדניאל ראה ב' חלומות. אחד בחדקל ואחד באובל. והדקל גדול מאובל. לפיכך הוא קורא אותו גדול. (יד) והלא הוא בברייתו של עולם אינו קורא אותו גדול. אלא שעלה והקיף את כל א"י. דכתיב ביה (דברים ד) כי מי גוי גדול אשר לו אלהים. משל הדיוט אומר עבדא דמלכא מלכא. (טו) הדבק לשחון וישחון לך. רב אמר לחייא בריה. בנה לי בית בא"י. א"ל להיכן. א"ל (טז) אעברת נהרא בנה. שמואל אמר

## מתנות כהונה

הוא אבן השוהם מה זה אבן טובה כו': (י) חדקל. נוטריקון חד בקולו שהוא הולך ורעש בקול וע"ש כך נקרא גיחון שהוא הולך ומנגח כמו כי יגח: (יא) אוותינטיא. עיקר ומובחר שבכל הנהרות: (יב) אובל. הוא יובל. וכען כתיים משתעי קרא יען היים בג"ע הוא: (יג) הוא חדקל. גירסת הילקוט והחדקל נראה גדול מאובל כו'. ופירושו מראה כמון שהיה על חדקל שהיה גדול מהמראה שהיתה על נהר אובל לפיכך קראוהו גדול אבל לעולם אובל גדול משניהם למ"ד אובל אוותינטיאה של הנהרות: (יד) והלא היה כו'. למ"ד פרת גדול ה"ל לקרותו גדול בבריאתו של עולם כשהשה"ב הנהרות כולן והשיב כיון שעלה והקיף כו': (טו) הדבק לשחון כו'. פי' הערוך הדבק עצמך לאיש הם ויתם לך גם אתה: (טז) אעברת נהרא

---

פרעגט דער מדרש די לאנד כוש איז דאך נאך גאר ניט געווען. אונ דער פסוק זאגט דער טייך גיחון האט ארומגערינגעלט די לאנד כוש. אוואנדער. נאר דער פסוק זאגט פריער וואס שפעטער וועט זיין. עס וועט געבאהט ווערין די לאנד כוש. אונ דער נאמען פון דעם דריטען טייך הייסט חידקל. חידקל איז צוויי ווערטער חד קל. דער טייך האט א שארפע שטימע. די וואסער רוישט זייער שטארק. דער טייך חידקל גייט אין מזרח זייט פון דעם לאנד אשור. פרעגט דער מדרש דאס לאנד אשור איז דאך נאך גאר גיט געווען. נאר גאט זאגט פריער וואס שפעטער וועט זיין. עס וועט געבאהט ווערין אלאנד אשור: (ה) והנהר הרביעי. אונ דער פערטער טייך איז פרת. רב זאגט דער טייך פרת איז געווען דער בעסטער פון אלע טייכין. רבי חנינא בר אמי האט געזאגט רבי יהושע פון סכנין האט געזאגט פון רבי לוים וועגין דער טייך אובל איז געווען דער בעסטער פון אלע טייכין. פרעגט דער מדרש עס שטייט דאך אין פסוק דניאל האט געזאגט איך בין געווען נעבין דעם גרויסין טייך דאס איז חדקל. דאך חדקל דער גרעסטער טייך. נאר ווייל דניאל האט געזעהן צוויי חלומות. איין חלום האט ער געזעהן נעבין דעם טייך חדקל אונ דעם אנדערין חלום האט ער געזעהן נעבין דעם טייך אובל. אונ דער חלום וואס ער האט געזעהן נעבין חדקל איז געווען גרעסער פון דעם חלום וואס ער האט געזעהן נעבין דעם טייך אובל. דריבער רופט ער דעם טייך חדקל גדול ווייל ער האט דארט געזעהן אגרויסין חלום. פרעגט דער מדרש פאר וואס ווען גאט האט באשאפין די וועלט וואס דארט רעכנט מען די פיר טייכין רופט מען גאר ניט דעם טייך פרת דער גרויסער טייך. נאר מען מיינט ניט פרת איז דער גרעסטער טייך. נאר דער בעסטער. ווייל ער גייט ארום ארץ ישראל. אזוי ווי עס שטייט ביי די יודין ווער איז נאך אזוי אגרויסע פאלק (ווי יודין) וואס גאט איז נאנט צו אים. ווענען דען יודין דאס גרעסטע פאלק. נאר זיי זענען די בעסטע. דער פראסטער משל זאגט דער קנעכט פון אמלך איז אויך אמלך. בהעפט צו ארץ ישראל האט ער אויך אהייליגקייט. דריבער איז ער דער בעסטער טייך. רב האט געזאגט צו זיין זוהן חייא באה פון מיינעטוועגין אשטוב אין ארץ ישראל. האט רבי חייא געזאגט צום פאטער אויף וועלכין ארט זאל איך באהען די שטוב. האט רב געזאגט צו אים. ווי דו וועסט נאר אריבער גיין דעם טייך פרת מעגסטו שוין באהען. ווארום דאס איז שוין ארץ ישראל. שמואל זאגט ביז דעם ארט וואס דער טייך פרת גייט ביז דארט איז ארץ ישראל. דארט איז

דער

אמר עד מקום שהנהר מהלך שם היא א״י. ואי זו זו (יז) תרבקנה ׃ (ו) ר׳ יהודה ור׳ הונא ר״י אמר הוא פרת והוא (יח) נהר כבר. פרת שפרה ורבה עד שעוברין אותו בספינות. פרת (יט) שמימיו פרין ורבין. פרת שמפרה והולך עד שכלה במגריפה. כבר (כ) שמימיו בלין. כבר שפירותיו גסין (כא) ואינן יורדין בכברה. ר״ה אמר כבר בפני עצמו. פרת בפני עצמו. ר׳ יהושע דסכנין בשם ר׳ לוי אמר. אומרים לפרת למה (כב) אין קולך הולך. א״ל איני צריך. מעשי מודיעים אותי. אדם נוטע בי נטיעה והיא עושה לשלשים יום. זורע בי ירק והיא עומדת לג׳ ימים. אומרים לחדקל. למה קולך הולך. א״ל הלואי נשמע קולי ונראה. אומרים לאילני מאכל. למה אין קולכם הולך. א״ל אין אנו צריכים. פירותינו מעידין עלינו. אומרים לאילני סרק למה קולכם הולך. א״ל (כג) הלואי נשמע קולנו ונראה. א״ר הונא לא משום הטעם הזה. אלא אילני מאכל ע״י שהן כבדים בפירותיהם לפיכך

## מתנות כהונה

צנס. פיד כשתעבור הנהר בנה שמס;בכוה א״י ׃ (יז) תרבקנה. שם מקום ׃ (יח) נהר כבר. שם נהר ביחזקאל ׃ (יט) שמימיו פרין ורבין. מזרעים כדלקמן ׃ ס״ג רש״י ז״ל פרת שמפריד והולך כו׳. פי׳ שכלה רחבו עד שסותמין אותו במגריפה אחת של עפר ׃ (כ) שמימיו בלין. ואומר אדם כבר היו המים ועכשיו עברו והלכו להם ׃ (כא) שאינם יורדין בכברה. ועי״כ נקרא כבר על שנאמר בכברה ׃ (כב) אין קולך הולך. והומה והוער ׃ -כ״ג בילקוט (כג) כלומר אשמיע קולי ואראה. פי׳ ואמים

---

דער ארט תרבקנה ׃ (ו) רבי יהודה און רבי הונא קריגען. רבי יהודה זאגט פרת און כבר איז איין טייך. דריבער רופט מען דעם טייך פרת ווייל די וואסער האבין זיך גימערט אז שיפען קענען גיין אויף אים. נאך אטעם פאר וואס רופט מען אים פרת ווייל אלע פארזייהונג וואס זענען בגעצט מיט די וואסער פון פרת פרוכטבארין זיך און מעהרין זיך (זיי וואקסין גוט). נאך אטעם פאר וואס רופט מען אים פרת ווייל ער גייט אזוי וויים ביז ער ווערט שמאל אז מען קען אים פאר האלטין מיט אשטיקל ערד וואס מען נעמט אין האנד. כבר רופט מען אים ווייל די וואסער ווערין פארלענגערט. כבר איז דער טייטש אלאנגע צייט. ווי מען זאגט אמאהל פאר אלאנגע צייט פריער איז דא גיוועז וואסער און איצט איז שוין גישטא. נאך אטעם איז דריבער רופט מען אים כבר. ווייל די פירות וואס וואקסין נעבין דעם טייך זענען גרוים אז מען לייגט זיי אריין אין אזיפ מוזין זיי בלייבין ליגען אין די זיפ און זיי קענען נים דורך גיין (כבר איז דער טייטש אזיפ). רבי הונא זאגט כבר איז אבזונדער טייך. און פרת איז אבזונדער טייך. רבי יהושע פון סכנין האט גיזאגט פון רבי לוים וועגין מען זאגט צום טייך פרת פאר וואס הערט מען ניט דיין שטימע (די וואסער גייט שטיל). האט דער פרת גיענטפערט איך דארף ניט שרייען. מיינע מעשים וועלין מיך בעוואסט מאכין אויף דער וועלט. אמענטש וועט פלאנצין אבוים און וועט בגיסען מיט מיינע וואסער. אין דרייסיג טעג וועט שוין וואקסין אויף אים פירות. אמענטש וועט פאר זייען ערד פרוכטען און וועט בגיסען מיט מיינע וואסער אין דריי טעג וועט שוין ארוים שפראצין. מען זאגט צום טייך חדקל פאר וואס הערט מען דיין שטימע. דו רוישט אזוי שטארק. האט דער חדקל גיזאגט הלואי זאל מען הערין מיין שרייען און מען זאל מיך זעהן. מען וויל מיינע וואסער גאר נים בנוצען. מען זאגט צו די פרוכטען בוימער פאר וואס הערט מען נים אייער שטימע ווען דער ווינט בלאזט אויף די בוימער די פרוכטען בוימער רוישין נים אזוי שטארק). האבין די בוימער גיזאגט מיר דארפין נים שרייען אונזערע פירות זאגין עדות אויף אונז. מען זאגט צו די ליידיגע בוימער פאר וואס רוישט איר אזוי שטארק ווען עס איז אווינט. האבין די בוימער גיזאגט הלואי זאל מען הערין אונזער שרייען און מען זאל אונז זעהן. מען בנוצט אונז צו גאר נים. רבי הונא זאגט נישט וועגין דעם טעם איז דאס. נאר די פרוכטען בוימער ווייל די צווייגין זענען שווער בעלאדען מיט פירות דריבער הערט מען ניט זייער שרייען. אבער די ליידיגע בוימער (אפילו די וואס האבין אויף זיך אביסול פירות) ווייל די פירות זענען גרינג אויף די צווייגין דריבער רוישין זיי דורך אווינט. ווי דער פסוק זאגט עס האט זיך גישאקילט זיין הארץ און די הארץ פון זיין פאלק ווי עס שאקלין זיך

די

לפיכך אין קולן הולך. אבל אילני סרק ע"י (כד) שהן קלים בפירותיהם קולן הולך. הה"ד (ישעיה ז) וינע לבבו ולבב עמו כנוע עצי יער מפני רוח: (ז) א"ר תנחום בשם ריב"ל עתיד הקב"ה להשקות כוס תרעלה לעכו"ם (כה) ממקום שהדין יוצא. מ"ט ונהר יוצא מעדן להשקות את הגן ומשם יפרד. והיה לד' נהרים אב"כ אלא לד' ראשים. אלו ד' מלכיות כנגד ד' ראשים. שם האחד פישון זו בבל. ע"ש (חבקוק א) ופשו פרשיו. הוא הסובב את כל ארץ החוילה. שעלה והקיף את כל א"י. דכתיב ביה (תהלים מב) הוחילי לאלהים כי עוד אודנו. אשר שם הזהב. אלו ד"ת. שהן נחמדים מזהב ומפז רב. וזהב הארץ ההיא טוב. מלמד שאין תורה כתורת א"י. ולא חכמה כחכמת א"י. שם הבדלח ואבן השהם וגו'. מקרא משנה ותלמוד ותוספתא ואגדה. ושם הנהר השני גיחון. זה מדי שהיה המן (כו) שף עמא כנחש. ע"ש (בראשית ג) על גחונך תלך. חדקל זו יון. שהיתה קלה וחדה בגזירותיה. שהיתה אומרת

## מתנות כהונה

ערלה: (כד) שקלין בפירותיהן. הפי' אותן אילני סרק ש"ש להן נוטריקון ממקום שדין דכתיב בכו גרסי': (כו) שף עמה.
פירות מה קלין וקטנים הם: (כה) ממקום שהדין כו'. מעדן עם אומתו שיה שף ומסתיר סודות על ישראל כנחש ומלת גיחון

די בוימער פון וואלד דורך דעם ווינד: (ז) (אמר). רבי תנחום האט געזאגט פון רבי יהושע בן לוי ם וועגין גאט וועט געבין טרינקען צו די געצין דינער פון דעם פארפלוכטען כוס פון דעם ארט וואס אויף זיי וועט ארויס גיין אמשפט. ווארום עם שטייט אין פסוק אטייך וועט ארויס גיין פון עדן און צו טרינקען דעם גארטין. אונ פון דארט ווייט דער טייך זיך צו שיידין. אונ ער וועט זיין צו פיר ראשים. עם שטייט ניט ער וועט זיין צו פיר טייכין. נאר צו פיר ראשים. פיר קעפ. דאס זענען פיר מלכים. דער נאמען פון איין טייך איז פישון. דאס איז בבל. ווי עם שטייט ופשו פרשיו. עם וועלין זיך מעהרין זיינע רייטער. דער טייך האט ארומגערינגולט די גאנצע לאנד חוילה. דער טייך פישון האט ארומגערינגולט גאנץ ארץ ישראל. וואס זי ווערט גירופין חוילה. ווי עם שטייט אין פסוק הוחילי לאלהים (ווארט אויף די הילף פון גאט איך וועל אים נאך לויבין). אונ דאס מעהרסטע לויב צו גאט איז גיוועזן אין ארץ ישראל (דאס מיינט מען בבל האט איין גינומען ארץ ישראל). ווס דארט איז גאלד. דאס מיינט מען די תורה. וום זיא איז בעסער פון גאלד אונ גינגאלד. די גאלד פון דעם לאנד איז גוט דאס מיינט מען די תורה פון ארץ ישראל איז בעסער ווי די תורה וואס ווערט גילערונט אין חוץ לארץ. אונ די חכמה פון ארץ ישראל איז בעסער ווי די חכמה פון חוץ לארץ. דארט איז דא בדולח אונ דער שטיין שוהם. דאס מיינט מען אין ארץ ישראל ווערט גילערונט תורה נביאים כתובים משניות גמרא תוספתא אגדה. דער נאמען פון דעם אנדערין טייך איז גיחון. דאס איז מדי וואס המן האט גיוואלט שלאגין די יודין אין דער שטיל אזוי ווי א שלאנג וואס ביי אים שטייט על גחונך תלך (דו זאלסט גיין אויף דיין בויך. שטיל). דער נאמען פון דעם דריטען טייך איז חדקל. דאס איז די מדינה יון (גריכענלאנד). ווס זי איז גיוועזן גרינג (געשווינד) גוזר צו זיין שארפע גזירות אויף יודין. זיא האט גיזאגט צו די יודין שרייבט אויף דעם הארין פון דעם אקס אז איר האט ניט קיין חלק אין דעם יודישען גאט. רבי הונא האט גיזאגט מיט דריי זאכין איז די מלוכה פון יון גיוועזן פריער ווי די מלוכה פון רוים. מיט פירונגען. מיט געשריפט. מיט שפראכע. רבי הונא האט גיזאגט פון רבי אחא ם וועגין אלע מלכים פארצייטיגע ווס זענען גירופין גיווארין אויף דעם נאמען פון אשור. ווייל זיי פלעגין רייך ווערין פון די יודין (אשור איז גלייך ווי עם וואלט גישטאנען עושר. רייכטוהם). רבי יוסי בר חנינא האט גיזאגט אלע מלכים פארצייטיגע וואס זענען גירופין גיווארין אויף דעם נאמען פון נינוה. ווייל זיי האבין זיך שיין גימאכט פון די יודין. רבי יוסי בר רבי חלפתא הט גיזאגט אלע פארצייטיגע מלכים וואס זענען גירופין גיווארין אויף דעם נאמען פון מצרים. ווייל זיי האבין שלעכט גיטאהן צו די יודין. דער פערטער טייך איז פרת. דאס איז אדום. פאר ווס רופט מען אדום פרת. ווייל זיא האט גישטערט (די תורה) אונ זיא הט שלעכט גיטאהן צו די קינדער פון גאט. נאך אטעם

אומרת לישראל כתבו על קרן השור שאין לכם חלק באלהי ישראל . א"ר הונא בג'
דברים (כז) קדמה מלכות יון . (כח) בנימוסין (כט) ובפנקיסין . ובלשון . ר' הונא בשם ר'
אחא אמר . כל המלכיות נקראו (ל) ע"ש אשור . ע"ש שהיו מתעשרות מישראל . א"ר יוסי
ב"ח כל המלכיות נקראו על שם נינוה . ע"ש שהיו מתנאות מישראל . א"ר יוסי בר
חלפתא כל המלכיות נקראו ע"ש מצרים . ע"ש שהיו מצירות לישראל . והנהר הרביעי
הוא פרת . זו אדום . פרת שהפירה (לא) והצירה לבניו (כ"א לפניו) . פרת שפרת ורבת מברכתו
(לב) של זקן . פרת (לג) שאני עתיד להפרע לה . (לד) פרת על שם סופה (ישעיה סג)
(לה) פורה דרכתי לבדי וגו' : (ח) ויקח ה' אלהים את האדם וגו' . ר' יהודה ור' נחמיה .
ר"י אומר (לו) עילה אותו . המד"א (ישעיה יד) (לז) ולקחום עמים והביאום וגו' . ר"נ אמר
(לח) פיתה אותו . המד"א (הושע יד) קחו עמכם דברים ושובו אל ה' וגו'. ויניחהו ר' יודן
ור' ברכיה . רי"א (לט) הניח לו (מ) והגין עליו ועדנו מכל אילני גן עדן . ר' ברכיה אמר
(מא) להניחו . ולהגן עליו . ולעדנו מכל אילני ג"ע . ויניחהו . נתן לו מצות שבת .
כד"א

## מתנות כהונה

דייק כד"א על גחונך תלך : (כז) קדמה מלכות יון . לפני מלכות
אדום : (כח) בנימוסין . כחוקות הגוים נימוס קבוע :
(כט) ובפנקסין . ר"ל שאין להם כתב ולשון פירש"י בע"ז כתב
ולשון של רומיים מן אומה אחרת באו להם אחרים תקנו להם
ספריהם וע"ש בתוספות : (ל) על שם אשור . כתב רש"י ז"ל
וה"ל הגי' שלפנינו מוטעת וה"ג כל מלכיות שנקראו ע"ש אשור
ופירוש כל מקום שהמלא מלכות הנקרא בשם אשור הטעם
ע"ש שמתעשרות מישראל וכן ע"ש נינוה כו' : (לא) והצירה
לבניו . ש: הקב"ה : (לב) של זקן . יצחק שבירך לעשו מטמני

הארץ וגו' והיה כאשר תריד ופרקת עלו : (לג) שאני עתיד .
הקב"ה כתב בתורתו : (לד) פרת . ע"ש שיפרע ממנה ודרש בו
לשון פרעות אויב : (לה) פורה . פרת לשון פורה וגו' ומדבר
באדום : (לו) עילה אותו כו' . הגביה אותו במעלה וכבוד על
הכל ולעיל דרש וישם וכאן דרש ויקח : (לז) ה"ג ולקחום עמים
והביאום : (לח) פיתה אותו . ריצה אותו כדי שיכנס לתוכו
וכדלעיל : (לט) הניח לו . לשון הנאה וקורת רוח : (מ) והגין
עליו וכו' . פירוש דקרא הדריש ויניחהו בגן עדן דריש להגנה עדן
לשון עידון כמשמעו : (מא) להניחו כו' . ע"מ כן הניחו שם

---

פאר וואס רופט מען אדום פרת ווייל זיא איז גימערט גיווארין דורך די ברכה פון יעקב . נאך
אמעם פאר וואס רופט מען אדום פרת ווייל גאט איז אנגיגרייט איר צו שטראפין . נאך אמעם
פאר וואס רופט מען אדום פרת . ווייל זיא וועט אמאהל גירופין ווערין פורה . אקעלטער . ווייל
גאט וועט איר צו טרעטין אזוי ווי מען טרעט ווייטרויבין אין דעם קעלטער : (ח) ויקח . גאט
האט גינומען דעם מענטש אונ האט אים אריין גיזעצט אין גן עדן . רבי יהודה אונ רבי נחמיה
קריגען . רבי יהודה זאגט ויקח מיינט מען גאט האט גרוים גימאכט אדם מיט דעם וואס ער האט
אים אריין גיזעצט אין גן עדן . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ולקחום עמים והביאום (די פעלקער
וועלין גרוים מאכין די יודין מיט דעם וואס זיי וועלין זיי נעמען אונ וועלין זיי ברייגען אין
ארץ ישראל) . רבי נחמיה זאגט ויקח מיינט מען גאט האט איבער גירעט אדם ער זאל וועלין
אריין גיין אין גן עדן . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק קחו עמכם דברים נעמט מיט אייך רייד
אונ קערט צוריק צו גאט (אונ רעט איבער גאט ער זאל אייך מוחל זיין) . ויניחהו . רבי יודן
אונ רבי ברכיה קריגען . רבי יודן זאגט ויניחהו מיינט מען גאט האט גימאכט רוהען צו אדם
אונ האט גימאכט צו אים אפארגעניגען אין גן עדן ער האט אים ערלויבט צו עסין פון אלע
בוימער אונ ער האט בשיצט אויף אים . רבי ברכיה זאגט גאט האט אריין גיגעבין אדם אין
גן עדן ער זאל רוהען דארט אונ ער זאל אויף אים בשיצען אונ ער זאל האבין פארגעניגען פון
אלע בוימער פון גן עדן . עס איז אבער ניט גיוועזן אזוי . ווארום אדם האט באלד געזינדיגט
אונ מען האט אים פון גן עדן ארויס געטריבען . גאט האט גיגעבין צו אדם די מצוה פון שבת .
ווי עס שטייט אין פסוק ער האט גירוהט דעם זיבעטין טאג . ער זאל ארבעטין . ווי עס שטייט
אין פסוק זעקס טעג זאלסטו ארבעטין . צו היטען . ווי עס שטייט אין פסוק זאלסט היטען
דעם טאג שבת אים צו הייליגען . נאך אפשט איז צו דינען אונ צו היטען . דאס מיינט מען
מקריב צו זיין קרבנות . ווי עס שטייט אין פסוק תעבדון את האלהים : איר זאלט דינען גאט
אויף דעם בארג סיני . אונ דארט איז ניט גיוועזן קיין אנדערע דינונג נאר וואס מען האט מקריב
גיוועזן קרבנות (סוף סדרה משפטים) . אונ היטען מיינט מען אויך קרבנות . ווי עס שטייט אין

בר"א (שמות כ) וינח ביום השביעי. לעבדה (שם) ששת ימים תעבוד . ולשמרה (דברים ה)
שמור את יום השבת לקדשו . ד"א לעבדה ולשמרה . אלו הקרבנות . שנא' (שמות ג)
תעבדון את האלהים. וכתיב (במדבר כח) תשמרו להקריב לי במועדו : (טז) ויצו ה' אלהים
על האדם לאמר (מב) מכל עץ הגן אכל תאכל . ר' לוי אמר צוהו על שש מצות. ויצו .
על ע"ז. המד"א (הושע ה) כי הואיל הלך אחרי צו . ה'. על ברכת השם . כר"א (ויקרא כד)
ונוקב שם ה'. אלהים. אלו הדיינין . שנא' (שמות כב) אלהים לא תקלל . על האדם . זו
ש"ד . שנא' (בראשית ט) שופך דם האדם. לאמר . זה ג"ע . שנא' (ירמיה ג) לאמר הן
ישלח איש את אשתו וגו'. מכל עץ הגן אכל . צוהו על הגזל. (מג) רבנן פתרין ליה כל
עניינא . ויצו ה' אלהים. רחמן אני דיין אני להפרע . אלהים על האדם. אמר לו אלהים
אני . נהוג בי כאלוה שלא תקללני . כמה דכתיב אלהים לא תקלל . ג"ע מניין . ודבק
באשתו ולא באשת חבירו . ולא בזכור . ולא בבהמה. אכל תאכל . א"ר יעקב דכפר הנין
(מד) מתי יתכשר לאכילה . משתשחט . רמז לו על אבר מן החי : (י) מות תמות. מיתה
לאדם . (מה) מיתה לחוה . מיתה לו . מיתה לתולדותיו :

ויאמר

## מתנות כהונה

כדי שיהא שם ויקבל הנאה ועידון וכיו"ט לא גרס דר' ברכיה : (מב) מכל עץ הגן . אכל האכל ולא כורחת לאכול אלא כמה שבחרתי לך:(מג) רבנן פתרין כל עניינא כו'. פירש"י כל ענינים דאמרי' לעיל : (מד) מתי יתכשר כו' . דרש כפל לשון אכל תאכל משמע משהוא אוכל או תאכלנו לאפוקי אבר מן החי : (מה) מיתה לחוה . כלומר שלא יאמר שאומר למה מפה תוב

פסוק איר זאלט היטען מקריב צו זיין (דעם קרבן תמיד) אין זיין צייט : (ט) (ויצו) . גאט האט
געבאטין אויף אדם . רבי לוי זאגט זעקס מצות האט גאט געבאטין צו אדם . ויצו מיינט מען
ער האט אים געבאטין ער זאל ניט דינען עבודה זרה ווי עס שטייט אין פסוק ער האט
געוואלט גיין אחרי צו . נאך די עבודה זרה . ה' מיינט מען . ער זאל ניט לעסטערין גאט
אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער וואס ווערט ארויס ריידין דעם נאמען פון ה' (אונ ווערט אים
לעסטערין קומט אים מיתה) . אלהים מיינט מען דיינים . ווי עס שטייט אין פסוק אלהים לא
תקלל (אדיין זאלסטו ניט פלוכין) . על האדם מיינט מען ער זאל ניט הרגנן אמענטש . ווי
עס שטייט אין פסוק שופך דם האדם (אז ער פארגיסט די בלוט פון אמענטש . ווערט מען אים
הרגנן) . לאמר מיינט מען ער זאל ניט מזנה זיין . ווי עס שטייט אין פסוק לאמר הן ישלח
איש את אשתו . אז איינער ווערט שיקען (גטין) זיין ווייב אונ זי ווערט נעמען איין אנדער מאן ,
טאר ניט דער ערשטער מאן איר צוריק נעמען . דאס הייסט מזנה זיין . שטייט ביי מזנה זיין
דער ווארט לאמר . אז דא שטייט לאמר מיינט מען אויך מען האט געבאטין צו אדם ער זאל
ניט מזנה זיין . פון אלע בוימער פון גארטין זאלסטו עסין . מען האט אים געבאטין ער זאל ניט
גזלנן . די רבנן זאגין אזוי מיינט דער פסוק . ויצו ה' אלהים . גאט הט געזאגט צו אדם איך
האב רחמנות (אויף די פרומע) . אונ בין אדיין צו שטראפין (די רשעים) . אלהים על האדם .
גאט האט געזאגט צו אדם איך בין אגאט אויף דיר . דו זאלסט מיך האלטין פאר אגאט . דו
זאלסט מיך ניט פלוכין . ווי עס שטייט אין פסוק אלהים לא תקלל . גאט זאלסטו ניט פלוכין .
פון וואנען ווייסין מיר אז גאט האט געבאטין אויף אדם ער זאל ניט מזנה זיין . ווארום עס
שטייט אין פסוק ודבק באשתו . ער זאל זיך בהעפטין מיט זיין ווייב . אבער ניט מיט זיין חבר ס
ווייב . אונ ניט מיט אזכר . אונ ניט מיט אבהמה . עסין זאלסטו עסין . אעסינווארג זאלסטו
עסין . אבער אלעבעדיגע בהמה זאלסטו ניט עסין . רבי יעקב פון דארף חנין האט געזאגט
ווען ווערט די בהמה אעסינווארג . ווען זי ווערט גישאכטין . אבער אפשניידין אשטיק פלייש
פון אלעבעדיגע בהמה אונ עסין טאר מען ניט : (י) (מות תמות) . גאט הט געזאגט צו אדם
אז דו וועסט עסין פון עץ הדעת שטארבין וועסטו שטארבין . צו וואס איז צוויי מאהל דאס
ווארט שטארבין . אדם וועט שטארבין אונ חוה וועט שטארבין . אדם וועט שטארבין אונ
אלע וואס וועלין פון אים געבארין ווערין וועלין אויך שטארבין :

ויאמר

**פרשה יז** (א) ויאמר ה׳ אלהים לא טוב היות. תנינן בעשרה מאמרות נברא העולם ואלו הן. בראשית: ורוח אלהים מרחפת. ויאמר אלהים יהי אור ויאמר אלהים יהי רקיע. ויאמר אלהים יקוו המים. ויאמר אלהים תדשא הארץ. ויאמר אלהים יהי מאורות. ויאמר אלהים ישרצו המים. ויאמר אלהים תוצא הארץ. ויאמר אלהים נעשה אדם. מנחם בר יוסי מוציא ורוח אלהים מרחפת. ומביא ויאמר ה׳ אלהים לא טוב היות האדם. א״ר יעקב בן קורשאי (א) מאמר ניתן לרוח בפני עצמה: (ב) לא טוב וגו׳ תני ר׳ יעקב כל שאין לו אשה. שרוי בלא טובה. בלא עזר. בלא שמחה. בלא ברכה. בלא כפרה. בלא טובה. לא טוב היות האדם לבדו. בלא עזר. אעשה לו עזר כנגדו בלא שמחה. שנא׳ (דברים יד) ושמחת (ג) אתה וביתך. בלא כפרה. (ויקרא טז) וכפר בעדו ובעד ביתו. בלא ברכה. (יחזקאל מד) להניח ברכה אל ביתך. ר׳ סימון בשם ריב״ל אמר. אף בלא שלום. שנא׳ (שמואל א כה) ואתה שלום וביתך שלום. ר׳ יהושע דסכני׳ בשם ר׳ לוי אמר אף בלא חיים. שנא׳ (קהלת ט) ראה חיים עם אשה אשר אהבת. ר׳ חייא בר גמדא אמר. אף אינו אדם שלם. שנא׳ ויברך אותם ויקרא את שמם אדם. שניהם כאחד קרוים אדם וי״א אף (ג) ממעט את הדמות. שנא׳ (בראשית ט) כי בצלם אלהים עשה את האדם. מה כתיב

## מתנות כהונה

אלו הכנים כבאים אחריהם ומפיק ליה מ״יהור׳: (א) מאמר ניתן לרוח כו׳. כלומר בא׳ ורא״ה בגדול כת כרוח שנכתב עליו מאמר בפני עצמו ושכר כה״ק דמתני׳: (ב) אתה וביתך. והרשו חז״ל אין בית אלא אשה: (ג) ממעט הדמות. שה״כ מוליד בנים שנבראים בדמותו וצלמו שנאמר בצלמנו כדמותינו: כנגדו

---

**פרשה יז** (א) (וַיֹּאמֶר). גאָט האָט געזאָגט עס איז ניט גוט דער מענטש זאָל זיין אַליין. מיר האָבן געלערנט מיט צען מאָהל זאָגן וואָס גאָט האָט געזאָגט איז די וועלט בּשאַפין געוואָרין. דאָס זענען זיי. בּראשית (צו ערשט האָט גאָט געזאָגט עס זאָל בּשאַפין ווערין הימעל אונ ערד). דער ווינט פון גאָט האָט געשוועבּט אויף דעם וואַסער. גאָט האָט געזאָגט עס זאָל ווערין ליכטיג. גאָט האָט געזאָגט עס זאָל ווערין אַפאַרשפּרייטונג צווישען די אויבערשטע אונ די אונטערשטע וואַסער. גאָט האָט געזאָגט די וואַסער זאָלין ווערין פאַרזאַמעלט צו איין אָרט. גאָט האָט געזאָגט די ערד זאָל בּדעקט ווערין מיט גראָז. גאָט האָט געזאָגט עס זאָל ווערין בּעלייכטונגען. גאָט האָט געזאָגט די וואַסער זאָל ווידמען לעבּעדיגע ווילין. גאָט האָט געזאָגט די ערד זאָל אויסציהען לעבּעדיגע ווילין. גאָט האָט געזאָגט מיר וועלין מאַכין אַמענטש. מנחם בּרבּי יוסי רעכינט ניט דעם פּסוק „דער ווינט פון גאָט האָט געשוועבּט אויף דעם וואַסער". נאָר ער רעכינט דעם פּסוק גאָט האָט געזאָגט עס איז ניט גוט אַמענטש זאָל זיין אַליין. רבּי יעקב בּן קורשאי האָט געזאָגט עס איז בּזונדער געזאָגט געוואָרין פון גאָט אויף דעם ווינט ער זאָל בּשאַפין ווערין: (ב) (לא טוב). רבּי יעקב האָט געלערנט דער וואָס וואוינט אָן אַווייב וואוינט ער אָן גוטס. אָן אַהילף. אָן פרייד. אָן אַבּרכה. אָן אַכּפּרה. אָן גוטס. ווי דער פּסוק זאָגט עס איז ניט גוט אַמענטש זאָל זיין אַליין. אָן אַהילף. ווי דער פּסוק זאָגט איך וועל געבּין אַווייב צו אָדם וואָס זי וועט אים זיין צו הילף. אָן שמחה. ווי דער פּסוק זאָגט דו זאָלסט דיך פרייען מיט דיין ווייב. אָן אַכּפּרה. ווי דער פּסוק זאָגט ער זאָל פאַרגעבּין פאַר זיך אונ פאַר זיין שטוב אונ די שטוב פון מענטש איז דאָס ווייב. אָן אַבּרכה. ווי דער פּסוק זאָגט עס זאָל רוהען אַבּרכה אין דיין שטוב (אין דיין ווייב). רבּי סימון האָט געזאָגט פון רבּי יהושע בּן לוי'ס וועגין דער וואָס וואוינט אָן אַווייב וואוינט ער אָן פרידען. ווי דער פּסוק זאָגט דו זאָלסט זיין פרידען אונ דיין שטוב (דיין ווייב) זאָל זיין פרידען. רבּי יהושע פון סכנין האָט געזאָגט פון רבּי לוי'ס וועגין דער וואָס וואוינט אָן אַווייב איז זיין לעבּין ניט קיין לעבּין. ווי דער פּסוק זאָגט זאָלסט זעהן צו לעבּין מיט די ווייב וואָס דו האָסט ליבּ. רבּי חייא בּר גמדא זאָגט דער וואָס וואוינט אָן אַווייב איז ער אַהאַלבּער מענטש. ווי דער פּסוק זאָגט גאָט האָט זיי געבּענטשט (אָדם מיט חוה) אונ ער האָט גערופין זייער נאָמען אָדם. בּיידע צו זאַמען ווערין גערופין אַמענטש אָבּער יעדער אַליין איז נאָר אַהאַלבּער מענטש. אַנדערע זאָגין דער וואָס וואוינט אָן אַווייב מאַכט

ער

כתיב אחריו ואתם פרו ורבו: (ג) אעשה לו עזר (ד) כנגדו. אם זכה עזר. ואם לאו כנגדו. א"ר יהושע בר נחמיה אם זכה. (ה) כאשתו של ר' חנינא בר חכינאי. ואם לאו כאשתו של ר' יוסי הגלילי. ר' יוסי הוה ליה אנתתא בישא. והוית ברתא דאחתיה. והות בזית ליה קדם תלמידיו. אמרין תלמידיו. שבקא להדא אנתתא בישא דליתא מיקרך. אמר להון (ו) פורנא רב עלי. לית בידי מה אשביק לה. חד זמן הוון יתבין (ז) פשטין. הוא וראב"ע. (ח) מן דהכלין. א"ל משגח רבי ואנן סלקין בביתא. א"ל אין. סליק. כי סליק אמכת לאפה ונפקת לה. צפה בההיא קדרה. א"ל אית בההיא קדירה כלום. (ט) א"ל אית פרפריין. אזל גליתה ואשכח (י) פרגיין. (יא) ידע ראב"ע מה הוא שמע. יתבון להון אכלין. א"ל רבי לא אמרת אלא פרפריין. והא אשכחנן בגוה פרגיין. א"ל (יב) מעשה נסים הן. (יג) מן דחכלין א"ל ר' שבוקא ההיא אנתתא מינך. דלית היא עבדא ליקרתך. א"ל

פורנא

## מתנות כהונה

(ד) כנגדו. מנגדתו ומכעסת אותו על פניו תמיד: (ה) כאשתו של ר' חנינא בן חכינאי. כדאיתא בפ' אע"פ שהמתינה על בעלה ר' חנינא י"ב שנה ולא עכבה על ידו: (ו) פורנא. היא כתובה: (ז) פשטין. היו חוזרין הלמודן: (ח) מן דהכלין. גרסינן פי' משסיימו אמר ר' יוסי לר"א הבטח נא לדברי ולכנסו נלך לבית לאכול כי סליק כו' כשעלה ר' יוסי לביתו היתה אשתו משפלת פניה למטה בפנים זועפים ויצאה לה לחוץ וכמו שאחז"ל מקבלא ליה פומא ומהדרה לאפה נפק ר' יוסי והסתכל בקדירה. אמר לה דרך שאלה היש בזאת הקדירה כלום לאכול: (ט) א"ל אית פרפריין. מיני לפתן ועיין בערוך: (י) פרגיין. פי' בערוך תרנגולים פטומות או עופות קטנים: (יא) ידע ר"א וכו'. הבין שהיו שונאים זה עם זה ושתק והיו יושבין ואוכלין: א"ל ר"א לר' יוסי לא אמרת שיש בקדירה אלא פרפריין והא מצינו שיש בתוכו פרגיין: (יב) מעשה נסים הם. דחה אותו בדברים מפני כבודו: (יג) מן דהכלין. משסיימו לאכול א"ל ר"א לר' יוסי עזוב אשה זאת פטור אותה שאינה עושה לפי כבודך:

---

ער עס זאל ווייניגער ווערין דער געשטאלט פון גאט אויף דער וועלט. ווארום ער האט ניט קיין קינדער און עס שטייט אין פסוק אין דעם געשטאלט פון גאט האט ער געמאכט דעם מענטש. דער נאך שטייט און איר זאלט אייך פרוכטבארין און מעהרין: (ג) אעשה. איך וועל אים מאכין אהילף געגין אים. אויב דער מענטש איז זוכה איז די ווייב צו אים אהילף. און אויב ער איז ניט זוכה איז דאס ווייב אים דער געגען. זיא זאגט אלע מאהל אנדערש ווי ער זאגט. און עס איז קריג צווישען זיי. רבי יהושע בר נחמיה זאגט אויב ער איז זוכה בעקומט ער אווייב אזוי ווי די ווייב פון רבי חנינא בר חכינאי איז געוועזען. און אויב ער איז ניט זוכה בעקומט ער אווייב אזוי ווי די ווייב פון רבי יוסי הגלילי איז געוועזען. רבי יוסי האט געהאט אשלעכטע ווייב. און זיא איז געוועזען זיין שוועסטערס טאכטער. און זיא פלעגט אים פאר שעמען פאר זיינע תלמידים. האבין די תלמידים געזאגט צו רבי יוסי גיב גט דיין שלעכטע ווייב ווייל זיא גיט דיר ניט כבוד. האט רבי יוסי געזאגט צו די תלמידים זי האט אויף מיר אגרויסע כתובה. און איך האב ניט איר צו געבין די כתובה. אמאהל איז געזעסין רבי יוסי און רבי אלעזר בן עזריה און האבין געלערנט. ווי זיי האבין אפגעלערנט. האט רבי יוסי געזאגט צו רבי אלעזר זאל דער רבי מיך פאלגין און גיין מיט מיר אהיים עסין. האט רבי אלעזר געזאגט יא מיר וועלין אזוי טאהן. זענען זיי ביידע געגאנגען צו רבי יוסי אהיים. ווי זיי זענען אריין געקומען אין שטוב האט זיא אראפגעבויגן דעם פנים און איז ארויס געגאנגען פון שטוב. האט רבי יוסי אקוק געטאהן צום טאפ און זאגט צו איר איז עפעס דא אין טאפ צו עסין. האט זי געזאגט עס איז דא אין טאפ ערד פרוכטין (קארטאפלעס אדער מעהרין). האט רבי יוסי אויף געדעקט דעם טאפ און האט געזעהן אינווייניג איז דא פעטע הינער געקאכטע. רבי אלעזר האט שוין געוואסט פון דעם וואס ער האט געהערט אז דאס ווייב האט פיינט איר מאן רבי יוסי. האבין זיי זיך געזעצט עסין. האט רבי אלעזר געזאגט צו רבי יוסי דיין ווייב האט געזאגט אז אין טאפ איז דא ערד פרוכטין. און מיר האבין געפונען אין טאפ פעטע הינער. האט רבי יוסי געזאגט עס איז געווארין אנס און עס איז געווארין פעטע הינער. ווי זיי האבין אפגעגעסין האט רבי אלעזר געזאגט צו רבי יוסי לאז אוועק פון דיר דס ווייב. ווייל זי טוהט ניט נאך דיין כבוד. האט רבי יוסי געזאגט זיא האט אויף מיר אגרויסע כתובה און איך האב ניט איר וואס צו געבין. האט רבי אלעזר געזאגט מיר וועלין איר געבין די כתובה און לאז זיא אוועק פון דיר. האבין די תלמידים אזוי געטאהן און האבין איר געגעבין די כתובה און ער האט איר געגט. און

זיי

פורנא רב עלי ולית בי מה אשבוק לה. א"ל (יד) אנן יהבינן לה פורנא ושבקית מינך. עבדון ליה כן. (טו) פסק לה פורנא. ושבקיתה מיניה. ואסבון יתיה איתתא אחרא טבא מינה. (טז) גרמון חובין דההיא איתתא. ואזלת ואתנסבת לסנטרין דקרתא. לבתר יומין אהון יסורין עליה ואיתעוור. והוות ציירת בידיה (יז) ומחזרא ליה על שקקיא דקרתא. כיון דהוות מטיא בשקקיה דריה"ג. הוות קיימא לה וחזרה לאחורה. (יח) מן דהוה ההוא גברא חכים קרתא. א"ל למה את לא מובלת לי לשכונתיה דריה"ג. דאנא שמע דהוא עביד (יט) מצוה. אמרה ליה (כ) משבקתיה אנא. ולית בי דליחמי סבר אפוהי. (כא) חד זמן אתון קרון בשכונתיה דר' יוסי (כב) ארגיש בה יום קדמוי ויום תניין ושרי מחי לה. ואזיל קלהון והוון מתבזין בכל קרתא. (כג) אודיק ר"י לקלהון (כד) ותמהון מתבזין בגו שוקא. א"ל למה את מחי לה. א"ל כל יום (כה) היא מובדה פרנסתיה דהדין שקקיה מיני. כיון דשמע ר"י כן (כו) נסבהון ויהב יתהון בחדא ביתא מן דידיה. והוה מפרנס יתהון כל יומי חייהון. על שם (ישעיה נח) (כז) ומבשרך לא תתעלם: (ד) וייצר ה' אלהים
מן

## מתנות כהונה

(יד) אנן גרסי' וס"נ בערוך ערך פס כלומר אנחנו תלמידיך ניתן לה כתובה ועזוב אותה ממך ועשו לו כן: (טו) פסיק לה. פורנא גרסי' פיה פוסק לה כתובה ועזב אותה מימנו והיו משיאין אותו אשה אחרת טובה ממנה: (טז) גרמון חובין גרסי' גרמו לה עונותיה של אותה אשה והלכה ונשאת לשומר העיר לאחר ימים באו יסורין עליו ונעשה עור. ס"נ בילקוט והוות ליירים בידיה ופי' אוחזת בידו ועיין בערוך ערך נר הב': (יז) ומחזרא כו'. והיתה מחזרת אותו על כל השווקים והרחובות שבעיר וכיון שהגיע לרחוב שר' יוסי היה דר בו היתה עומדת וחוזרת לאחורה: (יח) מן דהוה כו'. מפני שהיה אותו החכם מכיר ובקי ברחובות העיר אמר לה אין אתה מולכת אותי לרחוב של ר' יוסי לפי שמעתי עליו שה"א בעל צדקות הרבה: (יט) מצוה. צדקה: (כ) משבקתיה. גרושתו אנכי ואין בי כח מפני הבושה לראות הסברת פניו: (כא) ה"ג חד זמן אתון קרין. זמן אחד באו וקראו על הפתח ברחוב של ר' יוסי: (כב) ארגיש. הרגיש והיה מתקוטט עמה יום ראשון ושני וסוף התחיל להכותה והלך הקול בתוך הרחוב והיו מתבזים בכל העיר: (כג) אודיק. ר' יוסי גרסי' פי' הביט והשקיף בשביל קולם: (כד) ותמהון כו'. וראה אותם מתבזים בתוך העיר: (כה) מובדה כו'. בכל יום היא מאבדת ממני פרנסת רחוב זה שאינה רוצה להוליכני שם: (כו) נסבהון כו'. לקח אותם והיה נותן אותם בבית אחד שהיה שלו והיה מפרנסם כו': (כז) ומבשרך. זו אשתו כד"א והיו לבשר

---

זיי האבין גיגעבין צו רבי יוסי איין אנדער ווייב אבעסערע פון די ערשטע. די זינד פון די ערשטע ווייב האבין איר גיברענגט זיא זאל חתונה האבין מיט דעם היטער פון די שטאט. אין אצייט שפעטער נאך דער חתונה איז דער היטער בלינד גיווארין. האט זיא אים גיהאלטין ביי די האנט אונ איז מיט אים גיגאנגען אין די גאסין פון שטאט בעטין נדבות. ווי זיא איז גיקומען אין די גאס וואו רבי יוסי הגלילי האט געוואהנט האט זיא זיך גישטעלט אונ איז צוריק גיגאנגען. ווייל ער האט געוואסט אלע גאסין פון שטאט. האט ער גיזאגט צו איר פאר וואס פירסטו מיך ניט אין די גאס וואו רבי יוסי הגלילי וואהנט איך האב גיהערט אז רבי יוסי גיבט פיל צדקה. הט זיא גיזאגט צו אים איך בין אמאהל גיוועזן די ווייב פון רבי יוסי אונ ער האט מיך גיגט. קען איך ניט זעהן זיין פנים. אמאהל זענען זיי גיקומען נאנט פון די גאס וואו רבי יוסי האט געוואהנט אונ האבין דארט גיבעטין נדבות. האט ער זיך געקריגט מיט איר איין טאג אונ דעם אנדערין טאג פאר וואס זיא גייט ניט מיט אים אין די גאס פון רבי יוסי. ביז ער הט זיא גישלאגין. איז גיווארין אגישרייא אונ אשאנדע אין די גאנצע שטאט. האט רבי יוסי אויך גיהערט דאס גישרייא איז ער גיקומען זעהן וואס מען שרייט. האט ער גיזעהן ווי זיי זענען פארשעמט אין שטאט. הט רבי יוסי גיזאגט צו אים פאר וואס שלאגסטו זיא. האט ער גיזאגט צו רבי יוסי אלע טאג נעמט זיא ביי מיר אוועק די פרנסה פון די גאס. ווי רבי יוסי האט דאס גיהערט הט ער זיי גיגעבין אוואהנונג אין זיין הויז אונ האט זיי גישפייזט ווי לאנג זיי האבין גילעבט. ווייל עס שטייט אין פסוק ומבשרך לא תתעלם. פון ביין פלייש (פון דיין ווייב) זאלסטו דיך ניט פארגעסין: (ד) ויצר. גאט האט בשאפין פון די ערד אלע חיות וואס זענען אין פעלד. מען האט גיפרעגט ביי רבי יוחנן בן זכאי עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט די ערד זאל ארויסציהען אלעבעדיגע זייעלע צו איר מין. צו וואס שטייט נאך אמאהל גאט הט בשאפין פון די ערד אלע חיות פון פעלד. האט רבי יוחנן גיזאגט דער ערשטער פסוק דער ציילט ווי אזוי גאט האט בשאפין אלע לעבעדיגע זאכין. דער אנדערער פסוק דערציילט אז גאט האט גיגעבין אלע לעבעדיגע

זאכין

מן האדמה. בעון קומי ריב"ז. כתיב ויאמר אלהים תוצא הארץ נפש חיה למינה. ומה ת"ל ויצר ה' אלהים מן האדמה כל חית השדה. אמר להן להלן לבריאה. וכאן (כח) לכבוש. הסד"א (דברים כ) כי תצור אל עיר ימים רבים: (ה) אמר ר' אחא בשעה שבא הקב"ה לבראות את האדם נמלך במה"ש. א"ל נעשה אדם. א"ל אדם זה מה טיבו. א"ל חכמתו מרובה משלכם. הביא לפניהם את הבהמה ואת החיה ואת העוף. א"ל זה מה שמו. ולא היו יודעין. העבירן לפני אדם. א"ל זה מה שמו. אמר זה שור זה חמור זה סוס וזה גמל. ואתה מה שמך. א"ל אני נאה להקרא אדם. שנבראתי מן האדמה. ואני מה שמי. א"ל לך נאה להקראות אדני. שאתה אדון לכל בריותיך. א"ר אחא (ישעיה מב) אני ה' הוא שמי. הוא שמי שקרא לי אדה"ר. חזר והעבירן לפניו זוגות. אמר לכל יש בן זוג. ולי אין בן זוג. ולאדם לא מצא עזר כנגדו. אתמהא. ולמה לא בראה לו תחלה. אלא צפה הקב"ה שהוא עתיד לקרות עליה תגר. לפיכך לא בראה לו עד שתבעה בפיו. כיון שתבעה מיד ויפל ה' אלהים הרדמה וגו': (ו) ויפל ה' אלהים תרדמה. ר' יהושע דסכנין בשם ר' לוי אמר. (כט) תחלת מפלה שינה. (ל) דמך ליה ולא לעי באורייתא. ולא עביד עבידתא

## מתנות כהונה

אחר: (כח) לכבוש. שיהיו כבושים ומשועבדין תחת ידי בני אדם כמו שפירש"י בחומש: (כט) תחלת מפלה שינה. דייק מדכתיב ויפל אלא השינה ופירש"י תחלת מפלתו של אדם לא בא עליו אלא ע"י שינה ופלום שמתפלל מלכרזית: (ל) דמך ליה כו'. מתוך שכוח ישן אינו עוסק בתורה ואינו עוסק במלאכתו: מרמיתם

זאכין אין דעם מענטשינס האנט. דער מענטש זאל האבין אויף זיי צו שאפין. וואררם ויצר איז דער טייטש בעלאגערין אונ איין נעמען. ווי עס שטייט אין פסוק כי תצור אל עיר. אז דו וועסט בעלאגערין אויף א שטאט פיל טעג: (ה) (אמר). רבי אחא האט גיזאגט ווען גאט האט גיוואלט בשאפין דעם מענטש. האט ער גיפרעגט ביי די מלאכים. ער האט גיזאגט צו זיי זאל איך בשאפין דעם מענטש. האבין די מלאכים גיזאגט צו גאט וואס וועט זיין דער מענטש. האט גאט גיזאגט זיין חכמה וועט זיין מעהר פון אייער חכמה (ער וועט זיין קליגער פון אייך) גאט האט גיברייננט פאר די מלאכים בהמות אונ חיות אונ עופות. אונ ער האט גיפרעגט ביי זיי ווי זאל זיין דער נאמען פון די בהמה אונ פון די חיה. האבין זיי ניט גיוואוסט. דער נאך האט גאט גיברייננט די בהמות אונ חיות אונ עופות פאר אדם. אונ ער האט גיפרעגט ביי אדם אויף זייערע נעמען. הט אדם גיזאגט די בהמה זאל זיין איר נאמען שור (אקס). די בהמה חמור (אייזיל). די בהמה סוס (פערד). די בהמה גמל (קעמיל). זאגט גאט צו אדם ווי זאל זיין דיין נאמען. האט אדם גיזאגט עס איז שיין (עס פאסט) מען זאל מיך רופין אדם. ווייל איך בין בשאפין גיווארין פון אדמה (ערד). זאגט גאט צו אדם ווי זאל זיין מיין נאמען. האט אדם גיזאגט עס איז שיין מען זאל דיך רופין אדני. ווייל דו ביזט דער הערר פון דער וועלט. רבי אחא זאגט גאט הט גיזאגט אני ה' הוא שמי. (איך בין אדני דאס איז מיין נאמען) דאס איז מיין נאמען וואס אדם הראשון האט מיך גירופין. דער נאך הט גאט געפירט פאר אדם די בהמות אונ חיות אונ עופות פארין וייז. זכר אונ נקבה. האט אדם גיזאגט אלע זענען פארין. אונ איך בין ניט קיין פאר. ווי עס שטייט אין פסוק אדם האט ניט געפונען א הילף געגין זיך. עס איז א וואונדער פאר וואס הט גאט ניט בשאפין חוה באלד אין אנהייב ווען ער האט בשאפין אדם (אזוי ווי אלע לעבעדיגע זאכין האט גאט בשאפין די נקבה צו זאמען מיט דעם זכר). נאר ווייל גאט האט גיוואוסט אז אדם וועט אמאהל האבין א טענה צו אים פאר וואס ער האט אים גיגעבין דאס ווייב. דריבער האט גאט ניט גיוואלט בשאפין דאס ווייב ביז אדם הט גיבעטין ביי גאט ער זאל אים אויך געבין א ווייב. ווי אדם הט פארלאנגט דאס ווייב האט גאט גיווארפין א שלאף אויף אים (ווי ווייטער שטייט אין פסוק: (ו) ויפל. גאט האט גימאכט פאלין א שלאף אויף אדם. רבי יהושע פון סכנין האט גיזאגט פון רבי לוי'ס וועגין דאס ערשטע פאלין פון א מענטש איז דער שלאף. אז ער שלאפט לערנט ער

עבידתא. רב אמר שלש תרדמות הן. תרדמת שינה. ותרדמת נבואה. ותרדמת (לא) מרמיטה. תרדמת שינה (בראשית ג) ויפל ה' אלהים תרדמה על האדם ויישן. תרדמת נבואה. (שם טו) ויהי השמש לבא ותרדמה נפלה על אברם. תרדמת מרמיטה. (ש"א כ"ו) אין רואה ואין יודע ואין מקיץ כי כולם ישנים כי תרדמת ה' נפלה עליהם. רבנן אמרי אף תרדמה של שטות. דכתיב (ישעיה כט) כי נסך עליכם ה' רוח תרדמה: (ז) ר' חנינא בר יצחק אמר. ג' (לב) נובלות הן. (לג) נובלת מיתה שינה. נובלת נבואה חלום. נובלת העוה"ב שבת. ר' אבין מוסיף עוד תרתין. נובלת אורה של מעלה גלגל חמה. נובלת חכמה של מעלה תורה: (ח) ויקח אחת מצלעותיו. רשב"נ אמר מן (לד) סטרוהי. הסד"א (שמות כז) ולצלע המשכן. ושמואל אמר (לה) עילעא חדא מבין ב' צלעותיו נטל. תחתיה אכ"כ. אלא התחנה: (ט) א"ר חנינא בריה דר' אידי. מתחלת הספר ועד כאן אין כתיב סמ"ך (לו) כיון שנבראת נברא (לז) שטן עמה. ואם יאמר לך

## מתנות כהונה

(לא) מרמיטה. פירש"י לשון בהלה ובערוך פי' דומה כמו אבן מרמיטה: (לב) נובלות. דוגמא ודמיון מעין אותו דבר שנדמה לו מל' עלה נובלת: (לג) נובלת מיתה שינה. כמו שאחז"ל שינה אחת מס' שבמיתה: (לד) סטרוהי. צדיו. אצדיו וזהו כמ"ד דו פרצופין נבראו פנים לפניו ופנים לאחוריו ואח"כ נסרו לשנים: (לה) עילעא. צלע יחידה לקח מבין בני צלעותיו. מצלעותיו פירושו מבין צלעותיו וזהו תחתנה ולשון רבים מורה תחת שני כצלעות מעלה ומטה. שלקח מבנתיים הצלע התחת וכמו מוכח בילקוט שגרס מבין שני עילעיא אבל למ"ד ב' פרצופין היו ונסר הא' מחבירו פל"ל תחתיה כלומר תחת הצד שלקח: (לו) כיון שנבראת חוה: (לז) שטן. אע"פ שסטן סוף בסי"ן

---

ניט תורה. און ארבעט ניט זיין ארבעט. רב זאגט דריי ערליי שלאף איז דא. אשלאף וואס אלע מענטשין דארפין שלאפין. אשלאף וואס דער נביא שלאפט איין ווען די נבואה קומט אויף אים. און אשלאף וואס קומט פון אשרעק. אשלאף וואס אלע מענטשין דארפין שלאפין ווי דער פסוק זאגט גאט האט גימאכט פאלין אויף אדם אשלאף און ער איז אנטשלאפין גיווארין. אשלאף וואס דער נביא שלאפט איין ווען די נבואה קומט אויף אים. ווי עס שטייט אין פסוק ווי די זונן האט אנגיהויבין אונטער צו גיין איז גיפאלין אשטארקער שלאף אויף אברם (און ער האט גיזעהן די נבואה אז זיינע קינדער (די יודין) וועלין זיין אין גלות ווי עס שטייט אין די סדרה לך לך). אשלאף וואס קומט פון אשרעק. ווי עס שטייט אין פסוק מען האט ניט גיזעהן מען האט ניט גיוואסט מען האט ניט אויף געוואכט ווארום אלע זענען גישלאפין ווייל אשלאף פון גאט איז גיפאלין אויף זיי (דאס שטייט ביי שאול המלך. שמואל א קאפיטל כו). די רבנן זאגין עס איז דא אשלאף פון אמשוגענעם (ווייל דער שכל ווערט פארמישט שלאפט מען איין). ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט פארמישט אויף אייך אגייסט פון שלאף: (ז) רבי חנינא בר יצחק זאגט דריי ערליי זאכין זענען דא וואס זיי זענען אזוי ווי אשאלעכץ צו אפרי. זיי זענען נאר פארגלייכט אביסול. דער שלאף איז אטייל פון טויט (אזעכציג חלק). אחלום איז אטייל פון נבואה. שבת איז אטייל פון עולם הבא. אבער נאר ווי אשאלאכץ וואס האט אויף דעם טעם פון די פרי. רבי אבין זאגט נאך צוויי זאכין די ליכטיגקייט פון די זונן איז אטייל פון די ליכטיגקייט וואס אויף דעם הימעל. די חכמה פון די תורה איז אטייל פון די חכמת פון גאט: (ח) ויקח אחת מצלעותיו. וואס מיינט מען מצלעותיו. רבי שמואל בר נחמן זאגט פון זיינע זייטין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ולצלע המשכן. צו די זייט פון משכן. גאט האט גינומען אזייט פון אדם און האט גימאכט פון דער זייט זיין ווייב חוה. און שמואל זאגט גאט האט גינומען איין ריפ פון זיינע ריפען (נאר ניט פון עק נאר פון צווישען צוויי ריפען האט ער ארוים גינומען איינע). ווארום עס שטייט ניט אין פסוק תחתיה. גאט האט גימאכט פאר וואקסין פלייש אויף איר ארט. אויף דעם ארט פון די זייט. נאר עס שטייט תחתנה. אויף זייער ארט. אויף דעם ארט פון די ריפען: (ט) (אמר). רבי חנינא דער זוהן פון רבי אידי האט גיזאגט פון אנהייב תורה ביז דעם ווארט ויסגור שטייט ניט קיין סמך. ווי חוה איז בשאפין גיווארין איז מיט איר בשאפין גיווארין דער שטן (אשין מיט אסמך איז איינס). אויב

איינער

אדם הוא הסובב. תאמר לו (לח) בנהרות הכתוב מדבר: (י) אמר ר' חנינא בר יצחק עשה הקב"ה (לט) גוי לתחתיתו. כדי (מ) שלא יהא מתבזה כבהמה. ר' אמי ור' ינאי. חד אמר עשה לו (מא) מנעל ואפיפורין (מב) כבוש עליו. כדי שלא יצטער כשהוא יושב. ואחרינא אמר עשה לו כסתות. ר' לוי ור' אמי. חד אמר עשה לו (מג) קבורה. וחד אמר עשה לו תכריכין: (יא) מטרונה אחת שאלה את ר' יוסי. אמרה לו (מד) למה בגניבה. א"ל משל אם הפקיד אדם לידך (מה) אונקיא של כסף בחשאי. וחזרת לו ליטרא של זהב בפרהסיא (מו) זו גניבה. א"ל למה (מז) בטמטוניות. א"ל בתחלה בראה לו. וראה אותה מלאה רירין ודם. (מח) והפליגה ממנו. חזר ובראה לו פעם ב'. א"ל מוספת (מט) אני על דבריך. (נ) אמורה הייתי להנשא לאחי אמי. וע"י שגדלתי עמו בבית התעכרתי בעיניו והלך ונשא לו אשה אחרת ואינה נאה כמוני: (יב) מעשה בחסיד אחד שהיה נשוי

## מתנות כהונה

מ"נ בסמ"ך א"א לטעות ולקרות באופן אחר משא"כ בשי"ן באם יקרא בשי"ן ימנית אין שטן ופגע רע: (לח) בנהרות הכתוב מדבר. מספר איך הוא מהלך הנהרות. אבל בענין הבריאה והעבר"ה אין ס': (לט) גוי לתחתיתו. בשר התחתונה קדרים והמפרש ר' אמי וכו': (מ) שלא יהא מתבזה כו'. פירוש נקב בית הריעי נראה לעין כל ותרפס היא לו: (מא) מנעול בפה התחתון סגור כאילו אין שם נקב משא"כ בבהמה: (מב) ועוד כבש עליו אפיפורין. פי' סערוך ורש"י ז"ל כמין כסא:

(מג) קבורה. ופי' הכתוב ויסגור בבשר בתחתיה שאין לו ויסגור בעדו בתכריכין: (מד) למה בגניבה. בראה לו שלקה ממנו כצלע: (מה) אונקיא. משקל קטן: (מו) זו גניבה. בתמיה וכן עשה הקב"ה נטל ממנו צלע אחת והחזיר לו אשה שלמה: (מז) במטמוניות. בעת שהיה בתחלה ולמה לא בהקיץ: (מח) והפליגה. והרחיקה ממנו מפני שהיתה מאוסה בעיניו: (מט) אני כו'. מוסיף אני להביא ראיה לדבריך שיפה אמרת: (נ) אמורה הייתי. אמרתי אני בלבי להנשא כו':

---

איינער וועט דיך פרעגן עס שטייט דאך פריער הוא הסובב. איז דאך דא אסמך. זאלסטו אים ענטפערן דאס שטייט ביי די טייכן אויף וועלכע ערטער זיי גייען אויף דער וועלט. אבער ניט ביי די בשאפונג. אונ ביי חוה'ס בעשאפונג שטייט יא אסמך. ווייל מיט איר איז דער שטן בעשאפן געווארן: (י) (אמר). רבי חנינא בר יצחק האט געזאגט גאט האט אונטען שיין געמאכט דעם מענטש ער זאל ניט זיין פארשעמט ווי א בהמה. רבי אמי אונ רבי ינאי קריגען. רבי אמי זאגט גאט האט פארמאכט מען זאל ניט זעהן דעם ארט וואו די צואה גייט ארויס. אונ צוויי קישעלאך פון הויבן ער זאל ניט האבן צער (עס זאל אים ניט הארט זיין) צו זיצען. רבי ינאי זאגט די ביינער זענען געמאכט אזוי ווי א שטוהל ער זאל קענען זיצען. רבי לוי אונ רבי אמי קריגען איינער זאגט גאט האט שיין געמאכט דעם מענטש מיט דעם וואס מען בגראבט אים נאך זיין טויט. ער בלייבט ניט ליגען אויף דעם פעלד חיות זאלין אים אויף עסן. אונ איינער זאגט די שיינקייט איז וואס מען בגראבט אים אין תכריכין ניט נאקעט: (יא) מטרונה. א מלכה האט געפרעגט ביי רבי יוסי פאר וואס האט גאט בעשאפין חוה'ן דורך גנבה. ער האט גיגנבעט א ריפ ביי אדם אונ האט געמאכט פון איר חוה'ן. האט רבי יוסי געענטפערט צו די מלכה למשל איינער האט בעהאלטין ביי דיר א זילבערנע מטבע אין דער שטיל. אונ דו האסט אים צוריק געגעבין אפונט גאלד וואס אלע זעהי. הייסט דאס דו האסט גיגנבעט די זילבערנע מטבע. געווים ניין. גאט האט אויך אזוי געטאהן ער האט גענומען ביי אדם א שטיק פלייש אונ האט אים צוריק געגעבין א ווייב. הייסט דען דאס גיגנבעט. האט די מלכה געזאגט צו רבי יוסי פאר וואס האט דאס גאט געטאהן אין דער שטיל ווען אדם איז געשלאפין. האט רבי יוסי געזאגט גאט האט שוין אמאהל בעשאפין א ווייב פאר אדם. האט אדם געזעהן זיא איז פול מיט לחות (וואס רינט פון איר פייכטקייט) אונ בלוט האט ער זיא דער ווייטערט פון זיך. האט גאט אים בשאפין דאס ווייב נאך אמאהל. ווען ער זאל גאר ניט זעהן ווי אזוי זיא איז בשאפין געווארין. האט די מלכה געזאגט צו רבי יוסי איך וועל נאך צו געבין צו דיינע רייד. אז דו ביזט גירעכט. איך האב גימיינט אז איך וועל חתונה האבין מיט מיין מוטערס ברודער. נאר ווייל איך האב מיך געאדעוועט מיט אים אין איין שטוב בין איך פאר מיאוסת געווארין אין זיינע אויגין אונ ער האט גינומען איין אנדער ווייב אונ זיא איז ניט אזוי שיין ווי איך: (יב) (מעשה). א חסיד האט אמאהל גיהאט א פרומע ווייב א חסידה אונ זיי האבין ניט גיהאט קיין קינדער. האבין זיי גיזאגט

מיר

נשוי לחסידה אחת. ולא העמידו בנים זה מזה. אמרו (נא) אין אנו מועילים להקב"ה כלום. עמדו ונרשו זה את זה. הלך זה ונשא רשעה אחת ועשתה אותו רשע. הלכה זאת ונשאת לרשע אחד ועשתה אותו צדיק. הוי שהכל מן האשה: (יג) שאלו את ר' יהושע מפני מה האיש (נב) יוצא פניו למטה. והאשה יוצאת פניה למעלה. א"ל האיש מביט (נג) למקום ברייתו. (נד) והאשה מבטת למקום ברייתה. ומפני מה האשה צריכה (נה) להתבסם. ואין האיש צריך להתבסם. א"ל אדם נברא מאדמה. ואדמה אינה מסרחת לעולם. וחוה נבראת מעצם משל אם תניח בשר ג' ימים בלא מלח מיד הוא מסריח. ומפני מה האשה (נו) קולה הולך ולא האיש. א"ל משל אם תמלא קדרה בשר אין קולה הולך. (נז) כיון שתתן לתוכה עצם מיד קולה הולך. מפני מה האיש נוח (נח) להתפתות. ואין האשה נוחה להתפתות. א"ל אדם נברא מאדמה. וכיון שאתה נותן עליה (נט) טפה של מים מיד היא נשרית. וחוה נבראת מעצם ואפי' אתה שורה אותו כמה ימים במים אינו נשרה. ומפני מה האיש (ס) תובע באשה. ואין האשה תובעת באיש. א"ל משל להד"ר. לאחד שאבד אבידה. הוא מבקש אבידתו ואבידתו אינה מבקשתו.

ומפני

## מתנות כהונה

(נא) אין אנו מועילים וכו'. שברא אותנו לקיום העולם שנא' לשבת יצרה: (נב) יוצא. לאויר העולם כשנולד פניו למטה: (נג) למקום ברייתו. שהאדם מן העפר לוקח: (נד) והאשה כו'. מבטת למעלה כי מאיש לוקחה והוא עליון עליה בשעת הרגל דבר: (נה) להתבסם. נמצאי בשמים ושמנים מפני שהזוהמות מצוי בהן יותר מן האיש: (נו) קולה הולך. הולך והומה ועומד גלגל: (נז) כיון שנתן לתוכה. לתוך הקדרה: (נח) להתפתות. פירש"י לדרך ארץ אחר שנכנס ובס"א להתפייס מכעסו: (נט) טפה של מים. רמז לרמוז דברים ודבריה מתים וחלוקים כמו מים: (ס) תובע באשה. לדרך ארץ לכנסה לו:

---

מיר העלפין גאר ניט צו גאט אויף דער וועלט. איז בייא זיי געבליבען זיי זאלין זיך געטין. דער חסיד האט חתונה גיהאט מיט א ווייב א רשעת האט זיא אים אויך געמאכט פאר א רשע. אונ די חסידה האט חתונה גיהאט מיט א רשע אונ זיא האט אים גימאכט פאר א צדיק. זעהט מען אז אלץ קומט נאר פון די אשה: (יג) (שאלו). מען האט גיפרעגט בייא רבי יהושע פאר וואס ווערט א זכר גיבארין מיט דעם פנים אראפ אונ א נקבה ווערט גיבארין מיט דעם פנים ארויף. האט רבי יהושע גיענטפערט דער זכר קוקט פון וואנען ער איז בשאפין גיווארין (פון די ערד). אונ די נקבה קוקט פון וואנען זיא איז בשאפין גיווארין (פון זכר). נאך האט מען גיפרעגט פאר וואס די נקבה דארף זיך שמירען מיט בשמים עס זאל פון איר שמעקין. אונ דער זכר דארף זיך ניט שמירען מיט בשמים. האט רבי יהושע גיזאגט דער זכר (אדם) איז בשאפין גיווארין פון ערד. אונ ערד ווערט ניט פארשטונקען. אונ די נקבה (חוה) איז בשאפין גיווארין פון ביין. למשל דו וועסט לאזין ליגען פלייש דריי טעג אן זאלץ וועט דאס באלד פארשטונקען ווערין. נאך האט מען גיפרעגט פאר וואס דער קול פון א נקבה קלינגט. אונ דער קול פון א זכר קלינגט ניט. האט רבי יהושע גיזאגט למשל דו וועסט אריין לייגין א פולען טאפ פלייש וועט ניט קלאפין. אונ אז דו וועסט אריין לייגין א ביין אין א טאפ וועט יא קלאפין. ווייל דער זכר איז בשאפין גיווארין פון ערד קלינגט ניט זיין קול. אונ די נקבה איז בשאפין גיווארין פון ביין קלינגט איר קול. נאך האט מען גיפרעגט פאר וואס אז דער זכר ווערט בייז איז גרינג אים איבער צו בעטין. אונ אז די נקבה ווערט בייז איז שווער איר איבער צו בעטין. האט רבי יהושע גיזאגט אדם (דער זכר) איז בשאפין גיווארין פון ערד. אונ אז מען גיט א טראפין וואסער אויף ערד ווערט די ערד באלד צו ווייקט. (דריבער אז מען רעדט צום זכר גוטע רייד ווערט ער באלד ווייך). אונ חוה (די נקבה) איז בשאפין גיווארין פון ביין אונ אז דו וועסט ווייקין א ביין אין וואסער ווי פיל טעג וועט ער ניט צו ווייקט ווערין. דריבער ווערט די נקבה ניט ווייך דורך גוטע רייד. נאך האט מען גיפרעגט פאר וואס דער זכר מאנט די נקבה זיא זאל מיט אים חתונה האבין. אונ די נקבה מאנט ניט דעם זכר ער זאל מיט איר חתונה האבין. האט רבי יהושע גיזאגט למשל איינער האט פארלארין א זאך. ער זוכט די זאך אבער די זאך זוכט אים ניט. דאס ווייב איז גינומען גיווארין פון מאן. דריבער זוכט ער זיין ווייב אבער זיא אים זוכט ניט. נאך האט מען גיפרעגט פאר וואס דער מאן זוכט וועלכע ווייב ער זאל נעמען ווי די גמרא זאגט אמענטש

זאל

ומפני מה האיש מפקיד זרע באשה. ואין האשה מפקדת זרע באיש. א"ל לאחד שהיה בידו פקדון. ומבקש (סא) אדם נאמן שיפקדנו אצלו. ומפני מה האיש יוצא ראשו מגולה והאשה ראשה מכוסה. א"ל לאחד (סב) שעבר עבירה. והוא מתבייש מבני אדם. לפיכך יוצאה וראשה מכוסה. ומפני מה הן מהלכות אצל המת תחלה. א"ל ע"י שגרמו מיתה לעולם. לפיכך הן מהלכות אצל המת תחלה. הה"ד (איוב כא) ואחריו כל אדם ימשוך וגו'. ומפני מה ניתן לה מצות נדה. ע"י ששפכה דמו של אדה"ר. לפיכך ניתן לה מצות נדה. ומפני מה ניתן לה מצות חלה. ע"י שקלקלה את אדה"ר. שהיה (סג) גמר חלתו של עולם. לפיכך ניתן לה מצות חלה. ומפני מה ניתן לה מצות נר שבת. א"ל ע"י שכבתה (סד) נשמתו של אדה"ר. לפיכך ניתן לה מצות נר שבת:

**פרשה יח** (א) ויבן ה' אלהים את הצלע. ר"א בשם ר' יוסי בן זמרא אמר. ניתן בה (א) בינה יותר מן האיש. דתנינן בת י"א שנה ויום אחד נדריה נבדקין. בת י"ב שנה ויום א' נדריה קיימין ובודקין כל י"ב. אבל לזכר בן י"ב שנה ויום אחד נדריו נבדקין. בן י"ג נדריו קיימין. ובודקין כל י"ג: ר' ירמיה בשם ר' שמואל בר

ר"י

## מתנות כהונה

(סא) אדם נאמן כו'. פירש"י וכן האשה רחמה לקבל הולד: (סב) עבר עבירה כו'. וכן האשה היא אכלה מן העץ ונתנה לאדם: (סג) גמר חלתו כו'. כמו העיסה כשנוטל חלתה ממנה היא נגמרת ומתוקן על טוויתו כך היה העולם נגמר ונעשה בבריאת אדם: (סד) נשמתו כו' והנשמה קרויה נר כמו שנא' נר ה' נשמת אדם: (א) בינה. ויבן דרש לשון בינה מדלת

---

זאל פארקויפין אלץ וואס ער האט אונ זאל נעמען א טאכטער פון א תלמיד חכם) . אונ א אשה זוכט ניט ווער דער מאן זאל זיין . נאר ווער עס וויל זיא נעמען מיט דעם האט זיא הנאה. (מפקיד איז מקפיד. מפקדת איז מקפדת . אונ די ווערטער זרע איז איבעריג) . הט רבי יהושע גיזאגט למשל איינער הט צו געבין בעהאלטין אזאך. זוכט ער א ערליכען מאן ווע מען צו געבין בעהאלטין . אזוי זוכט דער מאן א ערליכע ווייב זיא זאל האבין פון אים גוטע קינדער . נאך האט מען גיפרעגט פאר וואס דער זכר גייט אפגידעקט דעם קאפ . אונ די נקבה גייט צו גידעקט דעם קאפ . האט רבי יהושע גיזאגט למשל איינער האט גיטאהן א עבירה שעמט ער זיך פאר מענטשין. ווייל די אשה האט געזינדיגט מיט דעם עץ הדעת שעמט זיא זיך. דריבער בדעקט זיא דעם קאפ . נאך האט מען גיפרעגט פאר וואס ביי א לויה גייען די ווייבער פריער . האט רבי יהושע גיזאגט ווייל זיי האבין גיברייניגט דאס שטארבין אויף דער וועלט. דריבער ביי א לויה גייען זיי פאראויס. ווי דער פסוק זאגט נאך דעם מת ציהען אלע מענטשין. נאך הט מען גיפרעגט פאר וואס איז גיגעבין גיווארין צו די אשה די מצוה פון נדה. האט רבי יהושע גיזאגט ווייל זיא האט פארגאסין דיא בלוט פון אדם הראשון. דריבער האט מען איר גיגעבין די מצוה פון נדה. נאך האט מען גיפרעגט פאר וואס האט מען גיגעבין צו די אשה די מצוה פון חלה נעמען . האט רבי יהושע גיזאגט ווייל די אשה הט גימאכט זינדיגען אדם הראשון וועם זיינע ערד איז גינומען גיווארין פון די ערד אזוי ווי חלה פון טייג . דריבער האט מען איר גיגעבין די מצוה פון חלה נעמען. אונ פאר וואס הט מען גיגעבין צו די אשה די מצוה פון ליכט צינדען אויף שבת. האט רבי יהושע גיזאגט ווייל זיא הט פארלאשין די נשמה פון אדם הראשון (די נשמה איז ווי א ליכט) . דריבער האט מען איר גיגעבין די מצוה פון ליכט צינדען אויף שבת:

**פרשה יח** (א) ויבן). רבי אלעזר הט גיזאגט פון רבי יוסי בן זמרא ס ווענין גאט הט גיגעבין צו די נקבה חכמה מער ווי צו דעם זכר . וואריום מיר האבין גילערנט א נקבה האט גיטאהן א נדר אויב זיא איז אלט עלף יאהר מיט א טאג. פרעגט מען איר אויב זיא וויים וואס א נדר איז . איז דער נדר גוט אונ זיא מוז אים מקיים זיין. אונ אויב זיא ווייס ניט וואס א נדר איז דארף זיא אים ניט מקיים זיין . אונ אויב זיא איז אלט צוועלף יאהר מיט א טאג . דארף מען איר גאר ניט פרעגין . נאר געווים ווייס זיא וואס א נדר איז . אונ זיא מוז מקיים זיין איר נדר . א גאנצין צוועלפטין יאהר (ווען זיא טוהט אין אים א נדר) דארף מען פרובין אויב זיא

ר"י אמר (ג) אית דמחלפין. דרכה של אשה להיות יושבת בתוך ביתה. ודרכו של איש להיות יוצא לשוק. (ג) ולומד בינה מבני אדם: (ב) ר' איבו ואמרי לה בשם ר' בנייה והוא תני לה בשם רשב"י קישטה ככלה. ואח"כ הביאה ליו. (ד) אית אתרין דקריין לקלעתא בנייתא. אמר ר' חמא ב"ח את סבור שמתחת (ה) חרוב אחד. או שקמה א' הביאה לו. אלא משקשטה (ו) בכ"ד מיני תכשיטין אח"כ הביאה לו. (ז) הה"ד (יחזקאל כח) בעדן גן אלהים היית כל אבן יקרה מסכתך אדם פטדה וגו'. רבנן ורשב"ל. (ח) רבנן אמרי עשר. ור"ש אמר י"א. ר' חמא בר חנינא ורשב"ל תרוויהון אמרין כלל ופרט. עשה את הכלל מוספת לפרט (ט) והכל בכלל. כל אבן יקרה מסכתך כלל. אודם פטדה ויהלום תרשיש וגו' פרט. הכל בכלל כל אבן יקרה מסכתך. ר' לוי ור' סימון. חד אמר ט' וחד אמר י'. מ"ד עשר כרבנן. ומ"ד ט' (י) הדין דהב דהכא לית הוא חופה. רב אחא ב"ח אמר עשה כתלים של זהב. (יא) ובתי קריות של אבנים טובות ומרגליות. ר' אלעזר

בר

## מתנות כהונה

כתיב ויבנה: (ג) אית דמחלפין. יש שמחלפין את האמור בתינוק יצא נאמר בתינוקת והנאמר בתינוקת בתינוק: (ג) ולומד בינה. ולפיכך לענין נדרים היא חשוב גדול שנה אחת קודם לאשה: (ד) אית אתרין כו'. יש מקום שקורין לקישוט שער האשה בנייתא לשון ויבן: (ה) חרוב כו'. כלומר בלי קישוט ופירכוס: (ו) בכ"ד כו'. ויבנה גימטריא כ"ד ובוסם אינו תכשיט: (ז) בס"ד כו'. סיפיה דקרא ביום הבראך כוננו ומייתי ליה לראייה על רוב כבוד שעשה לו הקב"ה: (ח) רבנן אמרי. יו"ד חופות עשה לו ור"ש אמר י"א: (ט) הכל בכלל כו'. והאי כל נוסף על הכלל ולרבות חופה אחת וחכמים סברי' כלל ופרט אין בכלל אלא מה שבפרט ובפרטן הם עשרה מינים טובות: (י) הדין דהב כו'. הזהב הזה הכתוב כאן אינו חופה מדקחשיב לבסוף: (יא) ובתי קריות. לשון תקרה אכסדרה מלא חלונות כדי שיהא קר מן הרוח:

---

וויים ניט וואָס אַנדר בעדייטעט איז איר נדר גאָר ניט. בּיי אַזכר איז ניט אַזוי. זיין צייט הייבּט זיך אָן מיט אַיאָהר שפּעטער. ווייל זיין פאַרשטאַנד קומט שפּעטער. דריבּער אַז ער איז אַלט צוועלעף יאָהר מיט אַטאָג אונ ער האָט גיטאָהן אַנדר. דאַרף מען זעהן אויב ער וויים וואָס אַנדר איז. אַז ער איז אַלט דרייצעהן יאָהר מיט אַטאָג זענען זיינע נדרים גוט אונ מען דאַרף גאָר ניט פּרעגין בּיי אים אויב ער וויים וואָס אַנדר איז. אונ דעם גאַנצין דרייצעהנטין יאָהר (ווען ער טוהט אין אים אַנדר) דאַרף מען פּרובּין אויב ער וויים ניט וואָס אַנדר איז. איז דער נדר גאָר ניט. רבי ירמיה האָט גיזאָגט פון רבי שמואל בר רבי יהודה ס וועגין אַנדערע זאָגין פאַרקערט אַז אַזכר האָט מער שכל ווי אַנקבה. ווייל די נקבה זיצט שטענדיג אין שטוב האָט זיא ניט פון וועמען צו לערנען שכל. אָבער דער זכר גייט אין גאַס לערנט ער שכל פון אַנדערע מענטשין:

(ב) רבי איבו האָט גיזאָגט. אַנדערע זאָגין רבי איבו האָט דאָס גיזאָגט פון רבי בניה ס וועגין. אונ רבי בניה האָט דאָס גילערנט פון רבי שמעון בן יוחאי ס וועגין. גאָט האָט אויסגעצירט חוה ווי אַכלה דער נאָך האָט ער זיא גיבּריינגט צו אָדם. וואָרום ויבן איז דער טייטש פלעכטין. עס איז דאָ אָרטער וואָס אויף פלעכטין זאָגט מען בנייתא. רבי חמא בר חנינא זאָגט דו מיינסט אַז גאָט האָט גיבּריינגט חוה צו אָדם פון אונטער אַבּאָקסין בוים אָדער פון אונטער אַפייגין בוים. נאָר גאָט האָט איר אָנגעצירט מיט פיר אונ צוואַנציג ערליי צירונג דער נאָך האָט ער זיא גיבּריינגט צו אָדם. ווי דער פּסוק זאָגט דו בּיזט גיוועזן אין עדן אין גאָרטין פון גאָט מען האָט אויס גיפלאַסטערט דיין חופּה מיט טייערע שטיינער (זעהן מיר אַז אָדם מיט חוה האָבין ניט גיוואוינט ווי ווילדע מענטשין. נאָר מיט גרוים כבוד אונ רייכטוהם). רבנן אונ רבי שמעון בן לקיש קריגען. די רבנן זאָגין צעהן חופות פון צעהן טייערע שטיינער זענען גיוועזן (אודם פטדה יהלום תרשיש שהם ישפה ספיר נופך ברקת זהב). רבי שמעון זאָגט עלף חופ'ת איז גיוועזן. רבי חמא בר חנינא אונ רבי שמעון בן לקיש האָבין בּיידע גיזאָגט איין זאַך. דאָ איז אַכלל אונ אַפרט. דער כלל גיט צו צום פרט. איז אַלץ אין כלל. פריער שטייט פון אַלע טייערע שטיינער איז גיוועזן דיין חופּה. איז אַכלל. אַלע. דער נאָך שטייט אודם פטדה יהלום תרשיש שוהם ישפה ספיר נופך ברקת זהב. איז אַפרט. איז דאָך אַקשיא אַז מען האָט פריער גיזאָגט אַלע טייערע שטיינער האָט מען דאָך די שטיינער אויך גימיינט. צו וואָס שטייען די שטיינער

בר ביסנא בשם ר' אחא אמר אפי' (יב) קורקוסים של זהב עשה לו: (ג) ר' יהושע דסכנין בשם ר' לוי אמר (יג) ויבן כתיב. התבונן מאין לבראתה אמר לא אברא אותה מן הראש. שלא תהא (יד) מיקרת ראשה. לא מן העין. שלא תהא (טו) סקרנית. ולא מן האוזן. שלא תהא (טז) צייתניה. ולא מן הפה. שלא תהא דברנית. ולא מן הלב. (יז) שלא תהא קנתנית. ולא מן היד. שלא תהא (יח) ממשמשנית. ולא מן הרגל. שלא תהא (יט) פרסנית. אלא (כ) ממקום שהוא צנוע באדם. אפי' בשעה שאדם עומד ערום. אותו המקום מכוסה. ועל כל אבר ואבר שהיה בורא בה היה אומר לה. תהא אשה צנועה. אשה צנועה. אעפ"כ (משלי א) ותפרעו כל עצתי. לא בראתי אותה מן הראש. והרי היא מיקרת ראשה. שנא' (ישעיה ג) ותלכנה נטויות גרון. ולא מן העין. והרי היא סקרנית. שנא' (שם) ומסקרות עינים. ולא מן האוזן. והרי היא צייתנית. שנא' (בראשית יח) ושרה שומעת פתח האהל. ולא מן הלב. והרי היא קנתנית. שנא' (שם ל) ותקנא רחל באחותה.
ולא

## מתנות כהונה

(יב) קורקוסים. סקריים: (יג) ויבן כתיב. ולא כתיב ויצר שיהיה נבון בנין עכ"פ: (יד) מיקרת ראשה. לשון גבסות וגאוה ועילוי ממש ובפי' אלא לא גרס ליה כלל: (טו) סקרנית. מבטת ומבקשת לראות את הכל: (טז) צייתנית. מבקשת לשמוע כל דבר: (יז) שלא תהא קנתנית גרסינן לשון קנאה: (יח) ממשמשנית. לנגוע ולמשמש כל דבר: (יט) פרסנית. לשון מפרסת פרסה כלומר יוצאנית: (כ) ממקום שהוא צנוע כו'. אתיא כמ"ד עילאה חד נעל וכו' והוא מכוסה מן כירך

בזונדער געציילט. נאר געוויס מיינט מען אויסער די צעהן שטיינער זענען געווען נאך חופות פון נאך אנדערע שטיינער. אונ מיר ווייסן ניט ווי פיל. זאגין מיר אז נאך איין חופה איז געוועזן. רבי לוי אונ רבי סימון קריגען. איינער זאגט ניין חופות איז געוועזן. אונ איינער זאגט צעהן חופות איז געוועזן. דער וואס זאגט צעהן חופות איז געוועזן האלט ער ווי די רבנן. אונ דער וואס זאגט ניין חופות איז געוועזן. דאס גאלד איז ניט געוועזן קיין חופה. רבי אחא בר חמא האט געזאגט די ווענט פון די חופה איז געוועזן גאלד. אונ די שטובען פון אפקיהלען זיך זענען געוועזן פון טייערע שטיינער אונ דימאנטין. רבי אלעזר בר ביסנא האט געזאגט פון רבי אחא'ס וועגין אפילו די האקין פון די חופה איז אויך געוועזן פון גאלד: (ג) רבי יהושע פון סכנין האט געזאגט פון רבי לוי'ס וועגין עס שטייט אין פסוק ויבן. גאט האט געקלערט פון וועלכין ארט פון אדם זאל ער באשאפין חוה. גאט האט געזאגט איך וועל זיא ניט באשאפין פון קאפ זיא זאל ניט גרויס האלטין איר קאפ. ניט פון אויג. זיא זאל ניט וועלין אלץ זעהן. ניט פון אויער זיא זאל ניט וועלין אלץ הערין. ניט פון מויל. זיא זאל ניט צופיל ריידין. ניט פון הארץ. זיא זאל ניט מקנא זיין. ניט פון האנט. זיא זאל ניט וועלין אלץ נעמען. ניט פון פוס. זיא זאל ניט וועלין אומלויפין. נאר איך וועל זיא באשאפין פון דעם באהאלטענעם ארט פון מענטש. אפילו ווען דער מענטש שטייט נאקעט איז אויך דער ארט באדעקט. אונ אויף יעדער גליד וואס ער האט אין איר באשאפין. האט ער געזאגט צו איר דו זאלסט זיין אפרומע דו זאלסט זיין אפרומע. פון דעסטוועגין זענען געשטערט געווארין מיינע אלע עצות. איך האב זיא ניט באשאפין פון קאפ. פון דעסטוועגין האלט זיא גרויס דעם קאפ. ווי דער פסוק זאגט די טעכטער פון ציון זענען געגאנגען אויף געהויבין דעם האלדז. איך האב זיא ניט באשאפין פון אויג פון דעסטוועגין קוקט זיא אפילו וואו מען טאר ניט. ווי דער פסוק זאגט זיי קוקען מיט די אויגין אויף די זכרים. איך האב זיא ניט באשאפין פון אויער פון דעסטוועגין וויל זיא אלץ הערין. ווי דער פסוק זאגט שרה האט געהערט אין טיר פון געצעלט (זיא האט איינגעבויגין דעם אויער צו די טיר זיא זאל הערין וואס מען רעט) איך האב זיא ניט באשאפין פון הארץ פון דעסטוועגין איז זיא מקנא. ווי דער פסוק זאגט רחל האט מקנא געוועזן איר שוועסטער. איך האב זיא ניט באשאפין פון האנט פון דעסטוועגין האט זיא ליב אלץ צו האלטין אין האנט. ווי דער פסוק זאגט רחל האט געגנבעט די תרפים. איך האב זיא ניט באשאפין פון פוס פון דעסטוועגין איז זיא אאומלויפערין. ווי דער פסוק זאגט דינה איז ארויס געגאנגען זעהן די שטאט שכם. רב חסדא זאגט גאט האט געבאהט אין די נקבה חדרים (צימערין) מער ווי אין דעם זכר. אונטען איז זיא ברייט אונ הויבין
שמאהל

ולא מן היד . והרי היא משמשנית . שנא' (שם לא) ותגנוב רחל את התרפים . ולא מן הרגל. והרי היא פרסנית. שנא' (שם לד) ותצא דינה. רב חסדא אמר בנה בה (כא) מגורות יותר מן האיש . רחבה מלמטה וצרה מלמעלה . כדי שתהא (כב) מקבלת עוברים : (ד) ויביאה אל האדם.אמר ר' אבין (כג) טבוי לקריה דמלכא שושביניה:(ה) ויאמר האדם זאת הפעם . ר' יהודה בר ר' אמר . בתחלה בראה לו וראה אותה מלאה ריריו ודם (כד) והפליגה ממנו . וחזר ובראה לו פעם שנייה. הה"ד זאת הפעם (כה) זאת היא של אותו הפעם . זאת היא שעתידה (כו) להקיש עלי כזוג . המד"א (שמות כח) פעמן זהב ורמון . זו היא שהיתה (כז) מפעמתני כל הלילה כולה · בעון קומי רשב"ל . מפני מה אין כל החלומות מיגעין את האדם . וזו מיגעת את האדם . אמר ליה שמתחלת ברייתה אינה אלא בחלום שנאמר (בראשית ב) עצם מעצמי ובשר מבשרי . אמר ר' תנחומא . בשא ארם אשה מקרובותיו . עליו הוא אומר עצם מעצמי : (ו) לזאת יקרא אשה כי מאיש לקחה זאת . מכאן שניתנה תורה בלה"ק . ר' פנחס ור' חלקיה בשם ר' סימון אמרי כשם שניתנה תורה בלה"ק . כך נברא העולם בלה"ק . שמעת מימיך אומר (כח) גיני גינייא. אנתרופי אנתרופיא . גברא גברתא . אלא איש ואשה . למה שהלשון הזה נופל על הלשון הזה

## מתנות כהונה

הסכים : (כא) מגורות. דירים דרך מדור וכיון תבו ויבן לכך בניין : (כב) מקבלת עוברים . סוולחות : (כג) טבוי לקריה וכו'. טוב והשרי לבן עיר שמלך נעשה שושבינו : (כד) והפליגה. והרחיקה : (כה) זאת היא של אותו הפעם . זאת היא של הפעם הראשון : (כו) להקיש עלי כזוג . כלומר שתתרעם עלי וכן היה לבסוף שהיתה מיללת עליו בקולה : (כז) מפעמתני . מקשקשת ומפעמת את רוחי כל הלילה ע"י הרהור והמפרש ז"ל. וזו מייגעת כו'. כשאדם רואה קרי בחלומו נתייגע כאילו שמש מטתו בהקיץ : (כח) גיני אנתרופי גברא כו'. כולם לשון איש בלשונות מחולפות ואין נופל על הלשון לומר גיניא אנתריפו

שמאהל . זיא זאל קענען דער האלטין די קינדער אין בויך : (ד) ויביאה . גאט האט גיבריינגט זיא צו אדם . רבי אבין זאגט וואהל צו דעם שטאט מענטש וואס דער מלך איז זיין אונטערפירער צו די חופה : (ה) ויאמר . אדם האט גיזאגט דאס מאהל איז דאס ווייב אביין פון מיינע ביינער אונ פלייש פון מיין פלייש . רבי יהודה בר רבי האט גיזאגט אין אנהייב האט גאט גיבריינגט דאס ווייב צו אדם האט ער גיזעהן זיא איז פול מיט לחות (פייכטיקייט) אונ מיט בלוט האט ער זיא דערווייטערט פון זיך . דער נאך האט גאט בשאפין דאס ווייב נאך אמאהל . איז זיא אים גיפאלין . ווי דער פסוק זאגט זאת הפעם . דאס איז די זעלביגע ווייב פון פריער נאר איצט איז זיא שענער . אדער הפעם איז דער טייטש קלינגען . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק פעמון זהב . אנאלדענער גלאק . האט אדם גיזאגט זאת הפעם . די אשה וועט אויף מיר שרייען מיט איר קול אזוי ווי א גלאק . נאך האט אדם גיזאגט די תאוה צו די אשה האט אין מיר גיקלאפט א גאנצע נאכט . מען האט גיפרעגט ביי רבי שמעון בן לקיש פאר וואס אלע חלומות מאכין ניט מיד דעם מענטש . אונ אז עס חלומת א מענטש ער איז בועל א אשה אונ עס גייט ארויס פון אים זרע . ווערט דער מענטש מיד . האט רבי שמעון בן לקיש גיזאגט ווייל דער אנהייב בשאפונג פון די אשה איז גיווען אין חלום . ווען אדם איז גישלאפין האט מען ביי אים גינומען א ריפ פון זיינע ביינער אונ מען האט פון איר גימאכט חוה . ווי אדם האט גיזאגט חוה איז אביין פון מיינע ביינער אונ פלייש פון מיין פלייש . איז דאך די בשאפונג פון די אשה באלד גיווען דורך יסורים צום מאן . רבי תנחומא האט גיזאגט אז איינער נעמט א ווייב זיינע א קרובה . אויף אים זאגט דער פסוק זיא איז אביין פון מיינע ביינער : (ו) לזאת . דריבער ווערט דאס ווייב גירופין אשה ווייל זיא איז גינומען גיווארין מאיש (פון מאן) . פון דאנען זעהן מיר אז די תורה איז גיזאגט גיווארין אויף לשון קודש (איש אונ אשה) . רבי פנחס אונ רבי חלקיה האבין גיזאגט פון רבי סימון ס ווענין אזוי ווי די תורה איז גיגעבין גיווארין אויף לשון קודש . אזוי איז די וועלט אויך בשאפין גיווארין מיט לשון קודש . מען האט קיין מאהל ניט גיהערט מען זאל רופין דעם מאן גיני אונ דאס ווייב גינייא . אדער מען זאל רופין דעם מאן אנתרופי אונ דאס ווייב אנתרופיא . אדער מען זאל רופין דעם מאן גברא אונ דאס ווייב גברתא . נאר אויף לשון קודש רופט מען דעם מאן איש אונ דאס ווייב אשה . ווייל עס פאסט איין ווארט צום

אנדערין

הזה: (ז) על כן יעזב איש. תניא גר שנתגייר והיה נשוי לאחותו בין מן האב בין מן האם יוציא. דברי ר"מ. וחכ"א מן האם יוציא. מן האב יקיים. שאין אב לעכו"ם. אתיבון ליה והא כתיב (בראשית כ) וגם אמנה אחותי בת אבי היא וגו'. א"ל (כט) כשיטתן השיבן. אתיב להון ר"מ (שם ב) (ל) ע"כ יעזב איש את אביו ואת אמו. א"ר יוחנן ופשטו ליה ע"כ יעזב איש את אביו ואת אמו הסמוך לאביו הסמוך לאמו. אתיב ר' אבהו והכתיב (שמות ו) (לא) ויקח עמרם את יוכבד דודתו. א"ר שמעון בריה דר' אבהו. מעתה (לב) אפי' בבני נח לא היו ישראל נוהגים קודם מתן תורה אתמהא. א"ר לוי ופשטו ליה (לג) ע"כ יעזב

## מתנות כהונה

גברתא אבל אית ואסר שמענו כו': (כט) כשיטתן. לפי דבריהם שהם אין חוששין לזרע האב לכך אמר כן כדי שלא יקשו ממנו ולפי האמת לא היתה אפי' בת אביו אלא בת הרן ובני בנים הרי הם כבנים: (ל) על כן יעזב וכו'. פירש"י דמשמע אחותו מן האב או מן האם יעזוב ודבק באשתו שאינה קרובתו ומשני הסמוך לו מן האם או מן האב כגון אחות אביו מאמו או אחות אמו מאמו אבל אחות אביו ואמו או אחותו מן האב לית לן בה: (לא) ויקח עמרם כו'. פירש"י מאי לאו שהיתה דודתו מאם וקשה להרווייהו דאסרי את"ם האם ומשני: (לב) אפילו בבני נח כו'. בתמיה אלא פשטו ליה: (לג) על כן יעזב כו'. וזו היתה אחות אביו מן האב ואי קשיא א"כ תקשי לר"מ י"ל דר"מ דרש את אביו ואת אמו אחותו ממש או מן האב או מן האם

---

אַנְדֶערִין: (ז) (עַל כֵּן). דְרִיבֶּער זָאל אַמֶענְטְש פַארְלָאזִין זַיין פָאטֶער אוּנ מוּטֶער אוּנ זָאל זִיךְ בֶּהֶעפְטִין מִיט זַיין וַוייבּ. מִיר הָאבִּין גִילֶערוּנְט אוֹיבּ אַגֵר הָאט גִיהַאלְטִין זַיינֶע אַשְׁוֶועסְטֶער פַאר אַווייבּ. סַיי זִיא אִיז זַיינֶע אַשְׁוֶועסְטֶער פוּן אֵיין פָאטֶער אוּנ סַיי פוּן אֵיין מוּטֶער. אוּנ דֶער גֵר הָאט זִיךְ מְגַיֵּיר גִיוֶועז. טָאר עֶר נִיט הַאלְטִין זַיין וַוייבּ. אַזוֹי זָאגְט רֶבִּי מֵאִיר. דִי חֲכָמִים זָאגִין אוֹיבּ זִיא אִיז זַיינֶע אַשְׁוֶועסְטֶער פוּן אֵיין מוּטֶער טָאר עֶר זִיא נִיט הַאלְטִין. אוּנ אוֹיבּ זִיא אִיז זַיינֶע אַשְׁוֶועסְטֶער פוּן אֵיין פָאטֶער מֶעג עֶר זִיא הַאלְטִין פַאר אַווייבּ. וָוארוּם בַּיי דִי גֶעצִין דִינֶער קֶען מֶען נִיט ווִיסֶען אוֹיבּ זֵיי הָאבִּין בֵּיידֶע אֵיין פָאטֶער. טָאמֶער הָט דִי מוּטֶער מְזַנָּה גִיוֶועז אוּנ עֶר אִיז פוּן אֵיין פָאטֶער אוּנ זִיא פוּן אֵיין אַנְדֶער פָאטֶער. הָאט מֶען גִיפְרֶעגְט צוּ רֶבִּי מֵאִיר עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גִיזָאגְט צוּ דִי פְּלִשְׁתִּים אַז שָׂרָה אִיז זַיינֶע אַשְׁוֶועסְטֶער פוּן אֵיין פָאטֶער אוּנ נִיט פוּן אֵיין מוּטֶער דְרִיבֶּער הַאלְט עֶר זִיא פַאר אַווייבּ. וֶועקִין מִיר דָאךְ אַז פַאר מַתַּן תּוֹרָה הָאט מֶען גִימֶעגְט הַאלְטִין פַאר אַווייבּ אַשְׁוֶועסְטֶער פוּן אֵיין פָאטֶער. הָאט רֶבִּי מֵאִיר גִיעֶנְפֶערְט אַבְרָהָם הָאט גִיעֶנְפֶערְט צוּ דִי פְּלִשְׁתִּים ווִי בַּיי זֵיי גוֹיִם אִיז גִיוֶועזְן. אַשְׁוֶועסְטֶער פוּן אֵיין פָאטֶער הָאבִּין זֵיי גִינוּמֶען פַאר אַווייבּ אוּנ אַשְׁוֶועסְטֶער פוּן אֵיין מוּטֶער הָאבִּין זֵיי נִיט גִינוּמֶען פַאר אַווייבּ. אָבֶּער אִין אֱמֶת אִיז דָאךְ שָׂרָה נִיט גִיוֶועזְן אַבְרָהָם'ס שְׁוֶועסְטֶער. נָאר זַיין בְּרוּדֶער'ס טָאכְטֶער. הָאט רֶבִּי מֵאִיר גִיפְרֶעגְט עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק אַמֶענְטְש זָאל פַארְלָאזִין זַיין פָאטֶער אוּנ זַיין מוּטֶער. דָאס מֵיינְט מֶען עֶר זָאל פַארְלָאזִין זַיין שְׁוֶועסְטֶער פוּן אֵיין פָאטֶער אוּנ זַיין שְׁוֶועסְטֶער פוּן אֵיין מוּטֶער עֶר זָאל זֵיי נִיט נֶעמֶען פַאר וַוייבֶּער נָאר אַפְרֶעמְדֶע וַוייבּ זָאל עֶר נֶעמֶען אוּנ מִיט אִיר זָאל עֶר זִיךְ בֶּהֶעפְטִין. טָאר מֶען דָאךְ נִיט נֶעמֶען אַשְׁוֶועסְטֶער פוּן אֵיין פָאטֶער. הָאט רֶבִּי יוֹחָנָן גִיזָאגְט אַזוֹי מֵיינְט דֶער פָּסוּק אַמֶענְטְש זָאל פַארְלָאזִין זַיין פָאטֶער אוּנ זַיין מוּטֶער. דִי וָואס אִיז נָאנְט צוּ זַיין פָאטֶער אוּנ דִי וָואס אִיז נָאנְט צוּ זַיין מוּטֶער. עֶר טָאר נִיט נֶעמֶען פַאר אַווייבּ זַיין פָאטֶער'ס שְׁוֶועסְטֶער וָואס זֵיי זֶענֶען שְׁוֶועסְטֶער אוּנ בְּרִידֶער פוּן אֵיין מוּטֶער. אוּנ נִיט זַיין מוּטֶער'ס שְׁוֶועסְטֶער וָואס זֵיי זֶענֶען שְׁוֶועסְטֶער פוּן אֵיין מוּטֶער. אָבֶּער פוּן אֵיין פָאטֶער הָאט מֶען פַאר מַתַּן תּוֹרָה גִימֶעגְט. הָאט רֶבִּי אַבָּהוּ גִיפְרֶעגְט עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק עַמְרָם הָאט גִינוּמֶע פַאר אַווייבּ זַיין מוּמֶע יוֹכֶבֶד. רֶבִּי שִׁמְעוֹן דֶער זוּהְן פוּן רֶבִּי אַבָּהוּ הָאט גִיזָאגְט הָאבִּין דָאךְ דִי יוּדִין פַאר מַתַּן תּוֹרָה גִיטָאהְן נָאךְ עֶרְגֶער ווִי דִי פֶעלְקֶער וָואס זֶענֶען גִיבָּארִין גִיוָוארִין פוּן נֹחַ. דִי פֶעלְקֶער הָאבִּין נִיט חַתּוּנָה גִיהַאט מִיט זֵייעֶרֶע מוּמֶעס. אוּנ יוּדִין יָא. קֶען דָאס זַיין. אַוואוּנְדֶער. הָט רֶבִּי לֵוִי גִיזָאגְט וָוס דֶער פָּסוּק זָאגְט אַמֶענְטְש זָאל פַארְלָאזִין זַיין פָאטֶערְן אוּנ מוּטֶער מֵיינְט מֶען עֶר זָאל נִיט נֶעמֶען זַיין פָאטֶער'ס שְׁוֶועסְטֶער פוּן אֵיין פָאטֶער אוּנ נִיט

זיין

יעזב איש וגו'. הסמוך לו מאביו. הסמוך לו מאמו: (ח) ר' אבהו בשם ר' יוחנן אמר. בני נח (לד) על הנשואות חייבין. ועל הארוסות פטורין. ר' יונה בשם ר' שמואל אמר. זונה שהיא עומדת בשוק ובאו עליה שנים. הראשון פטור והשני חייב משום בעולת בעל. (לה) וכי נתכוון הראשון לקנותה בבעילה. הדא אמר בעילה בבני נח קונה (לו) שלא כדת. (לז) ומניין שאין להם גירושין. ר"י בר' סימון ור' חנין (לח) בשם ר' יוחנן אמרי שאין להם גירושין. או ששניהם מגרשין זה את זה. (לט) א"ר יוחנן אשתו מגרשתו ונותנת לו (מ) דופרין. תני ר' חייא. עכו"ם שגירש את אשתו. והלכה ונישאת לאחר. והלכו שניהם ונתגיירו. איני קורא עליו (דברים כד) לא יוכל בעלה הראשון אשר שלחה וגו'. ר' אחא בשם ר' חנינא בר פפא אמר בכל ספר מלאכי כתיב ה' צבאות

## מתנות כהונה

אבל אחות אב ואם לא נאסר עליהם: (לד) על הנשואות כו'. פירש"י דדייק ודבק באשתו מתנהג עמה דרך אישות: (לה) וכי מתכוין כו'. בתמיה הא"כ אינה אשת איש עדיין: (לו) שלא כדת. כלומר אפי' לא נתכוון לשם קידושין והוו שלא כדת תורה: (לז) מניין שאין להם כו'. בירושלמי גרס מניין שיהא להם: (לח) בשם ר' יוחנן. פירש"י ודבק באשתו מלמדנו שיהיו שוים וכיון שהיהם בשוה לבשר אחד ואין אחד מהם יכול לגרש חבירו אלא זו את זה וזה את זו: (לט) א"ר יוחנן תשמיש דנפשיה. עמד על דיבורו של דבר אינו יכול לגרשה שעליו כתיב ודבק וגו' אבל היא יכולה לגרשו: (מ) דופרין. פירש"י כתובה כפולה כיון שהוא אינו רוצה: דו. שניה: פורנא. כתובה והאי לבשר אחד

---

זיין טויטערס שוועסטער פון איין פאטער: (ח) רבי אבהו האט געזאגט פון רבי יוחנן ס וועגן די קינדער פון נח (אלע פעלקער) אז זיי האבן מזנה געווען מיט אשה וואס האט אמאן קומט זיי מיתה. און אז זיי זענען מזנה מיט אשה וואס מען האט איר גאר מקדש געווען קומט ניט מיתה. רבי יונה האט געזאגט פון רבי שמואל ס וועגן אזונה וואס שטייט אין גאס און צוויי מענטשן האבן מיט איר מזנה געווען. דעם ערשטן קומט גאר ניט. און דעם אנדערן קומט מיתה. ווארום זיא האט דאך שוין אמאן (דער ערשטער איז געווארן איר מאן). פרעגט דער מדרש האט דען דער ערשטער געמיינט זיא זאל ווערן זיין ווייב. ער האט דאך נאר מזנה געווען מיט איר. פון דאנען זעהן מיר אז איינער איז מזנה מיט אשה וואס זיא האט קיין מאן ווערט זיא זיין ווייב. אפילו ער האט ניט געמיינט זיא זאל ווערן זיין ווייב. פון וואנען ווייסן מיר אז אגוי קען ניט געטין זיין ווייב. רבי יהודה ברבי סימון און רבי חנין פון רבי יוחנן ס וועגן זאגן אגוי קען ניט געטין זיין ווייב. סיידין זיי געטין ביידע איינס דאס אנדערע. רבי יוחנן זאגט דער מאן קען ניט געטין זיין ווייב. אבער דאס ווייב קען געטין דעם מאן און זיא גיט אים אטאפעלע כתובה. רבי חייא האט געלערנט אז אגוי האט געגט זיין ווייב און זיא האט חתונה געהאט מיט איין אנדער מאן. און דער נאך האט דער אנדערער מאן איר אויך געגט. און דער ערשטער מאן און דאס ווייב האבן זיך מגייר געווען. מעג דער ערשטער מאן צוריק נעמען דאס ווייב. אויף אים זאגט ניט דער פסוק אז דער ערשטער מאן טאר ניט איר צוריק נעמען. רבי אחא האט געזאגט פון רבי חנינא בר פפא ס וועגן אין דעם גאנצן ספר מלאכי שטייט ה' צבאות און דא שטייט אלהי ישראל. ווי דער פסוק זאגט ה' אלהי ישראל (דער גאט פון די יודין) האט געזאגט ער האט פיינט מען זאל געטין אווייב. עס רופט ניט דער נאמען פון גאט נאר אויף יודין. אבער ניט אויף די געצין דינער. זעהן מיר אז אייוד גט זיין ווייב הייסט דאס גט אבער אז אגעצין דינער גט זיין ווייב איז דאס קיין גט ניט. איז זיא נאך זיין ווייב פון פריער און וואס דער אנדערער האט איר גענומען הייסט דאס ער האט מיט איר מזנה געווען דריבער מעג זיא דער ערשטער צוריק נעמען. רבי חני האט געזאגט ווען די יודין זענען אויף גינאנגען פון גלות בבל זענען די פנימער פון די ווייבער שווארץ געווארן פון די זוהן. האבן די מאנען אוועק געלאזט די ווייבער און האבן גענומען גוישע ווייבער. פלעגן די יודישע ווייבער גיין ארום דעם מזבח און וויינען. דאס איז וואס מלאכי האט געזאגט דאס איז די צווייטע עבירה וואס איר טוהט. אין שטים האט איר אייך בהעפט צו די ווייבער פון מואב און מדין און דא האט איר אייך בהעפט צו די ווייבער פון די געצין דינער. עס שטייט אין פסוק די

צבאות. ובכאן כתיב אלהי ישראל. שנא׳ (מלאכי ב׳) כי שנא שלח אמר ה׳ אלהי ישראל. כביכול לא יחול שמו (מ) אלא על ישראל בלבד: א״ר הגי בשעה שעלו ישראל מן הגולה. (מא) נתפחמו פני הנשים מן השמש והניחו אותן והלכו להם ונשאו נשים נכריות. והיו מקיפות את המזבח ובוכות, הוא שמלאכי אומר (שם) וזאת שנית תעשו.(מב) שנייה לשטים. כסות דמעה את מזבח ה׳ בכי (מג) ואנקה. אמר הקב״ה מאן קביל מהם בכי ואנקה. (מד) משגזלת וחמסת ונטלת יפיה ממנה אתה משלחה. אתמהא. ומניין שהן מוזהרין על גילוי עריות כישראל. שנא׳ ודבק באשתו ולא באשת חבירו. ולא בזכור. ולא בבהמה. ר׳ שמואל ור׳ אבהו ור׳ אלעזר בשם ר׳ חנינא אמרו. בן נח שבא על אשתו שלא כדרכה חייב מיתה. א״ר אסי כל איסור שכת״ב בבני נח לא בעשה ולא בלא תעשה אלא במיתה. (מה) והיך עבידא (בראשית ג) ודבק באשתו והיו לבשר אחד. למקום ששניהם עושים בשר אחד: (ט) ויהיו שניהם ערומים א״ר אלעזר שלשה הן שלא המתינו בשלותן שש שעות. ואלו הן. אדם. וישראל. וסיסרא. אדם שנא׳ (שם) (מו) ולא יתבששו. לא באו שש שעות והוא בשלותו. וישראל שנא׳ (שמות לב) וירא העם כי בשש משה. כי באו שש שעות ולא בא משה. סיסרא שנא׳ (שופטים ה) מדוע בשש רכבו לבא. בכל יום היה למור לבא בג׳ שעות בד׳ שעות. ועכשיו באו שש ולא בא. הוי ולא יתבוששו: (י) והנחש היה ערום. לא היה צריך קרא לומר. אלא ויעש ה׳ אלהים

## מתנות כהונה

אמר דרש ליס כדלקמן: (מ) אלא על ישראל. גירושי ישראל נקראו גירושין ולא כל עכו״ם וא״כ מכאתם השני הוי בעילת זנות: (מא) נתפחמו. נעשו שחורים ל׳ פחמין: (מב) שנייה לשטים. כראמונס דבקו בנכריות כשטים נעבדות מואב וזאת היא פעם שני: (מג) ואנקה וגו׳ גרסי׳. מתוך פירש״י למדתי דה״ג מאן יקבל מהן מבכי ואנקה כו׳. פי׳ מי יוכל לקבל מהם זבח ומנחה מפני בכי ואנקה שגורמים לנשותיהם: (מד) משגזלת וכו׳. סיפי׳ דקרא קדרים וכסה חמס על לבושו: (מה) והיאך עבידא. מצאתי בפירש״י והיאך יבא עליה מאחר שאסור שלא כדרכו ומשני ודבק וכו׳: (מו) ולא יתבוששו. נוטריקון ולא

---

יודישע ווייבער האבין בדעקט מיט טרערין דעם מזבח פון גאט מיט געוויין און געשרייא. האט גאט גיזאגט ווער ועט נעמען אקרבן פון אזעלכע מאנען וואס די ווייבער שרייען אזוי שטארק אויף זיי. אז דו האסט גיגזלט און גירויבט און האסט צו גינומען דאס שיינקייט פון דיין ווייב. דער נאך טרייבסטו זיא ארויס. אוואנדער. פון וואנען ווייסין מיר אז גוים זענען פאר באטין אזוי ווי יודין זיי זאלין ניט מזנה זיין. ווארום עס שטייט אין פסוק דער מאן זאל זיך בהעפטין מיט זיין ווייב. אבער ניט מיט זיין חברס ווייב. און ער זאל ניט מזנה זיין מיט אזכר. און ניט מיט אבהמה. רבי שמואל און רבי אבהו און רבי אלעזר האבין גיזאגט פון רבי חנינאס וועגין אז אגוי איז בועל זיין ווייב ניט ווי אלע מענטשין קומט אים מיתה. רבי אסי זאגט אלע זאכין וואס אגוי איז דארויף גיבאטין גיווארין. סיי ער איז גיבאטין גיווארין ער זאל טאהן אמצוה און ער האט ניט גיטאהן. און סיי ער איז גיבאטין גיווארין ער זאל ניט טאהן די עבירה און ער האט יא גיטאהן. קומט אים מיתה. ווי זאל דער גוי זיך פירען מיט זיין ווייב. ער זאל זיך בהעפטין מיט זיין ווייב און זיי זאלין ווערין איין פלייש. ער זאל בועל זיין דאס ווייב זייגע אויף דעם ארט וואס זיא קען גיבערין אקינד וואס דורך דעם קינד ווערין זיי איין פלייש: (ט) ויהיו. אדם און חוה זענען גיוועזן ביידע נאקעט. רבי אליעזר זאגט דריי מענטשין זענען ניט גיוועזן זעקס שעה (אויפן טאג) אין זייער גוטס. דאס זענען זיי. אדם און ישראל און סיסרא. ביי אדם שטייט ולא יתבוששו. אדם און חוה זענען ניט גיוועזן זעקס שעה אין זייער גוטס. ביי די יודין שטייט דאס פאלק האט גיזעהן כי בושש משה. עס איז שוין זעקס שעה אין דעם פערציגסטען טאג און משה איז נאך ניט גיקומען האבין זיי גימאכט אעגל. ביי סיסרא שטייט מדוע בושש רכבו לבוא. די מוטער פון סיסרא האט זיך גיוואונדערט אלע טאג איז סיסרא געוואוהנט צו קומען דריי שעה אדער פיר שעה אויפין טאג. און איצט איז שוין זעקס שעה אויפין טאג און ער איז נאך ניטא. דאס מיינט מען ולא יתבוששו. זיי האבין ניט גיווארט זעקס שעה: (י) והנחש. און דער שלאנג איז גיוועזן קליגער פון אלע חיות. פרעגט דער מדרש צו וואס דער ציילט די תורה די מעשה מיט דעם שלאנג נעבין די ווערטער וואס די תורה

דערציילט

אלהים לאדם ולאשתו וגו'. א"ר יהושע ב"ק להדיעך (מז) מאיזו חטייה קפץ עליהם אותו הרשע. מתוך שראה אותן מתעסקין בד"א נתאוה לה. א"ר יעקב דכפר חנין (מח) שלא להפסיק בפרשתו של נחש:

**פרשה יט** (א) והנחש היה ערום. כתיב (קהלת א) כי ברב חכמה רב כעס ויוסיף דעת יוסיף מכאוב. ע"י שאדם מרבה עליו חכמה. הוא (א) מרבה עליו כעס. וע"י שהוא מוסיף דעת. הוא מוסיף עליו מכאוב. אמר שלמה ע"י שהרבתי עלי חכמה. הרבתי עלי כעס. ועל ידי שהוספתי עלי דעת. הוספתי עלי מכאוב. שמעת מימיך אומר. חמור זה יוצא צינה עליו. כמה (ב) חככים באו עליו. והיכן הן יסורין מצויין. על ב"א. רב אמר (ג) אין ת"ח צריך התראה. א"ר יוחנן ככלי פשתן הדקים הבאים מבית שאן. אם (ד) מתפחמין קימעא הן אבודין. אבל כלי פשתן (ה) הארבליין. (ו) כמה הן וכמה

## מתנות כהונה

באו שם בעות : (מז) מאיזו חטייה. חסו נחשב לכס עון אשר תעה שעסקו בתשמיש לעין כל : (מח) שלא להפסיק, כדי להפסיק ולסיים בדבר טוב ולא בפרשתו של נחש ש"ס בו קללת העולם כולו וסיים בכתנות עור שהוא גמילות חסד ותחיה : (א) מרבה עליו כעס. כמו שמלינו גבי שלמה שסמך על רוב חכמתו ואמר אני אל ואוכל לעמוד והרבה כסף וסוסים ונשים ולא אסור מדבר ה' ולבסוף נכשל בשלשתן והכעים להקב"ה :

(ב) חככים. מיני שחין שצריך לחכך בצבילס ובערוך גרס אכנים ופי' כו קור ועיין בפ' נ"ה ובקהלת : (ג) אין ת"ח כו'. וכדפירשתי לעיל והמשל מבואר : (ד) מתפחמין. ל' שחרות ופחמין : (ה) הארבליין. סבאים ממקום כנקרא ארבל וע"ש במדרש קהלת והערוך גרס ארבל : (ו) כמה הם וכו. כלומר אין דמי שווין כלום ואף נתפחמו מה בכך וכן הוא במדרש

---

דערציילט אז אדם מיט חוה זענען געוועזן נאקעט. אין די תורה האט געדארפט שטיין אדם מיט חוה זענען געוועזן נאקעט האט גאט געמאכט פאר זיי קליידער (העמדלאך פון פעל) אונ האט זיי בעקליידט. דער נאך וועט שטיין די מעשה פון דעם שלאנג. האט רבי יהושע בן קרחה געזאגט די תורה וויל אונז זאגן דורך וועלכע עבירה איז דער שלאנג געקומען אויף אדם מיט חוה. ווייל ער האט געזעהן זיי זענען נאקעט אונ בשעפטיגען זיך מיט תשמיש המטה האט ער געגלוסט צו חוה. דריבער האט ער זיא אן גערעט צו געמען פון עץ הדעת. ער האט געמיינט זיא וועט געבין פון עץ הדעת פריער צו אדם וועט ער שטארבין וועט ער נעמען חוה. רבי יעקב פון דארף חנין האט געזאגט ווייל די תורה האט ניט געוואלט ענדיגען די פרשה מיט דער מעשה פון שלאנג וואס דאס איז אשלעכטע זאך. דריבער האט מען געשטעלט דעם פסוק וואס גאט האט בעקליידט אדם אונ חוה צום סוף פרשה:

**פרשה יט** (א) (והנחש). דער שלאנג איז געוועזן קליגער פון אלע חיות פון פעלד. שלמה המלך האט געזאגט דורך פיל חכמה איז פיל כעס. ווס מער מען ווייס מער שמארצין האט מען. ווייל דער מענטש מערט אויף זיך חכמה. דריבער מערט ער אויף זיך כעס. אונ ווייל ער מערט אויף זיך וויסענשאפט דריבער מערט ער אויף זיך שמארצין. שלמה האט געזאגט ווייל איך האב געמערט אויף זיך חכמה (אונ איך האב געזאגט איך וועל נעמען פיל ווייבער אונ וועל מיר מערין פיל זילבער אונ פיל פערד אונ וועל ניט אוועק גיין פון די תורה. מיין חכמה האט מיר ניט געהאלפין אונ בין יא אוועק געגאנגען פון די תורה) אונ גאט האט געמערט אויף מיר זיין כעס. אונ ווייל איך האב געמערט אויף זיך וויסענשאפט האב איך געמערט אויף זיך שמארצין. האסטו דען געהערט אמאהל זאגין אויף דעם אייזיל איז אגרויסע קעלט. אדער פיל פארבעס איז אויף אים געקומען. ווער דען האט יסורים. אמענטש. רב זאגט (אז אפראסטער מענטש טוהט אעבירה אויב מען זאגט ניט צו איהם טוה ניט די עבירה ווארום דו וועסט געשטראפט ווערין. ווערט ער ניט געשטראפט. אבער) אז אלמדן טוהט אעבירה אפילו מען האט נאר ניט געזאגט צו אים ווערט ער אויך געשטראפט. זעהן מיר אז מעהר חכמה איז ערגער. רבי יוחנן זאגט אזוי ווי די לייוואנדענע קליידער וואס מען ברייננט זיי פון בית שאן אויב זיי ווערין נאר אביסעל שווארץ זענען זיי שוין פארלארין. אבער די לייוואנדענע קליידער וואס מען ברייננט זיי פון ארבליין. אפילו זיי ווערין שווארץ איז אויך קיין שאדין. ווארום ווי פיל קאסטין זיי דען. זיי זענען וואלוויל. אזוי אז אלמדן טוהט אעבירה אפילו אקליינע עבירה. ווערט ער

אויך

וכמה דמיהם. תני ר׳ ישמעאל (ז) לפום גמלא שיחנא. בנוהג שבעולם שני ב״א נכנסין
(ח) לקפילין. ח״א איתי (ט) קופר צלי ופיתא נקייה. וחמר טב. וח״א איתי (י) פיתא
ותרדין. (יא) דין אכל ומתנזק. ודין אכל ולא מתנזק. הוי על דין הוא (יב) רבה. ועל אוחרן
לית היא רבה: תנא בשם ר״מ לפי גדולתו של נחש היה מפלתו. ערום מכל. ארור
מכל. ר׳ הושעיא רבה אמר. (יג) דקרטים היה עומד בקנה ורגלים היו לו. ר׳ ירמיה בן
אלעזר אמר אפיקורס היה. רשב״א אמר (יד) כגמל היה. טובה גדולה חסר העולם. (טו) שאלמלא
כן היה אדם משלח פרגמטיא בידו. והיה הולך ובא: (ב) ויאמר אל האשה אף כי אמר
אלהים. א״ר חנינא בן סנסן ד׳ הן (טז) שפתחו באף ונאבדו באף. ואלו הן. נחש. ושר
האופים. ועדת קרח. והמן. נחש (בראשית ג) ויאמר אל האשה אף. שר האופים (בס
מ) אף אני בחלומי. עדת קרח (במדבר טז) אף לא אל ארץ. המן (אסתר ה) אף לא
הביאה אסתר: (ג) ותאמר האשה אל הנחש. והיכן היה אדם באותה שעה. אבא בר קוריה
אמר נתעסק (יז) בדרך ארץ ויישן לו. רבנן אמרי נטלו הקב״ה והחזירו בכל העולם כולו. א״ל
כאן

## מתנות כהונה

שמואל: (ז) לפום גמלא שיחנא. לפי גודל וחוזק הגמל כן הוא המשא שמניחין עליו: (ח) לקיפלין. לחנות שמוכרים בו מיני מאכל והמוכר נקרא קפילא: (ט) קופר כו׳. בשר צלוי ופת נקייה ויין טוב: (י) פיתא. פי׳ פת קיבר ותרדין מין עשב: (יא) דין אכל פת נקייה וכו׳. המאכל מזיקו אע״פ שאכל מאכלים דקים וטובים מפני שאין נפשו יפה עליו וטבעו רך ואסטני׳ וזה שאכל המאכל הגס אינו ניזוק מפני שכחו גדול וטבעו חזק ונפשו יפה עליו והמאכל מבואר: (יב) רבה. גדול ולא יוכל לסובלו ולעכלו: (יג) דקרטים. ראשו זקוף והאדון על כל החיות: (יד) כגמל היה. אותו הכחש: (טו) שאלמלא כן. שמשח ונתקלל: (טז) שפתחו באף כו׳. שאף הוא לשון תרוץ וכעס וכן נאבח בחרון אף: (יז) בדרך ארץ. עם אשתו ונתייגע:

---

אויך געשטראפט. אבער א פראסטער מענטש אז ער טוהט אן עבירה. וואס איז ער אונ וואס איז זיין עבירה. רבי ישמעאל האט געלערנט נאך דעם קעמיל איז די משא. אויף א שטארקן פערד לייגט מען מער משא. מער חכמה מער צער. למשל צוויי מענטשן גייען אריין אין א טראקטיר. איינער זאגט מען זאל אים געבן געבראטענע פלייש אונ קלארע ברויט אונ גוטען וויין. דער אנדערער זאגט מען זאל אים געבן פראסטע ברויט (ראזאווע) אונ קרויט. דער ערשטער האט געגעסן אונ עס האט אים געשאדט. אונ דער אנדערער האט געגעסן אונ עס האט אים ניט געשאדט. פאר וואס. ווייל דער אנדערער איז א געזונטער מענטש האט אים ניט געשאדט אפילו די גראבע עסין. אונ דער ערשטער איז א שוואכער האט אים געשאדט אפילו דאס איידעלע עסין. מיר האבין געלערנט פון רבי מאיר ם וועגין, די שטראף פון דעם שלאנג איז געוועזן נאך זיין גרויסקייט. ווייל ער איז געוועזן קליגער פון אלע. דריבער איז ער געפלוכט געווארין מער פון אלע. רבי הושעיא רבה האט געזאגט דער שלאנג איז פריער געוועזן דער האר איבער אלע חיות. ער איז געשטאנען ווי א שטעקין. אונ ער האט געהאט פיס. רבי ירמיה בן אלעזר זאגט דער שלאנג איז געוועזן אן אפיקורוס. ער האט געלייקענט אין גאט. רבי שמעון בן אלעזר זאגט דער שלאנג איז געוועזן גרויס ווי א קעמיל. דורך דעם וואס דער שלאנג איז געפלוכט געווארין פעלט פיל גוטם אויף דער וועלט. ווען דער שלאנג וואלט געוועזן ווי ער איז פריער געוועזן וואלט א מענטש געקענט שיקען דורך אים סחורה אונ ער וואלט געגאנגען אונ געקומען: (ב) (ויאמר). דער שלאנג האט געזאגט צו די אשה אף כי אמר אלהים. רבי חנינא בן סנסן הט געזאגט פיר האבין אנגעהויבין ריידין מיט דעם ווארט אף אונ זענען פארלוירין געווארין מיט אף (מיט צארין). דער שלאנג. אונ דער בעקער פון פרעה. אונ די פארזאמלונג פון קרח. אונ המן. ביי דעם שלאנג שטייט ער הט געזאגט צו די אשה אף כי אמר אלהים. ביי דעם בעקער פון פרעה שטייט אף אני בחלומי. ביי די פארזאמלונג פון קרח שטייט אף לא אל ארץ. ביי המן שטייט אף לא הביאה אסתר: (ג) (ותאמר). אונ די אשה (חוה) האט געזאגט צום שלאנג. וואו איז דאמאלס אדם געוועזן. אבא בר קוריה האט געזאגט ער הט משמש המטה געוועזן איז ער געווארין מיד אונ איז איינגעשלאפין געווארין. די רבנן זאגין גאט הט גינומען אדם אונ האט אים געפירט אין די גאנצע וועלט. אונ הט אים געוויזען דער ארט איז גוט צום

פלאנצין

כאן (יז) בית' נטע. כאן בית זרע. הה"ד (ירמיה ב) בארץ לא עבר בה איש ולא ישב אדם שם לא ישב אדה"ר שם: (ד) ומפרי העץ אשר בתוך הגן וגו' ולא תגעו בו. הה"ד (משלי ל) אל תוסף על דבריו פן יוכיח בך ונכזבת. תני ר' חייא שלא תעשה את (יח) הגדר יותר על העיקר. שלא יפול ויקצץ הנטיעות. כך אמר הקב"ה כי ביום אכלך ממנו וגו'. והיא לא אמרה כן. אלא אמר אלהים לא תאכלו ממנו ולא תגעו בו פן תמותון. כיון שראה אותה עוברת לפני העץ נטלה ודחפה עליו. א"ל הא לא מיתת. כמה דלא מיתת (יט) במקרביה כך לא מיתת במיכליה. אלא כי יודע אלהים כי ביום וגו': (ה) א"ר תנחומא (כ) השאלה הזו שאלוני באנטוכיא. אמרתי להם כי יודעים אלהים אב"כ. אלא כי יודע אלהים: (ו) ר' יהושע דסכנין בשם ר' לוי אמר. (כא) התחיל אומר דלטוריא על בוראו. אמר מאילן הזה אכל וברא העולם. והוא אומר לכם לא תאכלו ממנו. שלא תבראו עולמות אחרים. (כב) דכל אינש ואינש סני בר אומנתיה: ר' יהודה בר' סימון אומר: כל

## מתנות כהונה

(יז) בית נטע. ראוי לנטוע אילנות: (יח) הגדר יותר. גובה יותר שלא יפול הגדר ויקוץ ויבכור הנטיעות: (יט) במקרביה. בנגיעתו: (כ) השאלה הזו כו'. פירש"י דכתיב כאלהים יודעי טוב ורע לשון רבים וכתיב להם ראב המקרא יוכיח דלא כתיב יודעים אלהי כ אלא יודע לבין יחיד וסיפיה דקרא יודעי בבא וכייתם כאילו אמר והייתם יודעי טוב ורע כאלהים: (כא) התחיל כנתם לדבר דילטוריא. חנף ורכילות: (כב) דכל אינש כו'. כל איש ואיש בוגא בן אומנותו:

---

פלאנצין בוימער. דער ארט איז גוט צו זייען גערטנער פרוכטין. ווי ירמיה הנביא הט געזאגט גאט ווערט פאר טרייבין די יודין אויף אזוי אערד וואס דארט איז קיין מענטש ניט דורך גיגאנגען אונ אדם איז דארט ניט געזעסין, דאס מיינט מען אדם הראשון איז דארט ניט געזעסין: (ד) (ומפרי העץ). אונ די פרוכט פון דעם בוים וואס אין מיטען גארטין האט גאט געזאגט מען זאל זיי ניט עסין אונ ניט אן רירען. דאס איז וואס דער פסוק זאגט זאלסט ניט מעהרין אויף די רייד פון גאט טאמער וועט דיך גאט שטראפין ווייל דו האסט געזאגט אליגען. רבי חייא האט גילערנט זאלסט ניט מאכין די וואנד העכער ווי די בוימער ווארום אז די וואנט וועט זיין צו הויך וועט זיא איינפאלין אונ צו ברעכין די בוימער. אזוי איז גיוועין ביי חוה גאט האט געזאגט אז מען וועט עסין פון דעם בוים וועט מען שטארבין (אבער אן רירען דעם בוים מעג מען) אונ חוה האט געזאגט אז גאט הט געזאגט מען זאל ניט עסין פון דעם בוים אונ מען זאל אים ניט אן רירען טאמער וועט מען שטארבין. ווי דער שלאנג האט געזעהן אז חוה גייט נעבין דעם בוים האט ער זיא אשטויס געטאהן צום בוים אונ זיא האט דעם בוים אנגערירט. האט דער שלאנג געזאגט צו חוה זעהסט ביסט ניט געשטארבין פון אנרירען אזוי וועסטו ניט שטארבין פון עסין: (ה) (אמר). רבי תנחומא האט געזאגט די שאלה הט מען מיך גיפרעגט אין אנטוכיא עס שטייט אין פסוק דער שלאנג האט געזאגט צו חוה איר וועט זיין כאלהים יודעי טוב ורע (אזוי ווי גאטער וואס זיי ווייסין צו מאכין גוט אונ שלעכט) זעהט אויס עס איז דא פיל גאטער. האב איך זיי געענטפערט אין אנהייב פסוק שטייט כי יודע אלהים. ווארום נאט וויים. אונ עס שטייט ניט כי יודעים אלהים. ווארום די גאטער ווייסין. זעהן מיר אז עס איז נאר דא איין גאט. אונ וואס אין פסוק שטייט והייתם כאלהים יודעי טוב ורע. מיינט אזוי דער פסוק איר וועט וויסען פון גוט אונ שלעכט אזוי ווי גאט ווייס: (ו) רבי יהושע פון סכנין האט געזאגט פון רבי לוים וועגין דער שלאנג האט אנגיהויבין ריידין לשון הרע אויף גאט. ער האט געזאגט גאט האט געגעסין פון דעם בוים איז ער קלוג גיווארין אונ האט גיקענט בשאפין די וועלט. דריבער זאגט ער צו אייך איר זאלט ניט עסין פון דעם בוים איר זאלט ניט בשאפין אנדערע וועלטין. ווארום יעדער מענטש האט פיינט דעם אנדערין מענטש וואס ער איז אזוי אבעל מלאכה ווי ער איז. רבי יהודה ברבי סימון זאגט דער שלאנג האט געזאגט צו חוה די זאך וואס איז בשאפין גיווארין שפעטער געוועלטיגט אויף די זאך וואס איז בשאפין גיווארין פריער. דער הימעל וואס הייסט שמים איז בשאפין גיווארין דעם ערשטין טאג אונ דער הימעל וואס הייסט רקיע איז בשאפין גיווארין דעם אנדערין טאג. האלט דען ניט אויף דער רקיע דעם שמים איז דאך דער רקיע בעסער ווי דער שמים. דער רקיע איז

בשאפין

בל שנברא אחר חבירו (כג) שליט בחבירו. שמים בראשון. ורקיע בשני. (כד) אינו סובלן. אתמהא. רקיע בשני. ודשאים בשלישי. (כה) אינן מספקין את מימיו. דשאים בשלישי. ומאורות ברביעי. אינן מבשלין (כו) פירותיו. מאורות ברביעי. ועופות בחמישי. א"ר יהודה בר סימון זיז עוף טהור הוא. ובשעה שהוא פורח מכסה גלגל חמה. ואתם נבראתם אחר הכל לשלוט בכל. קדמו ואכלו עד שלא יברא עולמות אחרים והן שולטין בכם. הה"ד ותרא האשה כי טוב וגו'. ראתה דבריו של נחש. (ז) רבי יוסי בר זמרא אמר ג' דברים נאמרו באותו אילן. טוב למאכל. יפה לעינים. ומוסיף חכמה. ושלשתן נאמרו בפסוק אחד. ותרא האשה כי טוב. מכאן שהוא טוב. וכי תאוה הוא לעינים. מכאן שהוא יפה לעינים. ונחמד העץ להשכיל. מכאן שמוסיף חכמה. המד"א (תהלים פט) משכיל לאיתן האזרחי: (ח) ותקח מפריו ותאכל. א"ר איבו סחטה ענבים ונתנה לו. ר' שמלאי אמר בישוב הדעת באת עליו. א"ל מה אתה סבור שאני מתה וחוה אחרת נבראת לך. (קהלת א) (כז) אין כל חדש תחת השמש. או שמא אני מתה ואת יושב לך (כח) הטלים. (ישעיה מה) לא תוהו בראה לשבת יצרה. רבנן אמרי התחילה (כט) מיללת עליו

## מתנות כהונה

(כג) שליט בחבירו. שקודם לו: (כד) אינו סובלן. בתמיה וכי הרקיע אינו סובל בהמים והומך אותו והרי הוא תחת כולם: (כה) אינן מספקין. הרקיע מספיק מים לדשאים: (כו) פירותיו. של יום ג' הרי שהוא שולט עליו שאם אינו מבשל פירותיו לא ימתקו ולא יגדלו פירותיו: (כז) אין כל חדש כו'. לפיכך לא אמות וא"ת שאתה לבדך תשאר יחידי בלא אשה לא תהו בראה ולפיכך אם תאכל גם אתה לא תמות מבום כי תרי טעמא: (כח) הטלים. פנוי ובנו: (כט) מיללת. לעקס

בשאפין געווארין דעם אנדערין טאג אונ די גראז איז בשאפין געווארין דעם דריטען טאג. גיט דער רקיע וואסער צו די גראז (בעדינט דאך דער רקיע די גראז). די גראז איז בשאפין געווארין דעם דריטען טאג די בעלייכטונגע זענען בשאפין געווארין דעם פערטין. די בעלייכטונגען (די זוהן מיט די לבנה) מאכין צייטיג אלע פירות. איז דאך די זוהן מיט די לבנה גרעסער ווי די גראז ווען ניט זיי וואלט די גראז ניט געוואקסין. די בעלייכטונגען (די זוהן מיט די לבנה) זענען בשאפין געווארין מיטוואך. אונ די עופות זענען בשאפין געווארין דאנערשטאג. אונ רבי יהודה בר סימון זאגט דער פויגיל וואס הייסט זיז איז כשר צום עסין אונ ווען ער שפרייט אויס די פליגעל צום פליהען בדעקט ער די זוהן. געוועלטיגט ער אויף די זוהן. אונ איר (אדם אונ חוה) זענט בשאפין געווארין נאך אלע זאכין איר זאלט גיוועלטיגען אויף אלין. עסט געשווינט פון דעם עץ הדעת איידער גאט וועט בשאפין נאך וועלטין זיי זאלין גיוועלטיגען אויף אייך. ווי דער פסוק זאגט די אשה האט גיזעהן דער בוים איז גוט צום עסין. אויב אפרי איז גוט צום עסין דאס קען מען דאך ניט וויסען מיט זעהן. נאר מען מיינט זיא האט גיזעהן (עס איז איר גיפעלין) די רייד פון דעם שלאנג: (ז) רבי יוסי בר זמרא האט גיזאגט דריי זאכין זענען גיזאגט געווארין ביי דעם בוים (עץ הדעת). ער איז גוט צום עסין. ער איז שיין צום קוקען אויף אים. אונ ער מאכט קלוג. די אלע דריי זאכין שטייט אין פסוק. די אשה האט גיזעהן דער בוים איז גוט צום עסין. ער איז גלוסטיג צו די אויגין. ער איז שיין צום קוקען אויף אים. אונ דער בוים איז גלוסטיג צום קליגען. מען זאל דורך אים קליגער ווערין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק משכיל לאיתן האזרחי. דורך דעם רוח הקודש וואס עס איז גיוועזן אויף איתן האזרחי איז ער אלע מאהל קליגער גיווארין: (ח) ותקח. חוה האט גינומען אפרי פון דעם בוים אונ האט גיגעסין (די פרי איז גיוועזן ווייטרויבין) רבי איבו זאגט חוה האט גינומען טרויבין אונ האט פון זיי אויסגיקוועטשט וויין אונ האט גיגעבין צו אדם ער זאל טרינקען. רבי שמלאי האט גיזאגט חוה איז גיקומען צו אדם מיט אטענה. זיא האט גיזאגט צו אים וואס מיינסטו אז איך וועל שטארבין וועט פון דיינעטוועגין בשאפין ווערין איין אנדער חוה. נאך די זעקס טעג וועט שוין קיין נייעזאך ניט בשאפין ווערין. טאמער מיינסטו אז איך וועל שטארבין וועסטו זיין אליין אן אווייב. די וועלט איז ניט בשאפין גיווארין זיא זאל בלייבין וויסט אן מענטשין. נאר זיא זאל בזעצט ווערין מיט מענטשין. מוזטו האבין אווייב זיא זאל האבין קינדער. דריבער איז גיווים אז איך וועל ניט שטארבין אונ אז דו

עליו בקילה : (ט) וגם רבוי. האכילה את הבהמה ואת החיה ואת העופות. הכל שמעו לה. חוץ מעוף אחד ושמו חול. הה"ד (איוב כט) וכחול ארבה ימים. דבי רבי ינאי אמרי אלף שנה הוא חי. ובסוף אלף שנה אש יוצאה מקינו ושורפתו. ומשייר בו כביצה. (ל) וחוזר ומגדל אברים וחי. ר' יודן בר"ש אומר. אלף שנים חי. ולסוף אלף שנים גופו כלה. וכנפיו מתמרטין. ומשתייר בו כביצה. וחוזר ומגדל אברים: (י) ותפקחנה עיני שניהם. וכי סומים היו. ר' יודן בשם ריב"ז ור' ברכיה בשם ר"ע אמר. משל (לא) לעירוני שהיה עובר לפני חנותו של (לב) זגג. והיה לפניו קופה מלאה כוסות (לג) ודייטרוטין. והפשיל במקלו ושיברן. עמד ותפשו. (לד) א"ל ידע אנא דלית אנא מהני ממך כלום. אלא בא ואראה לך כמה טובות איבדת. (לה) כך הראה להן כמה דורות איבדו: (יא) וידעו כי ערומים הם. אפילו מצוה אחת שהיתה בידן (לו) נתערטלו הימנה. ויתפרו עלה תאנה. ארשב"י עלה (לז) שהביאה תואנה לעולם. ואר"י (לח) קלקלת עובדך סב חוט וחייט: ויעשו להם חגורות. א"ר אבא בר כהנא חגורה אכ"כ. אלא חגורות. חגורי חגורות.

אסטביוין

## מתנות כהונה

עליו בדברי נרגן: (ל) והוזר ומגדל איברים. שכן סימה כוונת המלוה יתבונן שאו בהם לא יאכל ימים על זה האופן שבכל אלף שנים יהפך לעפרו ויתחדש כנשר נעוריו: (לא) לעירוני. אדם הדר בעיר ולא בכפר: (לב) זגג. אומן עושה כלי זכוכית: (לג) דייטריטי. כלי זכוכית הטוב: (לד) א"ל כזגג יודע אני שאיני יכול לגבות ממך לשלם לי הכלים שאין בידך כלום אלא בא כו': (לה) כך הראה כו'. והוו פקחות עינים: (לו) נתערטלו כו'. דאל"כ גם הסומא יודע שהוא ערום: (לז) שהביאה תואנה. יללה ובכי במאהו עץ שאכל ליקח על לתגורה: (לח) קלקלת כו'. קלקלת מעשיך קח חוט ותפור

וועסט עסין וועסטו אויך ניט שטארבין. די רבנן זאגין זיא האט אנגיהויבין אויף אים שרייען ביז ער האט גימוזט עסין: (ט) (וגם). עס שטייט אין פסוק זיא האט גיגעבין צום מאן אויך. צו וועמען נאך האט זיא גיגעבין. זיא האט גיגעבין צו די בהמות אונ חיות אונ עופות אלע האבין איר גיפאלגט אונ האבין גיגעסין פון דעם עץ הדעת. נאר איין פויגיל וואס הייסט חול ער האט ניט גיגעסין פון דעם עץ הדעת. דריבער לעבט דער פויגיל זייער לאנג. אזוי ווי איוב האט גיזאגט אפילו איך וועל לעבין אזוי לאנג ווי דער פויגיל חול לעבט. דבי רבי ינאי זאגין דער פויגיל חול לעבט טויזענד יאהר. צום סוף טויזענד יאהר גייט ארויס אפייער פון זיין נעסט אונ עס פאר ברענט אים אונ עס בלייבט פון אים אזוי גרויס ווי אאיי אונ ער הייבט אן נאך אמאהל גרויס צו ווערין אונ עס וואקסט ארויס גלידער אזוי ווי פריער אונ ער לעבט נאך אמאהל טויזענד יאהר. אונ אזוי איז אלע טויזענד יאהר. רבי יודן ברבי שמעון זאגט ער ווערט ניט פאר ברענט נאר ער לעבט טויזענד יאהר. צום סוף טויזענד יאהר פאלין ארויס פון אים די פעדערין אונ ער ווערט גאר קליין ביז נאר ווי אאיי גרויס. דער נאך ווערט ער צוריק גרויס מיט גרויסע גלידער אונ לעבט נאך אמאהל טויזענד יאהר. אונ אזוי איז אלע טויזענד יאהר: (י) (ותפקחנה). ווי אדם אונ חוה האבין גיגעסין פון דעם עץ הדעת איז גיעפינט גיווארין די אויגין פון זיי ביידע. זענען זיי דען ביז איצט גיוועזין בלינד. וואס מען זאגט זייערע אויגין זענען גיעפינט גיווארין. רבי יודן האט גיזאגט פון רבי יוחנן בן זכאי ס וועגין אונ רבי ברכיה הט גיזאגט פון רבי עקיבא ס וועגין למשל אמענטש פון אקליין שטעטיל איז גיגאנגען פאר אפאבריק וואס מען מאכט דארט גלאז. איז גישטאנען פאר אים אקויבער (אקארב) פול מיט גלעזער אונ פלעשער. הט ער אקלאפ גיטאהן מיט זיין שטעקין אין קארב אונ האט ארך צו בראכין. האט דער פאבריקאנט אן גענומען דעם מענטש. אונ זאגט צו אים איך ווייס איך וועל ביי דיר גאר ניט נעמען ווארום דו האסט ניט צו בצאהלין. נאר קום איך וועל דיר ווייזין ווי גרויס דער שאדין איז וואס דו האסט מיר גיטאהן. אזוי הט גאט גיעפינט די אויגין פון אדם אונ חוה אונ האט זיי געוויזען ווי פיל מיליארדען מענטשין עס וועלין שטארבין דורך דער עבירה וואס זיי האבין גיגעסין פון עץ הדעת: (יא) (וידעו). זיי האבין גיוואוסט אז זיי זענען נאקעט. איין מצוה האבין זיי גיהאט אונ זיי זענען פון איר נאקעט גיווארין. אונ זיי האבין צו זאמען גינייט בלעטער פון תואנה. תואנה איז דער טייטש אטרויער. רבי שמעון בן יוחאי זאגט זיי האבין גינומען בלעטער פון דעם עץ הדעת וואס ער הט געבריינגט אטרויער

אויף

(לט) אסטכין. גליון. סדינים. (מ) כשם שעושים לאיש. כך עושין לאשה. צילצלין. קולסין. סכנין: (יב) וישמעו את קול ה' אלהים מתהלך בגן לרוח היום. א"ר חלפון שמענו שיש הילוך לקול. שנא' וישמעו את קול ה' אלהים מתהלך בגן. והילוך לאש. שנאמר (שמות ט) ותהלך אש ארצה: (יג) א"ר אבא בר כהנא. מהלך אכ"כ. אלא מתהלך (מא) מקפץ ועולה. עיקר שכינה בתחתונים היתה. כיון שחטא אדה"ר נסתלקה שכינה לרקיע הראשון. חטא קין נסתלקה לרקיע השני. דור אנוש לג'. דור המבול לד'. דור הפלגה לה'. סדומיים לו'. ומצרים בימי אברהם לז'. וכנגדן עמדו ז' צדיקים. ואלו הן. אברהם. יצחק. ויעקב. לוי. קהת. עמרם. משה. עמד אברהם הורידה לו'. עמד יצחק והורידה מן הו' לה'. עמד יעקב והורידה מן הה' לד'. עמד לוי והורידה מן הד' לג'. עמד קהת והורידה מן הג' לב'. עמד עמרם והורידה מן הב' לא'. (מב) עמד משה והורידה מלמעלה למטה: א"ר יצחק כתיב (תהלים לז) צדיקים ירשו ארץ וגו'. ורשעים מה יעשו

וכי

## מתנות כהונה

שקודם זה לא היו צריכים לזה כי ערומים היו בלי בושה : (לט) אסטכון כו'. מיני מלבושים הם וכולם של יוקר : (מ) כשם וכו'. פירוש כשם שאתה דורש שעשה לאדם חגורות הרבה כך אתה יכול לדרוש על זה שהרי כתיב לשם בשוה : (מא) מקפץ וכו'. דלא מדכתיב מתהלך לשון מתפעל משמע שאינו הליכה ממש : (מב) עמד מכה כו'. דכתיב וירד ה'

---

אויף דער וועלט. רבי יוחנן זאגט אז דו האסט קאליע געמאכט דיינע מעשים געם אפאדים אונ גייא צו זאמען. אדם אונ חוה האבין געמאכט פאר זיך גארטלען. רבי אבא בר כהנא זאגט עס שטייט ניט זיי האבין געמאכט אגארטיל (איינעם). נאר עס שטייט זיי האבין געמאכט גארטלען. פיל ערליי גארטלען (קליידער) האבין זיי געמאכט. אסטכיון גליון סדינים. דאס איז אזעלכע קליידער פאר אמאנספערזאהן (פאר אדם). אונ אזוי ווי מען האט געמאכט קליידער פאר אדם אזוי האט מען געמאכט פאר חוה קליידער וואס זיי הייסין צילצלין קולסין סכנין: (יב) וישמעו. זיי האבין גיהערט דעם קול פון גאט ער גייט אין גארטין צו דער זייט פון טאג. רבי חלפון זאגט פון דעם פסוק זעהן מיר אז אויף אקול ווערט גיזאגט ער גייט. ווי דער פסוק זאגט זיי האבין גיהערט דער קול פון גאט גייט אין גארטין. אויף פייער ווערט אויך גיזאגט ער גייט. ווי דער פסוק זאגט דער פייער איז גיגאנגען אויף די ערד: (יג) (אמר). רבי אבא בר כהנא הט גיזאגט עס שטייט ניט ביי דעם קול מהלך בגן. ער גייט אין גארטין. נאר עס שטייט מתהלך בגן. ער איז גיגאנגען גיווארין אין גארטין. ווייל דער קול האט גיט גיוואלט זיין אויף דער ערד נאר ער איז באלד ארויף צוריק אין הימעל. אין אנהייב איז גיוועזן דער עיקר וואהנונג פון גאט אונטען אויף די ערד. ווי אדם הראשון האט געזינדיגט איז די שכינה ארויף גיגאנגען אין ערשטין הימעל. ווי קין הט גיזינדיגט איז די שכינה ארויף גיגאנגען אין אנדערין הימעל. ווי דער דור פון אנוש האט געזינדיגט איז די שכינה ארויף גיגאנגען אין דריטען הימעל. ווי דער דור פון מבול האט געזינדיגט איז די שכינה ארויף גיגאנגען אין פערטין הימעל. ווי דער דור הפלגה הט געזינדיגט איז די שכינה ארויף גיגאנגען אין פינפטען הימעל. ווי די מענטשין פון סדום האבין געזינדיגט איז די שכינה ארויף גיגאנגען אין זעקסטין הימעל. ווען די מצרים האבין געזינדיגט אין די צייט פון אברהם. איז די שכינה ארויף גיגאנגען אין זיבעטין הימעל. דער געגען זענען גיוועזן זיבען צדיקים. אברהם יצחק יעקב לוי קהת עמרם משה. אברהם האט אראפ געגידערט די שכינה פון זיבעטין הימעל אין זעקסטין הימעל. יצחק הט אראפגענידערט די שכינה פון זעקסטין הימעל אין פינפטין. יעקב הט אראפגענידערט די שכינה פון פינפטען הימעל אין פערטין. לוי האט אראפגענידערט די שכינה פון פערטין הימעל אין דריטען. קהת האט אראפ גענידערט די שכינה פון דריטען הימעל אין צווייטין. עמרם הט אראפ גענידערט די שכינה פון צווייטין הימעל אין ערשטין. משה הט אראפגענידערט די שכינה פון הימעל אויף די ערד. רבי יצחק זאגט עס שטייט אין פסוק די צדיקים וועלין ירשנן די ערד. וואו וועלין דען די רשעים זיין. גיט אויף די ערד? זיי וועלין דען פליהען אין

דער

וכי (מג) פורחים באויר. אלא הרשעים (מד) לא השכינו שכינה בארץ: (יד) וישמעו. אל תקראו וישמעו אלא וישמיעו. שמעו קילן של אילנות שהיו אומרים הא גנבא דגנב דעתיה (מה) דברייה. ר"א שמעו קולן של מלאכים אומרים ה' אלהים הולך לאותן שבגן. ר' לוי ור' יצחק. ר' לוי אמר (מו) מת אותו שבגן. ר' יצחק אמר (מז) מת הלך לו. אתמהא. א"ל הקב"ה לרוח היום לריוח היום. הריני מחיה לו את היום. כך אמרתי לו כי ביום אכלך ממנו מות תמות. אין אתם יודעים אם יום א' משלי. אם יום א' משלכם אלא הרי אני נותן לו יום א' משלי שהוא אלף שנים. והוא חי ט' מאות ול' שנה ומניח ע' לבניו הה"ד (תהלים ל) ימי שנותינו בהם שבעים שנה: (טו) לרוח היום. רב אמר לרוח מזרחית דנו. לרוח שהוא עולה עם היום. זבדי בן לוי אמר לרוח מערבית דנו. לרוח שהוא שוקע עם היום. על דעתיה דרב (מח) הקשה עליו. כל שהיום עולה הוא מרתיח. ועל דעתיה דזבדי בן לוי (מט) ריתה עליו. כל שהיום שוקע הוא צונן. (טז) ויתחבא האדם ואשתו.

א"ר

## מתנות כהונה

על הר סיני: (מג) פורחים באויר. בתמיה: (מד) לא השכינו שכינה כו'. אלא גרשוהו מן הארץ משא"כ הצדיקים שהשכינו השכינה בארץ קרי ביה וישכינו: (מה) דברייה. של בוראו: (מו) מת אותו כו', קרי ביה מת הלך כלומר אותו שבגן הלך לו למיתה: (מז) מת הלך לו כו'. הלך ובחר לו דרך לעצמו: (מח) הקשה כו'. החמיר בדינו כמו שחום היום רותח ומתגבר ופירש"י בהתלה א"ל איכה ואח"כ המן העץ ואח"כ ארור: (מט) ריתה. הניחו ודנו במדת רחמים שבתחילה אמר כי ביום

---

דער לופטין? נאר אזוי מיינט דער פסוק די רשעים האבין ניט געמאכט רוהען די שכינה אויף די ערד: (יד) (וישמעו). זיי האבין געהערט. זאלסט ניט לייענען וישמעו. זיי האבין געהערט. נאר זאלסט לייענען וישמיעו. זיי האבין געמאכט הערין. די ביימער האבין געמאכט הערין אקול אז גאט גייט אין גארטין אונ זיי האבין געזאגט אויף אדם דאס איז דער גנב וואס האט גיגנבת די דעה פון זיין באשעפער. נאך אפשט איז אדם אונ חוה האבין געהערט ווי די מלאכים זאגין גאט גייט צו דעם מענטש וואס איז אין גארטין. רבי לוי אונ רבי יצחק קריגען אין דעם ווארט מתהלך. רבי לוי זאגט דאס איז צוויי ווערטער מת הלך. די מלאכים האבין געזאגט דער מענטש וואס אין גארטין איז געגאנגען צום שטארבין. אזוי ווי די גזירה איז אין דעם טאג וואס ער וועט עסין פון עץ הדעת וועט ער שטארבין. רבי יצחק זאגט די מלאכים האבין געזעהן אז אדם לעבט האבין זיי זיך געוואנדערט. איז דען די גזירה פון מיתה אוועק געגאנגען פון אים. איז דען בטל געווארין די גזירה. האט גאט געזאגט צו די מלאכים לרוח היום. איך וועל אים דער ברייטערין דעם טאג. איך וועל אים לאזין לעבין דעם טאג. איך האב געזאגט צו אדם אין דעם טאג וואס דו וועסט עסין פון עץ הדעת וועסטו שטארבין. איר ווייסט אבער ניט ווי איך האב גימיינט איין טאג פון מיינע טעג אדער איין טאג פון אייערע טעג. איך וועל אים געבין א טאג פון מיינע טעג דאס איז טויזענד יאהר. אונ אדם וועט לעבין ניין הונדערט מיט דרייסיג יאהר אונ זיבעציג יאהר וועט ער לאזין פאר זיינע קינדער. ווי דער פסוק זאגט אונזערע יאהרין וואס מיר לעבען זענען נאר זיבעציג: (טו) (לרוח היום). רב זאגט גאט איז געקומען אין גן עדן פון מזרח זייט צו משפטין דעם מענטש. ער איז געקומען פון די זייט וואס די זוהן גייט אויף. זבדי בן לוי זאגט גאט איז געקומען אין גן עדן פון מערב זייט צו משפטין דעם מענטש. ער איז געקומען פון די זייט וואס די זוהן גייט אונטער. נאך רבס מיינונג איז גאט געקומען אים שווער צו משפטין. אזוי ווי די זוהן פון דער פריה ווערט אלע מאהל הייסער אזוי האט גאט אים געמשפט אלע מאהל שווערער. נאך די מיינונג פון זבדי בן לוי האט גאט אויף אים רחמנות געהאט. אזוי ווי די זוהן פון פארין נאכט גייט אלע מאהל אונטער אונ ווערט קעלטער. אזוי איז דער כעס פון גאט אלע מאהל קעלטער געווארין: (טז) (ויתחבא). אדם מיט זיין ווייב חוה האבין זיך באהאלטין. איז דאך א קשיא ווי אזוי האבין זיי זיך געקענט באהאלטין אז זיי זענען גרויס געוועזן פון איין עק וועלט צום אנדערין עק וועלט. זאגט רבי אייבו זיי זענען נידעריגער געווארין ביז די הייך זייערע איז נאר געוועזן הונדערט איילין. אדם מיט חוה האבין זיך באהאלטין צווישען די ביימער פון גארטין. רבי לוי זאגט אדם

האט

א"ר איבו (כ) גרעה קומתו ונעשה של ק' אמה: בתוך עץ הגן. אמר ר' לוי רמז לתולדותיו שיהיו ניתנין (כה) בארונות של עץ: (יז) ויקרא ה' אלהים אל האדם (כב) איך הוית. אתמול לדעתי. ועכשיו לדעתו של נחש. אתמול מסוף העולם ועד סופו. (כג) ועכשיו בתוך עץ הגן: (יח) אמר ר' אבהו בשם ר' חנינא. כתיב (הושע ו) והמה כאדם עברו ברית. המה כאדה"ר. מה אדה"ר הכנסתיו לתוך ג"ע וצויתיו ועבר על ציוויי. ודנתי אותו בשלוחין ובגרושין. (כד) וקוננתי עליו איכה. הכנסתיו לתוך ג"ע. שנא' ויניחהו בג"ע. וצויתיו שנא' ויצו ה' אלהים על האדם. ועבר על הציווי. שנא' המן העץ אשר צויתיך לבלתי אכל ממנו אכלת. ודנתי אותו בשלוחין. שנא' וישלחהו ה' אלהים מג"ע. דנתי אותו בגרושין. דכתיב ויגרש את האדם. קוננתי עליו איכה. שנא' ויקרא ה' אלהים אל האדם ויאמר לו איכה. איכה כתיב. אף בניו הכנסתים לא"י. וצויתים ועברו על הציווי. דנתי אותם בשלוחין ובגרושין. וקוננתי עליהם איכה. הכנסתים לא"י. שנא' (ירמיה ב) ואביא אתכם אל ארץ הכרמל. צויתים. שנא' (שמות כז) ואתה תצוה את בני ישראל. עברו על ציוויי. שנא (דניאל ט) וכל ישראל עברו תורתך. דנתי אותם בשלוחין. שנא' (ירמיה טו) שלח מעל פני ויצאו. דנתי אותם בגרושין. שנא' (הושע ט) מביתי אגרשם. קוננתי עליהם איכה. שנא' (איכה איכה

## מתנות כהונה

אכלך ממנו וגו' ואח"כ הרות לו לאלף שנה כמו שרות מערבית כולך ומלגון: (כ) גרעה קומתו כו'. דאל"כ כי אך התחכא הלא מלא כל העולם היה כדלעיל פי"ב ומאה אמה נפקא ליה מדכתיב ותחת עני כפיך כ"ף גימטריא מאה הוה: (כה) בארונות כו'. מדכתיב בתוך העץ והל"ל בין העצים: (כב) איך הוית. איך נהיית וכו' הנה דעתך: (כג) ועכשיו בתוך עץ הגן. כלומר שנגרע קומתך ויכולת להתחבא בין עצי הגן: (כד) וקוננתי

---

האָט געוויזן אַז זיינע קינדער וועלן שטאַרבן און מען וועט זיי באַהאַלטן (באַגראָבן) אין הילצערנע קאַסטנס: (יז) (ויקרא). גאָט האָט גירופן צו אָדם און האָט גיזאָגט צו אים ווי אַזוי ביזטו גיענדערט געוואָרן. נעכטן ביזטו גיוועזן נאָך מיין מיינונג היינט ביזטו געוואָרן נאָך די מיינונג פון שלאַנג. נעכטן ביזטו גרויס געוועזן פון איין עק וועלט צום אַנדערן עק וועלט. היינט ביזטו קליין געוואָרן אַז דו קענסט דיך באַהאַלטן צווישן די ביימער פון גאָרטן: (יח) (אָמַר). רבי אבהו האָט גיזאָגט פון רבי חנינא'ס וועגן עס שטייט אין פסוק וְהֵמָּה כְּאָדָם עָבְרוּ בְרִית. די יודן האָבן ניט גיהאַלטן דעם פאַרבינדונג פון גאָט אַזוי ווי אָדָם. אַזוי ווי אָדָם הָראשון. אַזוי ווי אָדָם הָראשון איך האָב אים אַריין גיבריינגט אין גַן עֵדֶן און האָב אים גיבאָטן און ער האָט ניט גיהאַלטן מיין גיבאָט. האָב איך אים גישטראָפט ער זאָל אַרויס געשיקט ווערן פון גַן עֵדֶן און האָב אים אַרויס געטריבן פון גַן עֵדֶן. און האָב גיקלאָגט אויף אים אֵיכָה. איך האָב אים אַריין גיבריינגט אין גַן עֵדֶן ווי דער פסוק זאָגט וַיַּנִּיחֵהוּ בְגַן עֵדֶן. גאָט האָט אַריין גילאָזן אָדָם אין גַן עֵדֶן. איך האָב אים גיבאָטן ווי דער פסוק זאָגט גאָט האָט גיבאָטן אויף אָדָם (ער זאָל ניט עסן פון עֵץ הַדַּעַת). און ער האָט ניט גיהאַלטן מיין גיבאָט. ווי דער פסוק זאָגט אויב פון דעם בוים וואָס איך האָב דיך גיבאָטן דו זאָלסט פון אים ניט עסן האָסטו גיגעסן. און איך האָב אים געשטראָפט ער זאָל אַרויס געשיקט ווערן פון גַן עֵדֶן. ווי עס שטייט אין פסוק גאָט האָט אים אַרויס געשיקט פון גַן עֵדֶן. און האָב אים געשטראָפט מען זאָל אים אַרויס טרייבן פון גַן עֵדֶן. ווי דער פסוק זאָגט ער האָט אַרויס געטריבן דעם אָדָם. און איך האָב אויף אים גיקלאָגט מיט דעם וואָרט אֵיכָה. ווי דער פסוק זאָגט גאָט האָט גירופן צו אָדָם און האָט גיזאָגט צו אים אַיֶּכָּה. אַיֶּכָּה לייענט מען און אֵיכָה איז געשריבן. מיט זיינע קינדער איז אויך אַזוי גיוועזן. איך האָב זיי אַריין גיבריינגט אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. און איך האָב זיי גיבאָטן. און זיי האָבן ניט גיהאַלטן מיין גיבאָט. האָב איך זיי געשטראָפט מיט אַרויס שיקונג און מיט אַרויס טרייבונג. און האָב גיקלאָגט אויף זיי אֵיכָה. איך האָב זיי אַריין געבריינגט אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. ווי דער פסוק זאָגט איך האָב אייך גיבריינגט אין דעם לאַנד כַּרְמֶל (אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל). איך האָב זיי גיבאָטן ווי דער פסוק זאָגט גאָט האָט גיזאָגט צו משה און דו זאָלסט געבאָטען

ה) איכה ישבה: (יט) ויאמר מי הגיד לך כי עירום אתה המן העץ. א"ר לוי (נה) לשואלת חומץ שנכנסה אצל אשתו (נו) של חבר. אמר לה מה בעלך עושה עמך. אמרה לה כל טוב הוא עושה עמי. חוץ מחבית זו שהיא מלאה נחשים ועקרבים שאינו משליטני עליה. אמרה לה כל (נז) קוזמיקון שלו שם הוא ומבקש לישא אשה אחרת וליתן אותה לה. מה עשתה הושיטה ידה לתוכה. התחילו מנשכות אותה. כיון שבא בעלה שמע קולה מצווחת. אמר לה שמא באותה חבית נגעת. כך אמר הקב"ה לאדה"ר (בראשית ג) המן העץ אשר צויתיך וגו': (כ) ויאמר האדם וגו'. ד' הן (נח) שהקיש הקב"ה על קנקנן ומצאן קנקנין של מימי רגלים. ואלו הן. אדם. וקין. ובלעם. וחזקיהו. אדם שנאמר (נט) ויאמר האדם האשה. קין. (בראשית ד) ויאמר ה' לקין אי הבל וגו' ויאמר לא ידעתי. בלעם הרשע. שנא' (במדבר כב) מי האנשים האלה עמך ויאמר בלעם אל האלהים וגו'. חזקיהו. (ישעיה לט) מה אמרו האנשים האלה וגו'. אבל יחזקאל מצאו (ס) בקי מכולם שנאמר (יחזקאל לז) בן אדם התחיינה העצמות האלה.

ויאמר

## מתנות כהונה

עליו איכה. איכה קרי ביה איכה: (נה) לשואלת חומץ כו'. שם המשל בחומץ כי היא בהלקוקות לבונה כעשן לעינים וכחומץ לשינים: (נו) של חבר. פירש"י חובר חבר נחשים ועקרבים ולפיכך הם בחביות: (נז) קוזמיקון. פי' הערוך מיני תכשיטין: (נח) שהקיש. פי' כמו שמכה על הקנקן לנסות אם יעמדו או ישברו כך הכה אותם אם יענו כהוגן ולא ענו: (נט) ויאמר האדם כו'. שהיה לו להתוודות לומר חטאתי והוא היה כופר בטובה שנתן לו הקדוש ברוך הוא: (ס) בקי.

צו די יודין. אונ די יודין האבין ניט גיהאלטין מיין גיבאט ווי דער פסוק זאגט אלע יודין האבין ניט גיהאלטין דיין תורה. איך האב זיי געמשפט מיט ארויס שיקונג ווי דער פסוק זאגט איך שיק זיי אוועק פון מיר זיי זאלין ארויס גיין. איך האב זיי געמשפט מיט ארויס טרייבונג ווי דער פסוק זאגט איך וועל זיי ארויס טרייבין פון מיין שטוב. איך האב אויף זיי גיקלאגט איכה ווי דער פסוק זאגט איכה ישבה בדד: (יט) ויאמר. גאט האט גיזאגט צו אדם ווער האט דיר גיזאגט אז דו ביזט נאקעט טאמער האסטו גיגעסין פון דעם בוים וואס איך האב דיר גיבאטין דו זאלסט פון אים ניט עסין. רבי לוי זאגט אשלעכטע פרויא איז אמאהל אריין גיגאנגען צו אפרויא פון אמכשף. האט די שלעכטע פרויא גיזאגט צו איר וואס טוהט דיין מאן מיט דיר. הט זיא גיענטפערט מיין מאן טוהט מיט מיר אלעם גוטעס. נאר די פאס ווייל זיא איז פול מיט שלאנגען אונ מיט עגדעסין האט ער מיר פארבאטין איך זאל ניט צו גיין צו איר. האט די שלעכטע פרויא גיזאגט צו איר עס איז ליגען אין די פאס איז ניטא קיין שלאנגען. דיין מאן האט אין די פאס אלע אוצרות זיינע אונ ער וויל נעמען איין אנדער ווייב אונ איר אוועק געבין אלע אוצרות. האט זיא איר גיפאלגט אונ האט אריין גישטעקט די האנט אין די פאס. האבין די שלאנגען איר אנגיהויבין בייסין. דער ווייל איז גיקומען איר מאן אונ הט גיהערט ווי זיא שרייט. זאגט ער צו איר טאמער האסטו אנגערירט אין די פאס. אזוי האט גאט גיזאגט צו אדם הראשון האסטו גיגעסין פון דעם בוים וואס איך האב דיך גיבאטין דו זאלסט פון אים ניט עסין: (כ) ויאמר. פיר מענטשין האט גאט געפרובט זיי עפעס פרעגין אונ הערין וואס זיי וועלין ענפערין. אזוי ווי דער טעפער פרובט זיינע קריג זעהן צו זיי זענען געשפאלטין אדער גאנץ. אונ ער געפינט זיי זענען פארשטונקען. אזוי הט גאט גיפונען די מענטשין ניט מיט גוטע אנטווארט. דאס זענען די פיר מענטשין. אדם קין בלעם חזקיהו. ביי אדם שטייט ער האט גיזאגט צו גאט די ווייב וואס דו האסט מיר גיגעבין זי האט מיר גיגעבין פון עץ הדעת האב איך גיגעסין. האט ער גיזאגט אז גאט איז שולדיג וואס ער האט גיגעסין פון עץ הדעת. ביי קין שטייט גאט האט גיזאגט צו קין וואו איז דיין ברודער הבל. האט קין גיזאגט איך וויים ניט. ביי בלעם שטייט גאט הט גיזאגט צו בלעם ווער זענען די מענטשין מיט דיר. האט בלעם גיזאגט צו גאט די מענטשין האט בלק געשיקט. קין אונ בלעם האבין גימיינט אז גאט וויים טאקי ניט. ביי חזקיהו המלך שטייט מען האט ביי אים גיפרעגט וואס האבין די מענטשין צו דיר גיזאגט. ווער זענען די מענטשין. האט ער דאך

ויאמר ה' אלהים אתה ידעת. א"ר חנינא בר פפא. לציפור שהיתה נתונה ביד צייד. פגע באחד. א"ל זו שבידי מה היא. חיה או מתה. א"ל (סח) אי בעית חיה. אי בעית מתה. כך בן אדם התחיינה העצמות האלה. ויאמר ה' אלהים אתה ידעת: (כא) ויאמר האדם האשה אשר נתתה וגו'. הה"ד (איוב ט) אדברה ולא איראנו כי לא כן אנכי עמדי. אמר איני (סב) כאותו שאמר האשה אשר נתת עמדי וגו'. הוא שמע לדברי אשתו אבל אני לא שמעתי לדברי אשתי. א"ר אבא ב"כ (סג) דינה אשתו של איוב היתה. ע"כ אמר לה (איוב ב) כדבר (סד) אחת הנבלות תדברי. גם את הטוב נקבל מאת האלהים וגו'. אקבל אכ"כ אלא נקבל. (סה) נאים בטובה. ולא נאים בפורענות. אתמהא. (סס) בכל זאת לא חטא איוב בשפתיו. בשפתיו לא חטא. אבל בלבו חטא: (כב) אמר ר' אבא ב"כ (סו) ואכלתי אכ"כ אלא ואוכל. אכלתי ואוכל. אמר רשב"ל אדה"ר לא נטרד מג"ע עד (סז) שחרף וגדף. הה"ד (ישעיה ה) ויקו לעשות ענבים ויעש באושים: (כג) ותאמר האשה הנחש השיאני ואוכל. גירני. הייבני. והטעני. גירני המר"א (תהלים פט) לא ישיא אויב בו. חייבני המר"א (דברים כ"ד) כי

## מתנות כהונה

זמכיר לכתיב תשובה שלימה: (סח) אי בעית כו'. יעקב: (סד) כאחת הנבלות. וכתיב גבי דינה כי נבלה עשה: אם תרצה כיון חיה ואם תרצה הרי היא מתה בידך (סה) נאים בטובה. נקבל נוטריקון נאים לקבל: (סו) ואכלתי· בתמיהה: (סב) כאיהו. כאדם הראשון: (סג) דינה. בת הוא לשון עבר והוי: (סז) שחרף וגידף. כמה שאמר ואוכל

גידארפט פארשטיין אז גאט פרעגט אויף זיי געווים איז ער בייז. אונ ער האט נאר ניט חרטה גיהאט נאר ער האט גיענפערט זיי זענען גיקימען פון בבל. אבער דעם נביא יחזקאל האט גאט גיטראפין בעסער פון אלע. ווי דער פסוק זאגט גאט האט גיזאגט צו יחזקאל די ביינער וועלין לעבין. האט יחזקאל גיזאגט גאט דו ווייסט דאך אויב זיי וועלין לעבין אדער ניין. רבי חנינא בר פפא זאגט למשל אפאנגער האט גיהאלטין אין האנט אפויגיל. האט דער פאנגער בגעגינט אמענטש פרעגט ער ביי אים די פויגיל וואס איך האב אין האנט איז לעבעדיג אדער טויט. זאגט דער מענטש אויב דו ווילסט קען די פויגיל בלייבען לעבין אונ אויב דו ווילסט קען זיא זיין טויט. זיא איז דאך ביי דיר אין האנט. אזוי האט גאט גיזאגט צו יחזקאל די ביינער וועלין לעבין. האט יחזקאל גיזאגט צו גאט דו ווייסט אויב זיי וועלין לעבין אדער ניין. ווי דו וועסט וועלין: (כא) (ויאמר). אדם האט גיזאגט צו גאט דאס ווייב וואס דו האסט מיר גיגעבין האט מיר גיגעבין פון דעם בוים אונ איך האב גיגעסין. דאס איז וואס איוב הט גיזאגט איך וועל ריידין אונ וועל ניט מורא האבין כי לא כן אנכי עמדי. ווארום איך בין ניט אזוי ווי אדם וואס ער האט גיזאגט האשה אשר נתתה עמדי דאס ווייב וואס דו האסט מיר גיגעבין האט מיר גיגעבין פון דעם בוים. אדם האט גיפאלגט זיין ווייב אונ האט געזינדיגט. אבער איך האב ניט גיפאלגט מיין ווייב וואס הט מיר גיהייסין זינדיגען. רבי אבא בר כהנא זאגט דינה די טאכטער פון יעקב איז גיוועזן דאס ווייב פון איוב. דריבער האט איוב גיזאגט צום ווייב אזוי ווי עס רעט איינע פון די נבלות (שלעכטע ווייבער) רעדסטו. אונ ביי דינה שטייט דער ווארט נבלה. דאס גוטע זאלין מיר נעמען פון גאט אונ דאס שלעכטע זאלין מיר ניט וועלין נעמען. עס שטייט ניט איך וועל נעמען נאר מיר וועלין נעמען (איוב אונ דאס ווייב). עס איז שיין צו נעמען דאס גוטע אונ עס איז ניט שיין צו נעמען די שלעכטע. אוואנדער. ביי דעם אלעמען האט איוב ניט גיזינדיגט מיט זיינע לעפצין. מיט די לעפצין האט ער ניט געזינדיגט. אבער אין הארצין האט ער געזינדיגט: (כב) (אמר). רבי אבא בר כהנא זאגט אדם האט ניט גיזאגט איך האב גיגעסין נאר ער האט גיזאגט איך וועל עסין. איך האב גיגעסין פון עץ הדעת אונ וועל פון אים עסין. רבי שמעון בן לקיש זאגט גאט האט ניט ארויס געטריבען אדם הראשון פון גן עדן ביז ער הט גילעסטערט גאט. אונ ער הט גירעט שלעכטע רייד געגין גאט. ווי דער פסוק זאגט גאט האט גיהאפט עס זאל וואקסין (פון אדם) גוטע ווייןטרויבין אונ ים האט גיוואקסין שלעכטע ווייןטרויבין: (כג) (ותאמר). חוה האט גיזאגט הנחש השיאני.

דער

כי תשה ברעך. המעני כר"א (דה"ב לב) אל ישיא אתכם חזקיהו:

**פרשה כ** (א) ויאמר ה' אלהים אל הנחש וגו'. (תהלים קמ) איש לשון בל יכון בארץ וגו'. א"ר לוי לע"ל הקב"ה נוטל את העכו"ם ומורידן לגיהנם. ואומר להם למה הייתם קונסין את בני. והן אומרים לו מהם ובהם היו באים ואומרים לה"ר איש על חבירו. והקב"ה נוטל (ה) אלו ואלו ומורידן לגיהנם. ד"א איש לשון זה הנחש שאמר לה"ר (ב) על בוראו. (ג) בל יכון בארץ על גחונך תלך. איש חמס רע יצודנו (ד) למדחפות. למדחפה אכ"כ אלא למדחפות. אדם נתקלל וחוה נתקללה. ונחש נתקלל: (ב) ויאמר ה' אל הנחש כי עשית זאת וגו'. (משלי י) איש תהפוכות ישלח מדון ונרגן מפריד אלוף. איש תהפוכות. זה הנחש שהיפך דברים על בוראו. ונרגן (ה) שריגן דברים על בוראו ואמר לא מות תמותון. מפריד אלוף. (ו) שהפריד אלופו של עולם. ומיד נתקלל: (ג) ויאמר ה' אל הנחש וגו'. עם אדם נשא ונתן. עם חוה נשא ונתן. ועם נחש לא נשא ונתן. אלא אמר הקב"ה נחש זה רשע בעל תשובות. ואם אומר אני לו. עכשיו הוא אומר לי אתה צוית

## מתנות כהונה

פוד: (ה) אלו ואלו. המלשינים והעכו"ם: (ב) על בוראו. (ד) למדחפות. דחיפה הרבה משמע: (ה) שריגן. לשון שאמר מן העץ אכל וברא את העולם: (ג) בל יכון כו'. תלונה כד"א וירגנו באהליכם: (ו) שהפריד אלופו כו' שדב"ר שלא יהיה לו כן ונכסים ורגלים כמו שהיה לו בראשונה: ביכים

---

דער שלאנג האט זיך גירייצט מיט מיר. און האט מיך בעשולדיגט. און האט מיך אן גירעט. דאס ווארט השיאני איז דער טייטש רייצין ווי דער פסוק זאגט לא ישיא אויב בו. דער פיינד וועט זיך ניט רייצין מיט אים. דאס ווארט השיאני איז דער טייטש בשולדיגען ווי דער פסוק זאגט כי תשה ברעך. אז דו וועסט מאנען ביי דיין חבר וואס ער איז דיר שולדיג. דאס ווארט השיאני איז דער טייטש גינארין ווי דער פסוק זאגט אל ישיא אתכם חזקיהו. חזקיהו זאל אייך ניט גינארין:

פרשה כ (א) (ויאמר). גאט האט גיזאגט צום שלאנג דו זאלסט גיין אויף דיין בויך. עס שטייט אין פסוק איש לשון בל יכון בארץ. דער וואס רעדט מיט זיין צונג שלעכטע רייד וועט ער ניט זיין אויף דער וועלט. רבי לוי זאגט ווען משיח וועט קומען וועט גאט נעמען אלע געצין דינער און וועט זיי אראפ נידערין אין גיהנם. און ער וועט זאגין צו זיי פאר וואס האט איר גיפייניגט מיינע קינדער (די יודין). וועלין די געצין דינער זאגין וועייל די יודין האבין גירעט לשון הרע איינער אויף דעם אנדערין. וועט גאט נעמען די יודין וואס האבין גירעט לשון הרע אויך און וועט זיי אראפ נידערין אין גיהנם. נאך אפשט איז איש לשון. דאס מיינט מען דעם שלאנג. ער האט גירעט לשון הרע אויף זיין בשעפער אויף גאט. ער וועט ניט האבין קיין פיס צו שטיין אויף די ערד. נאר ער וועט גיין אויף זיין בויך. דער שלעכטער רובער האט אים גיפאנגען צו פארשטויסונגען. עס שטייט ניט צו פארשטויסונג. נאר צו פארשטויסונגען. פיל פארשטויסונג. אדם איז פארשטויסין און גיפלוכט גיווארין. חוה איז פארשטויסין און גיפלוכט גיווארין. דער שלאנג איז גיפלוכט גיווארין: (ב) (ויאמר). גאט האט גיזאגט צום שלאנג וועייל דו האסט דאס גיטאהן דריבער זאלסטו זיין פארפלוכט. דער פסוק זאגט דער וואס רעדט פארקערטע רייד רייצט ער אקריג. און דער וואס מאכט קריג שיידט ער אפ דעם האר. דער וואס רעדט פארקערטע רייד דאס איז דער שלאנג. ער האט גירעט פארקערטע רייד אויף גאט. און ער האט גירעט קריג אויף גאט ער האט גיזאגט צו חוה איר וועט ניט שטארבין. און ער האט אפגישיידט דעם האר פון דער וועלט. אדם וואס ער איז גיוועזן דער האר אויף דער וועלט. איז ער אפגישיידט גיווארין פון דער וועלט. ער האט גימוזט שטארבין. דריבער איז דער שלאנג באלד גיפלוכט גיווארין: (ג) (ויאמר). גאט האט גיזאגט צום שלאנג דו זאלסט זיין פארפלוכט. מיט אדם האט גאט פריער גירעט. מיט חוה האט גאט פריער גירעט. ער האט ביי זיי גיפרעגט פאר וואס זיי האבין דאס גיטאהן. מיט דעם שלאנג האט גאט גאר ניט גירעט. ער האט ניט גיפרעגט ביי אים פאר וואס ער האט דאס גיטאהן. נאר גאט האט גיזאגט דער שלאנג וועט האבין פיל צו ענפערין

צוית אותם ואני צויתי אותם. מפני מה הניחו צוויך. והלכו להם אחרי ציווי. אלא קפין עליו (ז) ופסק לו את דינו: (ד) ויאמר ה' אלהים אל הנחש כי עשית זאת. תני ר' חייא בגדולה מתחילים מן הגדול. ' ובקללה מתחילים מן הקטן. בגדולה מתחילין מן הגדול שנא' (ויקרא י) ויאמר משה אל אהרן ואל אלעזר ואל איתמר. בקללה מתחילין מן הקטן. שנא' ויאמר ה' אלהים אל הנחש. ואל האשה אמר הרבה ארבה עצבונך והרונך. ולאדם אמר כי שמעת לקול אשתך. מלמד שמתחלה נתקלל נחש. ואח"כ נתקללה חוה. ואח"כ נתקלל אדם: (ה) הכל משמשין פנים כנגד עורף. חוץ מב' שמשמשין אחור כנגד אחור. גמל וכלב. וחוץ מג' שמשמשין פנים כנגד פנים. מפני שהשכינה דברה עמהם. ואלו הן. אדם. נחש. ודג. אדם שנא' ולאדם אמר כי שמעת לקול אשתך. נחש ויאמר ה' אלהים אל הנחש. דג (יונה ב) ויאמר ה' לדג ויקא את יונה: (ו) (ח) כי עשית זאת. א"ר הושעיא כל מה שעשית בשביל זו. כל פעולה שלך לא בשביל זו. א"ר יהודה בר סימון בשם ר' הושעיא מתחלת הספר ועד כאן ע"א אזכרות. מגיד (ט) שנידון בסנהדרין שלימה. ר' הושעיא דסכנין בשם ר' לוי. אררו בצרעת. (י) הדין סלעיא דביה. צרען אינון: (ז) א"ר אלעזר

## מתנות כהונה

שיהא אדון על העולם כולו: (ז) ופסק לו את דינו. מפני שאין מהפכין בזכות של מסית שלא יהא הוא בגן עדן ותלמידו הכיסת בגיהנם: (ח) כי עשית זאת. כלומר מה שעשית מן הפתוי לא עשית אלא בשביל זאת בשביל הוא שימות אדם ואתה תקחנה: (ט) שנידון. הנחש בסנהדרין שלימה: (י) הדין סלעיא כו'. סתכרכורות

---

ענפערין. אז איך וועל צו אים זאגין פאר וואס ער האט אזוי גיטאהן. וועט ער מיר ענפערין דו האסט צו זיי גיבאטין זיי זאלין ניט עסין פון עץ הדעת. אונ איך האב גיזאגט זיי זאלין יא עסין. פאר וואס האבין זיי אוועק גילאזין דיין גיבאט אונ האבין גיטאהן מיין גיבאט. דריבער האט גאט גאר ניט גיוואלט ריידין מיט אים נאר ער האט באלד גיפסקת זיין דין אונ האט אים גיפלוכט: (ד) (ויאמר). גאט האט גיזאגט צום שלאנג ווייל דו האסט אזוי גיטאהן זאהסטו זיין פארפלוכט. רבי חייא האט גילערונט ביי גרויסקייט הייבט מען אן פון גרעסטין. ביי אקללה הייבט מען אן פון קלענסטין. ביי גרויסקייט הייבט מען אן פון גרעסטין. ווי דער פסוק זאגט משה האט גיזאגט צו אהרן אונ צו אלעזר אונ צו איתמר. פריער צו אהרן. ביי אקללה הייבט מען אן פון קלענסטין. ווי דער פסוק זאגט גאט האט גיזאגט צום שלאנג דו זאלסט זיין געפלוכט. אונ צו די אשה האט ער גיזאגט איך וועל מעהרין דיין טרויער. אונ צו אדם האט ער גיזאגט ווייל דו האסט גיהערט די שטימע פון דיין ווייב זאל זיין די ערד גיפלוכט פון דיינעטוועגין. פריער האט גאט גיפלוכט דעם שלאנג. דער נאך האט ער גיפלוכט חוהן. דער נאך האט ער גיפלוכט אדם: (ה) (הכל). אלע זכרים ווען זיי בהעפטין זיך מיט נקבות איז דער פנים פון זכר אויף דעם נאקען פון די נקבה. נאר צוויי זענען דא (איינער איז דא) וואס זיי בהעפטין זיך מיט זייערע נקבות אינטען גענין אינטען. דאס איז אקעמיל אונ אהונט (עיין מסכת בכורות דף ח). אונ דריי זענען דא וואס זיי בהעפטין זיך מיט זייערע נקבות אפנים נעגין פנים. ווייל די שכינה האט מיט זיי גירעט. דאס איז אמענטש אונ אשלאנג אונ אפיש. ביי דעם מענטש שטייט גאט האט גיזאגט צו אדם ווייל דו האסט גיהערט די שטימע פון דיין ווייב. ביי דעם שלאנג שטייט גאט האט גיזאגט צום שלאנג. ביי דעם פיש שטייט גאט האט גיזאגט צום פיש ער זאל ארויס געבין פון זיך (דעם נביא) יונה: (ו) (כי עשית זאת). רבי הושעיא זאגט גאט האט גיזאגט צום שלאנג אלץ וואס דו האסט גיטאהן איז דאך נאר גיוועזן וועגין די אשה חוה. דו האסט גיוואלט אדם זאל שטארבין אונ דו זאלסט נעמען חוהן. רבי יהודה בר סימון האט גיזאגט פון רבי הושעיא'ס וועגין פון אנהייב ספר ביז דעם פסוק איז דער מאנט איין אונ זיבעציג מאהל דעם נאמען פון גאט. צו זאגין אז דער שלאנג איז געמשפט גיווארין דורך איין אונ זיבעציג דיינים. אגאנצין בית דין. רבי הושעיא פון סכנין האט גיזאגט פון רבי לוי'ס וועגין ער האט אים גיפלוכט מיט צרעת. די פלעקין וואס זענען אויף דעם שלאנג גרויס ווי טאלערס דאס איז אזעלכע קרעץ: (ז) (אמר). רבי אלעזר האט גיזאגט האט מען דען גיזעהן

אלעזר ראית מוסיף מאחר שאדם מכה את חבירו (יא) במקל. הוא חוזר ומכה אותו (יב) ברצועה. כך ארור אתה מכל הבהמה. כ"ש מכל חית השדה. (יג) תני בהמה גסה טהורה יולדת לט' חדשים. בהמה גסה טמאה יולדת לשנים עשר חדשים. בהמה דקה טהורה יולדת לחמשה חדשים. והכלב לחמשים יום. והחתול לנ"ב. והחזיר לס' יום. והנמייה לע' יום. והצבי והשועל לו חדשים ושאר כל השרצים לו' חדשים. הארי והדוב והנמר והפיל והקוף והקיפוד לג' שנים. והנחש לשבע שנים. והאפעה לע' שנה. פילוסופוס אחד בקש לידע לכמה הנחש מוליד. כיון שראה אותם (יד) מתעסקין זה עם זה. נטלן ונתנן בחבית. והיה מספיק להם מזונות עד שילדו. כיון שעלו הזקנים לרומי. שאלו את ר"ג א"ל לכמה הנחש מוליד. ולא יכול להשיבן (טו) ונתכרכמו פניו. פגע בו ר' יהושע ופניו חולנית. א"ל למה פניך חולנית. א"ל שאלה אחת נשאלתי ולא יכולתי להשיבה. א"ל מה היא. א"ל לכמה נחש מוליד. א"ל לשבע שנים. א"ל מנא לך. א"ל הכלב חיה טמאה ומוליד לנ' יום. ובהמה טמאה יולדת לי"ב חודש. וכתיב ארור אתה מכל הבהמה ומכל

## מתנות כהונה

שתכרכורות כמו כלעים של הנחש לרעת הם: (יא) במקל. מכה גדולה: (יב) ברצועה. מכה קטנה כך נתקללה ארור מכל הבהמה שצער עיבורה י"ב חדש ואח"כ מן החיה שילדת לו חדשים: (יג) ומשני תני בהמה כו'. עד נג' שנים והנה בתחלה ארור מן הבהמה שצער עיבורה רק י"ב חדש ואח"כ מן החיה שצער עיבורה ג' שנים: (יד) מתעסקין כו'. בדרך ארץ: (טו) נתכרכמו פניו. ונשתנו לירקון מפני הבושה שבעה

אז איינער שלאגט זיין חבר זאל ער אים שלאגן פריער מיט א שטעקן דער נאך מיט א פאסעק. פריער שטארקער דער נאך שוואכער. אזוי נאט האט גיפלוכט דעם שלאנג פריער מיט א גרויסע קללה דער נאך מיט א קלענערע. נאט האט גיזאגט צום שלאנג דו זאלסט זיין פארפלוכט פון אלע בהמות און פון אלע חיות. אז ער איז פארפלוכט מער ווי א בהמה וואס זיא איז מעוברת צוועלף חדשים. איז ער דאך שוין פארפלוכט מער ווי אלע חיות וואס זיי זענען מעוברת זעקס חדשים. צו וואס האט נאט גידארפט זאגן דו זאלסט זיין פארפלוכט מער ווי אלע חיות. ענפערט רבי אלעזר. מיר האבין גילערנט גרויסע בהמות וואס מען מעג זיי עסין למשל א קוה איז מעוברת ניין חדשים. גרויסע בהמות וואס מען טאר זיי ניט עסין (פערד אייזלען) זענען מעוברת צוועלף חדשים. קליינע בהמות וואס מען מעג זיי עסין (שעפסין ציגען) זענען מעוברת פינף חדשים. א הונט איז מעוברת פופציג טעג. א קאץ איז מעוברת צוויי און פופציג טעג. א חזיר איז מעוברת זעכציג טעג. א נמייה איז מעוברת זיבעציג טעג (דאס איז א זוי א קליינע חיה). א הערש און א פוקס זענען מעוברת זעקס חדשים. און אלע שרצים זענען מעוברת זעקס חדשים. א לייב א בער א לעמפערט א העלפאנד א מאלפע א קיפוד (א קליינע חיה) זענען מעוברת דריי יאהר. א שלאנג איז מעוברת זיבען יאהר. א אפעה (אויך א זארט שלאנג) איז מעוברת זיבעציג יאהר. זעהן מיר אז עס איז דא א חיה וואס איז מעוברת לייננער ווי א בהמה. ביז דריי יאהר. און א שלאנג איז מעוברת ביז זיבעציג יאהר. א פילוזאף האט א מאהל גיוואלט וויסען ווי לאנג א שלאנג איז מעוברת. ווי ער האט גיזעהן צוויי שלאנגען א זכר מיט א נקבה זענען בהעפט. האט ער זיי ביידע גינומען און האט זיי אריין גילייגט אין א פאס און האט זיי גיגעבין עסין ביז זיי האבין גיבארין דאס קינד. ווי די אלטע לייט זענען גיקומען אין רוים האבין זיי גיפרעגט ביי רבן גמליאל ווי לאנג איז א שלאנג מעוברת. האט רבן גמליאל ניט גיוואוסט צו ענפערין און זיין פנים איז געל גיווארין פאר שאנדע. האט רבי יהושע בעגעגנט רבן גמליאל. און פרעגט ביי אים פאר וואס זעהט אויס זיין פנים קראנק. האט רבן גמליאל גיזאגט מען האט ביי מיר גיפרעגט א זאך און איך ווייס ניט צו ענפערין. האט רבי יהושע גיזאגט וואס איז די זאך. האט רבן גמליאל גיזאגט ווי לאנג איז א שלאנג מעוברת. האט רבי יהושע גיזאגט זיבען יאהר. האט רבן גמליאל גיזאגט צו רבי יהושע פון וואנען ווייסטו אז עס איז אזוי. האט רבי יהושע גיזאגט א הונט איז א חיה וואס מען טאר זיא ניט עסין, און זיא איז מעוברת פופציג טעג. און א בהמה וואס מען טאר זיא ניט עסין איז מעוברת צוועלף חדשים. און נאט האט גיזאגט צום שלאנג דו זאלסט זיין פארפלוכט מער ווי אלע בהמות און

מער

וסכל חית השדה. וכשם שהבהמה ארורה מן החיה (טז) שבעה. כך נחש ארור מן הבהמה שבעה. (יז) כמפני רמשא סלק ואמר להם. התחיל (יח) מטיח ראשו לכותל. אמר כל מה שעמלתי שבע שנים. בא זה והושיטה לי בקנה אחד: (ח) על גחונך תלך. בשעה שאמר לו הקב"ה על גחונך תלך. ירדו מה"ש וקצצו ידיו ורגליו. והיה קולו הולך מסוף העולם ועד סופו. בא נחש ללמד על מפלתה של מצרים ונמצא למד ממנה. שנאמר (ירמיה מו) (יט) קולה כנחש ילך. ר' יודן ור' הונא. חד מנהון אמר אתה גרמת לבריות שיהיו מהלכי (כ) גחונים על מתיהם. אף אתה על גחונך תלך. א"ר אלעזר אף קללתו של הקב"ה יש בה ברכה. אמר אילולא שאמר לו הקב"ה על גחונך תלך. היאך היה בורח לכותל ונכנס לחור וניצל: (ט) ועפר תאכל כל ימי חייך. א"ר חילפאי לא עפר מכל צד אלא בוקע ויורד עד שהוא מגיע לסלע ושומט גידין של אדמה ואוכל: (י) א"ר לוי לע"ל הכל מתרפאין. חוץ מנחש וגבעונים. נחש. שנא' (ישעיה סה) ונחש עפר לחמו לא ירעו ולא ישחיתו וגו'. גבעונים (יחזקאל מח) (כא) והעובד העיר (כב) יעבדוהו מכל שבטי

## מתנות כהונה

(טז) שבעה. שבעה פעמים נ' יום הם ימות השנה: (יז) כמפני רמשא. לפנות הערב עלה ר"ג לאותו פילוסוף ואמר לו שימי עיבורו ז' שנים: (יח) מטיח. הכה ראשו לכותל: (יט) קולה כנחש כו'. ש"מ שקולו של הנחש הולך ועדיין לא ידענא עד היכן הולך ולא בא לסתום אלא לפרש מסוף העולם ועד סופו וקצץ ידים ורגלים נמי מסיפיה דהאי קרא דכתיב בקרדומות באו לה כרתו יערה וגו' ולא מצינו שחסר הנחש רק ידים ורגלים: (כ) גחונים. כפופים דרך אבילות: (כא) והעובד העיר. אלו הגבעונים שהיו שואבי מים וחוטבי עצים לבית ה' בעיר ירושלים: (כב) יעבדוהו. ינהגו בו מנהג

---

מער ווי אלע חיות פון פעלד. אזוי ווי די בהמה איז פארפלוכט מער ווי א חיה זיבען מאהל אזוי פיל. דער הונט איז מעוברת פופציג טעג די בהמה איז מעוברת צוועלף חדשים. א יאהר. זיבען מאהל פופציג טעג איז א יאהר. אזוי איז דער שלאנג פארפלוכט מער ווי די בהמה זיבען מאהל. איז זיבען יאהר. פארין נאכט איז רבן גמליאל גיגאנגען צו די אלטע לייט אונ האט זיי גיזאגט אז דער שלאנג איז מעוברת זיבען יאהר. דער פילוזאף איז אויך דארט גיוועז. האט דער פילוזאף גישלאגין דעם קאפ אן די וואנט. אונ האט גיזאגט וואס איך האב מיך גימאטערט זיבען יאהר. איז גיקומען דער רבן גמליאל אונ האט דאס מיר גיגעבין מיט איין מאהל: (ח) (על גחונך תלך). ווען גאט האט גיזאגט צום שלאנג דו זאלסט גיין אויף דיין בויך. אזוי באלד זענען אראפ גיקומען מלאכים אונ האבין אים אפ גיהאקט די הענט מיט די פיס. האט מען גיהערט זיין קול פון איין עק וועלט ביז צום אנדערין עק וועלט. דער שלאנג קומט לערנען ווי אזוי די מפלה פון מצרים וועט זיין. ווי דער פסוק זאגט קולה כנחש ילך. דער קול פון מצרים וועט גיין אזוי ווייט ווי עס איז גיגאנגען דער קול פון שלאנג ווען מען האט אים אפגעהאקט די הענט מיט די פיס. ווייל עס שטייט ניט ווי ווייט דער קול וועט גיין לערנען מיר אז ער וועט גיין אזוי ווייט וואס ער קען שוין מער ניט גיין דאס איז פון איין עק וועלט צום אנדערין עק וועלט לערנען מיר אפ די מפלה פון שלאנג פון מצרים. רבי יודן אונ רבי הונא איינער פון זיי זאגט אזוי האט גאט גיזאגט צום שלאנג דו האסט גימאכט אז מענטשין זאלין גיין טרויעריג אונ איינגיבויגין ביז צום בויך אויף זייערע מתים. דריבער זאלסטו אויך גיין אויף דיין בויך. רבי אלעזר זאגט אפילו אין די קללה פון גאט איז דא א ברכה. ווען גאט וואלט ניט גיזאגט צום שלאנג דו זאלסט גיין אויף דעם בויך. ווי אזוי וואלט דער שלאנג גיקענט אנטלויפין צו א וואנט אונ אריין גיין אין א לאך זיך בעהאלטין: (ט) (ועפר תאכל). גאט האט גיזאגט צום שלאנג דו זאלסט עסין ערד אזוי לאנג ווי דו וועסט לעבין. רבי חילפאי זאגט ניט נאר ערד וועט ער עסין. נאר ער שפאלט דורך די ערד ביז ער קומט צו הארטע ערד אונ ער רייסט אויס אדערין פון דער ערד אונ ער עסט זיי: (י) (אמר). רבי לוי האט גיזאגט ווען משיח וועט קומען וועלין אלע גיהיילט ווערין נאר דער שלאנג אונ די גבעונים ניט. ביי דעם שלאנג שטייט זיין ברויט וועט זיין די ערד. אפילו אין די צייט וואס אלע בייזע חיות וועלין שוין ניט שלעכטס טאהן. דאס איז ווען משיח וועט קומען. וועט אויך דער שלאנג עסין נאר ערד. ביי די גבעונים שטייט דער

שבטי ישראל. (יא) ר' אסי ור' הושעיא בשם ר' אחא א"ל הקב"ה אני עשיתיך מלך על הבהמה ועל החיה. ואתה לא בקשת. אני עשיתיך שתהא מהלך קוממיות כאדם ואתה לא בקשת. על גחונך תלך. אני עשיתיך שתהא אוכל מאכלות כאדם. ואתה לא בקשת. ועפר תאכל כל ימי חייך. אתה בקשת להרוג את אדם ולישא את חוה. ואיבה אשית בינך ובין האשה. הוי מה שביקש לא ניתן לו ומה שבידו ניטל ממנו. וכן מצינו בקין. וקרח. ובלעם. ודואג. וגחזי. ואחיתופל. ואבשלום ואדוניהו. ועוזיהו. והמן. מה שבקשו לא ניתן להם. ומה שבידם ניטל מהם: (יב) אל האשה אמר הרבה ארבה עצבונך והרונך. ר' יהודה בר' סימון ור' יוחנן בשם ר' אלעזר בר סימון. מעולם (כג) לא נזקק הקב"ה להשיח עם אשה. אלא עם אותה הצדקת. ואף היא (כד) ע"י עילה. ר' אבא ב"כ בשם ר' יצחק אמר. כמה כרכורין (כה) כרכר בשביל להשיח עמה. ויאמר לא כי צחקת. והכתיב (בראשית טז) ותקרא שם ה' הדבר אליה. ר' יהושע בר ר' נחמיה בשם ר' אידי אמר. ע"י מלאך. והכתיב (שם כה) ויאמר ה' לה. ר' לוי בשם ר' חמא בר חנינא אמר ע"י מלאך. ר' אלעזר בשם ר' יוסי בר זימרא אמר (כו) ע"י שם בן נח: (יג) הרבה ארבה עצבונך והרונך. ר' אבא בר כהנא בשם ר' שמואל אומר (כז) כל שהוא הרבה ארבה

כל

## מתנות כהונה

פבדות: (כג) לא נזקק כו'. וזה שדבר עם חוה אין זה קרוי שיחה אלא תוכחת מגולה ושיחה היינו שמדבר עמה סיפור דברים או דבר ארוך לה: (כד) ע"י עילה. סיבה ועלילה מפני שאמרה לא צחקתי כי יראה סוה צריך להשיב לה לא כי צחקת. כך פירש"י: (כה) כרכר כו'. פירש"י כמה גלגולים גלגל: (כו) ע"י שם

---

וואס וועט בריינגען די שטאט דאס זענען די גבעונים וואס זיי האבין גידארפט בריינגען צום בית המקדש וואס אין די שטאט ירושלים) וועלין מיט זיי ריינגען אלע שבטים פון יודין. אונ ווייל עס שטייט ניט ווי לאנג איז דאס אויף אייביג: (יא) רבי אסי אונ רבי הושעיא האבין גיזאגט פון רבי אחא ס וועגין. גאט האט גיזאגט צום שלאנג איך האב דיך גימאכט דו זאלסט זיין א מלך אויף די בהמות אונ אויף די חיות. אונ דו האסט ניט גיוואלט. זאלסטו זיין פארפלוכט מער פון אלע בהמות אונ חיות. איך האב דיך גימאכט דו זאלסט גיין אויף גישטעלט אזוי ווי א מענטש. אונ דו האסט ניט גיוואלט. זאלסטו גיין אויף דיין בייך. איך האב דיך גימאכט דו זאלסט עסין אזעלכע עסינווארג ווי א מענטש. אונ דו האסט ניט גיוואלט. זאלסטו עסין ערד אזוי לאנג ווי דו וועסט לעבין. דו האסט גיוואלט הרגנן אדם אונ נעמען חוה פאר א ווייב. וועל איך מאכין א פיינדשאפט צווישען דיר אונ צווישען דאס ווייב חוה. זעהן מיר וואס דער שלאנג האט גיוואלט האבין האט מען אים ניט גיגעבין. אונ וואס ער האט גיהאט האט מען אויך פון אים צו גענומען. אונ אזוי געפינען מיר ביי קין אונ ביי קרח אונ ביי בלעם אונ ביי דואג אונ ביי אחיתופל אונ ביי גיחזי אונ ביי אבשלום אונ ביי אדוניהו אונ ביי עוזיהו אונ ביי המן. וואס זיי האבין גיוואלט האבין האט מען זיי ניט גיגעבין. אונ וואס זיי האבין גיהאט האט מען אויך פון זיי צו גינומען: (יב) (אל האשה אמר). צו חוה האט גאט גיזאגט איך וועל מערין דיין טרויער אונ דיין שוואנגער שאפט. רבי יהודה ברבי סימון אונ רבי יוחנן פון רבי אלעזר ברבי סימון ס וועגין האבין גיזאגט גאט האט קיין מאהל ניט גישמועסט מיט א אשה נאר מיט די צדקת (שרה). אונ דאס איז אויך גיווען דורך א סבה (מען האט גימוזט מיט איר ריידין). רבי אבא בר כהנא זאגט פון רבי יצחק ס וועגין ווי פיל סבות האט גאט גימאכט עס זאל קומען ער זאל ריידין מיט שרה. וואס האט גאט גירעט מיט שרה. ער האט גיזאגט צו איר עס איז ניט ווי דו זאגסט נאר דו האסט יא גילאכט. פרעגט דער מדרש עס שטייט דאך אין פסוק הגר האט גירופין דעם נאמען פון גאט וואס ער האט גירעט צו איר. האט דאך גאט גירעט צו הגר אויך. רבי יהושע בר רבי נחמיה האט גיזאגט פון רבי אדי ס וועגין דורך א מלאך האט גאט צו איר גירעט. עס שטייט דאך אין פסוק ביי רבקה גאט האט גיזאגט צו איר. רבי לוי האט גיזאגט פון רבי חמא בר חנינא ס וועגין דורך א מלאך האט גאט צו איר גירעט. רבי אלעזר זאגט פון רבי יוסי בר זימרא ס וועגין דורך שם דער זוהן פון נח האט גאט צו איר גירעט: (יג) (הרבה). רבי אבא בר כהנא זאגט פון רבי שמואל ס וועגין דער קינד וואס איז ביי זיין מוטער

אין

כל שהוא במאתים וי"ב יום חי. ר' הונא אמר נוצר לט' ונולד לז' אינו חי לח' אינו חי. נוצר לז' ונולד לשמונה חי. ק"ו לט'. בעון קמיה דר' אבהו מניין שהנולד לשבעה חי. א"ל מן דידכון אנא ממטי לכון (כח) זיט"א איפט"א איט"א אוכט"א: (יד) ר' ברכיה בשם ר"ש אמר. לעולם אין האשה יולדת אלא או לרע"א או לרע"ב או לרע"ג. לתשעה (כט) הן ועיבוריהן. חייא בר אבא הוה יתיב קמיה דרב (ל) הוה מסבר ליה ולא סבר. א"ל למה לית את סבר. א"ל דהא חמרתי (לא) בעי למילד. ואני מתירא שמא (לב) תיצון ותמות. א"ל (לג) ומאי איכפת לך. (לד) א"ל פעמים שהיא פוחתת. ופעמים שהיא מוספת. פוחתת אינה פוחתת (לה) מימות הלבנה. מוספת אינה מוספת על ימות החמה. א"ל והכתיב (איוב לט) הידעת עת לדת יעלי סלע תספור (לו) ירחים תמלאנה. א"ל להלן (לז) בדקה. וכאן בגסה. א"ל והא בקרות של אנטונינוס היתה רובעת. חרביעו ממנה

## מתנות כהונה

פס. בן נח: (כז) כל שהוא הרבה. שהוא במעי אמו כמנין הרבה דהיינו ר"י ימים ואע"ג שהרבה הוא רי"ב פי' רבינו בחיי ביום הג' של התשמיש נקלט הזרע ואז מתחיל ההריון: ס"ג: (כח) זיט"א אכט"א איט"א אוכט"א ועיין לעיל פי"ד: (כט) הן ועבוריהן. כמניין ימים שיש בט' חדשים ועיבוריהן וימי קליטתן ג' ימים היינו רע"ג ולפעמים נקלט ביום ב' ואז הוא רע"ב ולפעמים ביום ראשון ואז הוא רע"א: (ל) הוה מסברא ליה כו'. להבינו טעם הדבר ולא הבין כו': (לא) בעית למילד כו'. היא רוצה לילד שכבר הגיע זמנה: (לב) תיצון. תלטנן: (לג) מאי איכפת כו'. הרי לא הגיע עדיין זמן לידתה שלא נשלמו לה עדיין י"ב חדש מיום שעלה עליה הזכר: (לד) א"ל פעמים כו'. ומאי דביני וביני איכא למיחש כל שעה שמא תלד השתא: (לה) ימות הלבנה. שנ"ד. ימות החמה. שס"ה: (לו) ירחים תמלאנה. משמע דהוות מי"ב חדשים אינה יולדת: (לז) בדקה אינה פוחתת מעוברה והיינו ה' חדשים: בקרות.

אין בויך אזוי פיל טעג ווי דאס ווארט הרבה באטרעפט דאס איז צוויי הונדערט מיט צוועלף טעג. ארבה וועל איך מעהרין זיין לעבין. וועט ער לאנג לעבין. רבי הונא זאגט דער קינד וואס ווערט בשאפין ביי זיין מוטער אין בויך צו ניין טעג נאך דעם תשמיש אונ ער ווערט געבארין צו זיבען חדשים. וועט ער ניט לעבין. אונ אז ער ווערט געבארין צו אכט חדשים וועט ער אויך ניט לעבין. אונ אז ער ווערט בשאפין ביי זיין מוטער אין בויך צו זיבען טעג נאך דעם תשמיש און ער ווערט געבארין צו אכט חדשים וועט ער לעבין. אונ אז ער ווערט געבארין צו ניין חדשים וועט ער געווים לעבין. מען האט געפרעגט ביי רבי אבהו פון וואנען ווייסין מיר אז דאס קינד וואס ווערט געבארין צו זיבען חדשים קען לעבין. האט רבי אבהו צו זיי געזאגט פון אייער שפראך וועל איך אייך ווייזין אז עס איז אזוי. זיט"א אפט"א. זיטא איז דער טייטש לעבין. אפטא איז דער טייטש זיבען. אז ער ווערט געבארין צו זיבען חדשים וועט ער לעבין. איט"א אוכט"א. איטא איז דער טייטש שטארבין. אוכטא איז דער טייטש אכט. אז ער ווערט געבארין צו אכט חדשים וועט ער שטארבין: (יד) רבי ברכיה האט געזאגט פון רבי שמעון ס וועגין אפרויא געבארט דאס קינד צו צוויי הונדערט איין אונ זיבעציג טעג. אדער צו צוויי הונדערט צוויי אונ זיבעציג טעג. אדער צו צוויי הונדערט דריי אונ זיבעציג טעג. דאס איז ניין חדשים אונ נאך דריי טעג ביז די זרע ווערט אן גינומען אין די מוטערס בויך פון איר זאל ווערין אקינד. חייא בר אבא איז געזעסין פאר רב האט רב מיט אים געלערינט אונ האט אים געגעבין צו פארשטיין אזאך אונ חייא האט ניט פארשטאנען. האט רב געזאגט צו חייא פאר וואס פארשטייסטו ניט. האט חייא געזאגט מיין אייזיל דארף איצט געבארין אקינד האב איך מורא טאמער וועט איר קאלט ווערין פון שמארצין אונ זיא וועט פייגערין. האט רב געזאגט צו חייא וואס הארט דיך איצט עס איז נאך ניט די צייט זיא זאל געבארין דאס קינד. ווארום עס איז נאך ניטא אזאהר זייט זיא איז מעוברת. האט חייא געזאגט אמאהל איז אאייזיל מעוברת ווייניגער ווי אזאהר און אמאהל מער ווי אזאהר. אונ עס איז שוין גאנט צום יאהר דארף מען מורא האבין אלע מנוט טאמער געבארט זיא שוין. אויב זיא געבארט צו ווייניגער ווי אזאהר איז ניט ווייניגער ווי אזאהר דריי הונדערט פיר אונ פופציג טעג. ווי דער יאהר פון די לבנה איז. אונ אויב זיא געבארט צו לייניגער ווי אזאהר איז ניט לייניגער ווי צו דריי הונדערט פינף אונ זעכציג טעג. ווי דער יאהר פון די זוהן איז. האט רב געזאגט צו חייא זאגט דאך דאך געזאגט צו איוב ווייסטו דען די

(נח) בקרות של רבי. יש מהם שילדו עכשיו. ויש מהם שילדו לאחר זמן. א"ל להלן בטהורה. וכאן בטמאה: (מו) עצבונך זה צער העבור. והרונך זה צער (לט) העדוי. בעצב זה צער הנפלים. תלדי זה צער הלידה. בנים זה צער גידול בנים. אמר ראב"ש נוח לו לאדם לגדל (מ) לגיון אחד משל זיתים בגליל. ולא לגדל תינוק אחד (מא) בא"י: (מז) ואל אישך (מב) תשוקתך. ארבע תשוקות הן. אין תשוקתה של אשה אלא לאישה. שנא' ואל אישך תשוקתך. אין תשוקתו של יצה"ר אלא על קין וחביריו. שנא' ואליך תשוקתו. אין תשוקתן של גשמים אלא על הארץ. שנאמר (תהלים סה) פקדת הארץ ותשוקקה. ואין תשוקתו של הקב"ה אלא על ישראל. שנא (שיר ז) ועלי תשוקתו. ד"א תשוקתו. תשים אנו. ואפי' שאנו תשים אנו סקוים לישועתו של הקב"ה. ומיחדים שמו בכל יום: (יז) ד"א ואל אישך תשוקתך. בשעה שהאשה יושבת על המשבר. היא אומרת עוד איני נזקקת לבעלי מעתה. והקב"ה אומר לה תשובי לתשוקתך. תשובי לתשוקת אישך

## מתנות כהונה

(לח) בקרות. פי' סערוך עדרים ומ"י לאו דאף בבהמה דקה הוו וס"מ דבבהמה דקה פוחתת ומוספת והאי קרא דתבסור ירחים ע"כ איירי בגסה וא"ל לא הוה דבית ר' הוו גסות והא דפתחו וסותירו יותר משיעור שבין שנות לבנה נשנות החמה פסה הוו עסורות והלא אמינא בעמאות: (לט) העידוי. בגדיך משמע שכיא ווסת כאשה ומייתורא דקרא קדריק כ"ג בילקוט: (מ) לגיון. אחד משל זתים ופרש"י טוב לו לאדם לפרנס מ"נ א' בגליל שהם גדלים זתים הרבה: (מא) בא"י. דוחק פרנסה וקשה לפרנס אפילו תינוק: (מב) התוקתך. נוטריקון תשים וקו ס

צייט ווען די שטיינבאקן געבארין זייערע קינדער קענסטו דען דער פילען דעם צאהל פון זייערע חדשים. זעהן מיר דאך אז עס ווערט דער פילט פונקט צום חדש. ניט ווייניגער און ניט מעהר. האט חייא געזאגט דאס איז ביי קליינע חיות און ביי קליינע בהמות זייא געבארין פונקט צום חדש. אבער גרויסע בהמות געבארין ניט פונקט צום חדש. האט רב געזאגט צו חייא די סטאדעס בהמות פון אנטונינוס האט מען בהעפט מיט די סטאדעס בהמות פון רבי. עס איז געווען אנדערע בהמות וואס האבין געבארין באלד צו דער צייט אנדערע בהמות האבין געבארין שפעטער נאך דער צייט. אין די סטאדעס זענען געווען קליינע בהמות (שעפסין ציגען) אויך. זעהן מיר דאך אז ביי קליינע בהמות איז אויך ניטא קיין אויסגעזעצטע צייט ווען זיי זאלין געבארין זייערע קינדער. האט חייא געזאגט דארט זענען געווען נאר גרויסע בהמות אזעלכע וואס מען מעג זיי עסין. זיי געבארין פיל טעג פאר דער צייט און פיל טעג נאך דער צייט. אבער בהמות גרויסע וואס מען טאר זיי ניט עסין זיי געבארין אדער צו דריי הונדערט פיר און פופציג טעג אדער צו דריי הונדערט פינף און זעכציג טעג ניט שפעטער: (מו) (עצבונך). דיין טרויעריקייט מיינט מען דעם צער פון טראגין. הרונך מיינט מען דעם צער וואס זי זעהט דם נדה. בעצב מיינט מען דעם צער ווען זיא האט אויסגעווארפען קינד. תלדי מיינט מען דעם צער ווען זיא געבארט אלעבעדיגען קינד. בנים מיינט מען דעם צער פון אדערציען די קינדער. רבי אלעזר ברבי שמעון זאגט עס איז גרינגער צו געבין עסין א גרויסע ארמיי זעלנער אין גליל וואס דארטין מאכין פיל אייל בוימען. איידער אויף צו אדערציען איין קינד אין ארץ ישראל ווייל דארט איז ווייניג פרנסה: (מז) (ואל אישך תשוקתך). צו דיין מאן וועסטו גלוסטין. פיר ערליי גלוסטונג זענען דא. א ווייב גלוסט נאר צו איר מאן. ווי דער פסוק זאגט צו דיין מאן וועט זיין דיין גלוסטונג. דער יצר הרע גלוסט נאר צו קין מיט זיינע חברים (צו אזעלכע מענטשין ווי קין איז געווען) ווי גאט האט געזאגט צו קין דער יצר הרע וועט גלוסטין צו דיר. דער רעגין גלוסט נאר צו גיין אויף די ערד. ווי דער פסוק זאגט פקדת הארץ ותשוקקה. דו האסט געדיינקט די ערד און האסט געברענגט צו איר דעם וואס גלוסט צו איר. דאס איז דער רעגין. דאס גלוסטונג פון גאט איז נאר צו יודין. ווי דער פסוק זאגט און אויף מיר (יודין) איז זיין גלוסטונג. נאך אפשט איז תשוקתו איז צוויי ווערטער. תש וקו. שוואך און האפענונג. די יודין זאגין מיר זענען שוואך. און אפילו מיר זענען שוואך פון דערטוועגין האפין מיר צו די הילף פון גאט. און מיר זאגין אלע טאג אז גאט איז איינער: (יז) (דבר אחר) נאך אפשט איז דיין גלוסטונג וועט זיין צו דיין מאן. ווען א פרוי

ניבערט

אישך . ר' ברכיה ור' סימון בשם רשב"י אמרו . לפי (מג) שרפרפה בלבה. לפיכך תביא (מד) קרבן מרופרף. ב תורים ב בני יונה: (יח) והוא ימשל בך. אמר ריה"ג יכול (מה) ממשלה מכל צד. ת"ל (דברים כד) (מו) לא יחבול ריחים ורכב . מעשה באשה אחת משל בית טברינוס שהיתה נשואה ללסטים אחד והיה בעלה מצערה. שמעו חכמים ובאו אצלה להוכיחו . כיון שבאת לפני הכמים. הוציאה לפניהם (מז) מנורה של זהב ונר של חרס על גבה . (מח) לקיים מה שנאמר ואל אישך תשוקתך: (יט) ולאדם אמר כי שמעת לקול אשתך. ר' שמלאי אומר (מט) בישוב הדעת בא עליו . א"ל מה את סבור שאני מתה והוה אחרת נבראת לך (קהלת א) (נ) אין כל חדש תחת השמש. מה את סבור שאני מתה ואתה יושב לך (נא) הטלים. (ישעיה מה) לא תוהו בראה לשבת יצרה . רבנן אמרין התחילה מיללת עליו בקולה. הה"ד ולאדם אמר כי שמעת לדברי אשתך אב"כ. אלא לקול אשתך: (כ) ותאכל מן העץ. הדא מסייעא להיא דא"ר אבא דעכו (נב) אתרוג היה:

אשר

## מתנות כהונה

יקיים: (מג) שרפרפה בלבה. פירש"י שרשרה כגדר בלבה ולא הוציאתו בפיה: (מד) קרבן מרופרף. קל וקטן כבני יונה: (מה) ממשלה מכל צד, מצאתי בשם רש"י הפי' למשכנה: (מו) לא יחבול. וכתב בקרא שלפני זה כי יקח איש אשה חדשה וגו' ומסיים הפסוק ושמח את אשתו אשר לקח לא יחבול רחים ורכב לומר שאפילו באשתו לא יחבול כו': (מז) מנורה כו'. רמז רמזה אע"פ שאני חשוב כמו זהב והוא כחרס מ"מ הוא עליון עלי ואשכתו עלי: (מח) לקיים וכו'. כאן הוא מקויה: (מט) בישוב הדעת. בדברים של טעם ולא ברעש כרבנן דלקמן: (נ) אין כל חדש וכו'. שלא יהא עוד בריאה כבריאת ו' ימי בראשית רק ע"י אב ואם: (נא) הטלים. פי' הערוך יחיד ופנוי וק"ו שלא נמות שניהם משום אין כל חדש ולא תוהו בראה: (נב) אתרוג. היה טעם עצו כטעם פריו

חכו

גיבארט דאס קינד דורך די גרויסע שמערצין אירע זאגט זיא איך וועל מיך שוין מער ניט בהעפטין מיט מיין מאן . אונ גאט זאגט צו איר דו וועסט צוריק קומען צו דיין גלוסטונג . דו וועסט נאך ווייטער גלוסטין צו דיין מאן . רבי ברכיה אונ רבי סימון האבין גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאי ס וועגין וויל די אשה האט נאר גיטראכט דעם נדר (אז זיא זאל זיך ניט מער בהעפטין מיט איר מאן) אין הארצין. אונ האט דאס ניט ארויס גירעט. דריבער דארף זיא נאר ברייננען א גרינגען קרבן . צוויי אלטע טאהבין אדער צוויי יונגע טאהבין: (יח) (והוא ימשל בך). אונ דער מאן וועט גיוועלטיגען אויף דיר. רבי יוסי הגלילי זאגט איך וואלט מיינען אז דער מאן זאל מאכי גיוועלטיגען אויף זיין ווייב אזוי ווי א בעל הבית אויף זיין קנעכט. שטייט אין פסוק (אז איינער וועט נעמען א נייע ווייב זאל ער זיא פריילאך מאכין) לא יחבול רחים ורכב. אונ ער זאל ניט ארבעטין מיט איר ביי די מיל שטיינער. עס האט אמאהל גיטראפין ביי א אשה פון די פאמיליע טבריינוס וואס זיא האט חתונה גיהאט מיט א גזלן. האט דער מאן איר מצער גיוועזן. ווי די חכמים האבין דאס גיהערט וועגין זיי גיקומען אים שטראפין. איז זיא גיקומען פאר די חכמים אונ האט גישטעלט פאר זייא א גאלדענעם לייכטער אונ אויף דעם לייכטער איז גישטאנען א קליין לייכטעריל פון ליים. צו ווייזין אפילו זיא איז ווי גאלד אונ ער איז געגין איר ווי ליים פון דעסטוועגין איז ער איבער איר . אונ זיא האט אים ליב. דא איז מקוים גיווארין אזוי ווי אין פסוק שטייט דיין גלוסטונג וועט זיין צו דיין מאן: (יט) (ולאדם אמר). צו אדם האט גאט גיזאגט ווייל דו האסט גיהערט די שטימע פון דיין ווייב . רבי שמלאי האט גיזאגט חוה איז גיקומען צו אדם מיט א טענה. זיא האט גיזאגט צו אים וואס מיינסטו אז איך וועל שטארבין וועט פון דעסטוועגין בשאפין ווערין איין אנדער חוה. נאך די זעקס טעג וועט שוין קיין נייע זאך ניט בשאפין ווערין. טאמער מיינסטו אז איך וועל שטארבין וועסטו זיין אליין אן א ווייב. די וועלט איז ניט בשאפין גיווארין זיא זאל בלייבין וויסט אן מענטשין. נאר זיא זאל בזעצט ווערין מיט מענטשין. מוזטו האבין א ווייב זיא זאל האבין קינדער. דריבער איז געוויס אז איך וועל ניט שטארבין אונ אז דו וועסט עסין וועסטו אויך ניט שטארבין. די רבנן זאגין זיא האט אנגיהויבין אויף אים שרייען ביז ער האט גימוזט עסין . ווי דער פסוק זאגט גאט האט גיזאגט צו אדם ווייל דו האסט גיהערט די שטימע פון דיין ווייב . עס שטייט ניט דו האסט גיהערט די רייד פון דיין ווייב . נאר עס שטייט דעם קול פון דיין ווייב (וואס זיא האט אויף דיר געשריגען): (כ) (ותאכל

מן

אשר צויתיך לאמר. מהו לאמר להזהיר את הבהמה ואת החיה ואת העופות . לא דייך
שלא הזהרת אותן אלא שנתת להן ואכלו : (כא) ארורה האדמה בעבירך. שתהא מעלה
לך דברים ארורים כגון יתושין . ופרעושין . וזבובין . (כג) ותעלה לך גמל . א"ר יצחק אף
הוא יש לו בו הנאה שהוא מוכרו ונהנה מדמיו : (כב) (כד) בעצבון תאכלנה. א"ר אמי
קשה היא הפרנסה כפלים כלידה. בלידה כתיב בעצב תלדי בנים. ובפרנסה כתיב
בעצבון תאכלנה . ר' אלעזר ור' שמואל בר נחמן . ר' אלעזר אמר הקיש גאולה לפרנסה.
ופרנסה לגאולה שנא' (תהלים קל"ו) ויפרקנו מצרינו וסמיך ליה (שם) נותן לחם לכל בשר.
מה (כה) גאולה פלאים אף פרנסה פלאים. מה פרנסה בכל יום . אף (כו) גאולה בכל יום.
רשב"נ אמר וגדולה מן הגאולה שהגאילה ע"י מלאך והפרנסה ע"י הקב"ה. הגאולה ע"י מלאך
מניין שנ' (בראשי' מ"ח) המלאך הגואל אותי מכל רע. פרנסה ע"י הקב"ה שנ' (תהלים קמ"ה) פותח את
ידך ומשביע לכל חי רצון. ריב"ל אמר גדולה מקריעת י"ס שנ' (שם קל"ו) (כז) לגוזר ים סוף לגזרים
ואומר

## מתנות כהונה

וזהו ותאכל מן העץ עצמו : (כג) ותעלה לך גמל. נראה מפני שהגמל מזיק בריר היוצא מפיו כל הנוגע בו ועוד שהורג את כל בריה כשבא לעסוק בדרך ארץ : (כד) בעצבון. לשון רבים משמע : (כה) גאולה פלאים . כדאמר לעושה נפלאות כו' וסמיך ליה ויפרקנו וכן בגאולת מצרים כתיב נורא תהלות עושה פלא : (כו) גאולה בכל יום . שהש"י מפר מחשבות ערומים הקמים עליו בכל יום מחדשים לבקרים והקב"ה מצילנו מידם : (כז) לגוזר וגו'. סיפיה דקרא והעביר ישראל בתוכו ואילו

---

מן העץ. דו האסט געגעסן פון דעם בוים. עס שטייט ניט דו האסט געגעסן די פירות פון דעם
בוים. נאר פון דעם בוים. די האלץ פון דעם בוים. פון דאנען זעהן מיר אז עס ווי רבי אבא
פון עכו האט געזאגט אז דער עץ הדעת איז געוועזן אתרוג. אונ דעם בוים פון אתרוג קען מען
עסן אזוי גוט ווי דעם אתרוג. גאט האט געזאגט צו אדם איך האב דיך געבאטן צו זאגן .
וועמען זאל ער זאגן . ער זאל זאגן צו אלע בהמות חיות אונ עופות זיי זאלן ניט עסן
פון עץ הדעת . ניט גענוג דו האסט זיי ניט געזאגט. נאר דו אליין האסט זיי געגעבן פון עץ
הדעת אונ זיי האבן געגעסן: (כא) (ארורה) . די ערד זאל זיין פארפלוכט פון דיינעטוועגן .
די ערד וועט דיר אויף ברייגנגען פארפלוכטע זאכן . קאמערין פלייא פליגען. דאס זענען קליינע
מזיקים. אונ די ערד וועט אויף ברייגנגען דעם קעמיל וואס ער איז א מזיק ווער עס רירט אים
אן . אפילו מיט די שפייאכץ פון זיין מויל איז ער א מזיק . רבי יצחק זאגט דער קעמיל איז
ניט קיין קללה מען האט הנאה פון אים מען קען אים פארקויפן האט מען הנאה פון דעם
געלט: (כב) (בעצבון תאכלנה). מיט טרויעריקייט וועט מען עסן פון די ערד. רבי אמי זאגט
די פרנסה קומט אן דעם מענטש טאפיל אזוי שווער ווי א קינד צו געבארין. ביי א קינד געבארין
שטייט בעצב מיט טרויער וועסטו געבארין קינדער. אונ ביי פרנסה שטייט בעצבון מיט טאפעלע
טרויעריקייט וועסטו עסן פון די ערד . רבי אלעזר אונ רבי שמואל בר נחמן קריגען . רבי
אלעזר זאגט דאס אויסלייזונג פון גלות איז גלייך צו פרנסה אונ פרנסה איז גלייך צו דאס
אויסלייזונג פון גלות . ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט אונז אויסגעלייזט פון אונזערע
פיינד . דער נעבין שטייט נאך א פסוק גאט גיט ברויט צו אלע בשעפעניש . אזוי ווי דאס
אויסלייזונג איז געוועזן דורך וואנדער. אזוי פרנסה קומט אויך דורך וואנדער. אונ אזוי ווי פרנסה
איז אלע טאג. אזוי לייזט אונז גאט אויס פון אונזערע פיינד אויך אלע טאג. רבי שמואל בר
נחמן זאגט פרנסה איז גרעסער ווי דאס אויסלייזונג. ווארום דאס אויסלייזונג איז דורך א מלאך.
אונ פרנסה איז דורך גאט אליין . פון וואנען ווייסן מיר אז אויסלייזונג איז דורך א מלאך .
ווארום עס שטייט אין פסוק יעקב האט געזאגט דער מלאך וואס האט מיך אויסגעלייזט פון
אלע שלעכטס . פון וואנען ווייסן מיר אז פרנסה איז דורך גאט. ווארום עס שטייט אין פסוק
גאט העפין דיין האנט אונ מאך זאט צו יעדער לעבעדיגען זיין ווילען . רבי יהושע בן לוי
זאגט פרנסה איז גרעסער ווי דער נס וואס דער ים איז געשפאלטין געווארין. ווארום עס שטייט
אין פסוק גאט האט צו שניטען דעם ים סוף אויף שטיקער. דער נאך שטייט גאט גיט ברויט
צו אלע בשעפעניש. אז מען לויבט איינעם לויבט מען אים פריער קלענער דער נאך גרעסער
אבער

ואימר (סס) נותן לחם לכל בשר כי לעולם חסדו וגו': (כג) וקוץ ודרדר תצמיח לך. קוץ זה קנדים. דרדר אלו עכביות. ויש מחליפין קוץ אלו (נח) עכביות. דרדר זה קנדים שהיא עשויה (נט) דרין דרין: (כד) ואכלת את עשב השדה. ר' יהודה ור' נחמיה, ר"י אמר אילו זכית (ס) היתה מעלת לך מכל אילני ג"ע. עכשיו שלא זכית. וקוץ ודרדר תצמיח לך. א"ר נהמיה אילו זכית היית נוטל עשבים מתוך ג"ע וטועם בהם כל מעדנים שבעולם. עכשיו שלא זכית. ואכלת את עשב השדה, א"ר יצחק על הדורות הללו הוא אומר ואכלת את עשב השדה. שאדם (סא) משליף שדהו ואוכלה עד שהוא עשב. כיון ששמע אדה"ר כן (סב) הזיעו פניו. אמר מה אני נקשר לאבוס כבהמה. א"ל הקב"ה (סג) הואיל והזיעו פניך תאכל לחם. א"ר לוי נוח היה לו אם היה עומד (סד) בקללתו הראשונה: (כה) בזעת אפיך תאכל לחם (ברכות ג) א"ר אבהו זה אחד מחמשה דברים שהן סימן יפה להולה. ואלו הן עיטוש. זיעה. ושינה. וחלום. וקרי. עיטוש מנין שנאמר (איוב מא) עטישותיו תהל אור. (סה) וזיעה מנין שנאמר בזעת אפיך תאכל לחם. שינה מנין שנאמר

## מתנות כהונה

פרנסה לכל העולם כולו: (נח) עכביות וקודדים. מיני למחים הם וצריך למתקן ע"י האור ברותחין וגו': (נט) דרין דרין. כך הקונדס נומת מדורין מדורין כמו האגוזים וע"ש כך נקרא דרדר נבין דירה: (ס) היתה. כהדמה מעלת כו': (סא) מעליף. מחליף ותולש: (סב) הזיעו. כרתת כרתת ומורה מהדר גהין עוז ה' ית' שהזיעה יוצאת מפניו מפני הפחד: (סג) הואיל והזיעו כו', בזעת אפיך וגו' קדים: (סד) בקללתו הראשונה. לאכול עשב השדה כבהמה שהיה מתפרנס בלי דאגה ופרנסתו מצויה בכל מקום: (סה) זיעה מנין כו'. בזעת אפיך וגו' משמע

---

אָבֶער נִיט פְרִיעֶר גְרֶעסֶער דֶער נָאךְ קְלֶענֶער. אַז פְרִיעֶר שְׁטֵייט דִי צוּ שְׁפַּאלְטוּנְג פוּן יַם דֶער נָאךְ פַּרְנָסָה. אִיז דָאךְ פַּרְנָסָה גְרֶעסֶער: (כג) (וְקוֹץ וְדַרְדַּר). דֶערְנֶער וֶועט וַואקְסְן פוּן דֶער עֶרְד פוּן דַיינֶעטְווֶעגִין. קוֹץ אִיז קַנְדִים. דַרְדַר אִיז עַכָּבִיוֹת. אַנְדֶערֶע זָאגִין פַארְקֶערְט קוֹץ אִיז עַכָּבִיוֹת. דַרְדַר אִיז קַנְדִים. דָאס אִיז אַזֶעלְכֶע דֶערְנֶער. דַרְדַר אִיז דֶער טֵייטְשׁ וואהְנוּנְגֶען. דִי דֶערְנֶער זֶענֶען גִימַאכְט אִינְוֶוייניג וואהְנוּנְגֶען אַזוֹי וִוי דִי וֶועלֶעשֶׁענֶע נִיס: (כד) (וְאָכַלְתָּ). דוּ וֶועסְט עֶסְן דִי גְרָאז פוּן פֶעלְד. רַבִּי יְהוּדָה אוּנ רַבִּי נְחֶמְיָה קְרִיגֶען. רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט גָאט הָט גִיזָאגְט צוּ אָדָם וֶוען דוּ וָואלְסְט זוֹכֶה גִיוֶוען וָואלְט דִי עֶרְד דִיר גִיגֶעבִּין אַזֶעלְכֶע בּוֹימֶער וִוי אִין גַן עֵדֶן. אִיצְט אַז דוּא הָאסְט נִיט זוֹכֶה גִיוֶוען וֶועט וַואקְסְן פוּן אִיר דֶערְנֶער רַבִּי נְחֶמְיָה זָאגְט אַזוֹי הָאט גָאט גִיזָאגְט צוּ אָדָם וֶוען דוּ וָואלְסְט זוֹכֶה גִיוֶוען וָואלְסְט דוּ גִינוּמֶען גְרָאז פוּן גַן עֵדֶן צוּם עֶסְן אוּנ וָואלְסְט פַארְזוּכְט אִין דֶעם גְרָאז אַלֶע בֶּעסְטֶע שְׁפֵּייז פוּן דֶער וֶועלְט. אִיצְט אַז דוּ הָאסְט נִיט זוֹכֶה גִיוֶוען וֶועסְטוּ עֶסְן דִי גְרָאז פוּן פֶעלְד. רַבִּי יִצְחָק זָאגְט אוֹיף אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת אִיז גִיזָאגְט גִיוָוארִין דוּ וֶועסְט עֶסְן דִי גְרָאז פוּן פֶעלְד. וַוייל עֶס אִיז הוּנְגֶער קֶען דֶער בַּעַל הַבַּיִת נִיט וַוארְטִין בִּיז דִי תְּבוּאָה וֶועט צֵייטִיג וֶוערִין נָאר וֶוען עֶס אִיז נָאךְ גְרָאז רֵייסְט עֶר אוֹיס פוּן פֶעלְד אוּנ עֶסְט. וִוי אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גִיהֶערְט אַז עֶר וֶועט מוּזִין עֶסְן גְרָאז אִיז עֶר אַזוֹי דֶער שְׁרָאקְן גִיוָוארִין אַז עֶס אִיז אַרוֹיס אַשְׁוֵויס אוֹיף זַיין פָּנִים. אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט אִיךְ וֶועל זַיין צוּ גִיבּוּנְדִין צוּ דִי קָארְעטֶע אַזוֹי וִוי אַבְּהֵמָה. הָאט גָאט גִיזָאגְט צוּ אָדָם וַוייל עֶס אִיז אַרוֹיס אַשְׁוֵויס אוֹיף דַיין פָּנִים פוּן שְׁרֶעק דְרִיבֶּער וֶועסְטוּ עֶסְן בְּרוֹיט. רַבִּי לֵוִי זָאגְט עֶס וָואלְט בֶּעסֶער גִיוֶוען פַאר אָדָם אַז עֶר וָואלְט גֶעבְּלִיבֶּען בַּיי זַיין עֶרְשְׁטֶע קְלָלָה עֶר זָאל עֶסְן גְרָאז וָואלְט עֶר נִיט שְׁוֶוער גִיאַרְבֶּעט אוּנ נִיט גִיזָארְגְט אוֹיף זַיין פַּרְנָסָה: (כה) (בְּזֵעַת אַפֶּךָ). מִיט דִי שְׁוֵויס פוּן דַיין פָּנִים וֶועסְטוּ עֶסְן בְּרוֹיט. רַבִּי אַבָּהוּ זָאגְט שְׁוֵויס אִיז אֵיינְס פוּן דִי פִינְף זַאכִין וָואס זֶענֶען אַגוּטֶער סִימָן צוּ אַקְרַאנְקֶען. אַז דֶער קְרַאנְקֶער נִיסְט. אָדֶער עֶר שְׁוִויצְט. אָדֶער עֶר שְׁלָאפְט. אָדֶער עֶס חָלוֹמְט אִים. אָדֶער עֶס גֵייט אַרוֹיס פוּן אִים שִׁכְבַת זֶרַע. אִיז אַסִימָן אַז דֶער קְרַאנְקֶער וֶועט גִיזוּנְד וֶוערִין. פוּן וַואנֶען וֵוייסִין מִיר אַז נִיסֶען אִיז אַגוּטֶער סִימָן. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֲטִישׁוֹתָיו תָּהֶל אוֹר. זַיין נִיסֶען מַאכְט אַלִיכְטִיגְקֵייט. בַּיי שְׁוֵויס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מִיט דִי שְׁוֵויס פוּן דַיין פָּנִים וֶועסְטוּ עֶסְן בְּרוֹיט. אַז עֶר שְׁוִויצְט אִיז אַסִימָן אַז עֶר וֶועט גִיזוּנְד וֶוערִין אוּנ וֶועט עֶסְן בְּרוֹיט. בַּיי דֶעם שְׁלָאף שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיךְ בִּין גִישְׁלָאפִין אִיז מִיר רוּהִיג גִיוָוארִין. בַּיי

חלום

שנאמר (שם ג) ישנתי אז ינוח לי. חלום מנין שנא׳ (ישעיה לח) ותחלימני והחייני. קרי מנין שנאמר (שם נג) יראה זרע יאריך ימים. רבנן דקסרי אמרין אף (סו) הלוך מעים בדרך הארץ. מ"ט (שם נא) (סז) מהר צועה להפתח וגו׳. ר׳ חגי בשם ר׳ יצחק אמר ובלבד (סח) בל יחסר לחמו: (כו) עד שובך אל האדמה כי ממנה וגו׳. א"ל קומץ עפר של אדמה שנבראת ממנו (סט) לא גזולה בידך. כי עפר אתה ואל עפר (ע) תשוב. אמר רשב"י מכאן רמז לתה"מ מן התורה. כי עפר אתה ואל עפר תלך לא נאמר אלא תשוב: (כז) ויקרא האדם שם אשתו חוה. (עא) ניתנה לו להיותו ומיעצתו (עב) כחויא. ד"א חוה (עג) חיוה לה אדה"ר כמה דורות אבדה. ור׳ אחא אמר (עד) חויא חויך. ואת חויא דאדם: (כח) כי היא היתה אם כל חי. רשב"א אמר (עה) עם כל חי. תני העשיר עולה עמו העני אינה יורדת עמו. ר׳ סימון אמר אם כל חי אמן של כל החיים. רא"ר סימון כל ק"ל שנה שפירשה חוה מאדם. היו רוחות הזכרים מתחממין ממנה (עו) והיא
יולדת

## מתנות כהונה

משמע כשהולך מזיע יאכל לחם ולא ימות: (סו) הילוך מעיים בדרך ארץ. עשיית צרכיו ופי׳ בו שלא ישהא יותר מדאי: (סז) מיהר צועה כו׳. סיפיה דקרא לא ימות. (סח) בל יחסר לחמו. סיפיה דקרא של מיהר הוא ור"ל שלא ישהא יותר מדאי ויצטרך לאכול הרבה ואם יחסר לחמו ימות: (סט) לא גוזלה כו׳. דכתיב אשר לקחת: (ע) תשוב. משמע החזור לעפר חי כמו שאתה עכשיו: (עא) נתנה לו לחיותו. כי לא טוב האדם להיות לבדו ונתנה לו להחיות נפשו ועכשיו היא נהפכת לו כחויא מל׳ חוה: (עב) כחויא. כנחש: (עג) חיוה. הגיד: (עד) חויא חיויך כו׳. הנחש הוא היה לחש ומסית שלך ואתה היית נחש ומסית לאדם: (עה) עם כל חי. כלומר קרי ביה עם כל חיים טובים היא: (עו) והיא יולדת כו׳.

---

חלום שטייט אין פסוק ותחלימני והחייני. אז דו האסט גימאכט מיך זאל חלומען איז אסימן אז דו וועסט מיך לאזין לעבין. ביי זרע שטייט אין פסוק ער וועט זעהן זרע וועט ער לאנג לעבין. די רבנן פון קסרי זאגין אז די צואה גייט פון אים ווי פון אגיזונטען מענטש איז אויך אסימן אז ער וועט גיזונד ווערין. ווי עס שטייט אין פסוק אז די צואה ווערט געשווינדט גיעפינט וועט ער ניט שטארבין. רבי חגי הט גיזאגט פון רבי יצחקס וועגין נאר עס זאל ניט פעלין זיין ברויט. מען זאל אים געבין גוט עסין וועט ער גיזונדט ווערין: (כו) (עד שובך). ביז דו וועסט צוריק קומען צו די ערד וואס פון איר ביזטו גינומען גיוואורין. גאט האט גיזאגט צו אדם דאס ביסול ערד וואס פון איר ביזטו בשאפין גיוואורין איז גיגזלת וועל איך זיא צוריק אוועק געבין. ווארום דו ביזט ערד אונ צו ערד וועסטו צוריק גיין. רבי שמעון בן יוחאי זאגט דא ווייזט אונז די תורה אז די מתים וועלין לעבעדיג ווערין. ווארום עס שטייט ניט אין פסוק דו ביזט ערד אונ צו ערד וועסטו גיין. נאר עס שטייט צו ערד וועסטו צוריק קערין. מיינט מען אפילו דו וועסט שטארבין פון דעסטוועגין וועסטו צוריק קערין לעבעדיג אזוי ווי דו ביזט איצט: (כז) ויקרא. אדם האט גירופין דעם נאמען פון זיין ווייב חוה. דאס ווייב איז גיגעבין גיווארין צו אדם זיא זאל אים פאר בעהערין זיין לעבען. אונ זיא האט אים אעצה גיגעבין אזוי ווי אשלאנג. ער זאל עסין פון עץ הדעת אונ זאל שטארבין. נאך אפשט איז דריבער האט אדם זיא גירופין חוה. חוה איז טייטש זאגין. אדם הט איר גיזאגט ווי פיל דורות זיא הט פארלארין פון דער וועלט. רבי אחא זאגט אזוי האט אדם צו איר גיזאגט דער שלאנג איז גיוועזן דיין שלאנג אונ דו ביזט דער שלאנג פון אדם: (כח) (כי היא). ווארום זיא איז גיוועזן אם כל חי. רבי שמעון בן אלעזר זאגט זאלסט ניט לייענען אם כל חי. נאר עם כל חי. דאס ווייב איז בשאפין גיווארין זיא זאל לעבין מיט איר מאן אגוטען לעבין. מיר האבין גילערנט אז דער מאן איז רייך גיווארין גייט דאס ווייב ארויף מיט אים מוז ער דאס ווייב אויך רייך פירען. אונ אויב ער איז גיוועזן רייך ווען ער האט מיט איר חתונה גיהאט דער נאך איז ער ארעם גיווארין. גייט ניט דאס ווייב אראפ מיט אים. נאר ער מוז דאס ווייב פירען ווי פריער ווען ער איז רייך גיוועזן. רבי סימון זאגט מיר לייענען אם כל חי. חוה איז גיוועזן די מוטער פון אלע לעבעדיגע. אפילו פון שדים. ווארום רבי סימון זאגט די גאנצע הונדערט מיט דרייסיג יאהר וואס חוה איז גיוועזן אפגישיידט פון אדם. האבין זיך די שדים זכרים בהעפט מיט חוה אונ זיא האט גיבארן
פון

ילדת מהם. ורוחות נקבות מתחממות מאדם (עז) ומולידות ממנו. הה״ד (ש״ב ז) אשר בהעותו והוכחתיו בשבט אנשים (עח) ובנגעי בני אדם. בנוי דאדם קדמאה. (עט) מ״ד רוחי דביתא טבין דרבין עמיה. מ״ד אינון בישין דחכמין יצריה. רוחין דחקלא. מ״ד דאינון טבין דלא חכמין יצריה. ומ״ד דאינון בישין (פ) דלא רבין עמיה: (כט) ויעש ה׳ אלהים לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם. בתורתו של ר״מ מצאו כתוב כתנות אור. אלו בגדי אדה״ר שהם דומים לפנס. (פא) רחבים מלמטה וצרים מלמעלה. יצחק רביא אומר חלקים היו כצפורן ונאים כמרגליות. א״ר יצחק ככלי פשתן הדקים הבאים מבית שאן. כתנות עור. (פב) שהן דבוקים לעור. ר״א אמר (פג) איגיאה. ר׳ איבו אמר אגנייה. ריב״ל אמר לגאי. ריב״ח אמר סיסרטון. רשב״ל אמר גלי קסינון. ובהם היו (פד) בכורות משתמשין. רשב״נ אמר צמר גמלים וצמר ארנבים היו. כתנות עור. כתנות שהן באין מעור: (ל) אמר ר׳ לוי למדתך תורה דרך ארץ (פה) לפום חילך אכול. (פו) ופרא מן מה דאת לביש (פז) ויתיר ממה דאת שרי. לפום חילך אכול. מכל עץ הגן אכול תאכל.
ופרא

## מתנות כהונה

פרי שהיתה אפי׳ אמן של שדים וזהו כל חי: (עז) ומולידות ממנו. והיא היתה הגורם לו שפירש ממנה ועי״כ נקראו על שמה אם כל חי: (עח) בנגעי בני אדם. איתא במדרש כזוכר שכל אלו הנולדים ממנו נקראו בני אדם: (עט) מאן דאמר רוחין כו׳. יש מי שאומר שהרוחות המצויות בבית טובים הם ואינם מזיקים אותו מפני שמתגדלים עמו והנכין ממנו ויש מי שאומר שהם רעים לו מפני שמכירים רוע לבו ומתחבבתו הרעה ומזיקין אותו: (פ) דלא רבין עמיה. ולא נהנין ממנו ולפיכך מזיקין אותו: לפנס. פי׳ מאורות כמו נר דולק: (פא) רחבים מלמטה. כדרך בני אדם בבגדיהם: (פב) שהם דבוקים לעור. שמתוך דקותן היו דבוקים לעור ולא היה מרגיש בהן: (פג) איגיאה כו׳. מיני בגדים מצובחים: (פד) בכורות משתמשים. בעבודתן: (פה) לפום חילך כו׳. לפי כחך וכלתך אכול: (פו) ופרא. פחות: (פז) ויותר ממה דאת

פון זיי שדים. און די שדים נקבות האבן זיך בהעפט מיט אדם און זיי האבן געבארן פון אים שדים. ווי דער פסוק זאגט אז ער וועט פארקרימען (ער וועט זינדיגען) וועל איך אים שטראפן מיט ארוט וואס מען שטראפט מענטשין. און מיט די פלאג פון אדם. מיט די קינדער פון אדם הראשון. מיט די שדים וואס זענען פון אדם געבארין געווארין. דער וואס זאגט אז די שדים וואס זענען ביי דעם מענטש אין שטוב זענען גוט. און טוהען אים קיין שאדין. ווייל זיי ארעווען זיך מיט אים. און דער וואס זאגט אז די שדים וואס זענען ביי דעם מענטש אין שטוב זענען שלעכט. ווייל זיי ווייסן זיינע געדאנקען. ווייסין זיי אים שלעכטס צו טאהן. די שדים פון פעלד. דער וואס זאגט אז זיי זענען גוט. ווייל זיי ווייסין נים זיינע געדאנקען. ווייסין זיי נים מיט וואס אים שלעכטס צו טאהן. און דער וואס זאגט אז זיי זענען שלעכט ווייל זיי ארעווען זיך נים מיט אים האט זיי נים אז זיי טוהען אים שלעכט: (כט) ויעש. גאט האט גימאכט צו אדם און צו זיין ווייב כתנות עור. העמדער פון פעל און האט זיי בקליידט. אין דער תורה פון רבי מאיר האט מען גיפונען געשריבען כתנות אור. העמדער פון ליכטיגקייט. דאס זענען די קליידער פון אדם וואס זיי זענען גיוועןליכטיג אזוי ווי אלאנטערנע. און זיי זענען גיוועןאונטען ברייט און הויבין שמאל אזוי ווי אלאנטערנע. יצחק רביא זאגט די קליידער פון אדם זענען גיוועןגלאט אזוי ווי נאגיל און שיין אזוי ווי פעריל. רבי יצחק זאגט די קליידער פון אדם זענען גיוועןווי די דינע פלאקסענע קליידער וואס קומען פון בית שאן. און דריבער האט מען זיי גירופין כתנות עור ווייל זיי זענען גיוועןדיען האבין זיי זיך בהעפט צו זייער הויט פון לייב. רבי אליעזר זאגט די קליידער פון אדם זענען גיוועןפון איגיאה (ציגען פעל). רבי איבו זאגט אגנייה (פון שעפסין פעל מיט די וואל וואס אויף די פעל). רבי יהושע בן לוי זאגט לגאי (פון האזען פעל). רבי יוסי בר חנינא זאגט סיסרטין (פון אקסין פעל). רבי שמעון בן לקיש זאגט גלי קסינין (פון אפעל פון אזוי אחיה וואס הייסט תחש). און ווען די בכורים האבין מקריב גיוועןקרבנות זענען זיי אויך גיגאנגען אין אזעלכע קליידער ווי אדם. רבי שמואל בר נחמני האט גיזאגט די קליידער פון אדם זענען גיוועןפון קעמיל וואל און פון האזין וואל. ווי עס שטייט אין פסוק כתנות עור. די העמדער זענען גיוועןפון אזוי אזאך וואס עס ווערט אראפ גינומען פון פעל. דאס איז האר אדער וואל: (ל) (אמר). רבי לוי האט גיזאגט די תורה
לערנט

(פח) ופרא מן מה דאת לביש. ויעש ה' אלהים לאדם ולאשתו וגו'. ויתיר ממה דאת שרי. שהרי שנים היו שרוין בכל העולם כולו:

**פרשה כא** (א) ויאמר ה' אלהים הן האדם היה כאחד ממנו וגו'. כתיב (דניאל ח) ואשמעה אחד קדוש (א) מדבר ויאמר אחד קדוש לפלמוני המדבר עד מתי החזון התמיד והפשע שומם תת וקדש וצבא מרמס וגו'. ואשמע אחד זה הקב"ה שנא' (דברים ו) שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד. קדוש. כי הכל אומרים לפניו קדוש. מדבר. גזר גזרות קשות (ב) על בריותיו. וקוץ ודרדר תצמיח לך. ויאמר אחד קדוש לפלמוני המדבר. ר"ה אמר (ג) לפלנייה. תירגם עקילס (ד) לפנימי. זה אדה"ר שהיתה מחיצתו לפנים ממה"ש. עד מתי החזון התמיד. גזרה שנגזרה על אדה"ר לעולם היתה. אתמהא. (שם) והפשע שומם. כך יהיה פשעו שומם עליו בקבר. תה וקדש וצבא מרמס. כך יהיה הוא ותולדותיו עשויים מרמס לפני מלאך המות. (שם) ויאמר אלי עד ערב בקר אלפים וג' מאות וגו'. ר' עזריה ור' יונתן בשם ר' יצחק בכ"מ שיש ערב אין בקר. וכ"מ שיש בקר אין ערב. אלא לכשיעשה (ה) בקרן של עכו"ם ערב. וערבן של ישראל בקר. באותה

## מתנות כהונה

שרי. וויתר ממה שיש לך עשה לך בית דירה: (פח) פרה. פתח ולמלא ופירושו אכול לפי יכולת ולא תוסיף לפזר עוד וכוי מרבה לפזר במלבושיך ויותר עוד בדירתך: (א) מדבר. לשון הוק וקבה כד"א דבר האיש אדוני הארץ אתנו קשות: (ב) על בריותיו כו'. כדרך שגזר על אדה"ר: (ג) לפלניים. לפלוני וכרמז על ישראל המדברים ושואלים עד מתי לא נזכה לגאולה ישיב להם אחד קדוש עד ערב בקר כו': (ד) לפנימי. לפלמוני דרש נוטריקון לפנימי: (ה) בקרן של עכו"ם כו'. שמצליחין ועולין בעוה"ז כאור בקר המאיר ומזהיר והולך ובעוה"ב כוח לישראל

---

לערנט אונז דרך ארץ. עסין זאל אמענטש נאך זיין כח. קליידין זאל זיך אמענטש ווייניגער ווי זיין פארמעגין. אונ מער ווי זיין פארמעגין זאל ער וואהנען. עסין זאל אמענטש נאך זיין כח. ווי גאט האט גיזאגט צו אדם פון אלע בוימער פון גארטין מעגסטו עסין. קליידין זאל זיך אמענטש ווייניגער ווי זיין פארמעגין. ווי מיר זעהן גאט הט גימאכט צו אדם אונ זיין ווייב (פראסטע) קליידער פון פעל. אונ מער ווי זיין פארמעגין זאל ער וואהנען. ווי מיר זעהן אדם אונ חוה זענען גיוועזן צוויי מענטשין אונ האבין גיוואהנט אין די גאנצע וועלט:

**פרשה כא** (א) (ויאמר). גאט הט גיזאגט צו די מלאכים אדם איז גיווארין ווי איינער פון אונז צו וויסען פון שלעכטס אונ גוטס. עס שטייט אין פסוק ואשמעה אחד קדוש מדבר ויאמר אחד קדוש לפלמוני המדבר עד מתי החזון התמיד והפשע שומם תת וקדש וצבא מרמס. דניאל האט גיזאגט ואשמעה אחד איך האב גיהערט איינעם. דאס איז גאט. גאט איז איינער. ווי עס שטייט אין פסוק שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד. קדוש מיינט מען גאט. ווארום אלע זאגין פאר אים קדוש. מדבר. ער רעט ער איז גוזר שלעכטע גזרות אויף זיינע בשעפעניש. ווי ער האט גיזאגט צו אדם הראשון דערנער וועט וואקסין פון דיינעטוועגין. ויאמר אחד קדוש לפלמוני המדבר דער איינער דער היליגער האט גיזאגט צו פלמוני וואס האט גירעט. רב הונא זאגט פלמוני איז דער טייטש יענער. עקילס זאגט פלמוני איז גלייך ווי עס וואלט גישטאנען־ פנימי. צום אינווייניגסטען. דאס איז אדם הראשון וואס ער איז גיוועזן גאר אינווייניג נאך ווייטער ווי די מלאכים. עד מתי החזון התמיד. ביז ווי לאנג וועט זיין די גזרה וואס איז גיגזר גיווארין אויף אדם הראשון. דאס וועט זיין אויף אייביג. אוואנדער. והפשע שומם די זינד זיינע וועט אים פאר וויסטען ביז אין קבר. אוואנדער. תת וקודש וצבא מרמס. אונ אזוי וועט זיין ער מיט זיינע קינדער צו טרעטין פאר דעם מלאך המות. אויף אייביג. האט ער גיזאגט צו מיר עד ערב בקר אלפים ושלש מאות. רבי עזריה אונ רבי יונתן האבין גיזאגט פון רבי יצחקס וועגין וואו עס איז ערב (אבענד) איז דאך ניט בקר (פריה). אונ וואו עס איז בקר איז דאך ניט ערב. נאר אזוי מיינט מען אז דער מארגין פון די געצין דינער וועט ווערין אבענד. אונ דער אבענד פון יודין וועט ווערין פריה. (צו די געצין דינער וועט ווערין פינסטער אונ צו די יודין וועט ווערין ליכטיג). אין די צייט ונצדק קדש. וועל איך גירעכט מאכין אדם

באותה שעה ונצרך קרש. באותה שעה אני מצדיקו מאותה גזרה: (ב) ויאמר ה' אלהים הן האדם היה כאחד ממנו. על שדה איש עצל עברתי ועל כרם אדם חסר לב (משלי כד) א"ר הונא הרי שקנה שדה וקנה כרם קרוי איש. וקרוי אדם. ונקרא עצל. (ו) מה הנייה לו. אלא על שדה איש עצל עברתי. (ז) זה אדה"ר. ועל כרם אדם חסר לב זו חוה. א"ר הונא היכן מצינו שנקראת חוה. אדם (ישעיה מד) (ח) כתפארת אדם לשבת בית. (משלי כד) והנה עלה כלו קמשונים. וקוץ ודרדר תצמיח לך. (שם) כסו פניו חרולים בזעת אפיך תאכל לחם. (שם) וגדר אבניו נהרסה. וישלחהו ה' מג"ע. כיון ששלחו התחיל מקונן עליו. ויאמר ה' אלהים הן האדם היה כאחד ממנו. (ט) הוה כחד ממנו: (ג) אם יעלה לשמים שיאו וראשו לעב יגיע (איוב כ). אם יעלה לשמים שיאו. (י) רימיה. וראשו לעב יגיע. עד מטי ענניא. אמר ריב"ח ור' יהודה בר סימון בשם ר' אלעזר מלא כל העולם כלו בראו. מן המזרח למערב שנא' (תהלים קלט) אחור וקדם צרתני. מן הצפון לדרום מנין (דברים ד) ולמקצה השמים ועד קצה השמים. ומנין אף כחללו של עולם. ת"ל

## מתנות כהונה

לישראל כערב הסך והפלגה: (ו) מה הנייה יש לו. ולא היה לו לקריותו אדם ואיש: (ז) זה אדה"ר. שנתעצל מלעשות תשובה עד שראה קין חוזר בתשובה: (ח) כתפארת אדם כו'. מתרגמינן כתושבחתא איתתא דיתבא בביתא: (ט) הוה. לשון שבר כל"א הוה על הוה: (י) רומיה. שיאו. פי' רומים עד מטי

---

פון די גזרה: (ב) (ויאמר). גאָט האָט געזאָגט צו די מלאכים אָדם איז געוואָרן ווי איינער פון אונז צו וויסען גוט אונ שלעכט. שלמה המלך האָט געזאָגט על שדה איש עצל עברתי (איך בין געגאַנגען נעבין די פעלד פון דעם פוילען מענטש). ועל כרם אדם חסר לב (אונ נעבין דעם ווייַנגאָרטין פון דעם מענטש וואָס אים פעלט דאָס הארץ) דאָס פאַרשטאַנד. רב הונא זאָגט אַז ער האָט געקויפט אַפעלד אונ האָט געקויפט אַווייַנגאָרטין אונ ער ווערט גערופין איש אונ אָדם. אונ ער איז אַפוילער דאָס צו בעאַרבעטין. וואָס פאַר הנאה האָט ער פון זיין פעלד אונ פון זיין ווייַנגאָרטין. נאָר דער פסוק שמועסט פון אָדם הראשון. נעבין די פעלד פון דעם פוילען מענטשין בין איך געגאַנגען. דאָס איז אָדם. נעבין דעם ווייַנגאָרטין פון דעם מענטש וואָס אים פעלט דאָס הארץ (ער האָט קיין פאַרשטאַנד) בין איך געגאַנגען דאָס איז חוה. רב הונא זאָגט וואו געפינען מיר אַז חוה ווערט גערופין אָדם. עס שטייט אין פסוק כתפארת אָדם לשבת בית. זאָגט דער תרגום ווי די שיינקייט פון אַאשה ווען זיא זיצט אין שטוב. אָדם איז געווען פויל צו טאָהן תשובה. דאַהער האָט געפעלט שכל זיא זאָל פריער עסין פון עץ החיים וואָלטין זיי ניט געשטאָרבין. דריבער איז אויף זייערע פעלדער אונ ווייַנגערטנער אויף געוואַקסין דערנער ווי גאָט האָט געזאָגט די ערד וועט שפּראָצין דערנער. דער פנים פון אָדם איז בדעקט געוואָרין מיט אַפאַרטריקנטען שווייס. ווי גאָט האָט געזאָגט מיט די שווייס פון דיין פנים וועסטו עסין ברויט. אונ דער שטיינערנער פאַרקאַן איז צו וואָרפין געוואָרין. ער זאָל קענען אַרויס גיין פון גן עדן. ווי דער פסוק זאָגט גאָט האָט אַרויס געשיקט אָדם אונ חוה פון גן עדן. ווי גאָט האָט אים אַרויס געשיקט פון גן עדן האָט ער אָנגעהויבין צו טרויערין אויף אים אונ האָט געזאָגט האָאָדם היה כאחד ממנו. הָיָה איז דער טייטש צו בראָכין (אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק נהייתי איך בין צו בראָכין געוואָרין). גאָט האָט געזאָגט עס איז אַבראָך צו אָדם וואָס ער איז געוואָרין קלוג ווי איינער פון אונז. דריבער וועט ער שווער לעבין אונ וועט מוזין שטאַרבין: (ג) (אם יעלה). עס שטייט אין פסוק אויב זיין גרויסקייט וועט אויף גיין ביז צום הימעל. אונ זיין קאָפּ וועט זיין ביז צו די וואָלקינס. פון דערכטוועגין וועט אים גאָט אַראָפּ נידערין. רבי יוסי בר חנינא אונ רבי יהודה בר סימון זאָגין פון רבי אלעזרס וועגין דער פסוק שמועסט פון אָדם הראשון. ווען גאָט האָט בשאַפין אָדם איז ער געווען פול די גאַנצע וועלט. פון מזרח ביז מערב. ווי דער פסוק זאָגט אחור וקדם צרתני. דו האָסט מיך בשאַפין פון הינטען ביז פאָרינט. פון מערב ביז מזרח. פון וואַנען ווייסין מיר אַז ער איז געווען גרויס פון צפון ביז דרום. ווי דער פסוק זאָגט פון איין עק הימעל צום אַנדערין עק הימעל. פון צפון זייט צו דרום זייט. פון וואַנען ווייסין

ת"ל (תהלים קלט) ותשת עלי כפכה. (איוב כ) כגללו לנצח יאבד. על (יח) שגלל מצות קלה נטרד מג"ע. (שם) רואיו יאמרו איו. הוא האדם כיון שטרדו התחיל מקונן עליו. ואומר (יב) הן האדם וגו: (ד) התקפהו לנצח ויהלך משנה פניו ותשלחהו (איוב יד). תוקף שנתן הקב"ה באדה"ר לנצח (יג) לעולם היה. כיון שהניח דעתו של הקב"ה והלך אחר דעתו של נחש. משנה פניו ותשלחהו. כיון ששלחו התחיל (יד) מקונן עליו. ואומר הן האדם (טו) היה כאחד ממנו: (ה) דרש ר' פפוס הן האדם היה כאחד ממנו. כאחד ממה"ש. א"ל ר"ע דייך פפוס. א"ל מה אתה מקיים הן האדם היה כאחד ממנו. א"ל שנתן המקום לפניו שני דרכים דרך החיים ודרך המות. ובירר לו דרך אחרת. ר"י בר סימון אמר (טז) כיחידו של עולם שנא' (דברים ו) שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד. רבנן אמרי כגבריאל שנא' (דניאל י) והנה איש אחד לבוש בדים. (יז) כהדין קמצא דלבושיה מיניה וביה. ר"ל אמר (יח) כיונה. מה זה בורח משליחותו של מקום שנא' (יונה א) ויקם יונה לברוח תרשישה מלפני ה'. אף זה בורח מלקיים צווי המקום. מה זה לא לן בכבודו

אף

## מתנות כהונה

מעי כו' עד שהגיע לעננים: (יח) שגלל. העביר והסה ממנו כד"א ויגל את האבן: (יב) הן הוא. היכן הוא: (יג) לעולם היה. ראוי היה להיות כן לעולם כך עלה במחשבה בתחלת בריאתו: (יד) מקונן כו'. כדלעיל במלת הן ומלת היה:

(טו) היה כאחד. נפרד ממנו. או דרש כאחד כאחר: (טז) כיחידו של עולם. יחיד בתחתונים כמו הש"י בעליונים: (יז) כהדין קמצא. מין שרץ הוא בריה שלבושו גדל עמו: (יח) כיונה. דרש ממנו כאותו אחד שריחק עצמו וברח ממנו:

---

מיר אז אדם איז געוועזן גרויס אונ ברייט ווי די גאנצע וועלט. שטייט אין פסוק ותשת עלי כפכה. דו האסט אויף מיר אויסגישפרייט דיין הימעל. כגללו לנצח יאבד. ווייל ער האט אראפ גיווארפין פון זיך די גרינגע מצוה. דריבער וועט ער פארלארין ווערין אויף אייביג אונ איז ארויס געטריבען גיווארין פון גן עדן. די וואס האבין אים געזעהן וועלין זאגין אויף אים ווא איז ער דער מענטש. ווי נאט האט אים ארויס געטריבען פון גן עדן האט ער אויף אים געטרויערט אונ הט גיזאגט הן האדם ווא איז דער מענטש: (ד) (התקפהו). גאט הט גישטארקט אדם ער זאל קענען אייביג לעבין. וויא ער האט אוועק גילאזין די גיבאט פון גאט אונ האט גיטאהן ווי דער שלאנג האט גיזאגט. האט גאט גיענדערט זיין פנים אונ האט אים ארויס געשיקט פון גן עדן. ווי גאט האט אים ארויס געשיקט פון גן עדן האט ער גיקלאגט אויף אים אונ האט גיזאגט הן האדם היה כאחד ממנו. אדם איז צו בראכין גיווארין ווייל ער איז גיווארין ווי איינער פון אונז צו וויסען גוט אונ שלעכט: (ה) (דרש). רבי פפוס האט גידרשת גאט האט גיזאגט אדם איז גיווארין ווי איינער פון אונז. ווי איינער פון די מלאכים. האט רבי עקיבא גיזאגט גענוג פפוס. זאלסט ניט אזוי זאגין אז אדם איז גיווארין ווי א מלאך. האט רבי פפוס גיזאגט צו רבי עקיבא וואס דען מיינט מען דער מענטש איז גיווארין ווי איינער פון אונז. האט רבי עקיבא גיזאגט גאט האט גיגעבין פאר אדם צוויי וועגין. די וועג פון לעבין אונ די וועג פון שטארבין. האט אדם אויס דער ווילט איין אנדער וועג. ניט די וועג וואס גאט האט גימיינט. דריבער האט גאט גיזאגט אדם איז גיווארין איינער פון אונז. ניט מיט אונז. נאר פון אונז. אפגעזונדערט פון אונז. אנדערש ווי מיר זעגען. רבי יהודה בר סימון הט גיזאגט אדם איז גיווארין אויף דער וועלט איינער אזוי ווי גאט וואס ביי אים שטייט ה' אחד. אונ ביי אדם שטייט אויך אחד. די רבנן זאגין אדם איז גיווארין אזוי ווי דער מלאך גבריאל וואס ביי אים שטייט איש אחד אונ ביי אדם שטייט אויך אחד (כאחד ממנו). ביי גבריאל שטייט לבוש בדים. גיקליידט אין לייווענד. די קליידער פון מלאך גבריאל זענען גיוועזן אזוי ווי די קליידער פון דעם איישעריק. עס זעהט אויס ווי דער איישעריק גייט אנגיקליידט מיט אקלייד. אונ אין אמת איז דאס קלייד גימאכט פון אים אליין. ביי דעם מלאך גבריאל איז אויך אזוי עס זעהט אויס ווי ער גייט גיקליידט מיט לייוונואנד אונ אין אמת איז דאס קלייד פון אים אליין. ריש לקיש זאגט אדם איז גיוועזן ווי דער נביא יונה. אזוי ווי יונה איז אנטלאפין אונ האט ניט גיוואלט זיין אשליח פון גאט. ווי דער פסוק זאגט יונה איז אויפגישטאנען אנטלויפין

אין

אף זה לא לן כבודו עמו. ר׳ ברכיה בשם ר׳ חנינא אמר כאליהו מה זה לא טעם טעם מיתה. אף זה לא היה ראוי לטעום טעם מיתה. היא דעתיה דר׳ ברכיה בשם ר׳ חנין דאמר כ״ז שהיה אדם לבדו היה כאחד. כיון שנטלה מסני צלעתו שב לדעת טוב ורע: (ו) ועתה פן ישלח ידו. א״ר אבא ב״כ מלמד שפתח לו הקב״ה (יט) פתח של תשובה. ועתה. אין ועתה אלא תשובה שנא׳ (דברים י) ועתה ישראל מה ה׳ אלהיך וגו׳. והוא אומר פן (כ) ואין פן אלא לאו. אמר הקב״ה ישלח ידו ואכל גם מעץ החיים. אתמהא. ואם הוא אוכל הוא חי לעולם. לפיכך וישלחהו ה׳ אלהים מג״ע. כיון ששלחו התחיל (כא) מקונן עליו ואמר הן האדם היה כאחד ממנו: (ז) וישלחהו ה׳ אלהים מגן עדן. ר׳ יהודה ור׳ נחמיה. ר״י אמר שלחו מג״ע בעולם הזה. ושלחו מג״ע (כב) לעוה״ב. ר״נ אמר שלחו מג״ע בעוה״ז ולא לעוה״ב. על דעתיה דר״י הקשה עליו. ועל דעתיה דר״נ (כג) ריתה עליו. א״ר הונא איתפלגון ר׳ אדא בר אהבה ורב המנונא. חד אמר כר״י וחד אמר כר״נ. והא מסייע לר״נ (תהלים יז) אני בצדק אחזה פניך אשבעה בהקיץ תמונתך. לכשיקיץ אותו שנברא בדמותך באותה שעה אני בצדק אחזה פניך. באותה

## מתנות כהונה

(יט) פתח של תשובה, שישוב בתשובה ויקבלנו ולא יגזור עליו מיתה: (כ) ואין פן אלא לאו. כלא ידוע שכל מקום שנאמר השמר פן ואל אינו אלא לאו: (כא) מקונן עליו. כדלעיל: (כב) לעוה״ב. כלומר שאין לו חלק לעוה״ב: (כג) ריתה.

---

אין הרשיש פון גאט. אזוי איז אדם אויך אנטלאפין אונ האט ניט געוואלט מקיים זיין די גיבאט פון גאט. אזוי ווי יונה האט ניט גיגעכטיגט אין זיין כבוד אפילו איין נאכט. אזוי האט אדם אויך ניט גיגעכטיגט אין זיין כבוד אפילו איין נאכט. רבי ברכיה האט גיזאגט פון רבי חנינא ס וועגין אדם איז גיוועז אזוי ווי אליהו הנביא. אזוי ווי אליהו האט ניט פארזוכט דעם טעם פון טויט. אזוי האט אדם אויך ניט גידארפט פארזוכען דעם טעם פון טויט. אזוי זאגט רבי ברכיה פון רבי חנין ס וועגין אזוי לאנג ווי אדם איז גיוועז אליין אן ווייב. איז ער גיוועז כאחד. אזוי ווי דער וואס ווערט גירופין אחד. ווי אמלאך. ער וואלט גילעבט אייביג. ווי גאט האט גינומען פון אים די ריפ אונ האט בשאפין חוה אונ האט גיגעסין דורך איר פון עץ הדעת מוז ער שטארבין: (ו) (ועתה). רבי אבא בר כהנא זאגט דער פסוק לערנט אונז אז גאט האט געוויזען אדם ער זאל תשובה טאהן. ווארום דאסווארט ועתה מיינט מען תשובה. ווי דער פסוק זאגט ועתה ישראל. אונ איצט יודין וואס פארלאנגט גאט פון דיר נאר דו זאלסט פאר אים מורא האבין. דריבער האט גאט גיזאגט צו אדם אויך דאס ווארט ועתה. ער זאל פארשטיין צו טאהן תשובה וועט ער ניט שטארבין. האט אדם גיענטפערט פן. פן איז דער טייטש ניין. איך וועל ניט תשובה טאהן. האט גאט גיזאגט טאמער וועט אדם אויסציהען די האנט צום עץ החיים אונ וועט נעמען פון אים אפרי אונ וועט עסין וועט ער דאך לעבין אייביג. דריבער האט גאט אים ארויס געשיקט פון גן עדן. ווי גאט האט אים ארויס געשיקט האט ער אנגיהויבין אויף אים צו קלאגין אונ האט גיזאגט אדם האט גיקענט זיין ווי אייגער פון אונז: (ז) (וישלחהו). גאט האט אים אוועק געשיקט פון גן עדן. רבי יהודה אונ רבי נחמיה קריגען. רבי יהודה זאגט גאט האט אוועק געשיקט אדם פון דעם גן עדן וואס אויף די וועלט אונ פון דעם גן עדן וואס אויף יענע וועלט. רבי נחמיה זאגט גאט האט אים נאר אוועק געשיקט פון דעם גן עדן וואס אויף די וועלט אבער ניט פון דעם גן עדן וואס אויף יענע וועלט. נאך דעם מיינונג פון רבי יהודה הט גאט שווער געמשפט אדם. אונ נאך דעם מיינונג פון רבי נחמיה הט גאט רחמנות גיהאט אויף אדם. רבי הונא זאגט אין די זאך קריגט רבי אדא בר אהבה אונ רב המנונא. איינער זאגט ווי רבי יהודה אונ איינער זאגט ווי רבי נחמיה. פון פסוק ועהט מען אז עס איז ווי רבי נחמיה. ווארום עס שטייט אין פסוק איך וועל מיט גירעכטיגקייט זעהן דיין פנים ווען איך וועל זיך אויף וואכין וועל איך זאט ווערין מיט דיין גישטאלט. ווען עס וועט אויף וואכין דער וואס איז בשאפין גיווארין אין דיין גישטאלט. דאס האט אדם גיזאגט אויף זיך.

שעה אני מצדיקו מאותה גזרה. (כד) באותו שעה הן האדם היה כאחד ממנו : (ח) א"ר יהושע בן לוי (כה) כשבראו בראו במדה"ד ובמדת הרחמים. וכשטרדו טרדו במדת הדין ובמדת הרחמים : (ט) (כו) הן האדם. הא אדם לא יכולת לעמוד בצוויך אפילו שעה אחת. אתמהא. דרש רבי יהודה בן פדייה (כז) מי יגלה עפר מעיניך אדה"ר שלא יכולת לעמוד בצווייך אפי' שעה אחת. והרי בניך ממתינין לערלה ג' שנים שנאמר (ויקרא יט) שלש שנים יהיה לכם ערלים לא יאכל. אמר רב הונא כד שמע בר קפרא כן. אמר יפה דרשת בן אחותי : (י) (כח) ויגרש את האדם. ר' יוחנן ורשב"ל. ר"י אמר כבת כהן שנתגרשה (כט) ואינה יכולה לחזור. רשב"ל אמר כבת ישראל שנתגרשה והיא יכולה לחזור. על דעתיה דר"י (ל) הקשה עליו. על דעתיה דר"ש ריתה עליו. (יא) ד"א (לא) ויגרש. הראה לו חורבן בהמ"ק. המד"א (איכה ג) ויגרס בחצץ שני. ר' לוליאני בר טברי בשם ר' יצחק אמר (לב) למגרשה של עדן גרשו. והושיב עליו שומרים שישמרו אותו הה"ד (ישעיה ה) (לג) ועל העבים אצוה מהמטיר עליו מטר : (יב) מקדם. רב אמר

## מתנות כהונה

פירש הערוך הכית וריתם עליו : (כד) באותו שעה הן האדם היה. קרי ביה הויה פי' יהיה : (כה) כשבראו כו'. שנאמר ויאמר ה' אלהים : (כו) הן האדם כו'. דרש הן לשון יעקה וקינה כמו הוי : (כז) מי יגלה וכו'. מי יגלה עיניך ותסתכל במעלת יוצאי חלציך הטובים ממך : (כח) ויגרש. דרש לשון אשה גרושה מאיסה : כ"ג רש"י ז"ל ר' יוחנן אמר כאשת כהן. רשב"ל אומר כאשת ישראל : (כט) ואינה יכולה לחזור. כן אדה"ר אין לו חלק לעוה"ב : (ל) הקשה עליו כו'. שמתה כדלעיל בסמוך ובפ' י"ט : (לא) ויגרש. דרש ויגרש השין בשיבולת : (לב) למגרשה. ויגרש דרש לשון מגרשי הערים : (לג) ועל העבים כו'. כל הפרשה מדבר איך שנטעת הכרם ויקו לעשות ענבים ויעש באושים כן אדם הראשון לא עמד

---

דאמאלס וועל איך מיט גירעכטיגקייט זעהן דיין פנים. זאגט גאט אין דער צייט וועל איך אים גירעכט מאכין פון די גזרה. אונ ער וועט האבין עולם הבא. אין די צייט וועט אדם זיין אזוי ווי איינער פון אונז : (ח) רבי יהושע בן לוי זאגט ווען גאט האט בשאפין אדם האט ער אים בשאפין מיט מדת הדין אונ מיט מדת הרחמים. אונ ווען ער האט אים ארויס געטריבען האט ער אים ארויס געטריבען אויך מיט מדת הדין אונ מיט מדת הרחמים : (ט) (הן האדם). אדם דו האסט ניט גיקענט האלטין דיין גיבאט אפילו איין שעה. אוואנדער. רבי יהודה בן פדייה האט גידרשת אדם ווער וועט אראפ נעמען די ערד פון דיינע אויגין דו זאלסט זעהן דו האסט ניט גיקענט האלטין דיין גיבאט אפילו איין שעה. נאר אז דו האסט גיזעהן די שיינע פרי פון עץ הדעת האסטו ווייא באלד גימוזט עסין. אונ דיינע קינדער זעהן דריי יאהר שיינע פירות אויף די בוימער אונ ווארטין די דריי יאהר אונ עסין זיי ניט. ווייל גאט האט גיזאגט דריי יאהר זאלין זיין די פירות ערלה מען זאל זיי ניט עסין. רב הונא זאגט ווען בר קפרא האט גיהערט דעם דרש האט ער גיזאגט צו רבי יהודה דו האסט גוט גידרשת מיין שוועסטערס זוהן: (י) (ויגרש). גאט האט ארויס געטריבען אדם. רבי יוחנן אונ רבי שמעון בן לקיש קריגען. רבי יוחנן זאגט אדם איז ארויס געטריבען גיווארין פון גן עדן אזוי ווי א ווייב פון א כהן וואס ווערט גיגט פון איר מאן אונ זיא טאר שוין ניט צוריק אריין קומען צו אים. רבי שמעון בן לקיש זאגט ער איז נאר ארויס געטריבען גיווארין ווי א ווייב פון א ישראל וואס ווערט גיגט פון איר מאן אונ זיא מעג צוריק קומען צו אים. נאך רבי יוחנן ס מיינונג האט אים גאט הארט געמשפט. אונ נאך רבי שמעון בן לקיש ס מיינונג האט גאט אויף אים רחמנות גיהאט : (יא) (דבר אחר ויגרש). נאך אפשט איז ויגרש דער טייטש צו בראכין גאט האט געוויזען צו אדם ווי אזוי דורך אים וועט חרוב אונ צו בראכין ווערין דער בית המקדש. ווי דער פסוק זאגט ויגרס בחצץ שני. ער האט צו בראכין מיט שטיינער מיינע ציין. איז ויגרש אויך דער טייטש צו בראכין. גלייך ווי עס וואלט גישטאנען מיט א סמ"ך. רבי לוליאני בר טברי האט גיזאגט פון רבי יצחק ס וועגין צו דעם ליידיגען פלאץ וואס נעבין גן עדן האט גאט פארטריבען אדם. אונ ער האט גיזעצט נעבין אים היטערס מען זאל אים היטען. ער זאל ניט צוריק גיין אין גן עדן אונ ווייל ער איז גיזעסין אויף א ליידיגען פלאץ. דריבער האט גאט גיבאטין אויף די וואלקינס זיי זאלין אויף אים ניט רעגענען : (יב) (מקדם). פון מזרח זייט. רב זאגט אלע מאהל נעמט

דער

אמר בכל מקום רוה מזרחית קולטת. אדה"ר. ויגרש את האדם וישכן מקדם לג"ע. קין. ויצא קין מלפני ה' וישב בארץ נוד קדמת עדן. הרוצה (דברים ד) אז יבדיל משה שלש ערים בעבר הירדן מזרחה שמש: (יג) ד"א מקדם. קדם לג"ע נבראו (לד) המלאכים הה"ד (יחזקאל י) היא החיה אשר ראיתי תחת אלהי ישראל בנהר כבר ואדע כי כרובים המה. ואת להט. ע"ש (תהלים קד) משרתיו אש לוהט. המתהפכת שהם מתהפכים פעמים אנשים פעמים נשים פעמים רוחות פעמים מלאכים: (יד) ד"א מקדם. מקודם לג"ע נבראת גיהנם. גיהנם בשני. וג"ע בשלישי. ואת להט החרב המתהפכת. ע"ש (מלאכי ג) ולהט אותם היום הבא. המתהפכת. שהיא מתהפכת על האדם ומלהטתו מראשו ועד רגליו. ומרגליו ועד ראשו. אמר אדם מי מציל את בני מאש לוהטת זו. ר' הונא בשם ר' אבא אמר חרב מילה. שנא' (יהושע ה) עשה לך חרבות צורים. רבנן אמרי חרב תורה שנא' (תהלים קמט) וחרב פיפיות בידם. כיון שראה אדם שבניו עתידים לירד לגיהנם. מיעט עצמו מפריה ורביה וכיון שראה שאחר כ"ו דורות עתידין ישראל לקבל התורה

## מתנות כהונה

טעמו בו ולכן כל"ב עליו בומרים שלא יטוב לילך במה: (לד) המלאכים. כם כרובים:

דֶער מִזְרָח זַייט צוּ דִי זִינְדִיגֶער. אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט אִים דֶער מִזְרָח זַייט צוּ גִינוּמֶען. וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט עֶר הָאט אַרוֹיס גֶעטְרִיבֶּען אָדָם אוּנ הָאט אִים גִימַאכְט רוּהֶען אִין מִזְרָח זַייט פוּן גַן עֵדֶן. קַיִן הָאט אִים דֶער מִזְרָח זַייט צוּ גִינוּמֶען. וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט קַיִן אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן פַאר גָאט אוּנ אִיז גִיזֶעסִין אִין דִי לַאנְד נוֹד אִין מִזְרָח זַייט פוּן עֵדֶן. אַז אֵיינֶער הַרְגֶת אַמֶענְטְשׁ אוּמְגֶערִין אַנְטְלוֹיפְט עֶר אִין מִזְרָח זַייט. וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט דַאמָאלְס הָאט משֶׁה אָפּ גִישַׁיידְט דְרַייא שְׁטֶעט אוֹיף דֶער זַייט יַרְדֵן אִין מִזְרָח זַייט פוּן דִי זוּהְן וֶוער עֶס וֶועט הַרְגֶענֶן אַמֶענְטְשׁ אוּמְגֶערִין זָאל דָארְט אַנְטְלוֹיפִין: (יג) (דָבָר אַחֵר מִקֶדֶם). נָאךְ אַפְּשַׁט אִיז מִקֶדֶם אִיךְ דֶער טַייטְשׁ פְרִיעֶר. דִי מַלְאָכִים זֶענֶען בַּשַׁאפִין גִיוָוארִין פְרִיעֶר אֵיידֶער דֶער גַן עֵדֶן אִיז בַּשַׁאפִין גִיוָוארִין. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מִקֶדֶם לְגַן עֵדֶן אֶת הַכְּרוּבִים. דִי כְּרוּבִים זֶענֶען בַּשַׁאפִין גִיוָוארִין פְרִיעֶר פַאר דֶעם גַן עֵדֶן. פוּן וַואנֶען ווייסִין מִיר אַז כְּרוּבִים מֵיינְט מֶען מַלְאָכִים. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָאס אִיז דִי חַיָה וָואס אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהְן אוּנְטֶער גָאט גֶעבִּין דֶעם טַייךְ כְּבָר הָאבּ אִיךְ גִיוְואסְט אַז זַיי זֶענֶען כְּרוּבִים (מַלְאָכִים). עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְאֶת לַהַט. דָאס זֶענֶען מַלְאָכִים. וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מְשָׁרְתָיו אֵשׁ לוֹהֵט. דִי בַּדִינֶער פוּן גָאט זֶענֶען בְּרֶענְעֶנְדִיגֶער פַייאֶר. הַמִתְהַפֶּכֶת. דִי מַלְאָכִים פַארְקֶערִין זִיךְ. אַמָאהְל וִוי זְכָרִים אַמָאהְל וִוי נְקֵבוֹת אַמָאהְל וִוי וִוינְטֶען אַמָאהְל וִוי מַלְאָכִים: (יד) (דָבָר אַחֵר מִקֶדֶם). נָאךְ אַפְּשַׁט אִיז מִקֶדֶם פְרִיעֶר. פְרִיעֶר פַאר דֶעם גַן עֵדֶן אִיז בַּשַׁאפִין גִיוָוארִין דֶער גֵיהִנָם. דֶער גֵיהִנָם אִיז בַּשַׁאפִין גִיוָוארִין מָאנְטָאג אוּנ דֶער גַן עֵדֶן אִיז בַּשַׁאפִין גִיוָוארִין דִינְסְטָאג. אוּנ וְאֶת לַהַט הַחֶרֶב. דָאס בְּרֶענוּנְג פוּן דֶעם שְׁוֶוערְד. דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם גֵיהִנָם. וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְלִהַט אוֹתָם הַיוֹם הַבָּא. דֶער טָאג וָואס וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיי פַארבְּרֶענֶען. הַמִתְהַפֶּכֶת. דֶער פַייעֶר קֶערְט זִיךְ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אוּנ עֶס פַאר בְּרֶענְט אִים פוּן קָאפּ בִּיז דִי פִּיס אוּנ פוּן דִי פִּיס בִּיז צוּם קָאפּ. וֶועט אַמֶענְטְשׁ זָאגִין וֶוער וֶועט רֶעטִין מַיינֶע קִינְדֶער פוּן דֶעם בְּרֶענֶענְדִיגֶען פַייעֶר רַבִּי הוּנָא הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי אַבָּא ס וֶועגִין דֶער שְׁוֶוערְד פוּן מִילָה. רֶעטֶעט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן גֵיהִנָם. וִוי גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּ יְהוֹשֻׁעַ מַאךְ דִיר שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְדִין אוּנ מַל דִי יוּדִין. דִי רַבָּנָן זָאגִין דֶער שְׁוֶוערְד פוּן הַתּוֹרָה לֶערְנֶען רֶעטֶעט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן גֵיהִנָם. וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט זַיי הַאלְטִין אִין הַאנְט אַשְׁוֶוערְד מִיט צְוַויי שַׁארְפִין. דֶער שְׁוֶוערְד אִיז וָואס זַיי רֵיידִין מִיט זֵייעֶר הַאלְדְז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן גָאט. דָאס אִיז דִי תּוֹרָה וָואס זַיי לֶערְנֶען. וִוי אָדָם הָאט גִיזֶעהְן אַז זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלִין נִידֶערִין אִין גֵיהִנָם. הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט הָאבִּין קִינְדֶער. וִוי עֶר הָאט גִיזֶעהְן אַז נָאךְ זֶעקְס אוּנ צְוַואנְצִיג דוֹרוֹת וֶועלִין דִי יוּדִין נֶעמֶען דִי תּוֹרָה. הָאט

עֶר

התורה. נזקק להעמיד תולדות שנא' והאדם ידע את חוה אשתו:

**פרשה כב** (א) והאדם ידע את חוה אשתו וגו' ותהלים כה) זכור רחמיך ה' וחסדיך כי מעולם המה. (ה) לא מן דכדון אלא כי מעולם המה. א"ר יהושע בר נחמיה (ב) שבם נהגת עם אדה"ר. שכך אמרת לו כי ביום אכ"ך ממנו מות תמות. ואילולא שנתת לו יום אחד משלך שהוא אלף שנה. היאך נזקק להעמיד ו ילדות: (ב) והאדם ידע וגו'. ר"ה ור' יעקב בר' אבין בשם ר' אבא ב"כ אמר לא שנתה בריה קודם לאדה"ר. וידע אב"כ. אלא והאדם ידע את חוה אשתו. (ג) הודיע דרך ארץ לכל. ר"א והאדם ידע. ידע מאיזו שלוה (ד) נשלה ידע מה עבדת ליה (ה) חוה. אמר ר' אחא (ו) חויא חויך ואת חויא דאדם. (ג) ותהר ותלד את קין. א"ר אליעזר בן עזריה ג' פלאים נעשו באיתו היום. בו ביום נבראו. בו ביום שמשו. בו ביום הוציאו תולדות. אמר ריב"ק עלו למטה שנים וירדו שבעה. קין (ז) ותאומתו. והבל ושתי תאומותיו: (ד) ותאמר קניתי איש את ה'. (ח) חמת לה הא איתתא בנין. אמרה הא קנין בעלי בידי. ר' ישמעאל שאל את ר' עקיבא א"ל בשביל ששימשת את נחום איש גם זו כ"ב שנה. אכין ורקין מיעוטין

## מתנות כהונה

(א) לא מן הכדון. מהכך אינם מתחילין מעתה ומעכשיו: (ב) שנה. ברחמים ובחסד נהגת כו': (ג) הודיע דרך ארץ כו'. קרי ביה ידע הירא"ק תחת היו"ד: (ד) נשלה. נגרע ונפרד כד"א כי ישל: (ה) חוה. דרש מלשון חויא שהוא נחש וכך אמר הנחש היה הנחש ומסית אלך ואת היית נחש ומסית אלי: (ו) חויא כו': (ז) ותאומתו. דרש את לרבות ואצל הבל כתיבי שני את את אחיו את הבל: (ח) חמת לה כו'. כשראתה רואה שיולדת בנים אומרת הרי

---

ער זיך שוין בהעפט מיט זיין ווייב צו האבין קינדער. ווי דער פסוק זאגט אדם האט געליבט זיין ווייב חוה:

פרשה כב (א) (והאדם). אדם האט געליבט זיין ווייב חוה. עס שטייט אין פסוק נאך געדיינק דייגע רחמנות אונ דייגע חסדים. זיי זענען ניט פון איצט. נאר פון אייביג. רבי יהושע בר נחמיה זאגט מיט דייגע רחמנות אונ מיט דייגע חסדים האסטו געפירט אדם הראשון. ווארום גאט האט געזאגט צו אדם אין דעם טאג וואס דו וועסט עסין פון עץ הדעת וועסטו שטארבין. ווען דו וואלסט ניט אויסגיטאהשט דעם טאג אויף דיין טאג וואס ער איז טויזענד יאהר. ווי אזוי וואלט אדם גיהאט קינדער. האסטו דאך באלד געפירט די וועלט מיט רחמנות: (ב) (והאדם ידע). רבי הונא אונ רבי יעקב בר אבין האבין גיזאגט פון רבי בר כהנא ס וועגין קיין בשעפעניש האט זיך ניט בהעפט מיט זיין נקבה פאר אדם הראשון. ווארום עס שטייט ניט אין פסוק וידע אדם את חוה אשתו. אדם האט גיליבט זיין ווייב חוה. נאר עס שטייט והאדם ידע את חוה אשתו. מיינט מען אזוי. אדם האט גימאכט וויסען דורך זיין ווייב חוה וואס ער האט זיך מיט איר בהעפט. צו אלע בשעפעניש אז זיי זאלין זיך אויך בהעפטין מיט זייערע נקבות. נאך אפשט איז והאדם ידע. אדם מיט זיין ווייב חוה האבין איצט גיוואוסט פון וואס פאר אגוטס זיי זענען פארטריבען גיווארין. אדם האט איצט גיוואוסט וואס חוה האט אים גיטאהן. רבי אחא זאגט אזוי האט אדם גיזאגט צו חוה דער שלאנג איז גיוועזן דיין שלאנג (ער האט דיך אנגירעט). אונ דו ביזט גיוועזן מיין שלאנג (דו האסט מיך אן גירעט): (ג) ותהר. חוה איז מעוברת גיווארין אונ האט גיבארין אזוהן אונ זיא האט גירופין זיין נאמען קין. רבי אלעזר בן עזריה האט גיזאגט דריי וואונדער זענען גיטאהן גיווארין דעם טאג. אין דעם טאג איז אדם מיט חוה בשאפין גיווארין. אין דעם טאג האבין זיי זיך ביידע בהעפט. אין דעם טאג האבין זיי גיבארין קינדער. רבי יהושע בן קרחה זאגט אדם מיט חוה האבין זיך בהעפט צוויי. אונ ווען זיי האבין זיך געשיידט איז שוין גיוועזן זיבען. אדם אונ חוה. קין מיט אשוועסטער. אונ הבל מיט צוויי שוועסטער: (ד) (ותאמר). חוה האט גיזאגט איך האב גיקויפט אמענטש מיט גאט. אז אאשה זעהט זיא האט קינדער זאגט זיא דאס פארמעגין פון מיין מאן איז ביי מיר. ער וועט מיך שוין ניט פארלאזין. רבי ישמעאל האט גיפרעגט ביי רבי עקיבא דו האסט דאך בדינט דעם נחום איש גם זו צוויי אונ צוואנציג יאהר. אונ נחום האט גיזאגט ווא עס שטייט דער ווארט אך

אדער

מיעוטים. אתין וגמין רבוים. האי את דכתיב הכא מהו. אמר אילו נאמר קניתי איש ה' היה הדבר קשה. (ט) אלא את ה'. א"ל (דברים לב) כי לא דבר רק הוא (י) מכם. ואם רק הוא מכם. שאין אתם יודעים לדרוש. אלא את ה'. לשעבר אדם נברא מאדמה וחוה נבראת מאדם. מכאן ואילך בצלמנו כדמותנו. לא איש בלא אשה. ולא אשה בלא איש (יא) ולא שניהם בלא שכינה: (ח) ותוסף ללדת את אחיו את הבל. הדא מסייעא לריב"ק דאמר עלו למטה ב' וירדו שבעה. ותוסף ללדת תוספת ללידה (יב) ולא תוספת לעיבור: (ו) ויהי הבל רועה צאן וקין היה עובד אדמה. ג' הן שהיו (יג) להוטים אחר האדמה. (יד) ולא נמצא בם תועלת. ואלו הן קין עובד אדמה. נח (בראשית ט) ויחל נח איש האדמה. עוזיהו (ד"ה ב' כו) אכרים וכורמים בהרים ובכרמל כי אוהב אדמה היה: (ז) ויהי מקץ ימים ר' אליעזר ור' יהושע. ר"א אמר בתשרי נברא העולם. ר"י אמר בניסן נברא העולם. מאן דאמר בתשרי נברא העולם (טו) עשה הבל קיים מן החג (טז) ועד החנוכה. מאן דאמר בניסן נברא העולם עשה הבל קיים מן הפסח ועד העצרת. בין לדברי אלו בין לדברי הכל

## מתנות כהונה

קין בעלי במעשה אל יעזבני: (ט) אלא את ה'. פי' עם ה': (י) מכם. קדייק שמלך עצמו אינו רק אלא מלדכם כו': (יא) ולא שניהם כו'. שהקב"ה נותן בו הנשמה: (יב) ולא תוספת לעיבור. מדלא כתיב ותהר עוד ש"מ שמהריון הראשון נולד: (יג) להוטים. מהירים ורדופים: (יד) ולא נמצא בם כו' קין הרג את הבל. נח נשתכר ובא לידי קלון ועוזי' נצטרע: (טו) עשה הבל כו'. היה שוהה בעולם מי' וקיים: (טז) עד החנוכה. ולע"ג דמר"ח תשרי עד חנוכה הוא טפי מחמשים

---

אדער דער ווארט רק איז ווייניגער צו מאכין אונ ווא עס שטייט דער ווארט את אדער דער ווארט גם איז צו מעהרין. דער ווארט את וואס דא שטייט. את ה'. וואס קומט צו מעהרין. האט רבי עקיבא גיזאגט אז עס וואלט גישטאנען קניתי איש ה'. (איך האב גיקופט אמענטש גאט). וואלט די זאך שווער גיוועזן צו רעדין. אז עס שטייט את ה'. מיינט מען איך האב גיקויפט אמענטש מיט גאט. זאגט רבי עקיבא עס שטייט אין פסוק כי לא דבר רק הוא מכם. די תורה איז ניט קיין ליידיגע זאך. עס איז ניטא אין די תורה קיין ליידיג ווארט. אונ אויב דו געפינסט אמאהל אין די תורה אווארט וואס עס זעהט אויס ער איז ליידיג (איבעריג). דאס איז גאר ליידיג פון אייך. ווייל איר ווייסט ניט צו דרשנען דעם ווארט. נאר את ה'. מיט גאט. מיינט מען אזוי. פריער איז אדם בשאפין גיווארין פון ערד. אונ חוה איז בשאפין גיווארין פון אדם. פון איצט ווערט אמענטש בשאפין אין אונזער בילד אונ אונזער גלייכין. דער זכר קען ניט גיבארין אקינד אן אנקבה. אונ אנקבה קען ניט גיבארין אקינד אן אזכר. אונ דער זכר מיט די נקבה קענען ניט גיבארין אקינד אן גאט: (ח) ותוסף. חוה האט גיבארין נאך אקינד את אחיו את הבל. מיט זיין ברודער מיט הבל. דאס איז ווי רבי יהושע בן קרחה האט גיזאגט אדם מיט חוה זענען ארויף גיגאנגען צוויי אויף דעם בעט אונ זענען אראפ גיגאנגען זיבען. אדם אונ חוה. קין מיט אשוועסטער. הבל מיט צוויי שוועסטער. עס שטייט אין פסוק זיא האט גיבארין קין אונ זיא האט גימעהרט צו גיבארין הבל. זיא האט גימעהרט צו גיבארין. אבער זיא האט ניט גימעהרט צו מעוברת ווערין. מיט איין מאהל איז חוה מעוברת גיווארין מיט פינף קינדער. פריער האט זיא גיבארין קין מיט אטאכטער. דער נאך הבל מיט צוויי טעכטער: (ו) ויהי הבל. הבל האט געפיטערט שעפסין אונ קין האט גיארבעט די ערד. דריי מענטשין זענען גילאפין צו ערד ארבעט אונ מען האט פון זיי קיין הילף גיהאט. קין האט גיארבעט די ערד האט ער גיהרגת זיין ברודער. נח האט גיארבעט די ערד איז ער גיווארין שכור. דער מלך עוזיהו האט גיהאט ערד ארבעטער אונ ארבעטער צו די וויינגערטנער אויף די בערג אונ אין כרמל ווארום ער האט ליב גיהאט די ערד ארבעט. דער נאך איז עוזיהו ביי זיך גרויס גיווארין אונ איז אריין גיגאנגען אין בית המקדש מקריב זיין קרבנות איז ער קרעציג גיווארין: (ז) ויהי. אונ עס איז גיוועזן מיט אצייט שפעטער. רבי אליעזר אונ רבי יהושע קריגען. רבי אליעזר זאגט די וועלט איז בשאפין גיווארין אין תשרי. רבי יהושע זאגט די וועלט איז בשאפין גיווארין אין ניסן. דער וואס זאגט די וועלט איז בשאפין גיווארין אין תשרי האט הבל גילעבט פון סוכות ביז חנוכה. דער וואס זאגט די וועלט איז בשאפין

גיווארין

הכל מודים שלא עשה הבל בעולם יותר מחמשים יום: (ח) ויבא קין מפרי האדמה מנחה לה'. מן הפסולת. לאריס רע שהיה אוכל את (יז) הבכורות ומכבד לבעל השדה את (יח) הסייפות: (ט) והבל הביא גם הוא מבכורות צאנו ומחלביהן. ר' אליעזר ור' יוסי בר חנינא. ר"א אמר הקריבו בני נח שלמים. ור"י אמר עולות הקריבו. אתיב ר"א לר"י ב"ה והכתיב והבל הביא גם הוא מבכורות צאנו ומהלבהן.(יט)דבר שחלבו קרב(כ)מה עביד ליה ר' יוסי ב"ח. עביד ליה (כא) מן שמניהון. אתיב ר' אליעזר לר' יוסי ב"ח והא כתיב(שמות כד)וישלח את נערי בני ישראל(כב)ויעלו עולות ויזבחו זבחים שלמים לה' פרים. מה עביד ליה ריב"ח (כג) שלמים בלא הפשט וניתוח. אתיב ר"א לר"י ב"ח והא כתיב (שם יח) ויקח יתרו חותן משה עולה (כד) וזבחים לאלהים. מה עביד ליה ר"י ב"ח. כמאן דאמר לאחר מ"ת בא יתרו. א"ר הונא איתפלגון ר' ינאי ור' חייא רבה. ר' ינאי אמר קודם מ"ת בא יתרו. ור' חייא רבה אמר אחר מ"ת בא. א"ר חנינא (כה) ולא פליגי

מאן

## מתנות כהונה

יום פרש"י דלאו דוקא נקט כ' יום: (יז) הבכורות. המשובחות ראשונה שהם הטובים: (יח) הסייפות. האפילות המתבשלות לבסוף: (יט) דבר שחלבו קרב. והוא שלמים שלא קרב מהן אלא החלבים: (כ) מה עביד ליה. מה עושה ממנו והיאך מקיימו: (כא) מן שמניהון. האי מחלביהן פי' השמנים והטובים שבהם אבל לעולם עולות היו לא שלמים: (כב) ויעלו עולות וגו'. הרי שהקריבו גם שלמים: (כג) שלמים בלא הפשט כו'. קרי ביה שלמים כד"א ויבא יעקב שלם ולעולה עולות היו: (כד) וזבחים. היינו שלמים כד"א ולזבח השלמים: (כה) ולא פליגי כו'. לא פליגי בביאת יתרו מתי היתה כי

---

גיווארין אין גיהן. האט הבל גילעבט פון פסח ביז שבועות. סיי נאך רבי יהושע און סיי נאך רבי אליעזר האט הבל גילעבט אויף דער וועלט נאר פופציג טעג: (ח) ויבא. קין האט געברייינגט פון די פרוכט פון די ערד אמנחה (אמהנה) צו גאט. די ערגסטע פירות האט ער גיברייינגט. ווי א שלעכטער ארים טוהט. ער עסט די ערשטצייטיגע די בעסטע און ברייינגט צום מלך (צום בעל הבית) די שלעכטע וואס ווערין שפעטצייטיג (דער מענטש וואס בעארבעט אפרעמדע פעלד ער זאל נעמען אחלק פון די תבואה. הייסט ער ארים): (ט) והבל הביא. און הבל האט גיברייינגט די ערשט געבארענע שעפסין ומחלביהן. רבי אליעזר און רבי יוסי בר חנינא קריגען. רבי אליעזר זאגט (פון נח ביז די תורה איז גיגעבין גיווארין הייסין אלע מענטשין בני נח. די קינדער פון נח. אפילו די יודין אויך). בני נח האבין מקריב גיווען שלמים. און רבי יוסי זאגט די בני נח האבין מקריב גיווען עולות. האט רבי אליעזר גיפרעגט צו רבי יוסי בר חנינא עס שטייט דאך אין פסוק הבל האט גיברייינגט די ערשט געבארענע שעפסין און והלביהן. וואס מיינט מען חלבהן. אזעלכע קרבנות וואס מען איז נאר מקריב פון זיי די חלב. דאס איז דאך שלמים. וואס טוהט רבי יוסי בר חנינא מיט דעם פסוק. רבי יוסי זאגט הלבהן מיינט מען די בעסטע בהמות אבער ער האט זיי מקריב גיווען עולות. האט רבי אליעזר גיפרעגט צו רבי יוסי בר חנינא עס שטייט דאך אין פסוק משה האט געשיקט די יונגע מענטשין פון יודין און זיי האבין מקריב גיווען קרבנות עולות און זיי האבין גישאכטין שלמים צו גאט אקסין. און דאס איז דאך גיווען איידער די תורה איז גיגעבין גיווארין וואס מען האט זיי גירופין בני נח. זעהן מיר דאך אז בני נח האבין מקריב גיווען שְׁלָמִים. וואס טוהט רבי יוסי בר חנינא מיט דעם פסוק. ענטפערט רבי יוסי זאלסט ניט לייענען שְׁלָמִים. נאר זאלסט לייענען שְׁלֵמִים. מען האט מקריב גיווען די עולות גאנץ. מען האט פון זיי ניט אראפגיצויגין די פעל און מען האט זיי ניט צו שניטען. האט רבי אליעזר גיפרעגט צו רבי יוסי בר חנינא עס שטייט דאך אין פסוק יתרו דער שווער פון משה האט גינומען עולה און זבחים און האט זיי מקריב גיווען צו גאט. וואס טוהט רבי יוסי בר חנינא מיט דעם פסוק. האט רבי יוסי גיזאגט איך האלט ווי דער וואס זאגט אז יתרו איז גיקומען דער נאך ווי די תורה איז שוין גיגעבין גיווארין. ווערין שוין די יודין ניט גירופין בני נח. און זיי האבין שוין גימעגט מקריב זיין שלמים. רבי הונא זאגט רבי ינאי און רבי חייא רבה קריגען. רבי ינאי זאגט יתרו איז גיקומען איידער די תורה איז גיגעבין גיווארין. און רבי חייא רבה זאגט יתרו איז גיקומען דער נאך ווי די תורה איז שוין גיגעבין גיווארין. רבי חנינא זאגט רבי ינאי און רבי חייא רבה האבין

ניט

מ"ד קודם מ"ת בא. הקריבו בני נח שלמים. ומ"ד אחר מ"ת בא. עולות הקריבו. ודא מסייעא ליה לר"י ב"ח (שיר ד) עורי צפון. זו העולה שהיתה נשחטת בצפון. מהו עורי. דבר (כה) שהיה ישן ומתעורר. ובואי תימן. אלו שלמים שהיו נשחטים בדרום. ומהו ובואי דבר של חידוש. א"ר יהושע דסכנין בשם ר' לוי קרא מסייעא ליה לר"י ב"ח דכתיב (ויקרא ו) זאת תורת העולה (כו) היא העולה. שהיו בני נח מקריבין. כד אתי לשלמים (שם ז) וזאת תורת זבח השלמים אשר הקריב אכ"כ. אלא אשר יקריבו מכאן ולהבא: (י) וישע ה' אל הבל ואל מנחתו. נתפיים ממנו. ואל קין ואל מנחתו לא שעה. לא נתפיים ממנו: (יא) ויחר לקין מאד (כז) ויפלו פניו. נעשו (כח) כאור. ויאמר ה' לקין למה חרה לך ולמה נפלו פניך הלא אם תטיב (כט) שאת. ברכה. כד"א (ויקרא ט) וישא אהרן את ידיו אל העם ויברכם. ואם לא תטיב (ל) שאת. קללה דכתיב (שם כב) והשיאו אותם עון אשמה, ד"א אם תטיב אני (לא) מוחל לך על עונותיך. ואם לאו הטאו של אותו האיש

גדוש

## מתנות כהונה

אין לאחד מהן הכרע מן הכתובים מתי בא: (כה) שהיה ישן כו'. שכבר הקריבוהו בני נח ובהקמת המשכן חזר וניעור מהדר: (כו) היא העולה. משמע היא הנקרבת מימות עולם: (כז) ויפלו פניו. י"ל כד"א על פני כל אחיו נפל. יפול מצדך אלף ופי' פניו כמו שקטו מחרון אפו שלא נתחרט עליו: (כח) כאור. כלומר אדומים ובוער כאש כדרך הבורש בכעס וחרון. (כט) שאת ברכה. פי' השאת ברכה מאת ה' כד"א וישא כו': (ל) שאת קללה. מכלל הן אתה שומע לאו: (לא) מוחל לך.

---

ניט קיין בעווייזונג פון די תורה צו זייער קריג. נאר דער וואס זאגט אז יתרו איז גיקומען איידער די תורה איז גיגעבין גיווארין. האלט ער אז בני נח האבין גימענט מקריב זיין שלמים. דריבער קען זיין אז יתרו איז גיקומען איידער די תורה איז גיגעבין גיווארין. אונ דער וואס זאגט אז יתרו איז גיקומען דער נאך ווי די תורה איז שוין גיגעבין גיווארין האלט ער אז נאר עולות האבין בני נח גימענט מקריב זיין אבער ניט שלמים. ווי אזוי האט יתרו מקריב גיוועזן שלמים. מוזין מיר זאגין אז עס איז גיוועזן נאך מתן תורה. זענען זיי גיוועזן בני ישראל. אונ פון דעם פסוק איז אבעווייזונג צו רבי יוסי בר חנינא אז בני נח האבין ניט מקריב גיוועזן שלמים. עורי צפון. דער וועק דיך צפון. דאס מיינט מען דעם קרבן עולה וואס מען האט אים גימוזט שעכטין אין צפון זייט פון מזבח. וואס מיינט מען דער וועק דיך. ווייל מען האט שוין אמאהל מקריב גיוועזן עולות. דער נאך האט מען אויפגיהערט מקריב צו זיין. אונ איצט הייבט מען אן נאך אמאהל מקריב צו זיין עולות. ווערט דאס גירופין מען דער וועקט די פריערדיגע. אונ קום דרום. דאס מיינט מען שלמים וואס זיי ווערין גישאכטין אין דרום זייט פון מזבח. וואס מיינט מען קום. ווייל דאס איז אנייע זאך, שלמים האט מען ביז איצט נאך ניט מקריב גיוועזן. זעהן מיר אז בני נח האבין ניט מקריב גיוועזן שלמים. רבי יהושע פון סכנין האט גיזאגט פון רבי לוי ס וועגין פון דעם פסוק איז אבעווייזונג צו רבי יוסי בר חנינא. ווארום עס שטייט אין פסוק דאס איז די לערנונג פון די עולה. דאס-איז די עולה. וועלכע עולה. וואס בני נח האבין מקריב גיוועזן. אז ער קומט צו שלמים שטייט דאס איז די לערנונג פון דעם קרבן שלמים. שטייט ניט אשר הקריבו וואס מען האט מקריב גיוועזן. נאר אשר יקריבו וואס מען וועט מקריב זיין. פון איצט אונ ווייטער. אבער ביז איצט האט מען נאך ניט מקריב גיוועזן שלמים. ווארום בני נח האבין ניט מקריב גיוועזן שלמים: (י) וישע ה'. גאט האט זיך גיקערט צו הבל אונ צו זיין מנחה. גאט איז איבער גיבעטין גיווארין פון הבל. צו קין אונ צו זיין מנחה האט זיך גאט ניט גיקערט. גאט איז ניט איבערגיבעטין גיווארין פון אים: (יא) ויחר לקין מאד ויפלו פניו. דער פנים פון קין האט גיברענט אונ רויט גיווארין פון כעס אונ איין גיפאלין. מאגער גיווארין. האט גאט גיזאגט צו קין וואס ברענט אזוי שטארק דיין כעס אונ פאר וואס איז איין גיפאלין דיין פנים. אויב דו וועסט גוט זיין שאת. וועסטו האבין אברכה. ווי דער פסוק זאגט וישא אהרן. אהרן האט אויף גיהויבין זיינע הענט צום פאלק אונ האט זיי גיבענטשט. אונ אויב דו וועסט ניט גוט זיין שאת. וועסטו האבין אקללה. ווי דער פסוק זאגט והשיאו אותם עון אשמה. זיי וועלין טראגין אויף זיך אשטראף פאר זייער שולד. פאר זייערע עבירות. נאך אפשט איז אזוי האט גאט

גיזאגט

(לב) גדוש ומגודש. ר' ברכיה בשם ר' שמעון בר אמי אמר (תהלים לב) לדוד משכיל אשרי נשוי פשע כסוי חטאה. אשריו לאדם שהוא (לג) גביה מפשעו ולא פשעו גבוה ממנו. (לד) שנא' (בראשית ד) לפתח חטאת רובץ. חטאת (לה) רובצת אין כתיב כאן אלא חטאת רובץ. בתחלה הוא תש כנקבה ואח"כ הוא מתגבר כזכר. א"ר עקיבא בתחלה דומה לחוט של עכביש ולבסוף נעשה (לו) כקלע הזו של ספינה. הה"ד (ישעיה ה) הוי מושכי העון (לז) בחבלי השוא וכעבות העגלה חטאה. א"ר יצחק (לח) בתחלה (לט) הוא נעשה אורח ואח"כ הוא נעשה בעל הבית. הה"ד (שמואל ב יב) ויחמול לקחת מצאנו ומבקרו לעשות לאורח הבא לו. הרי אורח. ויקח את כבשת (מ) האיש הרש ויעשה לאיש הבא אליו. הרי בעל הבית: (יב) א"ר תנחום בר מריון אית כלבין ברומי דידעין למשתדלא. אזיל ויתיב קמי פלטירא ועביד גרמיה מתנמנם. ומרי פלטירא מתנמנם. והוא שמיט עיגולא ארעא. עד דהויא מצמית לון הוא משתכר עיגולא ומהלך ביה. א"ר אבא היצר

הזה

## מתנות כהונה

דרש שלא מלשון נושא עון ועובר על פשע: (לב) גדוש ומגודש. י"ל דדרש שלא מלשון התנשאות שיתנשא עונו למעלה ראש: (לג) גבוה מפשעו. פי' נשא וגבוה למעלה מחטאתיך: (לד) שנא'. כלו' יש בידו להתגבר עליו על עונו ואם לא יש ביד העון להתגבר עליו שנאמר וכו': (לה) רובצת. חטאת היא לי נקבה והל"ל רובצת או חטא רובץ: (לו) כקלע. כחבל מלי קליעה: (לז) כחבלי השוא. שאינו חזק רק כחוט עכביש ואח"כ כעבות העגלה: (לח) בתחלה הוא תש כוחו. בההיא כהבר פותח בעבירה בתחלה הוא רובץ ואח"כ מתגבר וכו': (לט) הוא נעשה אורח. יס"ר: (מ) האיש. פירושו בעל

---

גיזאגט צו קין אויב דו וועסט גוט זיין וועל איך דיר מוחל זיין דיינע עבירות אונ אויב דו וועסט ניט גוט זיין וועלין דיינע זינד אויפגיהויבין ווערין גאנץ הויך. רבי ברכיה האט גיזאגט פון רבי שמעון בר אמי ס ווענין עס שטייט אין פסוק לדוד משכיל אשרי נשוי פשע. וואהל צו דעם מענטש וואס ער איז העכער ווי זיינע זינד. אונ ניט זיינע זינד זאלין זיין העכער פון אים. ווי דער פסוק זאגט לפתח חטאת רובץ. ביי די טיר ליגט די זינד. חטאת איז לשון נקבה. בארף שטיין לפתח חטאת רובצת. זיא ליגט. עס שטייט אבער ניט אזוי. נאר עס שטייט חטאת רובץ. ער ליגט. אין אנהייב איז דער יצר הרע שוואך ווי א נקבה. אז דער מענטש וויל קען ער זיך שטארקין אויף אים. דער נאך אז דער מענטש האט אים שוין גיפאלגט אפאר מאהל. שטארקט ער זיך אויף דעם מענטש אזוי ווי א זכר. רבי עקיבא זאגט אין אנהייב איז דער יצר הרע גליך צו א פאדים פון שפין וועבאכץ. עס איז גרינג אים אראפ צו רייסן פון זיך. דער נאך ווערט ער גראב ווי א שטריק פון א שיף. ווי דער פסוק זאגט אין אנהייב ווען זיי ציהען אויף זיך די זינד איז דער יצר הרע ווי א פאלשער שטריק (פון א שפין וועבאכץ). דער נאך ווערט די זינד גראב ווי א שטריק פון א וואגין. רבי יצחק זאגט אין אנהייב איז דער יצר הרע ווי א גאסט ביי דעם מענטש. ער שעמט זיך צו זאגין וואס ער וויל. אז ער האט אים נאר איין מאהל גיפאלגט. ווערט ער שוין א בעל הבית איבער דעם מענטש. אונ גיוועלטיגט אויף אים. ווי דער פסוק זאגט ער האט רחמנות גיהאט צו נעמען פון זיינע שעפסין אונ פון זיינע רינדער צו מאכין פאר דעם גאסט וואס איז צו אים גיקומען. איז ער גיווען א גאסט. ער האט גינומען דעם שעפס פון דעם ארעם מאן אונ ער האט זיא גימאכט לאיש הבא אליו. צו דעם בעל הבית וואס איז צו אים גיקומען. איז ער שוין א בעל הבית: (יב) (אמר) רבי תנחום בר מריון האט גיזאגט אין די שטאט רוים ווענין דא אזעלכע הינט וואס ווייסין צו בעקומען עסין מיט חכמה. ער זעצט זיך געגען איבער דעם בעקער וואס זיצט אויף די גאס צו פארקויפין ברויט אונ אנדערע געבעק. אונ דער הונט מאכט זיך שלאפין. אונ דער בעקער אז ער האט גיזעהן דער הונט שלאפט איז ער אויך אין אמת אנטשלאפין גיווארין. ווי דער הונט האט גיזעהן אז דער בעקער שלאפט האט ער אראפ גיווארפין די קארב מיט די גאנצע געבעק אויף דער ערד. ביז דער בעקער האט צו זאמען געקליבען די געבעק האט ער דער ווייל גיחאפט א ברויט אונ איז אנטלאפין מיט אים. רבי אחא זאגט דער יצר הרע איז גליך צו א גזלן וואס גייט איינגנבויגין ווייל ער איז שוין גיוועזן שוואך אונ קראנק אונ האט זיך גיזעצט וויא די ווענין שיידין זיך. ווער עס

איז

הזה דומה ללסטים (מב) שפוף שהיה יושב בפרשת דרכים. כל מאן דעבר הוה (מג) אמר הב מה דעלך. עבר פקח אחד וראה שאין בו (מד) תוחלת לגזול לו כלום התחיל מכתתו. כך כמה דורות אבד יצה"ר. דור אנוש. ודור הפלגה. ודור המבול. כיון שעמד אברהם אבינו וראה שאין בו תוחלת התחיל מכתתו הה"ד (תהלים פט) וכתותי מפניו צריו ומשנאיו אגוף: (יג) א"ר אמי אין יצה"ר מהלך לצדדים אלא באמצע (מה) פלטיא. ובשעה שהוא רואה אדם ממשמש בעיניו מתקן בשערו (מו) מתלא בעקיבו. הוא אומר (מז) הדין דידי. מ"ט (משלי כו) ראית איש חכם בעיניו (מח) תקוה לכסיל ממנו: (יד) א"ר אבין כל מי שמפנק את יצרו בנערותו. סופו להיות (מט) מנון עליו בזקנותו. מ"ט (משלי כט) מפנק מנוער עבדו ואחריתו יהיה מנון: (טו) רבי חנינא בר פפא אמר אם בא יצרך (נ) להשחיקך (נא) דחהו בד"ת. (אם עשית כן מעלה אני עליך כאילו בראת את השלום) שנאמר (ישעיה כו) יצר סמוך (נב) תצור (נג) שלום. ואם עשית כן מעלה אני עליך כאילו בראת את השלום. שלום אב"כ אלא שלום שלום. וא"ת שאינו ברשותך ת"ל כי בך

בטוח

## מתנות כהונה

ולהון: (מב) שפוף. שפל וכפוף ותש כחו: (מג) אמר הב מה וכו'. תן לי מה שעליך והיא וכך הלבב מתיירא ממנו פן יהרגנו ונותן לו כל מה שעליו: (מד) תוחלת. תועלת וכח לגזול ממנו: (מה) פלטיא. רחוב גדול שרבים מצוים שם: (מו) מתלא כו'. תולה עקבו למעלה דרך גאוה לילך עקב בצד אגודל: (מז) הדין דידי. זה שלי: (מח) תקוה לכסיל. יצה"ר נקרא כסיל ויש לו תקוה ממי שהוא חכם בעיניו ומתגאה בדרכיו: (מט) מנון. אדון ומושל כד"א ינון שמו: (נ) להשחיקך. לשחוק ולהתעולל בך: (נא) דחהו. כשיצה"ר קרוב אליך אמור התורה שנקראת שלום ותדחה אותו מעליך: (נב) תצור. דרש בו נ"כ לשון יצירה: (נג) שלום. משמע אותו שלום שכבר ישנו בעולם מעלה אני עליך כאילו אתה

---

איז גיגאַנגען גֶעבּין אים האָט דער גַזְלָן צוּ אים גיזאָגט גיבּ מיר אַלְץ וואָס דוּ האָסט אויף זיך. אוּנ ווייל מען האָט פאַר אים מוֹרָא גיהאַט מען האָט גימיינט ער איז נאָך אַזוי שטאַרק ווי פריער האָט מען אים אַלְץ גיגעבּין. איז פאַר בּיי גיגאַנגען אַקְלוּגער האָט ער גיזעהן אַז דער גַזְלָן איז שוין שוואַך אוּנ האָט שוין קיין כֹּחַ ניט צוּ גַזְלָנֶען. האָט ער אָנגיהויבּין שלאָגין דעם גַזְלָן. אַזוי איז מיט דעם יֵצֶר הָרָע. ווי פיל מענטשין האָט דער יֵצֶר הָרָע גיהַרְגֶ'ט. דעם דור פוּן אֱנוֹשׁ. דעם דור פוּן הַפְלָגָה. דעם דור פוּן מַבּוּל. האָבּין אַלֶע גימיינט אַז דער יֵצֶר הָרָע איז טאַקי שטאַרק. ווי אַבְרָהָם אָבִינוּ איז גיקוּמען אוּנ האָט גיזעהן אַז דער יֵצֶר הָרָע איז גאָר שוואַך האָט ער אָנגיהויבּין צוּ שטויסין דעם יֵצֶר הָרָע. ווי דער פָּסוּק זאָגט איך וועל צוּ שטויסין פוּן זיינעטוועגין זיינע פיינד אוּנ וועל זיי מאָרדין. דעם פיינד מיינט מען דעם יֵצֶר הָרָע: (יג) (אָמַר). רַב זאָגט דער יֵצֶר הָרָע גייט ניט בּיי דער זייט נאָר אין מיטען גאַס. אוּנ אַז ער זעהט אַמענטש וואָס קוּקט מיט די אויגין אויף יעדער זייט אוּנ די האָר זיינע זענען שיין פאַר קעמט אוּנ גייט פּאַמעלאַך ווי שפּאַצירען (ווייל ער זאָרגט ניט אויף פַּרְנָסָה). זאָגט דער יֵצֶר הָרָע דער מענטש איז מיינער. ווי דער פָּסוּק זאָגט אַז דוּ זעהסט אַמענטש וואָס איז בּיי זיך קלוּג. האָט דער נאַר (דער יֵצֶר הָרָע) פוּן אים אַהאָפעניג אַז ער וועט אים שוין קענען אָן ריידין צוּ אַלֶע עֲבֵירוֹת: (יד) (אָמַר). רַבִּי אָבִין האָט גיזאָגט דער וואָס פּאָלגט דעם יֵצֶר הָרָע אין די יוּגענד. דער נאָך אֲפִילוּ אויף דער עלטער וועט אויך זיין דער יֵצֶר הָרָע אַבַּעַל הַבַּיִת אויף אים. ווי דער פָּסוּק זאָגט דער וואָס גיט זיין קנעכט (דעם יֵצֶר הָרָע) אין דער יוּגענד אַלְץ וואָס ער וויל. וועט ער דער נאָך זיין אַבַּעַל הַבַּיִת אויף אים בּיז צוּם לעצטין טאָג: (טו) רַבִּי חֲנִינָא בַּר פָּפָּא זאָגט אויבּ דער יֵצֶר הָרָע קוּמט לאַכין פוּן דיר (דיך אָנריידין צוּ עֲבֵירוֹת). זאָלסטוּ אים אַוועק שטויסין מיט תּוֹרָה לערנען. אויבּ דוּ האָסט אַזוי גיטאָהן רעכין איך אויף דיר וועל איך דיר געבּין שָׂכָר) גְלייך ווי דוּ וואָלסט בּשאַפין דעם שָׁלוֹם אויף דער וועלט. ווי דער פָּסוּק זאָגט יֵצֶר סָמוּךְ. אַז דער יֵצֶר הָרָע קוּמט נאָנט צוּ דיר אוּנ וויל דיך אָנריידין צוּ טאָהן עֲבֵירוֹת. תִּצּוֹר שָׁלוֹם. זאָלסטוּ היטען צוּ לערנען תּוֹרָה וואָס זיא ווערט גירוּפין שָׁלוֹם וועט דער יֵצֶר הָרָע פוּן דיר אַוועק גיין. אוּנ תִּצּוֹר איז דער טייטש בּשאַפין וואָרוּם עס שטייט ניט אין פָּסוּק איין מאָהל שָׁלוֹם. נאָר עס שטייט צְווייא מאָהל שָׁלוֹם. איין מאָהל שָׁלוֹם מיינט מען די תּוֹרָה. אוּנ איין מאָהל שָׁלוֹם

מיינט

במוח. וכבר הכתבתי לך בתורה ואליך תשוקתו ואתה תמשל בו. ר' סימון אמר אם בא יצרך להשחיקך (כד) שמחהו בד"ת שנא' יצר סמוך תצור שלום. ואם עשית כן מעלה אני עליך כאילו בראת את (כה) ב' העולמות. תצור שלום אכ"כ. אלא שלום שלום. וא"ת שאינו ברשותך כבר כתבתי בתורה ואליך תשוקתו וגו': (ח) ויאמר קין אל הבל אחיו ויהי בהיותם וגו'. על מה היו מדיינים. אמרו בואו ונחלוק את העולם. אחד נטל את הקרקעות ואחד נטל את המטלטלין. דין אמר ארעא דאת קאים עליה דידי. ודין אמר מה דאת לביש דידי. דין אמר חלוץ. ודין אמר פרח. מתוך כך ויקם קין אל הבל אחיו ויהרגהו. ר' יהושע דסכנין בשם ר' לוי אמר (כו) שניהם נטלו את הקרקעות. ושניהן נטלו את המטלטלין. ועל מה היו מדיינין. אלא זה אומר בתחומי בהמ"ק יבנה. וזה אומר בתחומי בהמ"ק יבנה. שנא' ויהי (כז) בהיותם בשדה. ואין שדה אלא בהמ"ק. היך מד"א (מיכה ג) ציון שדה תחרש. ומתוך כך ויקם קין אל הבל אחיו וגו'. יהודה ב"ר אמי אמר על (כח) חוה הראשונה היו מדיינין. א"ר איבו חוה הראשונה חזרה לעפרה.

ועל

## מתנות כהונה

בראה אותו: (כד) שמחהו. דרש סמוך כמו שמח בחילוף סמ"ך בשי"ן ובשהוא עוסק בתורה גם יצה"ר נכנע ממנו כד"א ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו: (כה) שני עולמות. שלום שלום למה שלום לעליונים שלום לתחתונים: (כו) שניהם נטלו כו'. שניהם חלקו הכל בשוה: (כז) בהיותם. ופירשו בהיותם מדברים ומדיינים על השדה זה ב"ה: (כח) חוה הראשונה כו'. המדרש הזה סבר שחוה הראשונה מיום שאכל אדם מן העץ נלקחה ממנו ולא חזרה עוד והקב"ה ברא לו חוה

---

מיינט מען ווי דער טייטש איז. פרידען. טאמער וועסטו זאגין אז דער יצר הרע איז ניט אין דיין כח דו זאלסט אויף אים גיוועלטיגען. זאגט דער פסוק כי בך במוח. זיי פאר זיכערט אויף זיך אז דו וועסט זיך שטארקין אויף אים. ווארום איך האב געשריבען אין די תורה דער יצר הרע וועט גלוסטין צו דיר אונ דו וועסט גיוועלטיגען אויף אים. רבי סימון זאגט אויב דער יצר הרע וועט קומען דיך צו דער פרייען מיט עבירות. זאלסטו אים דער פרייען מיט תורה לערנען. ווי דער פסוק זאגט יצר סמוך. אז דער יצר הרע קומט נאנט צו דיר דיך אנצו ריידין צו עבירות. תצור שלום. זאלסטו היטען צו לערנען תורה וואס זיא ווערט גירופין שלום. אונ תצור איז דער טייטש בשאפין. אויב דו האסט אזוי גיטאהן רעכין איך אויף דיר וועל איך דיר געבין שכר) גלייך ווי דו וואלסט בשאפין ביידע וועלטין. ווארום עס שטייט ניט אין פסוק איין מאהל שלום. נאר עס שטייט צוויי מאהל שלום. איין מאהל שלום מיינט מען די תורה. דאס אנדערע מאהל שלום מיינט מען ווי דער טייטש איז. פרידען. ער מאכט פרידען צווישען די מענטשין פון די וועלט אונ די מלאכים וואס זענען אויף דעם הימעל. טאמער וועסטו זאגין אז עס איז ניט אין דיין כח דו זאלסט אים איין געמען. איך האב שוין לאנג געשריבען אין די תורה דער יצר הרע וועט גלוסטין צו דיר אונ דו וועסט גיוועלטיגען אויף אים: (טז) (ויאמר). קין האט גיזאגט צו זיין ברודער הבל ווען זיי זענען גיוועזן אין פעלד. אויף וואס האבין זיי געקריגט. זיי האבין גיזאגט מיר וועלין אונז טיילין מיט די וועלט. איינער האט גינומען די ערד אונ איינער האט גענומען אלץ וואס אויף די ערד. דער האט גיזאגט די ערד וואס דו שטייסט אויף איר איז מיינע. אונ דער האט גיזאגט די קליידער וואס אויף דיר זענען מיינע. דער האט גיזאגט טוה אויס די קליידער. אונ דער האט גיזאגט פליה אין דער לופט. דורך די רייד איז אויף גישטאנען קין אויף זיין ברודער הבל אונ האט אים גיהרגעט. רבי יהושע פון סכנין האט גיזאגט פון רבי לוי ס וועגין קין אונ הבל ביידע האבין גינומען ערד. אונ ביידע האבין גינומען אלץ וואס אויף די ערד. זיי האבין זיך גלייך גיטיילט. אויף וואס האבין זיי געקריגט. נאר קין האט גיזאגט אויף מיין חלק ערד וועט גיבאהט ווערין דער בית המקדש. אונ הבל האט גיזאגט אויף מיין חלק ערד וועט גיבאהט ווערין דער בית המקדש. ווי עס שטייט אין פסוק דאס איז גיוועזן ווען זיי זענען גיוועזן אין פעלד. דאס פעלד מיינט מען דעם בית המקדש. ווי דער פסוק זאגט ציון וועט צו האקערט ווערין ווי א פעלד. פון די רייד איז אויף גישטאנען קין אויף זיין ברודער הבל אונ האט אים גיהרגעט. יהודה בר אמי זאגט זיי

האבין

ועל מה היו מדיינין. א"ר הונא תאומה יתירה נולדה עם הבל. זה אומר אני נוטלה שאני בכור. וזה אומר אני נוטלה שנולדה עמי. ומתוך כך ויקם קין: (יז) א"ר יוחנן הבל היה גבור מקין. שאין ת"ל ויקם אלא מלמד שהיה נתון תחתיו. א"ל (נט) שנינו בעולם מה את הולך ואומר לאבא. נתמלא עליו רחמים. מיד עמד עליו והרגו. (ס) מן תמן אינון אמרין טב לביש לא תעביד וביש לא ימטי לך: (יח) ויהרגהו. במה הרגו. רשב"ג אמר (סא) בקנה הרגו שנא' וילד לחבורתי. דבר שעושה חבורה. ורבנן אמרי באבן הרגו. שנא' כי איש הרגתי לפצעי. דבר שהוא עושה פצעים. ר' עזריה ור' יונתן בר חגי בשם ר' יצחק אמר התבונן קין מהיכן שחט אביו (סב) אותו הפר. שנא' (תהלים כט) ותיטב לה' משור פר. ומשם הרגו. ממקום הצואר מקום הסימנין. ומי
קברו

## מתנות כהונה

להרג: (נט) בכינו בעולם. ואין נאביגו בן אחר מה תאמר אומרים כבריות טוב לא תעבד לאיש רע ולא יגיע רעה לידך: ולכך הם מתרגני: (ס) מן תמן כו'. משל ממעשה הסוה (סא) בקנה. של עץ: (סב) אותו הפר. שהקריב אדה"ר שנא'

---

האבין זיך געקריגט וועגין די ערשטע חוה ווארום אדם האט גיהאט צוויי ווייבער. איינע וואס האט אים גיגעבין עסין פון עץ הדעת. די האט גאט פון אים צו גינומען און ער האט אים גיגעבין איין אנדער ווייב וואס האט אויך גיהייסין חוה) קין האט איר גיוואלט נעמען פאר אווייב און הבל האט איר גיוואלט נעמען פאר אווייב. רבי איבו זאגט די ערשטע חוה איז צוריק גיגאנגען צו איר ערד. זיא איז גישטארבין. אויף וואס דען האבין זיי געקריגט. רבי הונא זאגט (מיט קין איז גיבארין גיווארין אשוועסטער האט זיא קין גינומען פאר אווייב. און מיט הבל זענען גיבארין גיווארין צוויי שוועסטער. איין שוועסטער האט הבל גינומען פאר אווייב) אויף די אנדערע שוועסטער האט געקריגט קין מיט הבל. קין האט גיזאגט איך וועל זיא נעמען פאר אווייב ווארום איך בין אבכור (און עס זענען דא דריי שוועסטער דארף איך נעמען צוויי). און הבל האט גיזאגט איך דארף זיא נעמען פאר אווייב וויל זיא איז מיט מיר צו זאמען גיבארין גיווארין. פון די קריג איז אויף גישטאנען קין אויף זיין ברודער הבל און האט אים גיהרגת: (יז) (אמר). רבי יוחנן האט גיזאגט הבל איז גיוועזן שטארקער פון קין. ווארום צו וואס שטייט קין איז אויף גישטאנען. נאר קין איז גילעגין אונטער הבל. ווארום הבל האט אים גיוואלט הרגנן האט קין גיזאגט צו הבל אויף די וועלט איז דאך מעהר ניטא נאר מיר ביידע אז דו וועסט מיך הרגנן וועט דאך אונזער פאטער וויסען אז קיינער האט מיך ניט גיהרגת נאר דו. וואס וועסטו זאגין צו אונזער פאטער. האט הבל אויף אים רחמנות גיהאט און האט אים ניט גיהרגת. איז קין אויף גישטאנען און האט גיהרגת צו הבל. פון דארטין זאגין מיר צו אשלעכטין זאלסטו ניט טאהן גוטס. וועט צו דיר קיין שלעכטס ניט קומען: (יח) (ויהרגהו). ער האט אים גיהרגת. מיט וואס האט ער אים גיהרגת. רבן שמעון בן גמליאל זאגט מיט אשטעקין האט ער אים גיהרגת. ווארום עס שטייט אין פסוק למך האט גיזאגט וילד לחבורתי. דעם קינד קין האב איך גיהרגת מיט אזוי אזאך וואס מאכט אבייל (די בלוט גייט ניט ארויס נאר זי בלייבט אינווייניג). דאס איז מיט אשטעקין. און אז קין איז גיהרגת גיווארין דורך אשטעקין. געוויס האט ער גיהרגת הבל אויך מיט אשטעקין. ווארום גאט בצאהלט מדה כנגד מדה. די רבנן זאגין מיט אשטיין האט ער אים גיהרגת. וואס די בלוט גייט ארויס. ווי למך האט גיזאגט דעם מענטש קין האב איך גיהרגת לפצעי. איך האב אים גימאכט אאפענע וואנד וואס עס גייט ארויס בלוט. און וויל למך האט גיהרגת קין מיט אאפענע וואנד געוויס האט קין גיהרגת הבל אויך מיט אאפענע וואנד וואס די בלוט גייט ארויס. מדה כנגד מדה. רבי עזריה און רבי יונתן בר חני האבין גיזאגט פון רבי יצחק וועגין קין האט גיזעהן אויף וועלכין ארט האט דער פאטער גישאכטין דעם אקס וואס ער האט אים מקריב גיוועזן אקרבן. ווי דער פסוק זאגט עס זאל גוט זיין צו גאט דער קרבן נאך בעסער ווי דער אקס וואס אדם הראשון האט מקריב גיוועזן. אויף דעם ארט האט קין גיהרגת הבל. אויף דעם אלדז ווא די סימנים

רער

קברו א"ר אלעזר בן פדת עופות השמים וחיות טהורות קברוהו. ונתן להן הקב"ה שכרן ב' ברכות שמברכים עליהן. א' לשחיטה וא' לכיסוי הדם: (יט) ר' יהושע דסכנין בשם ר' לוי אמר כתיב (פס לז) חרב פתחו רשעים וגו'. חרב פתחו רשעים ודרכו קשתם זה קין. להפיל עני ואביון לטבוח (סג) ישרי דרך. זה הבל. (סס) חרבם תבא בלבם וגו'. נע ונד תהיה בארץ: (כ) ויאמר ה' אל קין אי הבל אחיך וגו' משל (סד) לאיפרכוס שהיה מהלך באמצע (סה) פלטיא. מצא הרוג ואחד עומד על גביו. א"ל מי הרגו. א"ל (סו) אנא בעי ליה גבך ואת בעי ליה גבי. (סז) א"ל לא אמרת כלום. משל לאחד שנכנס לגינה ולקט (סח) תותין ואכל. והיה בעל הגינה רץ אחריו א"ל מה בידך. א"ל אין בידי כלום. א"ל והרי ידיך מלוכלכות. כך א"ל קין להקב"ה השומר אחי אנכי. א"ל הקב"ה הא רשע קול דמי אחיך צועקים אלי וגו'. משל לאחד שנכנס למרעה והטף גדי אחד והפשילו לאחוריו. והיה בעל המרעה רץ אחריו א"ל מה בידך א"ל אין בידי כלום. א"ל והרי הוא (סט) מפעה אחריך. כך אמר הקב"ה לקין קול דמי אחיך וגו':

ר'

## מתנות כהונה

ומיטב לה' משור פר שמקריב שור פר קרבן לה': (סג) ישרי דרך. זה הבל שנהג דרך ישר עם קין שלא הרגו כשהיה נופל תחתיו: (סד) איפרכוס. שר צבא המלך: (סה) פלטיא. רחוב גדולה רשות הרבים: (סו) אנא בעי ליה גרמי'. אני מבקשו מעמך ואומר שאתה הרגתו ואתה אומר שאני הרגתיו כי אין עד מוכיח ביניהו: (סז) אמר ליה לא אמרת כו'. נ"ל שפני חכמים היו נושאים ונותנים בדבר זה ואמר איש אל אחיו לא אמרת כלום במשל זה שאין הנדון דומה לראיה: (סח) תותין. מין פרי: (סט) מפעה. צועק: (ע) אתגיטין כו'. פירש כערוך

---

דער קנה מיט דעם ישט זענען. ווער האט בגראבין הבלן. רבי אלעזר בן פדת זאגט די עופות אונ די חיות וואס מען מעג זיי עסין האבין אים בגראבין. אונ גאט האט זיי גיגעבין זייער שכר די צוויי ברכות וואס מען מאכט אויף זיי ווען מען שעכט זיי. איין ברכה אויף דעם שעכטין אונ די אנדערע ברכה ווען מען דעקט צו זייער בלוט: (יט) רבי יהושע פון סכנין האט גיזאגט פון רבי לוים ווענין עס שטייט אין פסוק די רשעים האבין גיעפינט זייער שווערד אונ האבין גיטרעטין זייער בויגין. דאס מיינט מען קין. צו מאכין פאלין דעם ארעם מאן צו שעכטין דעם וואס גייט אין גלייכין וועג. דאס איז הבל. זייער שווערד זאל קומען אין זייער הארץ. זיי זאלין גישטראפט ווערין. ווי גאט האט גישטראפט קין אונ האט גיזאגט ער זאל זיין פארוואגילט אויף דער וועלט. ער זאל קיין רוה ניט האבין: (כ) (ויאמר). גאט האט גיזאגט צו קין ווא איז דיין ברודער הבל. למשל דער שר פון שטאט איז אמאהל גיגאנגען אין גאס האט ער גיפונען ליגען אגיהרגתין אונ אמענטש שטייט נעבין אים. זאגט דער שר צו דעם מענטש ווער האט אים גיהרגת. זאגט דער מענטש צום שר איך וויל פרעגין ביי דיר ווער האט אים גיהרגת. אונ דו פרעגסט ביי מיר ווער האט אים גיהרגת. זאגט דער שר צו דעם מענטש דיינע רייד איז גאר ניט. אז דא איז קיינער ניטא נאר דו גיוויס האסטו אים גיהרגת. אזוי האט קין גיזאגט צו גאט דו פרעגסט ביי מיר ווער האט גיהרגת מיין ברודער. אונ איך פרעג ביי דיר ווער האט אים גיהרגת. האט גאט גיזאגט דיינע רייד איז גאר ניט. אז אויף דער וועלט איז קיינער ניטא נאר דו. גיוויס האסטו אים גיהרגת. נאך אמשל איינער איז אריין גיגאנגען אין אגארטין אונ ער האט גינומען תותין (אזוי אפרי) אונ האט גיגעסין. אונ איז ארויס גיגאנגען פון גארטין. איז גיקומען דער בעל הבית פון גארטין אונ האט אים נאך געיאגט אונ פרעגט אים וואס האסטו אין האנט. זאגט דער מענטש איך האב גאר ניט. זאגט דער בעל הבית צו אים דיינע הענט זענען דאך נאס פון תותין וואס דו האסט גיגעסין. אזוי האט גיזאגט קין צו גאט בין איך דען דער היטער פון מיין ברודער. האט גאט גיזאגט צו קין די בלוט פון דיין ברידער שרייען צו מיר. נאך אמשל איינער איז אריין גיגאנגען אין אסטאדע אונ האט גיכאפט אשעפס אונ האט אים גיטראגין אויף די פלייצעס. דער בעל הבית פון די סטאדע איז גילאפין נאך אים אונ זאגט צו אים וואס האסטו גינומען פון די סטאדע. זאגט ער גאר ניט. זאגט דער בעל הבית דער שעפס וואס דו האסט אים גינומען שרייט דאך פון דיינע פלייצעס. אזוי האט גיזאגט גאט צו קין די בלוט פון דיין ברודער

שרייען

(כא) ר' יודן ור' הונא ורבנן. ר' יודן אומר דם אחיך אכ"כ אלא דמי אחיך. דמו ודם זרעיותיו. ר' הונא אמר (מלכים ב ט) את דמי נבות וכו' דם נבות ודם בניו אכ"כ. אלא את דמי נבות ואת דמי בניו. דמו ודם זרעיותיו. רבנן אמרין וימת בדם יהוידע אכ"כ. אלא (ד"ה ב כד) בדמי יהוידע. דמו ודם זרעיותיו: (כב) אמר רשב"י קשה הדבר לאומרו וא"א לפה לפרשו. לב' (ע) אתליטין שהיו עומדין (עא) ומתגוששים לפני המלך אילו רצה המלך פירשן ולא רצה המלך לפרשן. נתחזק אחד על חבירו והרגו. (עב) והיה מצווח ואומר מאן יבעי דיני קדם מלכא. כך קול דמי אחיך צועקים (עג) אלי: מן האדמה. לעלות למעלה (עד) לא היתה יכולה שעדיין לא עלתה לשם נשמה. למטה לא היתה יכולה (עה) לעמוד שעדיין (עו) לא נקבר שם אדם. והיה דמו מושלך (עז) על העצים ועל האבנים: (כג) ועתה ארור אתה. אמר רשב"ג בג' מקומות דברו הכתובים (עח) בלשון מועט. ועתה ארור אתה. (במדבר טז) ואם (עט) בריאה יברא ה'. (שופטים יח) ואנכי

## מתנות כהונה

כערוך ערים: (עא) מתגוששין. מתאבקין לספיל איש את רעהו: (עב) והיה מצוות כו'. האיש המוכה מצעק מי יתן לי מי שיתבע דיני ודמי מיד המלך כי דמי כראשו שאם היה רוצה היה מוחה ביד המכה: (עג) אלי. כמו עלי: (עד) לא היתה יכולה. נשמת הבל שעדיין כו'. מפני שלא מת שום אדם עדיין שתעלה נשמתו לשם: (עה) לעמוד. ולרחוף על הגוף:

### פציתי

(עו) לא נקבר. כשמת אין לה מנוחה עד שנקבר הגוף כדאיתא סוף מדרש קהלת: (עז) על העצים. נראה דדייק מדכתיב מן האדמה דמשמע למעלה מעל פני האדמה ודם הוא הנפש: (עח) בלשון מועט. שדיבר בל' קללה ועתה ארור שלא פי' במה נתקלל (עט) בריאה. יברא כלא"ל פה לארץ:

---

שרייען צו מיר: (כא) רבי יודן און רבי הונא און די רבנן זאגין. רבי יודן זאגט עס שטייט ניט אין פסוק דם אחיך. די בלוט פון דיין ברודער. נאר עס שטייט דמי אחיך די בלוטין פון דיין ברודער. פיל ערליי בלוט. זיין בלוט און די בלוט פון זיינע קינדער וואס ער וואלט האבין. רבי הונא זאגט ביי נבות וואס איזבל האט אים גיהרגת שטייט ניט דם נבות ודם בניו. די בלוט פון נבות און די בלוט פון זיינע קינדער. נאר עס שטייט דמי נבות ואת דמי בניו. די בלוטין פון נבות און די בלוטין פון זיינע קינדער. זייערע פיל בלוטין. די בלוט פון נבות און די בלוט פון זיינע קינדער וואס ער וואלט האבין און די בלוט פון די קינדער וואס די קינדער וואלטין האבין ביז צום סוף וועלט. די רבנן זאגין עס שטייט ניט ער איז גישטארבין בדם יהוידע. אין די בלוט פון יהוידע. נאר עס שטייט בדמי יהוידע. אין די בלוטין פון יהוידע. פיל בלוט. זיין בלוט און די בלוט פון זיינע קינדער וואס ער וואלט האבין: (כב) (אמר). רבי שמעון בן יוחי האט גיזאגט די זאך איז שווער צו זאגין און די מויל קען דאס ניט ארויס רעדין. למשל צוויי שרים זענען גישטאנען פאר דעם מלך און האבין גישלאגין איינער דעם אנדערין און איינער האט גיוואלט אומווארפין דעם אנדערין. אז דער מלך וואלט וועלין וואלט ער זיי צו שיידט. דער מלך האט אבער ניט גיוואלט זיי צו שיידען האט זיך גישטארקט איינער אויף דעם אנדערין און האט אים גיהרגת. האט דער טויטער געשריגען ווער וועט מאנען מיין בלוט פון דעם מלך. דער מלך איז שולדיג וואס מען האט מיך גיהרגת. ער האט מיך גיקענט רעטין פון דעם רוצח. אזוי האט גיזאגט גאט צו קין די בלוט פון דיין ברודער שרייען צו מיר. פאר וואס איך האב אים ניט גירעטעט פון דיין האנט. פון די ערד. די נשמה פון הבל האט ניט גיקענט ארויף גיין אין הימעל ווארום עס איז נאך קיין נשמה ניט ארויף גיגאנגען אין הימעל. (האט זיא ניט גיוואסט אויב זי דארף ארויף גיין אין הימעל). אויף די ערד האט די נשמה ניט גיקענט זיין ווייל עס איז נאך קיין מענטש ניט בגראבין גיווארין. האט די ערד ניט גיוואסט אויב זיא דארף צו נעמען אטויטין מענטש. און די נשמה האט קיין רוה ביז דער גוף ווערט בגראבין. איז דאס בלוט גיוועזן אויף העלצער און אויף שטיינער: (כג) (ועתה). און איצט זאלסטו זיין פארפלוכט. רבן שמעון בן גמליאל זאגט אין דריי ערטער רעט דער פסוק ווייניג. און איצט זאלסטו זיין פארפלוכט. און עס שטייט ניט וואס די קללה איז. און אויב גאט וועט בשאפין אבעשאפונג און עס שטייט ניט ער וועט בשאפין אמויל צו די ערד. און איך האב גיעפינט מיין מויל צו גאט און עס שטייט ניט: אנדר

פציתי פי לה': (כד) כי תעבוד את האדמה לא תוסף תת כחה. ר"א ור' יוסי ב"ח. ר"א אמר לך אינה נותנת (פא) לאחר נותנת. ריב"ח אמר לא לך ולא לאחר. (פב) ודכוותה (דברים כח) זרע רב תוציא השדה וגו'. ר' יהודה ור' נחמי'. ר"י אומר זורע סאה ומכנים סאה. א"ר נחמיה א"כ פרנסה מנין אלא הראויה לעשות כ' עושה ט"ו. והראויה לעשות י' עושה חמש. ד"א כי תעבוד את האדמה לא תוסף תת כחה לך. (פג) כחה אינה נותנת לך. כחך נותנת לך. (פד) כל כחך אינה נותנת לך. נותנת היא לך מקצת כחך: (כה) ויאמר קין אל ה' גדול עוני (פה) מנשא. לעליונים ולתחתונים אתה סובל ולפשעי אין אתה סובל. ד"א גדול עוני (פו) משל אבא אבא על מצוה קלה עבר ונטרד מתוך ג"ע. זו שהיא עבירה חמורה שפיכת דמים עאכו"כ גדול עוני. הן גרשה. (פז) אתמול גרשת את אבא. ועכשיו אתה מגרשני. הן גרשת אותי היום (פח) שמא מפניך אסתר והייתי נע ונד בארץ וגו': (כו) ויאמר לו ה' לכן כל הורג קין. ר' יהודה ור' נחמיה.

## מתנות כהונה

(פא) לאחר נותנת. אם יעבדנה אחר תוציא זרעה ואף אם יהיה קין נהנה ממנו. ורבי יוסי סבר שלזה לא צריך לך בכבר כתיב כי תעבוד כו' לא תוסיף תת כחה כו' הא אם יעבדה אחר תתן כחה כו' אלא בא לומר שאף לאחר לא תתן מן יהנה הוא ממנה: (פב) ודכוותה כו'. הרי שלר' יהודה לא הוציאה תוספת כלל כדעת ר' יוסי אבל קללת קין ור' נחמיה סבר בתוציאה מעט ממה שראויה ורגילה וכן דעת ריב"ח אבל קללת קין שלא תוציא כדרכה אלא לאחר ולא לו: (פג) כחה

רבי

אינה נותנת כו'. פירש"י כפי הראוי לגדל כפי כח האדמה אבל כפי כחך וטרחך בעמלת ההן לך: (פד) כל כחך כו'. לך קדייק ומלת לא תוסיף מובן את עצמו ואחר עמו ונמשך על מלת לך וטעמו אל תוסף תת לפי כחה גם לא לפי כחך: (פה) מנשא. פירושו מלסבול עליך כאילו הוא משא כבד: (פו) משל אבא, בניחותא: (פז) אתמול כו'. גרשת משמע לשעבר כבר גרשת כו'. (פח) שמא מפניך. והלא מלא כל הארץ

---

צו טאהן: (כד) (כי תעבוד). אז דו וועסט בעארבעטין די ערד וועט זיא ניט מער געבין איר כח צו דיר. רבי אליעזר אונ רבי יוסי בר חנינא קריגען. רבי אליעזר זאגט אזוי האט גאט גימיינט צו דיר וועט די ערד ניט געבין איר כח. אבער צו איין אנדערין וועט זיא יא געבין איר כח. רבי יוסי בר חנינא זאגט די ערד וועט ניט געבין איר כח ניט צו דיר אונ ניט צו איין אנדערין. טאמער וועסטו הנאה האבין פון די ערד דורך יענעמס ארבעט. אזוי אגלייכין שטייט אין פסוק פיל פארזייהונג וועסטו ארויס טראגין אין פעלד. אונ ווייניג וועסטו אריין ברייגגען. רבי יהודה אונ רבי נחמיה קריגען. רבי יהודה זאגט ער וועט פאר זייהען אסאה אונ וועט אריין ברייגגען פון פעלד אויך אסאה. רבי נחמיה זאגט אויב אזוי פון וואנען וועט מען לעבין. נאר די פעלד וואס פון איר דארף וואקסין צוואנציג סאה. וועט וואקסין צעהן. אונ וואס עס דארף וואקסין צעהן סאה וועט וואקסין פינף סאה. נאך אפשט איז אז דו וועסט בעארבעטין די ערד וועט זיא ניט מעהר געבין איר כח צו דיר. איר כח וועט זיא צו דיר ניט געבין. אבער דיין כח וועט זיא דיר געבין. די ערד וועט דיר געבין תבואה נאך דיין ארבעט. אבער ניט ווי פיל זיא קען געבין. דיין גאנצין כח וועט זיא דיר ניט געבין. אבער אביסול פון דיין כח וועט זיא דיר געבין. די ערד וועט דיר געבין תבואה ניט נאך איר גאנצין כח אונ ניט נאך דיין גאנצין כח: (כה) (ויאמר). קין האט גיזאגט צו גאט איז דען אזוי גרויס מיין זינד אז מען קען גאר ניט פאר געבין. צו די אובערשטע אונ די אונטערשטע קענסטו טראגין אונ מיין זינד קענסטו ניט טראגין. נאך אפשט איז אזוי האט קין גיזאגט מיין זינד איז גרעסער ווי די זינד פון מיין פאטער. מאדאך מיין פאטער האט געזינדיגט וואס ער האט ניט געהאלטין אגרינגע מצוה. האט מען אים ארויס געטריבען פון גן עדן. איך וואס איך האב גיטאהן אגרויסע עבירה. איך האב גיהרגת אמענטש. איז געוויס מיין עבירה גרויס אז מען קען זיא ניט פארגעבין. הן גרשת. נעכטין האסטו ארויס געטריבען מיין פאטער (פון גן עדן). אבער אויף די גאנצע וועלט מעג ער זיין. היינט טרייבסטו מיך ארויס. דו טרייבסט מיך היינט ארויס (פון די גאנצע וועלט). ווא הין וועל איך גיין. קען איך דען מיך פארבארגין פאר דיר. דו ביזט דאך פול די גאנצע וועלט. איך וועל גיין אויף די וועלט פון איין ארט צום אנדערין: (כו) (ויאמר). גאט האט גיזאגט צו קין דריבער חער עס וועט הרגנן קין וועט

ר"י אומר נתכנסו בהמה חיה ועוף לתבוע דמו של הבל. אמר להו לכן אני אומר כל הורג קין יהרג. א"ר לוי בא נחש הקדמוני לתבוע דינו של הבל. א"ל הקב"ה לכן אני אומר כל הורג קין יהרג. ר' נחמיה אמר לא כדינן של רוצחנין דינו של קין. קין הרג ולא היה לו (פט) ממי ללמוד. מכאן ואילך כל הורג קין יהרג: (כו) וישם ה' לקין אות. ר' יהודה ור' נחמיה. ר"י אמר הזריח לו (ל) גלגל חמה. א"ר נחמיה לאותו רשע היה מזריח לו הקב"ה גלגל חמה. אלא מלמד שהזריח לו (לא) הצרעת הסד"א (שמות ד) והיה אם לא יאמינו לך ולא ישמעו לקול האות וגו'. רב אמר (לב) כלב מסר לו. אבא יוסי בן קסרי אמר (לג) קרן הצמיח לו. רב אמר עשאו (לד) אות לרוצחנים. ר' חנין אמר עשאו (לה) אות לבעלי תשובה. ר' לוי בשם רשב"ל אמר תלאו (לו) ברפיון ובא מבול ושטפו שנאמר (בראשית ז) וימח את כל היקום אשר על פני האדמה. כד"א ויקם קין וגו: (כח) ויצא קין מלפני ה'. מהיכן יצא. ר' יודן בשם ר' איבו אמר (לז) הפשיל דברים לאחוריו

## מתנות כהונה

כארץ כבודך ואם כן אנה אלך מרוחך: (פט) ממי ננמוה. מכן אל יעשה: (ל) גלגל חמה. פירש"י בשבילו כדי שידעו שכל שתלה הקב"ה את דינו ולא הלה נהרגו: (לא) הצרעת. פי' האב"א כזה ידעו הכל שקבל את דינו שהצרעת תשוב כמת: (לב) כלב. לשומרו מן הרצחנים: (לג) קרן. י"א פי' שהקב"ה ר הה עניו והצמיח לו קרן ישועה ורחמים: (לד) אות לרצחנים. שממנו יראו עונש הרוצח שכבר יהיה להם ממי ללמוד: (לה) אות לבעלי תשובה. שאם ישובו יקבלם הקב"ה שהרי קבל לקין כששב ושודה: (לו) ברפיון. באויר: (לז) הפשיל. השליך

---

געשטראפט ווערין. רבי יהודה אונ רבי נחמיה קריגען. רבי יהודה זאגט די בהמות אונ חיות אונ עופות האבין זיך פארזאמעלט צו קין מאנען פון איהם די בלוט פון הבל. האט גאט געזאגט צו זיי דריבער זאג איך איך ווער עס וועט הרגנען קין וועט געהרגעט ווערין. רבי לוי זאגט דער שלאנג איז געקומען צו קין מאנען פון איהם דאס בלוט פון הבל. האט גאט געזאגט צו איהם דריבער זאג איך ווער עס וועט הרגנען קין וועט געהרגעט ווערין. רבי נחמיה זאגט דער דין פון קין דארף ניט זיין ווי דער דין פון אלע רוצחים. ווען קין האט געהרגעט האט ער ניט געהאט פון וועמען צו לערנען אז מען זאל ניט אזוי טאהן. דריבער דארף מען ניט הרגנען קין. אבער פון היינט אונ ווייטער ווער עס וועט הרגנען קין וועט ער געהרגעט ווערין: (כו) וישם ה'. גאט האט געמאכט צו קין אצייכין. וואס איז געוועזען דער צייכין. קריגען רבי יהודה אונ רבי נחמיה. רבי יהודה זאגט גאט האט געמאכט שיינען די זוהן (אין דעם טאג מער ווי אלע טאג) האט מען געוואוסט אז גאט האט איהם מוחל געוועזען די עבירה. רבי נחמיה זאגט פאר דעם רשע וועט גאט אויף שיינען די זוהן. נאר דער צייכין איז געוועזען גאט האט געמאכט שיינען אויף איהם קרעץ. ווארום מיר געפינען אז קרעץ ווערט גירופין אצייכין. ווארום גאט האט געזאגט צו משה אויב די יודין וועלין דיר ניט גלויבין אונ זיי וועלין ניט אן נעמען דעם ערשטין צייכין וועלין זיי אן נעמען דעם אנדערין צייכין וואס דו וועסט אריין שטעקין די האנט אין בוזעם אונ וועסט זיא ארויס נעמען קרעציג. רב זאגט גאט האט געגעבין צו קין אהונט ער זאל מיט איהם גיין אונ איהם היטען. אבא יוסי בן קסרי זאגט עס איז ארויס געוואקסין פון קין ס שטערין אהארין. רב זאגט אזוי מיינט דער פסוק גאט האט געמאכט קין פאר אצייכין אויף דער וועלט. ווער עס וועט הרגנען אמענטשין וועט געשטראפט ווערין אזוי ווי קין. רבי חנין זאגט גאט האט געמאכט קין פאר אצייכין אויף דער וועלט. ווער עס וועט זינדיגען אונ וועט תשובה טאהן. וועט גאט איהם מוחל זיין. רבי לוי זאגט פון רבי שמעון בן לקיש וועגין גאט האט לויז גילאזין קין. אונ האט איהם ניט געשטראפט. ביז דער מבול איז געקומען אונ האט איהם פארפלייצט. ווי דער פסוק זאגט דער מבול האט אפגעמעקט דאס גאנצע בשטאנד פון די ערד. אונ ביי קין שטייט ויקם קין. קין איז אויף געשטאנען. דאס בעשטאנד פון קין האט אויך דער מבול אפגעמעקט: (כח) ויצא קין. קין איז ארויס געגאנגען פון פאר גאט. פון וואנען איז ער ארויס געגאנגען. רבי יודן האט געזאגט פון רבי איבו ס וועגין די רייד פון גאט האט קין געווארפין אינטער זיך. אונ איז אוועק געגאנגען פון דעם ארט וואס גאט האט

מיט

לאחוריו (לח) ויצא כגונב דעת העליונה. ר' ברכיה בשם ר"א בר' שמעון אמר יצא (לט) כמפרים וכמרמה בבוראו. ר' חמא בשם רבי חנינא בר ר' יצחק אמר יצא שמח. המד"א (שמות ד) הנה הוא יוצא לקראתך וגו'. פגע בו אדה"ר אמר ליה מה נעשה בדינך. אמר ליה עשיתי תשובה ונתפשרתי. התחיל אדה"ר מטפח על פניו. אמר כך היא כחה של תשובה ואני לא הייתי יודע. מיד עמד אדה"ר ואמר (תהלים צב) מזמור שיר (ק) ליום השבת וגו'. א"ר לוי המזמור הזה אדה"ר אמרו ונשתכח מדורו ובא משה וחדשו על שמו. (קא) מזמור שיר ליום השבת טוב להודות לה' וגו':

**פרשה כג** (א) וידע קין את אשתו וגו. (תהלים מט) (א) קרבם בתימו לעולם. ר' יודן ור' פנחס. ר' יודן אמר מה סבורין הרשעים שקרבם בתימו לעולם וגו'. (שם) קראו בשמותם (ב) עלי אדמות. טבריה ע"ש טיבריאים. אלכסנדריאה ע"ש אלכסנדרוס. אנטוכיאה ע"ש אנטיוכוס. ור"פ אמר קרבם בתימו לעולם. למחר בתיהם נעשים (ג) קבריהם. (שם) משכנותם לדור ודור. שאינן (ד) לא חיים ולא נידונין. ולא עוד אלא שקראו בשמותם עלי אדמות. ויהי בונה עיר ויקרא שם העיר כשם בנו חנוך

## מתנות כהונה

ספלוך דברי הש"י לאחוריו ולא השניה כהן: (לח) ויצא כגונב כו'. שאמר לא ידעתי השומר אחי אנכי: (לט) כמפרים. לשון פרוסה וחלוקה שילא בלב חלוק שלא היה פיו ולבו שוין וכמרמה שאמר דרך תשובה גדול עוני מנשוא ובקרבו ישים ארבו: (ק) ליום השבת וגו'. גרסינן ופסוק טוב להודות לה': (קא) מזמור שיר ליום השבת.

נוטריקון משם ושויל למ"ד בינהם מפני עגום יתירים: (א) קרבם בתימו. שישארו בקרב בתיהם לעולם: (ב) עלי אדמות. על שערים אשר המה בונים קוראים שמותם: (ג) קבריהם. כמו שמפרש התרגום בבית קבורתהון ישרון לעלם: (ד) לא חיים כו'. פירש"י שאין לדינם גמר שכל שעה

---

מיט אים גירעט אזוי ווי איינער גנבת די דעה פון גאט. אז גאט ווייס גאר ניט וואס ער מיינט. רבי ברכיה האט גיזאגט פון רבי אלעזר ברבי שמעון ס וועגין קין איז אוועק גיגאנגען פון דעם ארט וואס גאט האט מיט אים גירעט. מיט אצוטיילטע הארץ. ער האט גיטראכט אין הארץ אנדערש ווי ער האט גירעט פאר גאט מיט דעם מויל. ער האט גימיינט אז ער נארט גאט. רבי חמא האט גיזאגט פון רבי חנינא בר רבי יצחק ס וועגין קין איז ארויס גיגאנגען פרייליך. (ווי גאט האט גיזאגט צו משה אהרן וועט ארויס גיין געגין דיר אונ וועט זיך פרייען. וועהן מיר אז ארויס גיין מיינט מען פרייליך. אדם הראשון האט בגעגינט קין אונ האט געזאגט צו אים וואס איז גיווארין מיט דיין משפט. האט קין גיזאגט איך האב גיטאהן תשובה אונ האב מיך פארגלייכט. האט אדם אנגיהויבין שלאגין מיט די העגט דעם פנים. אונ האט גיזאגט אזוי גרויס איז דער כח פון תשובה אונ איך האב ניט גיוואסט. האט אדם אנגיהויבין זאגין דעם קפיטול מזמור שיר ליום השבת. עס איז גוט צו לויבין גאט (אונ מען זאל צו אים תשובה טאהן). רבי לוי זאגט דעם קפיטול מזמור שיר ליום השבת האט אים אדם הראשון גיזאגט. דער נאך איז ער פארגעסין גיווארין. האט אים משה גיזאגט אויף זיין נאמען:

**פרשה כג** (א) וידע קין. קין האט געליבט זיין ווייב אונ זיא האט גיבארין אזוהן חנוך. האט קין גיבאהט אשטאט אונ האט גירופין די שטאט חנוך ווי דער נאמען פון זיין זוהן. דוד המלך האט גיזאגט קרבם בתימו לעולם. רבי יודן אונ רבי פנחס קריגען. רבי יודן זאגט אזוי האט דוד גיזאגט וואס מיינען די רשעים קרבם בתימו לעולם. אז זיי וועלין זיין אייביג אין זייערע הייזער. דריבער רופין זיי זייערע נעמען אויף די הייזער וואס זיי באהען אויף די ערד. טיבירואים האט גיבאהט אשטאט רופט ער זיא טבריה. אלכסנדרוס האט גיבאהט אשטאט רופט ער זיא אלכסנדריאה. אנטיוכס האט גיבאהט אשטאט רופט ער זיא אנטוכיאה. עס וועט ניט אזוי זיין. די הייזער וועלין אמאהל בלייבין ביי פרעמדע מענטשין אונ זייערע נעמען וועלין פון די הייזער אפ גימעקט ווערין. רבי פנחס זאגט אזוי האט דוד גימיינט קרבם בתימו לעולם. קרבם איז פאר קערט קברם. זייערע אייביגע הייזער וועלין זיין די קברים. די קברים וועלין זיין זייער רוהונג אויף אייביג. זיי וועלין ניט לעבין אונ זייער משפט וועט זיך קיין מאהל ניט ענדיגען. אונ ניט נאר דאס טוהען זייא נאר זיי

רופין

חנוך: (ב) ויולד לחנוך את עירד וגו'. אמר ריב"ל כולן לשון (ה) מרדות הן. עירד (ו) עורדן אני מן העולם. מחויאל. (ז) מוחן אני מן העולם. מתושאל. מתישן אני מן העולם. (ח) למך. מה לי ללמך ולתולדותיו: (ג) ויקח לו למך שתי נשים שם האחת עדה ושם השנית צלה. א"ר עזריה בשם ר' יהודה בר סימון כך היו אנשי דור המבול עושין. היה אחד מהן לוקח לו (ט) שתים אחת לפריה ורביה ואחת לתשמיש. זו שהיתה לפריה ורביה היתה יושבת כאילו אלמנה בחייה (כ"א בחיי בעלה) וזו שהיתה לתשמיש היה משקה כוס של (י) עקרים שלא תלד. והיתה יושבת אצלו מקושטת כזונה. הה"ד (איוב כד) רועה עקרה לא תלד ואלמנה לא ייטיב. תדע לך שכן. שהרי (יא) הברור שבהן היה למך ולקח ב' נשים. הה"ד ויקח לו למך שתי נשים שם האחת עדה (יב) דעדה מיניה. ושם השנית צלה שהיתה יושבת בצלו: (ד) ותלד עדה את יבל וגו'. לשעבר היו (יג) מקנין להקב"ה בממונות. חזרו להיות מקנין אותו בפרהסיא. הה"ד (יחזקאל

מ'

## מתנות כהונה

הם קיימים ונידונין בדין גיהנם: (ה) מרדות. מכות וממון ע"ש שמרדו בהקב"ה ונתחייבו כלייה: (ו) עורדן. פירש"י כערוד הזה שהוא דר במדבר ואין אדם יודע בו כך מאבדן אני מעולם: (ז) מוחן. לשון וימח את כל היקום: (ח) למך מה לי וכו'. למך נוטריקון מה לי ללמך או מה לי ולך: (ט) שתים. שתי נשים: (י) עיקרים. שאל ידו נעקר כאם שלא כדי שלא תלד: (יא) הברור. הטוב והמובחר: (יב) דעדה מיניה. שהוסרה ממנו: (יג) מקנין. לשון כעס וקנאה להקב"ה ודרש לשון אהל ומקנה שיושבין בסתר האהלים ומקנים בעבודות זרות שלהן ואח"כ בפרהסיא בכנור ועוגב:

---

דורפין זייערע נעמען אויף די הייזער וואס זיי באהען אויף די ערד. די הייזער וועלין בלייבין אונ זיי וועלין פון די וועלט אוועק גיין. אזוי ווי קין האט גימאהן ער האט גיבאהט אשטאט אונ האט גירופין דעם נאמען פון די שטאט חנוך ווי דער נאמען פון זיין זוהן. אונ קין איז ניטא. חנוך איז ניטא. זיי זענען אלע גישטארבין: (ב) (ויולד לחנוך). צו חנוך איז גיבארין גיווארין עירד. רבי יהושע בן לוי זאגט די אלע נעמען ווייזין אז זיי וועלין גישלאגין ווערין פון גאט. דער נאמען עירד ווייזט אז גאט וועט זיי פארלירען פון דער וועלט אזוי ווי דער שלאנג איז פארלארין גיווארין. דער נאמען מחויאל ווייזט אז גאט וועט זיי אפמעקין פון דער וועלט. דער נאמען מתושאל ווייזט אז גאט וועט זיי אויסרייסין פון דער וועלט. דער נאמען למך ווייזט מה לי ללמך. וואס האב איך צו למך אונ צו זיינע קינדער זיי זאלין זיין אויף דער וועלט: (ג) (ויקח). למך האט גינומען צוויי ווייבער איינע האט גיהייסין עדה די אנדערע האט גיהייסין צלה. רבי עזריה האט גיזאגט פון רבי יהודה בר סימון'ס ווענין די מענטשין וואס זענען גיוועזען אין דער צייט פון מבול פלעגין אזוי טאהן. יעדער האט גינומען צוויי ווייבער איינע צו קינדער האבין אונ איינע צו תשמיש המטה. די ווייב וואס איז גיוועזען צו קינדער האבין איז זיא גיזעסין טרויעריג גלייך ווי זיא וואלט גיוועזען אלמנה. אונ די ווייב וואס איז גיוועזען צו תשמיש האט מען איר גיגעבין טרינקען אזוי א משקה אז זיא זאל ניט קענען קינדער האבין. אונ זיא פלעגט זיצען ביי איר מאן געציירט ווי א זונה. ווי דער פסוק זאגט דיא פרויא וואס וועט ניט האבין קינדער האט דער מאן זיא געפיטערט. אונ די פרויא וואס איז גיזעסין ווי אאלמנה. איר האט דער מאן קיין גוטס גיטאהן. איך וועל דיר ווייזין אז זיי פלעגין אזוי טאהן. דער בעסטער פון זיי איז גיוועזען למך. אונ ער האט אויך גינומען צוויי ווייבער. ווי דער פסוק זאגט למך האט גינומען צוויי ווייבער. איינע האט גיהייסין עדה. ווייל זיא איז גיוועזען אפגעזונדערט פון מאן (די וואס איז גיוועזען צו קינדער האבין). די אנדערע האט גיהייסין צלה. ווייל זיא איז שטענדיג גיוועזען אין זיין שאטען. זיא איז גיוועזען נעבין איר מאן למך: (ד) (ותלד). עדה האט גיבארין דעם יבל. ער איז גיוועזען דער ערשטער פון די וואס זענען גיזעסין אין גיצאלטין ומקנה. מקנה איז דער טייטש דער ערגען. ער איז גיוועזען דער ערשטער וואס האט דערצערינט גאט אין דער שטיל אין זיין גיצאלט. פריער האט מען דערצערינט גאט אין דער שטיל. דער נאך האבין זיי אנגיהויבין דער צערגען גאט עפענטליך. ווי דער פסוק זאגט דארט זיצט דאס בילד הקנאה המקנה. וואס דערצערינט גאט. איז מקנה

ח) אשר שם טושב (יד) סמל הקנאה המקנה. ושם אחיו יובל הוא היה אבי כל תופש כנור ועוגב. (טו) אדרכ־לין וכורבלין. וצלה גם היא ילדה את תובל קין. ר יהושע דסכנין בשם ר' לוי אמר זה (טז) תבל עבירתו של קין. קין הרג ולא היה לו במה להרוג. אבל זה לוטש כל חירש נחושת וברזל. ואחות תובל קין נעמה. א"ר אבא ב"כ נעמה אשתו של נח היתה. ולמה היו קורין אותה נעמה שהיו מעשיה (יז) נעימים. ורבנן אמרי נעמה אחרת היתה: ולמה היו קורין אותה נעמה. שהיתה מנעמת בתוף לעבודה זרה: (ה) ויאמר למך לנשיו עדה וצלה שמען קולי. ר"י ב"ח אמר תבען לתשמיש: א"ל למחר המבול בא (יח) נשמע לך ונהיה פרות ורבות (יט) למארה. א"ל (כ) וכי איש הרגתי לפצעי. שיבואו עלי פצעים בשבילו. וילד לחבורתי. שיבואו עלי חבורות בשבילו. אתמהא. קין הרג ונתלה לו ז' דורות. ואני שלא הרגתי אינו דין שיתלה לי שבעים ושבעה. ר' אמר הרי זה ק"ו של (כא) חשך. (כב) א"כ מהיכן הקב"ה גובה שטר חובו. ר' יעקב בר אידי בעא קמיה דר' יוחנן. אם איש למה ילד ואם ילד למה איש. א"ל איש (כג) לאברים וילד

## מתנות כהונה

(יד) סמל הקנאה. ל' מקנה והאי קרא מיירי בקנאה של ע"ג: (טו) הדרכילין וכירבלין. מיני כלי זמר הן: (טז) תבל עבירתו כו'. תקן אותה כמו שנותן הבלין בקדרה ומתקנה: (יז) נעימים. בכשרות: (יח) נשמע לך. אם נשמע לך: (יט) למארה. לקללה ולחסרון: (כ) כי איש הרגתי כו'. פירש"י בתומה וכי אני הרגתי את הבל שהיה איש בקומה וילד בשנים כדלקמן: (כא) חשך. שאין לו שטר ועדים: (כב) א"כ כו'. שגם בניו יאמרו כן מק"ו שלא תעשו גם כמה ומהיכן יגבה הקב"ה את חובו מדור המבול: (כג) לאיברים.

---

דער טייטש דער צערגען. דער נאמען פון זיין ברודער איז געוועזן יובל. ער איז געוועזן דער ערשטער פון די וואס האלטן כנור ועוגב צו שפילען. כנור און עוגב דאס איז אדרבולין און בורבלין (אזעלכע מוזיקאלישע אינסטרומענטן). און צלה האט אויך געבארין אזוהן תובל קין. רבי יהושע פון סיכנין האט געזאגט פון רבי לוים וועגין. תובל איז דער טייטש בשמים. דער תובל האט פארבעסערט די עבירה פון קין. אזוי ווי מען פארבעסערט אמאל עסין מיט בשמים. קין האט גיהרגת און האט נים גיהאט מיט וואס צו הרגנן. אבער תובל האט גימאכט כלים (שווערדין שפיזען) פון קופער און פון אייזין. די שוועסטער פון תובל קין האט גיהייסין נעמה. רבי אבא בר כהנא זאגט נעמה איז געוועזן די ווייב פון נח. פאר וואס האט מען זיא גירופין נעמה. ווייל אירע מעשים זענען געוועזן זים. זיא איז געוועזן פרום. די רבנן זאגין עם איז געוועזן איין אנדער נעמה אפרומע וואס איז געוועזן די ווייב פון נח. און פאר וואס האט מען גירופין תובל קין ם שוועסטער נעמה. ווייל זיא האט גיזונגען זיסע לידער ווען זיא האט גיפויקט צו די עבודה זרה: (ה) (ויאמר). למך האט גיזאגט צו זיינע ווייבער עדה און צלה הערט מיין שטימע. רבי יוסי בר חנינא זאגט ער האט זיי גימאנט צו תשמיש. האבין די ווייבער גיזאגט צו למך מארגין וועט קומען אמבול צו וואס זאלין מיר האבין קינדער זיי זאלין דער טרונקען ווערין אין מבול. האט למך גיזאגט צו די ווייבער פאר וואס זאל איך דען געשטראפט ווערין. דעם מענטש (קין) וואס איך האב גיהרגת איז דען דאס צו מיין וואונד. דארף איך דען געשטראפט ווערין פאר אים. אדער דעם קינד (תובל קין) וואס איך האב גיהרגת איז דען דאס צו מיין בייל. דארף איך דען גישטראפט ווערין פאר אים. אוואנדר. קין האט גיהרגת הבל גערין האט מען אים גיווארט זיבען דורות. איך וואס האב גיהרגת אומגערין איז געווים אז מען וועט מיר ווארטין זיבען און זיבעציג דורות. רבי זאגט דאס איז אפינסטערער קל וחומר. אנארישער. אויב גאט וועט נים שטראפין די קינדער פאר די עבירות פון די עלטערין. פון וואנען וועט גאט אפנעמען זיין חוב. דריבער אפילו למך אליין האט נים געזינדיגט. פון רעסטוועגין דארף ער מיט זיינע קינדער גישטראפט ווערין דורך די זינד פון זייערע עלטערין. רבי יעקב בר אידי האט גיפרעגט פאר רבי יוחנן למך האט גיזאגט וכי איש הרגתי לפצעי וילד לחבורתי. האב איך דען גיהרגת אמענטש וואס דאס זאל זיין מיין וואונד. האב איך דען גיהרגת אקינד וואס דאס זאל זיין מיין בייל. אויב ער איז געוועזן איש (אגרויסער מענטש) פאר וואס

רופט

וילד לשנים. א"ל (כד) איתא ניזיל גבי אדם אזלון לגבי אדם. א"ל עשו אתם שלכם
והקב"ה עושה את שלו. א"ל (כה) אסיא אסי חיגרתך. כלום פרשת מתוה הני ק"ל שנה
אלא כדי שלא תעמיד ממנה בן. אתמהא. כיון ששמע כן נזקק להעמיד תולדות:
(ו) וידע אדם עוד את אשתו. (כו) נתוסף לו תאוה על תאותו. לשעבר (כז) אם לא
היה רואה לא היה מתאוה. עכשיו בין רואה בין שאינו רואה הוא מתאוה. ר' אבא בר
יודן בשם ר' אחא. רמז (כח) למפרשי ימים שיהו נזכרים את בתיהם ובאים מיד:
(ז) ותקרא את שמו שת כי שת לי אלהים זרע אחר וגו'. ר' תנחומא בשם ר' שמואל
אמר. (כט) נסתכלה אותו זרע שהוא בא ממקום אחר. ואיזה זה מלך המשיח: (ח) (ל) תחת
הבל כי הרגו קין. (לא) מחטייה של הבל נהרג קין. לשני אילנות שהיו סמוכין זה לזה.
(לב) פכרה רוח את אחד מהן ונפל על חבירו ופכרו כך. תחת הבל כי הרגו קין מחטייה
של הבל נהרג קין: (ט) ולשת גם הוא יולד בן ויקרא את שמו אנוש. בעון קומי אבא
כהן

## מתנות כהונה

גדול בקומה: (כד) איתא ניזיל. גרסי' פי' בואו: (כה) אסיא אסי כו'. רופא רפא את חגרתך כלומר מכתך והוא דרך משל שהוא עצמו לא היה עוסק בפריה ורביה: (כו) נתוסף לו. עוד קדרים לשון רבוי: (כז) אם לא היה רואה. את הוה: (כח) למפרשי ימים כו'. רמז למפרשי ימים אע"פ שרחוקים מביתם יעוררו תאותם וימהרו ביאתם לביתם לקיים עונתן אחת לששה חדשים: (כט) נסתכלה אותה זרע כו'. ל' זרות והוא מלך המשיח שבא מזרע מואב מאסורים לבא בקהל: (ל) תחת הבל כו'. משמע הבל הרג לקין: (לא) מחטייה. מפני החטא שנעשה בהבל: (לב) פכרה

---

רופט ער אים ילד (אקינד). אונ אויב ער איז געוועזן ילד פאר וואס רופט ער אים איש. האט רבי יוחנן געזאגט די גלידער זיינע זענען געוועזן גרויס געוואקסן ווי פון אגרויסין מענטש. אונ אין יאהרין איז ער נאך געוועזן אקינד. האט למך געזאגט צו זיינע ווייבער קומט מיר וועלין גיין צו אדם. זענען זיי געגאנגען צו אדם. האט אדם געזאגט צו למך'ם ווייבער איר טוהט דאס איערינע אונ בהעפט אייך מיט אייער מאן אונ האט קינדער. אונ גאט זאל טאהן דאס זיינינע. האבין די ווייבער געזאגט צו אדם דאקטאר הייל דיין קראנקייט. פאר וואס האסטו דיך אפגעשיידט פון חוה שוין הונדערט מיט דרייסיג יאהר. ווייל דו ווילסט ניט האבין פון איר קינדער. פאר וואס הייסטו אונז האבין קינדער. ווי אדם האט דאס געהערט האט ער זיך בהעפט מיט חוה ער זאל האבין פון איר קינדער: (ו) (וידע). אדם האט נאך ליב געהאט זיין ווייב. וואס מיינט מען נאך. ער האט איצט געהאט צו איר תאוה נאך מעהר ווי פריער. פריער אז ער האט איר ניט געזעהן האט ער ניט געגלוסט צו איר. איצט אפילו ער האט איר ניט געזעהן האט ער אויך געגלוסט צו איר. רבי אבא בר יודן האט געזאגט פון רבי אחא'ס וועגין דאס ווייזט מען די מענטשין וואס שיפען זיך אויף דעם ים זיי זאלין געדיינקען אן זייערע ווייבער אונ זאלין קומען געשווינדט אהיים. דריבער האט מען געגעבין דעם מענטש אתאוה צו זיין ווייב אפילו ער זעהט זיא ניט: (ז) (ותקרא). חוה האט גירופין דעם נאמען פון דעם זוהן שת. זיא האט געזאגט גאט האט מיר געגעבין איין אנדער קינד פאר דעם קינד וואס קין האט אים געהרגת. רבי תנחומא זאגט פון רבי שמואל'ס וועגין פאר וואס האט זיא געזאגט "איין אנדער קינד". אונ האט ניט געזאגט גאט האט מיר געגעבין אזוהן. ווייל זיא האט געזעהן וואס שפעטער וועט זיין עס וועט פון אירע קינדער ארויס קומען אקינד וואס ער וועט קומען פון איין אנדער ארט. דאס מיינט מען דעם משיח. וואס ער קומט ארויס פון דוד. אונ דוד איז געבארין פון מואב: (ח) (תחת הבל). דורך די זינד וואס קין האט געזינדיגט אן הבל וואס ער האט אים געהרגת. איז קין געהרגת געווארין. למשל צוויי בוימער זענען געשטאנען איינער נעבין דעם אנדערין האט דער ווינט צו בראכין איין בוים. איז דער בוים געפאלין אויף דעם אנדערין בוים אונ האט אים צו בראכין. אזוי איז געוועזן דא אויך. קין האט געהרגת הבל. איז די עבירה פון הבל'ס הרגנן געפאלין אויף קין אונ האט אים אויך געהרגת: (ט) ולשת. צו שת איז אויך געבארין געווארין אזוהן האט ער גירופין זיין נאמען אנוש. מען האט געפרעגט ביי אבא כהן ברדלא פאר וואס זאגט די תורה אדם האט געבארין שת. שת האט געבארין אנוש. אונ די תורה זאגט ניט אנוש האט געבארין קינן. נאר זיא הייבט אן איין אנדער זאך זה ספר תולדות אדם.

דער

כהן (לב) ברדלא. (לג) אדם שת אנוש ושתק. א"ל. ע"כ בצלם ובדמות. מכאן ואילך נתקלקלו הדורות ונבראו (לד) קינטורין. ד' דברים נשתנו בימי אנוש בן שת. ההרים נעשו (לה) טרשים. והתחיל המת (לו) מרחיש. ונעשו פניהן כקופות. ונעשו (לז) חולין למזיקין. א"ר יצחק הן הן שגרמו לעצמן להיות חולין למזיקין. (לח) מה בין דנחין לצלמא. למאן דנחין לבר נש: (י) אז הוחל (בראשית ד) א"ר סימון בג' מקומות נאמר בלשון הזה לשון מרד. אז הוחל לקרא בשם ה'. (שם כו) ויהי כי החל האדם. הוא החל להיות גבור בארץ. איתיבון, והכתיב (לט) וזה החלם לעשות. א"ל (מ) קיפח על ראשו של נמרוד ואמר זה המרידן עלי. א"ר לוי לאשה שאמרה לבעלה ראיתי בחלום שאת (מא) מגרשני. א"ל ולמה בחלום הא לך (מב) בעלילות. א"ר אחא אתם עשיתם עצמיכם ע"ז וקראתם (מג) לשמכם. אף אני אקרא למי הים לשמי ואכלה אותן האנשים מן העולם

## מתנות כהונה

שגרס: (לב) ברדלא. בן דלא. דלא שם איש: (לג) אדם שת אנוש. ברים דברי הימים ושתק ולא ספר שוב הדורות מכאן ואילך: (לד) קינטורין. מכעיסין לפני המקום: (לה) טרשים. פירש"י תקים כסלע ולא היו ראויים לחרוש ולזרוע: (לו) מרחיש. רוחש ברמה ותולעה ובראשונה לא הסריח המת: (לז) חולין. מוחל דרש לשון חולין כלומר נעשו הפקר ותולין למזיקים שלטו בהם ובראשונה היו נבראים בצלם אלהים והיו המזיקין בדילין ונרתעין מפני צלם הקודש עכשיו משנבראו כקופין וסר צלם אלהים מעליהם המזיקין יכלו להם: (לח) מה בין כו'. כך היו אומרים מה בין המשתחוה לצלם עשוי בדמות או בין המשתחוה לאדם החשוב ממנו אמר הקב"ה אין צלם אלהים חשוב בעיניכם יסיר הצלם מעליכם והמזיקים ימצאו מקום לשלוט בהם: (לט) וזה החילם. והרי הם ד': (מ) קפח. הקב"ה הכה על ראשו של נמרוד ואמר לפמליא של מעלה זה החינם והדריכם נמרוד במרים: קיפח. לשון הכאה: (מא) מגרשני. והיא היתה סוברת שיאמר מה לי לעשות בזאת: (מב) בעלילות. בגלוי ופרהסיא: (מג) לשמכם. שקראו שמות האדם בשם ה' לעבודת ע"ג:

דער נאך זאגט די תורה די איבעריגע דורות ווי אזוי איינער איז געבארן פון דעם אנדערן. האט אבא כהן געזאגט ווייל שת איז געבארן געווארן אין דעם פארגלייך פון אדם. אונ אנוש איז געבארן געווארן אין דעם פארגלייך פון שת. דריבער שטייען די דריי צו זאמען. אבער די קינדער פון אנוש זענען נים גלייך געווען צו אנוש. די קינדער זענען שוין קאליע געווארן אונ האבען דער צערינגט נאט. דריבער האט די תורה געשטעלט די קינדער באזונדער. פיר זאכען איז געענדערט געווארן אין די צייט פון אנוש דער זוהן פון שת. די בערג זענען געווארן הארט. מען זאל נים קענען האקערן אונ זייען אויף זיי. דער וואס איז געשטארבען איז פארשטונקען געווארן אונ עס האט אנגעהויבען ווערים צו קריכען. זייער פנים איז געווארן ווי דער פנים פון אמאלפע. אונ זיי זענען פראסט געווארן ביי די שדים. פריער האבען די שדים געהאלטען דיא מענטשין פאר הייליג. אונ האבען מורא געהאט פאר די מענטשין. דער נאך האבען די שדים שאדין געמאכט די מענטשין. רבי יצחק זאגט די מענטשין אליין האבען זיך געברענגט דער צו זיי זאלין פראסט ווערין ביי די שדים. די מענטשין האבען געזאגט וואס איז דער אונטערשייד צו מען בוקט זיך צו אבילד צו מען בוקט זיך צו אמענטש. ווי זיי האבען אנגעהויבען דינען עבודה זרה איז פון זיי אראפ געגאנגען דער צלם אלהים. האבען שוין די שדים אנגעהויבען געוועלטיגען אויף די מענטשין: (י) (אז הוחל). רבי סימון זאגט אין דריי ערטער שטייט דער ווארט הוחל אונ דאס ווייזט אז מען האט אנגעהויבען מורד זיין אין גאט. אז הוחל לקרא בשם ה'. זייא האבען אנגעהויבען רופען די עבודה זרה מיט דעם נאמען גאט. ויהי כי החל האדם. דער מענטש האט זיך אנגעהויבען מעהרין אויף דער וועלט האבען זיי אנגעהויבען זינדיגען. הוא החל להיות גבור בארץ. נמרוד האט אנגעהויבען זיך שטארקען אויף דער וועלט האט ער זיך געמאכט פאר אגאט. האט מען געפרעגט צו רבי סימון עס שטייט דאך אין פסוק וזה החלם לעשות. דאס האט זיי אנגעהויבען זיי זאלין מאכין דעם טארעם. האבען זיי דאך אויך געזינדיגט איז דאך שוין דא פיר ערטער. האט רבי סימון געענטפערט די ווערטער "וזה החלם" גייט אויף נמרוד. גאט האט געשלאגען אויף דעם קאפ פון נמרוד אונ האט געזאגט וזה. דער נמרוד. החלם לעשות. האט זיי אנגעהויבען ברענגען זיי זאלין מורד זיין אויף מיר אונ זאלין מאכין דעם טארעם. רבי לוי זאגט למשל אאשה האט געזאגט צו איר מאן איך האב געזעהן אין חלום. אז דו האסט מיך געגט. זאגט דער מאן צו איר

פאר

הע״לב: (יא) דרש ר׳ אבהו אוקינוס גבוה מכל העולם. א״ר אלעזר בן מנחם והלא מקרא מלא הוא (עמוס ה) הקורא למי הים וישפכם על פני הארץ ה׳ שמו. א״ר מהא. כזה שהוא שופך מלמעלה למטה. שתי פעמים כתיב הקורא למי חים. כנגד ב׳ פ׳ שעלה הים (מג) והציף את העולם. ועד היכן עלה בראשונה ועד היכן עלה בשניה. ר׳ יודן ור׳ אבהו ור׳ אלעזר בשם ר׳ חנינא. בראשונה עלה עד עכו ועד יפו. ובשניה עלה עד כפי ברבריאה. ר׳ חנינא ור׳ אחא בשם ר׳ חנינא. בראשונה עד כפי ברבריאה. ובשניה עד עכו ועד יפו. הה״ד (איוב לח) ואומר (מה) עד פה תבא ולא תוסיף ופה ישית בגאון גליך. עד פה תבא ולא תוסיף. עד עכו תבא ולא תוסיף. ופה ישית בגאון גליך. ר״א בשם ר׳ חנינא אמר בראשונה עלה עד קלבריאה ובשניה עד (מו) כפי ברבריאה:

## פרשה כד

(א) זה ספר תולדות אדם. ר׳ הושעיא רבה פתח (ישעיה כט) הוי המעמיקים מה׳ לסתיר עצה והיה במחשך מעשיהם ויאמרו מי רואנו ומי יודענו. (א) לארכיטקטוס שבנה את המדינה חדרים (ב) וביבים ומערות לאחר ימים נעשה (ג) גבאי. והיו בני המדינה מטמינין מפניו בתוך החדרים ובתוך המערות. א״ל

### מתנות כהונה

ס״ג בילקוט: (מד) וכליף. את העולם בדור אנוש ובדור הפלגה: (מה) עד פס. פירוש כנגו עד כה מטריקון עד עכו ופה כמי יפו: (מו) כפי שפת וגבול: (א) ארכיטיקטוס. פי׳ שר וגדול האומנים העושה קיטונות וחדרים: (ב) ביבים. לינורות שסופכין בם השופכין וחולין לחוץ: (ג) גבאי. גובה

פאר וואס זאלסטו זיין גיגט אין חלום נא דיר אגט אין אמת. ביי די אלע וואס האבין געזינדיגט איז איך געוועזן פרייער אין דער שטיל אזוי ווי אין חלום. דריבער שטייט הוחל אונ החל הלם. דער נאך האבין זיי געזינדיגט עפענטליך. רבי אחא זאגט נאט האט גיזאגט צו זיי איר האט אייך גימאכט פאר עבודה זרה אונ איר האט גירופין אייער נאמען גאט. וועל איך רופין די וואסער פון ים אויף מיין נאמען אונ איך וועל פארלענדין די מענטשין פון דער וועלט: (יא) דרש. רבי אבהו הט גידרשת דער ים אוקינוס איז העכער ווי די גאנצע וועלט. רבי אלעזר בן מנחם זאגט דאס איז דאך אפסוק ער הט גירופין די וואסער פון ים אונ הט זיי אוים גיגאסין אויף די ערד זיין נאמען איז ה׳. אז עס שטייט ער האט זיי אוים גיגאסין אויף די ערד. דאס איז פון הויבין אראפ אונטען. איז דאך דער ים העכער ווי די ערד. צוויי מאהל שטייט אין פסוק גאט הט גירופין די וואסער פון ים. ווייל צוויי מאהל האט דער ים פארפלייצט די וועלט. ביז ווי ווייט האט דער ים פארפלייצט דאס ערשטע מאהל. אונ ביז ווי ווייט האט ער פארפלייצט דאס אנדערע מאהל. רבי יודן אונ רבי אבהו אונ רבי אלעזר פון רבי חנינא׳ס וועגין האבין גיזאגט דאס ערשטע מאהל האט דער ים פארפלייצט ביז עכו אונ ביז יפו. דעם אנדערין מאהל הט דער ים פארפלייצט ביז ברבריאה. רבי חנינא אונ רבי אחא האבין גיזאגט פון רבי חנינא׳ס וועגין דאס ערשטע מאהל הט דער ים פארפלייצט ביז ברבריאה. דאס אנדערע מאהל האט דער ים פארפלייצט ביז עכו אונ ביז יפו. ווי דער פסוק זאגט עד פה תבא ולא תוסיף. ביז דעם ארט זאל דער ים קומען ניט ווייטער. ופה ישית בגאון גליך. דא זאלסטו טאהן מיט גרויסקייט דיינע וואלען. ביז דעם ארט זאלסטו קומען ניט ווייטער. ביז עכו זאלסטו קומען ניט ווייטער, דא זאלסטו טאהן מיט גרויסקייט דיינע וואללען. רבי אליעזר הט גיזאגט פון רבי חנינא׳ס וועגין דאס ערשטע מאהל האט דער ים פארפלייצט ביז קלבריאה. דאס אנדערע מאהל האט דער ים פארפלייצט ביז ברבריאה:

פרשה כד (א) וזה ספר. דאס איז דער ספר וואס אין אים איז געשריבען די קינדער פון אדם. רבי הושעיא רבה האט אן גיהויבין צו דרשנן די פרשה מיט דעם פסוק ווי צו די מענטשין וואס בעהאלטין זיך פון גאט זיי בעהאלטין זייערע עצות אונ זיי טוהן זייערע מעשים אין דער פינסטער אונ זיי זאגין ווער זעהט אונז אונ ווער ווייס אונז. למשל אבאהמייסטער האט גיבאהט אמדינה צימערין. רינעס. קעלערס. אין אצייט שפעטער האט דער מלך

גימאכט

אל אני הוא שבניתי את המערות. ומפני מה אתם מטמינין עצמיכם בהן. כך הוי המעמיקים מה' לסתיר עצה והיה במחשך מעשיהם. (שם) הפככם אם כחומר היוצר יחשב. (ד) מדמין צורה ליוצרה נטיעה לנוטעה. כי יאמר מעשה לעושהו לא עשני. (ה) ויצר אמר לווצרו (ו) לא הבין. הלא עוד מעט מזער ושב (ז) לבנון (ח) לכרמל לבית מלכות. והכרמל ליער יחשב. (ט) לחורשי דבני אינש. (שם) ושמעו ביום ההוא החרשים דברי ספר. (י) זה ספר תולדות אדם. (ב) ד"א זה ספר תולדות אדם כתיב (תהלים קלט) גלמי ראו עיניך ועל ספרך כולם יכתבו ימים יוצרו ולא אחד בהם. ר' יהושע בר נחמיה ור' יהודה בר סימון בשם ר"א. בשעה שברא הקב"ה את אדה"ר. מלא כל העולם כולו בראו. ממזרח למערב מנין. שנא' (שם) אחור (יא) וקדם צרתני. ומצפון לדרום מנין. שנא' (דברים ד) ולמקצה השמים ועד קצה השמים. ומנין אף בחללו של עולם, ת"ל (תהלים קלט) ותשת עלי (יב) כפיך. ר' תנחומא בשם רבי בנייה ורבי ברכיה בשם ר' אלעזר אמר. גולם בראו. והיה מוטל מסוף העולם ועד סופו. הה"ד גלמי

## מתנות כהונה

שם המלך מגלגולת האנשים: (ד) מדמין כו'. פירש"י עין של מטה לעין של מעלה כיוצר הזה או אומן אחד שעושה צורה בדמות צורת האומן עצמו: (ה) ויצר אומר. גרסי' ופי' פרד"ק הוא שם לכלי הנעשה ע"י היוצר: (ו) לא הבין. שמכונותיו וכלא הוא אשר עשאם: (ז) לבנון. יער גדול שאלנים גבוהים: (ח) כרמל. מקום שדה תבואה וכרם:

(ט) לחורשים דבני נשא: כיער הנטוע ע"י בני אדם שהוא נטוע כסדר ומתוקן וטוב ויפה ולא כיער צומח עלים מעצמו ע"י מקרה בלי סדר והנהגה: (י) זה ספר תולדות כו'. ספר היה לו לאדה"ר שניתן לו מן השמים והבטיחם הנביא שיתגלה לכן לעתיד: (יא) קדם. זה מזרח כד"א קדמה מזרחה וממילא מערב נקרא אחור ומקצה וגו' קאי על צפון ודרום: (יב) כפיך.

---

גימאכט דעם באהמייסטער פאר אנגבאי (ער זאל איינעמען פאראמקעס ביי די מענטשן פון דער מדינה. האבין די מענטשן פון דער מדינה בעהאלטין פאר אים זייערע זאכין אין די צימערן אונ אין די קעלערס. האט דער באהמייסטער גיזאגט איך האב דאך גיבאהט די קעלערס. ווייס איך דאך ווא זיי זענען פאר וואס בעהאלט איר אייך פאר מיר. איך וועל דאך אלץ געפינען. אזוי האט דער נביא גיזאגט ווייי צו די מענטשן וואס בעהאלטין זיך פון גאט זיי בעהאלטין זייערע עצות אונ זיי טוהען זייערע מעשים אין דער פינסטער. אז גאט האט די וועלט בשאפין ווייס ער דאך ווא איר זענט בעהאלטין. פארקערט. איר ווילט פארגלייכין די ליים צום טעפער. איר ווילט פארגלייכין די צורה (פון דעם ליים) צו די צורה פון דעם מייסטער. איר ווילט פארגלייכין דאס פלאנצונג צו דעם מענטש וואס האט איר גיפלאנצט. די ארבעט זאגט צום ארבעטער דו האסט מיך גאר ניט גימאכט. די זאך וואס איז בשאפין גיווארין זאגט צום מייסטער וואס האט זיא בשאפין אז ער הט ניט פארשטאנען ווי אזוי צו בשאפין. אזוי זאגט איר אויף גאט אז ער האט ניט פארשטאנען ווי אזוי איך צו בשאפין. אונ איר ווילט אייך פארגלייכין צו גאט. נאך אין אביסיל צייט וועט ווערין פון לבנון א כרמל. פון א וואלד וועט ווערין איינגארטין. עס וועט גיפעסטיגט ווערין א מלוכה ביי יודין. אונ פון כרמל וועט ווערין א וואלד. אין א איינגארטין איז דא וויניג ביימער. וועט פון אים ווערין א וואלד פול מיט ביימער. מענטשין וועלין זיין אזוי פיל ווי א וואלד. אבער די מענטשין וועלין שוין זיין אנדערש. די טויבע וואס האבין ניט גיוואלט הערין די רייד פון גאט) וועלין הערין די רייד פון דעם ספר תולדות אדם. וואס דארט שטייט אז גאט האט בשאפין אלע מענטשין אונ ער וייס זייערע געדאנקען. דריבער וועלין די מענטשין שוין ניט מעהר זינדיגען: (ב) (דבר אחר). נאך אפשט איז זה ספר תולדות אדם. עס שטייט אין פסוק אדם הראשון האט גיזאגט מיין קערפער האבין דיינע אויגין גיזעהן אונ אויף דיין בוך זענען אלע פארשריבען די טעג וואס וועלין בשאפין ווערין וואס עס איז נאך איינער פון זיי ניט גיוועזן. ווייסטו שוין. רבי יהושע בר נחמיה אונ רבי יהודה בר סימון זאגין פון רבי אליעזר ס וועגין ווען גאט האט בשאפין אדם הראשון האט ער אים בשאפין פול די גאנצע וועלט. פון וואנען ווייסין מיר אז אדם איז גיוועזן גרויס פון מזרח צו מערב ווי עס שטייט אין פסוק דו האסט מיך בשאפין פון הינטען ביז פארנט פון מזרח ביז מערב. פון וואנען ווייסין מיר אז אדם איז גיוועזן גרויס פון צפון ביז דרום ווי דער

פסוק

(סס) גלמי (יג) ראו עיניך: א"ר יהודה בר סימון עד שאדה"ר מוטל גולם לפני מי שאמר והיה העולם הראהו לו דור דור ודורשיו. דור דור וחכמיו. דור דור וסופריו. דור דור ומנהיגיו. שנא' (סס) גלמי ראו עיניך. (יד) גולם שראו עיניך כבר הם כתובים על ספרו של אדה"ר. הוי זה ספר תולדות אדם: (ג) בר קפרא פתח (סס סט) ימחו מספר חיים ועם צדיקים אל יכתבו. ימחו מספר חיים. מספר תולדות (טו) של מטה. ועם צדיקים אל יכתבו. מספר תולדות (טז) של מעלה: תני בר קפרא (יז) בכל מקום שנא' חי. צדיק. ארפכשד חי. שלח חי. ד"א ימחו מספר חיים. מספר תולדות של אדם: (ד) זה ספר תולדות אדם. כתיב (ישעיה נז) כי לא לעולם אריב. עם אדה"ר. ולא לנצח אקציף. עם תולדותיו. כי רוח מלפני יעטוף. א"ר הונא הרוח הזה בשעה שהוא יוצא לעולם הוא מבקש להחריב את העולם והקב"ה מרשלו בהרים ומשברו בגבעות וא"ל הזהר שלא תזיק בריותי. מ"ט כי רוח מלפני יעטוף. מה הוא יעטוף (יח) משלהי ליה המד"א (יונה ב) בהתעטף עלי נפשי את ה' זכרתי. א"ר הונא ג' רוחות ע"י שיצאו

שלא

## מתנות כהונה

זכתיב וימיני טפחה שמ"כ: (יג) ראו עיניך. וכת"כ עיני כ' כמה מבוטטות בכל הארץ: (יד) גולם כראו וכו'. והוד על עצמו אמר כן ואמר בס"ה כתוב על ספר של אדה"ר: (טו) של מטה. הנכתבים לחיי עוה"ז: (טז) של מעלה. עם לצדיקים לעוה"ב: (יז) כל מקום שנאמר חי כו'. ולכן זכ שכתוב בספר חיים דרש מספר הצדיקים וכדלעיל: (יח) משלהי.

---

פסוק זאגט פון איין עק הימעל ביז צום אנדערן עק הימעל. פון צפון ביז צו דרום. אונ פון נאגען ווייסן מיר אז אדם איז געווען אין די גאנצע ברייט פון דער וועלט. שטייט אין פסוק ותשת עלי כפיך דו האסט איבער מיר גיטאהן דיין הימעל. רבי תנחומא פון רבי בניה ם וועגין אונ רבי ברכיה פון רבי אלעזר ם וועגין האבין גיזאגט גאט האט בשאפין אדם אגוף אן אנשמה אונ ער איז אזוי גילעגין פון איין עק וועלט ביז צום אנדערן עק וועלט. ווי דער פסוק זאגט גלמי ראו עיניך. דיינע אויגין האבין גיזעהן מיין קערפער ווען ער איז גילעגין ווי אגולם אן אנשמה. רבי יהודה בר סימון זאגט ווען אדם הראשון איז גילעגין פאר גאט ווי אגולם האט מען אים געוויזען אלע דורות מיט זייערע דרשנים. אלע דורות מיט זייערע חכמים. אלע דורות מיט זייערע שרייבערס (וואס וועלין שרייבין ספרים). אלע דורות מיט זייערע פירערס. ווארום עס שטייט אין פסוק גלמי ראו עיניך. דוד המלך האט גיזאגט אויף זיך מיין גולם (מיין קערפער) וואס דיינע אויגין האבין אים גיזעהן. איז שוין לאנג געשריבען אויף דעם ספר פון אדם הראשון. ווי דער פסוק זאגט דאס איז דער ספר פון אדם ס קינדער וואס וועלין פון אים גיבארין ווערין ביז דעם סוף וועלט: (ג) בר קפרא האט אנגיהויבין דרשענען די פרשה מיט דעם פסוק. דוד המלך הט גיפלוכט זיינע פיינט זיי זאלין אפגימעקט ווערין פון דעם בוך פון לעבין. אונ מיט די צדיקים זאלין זיי ניט געשריבען ווערין. זיי זאלין אפגימעקט ווערין פון בוך פון לעבין מיינט מען פון די מענטשין וואס ווענען פארשריבען צו דעם לעבין פון די וועלט. אונ מיט צדיקים זאלין זיי ניט געשריבען ווערין מיינט מען זיי זאלין ניט געשריבען ווערין צו דעם לעבין פון עולם הבא. בר קפרא הט גילערנט ביי דעם מענטש וואס שטייט חי. איז ער גיוועזן אצדיק ארפכשד חי. שלח חי זענען זיי גיוועזן צדיקים. אז עס שטייט זיי זאלין אפגימעקט ווערין פון ספר חיים. מיינט מען פון ספר צדיקים. נאך אפשט איז זיי זאלין אפ גימעקט ווערין פון דעם ספר חיים. פון דעם ספר וואס אדם ס קינדער זענען פארשריבען ביז סוף אלע דורות (ווי פריער שטייט): (ד) (דבר אחר). נאך אפשט איז זה ספר תולדות אדם. גאט האט גיזאגט ניט אייביג וועל איך קריגען. מיט אדם הראשון. ניט אייביג וועל איך צערנען. מיט זיינע קינדער. כי רוח מלפני יעטוף. מאראך דעם ווינט וואס גייט ארויס פון פאר מיר מאך איך אים שוואך ער זאל ניט חרוב מאכין די וועלט. וועל איך דאך געוויס זעהן אז די יודין זאלין ניט חרוב ווערין אין גלות. רבי הונא האט גיזאגט ווען דער ווינט גייט ארויס אויף דער וועלט וויל ער די וועלט חרוב מאכין. אונ גאט מאכט אים שוואך אונ צו ברעכט אים אן די בערג. אונ זאגט צו אים זאלסט דיך היטען

ניט

שלא במשקל היה העולם חרב בהם . ואלו הן אחד בימי יונה . ואחד בימי איוב, ואחד בימי אליהו . א"ר יודן בר' ישמעאל של יונה (יט) על אותה הספינה היה שנאמר (שם א) וה' הטיל רוח גדולה אל הים. של איוב על אותה הבית שנא' (איוב א) והנה רוח גדולה באה מעבר המדבר. ואין לך (כ) קוזמיקון אלא של אליהו שנא" (מלכים א יט) והנה ה' עובר ורוח גדולה וחזק מפרק הרים ומשבר סלעים . ר' תנחום בר חייא וא"ל בשם רבנן . לעולם אין מלך המשיח בא (כא) עד שיבראו כל הנשמות שעלו במחשבה להבראות . ואלו הן הנשמות האמורות בספרו של אדה"ר : (ה) ד"א זה ספר תולדות . כתיב (איוב כח) אז ראה (כב) ויספרה . רבנן ור' אחא . רבנן אמרין כל דבור ודבור שהיה הקב"ה אומר למשה היה אומרו שני פעמים בלבו ואח"כ היה אומר למשה. ומ"ט אז ראה ויספרה חד . הכינה וגם חקרה חד . ואח"כ ויאמר לאדם . זה משה . (כג) ור' אחא אמר ד' . אז ראה חד. ויספרה חד . הכינה חד . וגם חקרה חד . ואח"כ ויאמר לאדם זה משה : א"ר יהודה ב"ר סימון (כד) ראוי היה אדה"ר שתנתן תורה על ידו . מ"ט זה ספר תולדות אדם ;
אמר

## מתנות כהונה

ל' עייפות ותולאה : (יט) על אותה הספינה . דכתיב וכאני' מלפני יעטוף ונשמות אני עשיתי : ה"ג (כב) ויספרה . מה הסבה להסבר מכלל דעל אותה ספינה לבדה קאי : הכינה כו' : (כג) רבי אחא אמר ד' . ד' פעמים היה אומרו (כ) קוזמיקון . חזק : (כא) עד שיבראו כו' . שנאמר כי רוח בלבו : (כד) ראוי היה כו' . ספר היה דרים על ס"ת :

---

ניט שאדין צו מאכין מיינע בשעפעניש . ווי דער פסוק זאגט כי רוח מלפני יעטוף. ווס מיינט מען יעטוף מיד מאכין . ווי דער פסוק זאגט בהתעטף עלי נפשי. ווען מיין נפש ווערט אויף מיר מיד . געדיינק איך אין גאט . רבי הונא זאגט דריי ווינטען ווייל זיי זענען ארוים גיגאנגען אן אמאס איז די וועלט דורך זיי חרוב גיווארין . איין ווינט איז גיוועז אין די צייט פון דעם נביא יונה . דער אנדערער ווינט איז גיוועזן אין די צייט פון איוב . דער דריטער ווינט איז גיוועזן אין די צייט פון אליהו הנביא . רבי יודן בר רבי ישמעאל זאגט דער ווינט וואס איז גיוועזן אין די צייט פון יונה . איז ער גאר גיוועזן אויף די שיף פון יונה . ווי דער פסוק זאגט גאט הט גיווארפין אגרויסין ווינט אויף דעם ים און די שיף (פון יונה) האט גיטראכט צום צו בראכין ווערין. גאר די איינע שיף . דער ווינט וואס איז גיוועזן אין די צייט פון איוב . איז גאר גיוועזן אויף די שטוב פון איוב . ווי דער פסוק זאגט אגרויסער ווינט איז גיקומען פון דער מדבר זייט און האט אומגיווארפין די שטוב . גאר די איינע שטוב . אשטארקער ווינט איז גאר גיוועזן אין די צייט פון אליהו . ווי דער פסוק זאגט גאט וועט דורך גיין און עס איז גיוועזן אגרויסער ווינט אשטארקער ער רייסט אוים בערג און צו ברעכט שטיינער . רבי תנחום בר חייא האט גיזאגט . אנדערע זאגין רבי תנחום האט דאס גיזאגט פון די רבנן ס וועגין . משיח וועט אנדערש ניט קומען סיידין עס וועלין שוין זיין בשאפין אלע נשמות וואס גאט האט גיטראכט צו בשאפין. דאס זענען די נשמות וואס זענען געשריבען אין דעם ספר פון אדם הראשון : (ה) (דבר אחר). נאך אפשט איז זה ספר תולדות אדם . עס שטייט אין פסוק ער האט גיזעהן און האט ער ציילט . די רבנן און רבי אחא קריגען . די רבנן זאגין יעדער זאך וואס גאט האט גיוואלט זאגין צו משה הט ער זיא פריער צוויי מאהל גיחזרת אין הארצין דער נאך האט ער דאס גיזאגט צו משה . ווי דער פסוק זאגט ער האט גיזעהן און האט דערציילט . איז איינס . ער האט אנגיברייט און גיפארשט איז נאך איינס . דער נאך האט ער דאס גיזאגט צום מענטש . צו משה . רבי אחא זאגט פיר מאהל האט גאט גיטראכט אין הארצין יעדער זאך איידער ער האט זיא גיזאגט צו משה . ער האט גיזעהן . איז איינס . ער האט דער ציילט . איז צוויי . ער האט אנגיברייט . איז דריי . ער האט גיפארשט . איז פיר . דער נאך האט ער דאס גיזאגט צום מענטש . צו משה . רבי יהודה ברבי סימון זאגט די תורה האט גידארפט גיגעבין ווערין צו אדם הראשון: ווי דער פסוק זאגט זה ספר תולדות אדם . דער ספר התורה האט גידארפט גיגעבין ווערין צו אדם מיט זיינע קינדער. גאט הט געזאגט אדם האב איך בשאפין מיט מיינע הענט זאל איך אים

אמר הקב"ה (כה) יציר כפי ואיני ניתנה לו . חזר הקב"ה ואמר ומה עכשיו שש מצות נתתי לו ולא היה יכול לעמוד בהן . והיאך אני נותן לו תרי"ג מצות . רמ"ח מצות עשה ושס"ה מצות לא תעשה . (סס) ויאמר לאדם לא לאדם. אני נותנן כי אם לבניו שנאמר (כו) זה ספר תולדות אדם אמר רבי יעקב דכפר חנין ראוי היה אדה"ר שיסתדרו ממנו י"ב שבטים. (כז) מ"ט ז"ה ספר תולדות אדם . אמר הקב"ה ב' בנים נתתי לו ועמד אחד והרג את חבירו . והאיך אני נותן לו י"ב שבטים . ויאמר לאדם . לא לאדם אני נותנן אלא לבניו שנא' ז"ה ספר תולדות אדם מנין ז"ה ז' שבעה ה' חמשה הרי י"ב : (ו) ד"א זה ספר תולדות אדם. אלין תולדות ואין הראשונים תולדות . ומה הן (כח) אלהות . בעון קומי אבא כהן ברדלא אדם שת אנוש ושתק. א"ל ע"כ בצלם אלהים וכו' (כדכתיב לעיל) . ד"א אלו תולדות ואין הראשונים תולדות . ומה הן רוחות דא"ר סימון כל ק"ל שנה שפרשה חוה מאדם . היו רוחות הזכרים מתחממים ממנה והיא יולדת מהם . ורוחות נקבות מתחממות

## מתנות כהונה

(כה) יציר כפי . הוא אדה"ר ואיני ניתנה בתמים: ועל זה אמר אז ראה וגו' . מאז מבריאת עולם ראה ליתנה לאדם: (כו) זה ספר תולדות אדם . משמע לתולדותיו ולא לו: (כז) מאי טעמא זה גימטריא י"ב . ודרש זה ספר זה סיפור תולדות כל אדם ולא לו : (כח) אלהות . בניחותא ולא בלשון תימה ובכם רש"י מלאתי שהוא לשון תימה :

ניט געבען די תורה . דער נאך האט גאט גיזאגט מאראך איצט וואס איך האב אים נאר גיגעבען זעקס מצות האט ער זיי ניט מקיים גיוועזן . ווי אזוי קען איך אים געבען זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצות . צוויי הונדערט מיט אכט אונ פערציג מצות עשה . אונ דריי הונדערט פינף אונ זעכציג מצות לא תעשה . ויאמר לאדם . האט גאט גיזאגט ניט צו אדם וועל איך געבען די תורה . נאר צו זיינע קינדער . ווי דער פסוק זאגט זה ספר תולדות אדם . דעם ספר התורה וועל איך געבען צו די קינדער פון אדם . רבי יעקב פון דארף חנין האט גיזאגט פון אדם הראשון האט גידארפט גיבארין ווערין צוועלף שבטים . ווי דער פסוק זאגט זה ספר תולדות אדם . די קינדער פון אדם האבין גידארפט זיין אזוי פיל ווי דער ווארט זה בטרעפט . צוועלף . ז' איז זיבען . ה' איז פינף . האט גאט גיזאגט צוויי קינדער האב איך גיגעבען צו אדם . הט איינער גיהרגעט דעם אנדערין . ווי אזוי וועל איך אים געבען צוועלף קינדער . ויאמר לאדם . האט גאט גיזאגט ניט צו אדם וועל איך געבען צוועלף שבטים . נאר צו זיינע קינדער . ווי דער פסוק זאגט זה ספר תולדות אדם . אזוי פיל קינדער ווי דער ווארט זה בטרעפט . דאס איז צוועלף . ז איז זיבען אונ ה איז פינף . דאס וועל איך געבען צו די קינדער פון אדם : (ו) (דבר אחר) . נאך אפשט איז זה ספר תולדות אדם . די וואס מען וועט ווייטער שרייבען זענען קינדער . אבער די פריערדיגע הייסין ניט קינדער . נאר זיי הייסין גאטער . זיי האבין אויף זיך גיהאט דעם צלם אלהים . מען האט גיפרעגט ביי אבא כהן ברדלא פאר וואס זאגט די תורה אדם האט גיבארין שת . שת האט גיבארין אנוש . אונ די תורה זאגט ניט באלד אנוש הט גיבארין קינן . נאר זיא הייבט אן איין אנדער זאך זה ספר תולדות אדם . דער נאך זאגט די תורה די איבעריגע דורות ווי אזוי איינער האט גיבארין דעם אנדערין . האט אבא כהן גיזאגט ווייל שת איז גיבארין גיווארין אין דעם פארגלייך פון אדם . אונ אנוש איז גיבארין גיווארין אין דעם פארגלייך פון שת זיי האבין אויף זיך גיהאט דעם צלם אלהים . דריבער שטייען די דריי צו זאמען אבער די קינדער וואס זענען גיבארין גיווארין פון אנוש אונ ווייטער זענען שוין ניט גלייך גיוועזן צו אנוש . זיי האבין שוין דער ...ירינט גאט . דריבער האט די תורה גישטעלט די קינדער באזונדער . נאך אפשט איז די קינדער וואס ווייטער שטייען זענען גיוועזן קינדער . אונ די פריערדיגע זענען ניט גיוועזן קינדער . נאר שדים . ווארום רבי סימון הט גיזאגט די הונדערט מיט דרייסיג יאהר וואס חוה איז גיוועזן אפגישיידט פון אדם . האבין די שדים זכרים מזנה גיוועזן מיט חוה אונ זיא האט גיבארין פון זיי שדים . אונ די שדים נקבות האבין מזנה גיוועזן מיט אדם אונ זיי האבין גיבארין פון אים שדים . ווי דער פסוק זאגט אויף שלמה המלך אז ער וועט פארקרימען

וועל

מתחממות מאדם ויולדות ממנו. הה״ד (שמואל ב ז) אשר בהעותו והוכחתיו בשבט אנשים ובנגעי בני אדם. בנוי דאדם קדמאה. מ״ד דרוחי דביתא טבין דרבו עמיה. ומ״ד דאינון בישין דחכמין יצריה. מ״ד דרוחי דחקלא בישין דלא רבין עמיה. ומ״ד (כט) דאינון טבין דלא חכמין יצריה. ר״א אלו תולדות. ואין הראשונים תולדות. למה (ל) שהן כלין במים. דאמר ריב״ל כל השמות הללו לשון מרדות הן. עירד. עורדן אני מן העולם וכו׳ עד מה לי ללמך ולתולדותיו (כדכתיב לעיל פ׳ כג) : (ז) ר׳ תנחומא בשם ר״א ור׳ מנחם בשם רב אמר. כל האומניות אדה״ר למדם מ״ט (ישעיה מד) וחרשים המה מאדם. מאדה״ר. רבנן אמרין אפילו (לא) סירגולו של ספר אדה״ר למדו שנאמר (לב) זה ספר הוא וסירגולו: (ח) ביום ברא אלהים אדם. הדא מסייעא לההיא דאמר ר״א ב״ע שלשה פלאים נעשו באותו היום. בו ביום נבראו. בו ביום שמשו. בו ביום (לג) הוציאו תולדות. (לד) בן עזאי אומר זה ספר תולדות אדם זה (לה) כלל גדול בתורה. ר׳ עקיבא אומר (ויקרא יט) ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה. שלא

תאמר

## מתנות כהונה

(כט) דאינון טבין דלא חכמין כו׳. ע״ל פ״כ ויתבאר לך ׃ (ל) שהן כלין במים. פירש״י אותן שמכאן וכלהם כשאר מכן והראשונים לא כשאר פרסה ׃ (לא) סירגולו. פירטוטו בלשון יון ׃ (לב) זה ספר. משמע הספר כולו בכל סדר תיקוניו וכלכותיו ׃ (לג) הוציאו תולדות. דכתיב ביום ברוא וסמיך ליה תולדות אדם ׃ (לד) בן עזאי אומר זה ספר תולדות וגו׳ זה כלל גדול בתורה שלא תאמר כו׳ ׃ (לה) כלל גדול וכו׳. דדייק סיפיה דקרא בצלם אלהים וגו׳ ודוק ׃

---

וועל איך אים שטראפין מיט ארוט ווי מען שטראפט מענטשין אונ איך וועל אים שטראפין מיט די פלאג בני אדם דורך די קינדער פון אדם הראשון. דורך די שדים וואס זענען געבארין פון אדם הראשון. דער וואס זאגט אז די שדים וואס זענען ביי דעם מענטש אין שטוב זענען גוט אונ טוהען אים קיין שאדין. ווייל זיי אדערוועון זיך מיט אים. אונ דער וואס זאגט אז די שדים וואס זענען ביי דעם מענטש אין שטוב זענען שלעכט. ווייל זיי ווייסין זיינע געדאנקען. ווייסין זיי אים שלעכט צו טאהן. די שדים פון פעלד. דער וואס זאגט אז זיי זענען שלעכט. ווייל זיי אדערוועון זיך ניט מיט אים הארט זיי ניט אז זיי טוהען אים שלעכט. אונ דער וואס זאגט אז זיי זענען גוט. ווייל זיי ווייסין ניט זיינע געדאנקען. ווייסין זיי ניט מיט וואס אים שלעכטס צו טאהן. נאך אפשט איז די וואס וועלין געבארין ווערין זענען קינדער. אבער די פריערדיגע זענען ניט קינדער ווייל זיי וועלין פארלענדט ווערין אין וואסער. ווארום רבי יהושע בן לוי האט געזאגט די אלע נעמען ווייזין אז זיי וועלין געשלאגין ווערין פון גאט. דער נאמען עירד ווייזט אז גאט וועט זיי פארליהרען פון דער וועלט אזוי ווי דער שלאנג איז פארלארין געווארין. דער נאמען מחויאל ווייזט אז גאט וועט זיי אפמעקין פון דער וועלט. דער נאמען מתושאל ווייזט אז גאט וועט זיי אויסרייסין פון דער וועלט. דער נאמען למך ווייזט מה לי ללמך. וואס האב איך צו למך אונ צו זיינע קינדער זיי זאלין זיין אויף דער וועלט: (ז) רבי תנחומא פון רבי אליעזרס וועגין אונ רבי מנחם פון רב ס וועגין האבין געזאגט אדם הראשון האט געקענט אלע ארבעט וואס עס איז דא אויף דער וועלט. ווי דער פסוק זאגט וחרשים המה מאדם. זיי מיינען זיי זענען גרעסערע בעלי מלאכות ווי אדם הראשון איז געוועזן. די רבנן זאגין אפילו צו ווירען (לינירען) אבוך האט אויך אדם הראשון געקענט. ווי דער פסוק זאגט דאס איז דער ספר. דער ספר אונ די ווירעס פון דעם ספר: (ח) (ביום ברוא). אין דעם טאג וואס גאט האט בשאפין דעם מענטש. דאס איז ווי רבי אלעזר בן עזריה האט געזאגט דריי וואנדערס זענען געשאהן געווארין דעם טאג. אין דעם טאג זענען זיי בשאפין געווארין. אין דעם זעלביגען טאג האבין זיי משמש המטה געוועזן. אין דעם זעלביגען טאג האבין זיי געהאט קינדער. בן עזאי זאגט דער פסוק זה ספר תולדות אדם איז אגרויסער כלל אין דער תורה. דער פסוק ווייזט אז מיר אלע זענען געבארין פון אדם הראשון אונ איין מענטש איז ניט מער יחסן פאר דעם אנדערין. רבי עקיבא זאגט דער פסוק ואהבת לרעך כמוך איז אגרויסער כלל אין דער תורה. אז איין מענטש וועט ליב האבין דעם אנדערין ווי זיך אליין. וועלין אלע מענטשין לעבין בשלום.

מען

תאמר הואיל ונתבזיתי יתבזה חבירי עמי. הואיל ונתקללתי יתקלל חבירי עמי. א"ר תנחומא אם עשית כן. דע למי אתה מבזה. בדמות אלהים עשה אותו׃

**פרשה כה** (א) ויתהלך חנוך את האלהים ואיננו כי לקח אותו אלהים. א"ר חמא בר הושעיא אינו נכתב בתוך (א) טימוסן של צדיקים אלא בתוך טימוסן (ב) של רשעים. א"ר איבו חנוך חנף היה. פעמים צדיק. פעמים רשע. אמר הקב"ה עד שהוא בצדקו (ג) אסלקנו. א"ר איבו (ד) בר"ה דנו. בשעה שהוא דן כל באי עולם. המינים שאלו לר' אבהו א"ל (ה) אין אנו מוצאין מיתה לחנוך. א"ל למה. א"ל (ו) נאמר כאן לקיחה ונאמר להלן (מלכים ב ב) כי היום ה' לוקח את אדוניך מעל ראשך. א"ל אם ללקיחה אתם דורשים נאמר כאן לקיחה ונאמר להלן (יחזקאל כד) הנני לקח מסך את (ז) מחמד עיניך. א"ר תנחומא יפה השיבן ר' אבהו. מטרונה שאל את רבי יוסי. א"ל אין אנו מוצאין מיתה בחנוך. א"ל אילו נאמר (בראשית ה) ויתהלך חנוך את האלהים ושתק הייתי אומר כדבריך. כשהוא אומר ואיננו כי לקח אותו אלהים. ואיננו בעוה"ז כי

לקח

## מתנות כהונה

(א) טימוסן. פי' הערוך מין קלף שעושין מקליפת עץ׃ (ב) של רשעים. דייק מדכתיב ואיננו כי הרשעים בחייהם קרויים מתים׃ (ג) אסלקנו. דייק מדכתיב כי לקח משמע שהאיש בלא זמנו׃ (ד) בר"ה דנו. דייק אלהים ל' דין כמ"ש ויבואו בני אלהים ויתיצבו וגו' ודרשו חז"ל ראש השנה היה׃ (ה) אין אנו מוצאין מיתה כו'. ואע"ג שהיה חנף הוא בטימוסין של רשעים כדלעיל׃ (ו) נאמר כאן לקיחה כו'. הרי למדנו שלא מת׃ (ז) ה"ג מחמד עיניך. במגפה הרי שמת

---

מֶען וֶועט נִיט גַּזְלֶנֶ'ן נִיט גַּנְבֶנֶ'ן אוּנ נִיט אַנְדֶערֶע עַוְלוֹת טָאהְן. טָאמֶער וֶועט אַמֶענְטְשׁ זָאגִין זַוייל אִיךְ דַּארְף מַיין חָבֵר נָאר אַזוֹי לִיבּ הָאבִּין וִוי זִיךְ. אוּנ אַז אִיךְ וֶוער פַארְשֶׁעמְט זָאל מַיין חָבֵר אוֹיךְ פַארְשֶׁעמְט וֶוערִין. אַז אִיךְ וֶוער גִּיפְלוּכְט זָאל מַיין חָבֵר אוֹיךְ גִּיפְלוּכְט וֶוערִין. הָאט רַבִּי תַּנְחוּמָא גִּיזָאגְט אוֹיבּ דוּא הָאסְט אַזוֹי גִּיטָאהְן וַוייס וֶועמֶען דוּ פַארְשֶׁעמְסְט. דֶעם בִּילְד פוּן גָאט. וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט אִין דֶעם פַאר גְלַייךְ פוּן גָאט הָאט גָאט גִימַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ׃

פרשה כה (א) (וַיִּתְהַלֵּךְ חֲנוֹךְ). חֲנוֹךְ אִיז גִּיגַאנְגֶען מִיט גָאט אוּנ עֶר אִיז נִיטָא וָוארוּם גָאט הָאט אִים צוּ גִינוּמֶען. וָואס מַיינְט מֶען עֶר אִיז נִיטָא. רַבִּי חָמָא בַּר הוֹשַׁעְיָא זָאגְט עֶר אִיז נִיטָא פַאר שְׁרַייבֶּען צְווִישֶׁען צַדִּיקִים נָאר צְווִישֶׁען רְשָׁעִים (פְרִיעֶר אִיז עֶר גִּיוֶועזֶען אַצַדִּיק דֶער נָאךְ אִיז עֶר גִּיוָוארִין אַרָשָׁע). דְּרִיבֶּער הָאט אִים גָאט אַרוֹיס גִינוּמֶען פוּן דֶעם בּוּךְ ווָא דִיא צַדִּיקִים זֶענֶען פַאר שְׁרִיבֶּען אוּנ הָאט אִים אַיין גֶעשְׁרִיבֶּען אִין דֶעם בּוּךְ פוּן דִי רְשָׁעִים. רַבִּי אַיְבוּ זָאגְט חֲנוֹךְ אִיז גִּיוֶועזֶען פַאלְשׁ. אַמָאהְל אִיז עֶר גִּיוֶועזֶען אַצַדִּיק אַמָאהְל אִיז עֶר גִּיוֶועזֶען אַרָשָׁע. הָאט גָאט גִּיזָאגְט וֶוען עֶר וֶועט זַיין אַצַדִּיק וֶועל אִיךְ אִים צוּ נֶעמֶען פוּן דֶער וֶועלְט. רַבִּי אַיְבוּ זָאגְט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט גָאט אִים גֶעמִשְׁפָּט וֶוען עֶר מְשַׁפָּט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. וָוארוּם רְשָׁעִים וֶוערִין גֶעמִשְׁפָּט בַּאלְד אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם שְׁטַארְבִּין. אַפִּיקוֹרְסִים הָאבִּין גִּיפְרֶעגְט בַּיי רַבִּי אַבָּהוּ פַאר וָואס גֶעפִינֶען מִיר נִיט אִין דִי תּוֹרָה אַז חֲנוֹךְ אִיז גִישְׁטָארְבִּין. דָא שְׁטֵייט עֶר אִיז גִינוּמֶען גִּיוָוארִין אוּנ דָארְט שְׁטֵייט בַּיי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הַיינְט וֶועט גָאט צוּ נֶעמֶען דַיין הַאר (אֵלִיָּהוּ) פוּן דַיין קָאפּ. אַזוֹי וִוי אֵלִיָּהוּ אִיז אַרוֹיף לֶעבֶּעדִיג אִין הִימֶעל אַזוֹי אִיז חֲנוֹךְ אוֹיךְ אַרוֹיף לֶעבֶּעדִיג. וִוי רַבִּי אַבָּהוּ הָאט גִּיזֶעהְן אַז דִי אַפִּיקוֹרְסִים ווִילֶען זָאגִין אַז חֲנוֹךְ אִיז גִּיוֶועזֶען אַגֶאטְלִיכְקֵייט. הָאט רַבִּי אַבָּהוּ צוּ זֵיי גִּיזָאגְט אוֹיבּ אִיר דַּרְשְׁ'ט דָאס וָוארְט גֶעמֶען וָואס עֶס שְׁטֵייט בַּיי חֲנוֹךְ. פוּן דֶעם אִיז נִיט קַיין בֶּעוַוייזוּנְג אַז עֶר אִיז נִיט גִישְׁטָארְבִּין. וָוארוּם מִיר גֶעפִינֶען בַּיי שְׁטַארְבִּין אוֹיךְ דָאס וָוארְט גֶעמֶען. גָאט הָאט גִּיזָאגְט צוּם נָבִיא יְחֶזְקֵאל אִיךְ וֶועל צוּ גֶעמֶען פוּן דִיר דָאס גְלוּסְטִיגְקַייט פוּן דַיינֶע אוֹיגִין. דַיין וַוייבּ וֶועט שְׁטַארְבִּין. וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָא אִיז גִישְׁטָארְבִּין. אַזוֹי וָואס עֶס שְׁטֵייט גָאט הָאט צוּ גִינוּמֶען חֲנוֹךְ מַיינְט מֶען עֶר אִיז גִישְׁטָארְבִּין. הָאט רַבִּי תַּנְחוּמָא גִּיזָאגְט רַבִּי אַבָּהוּ הָאט גוּט גִּיעֶנְטְפֶערְט צוּ דִי אַפִּקוֹרְסִים. אַמַלְכָּה הָאט גִּיפְרֶעגְט בַּיי רַבִּי יוֹסִי פַאר וָואס שְׁטֵייט נִיט אַז חֲנוֹךְ אִיז גִישְׁטָארְבִּין. הָאט רַבִּי יוֹסִי גִּיזָאגְט צוּ אִיר וֶוען עֶס וָואלְט גִישְׁטַאנֶען חֲנוֹךְ אִיז גִיגַאנְגֶען מִיט גָאט. אוּנ מֶער וָואלְט נִיט גִישְׁטַאנֶען. וָואלְט אִיךְ גִּיזָאגְט וִוי דוּ זָאגְסְט אַז עֶר אִיז נִיט גִישְׁטָארְבִּין. אַז עֶס שְׁטֵייט

לקח אותו אלהים: (ב) ויקרא את שמו נח לאמר וגו׳. ר׳ יוחנן ורשב״ל. ר״י אמר לא (ח) המדרש הוא השב. ולא השם הוא המדרש. לא הוה צריך קרא למימר אלא נח זה יניחנו. או נחמן זה ינחמנו. אלא בשעה שברא הקב״ה את אדה״ר השליטו על הכל הפרה היתה נשמעת לחורש. והתלם נשמע להורש. כיון שחטא אדם מרדו עליו: הפרה לא היתה נשמעת לחורש והתלם לא היה נשמע לחורש. כיון שעמד נח (ט) נחו. ומנא לן. נאמר כאן נייחה ונאמר להלן נייחה (שמות כג) למען ינוח שורך וחמורך. מה נייחה שנאמר להלן נייחת שור. אף נייחה שנאמר כאן נייחת שור. רשב״ל אמר לא השם הוא המדרש. ולא המדרש הוא השם. ולא היה צריך קרא למימר. אלא או נח זה יניחנו או נחמן זה ינחמנו. אלא עד שלא עמד נח היו המים עולים ומציפים אותם בתוך קבריהם. ב׳ פעמים כתיב (עמוס ה) הקורא למי הים. כנגד ב׳ פעמים שהיו המים עולים ומציפין אותן בתוך קבריהם. א׳ בשחרית וא׳ בערבית. הה״ד (תהלים פח) כמו חללים שוכבי קבר. שוכבים שלהם חללים היו. כיון שעמד נח נחו. נאמר כאן נייחה ונאמר להלן נייחה (ישעיה נז) יבא שלום ינוחו על משכבותם. מה נייחה האמורה להלן (י) נייחת קבר. אף נייחה האמורה

## מתנות כהונה

במגפה: (ח) המדרש. דרש זה ינחמנו תינו יכול נתנחמנו מעצבון הסוה: (י) נייחת קבר. ובמנוחה זאת כנית מכס ובזולתו מתוך שם נח: (ט) נחו. ממרדן כיון שנחו ממרדן

---

ער איז ניטא וואָרום גאָט האָט אים צו גינומען. מיינט מען ער איז ניטא אויף די וועלט וואָרום גאָט האָט אים צו גינומען פון די וועלט (אזוי ווי אַלע וואָס שטאַרבין): (ב) ויקרא. ער האָט גירופין זיין נאָמען נח צו זאָגין זה ינחמנו. דער וועט אונז טרייסטין. רבי יוחנן און רבי שמעון בן לקיש קריגען. רבי יוחנן זאָגט דער דרש איז ניט ווי דער נאָמען. און דער נאָמען איז ניט ווי דער דרש. נח איז דער טייטש רוהען. ינחמנו איז דער טייטש אונז טרייסטין. אָדער ער זאָל אים רופין נח און זאָגין זה יניחנו. דער וועט אונז מאַכין רוהען. אָדער ער זאָל אים רופין נחמן און זאָגין זה ינחמנו. דער וועט אונז טרייסטין. נאָר ווען גאָט האָט בשאפין אדם הראשון האָט ער אים גימאַכט געוועלטיגען אויף אַלץ. די קוה האָט גיפאָלגט דעם בעל הבית זיא זאָל זיין אַקערין. די ערד האָט גיפאָלגט דעם בעל הבית זי זאָל צו אַקערט ווערין. ווי אָדם האָט געזינדיגט האָבין זיי אויפגיהערט צו פאָלגין. די קוה האָט ניט גיפאָלגט דעם בעל הבית צום אַקערין. די ערד האָט ניט גיפאָלגט דעם בעל הבית זיא זאָל צו אַקערט ווערין (דריבער זענען די מענטשין גיוועזין טרויעריג און האָבין שווער גיאַרבעט). ווי נח איז גיבאָרין גיוואָרין האָבין זיי גירוהט פון זייער ווילדקייט. פון וואַנען ווייסין מיר אַז זיי האָבין גירוהט. דאָ שטייט דאָס וואָרט רוהען. און ביי שבת שטייט דאָס וואָרט רוהען. עס זאָל רוהען ביין אָקס און ביין אייזיל. אַזוי ווי דאָרט ביי שבת מיינט מען די רוהונג פון אָקס. אַזוי דאָ מיינט מען אויך די רוהונג פון אָקס. דער אָקס האָט גירוהט פון זיין ווילדקייט און גיפאָלגט דעם בעל הבית און האָט ווייטער גיאַקערט. האָבין זיך שוין די מענטשין גיטרייסט פון זייער טרויעריגקייט און פון זייערע שווערע אַרבעט. דריבער שטייט זה ינחמנו. רבי שמעון בן לקיש זאָגט. דער נאָמען איז ניט ווי דער דרש. און דער דרש איז ניט ווי דער נאָמען. נח איז דער טייטש רוהען. ינחמנו איז דער טייטש טרייסטין. אָדער ער זאָל אים רופין נח און זאָגין זה יניחנו. דער וועט אונז מאַכין רוהען. אָדער ער זאָל אים רופין נחמן און זאָגין זה ינחמנו. דער וועט אונז טרייסטין. נאָר איידער נח איז גיבאָרין גיוואָרין זענען די וואַסער פון ים אַרויף גיגאַנגען און האָבין פאַרפלייצט די טויטע מענטשין אין די קברים. וואָרום צוויי מאָהל שטייט אין פסוק גאָט האָט גירופין די וואַסער פון ים און האָט זיי אויס גיגאָסין אויף די ערד. גענין די צוויי מאָהל וואָס די וואַסער פון ים זענען אַרויף גיגאַנגען און האָבין פאַרפלייצט די טויטע מענטשין אין די קברים. איין מאָהל אין דער פריה און איין מאָהל פאַרין נאַכט. ווי דער פסוק זאָגט כמו חללים שוכבי קבר. די וואָס זענען גילעגין אין

האמורה כאן נייחת קבר . ר' אלעזר אמר (י) לשם קרבנו נקרא שנאמר (בראשית ח) וירח ה' את ריח הניחח . ר' יוסי בר ר' חנינא אמר לשם נחת התיבה נקרא דכתיב (שם) ותנח התיבה : א"ר יוחנן (יא) לא שמשו המזלות כל אותן י"ב חדש. א"ל ר' יונתן שמשו אלא שלא היה רישומן ניכר : לא ישבותו . ר' אלעזר ור' יהושע , ר"א אומר לא ישבותו מכאן (יב) שלא שבתו. ר"י אומר לא ישבותו מכאן ששבתו . (ג) מן האדמה אשר אררה ה' . עשרה שני רעבון באו לעולם . אחד בימי אדה"ר שנאמר (שם ג) ארורה האדמה בעבורך. ואחד בימי למך שנאמר (שם ה) מן האדמה אשר אררה ה'. ואחד בימי אברהם שנאמר (שם יב) ויהי רעב בארץ. וא' בימי יצחק שנאמר (שם כו) ויהי רעב בארץ מלבד הרעב הראשון . וא' בימי יעקב שנא' (שם מה) כי זה שנתים הרעב . ואחד בימי שפוט השופטים שנא' (רות א) ויהי בימי שפוט השופטים ויהי רעב בארץ . וא' בימי דוד שנאמר (ש"ב כא)
ויהי

## מתנות כהונה

מהם עצבון רוח על מתיהם : (י) לשם קרבנו . על שנתקבל ברצון ובזה הניח מהם עצבונם ודאגת לבם פן ישוב ה' למבול עוד והובטחו בברית מלח עולם אשר נשבע על מי נח לבל ישוב עוד וג"כ שלא ישבותו ששה עתים קור וחום וגו' ולא חזר מנהג העולם על סדרו ומשפטו וזהו ינחמנו : (יא) לא שמשו כו' . שנאמר יום ולילה לא ישבותו מכלל שכל ימי המבול שבתו וא"כ מהו בחדש השביעי א"ר יונתן ששמשו אלא שלא היה רישומן ניכר פי' רש"י לא שמשו כהלכתן ומשפטן : (יב) שלא שבתו . דרש

---

דער כח פון די נביאים איז געווען אזוי גרוים זיי האבין געמעגט פאר גלייכין גאט צו זיינע בשעפעניש ווי דניאל האט געזאגט איך האב געהערט אקול פון אמענטש צווישען אולי. אונ דאס איז געווען דער קול פון גאט. האט דניאל פאר גלייכט דעם קול פון גאט צו דעם קול פון אמענטש. רבי יהודה ברבי סימון זאגט מיר האבין איין אנדער פסוק וואס ווייזט בעסער ווי דער פסוק. דער נביא יחזקאל האט געזאגט עס האט אוים געזעהן אויף דער שטוהל ווי אמענטש וואלט אויף אים געזעסין. האט ער געגליכען גאט צו אמענטש. וואס זיין מאטערניש איז אין חכמה. אונ דער פסוק זאגט גאט האט געגרינדעט די ערד מיט חכמה. אונ זיין מאטערניש איז אין וויסענשאפט אונ דער פסוק זאגט גאט האט מיט זיין וויסענשאפט געשפאלטין די אבגרונדען. אונ זיין מאטערניש איז אין רעכטפארטיגקייט. רבי ברכיה האט געזאגט פון רבי יהודה בר סימון ס ווען ניט מיט מאטערניש האט גאט בשאפין די וועלט. נאר מיט די רייד פון גאט זענען געמאכט געווארין די הימלען. גאט האט נאר ארוים גירעט עס זאל ווערין אהימעל איז שוין געווארין אהימעל. אונ אליין האט זיך אליין פארפארטיגט. אונ צו דעם מענטש וואס האט זיך ניט געמאטערט האט גאט אים גיגעבין זיין חלק. דאס איז דער דור פון מבול. זיי האבין גיהאט דאס גוטס פון גאט אן מאטערניש. דאס איז אויך געווען נארעש אונ דאס האט זיי געבריינגט צו פיל שלעכטס. וועיל עס איז זיי צו פיל גוט געווען דריבער האבין זיי געזינדיגט אונ זענען פארלארין געווארין. ווי דער פסוק זאגט גאט האט געזעהן אז די שלעכטס פון מענטשין אויף דער ערד איז פיל: (ב) דבר אחר. נאך אפשט איז גאט האט געזעהן אז די שלעכטס פון מענטשין אויף דער ערד איז פיל. שלמה המלך האט געזאגט עס איז דא אמענטש וואס זיינע אלע טעג זענען מיט שמערצין אונ מיט כעס אפילו ביי נאכט רוהט אויך ניט זיין הארץ דאס איז אויך נארעש. זיינע אלע טעג זענען מיט שמערצין דאס איז געווען דער דור פון אנוש אונ דער דור פון מבול. זיי האבין גימאכט שמערצין צו גאט מיט זייערע שלעכטע מעשים. אונ זיין בשעפטיגונג איז געווען מיט כעס. זיי האבין דער צערינט גאט מיט זייערע שלעכטע מעשים. ביי נאכט האט זיין הארץ ניט גירוהט פון עבירות. פון וואנען ווייסין מיר אז אפילו ביי טאג האט ער אויך געטאהן עבירות. ווי דער פסוק זאגט דאס טראכטונג פון זיין הארץ איז נאר שלעכט אגאנצין טאג. נאך אפשט איז

אפילו

הרעים. גם בלילה לא שכב לבו. מאחר שהיה בן ישראל גומר את מלאכתו. היה אומר לו (ה) עדור לי שתי עדריות (ו) בקע לי שתי בקעיות. ד״א גם בלילה לא שכב לבו. זה הקב״ה. מלהביא עליהם פורענות ביום ופורענות בלילה. הה״ד (ז) ויהי בחצי הלילה, גם זה הבל הוא: (ג) וירא ה׳ כי רבה וגו׳. ר׳ חנינא אמר (ח) רבה והולכת. ר׳ ברכיה בשם ר׳ יוחנן אמר שמענו בדור המבול שנדונו במים. והסדומיים שנדונו באש. ומנין ליתן את האמור כאן להלן ואת האמור להלן כאן. ת״ל (ט) רבה רבה לגזירה שוה: (ד) וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום. משהיתה חמה זורחת ועד שהיתה שוקעת. לא היתה בהם תוחלת. הה״ד (איוב כד) לאור יקום רוצח יקטל עני ואביון ובלילה יהי כגנב. (י) והא כתיב (שם) חתר בחשך בתים. למה שיומם חתמו למו. מה היו עושים היו מביאים (יא) אפופוליסימון ושף באבן

## מתנות כהונה

וגו׳: (ה) עדור. חפור תחת הגפן: (ו) בקע. עצים: (ז) ויהי בחצי וגו׳. וכתיב בעצם היום הזה יצאו צבאות ה׳: (ח) רבה והולכת. שלא חזרו בהם וכמו שפירש״י בפ׳ וירא בפסוק זעקת סדום ועמורה כי רבה: (ט) רבה רבה. וכתיב זעקת סדום ועמורה כי רבה: (י) והא כתיב כו׳. והא אמרת יהי כגנב ולא גנב ממש ומשני שפול לסיפיה דקרא יומם חתמו כו׳ שזהו עיקר הגניבה ובלילה הוא כגנב וכ״מ טוב בפירש״י ועיין בפ׳ חלק שבזה הם קלא בענין אחר: (יא) אפיפולסימון. שמן ערב פלסם: כך

---

אפילו ביי נאכט האט זיין הארץ ניט גירוהט. דאס מיינט מען גאט. גאט האט גיבריינגט אויף זיי צרות ביי טאג. אונ ביי נאכט. ווי דער פסוק זאגט גאט האט אפגימעקט דאס גאנצע בעשטאנד פון דער וועלט. נאך אפשט איז זיינע אלע טעג זענען שמארצין. דאס מיינט מען די מענטשין פון סדום. זיי האבין גימאכט שמארצין צו גאט מיט זייערע שלעכטע מעשים. אונ זיין בשעפטיגונג איז מיט כעס. זיי האבין דר צערענט גאט מיט זייערע שלעכטע מעשים. אפילו ביי נאכט האט זיין הארץ ניט גירוהט. דאס מיינט מען גאט האט ניט גירוהט צו ברייננגען אויף זיי צרות ביי טאג אונ צרות ביי נאכט. ווי דער פסוק זאגט גאט האט גימאכט רעגענען אויף סדום שוועביל אונ פייער. נאך אפשט איז זיינע אלע טעג זענען שמארצין. דאס מיינט מען די מצרים זיי האבין גימאכט שמארצין צו גאט מיט זייערע שלעכטע מעשים. אונ זיין בשעפטיגונג איז מיט כעס. זיי האבין דער צערינט צו גאט מיט זייערע שלעכטע מעשים. אפילו ביי נאכט האט ער ניט גירוהט אז דער יוד האט פארין נאכט גיענדיגט זיין ארבעט אונ האט גיוואלט גיין אהיים אפ רוהען. האט דער מצרי גיזאגט צום יודין גראב פון מיינעט וועגין אביסול צו האק פון מיינעט וועגין צווי שטיקלאך האלץ. נאך אפשט איז אפילו ביי נאכט האט זיין הארץ ניט גירוהט. דאס איז גאט. ער הט ניט גירוהט פון צו ברייננגען אויף זיי שטראף ביי טאג אונ ביי נאכט. ווי דער פסוק זאגט אונ עס איז גיוועז אין האלבע נאכט האט גאט גיהרגת אלע בכורים פון מצרים. אונ דאס איז אויך נארעש: (ג) וירא ה׳. גאט האט גיזעהן אז די שלעכטס פון דעם מענטש איז פיל. רבי חנינא זאגט גאט האט גיזעהן די זינד זייערע פאר גרעסערט זיך. זיי זינדיגען אלע מאהל מער. רבי ברכיה האט גיזאגט פון רבי יוחנן ס וועגין מיר האבין גיהערט אז דער דור פון מבול איז געמשפט גיווארין מיט וואסער. אונ די מענטשין פון סדום זענען געמשפט גיווארי, מיט פייער. פון וואנען ווייסין מיר אז דער דור פון מבול איז געמשפט גיווארין מיט פייאר אויך. אונ די מענטשין פון סדום זענען געמשפט גיווארין מיט וואסער אויך. עס שטייט ביי דעם דור פון מבול דער ווארט רבה. אונ ביי די מענטשין פון סדום שטייט אויך דער ווארט רבה. לערנען מיר אפ איינעם פון אנדערן אז ביידע זענען געמשפט גיווארין מיט פייער אונ מיט וואסער: (ד) וכל יצר. אלע טראכטונגען פון זיין הארץ איז נאר גיוועז שלעכטס צו טאהן אגאנצע טאג. פון דער צייט וואס די זוהן האט אויף גישיינט ביז די זוהן איז אונטער געגאנגען איז ביי זיי ניט גיוועז קיין האפענונג זיי זאלין גוט ווערין. ווי דער פסוק זאגט אז עס איז טאג גיווארין איז ער אויף גישטאנען הרגן מענטשין ער האט גיהרגת ארעמע לייט. ביי נאכט איז ער גיווארין אזוי ווי א גנב. פרעגט דער מדרש דו זאגסט אזוי ווי א גנב. זיי זענען דאך גיוועזין גנבים.

עס

באבן ובאים בלילה ומריחים וחותרים . (יב) כך דרשה ר' חנינא בציפורין . אתעביד ההוא ליליא תלת מאה חותרין . הוה להון אפופוליסימון מה הוה ציפוראי עבדין בתמי' : (ה) וינחם ה' כי עשה את האדם בארץ (בראשית ו) . ר' יהודה ור' נחמיה . ר"י אמר (יג) תווהות היתה לפני . שבראתי אותו מלמטה שאילו בראתי אותו מלמעלה לא היה מורד בי . ר"נ אמר (יד) מתנחם אני שבראתי אותו מלמטה שאילו בראתי אותו מלמעלה . כשם שהמריד בי את התחתונים . כך היה ממריד בי את העליונים . א"ר איבו תווהות היתה לפני שבראתי בו יצ"ה שאילולי לא בראתי בו יצ"ה לא היה מורד בי . א"ר לוי מתנחם אני שעשיתי אותו וניתן בארץ : (ו) ויתעצב אל לבו . א"ר ברכיה משל למלך שבנה פלטין ע"י (טו) אדרכל . ראה אותה ולא ערבה לו . על מי יש לו להתכעס לא על אדרכל . כך ויתעצב אל לבו . א"ר אסי משל למלך שעשה סחורה ע"י סרסור והפסיד . על מי יש לו להתרעם לא על הסרסור .

כך

## מתנות כהונה

(יב) כך דרשה גרסי' ואולי צ"ל כדדרש' שדרשה ברבים שדור המבול היו עושים כך נעשו באותו לילה ג' מאות חתירות שחתרו הגנבים הבאים בהמלאה זו : וה"ג ג' מאות חתרין הוה לכון כו' פירוש ר' חנינא היה מתאוה עליהם בא ורצה כמה אפלסמון היה גדל ועושה בציפורין פעל ידו נחתרו שלשה מאות בתים : (יג) תווהות. הרעבה : (יד) מתנחם. דרשו לשון הנחה וקורת רוח : (טו) אדרכל. פי' יועץ בנאי :

תדווהא

---

עם שטייט דאך אין פסוק אין דער פינסטער פלעגין זיי אונטער גראבין הייזער . ענפערט דער מדרש ביי טאג האבין זיי גיחתמת די הייזער וועלכע זיי זאלין בעגנבנן . אונ ביי נאכט האבין זיי גינגבת . איז דאך דער הויפט גנבה גיוועזן ביי טאג . אונ ביי נאכט איז ער נאר גיוועזן אזוי ווי אגנב . וואס האבין זיי גיטאהן ביי טאג . אז זיי האבין גיזעהן אשטוב וואס דארט איז דא פיל געלט האבין זיי גיבריינגט שמעקעדיגע בוימאייל אונ האבין בשמירט אויף די וואנט פון שטוב די בוימאייל . דער נאך זענען זיי גיקומען ביי נאכט אונ האבין גישמעקט צו וויסען וועלכע שטוב דאס איז . אונ האבין זיא אונטער גיגראבין אונ אלץ ארויס גינגבת . אזוי האט גידרשת רבי חנינא אין צפורין . האבין די גנבים דאס גיהערט אונ האבין אזוי גיטאהן אונ האבין באלד די זעלביגע נאכט בעגנבת דריי הונדערט שטובין . האט זיך רבי חנינא גיוואונדערט אז אין צפורין זאל זיין אזוי פיל שמעקעדיגע בוימאייל צו בשמירען אויף דריי הונדערט הייזער : (ה) וינחם ה' . גאט האט חרטה גיהאט וואס ער האט גימאכט דעם מענטש אויף דער ערד . רבי יהודה אונ רבי נחמיה קריגען . רבי יהודה זאגט וינחם איז דער טייטש חרטה . גאט זאגט איך האב חרטה וואס איך האב בשאפין דעם מענטש אונטען אויף די ערד . ווען איך וואלט אים בשאפין הויבין אין הימעל וואלט ער ניט מורד גיוועזן אין מיר . רבי נחמיה זאגט וינחם איז דער טייטש פארגעניגען . גאט האט גיזאגט איך האב הנאה וואס איך האב בשאפין דעם מענטש אויף דער ערד . ווען איך וואלט אים בשאפין אויף דעם הימעל . אזוי ווי ער האט גימאכט זינדיגען אויף מיר אלע בשעפענעש פון אונטען . אזוי וואלט ער גימאכט זינדיגען אויף מיר אלע בשעפענעש וואס הויבין אין הימעל . רבי איבו זאגט גאט האט גיזאגט איך האב חרטה וואס איך האב בשאפין אין דעם מענטש איצר הרע . ווען איך וואלט ניט בשאפין אין אים איצר הרע וואלט ער ניט מורד גיוועזן אין מיר . רבי לוי זאגט אזוי האט גאט גיזאגט איך האב חרטה וואס איך האב בשאפין דעם מענטש אויף דער ערד : (ו) ויתעצב אל לבו . אונ ער האט גיטרויערט צו זיין הארץ . רבי ברכיה זאגט למשל המלך האט גיבאהט אפאלאסט דורך אבאהמייסטער . האט ער גיזעהן דעם פאלאסט איז ער אים ניט גיפעלין . אויף וועמען איז ער אין כעס . געוויס אויף דעם באהמייסטער . אזוי איז גאט גיוועזן אין כעס אויף זיין הארץ וואס זיא האט אים גיגעבין די עצה ער זאל בשאפין דעם מענטש . רבי אסי זאגט למשל איינער האט גיקויפט סחורה דורך אמעקלער אונ ער האט שאדין גיהאט אין די סחורה . אויף וועמען איז ער בייז געוויס אויף דעם מעקלער . אזוי איז גאט גיוועזן בייז אויף זיין הארץ וואס זיא האט אים גיגעבין די עצה ער זאל בשאפן

דעם

כך ויתעצב אל לבו: (ז) עכו"ם אחד שאל את ריב"ק. א"ל אין אתם אומרים שהקב"ה רואה את הנולד. א"ל הין. והא כתיב ויתעצב אל לבו. א"ל נולד לך בן זכר מימיך. א"ל הין. א"ל מה עשית. א"ל שמחתי ושמחתי את הכל. א"ל ולא היית יודע שסופו למות. א"ל בשעת (טו) חדוותא חדוותא. בשעת אבלא אבלא. א"ל כך מעשה לפני הקב"ה. דאמר ריב"ל ז' ימים נתאבל הקב"ה על עולמו (טז) קודם שלא יבא מבול לעולם. מ"ט ויתעצב אל לבו ואין עציבה (יז) אלא אבילות. המד"א (שמואל ב יט) נעצב המלך על בנו:

## פרשה כח

(א) ויאמר ה' אמחה את האדם. (איוב לד) לכן יכיר מעבדיהם והפך לילה וידכאו. ר' חנינא שאליה לר' יונתן א"ל מ"ד לכן יכיר מעבדיהם וגו'. א"ל אין הקב"ה נפרע מן הרשעים עד שהוא קורא (א) אנאליגין שלהן מלמעלה ואח"כ הוא נפרע מהן. שהקב"ה הופך את יום ללילה (ב) והקשיטן לפורענות. ואח"כ הוא נפרע מהם. כך בתחלה (ג) וירא ה' כי רבה רעת האדם. ואח"כ (ד) וינחם ה' כי עשה את האדם בארץ. ואח"כ ויאמר ה' (ה) אמחה את האדם אשר בראתי.

ראמת

### מתנות כהונה

(טו) חדותא. בעת שמחה יש לשמוח ובעת האבל יתאבל: (טז) קודם שלא יבא. עד שלא בא: (יז) אלא אבילות. וסתם אבל ז' ימים. ובשעת הבריאה היתה לפניו שמחה: (א) אנאליגין. שמר טוב ודין: (ב) והקפיטן. לשון קישוט והכנה: (ג) וירא ה' וגו'. זהו רמז לקריאת האנגליגין שרואה מעשיהם הבלתי הגונים: (ד) וינחם ה'. זהו קישוט לפורעניות: (ה) אמחה. זהו הדין:

יעשה

---

דעם מענטש: (ז) עכו"ם אחד. אגוי האט אמאהל געפרעגט ביי רבי יהושע בן קרחה איר זאגט אז גאט ווייס וואס שפעטער וועט זיין. האט רבי יהושע געזאגט יא גאט ווייס. האט דער גוי געזאגט עס שטייט דאך גאט האט געטרויערט אויף די שלעכטקייט פון דעם מענטש. אז ער האט געוואוסט פריער אז ער וועט שלעכט זיין צו וואס האט ער אים בעשאפן. האט רבי יהושע געזאגט צום גוי עס איז ביי דיר אמאהל געבארין געווארין אזוהן. האט דער גוי געזאגט יא. האט רבי יהושע געזאגט צום גוי וואס האסטו געטאהן. האט דער גוי געזאגט איך האב מיך געפרייט אונ האב פריילאך געמאכט אנדערע מענטשין. האט רבי יהושע געזאגט צום גוי האסטו דען ניט געוואוסט אז דער זוהן וועט אמאהל שטארבין. האט דער גוי געזאגט ווען עס איז אשמחה דארף מען זיך פרייען. אונ ווען עס איז אטרויער דארף מען טרויערין. ווען ער וועט שטארבין וועל איך דאמאלס טרויערין. האט רבי יהושע געזאגט צום גוי אזוי איז געווען ביי גאט. ווען גאט האט בעשאפן דעם מענטש האט ער זיך געפרייט. ווען דער מענטש האט געזינדיגט הט ער אויף אים געטרויערט. ווארום רבי יהושע בן לוי האט געזאגט זיבען טאג האט גאט געטרויערט אויף דער וועלט איידער דער מבול איז געקומען אויף דער וועלט. ווי דער פסוק זאגט ויתעצב אל לבו. עצבות מיינט מען טרויערין אויף אגשטארבענעם. ווי דער פסוק זאגט נעצב המלך על בנו. דוד המלך האט געטרויערט אויף זיין זוהן אבשלום ווען ער איז געשטארבין:

פרשה כח (א) ויאמר ה'. גאט האט געזאגט איך וועל אפמעקין דעם מענטש וואס איך האב בעשאפין. איוב האט געזאגט לכן יכיר מעבדיהם והפך לילה וידכאו. רבי חנינא האט געפרעגט ביי רבי יונתן וואס מיינט מען לכן יכיר מעבדיהם. האט רבי יונתן געזאגט גאט שטראפט ניט די רשעים ביז ער לייגט אויף דעם הימעל פאר אלע מלאכים זייער שטר חוב זייערע שלעכטע מעשים וואס זיי האבין געטאהן. דר נאך שטראפט ער זיי. מיינט מען יכיר מעבדיהם. ער מאכט דער קענען פאר אלע מלאכים זייערע עבירות וואס זיי האבין געטאהן. גאט מאכט פון טאג נאכט אונ ער בגרייט אן די מענטשין זיי זאלין צו געמען די שטראף וואס אויף זיי וועט קומען. דער נאך שטראפט ער זיי. אזוי איז געווען ביי דעם מבול אויך. פריער וירא ה' כי רבה רעת האדם. האט גאט געוויזען די מלאכים אז די שלעכטס פון דעם מענטש איז פיל. דער נאך האט גאט חרטה געהאט וואס ער האט בשאפן

דעם

(ב) ר' ברכיה בשם ר' ביבי. יקוו המים. (ו) יעשה מדה למים. כמו שנא' (זכריה א) וקו ינטה על ירושלים. ר' אבא ב"כ בשם ר' לוי אמר יקוו לי המים מה שאני עתיד לעשות בם. משל למלך שבנה פלטין והושיב בה דיורים אלמים. והיו משכימים ושואלים בשלומו של מלך ברמיזה ובאצבע ובמנולים. אמר המלך מה אם אלו שהם אלמים. משכימים ושואלים בשלומי ברמיזה ובאצבע, אילו היו פקחים עאכו"כ. הושיב המלך בתוכה דיורים פקחים. עמדו והחזיקו בפלטין. אמרו אין פלטין זו של מלך. שלנו היא. אמר המלך תחזור הפלטין לכמו שהיתה. כך מתחלה לא היה קילוסו של הקב"ה עולה אלא מן המים. הה"ד (תלים צג) מקולות מים רבים וגו'. ומה הן אומרים אדיר במרום ה'. אמר הקב"ה מה אלו שאין להם לא אמירה ולא דיבור הרי הן מקלסין אותי. לכשנברא אדם עאכ"ו. עמד דור אנוש ומרד בו. דור המבול ומרד בו. דור הפלגה ומרד בו. אמר הקב"ה יפנו אלו ויבואו (ז) אותן שישבו בהן מקודם. הה"ד (בראשית ו) ויאמר ה' אמחה את האדם אשר בראתי, מה הם סבורים אריות (ח) גסטריות אני צריך. (ט) הלא ברבור בראתי את העולם. דבור אני מוציא ומכלה אותן מן העולם. א"ר ברכיה כלום בראתי אותו אלא מן העפר. מי

## מתנות כהונה

(ו) יעשה מדה. כד"א וכן לא יעשה: (ז) אותן שהיו פה מקודם. שלטנות: (ט) הלא בדבור כו'. פירש"י דדייק מלת בראשית ואלו הן המים ולכן אמר אמחה במים: (ח) גסטריות. דמשמע

דעם מענטש אויף דער ערד. דער נאך האט גאט געזאגט איך וועל אפמעקן דעם מענטש וואס איך האב בשאפן: (ב) רבי ברכיה האט געזאגט פון רב ביבי ס ווענן עס שטייט אין פסוק יקוו המים. עס זאל געמאכט ווערן אמאס צו די וואסער. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וקו ינטה על ירושלים. מען זאל נייגן אמאס אויף ירושלים. רבי אחא בר כהנא האט געזאגט פון רבי לוים ווענן יקוו המים מיינט מען די וואסער האפן צו מיר וואס איך וועל מיט זיי טאהן. איך זאל זיי צוריק פאר שפרייטן אויף די ערד. למשל א מלך האט געבאהט א פאלאסט אונ האט אין איר אריין געזעצט איינוואהנער שטומע מענטשין. זיי פלעגן אויף שטיין פריה אונ פלעגן גריסען דעם מלך פרעגין וואס ער מאכט אויפין וואנק מיט די פינגער אונ פלעגן ארויס געמען די היטלען פאר אים. האט דער מלך געזאגט מאראך די מענטשין וואס זענען שטומע פון דערשטוועגין שטייען זיי אויף פריה אונ פרעגין וואס איך מאך אויפין וואנק אונ מיט די פינגער. אז קלוגע וואלטין געוואהנט אין מיין פאלאסט וואלטין זיי דאך מיר געווים געדאנקט אונ גיגעבין כבוד. האט דער מלך אריין געזעצט אין פאלאסט קלוגע איינוואהנער וואס קענען ריידין. האבין די קלוגע אנגינומען דעם פאלאסט אונ האבין געזאגט דער פאלאסט גיהער גאר ניט צום מלך. ער איז אונזערער. האט דער מלך ארויס געטריבען די קלוגע פון פאלאסט. אונ האט צוריק אריין געזעצט די שטומע אין פאלאסט. אזוי איז געווען ביי די וועלט. פריער איז געווען וואסער אויף די גאנצע וועלט. אונ די וואסער האבין געלויבט גאט. ווי דער פסוק זאגט. די שטיממען פון די פיל וואסער האט מען געהערט ווי זיי זאגין אז גאט איז שטארק אין הימעל. האט גאט געזאגט מאראך די וואסער וואס זיי קענען ניט ריידין אונ לויבין מיך. אז איך וועל בשאפין מענטשין וועלין זיי דאך מיך געווים לויבין. האט גאט בשאפין מענטשין. איז געקומען דער דור פון אנוש אונ האט מורד געווען אין גאט. דער דור פון מבול אונ האט מורד געווען אין גאט. דער דור הפלגה אונ האט מורד געווען אין גאט. האט גאט געזאגט זאלין די מענטשן אוועק גיין פון דער וועלט. אונ לאזין צוריק קומען די וואסער וואס זענען פריער געווען אויף דער וועלט. ווי דער פסוק זאגט נאך האט געזאגט איך וועל אפמעקן דעם מענטש וואס איך האב בשאפין. וואס מיינען זיי איך דארף האבין לייבין אדער מיליטער אפ צו מעקן זיי. במיט איין ווארט האב איך די וועלט בשאפין. איך וועל ארויס ריידין אווארט זענען זיי שוין פארלענדט פון דער וועלט. רבי ברכיה זאגט אזוי האט גאט געזאגט איך האב דאך בשאפין דעם מענטש פון ערד. ווער מאכט צו גיין ערד. פוואסער. וועל איך זייא פאר פלייצין

מי ממחה את העפר מים: (ג) ויאמר ה' אמחה את האדם. ר' לוי בשם ר' יוחנן אמר אפילו (ט) אצטרובולין של רחים נמחה. ר' יהודה בר סימון בשם ר' יוחנן אמר אפי' (י) עפרו של אדה"ר נמחה. כד דרשה ר' יהודה בציפורי בצבורא לא קבילו מיניה. ר' יוחנן בשם ר' שמעון בן יהוצדק אמר אפי' (יח) לוז של שדרה שממנו הקב"ה מציץ את האדם לע"ל נמחה. אדריאנוס שחיק עצמות שאל את ר' יהושע בן חנניא א"ל מהיכן הקב"ה (יב) מציץ את האדם לע"ל. א"ל מלוז של שדרה. א"ל מנין אתה יודע א"ל (יג) איתיתיה לידי ואנא מידע לך. (יד) טחנו ברחים ולא נטחן. שרפו באש ולא נשרף. נתנו במים ולא נמחה. נתנו על הסדן והתחיל מכה עליו בפטיש. נחלק הסדן ונבקע הפטיש ולא חסר כלום: (ד) אמחה אני (טו) ממחה על בריותי. ואין בריותי ממחים ע"י. א"ר אלעזר משל למלך שהיו לו אוצרות (טז) בלוסים. והיו בני המדינה מליזין אחרי המלך. לאמר (יז) מזגו של מלך רעה. מה עשה המלך פתח להם (יח) המאושרי' שבהם. ומלאו את כל המדינה (יט) סריות. התהילו גורפים ומשליכים ליאור. כך אלו החשובים שבהם כך עשו: הגרועים שבהם עאכו"כ. (קהלת ז) אדם אחד מאלף מצאתי. כהדא דתנן (כ) אלפא ליין (כ"ה לקמן). אמחה את האדם

## מתנות כהונה

דמשמע בלא עמל ויגיעה: (ט) איסטרובולין. רחיים התחתונה ודייק את האדם שהוא קומו של אדם והם הרחיים: (י) עפרו של אדם הראשון. דייק ה"א הידיעה של האדם: (יח) לוז. פירש"י עצם קטן הוא קושר גידולו כמו לוז ועומד בסוף השדרה: (יב) מנין לשון ויגן לין: (יג) איתיתיה. הביאו לידי ואני מודיע לך כי כן הוא: (יד) טחנו. ר' יהושע את כלו: (טו) ממחה. מתחרך עליהם ומוחה בידם את אשר אינו ישר בעיניו: (טז) בלוסים. תמימים ומעורבים: (יז) מזגו. יש לו מזג רע שאינו רוצה לפתוח אוצרותיו: (יח) המאושרים. הטובים והמשובחים שבאוצרותיו: (יט) סריות. סרחון: (כ) אלפא ליין. והמובחר כמו האלף שהיה ברחש לכל

---

מיט וואסער: (ג) ויאמר ה'. גאט האט געזאגט איך וועל אפ מעקן דעם מענטש פון דער וועלט. רבי לוי האט געזאגט פון רבי יוחנן ס וועגן אפילו דער אונטערשטער שטיין פון די מיהל שטיינער איז אויך צוגאנגען אין דעם וואסער פון מבול. רבי יהודה בר סימון זאגט פון רבי יוחנן ס וועגן אפילו די ערד פון אדם הראשון איז אויך צו גאנגען אין וואסער. דער קערפער פון אדם הראשון אין קבר איז צו גאנגען געווארין אין וואסער פון מבול אזוי האט גידרשת רבי יהודה אין צפורי פאר פיל מענטשין. אונ מען האט דעם דרש ניט אן גינומען. רבי יוחנן האט גיזאגט פון רבי שמעון בן יהוצדק וועגן. (אלע טויטע מענטשין אין די קברים זענען צו גאנגען אין דעם וואסער פון מבול). אפילו דאס הארטע ביינדיל פון די שדרה וואס ער הייסט לוז וואס פון אים וועט גאט בשאפין דעם מענטש צו תחיית המתים. איז ער אויך צו גאנגען אין וואסער. אדריאנוס (צו ריבען זאלין ווערין זיינע ביינער) האט גיפרעגט ביי רבי יהושע בן חנניה פון וואנען וועט גאט בשאפין די טויטע מענטשין ווען משיח וועט קומען. האט רבי יהושע גיזאגט פון דעם ביינדיל לוז וואס איז אין די שדרה. האט אדריינוס גיזאגט צו רבי יהושע פון וואנען ווייסטו דאס. האט רבי יהושע גיזאגט צו אדריינוס ברייננ מיר דעם ביינדיל וועל איך דיר ווייזין אז עס איז אזוי. האט מען גיברייננט דעם ביינדיל צו רבי יהושע. אונ ער האט אים גימאהלין אין אמיהל שטיין אונ ער איז ניט צו מאהלין גיווארין. ער האט אים גיברענט אין פייער אונ ער איז ניט פאר ברענט גיווארין. ער האט אים צווייען גילייגט אין וואסער אונ ער איז ניט צו גאנגען גיווארין. ער האט אים גילייגט אויף אקלאץ אונ האט גיקלאפט אויף אים מיט אהאמער. דער קלאץ איז גישפאלטין גיווארין. דער האמער איז גישפאלטין גיווארין אונ פון דעם ביינדיל איז גאר ניט אפ גיבראכין גיווארין: (ד) אמחה. איך וועל אפ מעקן דעם ווילען פון מיינע בשעפענעש. אונ מיינע בשעפענעש וועלין ניט אפ מעקן מיין ווילען. רבי אלעזר האט גיזאגט למשל המלך האט גיהאט פאר חתמתה שפייכלער. האבין די מענטשין פון דער מדינה גירעט אויף דעם מלך אונ האבין גיזאגט דער מלך איז אשלעכטער פאר וואס עפינט ער ניט די שפייכלערס. ווייל זיי האבין גימיינט אין די שפייכלערס איז דא

פיל

האדם אשר בראתי. אלף דור עלו במחשבה להבראות. וכמה נימוחו מהם. ר' הונא בשם ר' אליעזר בנו של ר' יוסי הגלילי אמר (כח) ט' מאות וע"ד דורות מ"מ (תהלים קה) דבר צוה לאלף דור. זו התורה. ר' לוי משום ר' שמואל בר נחמן אמר ט' מאות ושמונים. מ"מ דבר צוה לאלף דור זו (כב) המילה: (ה) א"ר אבא ב"כ נעשה בעשרת השבטים מה שלא נעשה בדור המבול. כתיב בדור המבול (בראשית ו) וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום. ובי' השבטים. כתיב (מיכה ב) הוי חושבי און ופועלי רע [על משכבותם. הרי זה בלילה. ומנין אף ביום ת"ל (שם) באור הבוקר יעשוה. אותן לא נשתייר מהם פליטה. ואלו נשתייר מהם. אלא בזכות הצדיקים והצדיקות שהן עתידין לעמוד מהן; הה"ד (יחזקאל יד) והנה נותרה בה פלטה המוצאים בנים ובנות. הנה מוצאים בנים ובנות אב"כ. (כג) אלא המוצאים בנים ובנות בזכות הצדיקים והצדקות העתידים לעמוד מהן. א"ר ברכיה נעשה בשבט יהודה ובנימין מה שלא נעשה בסדומיים. בסדומיים כתיב (בראשית יח) וחטאתם כי כבדה מאד.

ובשבט

## מתנות כהונה

לכל האותיות: (כח) ט' מאות כו': דכתיב דבר צוה וגו' שלום התורה שהיא נתונה אחר אלף דור ושיח נתנה לעשרים וששה דורות עשרה דורות מאדם ועד נח וכן מנח עד אברהם ומאברהם עד משה ששה דורות הרי חסרים תתקע"ד דורות: (כב) המילה נתנה לעשרים דור הרי אחריו תת"קף דור: (כג) אלא המוצאים. מלא טוב:

פיל גוטס. וואס האט געטאהן דער מלך ער האט געפינט די בעסטע שפייכלערם. איז די גאנצע מדינה פארשטונקען געווארין. האט מען געמוזט ארום ראמען די שפייכלערם אונ אריין ווארפין אין טייך. האבין די מענטשין געזאגט אז פון די גוטע שפייכלערם שטינקט אזוי. ווערט דאך פון די שלעכטע שפייכלערם נאך מער שטינקען. ביי גאט איז אויך אזוי געווען. ער האט ניט געוואלט בשאפין די מענטשין אויף דער וועלט. ביז אלע בשעפענעש האבין פאר לאנגט עס זאל בשאפין ווערין מענטשין. האט ער בשאפין אביסול מענטשין (די בעסטע בני האלהים) אונ זיי האבין געזינדיגט ביז מע האט געמוזט זיי דער טריינקען אין וואסער. וואס וועט שוין זיין מיט די איבעריגע מענטשין. זיי וועלין דאך געווים זינדיגען. שלמה המלך האט געזאגט אדם אחד מאלף מצאתי. אזוי ווי מיר האבין געלערנט תקוע אלפא ליין. די שטאט תקוע איז געווען די בעסטע צו ווין. אלפא איז דער טייטש דאס בעסטע. אדם אחד מאלף מצאתי מיינט מען איין מענטשין דעם בעסטין פון אלע האב איך געפונען. דאס איז נח. גאט האט געזאגט איך וועל אפ מעקין דעם מענטש וואס איך האב בשאפין. טויזענט דורות האט גאט געוואלט בשאפין. ווי פיל זענען אפ געמעקט געווארין פון זיי. רבי הונא האט געזאגט פון רבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילים וועגין ניין הונדערט מיט פיר אונ זיבעציג דורות זענען אפ געמעקט געווארין. ווי דער פסוק זאגט דבר צוה לאלף דור. דאס מיינט מען די תורה. גאט האט געבאטין די תורה צום סוף טויזענד דורות. ניין הונדערט פיר אונ זיבעציג דורות ביז אדם. אונ פון אדם ביז נח צעהן דורות. אונ פון נח ביז אברהם צעהן דורות. פון אברהם ביז משה זעקס דורות. צו זאמען איז טויזענד דורות. רבי לוי האט געזאגט פון רבי שמואל בר נחמן ס וועגין ניין הונדערט מיט אכטציג דורות זענען אפגימעקט געווארין. ווי דער פסוק זאגט דבר צוה לאלף דור. דאס מיינט מען די מצוה פון מילה וואס איז געבאטין געווארין צו אברהם צום סוף טויזענד דורות. ניין הונדערט אכטציג דורות ביז אדם. אונ פון אדם ביז אברהם איז צוואנציג דורות: (ה) אמר. רבי אבא בר כהנא האט געזאגט די צעהן שבטים האבין געטאהן מער עבירות ווי דער דור פון מבול האבין געטאהן. ביי דעם דור פון מבול שטייט אלע געדאנקען וואס זיין הארץ האט געטראכט זענען געווען נאר שלעכט אגאנצין טאג. אבער ביי נאכט האבין זיי ניט געזינדיגט. אונ ביי די צעהן שבטים שטייט זיי טראכטין אונרעכט אונ טוהען שלעכטס אויף זייער געלעגער. האבין זיי געטאהן עבירות ביי נאכט. פון וואנען ווייסין מיר אז ביי טאג האבין זיי אויך געזינדיגט. שטייט אין פסוק ווי דער טאג איז נאר ליכטיג געווארין האבין זיי שוין געטאהן עבירות. פאר וואס פון דור המבול איז גאר ניט געבליבען.

אונ

ובשבט יהודה כתיב (יחזקאל ט) עון בית ישראל ויהודה גדול (כד) במאד מאד. ואותן לא נשתייר מהם פליטה. ואלו נשתייר מהם פליטה. אלא אותה (איכה ד) ההפוכה כמו רגע. לא פשטו ידיהם במצות. (שם) ולא חלו בה ידים. א"ר תנחום (כה) לא חלת יד ליד. אלו פשטו ידיהם במצות (שם) (כו) ידי נשים רחמניות בשלו ילדיהן. כל כך למה. היו (כז) לברות למו על שבר בת עמי. א"ר חנין נעשה בכרכי הים מה שלא נעשה בדור המבול. (צפניה ב) הוי יושבי חבל הים גוי כרתים. גוי שהוא ראוי (כח) כרת. ובאי זה זכות הן עומדין. (כט) בזכות גוי אחד. בזכות ירא שמים אחד. שהן מעמידין בכל שנה. ר' לוי פתר לו לשבח. יוי שירת ברית. המד"א וכרות עמו הברית: (ד) ר' יודן ור' פנחס. ר"י אמר משל למלך שמסר את בנו לפדגוג והוציאו לתרבות רעה. כעס המלך על בנו והרגו. אמר המלך כלום הוציא את בני לתרבות רעה אלא זה. בני אבד (ל) הוא וזה קיים. לפיכך מאדם (לא) עד בהמה עד

## מתנות כהונה

(כד) במאד מאד. תרי זימני. (כה) לא חלתה. לשון שיכון כלומר לא שכנה יד העשיר ביד העני לעזרו ולתומכו במתנותיו: (כו) ידי נשים וכו'. במדרש איכה ראיתי שהאשה לקחה גלוסקא מפי בעלה ומפי בניה והלכה ומכרה בו את שכינותיה ומנחמת אותה ומעלה הכתוב עליהם כאילו בשלו ילדיהן למצות: (כז) לברות. לקיים מצות הברכה: (כח) שחייב כרת. בלי פליטה ובדור המבול היה פליטה נח וביתו ויצא הפליט גם כאן: כ"ג רש"י (כט) בזכות גוי אחד וירא שמים כו'. ובדור המבול לא כן היה ולפיכך אבדו: (ל) וזה קיים. בתמיה: (לא) ועד בהמה כו'. שמפני רוב טובה מבהמות ועופות ומיתו אין בעטו במקום לפיכך יאבדו גם המה:

---

און פון די צעהן שבטים איז יא געבליבען. נאר ווייל גאט האט געזעהן אז פון דור המבול וועלין געבארין ווערין נאר רשעים ביז צום סוף וועלט. און פון די צעהן שבטים וועלין געבארין ווערין צדיקים און צדקניות. ווי דער פסוק זאגט עס איז געבליבען אנטרונג איבער בלייבונג המוצאים בנים ובנות. אז עס וואלט געשטאנען הנה מוצאים בנים ובנות. וואלטין מיר זאגין מען שמועסט פון די קינדער וואס זענען שוין געבארין געווארין. און דער פסוק זאגט זיי וועלין ארויס געצויגין ווערין צו גיין אין גלות ווארום די קינדער וואס זענען שוין געבארין זענען דאך אויך געוועזען רשעים. שטייט ניט אזוי. נאר עס שטייט המוצאים בנים ובנות. מיינט דער פסוק זיי וועלין ארויס געצויגין ווערין פון גלות אין דעם זכות פון די קינדער די צדיקים וואס וועלין געבארין ווערין. רבי ברכיה האט געזאגט דער שבט יהודה און בנימין האבין געטאהן מער עבירות ווי די מענטשין פון סדום האבין געטאן. ביי די מענטשין פון סדום שטייט זייערע זינד איז געוועזען זייער שווער. און ביי דעם שבט יהודה (און בנימין) שטייט די זינד פון ישראל. און יהודה איז געוועזען גרויס זייער און זייער. און פון די מענטשין פון סדום איז גאר ניט געבליבען. און פון יהודה און בנימין איז יא איבער געבליבען. נאר די מענטשין פון סדום זענען פאר קערט געווארין אין איין מנוט ווייל זיי האבין ניט געטאהן קיין מצות. און די הענט האבין ניט גירוהט זאגט רבי ברכיה מען מיינט די הענד פון רייכין האט ניט גירוהט אין די הענט פון דעם ארעם מאן ער זאל אים עפעס געבין. אבער ישראל און יהודה האבין געטאהן מצות ווי דער פסוק זאגט די הענד פון די פרומע ווייבער האבין געקאכט זייערע קינדער. פאר וואס. ווייל זיי האבין צו גינומען דאס לעצטע שטיקול ברויט פון זייערע קינדער און האבין דאס גיגעבין עסין די אבלים און האבין זיי גיטרייסט אין דעם בראך פון מיין פאלק. איז גלייך ווי זיי וואלטין גיקאכט זייערע קינדער און גיגעבין עסין צו די אבלים. ווארום די קינדער זענען געשטארבין פון הונגער. זעהן מיר אז זיי האבין געטאהן פיל צדקה. רבי חנין זאגט אין די שטעט פון ים איז געטאהן געווארין עבירות. מער ווי די מענטשין פון מבול האבין געטאהן. ווי דער פסוק זאגט וויי אויף די מענטשין וואס זענען ביי דעם ים גוי כרתים. זיי זענען א פאלק וואס זענען ווערט פארשניטען צו ווערין. נאר דורך וועלכין זכות לעבין זיי ווייל יעדער יאהר איז זיך איינער פון זיי מגייר. און עס ווערט געבארין פון זיי יעדער יאהר איין פרומער. רבי לוי זאגט גוי כרתים מיינט מען צו אלויב. זיי זענען א פאלק וואס האבין געמאכט א פארבינדונג מיט גאט זיי

עד רמש) ועד עוף השמים. ר' פנחס אמר משל למלך שהיה משיא את בנו. ועשה לו חופה (לב) סיידה (לג) וכיירה וציירה. כעס המלך על בנו והרגו. מה עשה נכנס לתוך החופה והתחיל לשבר את הקנקנים (לד) מפקיע(לה) בחיצאות. מקרע(לו) בכיליות. אמר המלך כלום עשיתי זו אלא בשביל בני. בני אבד וזו קיימת. לפיכך מאדם ועד בהמה ועד עוף השמים הה"ד (צפניה א) אסף אסף כל מעל פני האדמה נאם ה'. אסף אדם ובהמה אסף עוף השמים ודגי הים והמכשלות את הרשעים. הם הכשילו את הרשעים. כד הוה צייד עופא וא"ל(לז) זיל ואשתמן ואתי. והוא אזל ומשתמן ואתי: (ז) א"ר אלעזר (איוב כב) אם לא נכחד קימנו. בתחלה אבד הקב"ה את ממונן שלא יהיו אומרים לממונינו הוא צריך. ויתרם אכלה אש. שהיו רואים (לח) בלריות של זהב נתכות באש.
א"ר

## מתנות כהונה

(לב) סיידה. בסיד: (לג) כיירה כו'. ליורים בכותלים וכקורות: (לד) מפקי'ע. לשון שבירה: (לה) בחולאות. במחילאות מחילות יריעות מרוקמים: (לו) כיליות. כילת חתנים: (לז) זיל ואשתמן כו'. כלייד חור וכינת אותו ואמר ליה לך ושמן עצמך ואחר כך חזור ובא אלי ושעוף כזה הלך ועשה כן ומפני זה שמנו עבו ובעטו בהקדוש ברוך הוא: (לח) בלריות. פירש הערוך חתיכות:
סכל

---

דער פסוק זאגט וכרות עמו הברית. ער האט פאר שניטען מיט אים אפארבינדונג: (ו) רבי יודן אונ רבי פנחס קריגען. רבי יודן זאגט למשל א מלך האט גיגעבין זיין זוהן צו איינעם ער זאל אים אדעווען. אונ דער מענטש האט דעם קינד שלעכט גיצויגין. איז דער מלך אין כעס גיווארין אויף זיין זוהן אונ האט אים גיהרגת. האט דער מלך גיזאגט ווער האט דען מיין זוהן געבריינגט צו אשלעכטע דער ציהונג. נאר דער מענטש. מיין זוהן זאל זיין פאר לארין אונ דער מענטש זאל לעבין? (איך וועל דעם מענטש אויך הרגנן). ביי דעם מבול איז אויך אזוי גיוועזן. די מענטשין האבין גזינדיגט ווייל די ערד האט זיי שלעכט גיצויגין. זי האט זיי גיגעבין פיל גוטס. פעטע פרוכט פעטע בהמות. פעטע עופות. אונ גאט האט די מענטשין גיהרגת. האט גאט גיזאגט די מענטשין זאלין דער טרונקען ווערין אונ זיי אלע זאלין זיין אויף דער וועלט. איך וועל אפ מעקין מענטשין מיט בהמות אונ אלץ וואס קריכט אויף די ערד אונ אלע עופות וואס פליהען אונטערין הימעל (אונ די ערד וועט אויך קאליע ווערין). רבי פנחס זאגט למשל המלך האט חתונה גימאכט זיין זוהן אונ ער האט גימאכט פון זיינעט וועגין אחופה שטוב אונ ער האט די שטוב אויס גיקאלכט אונ אויס גימאלט. דער נאך איז דער מלך אין כעס גיווארין אויף זיין זוהן אונ האט אים גיהרגת. וואס האט דער מלך גיטאהן ער איז אריין גיגאנגען אין די חופה שטוב אונ האט אנגיהובין צו ברעכין די גלעזערנע כלים אונ צו רייסין דיא דיוואנעם פון דיא ווענט אונ האט צו ריסען אלע צירונג פון חתן. דער מלך האט גיזאגט דאס אלץ האב איך דאך נאר גימאכט פון וועגין מיין זוהן. אז מיין זוהן איז פאר לארין זאל דאס אלץ בלייבין? ניין. דא איז אויך אזוי. די גאנצע וועלט איז דאך בשאפין גיווארין נאר פאר די מענטשין. אונ אז דיא מענטשין ווערין פאר לארין דארף אלץ פאר לארין ווערין. דריבער האט גאט גיזאגט איך וועל אפ מעקין די מענטשין אונ די בהמות אונ די עופות. ווי דער פסוק זאגט איך וועל אלץ פאר לענדין פון די ערד. זאגט גאט. איך וועל פאר לענדין מענטשין אונ בהמות איך וועל פאר לענדין די עופות וואס פליהען אונטער דעם הימעל אונ די פיש פון ים וועל איך פאר לענדין. ווייל זיי האבין גימאכט זינדיגען די רשעים. אז איינער האט גיפאנגען אעוף (אונ ער האט גיזעהן דער עוף איז ניט פעט) האט ער גיזאגט צום עוף גיי מאך דיך פעט אונ קום צוריק צו מיר. דער עוף איז גיגאנגען אונ האט זיך פעט גימאכט אונ איז צוריק גקומען צום פאנגער אונ ער האט אים גיגעסין האבין דאך די עופות גיהאלפין די מענטשין זאלין פעט ווערין אונ זינדיגען: (ז) אמר. רבי אלעזר האט גיזאגט איוב האט גיזאגט אם לא נכחד קימנו. די מענטשין פון מבול האבין גיזאגט גאט האט פאר שניטען אונזער בעשטאנד (אונזער פאר מעגין). אין אנהייב האט גאט פאר לענדט זייער געלט. זיי זאלין ניט זאגין גאט דארף אונזער געלט. אונ וואס זיי האבין פאר איבעריגט האט פאר ברענט דער פייער.

א"ר עקיבא (לט) הכל קראו תגר על הכסף ועל הזהב שיצא עמהם ממצרים. שנא' (ישעיה א) כספך היה לסגים (הושע ב) וכסף הרביתי להם וזהב עשו לבעל. (שם ח) כספם וזהבם עשו להם עצבים למען יכרת. ר' הונא ור' ירמיה בשם ר' שמואל בר רב יצחק. למען יכרתו אכ"ב. (מ) אלא למען יכרת. (מא) כאיניש דאמר יתמחק שמיה דפלן; דאפקיה לברי לתרבות בישא: (ח) ר' עזריה בשם ר' יהודה בר סימון אמר הכל קלקלו מעשיהן בדור המבול. הכלב היה הולך אצל הזאב. והתרנגול היה מהלך אצל (מב) הטווס. הה"ד כי השחית כל בשר את דרכו. השחית כל אדם אין כתיב אלא כי השחית כל בשר. ר' לוליאני בר טברין בשם ר' יצחק אמר אף הארץ זינתה. הוו זרעין לה חיטין והיא מפקא (מג) זונין. (מד) אילין זונייא דבה. מן דרא דמבולא אינון: (ט) א"ר יוחנן משפט דור המבול י"ב חדש. נטלו דינם ויהיה להם חלק לעוה"ב. דאמר ר"י כל טיפה וטיפה שהקב"ה מוריד עליהם היה מרתיחה בגיהנם ומוציאה ומורידה עליהם. הה"ד (איוב ו) בעת יזרבו נצמתו. (מה) זריבתם. (מו) לחלטנית היתה. (קהל' ט) (מז) גם אהבתם. שהיו אוהבים לע"ז שלהם. גם שנאתם. שהיו שונאים להקב"ה. גם קנאתם. שהיו מקנאים להקב"ה בע"ז

## מתנות כהונה

(לט) הכל קראו תגר. הקב"ה והנביאים: (מ) אלא למען יכרת. הכסף והזהב: (מא) כאיניש כו'. כאדם שאומר ימחה שמו של פלו' בשביל בני לתרבות רעה. כך יכרת הכסף בשביל בני להרבות רעה: (מב) הטווס. פפאו"ן בלע"ז: (מג) זונין. גרעינין הגדלות כמלאים בין החטים:

(מד) אלין זוניא כו'. אלו זונין הגדלין בין התבואה מן דור המבול ואילך נתגדלו ונבראו כך: (מה) זריבתם. כמו לריבתם כלומר הרפתם: (מו) לחלטנית. לחלוטין בהריפתם היה הרפה גמורה מן אש של גיהנם וגו קבלו עונשן ויש להן חלק לעוה"ב: (מז) גם אהבתם. מלמד

---

זייא האבין גיזעהן וויא גאלדענע בלים ווערין גישמאלצין דורך דעם פייער. רבי עקיבא האט גיזאגט אלע האבין געקריגט אויף דעם זילבער און גאלד וואס די יודין האבין גינומען פון מצרים. ווארום דאס האט געבריינגט די יודין צו אלע צרות. ווי דער פסוק זאגט אין ביין זילבער האסטו אביין געמישט אנדערע מאטריאל צו גינארין. נאך זאגט דער פסוק זילבער האב איך זיי גימערט און גאלד. האבין זיי גימאכט עבודה זרות פון גאלד און זילבער. נאך זאגט דער פסוק פון זייער זילבער און פון זייער גאלד האבין זיי גימאכט עבודה זרות. למען יכרת. רבי הונא און רבי ירמיה האבין גיזאגט פון רבי שמואל בר רב יצחקס וועגין עס שטייט ניט למען יכרתו. זיי זאלין פאר שניטען ווערין. די יודין. נאר עס שטייט למען יכרת. ער זאל פאר שניטען ווערין. דער גאלד און דער זילבער. אזוי ווי א מענטש זאגט אז גימעקט זאל ווערין דער נאמען פון יענעם מענטש וואס ער האט געבריינגט מיין זוהן צו אשלעכטע דרציהונג. אזוי זאגט דער נביא פאר שניטען זאל ווערין דער גאלד און דער זילבער וואס ער האט גימאכט זינדיגען דיא יודען: (ח) רבי עזריה האט גיזאגט פון רבי יהודה בר סימונס וועגין אין דער צייט פון מבול האבין אלע גיזינדיגט. אהונט האט מזנה גיוועזן מיט א וואלף. אהאן האט מזנה גיוועזן מיט אפאווע. וויא דער פסוק זאגט כי השחית כל בשר. אלע פלייש (אלע לעבעדיגע זאכען) האבין פאר דארבין. עס שטייט ניט אלע מענטשין האבין פאר דארבין. נאר עס שטייט אלע פלייש האבין פאר דארבין. אלע לעבעדיגע זאכען האבין מזנה גיוועזן. רבי לוליאני בר טברין האט גיזאגט פון רבי יצחקס וועגין דיא ערד האט אויך מזנה גיוועזן. מען האט גיזייט אין דיא ערד ווייץ און זיא האט ארויס גיגעבין זונין (אזעלכע שווארצע קערנער וואס וואקסין צווישען דיא ווייץ). די שווארצע קערנער וואס וואקסין צווישען דיא ווייץ איז דאס פון דער צייט פון מבול: (ט) אמר. רבי יוחנן האט גיזאגט דער משפט פון דור המבול איז גיוועזן צוועלף חדשים. זייא האבין אפ גינומען זייער משפט און וועלין האבין עולם הבא. ווארום רבי יוחנן האט גיזאגט יעדער טראפען וואסער וואס האט גידארפט גיין האט גאט איהר פריער הייס גימאכט אין גיהנם דער נאך איז דאס וואסער גיפאלען אויף דיא ערד. וויא דער פסוק זאגט בעת יזורבו נצמתו. ווען דיא וואסער איז הייס גיווארין זענין דיא מענטשין פארשניטען גיווארין. דיא היץ פון דיא

בע"ז שלהם. כבר אבדו (מט) וחלק אין להם עוד לעולם. על דברת (סס) בכל אשר נעשה תחת השמש. א"ר אבא ב"כ כי נחמתי כי עשיתים ונח מצא חן (נ) אתמהא. אלא אפי נח שנשתייר מהם. לא שהיה כדאי (נא) אלא שמצא חן:

**פרשה כט** (א) ונח מצא חן בעיני ה'. כתיב (איוב כ"ב) ימלט אי נקי ונמלט בבור כפיך. א"ר חנינא (א) אינוניתא אונקיא אחת היתה ביד נח. א"כ (ב) למה נמלט (ג) אלא בבור כפיך. (ד) אתיא כההיא דא"ר אבא ב"כ כי נחמתי כי עשיתים ונח אפילו נח שנשתייר מהן לא היה כדאי. אלא שמצא חן בעיני ה'. שנא' ונח מצא חן בעיני ה': (ב) ר' סימון פתח (ישעיה סה) (ה) כה אמר ה' כאשר ימצא התירוש באשכול ואמר אל תשחיתהו כי ברכה בו. מעשה בחסיד אחד שיצא לכרמו בשבת. וראה עוללה אחת וברך עליה. אמר כדאי היא העוללה הזו שנברך עליה. כך כה אמר ה' כאשר ימצא התירוש באשכול וגו': (ג) א"ר סימון שלש מציאות מצא הקב"ה

## מתנות כהונה

באפי נפשם היא: (מט) וחלק אין להם וכו'. נ"ל בעוה"ז אבל בעוה"ב יש להם כמו ר' יוחנן דעליה קאי: (נ) אתמהא. אם נח מצא חן לפניו בצדקתו אחר שהם איך אמר נחמתי כי עשיתי' על כלם: (נא) אלא שמצא חן. משמע לפנים משורת הדין: (א) אינוניתא. מצאתי בפירש"י מיעוט אין זכות. ור"ל מדה קטנה של זכות אונקיא והוא משקל קטן ש.משקולות: (ב) למה נמלט. ממי המבול: (ג) אלא בבור כפיך. נקיון כפים של הקב"ה שנטה עליו חן וחסד וכדמפרש ואזיל: (ד) אתי' הא. זו שאמר שנח ניצול רק בחסדי הש"י: (ה) כה אמר יי' וכו'. ופסוק

---

וואסער האט זייא פאר שניטען אויף אייביג. זייער ליבשאפט וואס זייא האבין גיהאט צו זייערע עבודה זרות. אונ זייער פיינדשאפט וואס זייא האבין גיהאט צו גאט. אונ זייער דערצערנונג וואס זייא האבין דערצערנט גאט מיט זייערע עבודה זרות. דאס איז אלץ גיווארין פארלארין אונ זייא האבין שוין ניט קיין חלק אויף דער וועלט. דורך דעם וואס עס איז אלץ גימאכט גיווארין אונטער די זוהן. רבי אבא בר כהנא זאגט גאט הט גיזאגט איך האב חרטה וואס איך האב זייא בשאפין אונ נח האט גיפונען חן ביי גאט. אוואונדער. וואס דער פסוק זאגט צו זאמען דיא רשעים מיט נח. נאר אפילו נח וואס ער איז געבליבען לעבין איז אויך ניט ווייל ער איז ווערט גיוועזן. נאר ווייל ער האט גיפונען חן ביי גאט:

**פרשה כט** (א) ונח מצא חן. נח האט גיפונען חן אין דיא אויגען פון גאט. איוב האט גיזאגט ימלט אי נקי. גאט האט גירעטעט אזוי אמענטש וואס איז ניט ריין גיוועזן. דאס איז נח. רבי חנינא זאגט אקליינעם זכות האט נח גיהאט. נאר פאר וואס איז ער גירעטעט גיווארען. דורך דיא ריינע הענט פון גאט. ווייל ער האט גיפונען חן ביי גאט. וויא רבי בר כהנא האט גיזאגט גאט האט גיזאגט איך האב חרטה וואס איך האב זייא גימאכט אונ איך האב חרטה אויף נח אויך. אפילו נח וואס ער איז געבליבען איז ניט ווייל ער איז ווערט גיוועזן נאר ווייל ער האט גיפונען חן אין דיא אויגען פון גאט. וויא דער פסוק זאגט נח האט גיפונען חן אין דיא אויגען פון גאט: (ב) רבי סימון האט אנגיהויבין דרשנין דיא פרשה מיט דעם פסוק. אזוי הט גיזאגט גאט אזוי וויא איינר געפינט וויין אין אצווייגיל טרויבין אונ ער זאגט מען זאל דעם צווייגיל טרויבען ניט פארדארבין ווארום אין אים איז דא אברכה. אזוי האט גאט גיפונען נח אין דעם שלעכטען דור אונ ער הט גיזאגט אים ניט צו פארדארבען ווארום אין אים איז דא אברכה. פון אים וועלין גיבארין ווערין צדיקים. עס הט אמאהל גיטראפין אחסיד איז גיגאנגין אום שבת אין זיין ווייגארטען האט ער גיזעהין אצווייגיל טרויבען האט ער גימאכט אויף איהר אברכה (ניט צום עסין). נאר ער האט גילויבט גאט אויף דיא שיינע פרי וואס ער האט בשאפען. ער האט גיזאגט דאס צווייגיל איז ווערט מען זאל אויף איר מאכען אברכה. אזו האט גאט גיזאגט אזוי ווי איינער געפינט וויין אין אצווייגיל טרויבין אונ ער זאגט מען זאל דעם צווייגיל טרויבין ניט פארדארבין ווארום אין אים איז דא אברכה. אזוי האב איך גיפונען נח: (ג) אמר. רבי סימון זאגט דרייא

הקב"ה. אברהם דכתיב (נחמיה ט) ומצאת את לבבו נאמן לפניך. דוד דכתיב (תהלים פט) מצאתי דוד עבדי. ישראל דכתיב (הושע ט) כענבים במדבר מצאתי ישראל. אתיבון חבריא לר' סימון והא כתיב ונח מצא חן. א"ל הוא מצא הקב"ה לא מצא. והא כתיב (ירמיה לא) מצא חן במדבר. בזכות דור המדבר. ומצאת את לבבו נאמן לפניך: (ד) ר' הונא ור' חנין ור' הושעיה (ו) לא מפרשין. ר' יוחנן ורשב"ל ורבנן מפרשין. ר"י אמר לאחד שהיה מהלך בדרך וראה אחד (ז) ודיבקו. עד היכן עד שקשר עמו אהבה. כך נאמר כאן חן. ונאמר להלן (בראשית לט) (ח) וימצא יוסף חן בעיניו. רשב"ל אמר לאחד שהיה מהלך וראה אחד ודיבקו. עד היכן עד שהשליטו. כך נאמר כאן חן. ונאמר להלן (אסתר ב) ותהי אסתר נשאת חן. רבנן אמרי לאחד שהיה מהלך בדרך וראה אחד ודיבקו. (ט) עד היכן עד שנתן לו את בתו. כך נאמר כאן חן. ונאמר להלן (זכריה ושפכתי

## מתנות כהונה

זה מדבר בנח כמו שפי' שם רש"י בפירוש זה נח שהיה מחוק להשכיל בדור המבול: (ו) לא מפרשין. אין חולקין על דברי ר' סימון האומר שנח לא ניצול בזכות עצמו ור' יוחנן כו' פליגי וכדמפרש ואזיל: (ז) ודיבקו. מדבקו אליו ומתחבר עמו: (ח) וימצא יוסף וכו'. וזה היה חן והכנס כתלוי בחכמתו וכשרון מעשיו וכן היה חנו של נח: (ט) עד

מציאות האט גאט געפונען. אברהם און דוד און יודין. ביי אברהם שטייט דו האסט געפונען זיין הארץ איז בגלויבט פאר דיר. בייא דוד שטייט איך האב געפונען מיין קנעכט דוד. ביי יודין שטייט אזוי וויא טרויבען אין דער מדבר האב איך געפונען דיא יודין. האבין דיא חברים געפרעגט ביי רבי סימון עס שטייט דאך נח האט געפונען חן. האט רבי סימון געענטפערט נח האט געפונען אמציאה אפילו ער איז ניט אזוי פרום געוועזן פון דעסט וועגין האט אים גאט גילאזט לעבין. אבער גאט האט ניט געפונען אמציאה אויף נח וויל ער איז ניט אזוי פרום געוועזן וויא גאט האט געוואלט. האט מען געפרעגט בייא רבי סימון עס שטייט דאך אין פסוק ער האט געפונען חן אין דער מדבר (דיא יודין האבין געפונען חן אין דר מדבר). שטייט דאך אין פסוק די יודין האבין געפונען חן. פון דעסטוועגען זאגין מיר אז דאס געפינען רעכינט זיך אויף גאט אויך. גאט האט געפונען אמציאה אויף דיא יודין. און דיא יודין האבין געפונען אמציאה אויף גאט. אזוי ביי נח וואס עס שטייט נח הט געפונן. איז גלייך וויא עס וואלט געשטאנין גאט האט געפונען זייא האבין ביידע געפונען. ענטפערט רבי סימון וואס מיר זאגין פריער אז גאט האט געפונען אמציאה דיא יודין. מיינט מען דיא יודען וואס זענין געוועזן אין דר מדבר ווען זיי זענען ארויס געגאנגען פון מצרים. זייער זכות איז גרויס געוועזן. און וואס דער פסוק זאגט דא די יודין האבין געפונען חן מיינט מען זיי אליין זענען ניט ווערט געוועזן האט גאט אויף זיי ניט געפונען אמציאה. נאר זיי האבין געפונען חן ביי גאט אין דעם זכות פון די יודין וואס זענען געוועזן אין דער מדבר. און אין דעם זכות פון אברהם וואס ביי אים שטייט דו האסט געפונען אז זיין הארץ איז בגלויבט פאר דיר: (ד) רבי הונא און רבי חנין און רבי הושעיה קריגען ניט אויף רבי סימן. זיי האלטין אויך אז נח איז ניט גירעטעט געווארין דורך זיין זכות. רבי יוחנן און רבי שמעון בן לקיש און די רבנן קריגען יא אויף רבי סימון. זיי האלטין אז נח איז גירעטעט געווארין אין זיין זכות. רבי יוחנן זאגט למשל איינער איז גיגאנגען אין וועג האט ער גיטראפין אמענטש האט ער אים בהעפט צו זיך ביז זיי האבין ביידע ליב בעקומען איינער דעם אנדערין. ביי נח איז אויך אזוי געוועזן. גאט האט זיך בהעפט צו נח און נח האט זיך בהעפט צו גאט ביז ביידע האבין בעקומען ליבשאפט איינער צום אנדערין. ווארום דא שטייט נח מצא חן. און ביי יוסף שטייט וימצא יוסף חן. יוסף האט געפונען חן ביי זיין הערר אז דער הערר האט אים ליב גיהאט. אזוי האט נח געפונען חן ביי גאט אז גאט האט אים ליב גיהאט. רבי שמעון בן לקיש זאגט למשל איינער איז גיגאנגען אין וועג האט ער גיטראפין אמענטש האט ער אים בהעפט צו זיך (מיט ליבשאפט) ביז ער האט אים גימאכט גיוועלטיגען. אזוי האט נח געפונען חן ביי גאט ביז גאט האט אים גימאכט גיוועלטיגען

אויף

יב) ושפכתי על בית דויד ועל יושב ירושלים רוח חן ותחנונים. עד היכן עד שה
יודע להבחין איזו בהמה ניזונת בשתי שעות ביום. ואיזו ניזונת בג׳ שעות בלילה
(ה) א״ר סימון מצינו שהקב״ה עושה חסד (י) עם האחרונים בזכות הראשונים. ומני
שהקב״ה עושה עם הראשונים בזכות האחרונים. שנא׳ ונח מצא חן בעיני ה׳ באי
זכות (יא) בזכות תולדותיו:

# סדר נח

פרשה ל א **אלה** תולדות נח נח איש צדיק תמים. הה״ד (משלי י) כעבור סופה
ואין רשע וצדיק יסוד עולם. כעבור סופה ואין רשע זה דור המבול.
וצדיק יסוד עולם זה נח. (שם יב) הפוך רשעים ואינם ובית צדיקים יעמוד. הפוך
רשעים ואינם זה דור המבול. ובית צדיקים יעמוד זה נח. הה״ד אלה תולדות נח.
ד״א אלה תולדות נח כתיב (שם יד) בית רשעים

## מתנות כהונה

סיכן. כגיע נטיית הגו של נח: (י) עם האחרונים כו׳. שנאמר חכרתי לכם ברית ראשונים וגו׳: (יא) בזכות תולדותיו. סמיכות פרשיות קדריש ונח מצא חן בזכות אלה

אויף דער וועלט. ווארום דא שטייט ונח מצא חן אונ ביי אסתר שטייט ותהי אסתר נושאת
חן. אזוי ווי אסתר האט געפונען חן ביי אחשורוש ביז ער האט זיא גימאכט פאר א מלכה.
אזוי האט נח געפונען חן ביי גאט ביז ער האט אים גימאכט פאר א מלך אויף דער וועלט. די
רבנן זאגין למשל איינער איז גיגאנגען אין וועג האט ער גיטראפין א מענטש האט ער אים
בהעפט צו זיך ביז ער האט אים גיגעבין זיין טאכטער פאר א ווייב. אזוי האט נח געפונען חן
ביי גאט ביז ער האט אים גיגעבין די תורה וואס זיא ווערט גירופין די טאכטער פון גאט.
ווארום דא שטייט נח האט געפונען חן. אונ דארט שטייט איך וועל אויס גיסען אויף די
הויז געזינד פון דוד אונ אויף די איינוואהנער פון ירושלים א גייסט פון חן אונ פון יגיבעט
(דאס מיינט מען איך וועל זיי געבין חכמה אז דורך די חכמה זאלין זיי ביי מיר געפינען חן
אונ אויס בעטין וואס זיי וועלין דארפין) אזוי ווי דארט מיינט מען אחן פון חכמה. אזוי ביי
נח מיינט מען אויך אחן פון חכמה. ביז ווי ווייט איז גיוועזן די חכמה פון נח. ביז ער האט
גיקענט ויסען וועלכע בהמה עסט צווי שעה אויפין טאג. אונ וועלכע בהמה עסט דריי שעה
אין דער נאכט: (ה) אמר. רבי סימון האט גיזאגט מיר געפינען אז גאט טוהט חסד מיט די
לעצטע דורות אין דעם זכות פון די ערשטע דורות. אונ פון וואנען ווייסין מיר אז גאט טוהט
חסד מיט די ערשטע דורות אין דעם זכות פון די לעצטע דורות. ווארום עס שטייט אין
פסוק נח האט געפונען חן אין די אויגין פון גאט אין וועלכין זכות. אין דעם זכות אלה תולדות
נח. פון זיינע קינדער:

# סדר נח

פרשה ל (א) **אלה תולדות נח** דאס זענען די קינדער פון נח. נח איז גוועזן א צדיק.
ווי דער פסוק זאגט אזוי ווי עס גייט דורך א שטורעם
ווינט אזוי געשווינט איז ניטא דער רשע אונ דער צדיק איז דער פונדאמענט פון דער וועלט.
אזוי וויא עס גייט דורך א שטורעם ווינט (אזוי געשווינט) איז ניטא דער רשע. דאס מיינט מען
די מענטשין וואס זענען דער טרונקען גיווארען אין מבול. אונ דער צדיק איז דער פונדאמענט
פון דער וועלט. דאס איז נח. עס שטייט אין פסוק קער אום די רשעים זענען זייא ניטא.
אונ די שטוב פון די צדיקים וועט שטיין. קער אום די רשעים זענען זיי ניטא. דם זענען
די מענטשין וואס זענען דער טרונקען געווארין אין מבול. אונ די שטוב פון די צדיקים. וועט
שטיין דאס איז נח. ווי דער פסוק זאגט דאס זענען די קינדער פון נח. האט נח אויף